STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09012

DAVID HA-MELEKH

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד המלך

היסטאָרישער ראָמאַן פון דער צייט פון די ערשטע אידישע מלכים.

פון

שאָול ספיר

מחבר פון „קאַליף פון קאָרדאָווא", „צווישן רוים און ירושלים", „אברהם'ס אייניקלאַך", א. אז. וו.

צווייטער באַנד

KING DAVID

Historical Romance by Saul Saphire

UNITED PUBLISHING CO.
225 Center Street
New York, N. Y.

אַנדערע ביכער ביי שאול ספיר:

„רמב״ם".
„משה רבנו׳ס נאָכפאָלגער".
„צווישען רוים און ירושלים".
„פערציק יאָהר אין מדבר".
„טאָכטער פון מדבר".
„קאָלאָמבוס דער איד".
„פרינץ פון מצרים".
„שמשון הגבור".
„רות".
„דברה".

Copyright 1930
by
Saul Saphire

בוך צוויי

זיעבעצעהנטער קאַפּיטעל

אוריה'ס פּעררעטה

איינינע טעג האָט זיך דוד אויסבעהאַלטען אין דער מערה פון ערום. ער האָט זיך ערנעהרט פון די פּרוכט פון די דערבייאיגע בוימער, אָבער קיין וואסער האָט ער דאַרטען ניט געקענט קריגען. צו א טייכעל איז געוועזן גאַנץ ווייט. ער האָט מורא געהאַט צו געהן אהין, פיליכט וועט מען איהם דערקענען און אָנזאָגען דעם קעניג. דאָס ביסעל וואסער וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך האָט ער שוין לאַנג אויסגעטרונקען. איהם האָט זיך אָנגעפאַנגען דורשטען. און ער האָט דעריבער גענומען טראַכטען וואוהין ער זאָל ווייטער געהן...

נאָך בית שמש — האָט דוד בעשלאָסען — ער וועט געהן אהין, ער האָט דאָך אַלע איינוואוינער פון בית שמש פון די פלשתים געראַטעט, זיי זיינען דאָך איהם געוויס דאנקבאר און וועלען איהם זיכער ניט פעררעטהען צו שאול'ן...

דוד האָט זיך ווידער געלאָזט וואנדערען. אויף'ן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דעם פּלאַץ פון אבן העזר. דאַרטען האָט ער געפונען נאָך א בריעף פון יונתן, וואו ער ווארענט איהם ווידער ער זאָל זעהר פאַרזיכטיג זיין ווייל דער קעניג האָט פערשפּרייט נעצען אומעטום איהם צו פאנגען. וועגען מיכל'ן שרייבט ער, אז זי איז געזונט אָבער טרויעריג און בעזאָרגט וועגען איהם.

טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין דוד'ס אויגען, ווען ער האָט דורכגעלייענט דיעזען בריעף, ער האָט זיך גענומען דערמאָהנען די גליקליכע געצעהלטע טעג, וואָס ער האָט פערבראַכט מיט מיכל'ן... גערענקט האָט ער דאן, אז זיין גרויסער גליק וועט זיך ציהען לעבענסלאַנג, אָבער יעצט איז ער פאַרוואָגעלט, ווייט, זעהר ווייט פון מיכל'ן... ער איז ארומגערינגעלט פון שאָטען פון טויט... און ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט אזוי דויערען... דאָס לעבען ווערט איהם נמאס, אפשר איז שוין גלייכער פאר איהם ער זאָל זיך אליין איבערגעבען אין שאול'ס הענט און זאָל ער מאַכען א סוף צו זיין פאַרוואָגעלטען וויסטען לעבען. אָבער ניין, ער וועט עס ניט טהאָן צוליבע מיכל'ן! זי ליעבט איהם אזוי שטארק ווי ער איהר... פון איהרטוועגען וועט ער זיין קאמפף ניט אויפגעבען. ביי גאָט איז אַלעס מעגליך: אפשר וועט איהם נאָך דער בעשעפער ווידער אמאָל צונויפברייננען מיט מיכל'ן און בעגייען זייער גליק...

דוד האָט דאַרטען געפונען זיינע אַלטע קליידער און האָט זיך איבערגעטהאָן. ער האָט ארויסגענומען דעם שווערד פון גלית, וואָס ער האָט דאַרטען בעהאַלטען, און איז ארוים פון אונטער דעם שטיין.

די זון האָט געהאַלטען ביים פערגעהן. עס איז גאַנץ טונקעל געוואָרען. דוד איז געבליבען שטעהן אין א פערלעגענהייט; ער האָט זיך ניט געקענט בעשליסען צי זאָל ער גלייך געהן נאָך בית שמש אָדער צו ווארטען ביז מאָרגען גאַנץ פריה. דער וועג איז א קורצער, סך הכל א שטונדע מהלך פון דאַנען, אָבער וואו וועט ער זיך אהינטהאָן ביינאַכט... באַלד איז איהם ארויפגעקומען

אויף'ן זינען דאָס הויז פון אליעם, דעם פאָטער פון בת שבע וועמען ער האָט ניט לאַנג צוריק געדעמעט פון דעם פלשתי'ס הענט... יע, ער וועט געהן אין בית שמש און זיך אויסבעהאַלטען אין אליעם'ס הויז... ער וועט זיי אַלעם דערצעהלען און זיי וועלען איהם זיכער ניט פערראַטהען...

דוד האָט אַנגעגורט אויף זיך גלית'עס שווערד און איז אוועקגעגאַנגען נאָך בית שמש.

ווען ער איז געקומען אין שטאָדט, איז שוין געווען גוט פינסטער... ער האָט אויפגעזוכט אליעם'ס הויז און איז צוגעגאַנגען צום טיר. א ווײַלע איז ער געשטאַנען בעוועגלאָז און זיך איינגעהאָרכט. נאָכהער האָט ער א לייכטען קלאַפּ געטהאָן... די טיר האָט זיך געעפענט און אליעם איז אַרויסגעקומען.

— ווער ביזטו, און וואָס פערלאַנגסטו? — האָט אליעם איהם געפרעגט אין דער פינסטער.

— איך בין דוד, דער זוהן פון ישי, דערקענסטו דען מיך ניט?

— אָה, דוד! — האָט אליעם אויסגערופען מיט פרייד — געבענשט זאָל זיין דיין קומען צו מיין הויז!

— ש...ש...ש... — האָט דוד צוגעלעגט זיין פינגער צום מויל — איך האָב דיר א סוד צו ענטדעקען... געפינט זיך ווער עס איז אין דיין הויז, אחוץ דיין פרוי און טאָכטער?

— יע, אוריה דער חתי, וועלכער איז פאררעכענט אלס בת שבע'ס חתן, געפינט זיך יעצט אין אונזער הויז... אָבער ער איז דאָך יעצט ניט קיין פרעמדער ביי אונז, און איך בין זיכער, אז ער וועט וויסען ווי צו האַלטען דיין סוד פערזיגעלט אין זיין הארצען...

— וועט ער אין דיין הויז פערבלייבען נעכטיגען? — האָט דוד געפרעגט.

— אָה ניין, מיין האר — האָט אליעם געענטפערט — ער וועט באַלד אוועקגעהן, אָבער איך וויים, אז אוריה וועט זיך זעהר גליקליך שעצען, ווען ער וועט דיך דערזעהן... ער האָט זינט דאַן, ווען דו האָסט בית שמש פערלאָזען מיט דיינע גבורים, פון דיר ניט אויפגעהערט צו ריידען...

— דאָך אָבער וואָלט איך ניט וועלען זיך יעצט מיט איהם בעגעגענען — האָט דוד געזאָגט — האָסטו פיליכט ערגעץ וואו א פלאַץ, וואו דו וועסט מיך קענען פאַרבאָרגען ביז וואַנען ער וועט פון דיין הויז אוועקגעהן...

— דערוויל קענסטו אַרונטערגעהן אין קעלער — האָט אליעם געזאָגט — אָבער זאָג דאָך מיר, מיין האר, וואָס האָט אַזוינס פאַסירט, אז דו מוזט זיך פערבאָרגען?

— פיהר מיך אַרונטער אין קעלער — האָט דוד איהם געבעטען — און דאָרטען וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען.

אליעם איז מיט איהם אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער און דוד האָט צו איהם געזאָגט:

— זיי וויסען, אז איך אַנטלויף עס פון דעם קעניג. ער האָט שוין געמאַכט עטליכע פערזוכען מיך צו טויטען, און יעצט זוכט ער מיך איבעראַל אַרום און אויב איהם וועט געלינגען מיך צו געפינען, דאַן האָב איך מיין לעבען פאַרשפּיעלט...

— אבער ווי אזוי קען דער קעניג דיך אזוי בעהאנדלען ? — האט אליעם אויסגערופען מיט פערוואונדערונג — דו האסט דאך דעם כבוד פון אונזער פאלק גערעטעט און פיעלע גבורות אין די מלחמות מיט די פלשתים בעוויזען און אחוץ דעם ביזטו דאך זיין איידעם...

— דער קעניג איז ניט מיט אלעמען, ער איז זעהר מעלאנכאליש און גייסטיג קראנק — האט דוד געזאגט — ער איז אייפערזיכטיג אויף מיר, זינט דאן, ווען איך האב גלית'ן געטויטעט... ער האט פיעלע מענשען ארויסגעשיקט מיך צו זוכען און צו טויטען... דעריבער מוז מיין אנקומען דא, אין דיעזער שטאדט, בלייבען א סוד פאר אלעמען. און איך גלויב, אז אזא גוטער פריינד ווי אוריה דער חתי, דארף דערוויל אויך דערפון ניט וויסען, אם ווענינגסטענס, ניט גלייך... שפעטער, ווען דו וועסט זיך איבערצייגען אין זיין טרייהייט צו מיר, וועסטו איהם קענען דערצעהלען וועגען מיר.

אליעם האט איבערגעלאזען דוד'ן אין קעלער און אליין איז ער צוריק אריין אין הויז...

ווער איז דאס געווען, פאטער ? — האט בת שבע געפרעגט...

אליעם איז געבליבען שטעהן צוטומעלט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

— עפעס האט דאך דא פאסירט, אז דו האסט אזוי לאנג פערזאמט. — האט בת שבע'ס מוטער זיך אפגערופען.

— גארניט וויכטיג — האט אליעם געענטפערט — אונזער שכן האט בעמערקט א רויטע קוה און האט געמיינט, אז זי איז אונזערע, איז ער געקומען פרעגען. אבער איך האב אונזער קוה געפונען אין שטאהל... עס איז געווען א טעות....

ווען אוריה האט פערלאזען דאס הויז, האט זיך אליעם אפגערופען צו זיין פרוי און טאכטער:

יעצט קען איך זאגען, אז מיר האבען א וויכטיגען גאסט אונטער אונזער דאך...

— ווער איז דאס ? ! — האבען די מוטער און טאכטער מיט אמאל אויסגערופען.

— דוד, דער זוהן פון ישי, איז נור וואס אנגעקומען !

— דוד ! — האט בת שבע אויסגערופען — דער, וועלכער האט מיך פון דעם פלשתי גערעטעט ?

— יע, ער האט עס אנגעקלאפט אין טיר... אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז א פרעמדער געפינט זיך ביי אונז אין הויז, האט ער מיך געבעטען איך זאל איהם דערוויל ערגעץ וואו בעהאלטען... ער געפינט זיך יעצט אין קעלער.

בת שבע מיט איהר מוטער האבען אליעם'ן אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך פערשטעה ניט, פאטער, פארוואס דוד דארף זיך בעהאלטען. איז ער ניט דער גרעסטער אידישער העלד פון יעצטיגער צייט ? — האט זיך בת שבע אפגערופען.

— דער קעניג שאול זוכט איהם צו טויטען... פיעלע שפיאנען האט ער

ארויסגעשיקט אין יעדער שטאָדט איהם צו פאנגען... איהר מוזט זעהן פאר קיינעם קיין וואָרט ניט ארויסריידען, אז דוד געפינט זיך ביי אונז... יעצט וועל איך ארונטערגעהן איהם ארויפברייננגען אין הויז. און איהר גרייט עפּעס אָן פאר איהם צו עסען.

אליעם איז ארונטערגעגאנגען אין קעלער און גלייך צוריקגעקומען מיט דוד'ן. בת שבע און איהר מוטער האָבען איהם זעהר ווארים און הערצליך עמפּ־פאנגען. דוד האָט זיי אלעס דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאסירט זינט ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון בית שמש. בת שבע האָט געווישט איהרע אויגען, דערהערענדיג זיינע גרויסע ליידען... זי האָט זיך דערמאָהנט ווי העל־דיש ער האָט איהר געראַטעוועט פון פלישתי'ס טמא'דיגע הענט און נאכהער ארויס־געטריבען אלע פלשתים פון שטאָדט... ווי דאנקבאר זי, איהרע עלטערען און אלע איינוואוינער פון בית שמש זיינען דאָך איהם געווען... און יעצט איז ער פערוואָגעלט. ער דאַרף אנטלויפען פאר זיין לעבען און זיך אויסבעהאלטען פון דעם צאָרן פון דעם קעניג...

בת שבע האָט דוד'ן דערלאנגט עסען און איהם געזאָגט:

— געה, מיין האר, וואַש זיך ארום און בייס עפּעס צו, ווייל דו ביזט זיכער הונגעריג.

דוד האָט איהר געפאָלגט, און זי האָט אנגעוויזען דעם פּלאַץ.

נאָך'ן עסען האָט בת שבע'ס מוטער פאר איהם צורעכט געמאכט א בעט און איהם געהייסען זיך געהן אפּרוהען.

זעהר מיעד און שלעפעריג איז דוד געווען, און ווי נאָר ער האָט זיך אין דער ווייכער בעט אריינגעלייגט, האָט ער באלד געשמאַק איינגעשלאָפען.

אוריה דער חתי איז יעצט געווען דער גליקליכסטער צווישען אלע גבורים וואָס שאול האָט געהאט. זינט ער האָט בת שבע'ן צום ערשטען מאָל דערזעהען, ווען ער האָט איהר געראַטעוועט פון די פלשתים, איז ער בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט... איהם האָט שטארק געצויגען צו איהר... ווען די צייט איז געקומען און אלע גבורים האָבען געזאָלט פארלאָזען בית שמש צוזאמען מיט דוד'ן, האָט אוריה זעהר פיעל געליטען... עס איז איהם זעהר שווער געווען צו פארלאָזען די שטאָדט וואו בת שבע געפינט זיך... זייענדיג איינער פון די גבורים אין שאול'ס ארמעע אונטער דוד'ס פיהרערשאפט, וועט ער נישט זיין פריי צו קומען נאָך בית שמש ווען איהם וועט זיך געלוסטען... און אפילו ווען עס זאָל איהם שוין יא געלינגען ווען עס איז צו קומען, קען עס זיין צו שפּעט... דאריבער איז צו זיין שמחה קיין גרעניץ נישט געווען ווען דוד האָט אין בית שמש איבער־געלאָזען פופציג גבורים און איהם נאָך באשטימט אלס זייער הויפּט (שר חמישים).

יעדען טאָג פלעגט אוריה קומען בעזוכען בת שבע'ן אין איהר פאטער'ס הויז. די ערשטע צייטען איז אוריה זעהר טרויעריג געווען, ווייל בת שבע האָט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידען פון דוד'ן און פון זיינע העלדענ־טהאַטען... זי האָט איהם איינפאך פארגעטערט... אוריה האָט זיך געפיהלט זעהר געקרענקט דערפון. זיין אייפערזוכט אויף דוד'ן האָט אין איהם געברענט... און ער האָט שוין כמעט געהאט אויפגעגעבען זיין האָפנונג צו געווינען בת שבע'ס ליעבע... צו זיין גליק אָבער איז מיט א קורצע צייט שפּעטער אנגעקומען די נייעס

אין בית שמש אז דוד האט געהייראט מיט מיכל'ן... א שווערער שטיין איז פון זיין הארצען אראפ... יעצט איז זיין וועג צו בת שבע'ס הארץ פריי געווארען... ער האט נישט אויפגעהערט צו קומען צו איהר און ריידען וועגען זיין גרויסע ליעבע צו איהר...

אויף בת שבע'ן האט די נייעס פון דוד'ס חתונה מיט מיכל'ן געווירקט זעהר שלעכט... זי איז זעהר אומעטיג און טרויעריג געווארען... זי האט אזא שעהנעם טרוים פון דעם העלדישען דוד'ן געוועבט... זי האט איהם אימער געזעהן אין איהר פאנטאזיע... ווי גליקליך זי וואלט געווען ווען זי זאל קענען איהם נאך אמאל זעהן... זי וואלט די שטויב אונטער זיינע טריט געקושט... פיעלע טעג האט זי אין איהר הארצען געטרויערט וואס דער שעהנער געוועב פון איהרע חלומות איז אזוי שנעל צוריסען געווארען...

אוריה האט פארשטאנען וואס עס טהוט זיך אין בת שבע'ס הארץ... איהר קאלטקייט צו איהם, האט איהם זעהר געערגערט, האט איהם פיעל יסורים פערשאפט, ער האט אבער געדולדיג געווארט ביז די צייט וועט אריבער, און בת שבע וועט ביסלעכווייז נעהמען פארגעסען אן דוד'ן...

בת שבע האט אוריה'ן ניט ליעב געהאט, הגם זי איז איהם דאנקבאר געווען פאר זיין העלפען דוד'ן צו רעטען איהר פון דעם פלשתי... זי האט נישט געגליכען זיין פלאטשיגען נאז און דיקע ליפען... און מעהר פון אלעם איז ער איהר נישט געווען צום הארצען צוליעב זיין חתי'שער אפשטאמונג... כאטש זיין מוטער איז געווען א אידישע און ער אליין איז געבארען געווארען אין ארץ ישראל צווישען אידען . . .

אויב אוריה האט קיין סך מעלות נישט געהאט וואס זאלען צו איהם צוציהען די שעהנע בת שבע, האט ער אבער געהאט א פאר אויסערגעוויינליכע אויגען וועלכע האבען געברענט מיטליידענשאפט און ליעבע... און עפעס האט זי אין זיינע אויגען געזעהן וואס האט ביסלעכווייז איהר הארץ געוואונען, זיינע פייערדיגע בליקען האבען איהר נשמה דורכגעדרונגען... און איינמאל, נאך פיעלע נישט געלונגענע פארזוכען פון אוריה'ן צו געווינען בת שבע'ס האנד, האט זי פלוצלינג איינגעשטימט זיין פרוי צו ווערען.

צי דאס איז געווען צוליעב דעם וואס איהרע חלומות וועגען דוד'ן זיינען צורונען געווארען, נאכדעם ווי דוד האט געהייראט מיכל'ן... אדער צי זי האט טאקע אוריה'ן אנגעפאנגען ליעב צו האבען, וועגען דעם האט אוריה גאר נישט געוואלט טראכטען. ער האט זיך העכסט גליקליך געפיהלט דאס בת שבע וועט געהערען צו איהם... אלע זיינע חברים און בעקאנטע האבען איהם שטארק מקנא געווען דאס ער האט געקראגען די שעהנסטע מיידעל פון בית שמש.

בת שבע איז פאר'קנס'ט געווארען צו אוריה'ן און איהר פאטער האט בעשטימט די חתונה אין צעהן חדשים שפעטער.

אוריה פלעגט יעדען טאג קומען און פארברייגען מיט בת שבע'ן, אפזיצען שטונדען לאנג און פלאנעווען צוזאמען זייער צוקונפט...

ווען בת שבע האט יעצט ווידער דערזעהן דוד'ן, האבען אין איהר אויפגעוואכט איהרע חלומות. די ליעבע צו איהם האט זיך אין איהר אויף דאס ניי צופלאקערט... דוד געפינט זיך יעצט אין איהר הויז, בעהאלטענערהייד... אה, ווי גליקליך זי פיהלט זיך... ווען אוריה זאל נאר נישט קומען... זי ווייס אבער אז דאס

איז אונמעגליך; ער קומט יעדען טאג... וואס זאל זי טהאן? זאל זי איהם דערצעהלען וועגען דוד'ן און איהם בעטען האלטען עס בסוד, אדער ניט? ער וועט דאך אבער פריהער אדער שפעטער אויסגעפינען...

זי האט זיך בעראטהען מיט איהרע עלטערען ווי אזוי צו האנדלען...

— געוויס מיין טאכטער, דארף מען איהם דערצעהלען, — האט אליעם זיך אפגערופען, — ער איז דאך דיר שוין נישט קיין פרעמדער, און אז מיר וועלען איהם בעטען קיינעם וועגען דעם נישט צו דערצעהלען, וועט ער עס געוויס טהאן.

— און איך גלויב אז פריהער זאלען מיר זיך בעראטהען מיט דוד'ן, און אויב ער האט געגוג צוטרויען צו אוריה'ן וועט מען איהם דעם סוד ענטדעקען. טאמער נישט, איז טאקע גלייכער אז אפילו אוריה זאל דערפון נישט וויסען — האט איהר מוטער זיך אפגערופען.

— אבער ווי וועט זיין אז טאמער קומט ער אן פלוצלינג און געפינט דוד'ן אין אונזער הויז? — האט אליעם געזאגט.

— איך וועל שוין זעהן אז ער זאל בלויז קומען צו א בעשטימטע צייט, — האט בת שבע געזאגט, — און דאן וועט דוד זיין אין זיין שלאף־צימער, אבער איך גלויב, אז די מוטער איז גערעכט. מיר וועלען הערען וואס דוד האט צו זאגען וועגען דעם.

ווען דוד האט זיך פון זיין שלאף אויפגעכאפט איז שוין געווען אין מיטען טאג... ער האט נאך די גאנצע צייט פון זיין וואנדערען אזוי געשמאק נישט געשלאפען ווי דא, אין אליעם'ס הויז. די פריהערדיגע נעכט ווען ער האט זיך בעהאלטען אין די הייהלען אדער אין די שפאלטען פון פעלזען־שטיינער, האט ער זיין אויג נישט געקענט צומאכען... אבער דא אין הויז האט ער זיך זיכער געפיהלט און זיין שלאף איז געווען גאנץ געשמאק און רוהיג.

ער האט זיך שנעל אנגעטהאן און איז אריין אין צווייטען צימער וואו בת שבע און איהרע עלטערען זיינען געווען.

זיי האבען איהם הערצליך באגריסט און בת שבע האט גלייך געגרייט פאר איהם צום טיש.

דערזעהענדיג די שעהנע בת שבע האט זיך דוד'ס פנים בעצויגען מיט א כמארע... אויף זיינע געדאנקען איז ארויפגעקומען זיין פרוי, די וואונדער־שעהנע מיכל, זי איז יעצט ווייט פון איהם... ווער ווייס ווי זי פיהלט זיך יעצט דארטען, אין גבעה... טרעהרען האבען זיך באוויזען אין דוד'ס אויגען... בת שבע האט די טרעהרען באמערקט און איהר הארץ איז פול געווארען מיט מיטלייד צו דעם אונגליקליכען פארוואגעלטען דוד'ן... זי האט שנעל פארלאזען איהם, און איז אריין צו זיך אין צימער און אפגעווישט איהרע טרעהרען.

נאך דעם ווי דוד האט אפגעגעסען, האט זיך אליעם צו איהם אפגערופען:

— דו ווייסט דאך, מיין הארר, וואס פאר א טהייערער און חשוב'ער גאסט דו ביזט ביי אונז, און דאריבער וואלטען מיר זיך וועלען בעראטהען מיט דיר ווי אזוי צו האנדלען מיט אוריה'ן, דעם חתן פון מיין טאכטער... ער קומט אין מיין הויז יעדען טאג... קען דאך זיין, אז ער וועט אמאל אנקומען אומגעריכטערהייד און דיך דא טרעפען, איז דען פיעלייכט נישט גלייכער אז מיר זאלען איהם אנפערטרויען דעם גאנצען סוד?

— איך האָב צוטרויען אין אוריה'ן, — האָט דוד געזאָגט, — און איך גלויב, אַז ער וועט וויסען ווי צו האַלטען מיין סוד פערבאָרגען ביי זיך אין האַרצען... ער איז אַן עהרליכער און בראַווער יונג... יאָ, דו ביזט גערעכט מיין האַר, עס איז גלייכער אַז ער זאָל גלייך וויסען וועגען מיין קומען דאָ... איך גלויב, אַז ער וועט נאָך קענען עפּעס טהאָן פאַר מיר.

דעם זעלבען אָבענד ווען אוריה איז געקומען בעזוכען בת שבע'ן, איז ער איבעראַשט געוואָרען צו געפינען דאָרטען דוד'ן.

דאָס בלוט איז איהם פאַרגליווערט געוואָרען... דוד! ווי קומט ער יעצט דאָ, אין בת שבע'ס הויז? ! זאָל עס זיין אַז ער איז געקומען אַוועקרויבען בת שבע'ן פון איהם?...

באַלד אָבער האָט איהם דוד דערצעהלט זיין גאַנצע לאַגע און אוריה האָט זיך בארוהיגט.

— זיי וויסען, מיין פריינד, — האָט דוד פאַרענדיגט, — אַז אויב דו וועסט נישט זעהר פאַרזיכטיג זיין און זיך פאַר וועמען עס איז אַרויסריידען, אַז איך געפין זיך דאָ אין בית שמש, וועט זיך דער קעניג גלייך דערפון דערוויסען, ווייל ער האָט שפּיאָנען איבעראַל... און ער וועט מיך זיכער טויטען.

— דאָס לעבען פון מיין האַר איז מיר זעהר טהייער, — האָט זיך אוריה אָפּגערופען, — און דאַריבער וועט דיין סוד זיין פאַרזיגעלט אין מיין האַרצען.

* * *

דורך דער קורצער צייט וואָס דוד האָט זיך געפונען אין אליעם'ס הויז, האָט אוריה באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין בת שבע'ן... זי האָט געזוכט אויסצומיידען זיין געזעלשאַפט, און ווען איהם איז געלונגען צו בלייבען אַליין מיט איהר, איז זי צו איהם גאַנץ גלייכגילטיג געווען...

— בת שבע! זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס האָסטו זיך פּלוצלינג אַזוי געענדערט, — האָט אוריה איהר גענומען מאַכען פאַרוואָרפע — פאַרוואָס באַנעהמסטו זיך צו מיר מיט אַזאַ פרעמדקייט און קאַלטקייט... בין איך דען נישט דיין חתן... האָט דען נישט דיין פאָטער בעשטימט אונזער חתונה אין עטליכע מאָנאַטען אַרום!... און דו, האָסטו דען נישט אַליין איינגעשטימט צו ווערען מיין פרוי?!...

בת שבע האָט איהם גאָרנישט געענטפערט... אין איהר האַרץ איז אַ שטורעם געווען... קען זי דען פאַר איהם עפענען דאָס האַרץ... וועט ער איהר דען פאַרשטעהן...

אוריה האָט אויף איהר אַנגעשטעלט זיינע אויגען און זיינע פייערדיגע בליקען האָבען איהר ווי מיט שפּיזען געשטאָכען...

— בת שבע, זאָג מיר, האָסטו דען מיר מעהר נישט ליעב?!

אַ שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. בת שבע איז געשטאַנען נעבען אוריה'ן אַ באַוועגלאָזע... איהרע אויגען האָבען געשווינדעלט. דאָס האַרץ האָט איהר פאַרקוועטשט... און פּלוצים האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

אוריה האָט איהר פּרובירט בארוהיגען. ער האָט איהר געבעטען זי זאָל זיך געהן אָפּרוהען, און זיך געשוואָרען אַז ער וועט איהר מעהר נישט באַלעסטיגען מיט זיינע פראַגען.

בת שבע איז אריין אין איהר צימער, און אוריה איז געבליבען אליין מיט זיינע געדאנקען... זיין אייפערזוכט האט זיך אין איהם צופלאקערט, און אין זיין הארצען האט געברויזט און געשטורעמט... יא, ער איז זיכער אז דוד איז שולדיג אין בת שבע'ס ענדערונג... ער האט גענומען האסען דוד'ן, און זיין שנאה צו איהם איז שטארקער געווארען פון טאג צו טאג... אה, ווען ער זאל נאר קענען מאכען אז דוד זאל פארלאזען בית שמש... אבער ער וועט דאך איהם נישט פער־ראטהען... איז דען דוד צו איהם נישט געווען גנעדיג? ער האט דאך איהם איבערגעלאזען אין בית שמש, און דערצו האט ער איהם געמאכט פאר א שר המישים... ווען נישט זיין הויכען אמט וואלט ער דאך בת שבע'ס הארץ קיינמאל נישט געוואונען... אבער וואס האט ער דערפון יעצט?... ער פארלירט אלעס, זיין גליק, בת שבע'ס ליעבע, צוליעב דוד'ן...

דוד איז אריינגעקומען אין צימער און איבערגעשלאגען זיינע געדאנקען.

אוריה האט א ציטער געטהאן ווען ער האט דערזעהן דוד'ן. באלד אבער האט ער זיך געשטארקט און איהם באגריסט מיט א שמייבעל:

— קען איך דיר מיט עפעס דיענען, מיין הער?

— יא, איך וויל טאקע דו זאלסט מיר א טובה טהאן, — האט זיך דוד אפגערופען.

— קיין זאך וועט מיר נישט זיין צו שווער צו טהאן פאר מיין הער, — האט אוריה געענטפערט, — דו האסט מיט מיר אזוי פיעל גוטעס געטהאן... דו האסט געגרויסט דיין גנאדע צו מיר און מיך געלאזען בלייבען אין בית שמש און דערצו נאך האסטו מיך געמאכט פאר דעם שר פון די פופציג גבורים... און בלויז א דאנק דיר האב איך געהאט די מעגליכקייט צו געווינען די ליעבע פון דער שעהנער בת שבע...

— יא, זי איז ווירקליך וואונדער־שעהן, — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל, — און דו פערדינסט גראטולירט צו ווערען פאר דיין אויסוואהל...

—און די פרינצעסין מיכל, וועלכע מיין הער האט פאר זיין פרוי געקראגען איז דאך אויך וואונדער־שעהן! — האט אוריה געזאגט...

— יא, זי איז די שעהנסטע פון אלע טעכטער אין ארץ ישראל, אבער וואס האב איך דערפון, אז איך בין ווייט פון איהר... מיין גליק האט נישט לאנג אנגעהאלטען... איך בין פארוואגעלט פון מיין היים... נע ונד בין איך אין דער פרעמד, געיאגט און געפלאגט ביי דעם קעניג... דער טויט איז מיר אימער פאר די אויגען... איך וויים אפילו נישט וואס מיכל מאכט... און זי ווייסט נישט וואס מיט מיר קומט פאר, וואו איך געפין זיך... ווער ווייס צי זי גלויבט נישט אז איך בין טויט... יא, יא, מיין פריינד, איך בין יעצט אומגליקליך, זעהר אומגלקליך... דו קענסט פאררעכענט ווערען צו זיין גליקליך, אבער נישט איך.

אוריה האט ארונטערגעלאזען זיינע אויגען און האט ביי זיך געטראכט: איך בין געווען גליקליך ביז וואנען דו ביזט אהער געקומען, און יעצט רויבסטו פון מיר מיין גליק...

— איין געטרייער און איבערגעגעבענער פריינד איז מיר פארבליבען — האט דוד פארטגעזעצט, — און דאס איז יונתן, שאול'ס זוהן... דורך איהם, האף איך, וועט מיר געלינגען זיך אויסצוהיטען פון דעם קעניג... יעצט, אוריה,

ווייל איך דיר אנפערטרויען א געהיימע שליחות. וועסטו עס וועלען פאר מיר טהאן?

— איך בין דיין קנעכט! — האט איהם אוריה געענטפערט, — איך בין גרייט צו טהאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען.

— דיר איז דאך געוויס בעקאנט דער פלאץ פון "אבן העזר", — האט דוד צו איהם געזאגט, — דארטען צו לינקס איז פאראן א גרויסער לאך, און דארטען האב איך זיך שוין אייניגע מאל פארבארגען. יונתן האט מיט מיר אפ־געמאכט אז ער וועט פאר מיר פון צייט צו צייט דארטען איבערלאזען א בריעף, וואו ער וועט מיר לאזען וויסען וועגען מיכל'ן און וועגען שאול'ס ווייטערע פלענער וועגען מיר. געה אריבער אהין פיעלייכט וועסטו דארטען געפינען א בריף פאר מיר פון יונתן... אבער זיי זעהר פארזיכטיג, קיינער זאל דיר דארטען נישט טרעפען... איך האב מורא יעצט צו געהן אליין אהין, פיעלייכט וועט מיך אימיצער דערקענען...

— איך געה! — האט אוריה געזאגט, — און זיי רוהיג, איך וועל שוין זעהר פארזיכטיג זיין.

* * *

פיעלע טעג האט שאול געווארט אויף א בעריכט פון זיינע געטרייע דיענער וועמען ער האט צושפרייט איבער'ן לאנד צו פאנגען דוד'ן, אדער אם ווייניגסטען אויסגעפינען וואו ער בעהאלט זיך. אבער ער האט פון זיי גאר נישט געהערט... ער איז געווארען מעהר נערוועז און אומרוהיג. איהם האט זיך גענומען דוכטען, אז זיינע בעסטע פריינד קעהרען זיך אפ פון איהם, און האלטען מיט דוד'ן... זיין הארץ האט איהם נאך מעהר אנגעהויבען צו שרעקען... ער האט זיך גענומען פארשטעלען אז זיינע קנעכט האבען געמאכט א בונד מיט דוד'ן און זיי זוכען איהם אומצוברייננגען... ער האט גענומען ציטערען פאר זיין אייגענעם שאטען, און האט אלעמען אנגעפאנגען חושד צו זיין אין פערראטה.

איינמאל ווען ער איז געזעסען אין זיין גארטען אונטער דעם שאטען פון א בוים, האט ער צונויפגערופען אלע זיינע דיענער און בעאמטע, און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— הערט זיך איין, איהר אלע פון מיין שבט בנימין! ווי עס ווייזט אויס, האב איך פאר אייך זעהר ווניציג געטהאן... פון דוד'ן האט איהר א סך מעהר צו ערווארטען... דוד וועט אייך אלעמען געבען פעלדער, וויינגערטנער, הייזער און בהמות... דוד וועט אייך געוויס אויך מאכען פאר הארען, פאר בעאמטע... ער וועט געוויס יעדען פון אייך זוכען צו דערהויבען העכער פון די וועלכע געהערען צו זיין אייגענעם שבט, יהודה!... יא, אזוי ווייזט אויס, גלויבט איהר אלע, ווייל איהר האט זיך אלע צוזאמענגערעדט, אזוי ווי איהר וואלט איין בונד געמאכט געגען מיר... קיינעם פון אייך קימערט נישט פאר מיר, פאר מיין געזונד־צושטאנד... אפילו מיין אייגענער זוהן איז מעהר איבערגעבען צו דעם זוהן פון ישי'ן ווי צו מיר... איהם קימערט אויך נישט וואס דוד זוכט מיך צו בעפאלען און צו רויבען מיין לעבען און מיין קעניגרייך... און ווי איך זעה, גלויבט איהר, אז פאר אייך וואלט אויך געווען א סך בעסער ווען דוד וועט מיך טויטען, ווייל קיינער פון אייך וויל מיר נישט אויסזאגען וואו מיין גרעסטער שונא געפינט זיך..

צווישען שאול'ס דיענער איז אויך געווען דואג, דער אדומי, וועלכער האט

זיך געהאט נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון דער שטאָדט נב. ער איז געווען זעהר ענטטוישט וואָס איהם איז נישט געלונגען צו כאַפּען דוד'ן און ברייגגען פאַר דעם קעניג... ער האָט זיך אויך געשעהמט צו זאָגען אז ער האָט מורא געהאט צו וואָרנען די כהנים פון נב, דאָס דוד אנטלויפט פון קעניג. ער האָט דאריבער בעשלאָסען צו מאכען א בלבול אויף אלע כהנים פון נב.

— מיין האר קעניג, — האָט זיך דואג פארנייגט פאר שאול'ן, — איך קום נאָר וואָס פון דער שטאָדט נב... דאָרטען האָב איך געזעהן דוד'ן.

דו האָסט דאָרטען געזעהן דוד'ן!! — איז שאול אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, — פארוואָס האָסטו מיר דען גלייך נישט מודיע געווען וועגען דעם?!

— ווען דוד וואָלט נישט געהאט הינטער זיך אלע כהנים פון נב, — וואָלט ער זיך שוין פון מיינע הענד נישט ארויסגעדרעהט... אָבער אזוי ווי דער כהן גדול, אחימלך, און די איבריגע כהנים האָבען איהם בעשיצט, בין איך גע־בליבען מאכטלאָז, און ווען איך האָב געוואָלט שיקען אָנזאָגען דעם קעניג וועגען דעם, איז שוין געווען צו שפּעט. אחימלך האָט איהם געגעבען וואפען און דוד איז אנטרונען געוואָרען...

— אה, די בעטריגער, די פּעררעטהער! — האָט שאול אויסגערופען, — דערצעהל מיר, דואג, ווי אזוי האָבען די כהנים דוד'ן געהאָלפען.

— ווען איך בין אָנגעקומען אין נב, — האָט דואג אָנגעפאנגען דערצעה־לען, — האָב איך מיטגעבראכט עטליכע שעפּסען, און איך האָב געזאָגט די כהנים, אז דער האר קעניג האָט מיך געשיקט מקריב צו זיין די שעפּסען אויף דעם מזבח פאר גאָט. דערווייל האָב איך גענומען אויספאָרשען צי דוד געפינט זיך אין נב... איינמאָל ווען איך בין געווען אין "אהל מועד", האָב איך דערהערט דוד'ס שטימע... איך האָב זיך בעהאַלטען הינטער'ן פאָרהאַנג קיינער זאָל מיך נישט באמערקען... איך האָב געזעהן דעם כהן גדול אחימלך און נאָך איינינע כהנים רינגלען ארום דעם זוהן פון ישי'ן... איך האָב איינגעבויגען מיין אויער און זיך גוט צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. דוד האָט זיי דערצעהלט אז ער אנט־לויפט פון דעם קעניג און ער וויל זיי זאָלען איהם העלפען זיך אויסבעהאַלטען. אחימלך האָט איהם געזאָגט, אז צו בעהאַלטען זיך אין נב איז זעהר געפעהרליך, ווייל דעם קעניג'ס דיענער קומען דאָ זעהר אָפט צו מקריב זיין קרבנות, און ווען זיי וועלען זיך דערוויסען, וועלען זיי גלייך מודיע זיין דעם קעניג וועגען דעם. דאריבער איז זיין עצה, — האָט ער איהם געזאָגט, — מיטנעהמען מיט זיך גלית הפלשתי'ס שווערד און שפּייז אויפ'ן וועג און זאָל אנטלויפען, און זיך אויסבעהאַלטען אין א זיכערען פּלאַץ... איך האָב געזעהן ווי אחימלך האָט אראָפּגענומען גלית'ס שווערד פון וואַנט און דעם לחם הפנים פון שלחן און זיי איבערגעגעבען צו דוד'ן... און ער איז אנטלאָפען... איך האָב זיך גלייך גענומען נאָכיאָגען נאָך איהם, אָבער די כהנים האָבען מיך פערהאַלטען און מיר אָנגע־זאָגט, דאָס אויב איך וועל דוד'ן אָנריהרען וועלען זיי מיך טויטען!..

— דעם טויט האָבען זיי אלע פערדיענט!! — האָט שאול אויסגעשריען, — זאָל מען אחימלך'ן מיט אלע כהנים פון נב גלייך ברייגגען צו מיר.. טקמה וועל איך פון זיי אָלעמען נעהמען... די פּעררעטהער, מיינע שונאים!... דורך מיין שווערד וועלען אלע געטויטעט ווערען.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט ארום... א פחד איז אויף אלעמען אנגעפאלען... קיינער האט זיך נישט געריהרט פון ארט...

— פאר וואס שטעהט איהר דא! — האט שאול אויסגעשריען, — שיקט גלייך אן ארמעע נאך נב און זאל מען מיר גלייך ברייגגען אלע כהנים פון דארטען. אבנר, אייל זיך און שיק אהין דיינע סאלדאטען, פיעלייכט וועלען אויך מיינע איבריגע שונאים פון דארטען אנטלויפען.

אבנר האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און איז שנעל אוועקגעגאנגען צו דעם שר האלף און איהם באפוילען צו ברייגגען אלע כהנים פון דער שטאדט נב.

מיט א שטונדע שפעטער זיינען טויזענד סאלדאטען פון דעם קעניג אנגעקומען אין נב. דער שר האלף האט עטליכע גבורים אוועקגעשטעלט נעבען די טויערען פון שטאדט און זיי אנגעזאגט קיינעם נים ארויסצולאזען פון נב.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין הויף, וואו דער אהל מועד איז געשטאנען, האבען זיי דארטען געטראפען אחימלך'ן דעם כהן גדול און נאך פינף און אכציג כהנים. דער שר האלף איז צוגעגאנגען צו אחימלך'ן און זיך אפגערופען:

— דו און די איבעריגע כהנים פו נב זיינען אין נאמען פון אונזער קעניג אויפגעפאדערט גלייך צו ערשיינען בעפאר איהם.

— וואס איז געשעהן?! — האט אחימלך געפרעגט דערשראקען.

— דאס וועט איהר אלע אויסגעפינען פון קעניג... איך בין בלויז געקומען אהער דורכצופיהרען דעם קעניג'ס בעפעהל.

— גיב אונז אביסעל צייט, מיר וועלען זיך איבערטהאן און זיך צוגרייטען צום וועג — האט אחימלך געבעטען דעם שר האלף.

— דעם קעניג'ס פארזאג איז דרינגענד און איך קען קיין רגע נים פארלירען — האט דער הויפט געענטפערט — איהר מוזט גלייך מיט אונז מיטגעהן!

אנגעטהאן אין זייערע "בגדי כהנה" זיינען אלע כהנים פארגעבראכט געווארען פאר שאול'ן, וועלכער האט מיט גרוים אויפרעגונג און אומגעדולד געווארט צו נעהמען ראכע פון זיינע "שונאים".

— זאג מיר נאר, דו זוהן פון אחיטוב! — האט זיך שאול אפגערופען צו אחימלך'ן — וואס פאר א שלעכטעס האב איך דיר און די איבעריגע כהנים געטהאן, אז דו האסט צוזאמען מיט מיין גרעסטען שונא געמאכט א בונד געגען מיר...

— מיין האר קעניג! — האט אחימלך צושראקען געזאגט — דא האט געמוזט פארקומען א גרויסער טעות. ווי קום איך און די כהנים אונטריי צו זיין אונזער גנעדיגען קעניג!

— איז דוד, דער זוהן פון ישי, געקומען צו דיר אין נב? — האט שאול מיט כעס א פרעג געטהאן.

— יע, מיין האר, דוד איז געווען ביי מיר. ער איז אריין צו מיר אין אהל מועד — האט אחימלך געענטפערט.

— און דו האסט איהם אפגעגעבען דעם לחם הפנים און גלית'עס שווערד?

— האט זיך שאול אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און זיין גאנצער קערפער האט געציטערט פון אויפרעגונג און כעס.

— מיין האר קעניג! — האט אחימלך זיך אפגערופען — ווער איז נאך

צווישען אלע דיינע דיענער אזוי חשוב און טייער ביי דיר ווי דוד, דיין איידעם... איך בין געוועז העכסט גליקליך צו קענען עפעס טהאן פאר דוד'ן!

— האסטו דען ניט געוואוסט, אז דוד איז מיין גרעסטער שונא, און דאס ער אנטלויפט פון מיר? ! — האט שאול געשטורעמט.

— ניין, מיין האר קעניג, איך האב פון קיין זאך ניט געוואוסט. איך האב געמיינט, אז ער איז געקומען אין די שליחות פון קעניג און דעריבער האב איך איהם געגעבען דעם שווערד פון גלית'ן און דעם לחם הפנים אלס שפייז פאר'ן וועג.

— ער איז א ליגנער! — איז דואג אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ — איך האב אליין געהערט, ווי ער האט דוד'ן געראטהען וואוהין צו אנטלויפען פון דעם קעניג.

— דו ביזט א פעררעטהער און א ליגנער! — האט שאול אויסגעשריען — דו האסט פערדיענט דעם טויט, אחימלך! דו און אלע כהנים, איהר האט אלע בוגד געווען אין אייער קעניג!..

— אה, מיין האר קעניג, מיר זיינען ריין פון זינד, מיר זיינען אונשולדיג!

— טויטעט זיי מיט אייערע שווערדען! — האט שאול בעפוילען זיינע גבורים — קיינער פון זיי זאל פון דאנען קיין לעבעדיגער ארויס, ווייל זיי זיינען יד אחת מיט דוד'ן!

די סאלדאטען זיינען געבליבען שטעהן בעוועגלאז, האלטענדיג זייערע שווערדען שטייף אין זייערע הענד און האבען מורא געהאט א ריהר זיך צו טהאן...

— דואג! — האט זיך שאול אפגערופען — דו ביזט געווען דער איינציגער, וועלכער האט מיר געטריי געדיענט ביז יעצט, נעהם דיין שווערד און טויט אפ די אלע שונאים, וועלכע שטעהען דא בעפאר מיר.

— מיר שטארבען אומשולדיגע! — האט אחימלך אויסגערופען און אויפגעהויבען די הענט צום הימעל, און געזונגען א תפלה צו גאט... די איבעריגע כהנים האבען איהם נאכגעטהאן און האבען מתפלל געווען צו גאט...

— דיין בלוט אויף דיין קאפ! — האט דואג אויסגערופען און מיט זיין שווערד האט ער א זעץ געטהאן אחימלך'ן איבער'ן האלדז...

דער כהן גדול פון נב איז אנידערגעפאלען צום בארען א צובלוטיגטער. ווען אביתר, אחימלך'ס זוהן, האט דערזעהן, אז דואג האט געטויטעט זיין פאטער, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און איז צוגעלאפען צו דואג'ען און איהם ארייגעלאזען אזא זעץ מיט זיין פויסט אין פנים, אז דואג איז אויך אומגעפאלען א צובלוטיגטער צום-בארען... עס איז געווארען א טומעל... דואג האט געקרעכצט און געשריען פון וועהטאג... איינינע סאלדאטען האבען איהם אויפגעהויבען פון בארען...

אביתר האט דורכגעבראכען די שורות פון דעם חיל, וואס האבען ארומגערינגעלט אלע כהנים און ער איז אנטלאפען געווארען.

א היבשע ווייל איז דואג געשטאנען מיט א צובלוטיגטען פנים און צוקאלטשעטען נאז, און זיך געקארטשעט און געדרעהט אין דרייען פון יסורים.. נאכהער, ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער זיך אפגערופען צו שאול'ן, דאס

ער איז יעצט ווידער גרייט אויסצופאלגען דעם קעניג'ס בעפעהל.

שאול האט צו איהם א וואונק געטהאן און דואג האט נאך מיט מעהר ביטערקייט זיך גענומען צו די הילפלאזע כהנים און זיי אלעמען געטויטעט...

— אזוי וועל איך טהאן צו אלע מיינע שונאים! — האט שאול אויסגערופען, ווען די פינף און אכציג כהנים זיינען געלעגען טויטע פאר זיינע אויגען.

— נקמה וועל איך פון זיי נעהמען!

אוריה איז אוועק צו דעם "אבן העזר" און נאכדעם ווי ער האט א היבשע ווײלע דארטען געזוכט, האט ער געפונען יונתן'ס בריעף. ער האט איהם פונאנדערגעוויקעלט און ער האט דורכגעלייענט פאלגענדעס:

"מיין טייערסטער פריינד דוד!

"זעהר טרויעריגע נייעס קום איך דיר יעצט דערצעהלען. דואג דער אדומי איז גראדע געוועזען אין דער שטאדט נב, ווען דער כהן גדול האט דיר איבערגעגעבען גלית'ס שווערד און שפייז. ער האט דאריבער געמאכט א בלבול אויף אלע כהנים, אז זיי זיינען געווען יד אחת מיט דיר. זיי האבען דיך בעשיצט און געהאלפען אנטלויפען פון דארטען. מיין פאטער האט געשיקט רופען אלע כהנים פון נב און אין א רגע, ווען דער בייזער גייסט איז אויף איהם אנגעקומען, האט ער בעפוילען צו טויטען אלע כהנים פון נב. דואג דער אדומי האט זיין בעפעהל גלייך אויסגעפיהרט און האט אליין מיט זיין שווערד אויסגעשלאכטעט פינף און אכציג כהנים צוזאמען מיט דעם כהן גדול אחימלך. בלויז אחימלך'ס זוהן אביתר'ן איז געלונגען צו אנטלויפען.

"יא, מיין ליעבער דוד, די לאגע ווערט טרויעריגער און שרעקליכער פון טאג צו טאג. ניט נאר זוכט מיין פאטער דיך צו בעשטראפען, אבער אויך די יעניגע, וועלכע גיבען דיר שפייז און שוץ...

"זעה צו זיין זעהר פארזיכטיג, ענטדעק צו קיינעם ניט דעם פלאץ, וואו דו האלטסט זיך אויף און לאמיר האפען צו גאט, אז מיין פאטער וועט נאך געזונד ווערען און זיך ארומזעהן ווי שטארק ער זינדיגט געגען דיר און געגען אונזער פאלק.

דיין ברודער יונתן".

אוריה האט צונויפגעוויקעלט דעם בריעף און איז געבליבען שטעהן א ווײלע אויף זיין פלאץ, פערטיעפט אין געדאנקען... ווען דער קעניג זאל זיך דערוויסען, אז דוד געפינט זיך אין בת שבע'ס הויז, און אז זי און איהרע עלטערן בעהאלטען איהם און גיבען איהם שפייז און שוץ, וועט ער דאך געוויס אויסראטען די גאנצע פאמיליע און אויך בת שבע'ן... ניין, דוד טאר דארט מעהר ניט פארבלייבען... צו גרויס איז די סכנה פאר בת שבע'ן... און אחוץ דעם, אויב דוד וועט עטוואס לענגער פארבלייבען איז בת שבע'ס הויז, וועט איהר ליעבע צו איהם אין גאנצען אפגעקיהלט ווערען. זי האט זיך שוין פיעל געענדערט... ער ווייס, אז בת שבע וועט גיכער איינשטימען צו זיין דוד'ס צווייטע ווייב, איידער די איינציגע ווייב צו איהם... יע, ער מוז זעהן פטור צו ווערען פון דוד'ן... אבער ווי אזוי?... איבערגעבען שאול'ן, אז דוד געפינט זיך אין בית שמש, וועט דאך אויסקומען, אז ער פערראטה דעם, וועלכער האט איהם פיעלע טובות געטהאן און אחוץ דעם קען ער נאך ברייגגען שאדען צו

בת שבע׳ן און איהרע עלטערען... אבער ער קען דאך ניט דערלאזען, אז דוד זאל דארטען ווייטער בלייבען... דאס וועט דאן מאכען אן ענדע צו זיין גליק... אפשר זאל ער קומען זאגען דוד׳ן, דאס ער האט זיך דערוואוסט, אז דער קעניג וועט שיקען זיינע מענשען אין בית שמש איהם דארטען צו זוכען. ווען ער וועט דאס דערהערען, וועט ער זיכער פון דארטען אנטלויפען... דער פלאן איז אויך ניט קיין גוטער, האט אוריה ביי זיך בעשלאסען, ווען בת שבע וועט זעהן, אז דער קעניג האט זיינע מענשען ניט געשיקט אין בית שמש, וועט זי פערשטעהן, אז ער האט דוד׳ן גענארט צוליעב זיין אייפערזוכט, אזו דאן קען ער איהר נאך אין גאנצען פארלירען...

— איך וועל מוזען ווארטען נאך אייניגע טעג — האט אוריה אין זיך געטראכט — און נאכהער וועל איך שוין וויסען וואס צו טהאן. — ער איז שנעל צוריק־געגאנגען אין בית שמש און געבראכט דוד׳ן דעם בריעף.

דוד האט איבערגעלייענט דעם בריעף אין דער הויך פאר אלעמען און האט זעהר פיעל טרעהרען פארגאסען אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס ער האט פערורזאכט צו אלע כהנים פון נב.

אלע האבען מיט איהם מיטגעוויינט.

— עס איז זעהר שרעקליך און טרויעריג, אז דער קעניג זאל אזוי טהאן צו א גאנצע שטאדט כהנים, אבער עס איז דאך ניט דיין שולד — האט בת שבע געטרייסט דוד׳ן — זייער בלוט וועט פאלען אויף זיין קאפ...

— אה, ווען איך וואלט וויסען, אז דואג געפינט זיך אין נב, וואלט איך זיך דאך דארטען אויף א רגע ניט אפגעשטעלט... ער האט אויף זיי א בלבול געמאכט דער אדומי... אומשולדיגע בלוט האט ער פארגאסען — האט דוד געקלאגט — ער וועט מיט זיין לעבען דערפאר בעצאהלען.

— ווי גרוים איז דעם קעניג׳ס שנאה צו דיר — האט זיך אוריה אפגערופען — אז ביי איהם איז רעכט געווען אויסצו׳הרג׳ענען א גאנצע שטאדט כהנים צוליעב דעם, וואס זיי האבען דיר עטוואס אונטערשטיצט...

— ווען ער וואלט ניט געווען גייסטיג קראנק, וואלט ער דאך אזא זאך געוויס ניט געטהאן — האט זיך אליעם אפגערופען.

— איך באנעה זעהר א גרויסע אומרעכט געגען אייך, מיינע פריינד — האט דוד געזאגט — איך שטעל אייערע לעבענס אין געפאהר, ווייל זאל זיך דער קעניג דערוויסען, אז איהר האט מיך בעשיצט, נעגעבען א דאך איבער מיין קאפ און שפייז, וועט ער זיך געוויס וועלען אפרעכענען מיט אייך דערפאר...

— יע, די סכנה איז זעהר גרוים. — האט אוריה צוגעגעבען.

— איך וועל אייך נאך היינט אין אוונט פארלאזען! — האט דוד אויסגערופען — איך האב ניט קיין רעכט איינצושטעלען אייערע לעבענס אין סכנה!

— מיין האר — האט זיך אליעם אפגערופען — קיינער, אחוץ אונז ווייס דאך ניט דיין סוד, און דער קעניג וועט קיינמאל אויסגעפינען, וואו דו געפינסט זיך.

— אבער צו גרוים איז די געפאהר... דער קעניג האט פיעלע שפיאנען אין יעדער שטאדט... גרויזאם איז זיין נקמה! יע, איך מוז פון דאנען אוועקגעהן! איך האב קיין רעכט ניט צו זיין אין א אידישע הויז, ווייל דער קעניג

קען נאך אויסלאזען זיין כעס אויף די יעניגע, וועלכע האבען מיט מיר גוטעס געטהאן... ווען די זון וועט אונטערגעהן, וועל איך אייער חויז פארלאזען... איך האב קיין ווערטער מיט וואס אייך אלעמען צו באדאנקען פאר די גנאדע און גוטסקטט, וואס איהר האט מיט מיר געטהאן... זאל אייך דער באשעפער דער־פאר בעצאהלען כפל כפלים...

— מיין האר! — האט זיך בת שבע אפגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — דו האסט מיין לעבען און עהרע גערעטעט. דו האסט אויך אונזער גאנצע שטאדט בעפרייט פון דעם פלשתים יאך... און איך האב די גאנצע צייט געטראכט: וועל איך און מיינע עלטערען זיין אימשטאנד דיר מיט עפעס צו באצאהלען פאר אלעס וואס דו האסט פאר אונז געטהאן... און יעצט, אז דו געפינסט זיך אין אזא שלעכטער לאגע, ווען דו ווערסט אזוי שרעקליך פאר־פאלגט און ביזט פארוואגעלט אין דער פרעמד. און גאט האט אונז די מעגליכקייט געגעבען צו לינדערן עטוואס דיינע יסורים, ווילסטו אויך פון אונז דיעזען קליי־נעם פערגעניגען און בעפריעדיגונג פארמיידען? ניין, דוד, איך בעט דיך, פארלאז אונז ניט, שטעה מיט אונז אזוי לאנג ביז וואנען דער באשעפער וועט דיך אין גאנצען באפרייען פון דעם קעניג'ס אומגערעכטע פארפאלגונג...

— איך דאנק דיר זעהר פאר דיין פריינדליכקייט און גוטהערציגקייט, אבער אונטער איצטיגע אומשטענדען האב איך קיין רעכט נים איינצושטעלען דיין לעבען און די לעבענס פון דיין משפחה אין געפאהר... איך וועל פון דאנען אוועקגעהן און זיך ווידער אויסבעהאלטען אין דער מדבר, אדער צווישען די פעלזען שטיינער, און דער קעניג וועט קיינעם ניט קענען בעשולדיגען, אז מען האט מיך געשיצט געגען זיינע רדיפות... ניין, בת שבע, דו ביזט שעהן און יונג, א גליקליכע צוקונפט ערווארטעט דיך, דו טארסט ניט מסכן זיין דיין לעבען צוליעב מיר...

— איך וואלט בעסער געשטארבען, איידער צו וויסען, אז דו וואגעלסט און וואנדערסט ארום וויעדער אהן שוץ און אהן שפייז, צוליעב דעם וואס מיר האבען זיך געשראקען דיך צו בעשיצען... ניין, דוד, דיין זיכערקייט און וואויל־זיין איז מיר טייערער ווי מיין לעבען, וואס באלאנגט אלץ איינם צו דיר... זאג דאך מיר צו, אז דו וועסט פארבלייבען...

— טהו מיר די געפעליגקייט צוליעב מיין טאכטער און פארבלייב מיט אונז אויף ווייטער — האט אליעם זיך ביי איהם געבעטען — דו ווייסט ניט, וואס דאס וועט מיינען פאר בת שבע'ן, ווען זי וועט וויסען, אז זי וועט קענען אויסדריקען איהר דאנקבארקייט צו דיר כאטש דערמיט, וואס דו וועסט ניט דארפען פארוואגעלט ווערען אין דער פרעמד און לײדען הונגער און דורשט.

— פון מיין טיעפסטען הארצען דאנק איך דיר, בת שבע, דו איידעלע און טייערסטע צווישען טעכטער... גוט, איך וועל דא פארבלייבען אזוי לאנג ווי מעגליך, און זאל גאט געבען, אז איהר זאלט דערפון גארניט לײדען...

ווען אוריה האט געהערט וואס בת שבע האט געזאגט צו דוד'ן, איז ער בלאס געווארען... זיינע אויגען האבען איהם גענומען שווינדלען... זיינע קניע האבען זיך געבויגען, און מורא האבענדיג, אז מען זאל אויף איהם עפעס ניט דערקענען, האט ער זיך ענטשולדיגט און איז ארויס פון בת שבע'ס הויז...

זיין כעס איז נאָך שטאַרקער געוואָרען... די אייפערזוכט האָט אין איהם געפלאַקערט... יעצט איז ער זיכער, אַז בת שבע האָט איהם אויפגעהערט ליעב צו האָבען און זי האָט איבערגעטראָגען איהר ליעבע צו דוד'ן... ער איז ביי איהר טייערער ווי איהר לעבען... דוד האָט איהם פעראורזאַכט ער זאָל פערזוכען דעם טעם פון הימעלשען גליק און יעצט רויבט ער עס אַזוי אַכזריות'דיג אוועק פון איהם... ניין, ער טאָר ניט דערלאָזען, דוד זאָל צו לאַנג פאַרבלייבען אין בת שבע'ס הויז... ער מוז עפּעס טהאָן, וואָס זאָל צווינגען דוד'ן פון דאָרטען צו אַנטלויפען... יע! ער האָט אַ גוטען פּלאַן, ער וועט קומען שנעל צו לויפען צו אַליעם'ס הויז און זיי זאָגען, אַז ער האָט נאָר וואָס געקראָגען אַ ידיעה, אַז שאול האָט געשיקט זיינע שפּיאָנען נאָך בית שמש, און פון זיי האָט ער אויסגעפונען, אַז דער קעניג וועט קומען מיט אַן אַרמעע אין שטאָדט און וועט זוכען פון הויז צו הויז... דאַן וועט דאָך דוד אַנטלויפען פון בית שמש, און ווי דוד וועט נאָר זיין ווייט פון שטאָדט, וועט ער דאַן שיקען אַ שליח אַנזאָגען דעם קעניג, אַז ער האָט געהערט, אַז דוד געפינט זיך אין בית שמש... שאול וועט געוויס גלייך שיקען זיינע סאָלדאַטען נאָך בית שמש... בת שבע וועט דאַן זעהן, אַז ער האָט קיין ליגען געזאָגט און זי וועט איהם נאָך דאַנקבאַר זיין פאַרוואָס ער האָט דוד'ן גערעטעט פון שאול'ס הענד.

אוריה האָט זיך זעהר גליקליך געפיהלט מיט דעם געדאַנק. באַלד וועט ער פטור ווערען פון דוד'ן... בית שבע וועט איהם ניט פערדעכטיגען און איהם נאָך דאַנקבאַר זיין... דוד וועט האָבען אַ געלעגענהייט זיך צו ראַטעווען... און וועט אויך מעהר ניט וואַגען אַהער צו קומען... בת שבע וועט איהם ביסלעכווייז ווידער פאַרגעסען... דערווייל וועט אָנקומען די בעשטימטע צייט פאַר זייער חתונה, און בת שבע וועט ווערען זיין פרוי.

אויף מאָרגען איז אוריה אַריינגעקומען אין אַליעם'ס הויז מיט האַסט און קוים אָפּכאַפּענדיג זיין אָטהעם, האָט ער אויסגערופען: דוד, ווי גאָט איז דיר ליעב, אַנטלויף פון דאַנען וואָס שנעלער, איך האָב נאָר וואָס אויסגעפונען, אַז דער קעניג שיקט אַן אַרמעע אין בית שמש, און מען וועט זוכען און נישטערען יעדען'ס הויז... אויב דיין לעבען איז ביי דיר טייער, טאַ אַנטלויף פון בית שמש! איך וועל דערווייל פערהאַלטען דעם קעניג'ס חיל וואָס לייגער אין שטאָדט, כדי דו זאָלסט האָבען די מעגליכקייט אוועקצוגעהן גאַנץ ווייט פון בית שמש...

בת שבע און איהרע עלטערען זיינען געשטאַנען צושראָקענע און צוטומעלטע.

— יעצט מוז איך געהן! — האָט דוד אויסגערופען — און אָנגעגורט גלית'ס שווערד אויף זיך. — זייט אַלע געזונט! איך דאַנק אייך אַלעמען פאַר אייער גאַסטפריינדליכקייט און גוטסקייט, וואָס איהר האָט מיר אַלע אַרויסגעוויזען... אַ דאַנק דיר, אוריה, מיין פריינד, פאַר דער וואָרנונג, וואָס דו האָסט מיר געגעבען אין צייט. זאָל גאָט געבען, אַז איך זאָל אייך נאָך אַלעמען קענען באַלוינען לויט אייערע פאַרדינסטען... שלום!

— זאָל גאָט זיין מיט דיר, דוד! — האָט אַליעם זיך מיט איהם געזעגנט.

— זאָל דיר דער באַשעפער שיקען זיין ברכה פון הימעל — האָט בת שבע'ס מוטער געזאָגט.

— דוד! דוד! — האָט בת שבע אויסגעבראָכען אין א געוויין — אָה, דוד, פערלאָז מיך ניט!

— איך וועל דיר אָנצייגען א פערלאָזענעם וועג, וויו קיינער וועט דיך ניט דערזעהן — האָט זיך אוריה אָפּגערופען — און גאָט זאָל דיר צוריקקעהרען דיין פערלאָרענעם גליק... ער זאָל דיך ווידער פעראייניגען מיט דיין מיכל'ן און איך מעהר קיינמאָל ניט צו שיידען.

— פריידען צו אייך אַלעמען! — האָט דוד ווידער אויסגערופען, און איז מיט אוריה'ן ארוים פון הויז.

אוריה האָט איהם דורכגעפיהרט דורך'ן גאָרטען.

— דו וועסט זיך פערנעהמען לינקס ביז וואנען דו וועסט צוקומען צו א קליינעם וואלד און דו וועסט איבערגעהן דעם וועלדעל, וועסטו זיין ווייט פון שטאָדט.

דוד האָט אוריה'ן נאָך אמאָל בעדאנקט און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען אין וועלדעל.

אוריה האָט זיך אומגעקעהרט נאָך בית שמש. ער האָט צוגערופען צוויי פון זיינע סאָלדאטען, די צוויי ברידער רכב און בענה, און האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— איך האָב אייך זעהר א וויכטיגע זאך צו פערטרויען, אָבער איידער איך געה אייך דערצעהלען, מוזט איהר שווערען קיינעם ניט צו ענטדעקען, אז איך האָב עס אייך געזאָגט. רכב און בענה האָבען איהם צוגעשוואוירען, און אוריה האָט פאָרטגעזעצט: — אייך איז דאָך בעוואוסט, אז דוד איז געוואָרען דער גרעסטער שונא פון אונזער קעניג.. און שאול זוכט איהם ארום איבער גאנץ ארץ ישראל... ער האָט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז ווער עס וועט דערזעהן דוד'ן, זאָל איהם גלייך מודיע זיין... ווען איך בין געוועזן אויף מארק־פּלאַץ, האָב איך געהערט איניגע מענשען ריידען, אז זיי האָבען בעמערקט דוד'ן אויף איינע פון די גאסען פון בית שמש... און מיר, אלס דעם קעניג'ס אונטערטהאנען זיינען פערפליכטעט דורכצופיהרען דעם קעניג'ס באפעהל... דאריבער געהט אוועק צום קעניג און זאָגט איהם, אז מענשען האָבען דוד'ן געזעהן אין בית שמש. טאָמער פרעגט ער אייך, ווער עס זיינען די מענשען, זאָלט איהר זאָגען, אז איהר געדענקט ניט פון וועמען איהר האָט עס געהערט. זייט זעהר פאָרזיכטיג ניט ארייַנצומישען מיין נאָמען אין דעם, זאָגט איהר מיר צו?!

— יע, מיין האר, מיר זאָגען דיר צו — האָט רכב און בענה געענטפערט.

אוריה האָט זיי בײדען געגעבען צוויי שטיקער זילבער און האָט זיי אוועקגעשיקט אין גבעה.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט שוין שאול מיט זיינע מחנות ארומגערינגעלט די גאנצע שטאָדט ית שמש און האָט באפוילען זיינע סאָלדאטען צו היטען יעדען ארויסגאנג פון שטאָדט. און דער קעניג אליין איז אריין מיט א הונדערט סאָלדאטען אין שטאָדט און גענומען זוכען פון הויז צו הויז. צוויי טעג האָט דער קעניג געזוכט אין די הייזער פון אלע איינוואוינער פון בית שמש. ער

איז אויך אריין אין דער הויז פון אליעם. אבער ער האט דוד'ן ניט געפונען. ער האט אויך ארומגעזוכט אין אלע געגענדען פון אויסער'ן שטאדט, אבער אומ־זיסט...

ווען שאול און זיינע מחנות זיינען אוועקגעגאנגען פון בית שמש, איז אוריה אריינגעקומען צו בת שבע'ן און מיט שטראהלענדע אויגען זיך אפגערופען:

— איך בין דאך אזוי גליקליך, דאס מיר איז געלונגען באצייטענס ווארענען אונזער פריינד דוד'ן... געלויבט איז גאט, וואס איך האב זיך דער־וואוסט וועגען שאול'ס פלאן אין צייט.

— אוריה, ווי א מלאך פון הימעל האט דיך גאט געשיקט צו ראטעווען דוד'ן פון א זיכערען טויט — האט זיך בת שבע צו איהם אפגערופען.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער אוריה'ס פנים... ער איז געווען זיכער ביי זיך, אז ער האט ווידער געוואונען בת שבע'ס הארץ...

אכטצעהנטער קאפיטעל

שאול גיט אפ מיכל'ן צו פלטיאל'ן

שאול האט זיך צוריקגעקעהרט פון בית שמש ענטטוישט און נידערגעשלא־גען. ער האט דוד'ן נישט געכאפט. אומזיסט איז געווען זיין זוכען... זיין פאר־ביטערונג איז שטארקער געווארען. ער, דער קעניג פון אלע שבטים, דער הערשער פון גאנצען לאנד, זאל נישט האבען ביכולת צו כאפען אין זיין אייגען לאנד זיין גרעסטען שונא און איהם בעשטראפען... עפעס זעהט ער דעם נביא'ס קללה רוהט אויף איהם: "גאט האט דיין מלוכה פון דיר אפגעריסען און זי אפגעגעבען צו איינעם וועלכער איז בעסער פון דיר"... אז דוד איז בעסער פון איהם זעהט ער דאך. ער איז געווארען מעהר פאפולער און בעליעבט ביים פאלק ווי ער. "שאול האט טויזענדע געשלאגען און דוד — צעהן טויזענדער!"... דאס פאלק האט דוד'ן פאר א גרעסערען העלד געמאכט... אבער ער, זייער קעניג, האט א סך פארלארען אין די אויגען פון פאלק, בפרט נאכדעם ווי ער האט אויסגע'הרג'עט אלע כהנים פון נב... אמת, ער איז געווען צו אייליג, צו היציג, אבער וואס האט ער געזאלט טהאן מיט זיינע שונאים... מעגליך אז נישט אלע זיינען געווען שולדיג אין דעם פערראטה און ער האט געהאפט צו מאכען א גענויערע אויספארשונג וועגען דעם.

שאול האט געשיקט רופען דואג'ן און זיך צו איהם אפגערופען:

— זאג מיר, דואג, ביזטו זיכער אז אלע כהנים פון נב האבען געמאכט יד אחת מיט דוד'ן געגען מיר... אפשר זיינען פיעלע פון זיי אומשולדיג געווען?

— מיין האר קעניג, — האט דואג געענטפערט — זיי זיינען אלע געווען פערזאמעלט אין אהל מועד ווען דוד איז דארט געווען. איך האב געהערט ווי אלע האבען זיך גע'סוד'עט און געשושקעט מיט דוד'ן. געוויס זיינען זיי אלע געווען שולדיג, פון קליין ביז גרוים...

— גערעכט, דואג, — האט שאול אויסגערופען, — טאמער האסטו מיך גענארט, וועט זייער אלעמענס בלוט פאלען אויף דיין קאפ...

— איך האָב דעם קעניג נישט גענאַרט... איך האָב דערצעהלט אלעם ווי אזוי עס האָט פּאַסירט.

— געה יעצט פון מיר! — האָט דער קעניג באַפוילען דואג'ן, און אומגעקעהרט זיין קאָפּ.

דואג האָט פאַרלאָזען דעם פּאַלאַץ און שאול איז פאַרבליבען מיט זיינע מחשבות... און ווען דער "שלעכטער גייסט" האָט איהם אָפּגעלאָזען, האָט איהם זיין געוויסען גענומען שטאַרק פּלאָגען פאַר דער גרויזאַמער שחיטה וואָס ער האָט גורם געווען צו דער גאַנצער שטאָדט נב... און איינמאָל, זיצענדיג ארום דעם טיש צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און פריינד — האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך ווייס אז איך האָב זעהר פיעל געזינדיגט געגען גאָט מיט מיין גרויזאַמע טהאַט צו אלע כהנים, די קינדער פון עלי, און אויב גאָט וועט מיך יעצט שטראָפען וועט עס בלויז זיין פאַר דיזער זינד... ווייל ביז דאַן, האָב איך געגען גאָט קיינמאָל נישט געזינדיגט... איך האָב אימער געטהאָן זיין רצון... און דער נביא שמואל האָט עס אליין גאַנץ גוט געוואוסט... אָבער ער האָט פּלוצלינג געוואָרפען אַן אומ'חן אויף מיר, גענומען זוכען חטאים פון קליינער בעדייטונג און זיי א סך פאַרגרעסערט, כדי מיר מיט זיי צו בעאומרוהיגען און צו פּייניגען. ער האָט אויף מיר א מרה שחורה ארויפגעבראַכט... און אין דער צייט פון אויפרעגונג און אינערליכע ערשיטערונג האָב איך אזוי אומ'ברחמנות'דיג אומגעבראַכט אזוי פיעל אומשולדיגע נפשות... אלע קינדער פון עלי, וועלכער איז אמאָל געווען דער הייליגסטער מאַן אין ארץ ישראל.

— ערלויב דאָך מיר צו זאָגען איינינע ווערטער, — האָט זיך אָפּגערופען פּלטיאל, דער זוהן פון ליש, וועלכער איז געזעסען אויף דוד'ס פּלאַץ, — איך האָב געהערט פון מיין זיידען, אז די קינדער פון עלי'ן זיינען געווען שלעכטע און זינדיגע צו גאָט, און א געטליכער מאַן איז געקומען צו עלי'ן און איהם געזאָגט, אז עס וועט קומען א צייט און גאָט וועט בעשטראָפען זיין גאַנצע משפּחה. און ווען שמואל דער נביא איז נאָך גאָר יונג געווען, איז די ערשטע נבואה וואָס ער האָט געהערט פון גאָט איז געווען: אז די משפּחה פון עלי וועט פאַרטיליגט ווערען. און מיין האַר קעניג האָט בלויז אויסגעפיהרט דעם רצון פון גאָט...

שאול'ס פּנים האָט גענומען אויפלייכטען: "ביזטו זיכער אז שמואל'ס ערשטע נבואה איז אויך געווען וועגען דער אויסראָטונג פון עלי'ס משפּחה?"

— איך בין אין דעם זיכער, — האָט פּלטיאל געזאָגט, — איך האָב עס פיעלע מאָל געהערט פון מיין זיידען.

— געבענשט זיי צו גאָט, מיין זוהן, — האָט איהם שאול א קוש געטהאָן אין קאָפּ — דיינע ווערטער זיינען יעצט ווי א באַלזאַם צו מיין הארצען... — איך האָב, הייסט עס, בלויז אויסגעפיהרט די שליחות פון גאָט, און מיין זינד איז גאָר נישט אזוי גרוים.

יונתן האָט געקוקט אויף זיין פאָטער מיט טריבע אויגען און האָט געשוויגען. ער איז געווען צופריעדען איהם צו זעהן פרעהלאַך און מונטער, און כאָטש זיין הארץ האָט געבלוטיגט ווי לענדיג ווי אומגערעכט זיין פאָטער איז געווען מיט דער ערמאָרדונג פון אלע כהנים, האָט ער דאָך יעצט קיין וואָרט וועגען דעם ניט גערעדט.

— יעצט ווען גאט זאל מיר געבען און דוד, מיין גרעסטער שונא, וועט אריינפאלען צו מיר אין די הענד, דאן וואלט זיך מיין גאנצער גליק צו מיר אומגעקעהרט... יא, כל זמן דער זוהן פון ישי לעבט, איז מיין לעבען צובראכען... איך וועל קיינמאל זיך אליין נישט מוחל זיין, פארוואס איך האב איהם אפגעגעבען מיכל'ן, מיין טאכטער, פאר א פרוי!... דאמיט איז זיין פאפולאריטעט פארגרעסערט געווארען צוזאמען מיט זיינע שאנסען צו ווערען קעניג נאך מיר. יעצט איז ער דעם קעניג'ס איידעם און איז ביי אלעמען מעהר געאכטעט... ווען ער וואלט מיין איידעם נישט געווען, וואלט מען זיך אין איהם לאנג פארגעסען...

— מיין האר קעניג, — האט זיך שמעי בן גרא אויפגעשטעלט, — איך גלויב, אז עס איז נאך יעצט אויך ניט צו שפעט. דער קעניג האט דאך א רעכט מבטל צו מאכען מיכל'ס הייראט צו דוד'ן, און נאכדעם קען ער איהר אפגעבען צו איינעם פון אונזער שבט און פיעלייכט אויך פון דער קעניגליכער משפחה.

— עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך הער פון דיר א גלייכע זאך, שמעי, — האט זיך שאול אפגערופען, — דו ביזט גערעכט! דוד וועט מעהר מיין איידעם נישט זיין. איך מאך זיין חתונה צו מיין טאכטער בטל. איך וועל בעסער אפגעבען מיין מיכל'ן צו איינעם וועלכער איז מיר א גוטער פריינד.

— פאטער, וואס געהסטו טהאן! — האט יונתן זיך אפגערופען, — האסטו דען א רעכט צוצורייסען די קייטען מיט וואס די צוויי יונגע ליעבענדע הערצער זיינען געבונדען געווארען?!...

— יא, מיין זוהן, איך האב דאס פולע רעכט, — האט שאול אויסגערופען, מיין צושטימונג צו מיכל'ס הייראט מיט דוד'ן איז געווען א טעות... ווען איך וואלט דאן געוואוסט אז דוד פלאנעוועט אוועקצורויבען די מלוכה פון מיר, וואלט איך געוויס נישט דערלאזען אז מיין מיכל זאל איהם הייראטען. און דעריבער האב איך א רעכט בטל צו מאכען די הייראט...

— אבער ווייסטו וואס פאר א שלעכטע ווירקונג דאס וועט האבען אויף מיכל? — האט זיך שוין אחינועם נישט געקענט צוריקהאלטען, — זי ליעבט דוד'ן מיט איהר גאנצען לעבען און יעצט ווילסטו איהר גאר אפגעבען צו א צווייטען.

— האט זיך מיכל דען פערטראכט וואס פאר א שלעכטע ווירקונג עס וועט האבען אויף מיר, ווען זי האט מיר אפגענארט און אוועקגעשיקט מיין גרעסטען שונא פון מיר?... וויפיעל צער, עגמת נפש און שלאפלאזע נעכט האב איך זינט דאן געהאט?! . . .

— אבער פאטער, — האט זיך יונתן אפגערופען, — איך בין נאך אלץ איבערצייגט אז דוד איז געווען אומשולדיג און דאס האבען נאר זיינע שונאים אויף איהם א בלבול אויסגעטראכט, דאס ער האט זיך באריהמט פאר יואב'ן דאס ער וועט קעניגען אנשטאט דיר...

— אה, יונתן, יונתן, ביז ווי לאנג וועט דיין קאפ זיין פארשטאפט, ביז ווי לאנג וועסטו זיין גענארט אין דוד'ן... און אפילו ווען דוד זאל זיך נישט האבען בעריהמט אז ער וועט ווערען קעניג אנשטאט מיר, זעהסטו דען נישט אז ער איז דער בעסערער מאן וועמען דער נביא שמואל האט געמיינט ווען ער האט גע־

זאָגט: "גאָט האָט דיין מלוכה פון דיר אָפּגעריסען און זי אָפּגעגעבען צו איינעם וועלכער איז בעסער פון דיר"!

— יאָ, דער זעלבער נביא וועלכער האָט מיר פּלוצלינג צום העכסטען גליק געבראַכט, האָט מיר יעצט מיט זיין אייפערזיכטיגקייט אַרונטערגעשלעפּט צום אָבגרונד. ער האָט פּלוצלינג אויף מיר אַן אומ'חן געוואָרפען און ער האָט מיך אומגליקליך געמאַכט. איך בין געוועזען אַזוי צופריעדען און גליקליך צו פיטערען די שאָף און צו בעאַרבייטען מיין פעלד... איך האָב נישט געזוכט קיין כבוד. און האָב נישט געשטרעבט צו קיין הערשאַפט, און דאָ קומט דער נביא און זאַלבט מיר פאַר אַ קעניג, ער לאָזט מיך פאַרזוכען דעם טעם פון הערשאַפט... מיין גליק ווערט גרענצלאָז און דער ליעבער גאָט האָט מיר געהאָלפען און איך האָב בעזיעגט די עמונים, די פּלשתים און די עמלקים... דאָס גאַנצע פאָלק איז דאַך געוועזען אַזוי גליקליך און צופריעדען מיט מיר... איך בין ביי זיי פאַררעכענט געוועזען פאַר דעם גרעסטען העלד... און דאַן האָט שמואל דערזעהן אַז אַלע שבטים קוקען אויף מיר און וואַרטען איך זאָל זיי ברענגען הילף פון זייערע פיינד... ער האָט באַמערקט אַז דאָס פאָלק רעכענט זיך מיט איהם שוין נישט ווי פריהער, און זיין השפּעה איז געמינערט געוואָרען, איז ער אויף מיר אייפערזיכטיג געוואָרען און גענומען אונטערגראָבען דעם פונדאַמענט פון מיין גליק... און אין דער צייט ווען די פּלשתים האָבען זיך פערזאַמעלט אין מכמש און איך האָב צונויפגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי אין גלגל און געוואָלט אָנפאַנגען די מלחמה... אָבער איך האָב געוואַרט אויף שמואל'ן ער זאָל מקריב זיין דעם קרבן פאַר גאָט... ווען אָבער ער איז צו דער בעשטימטער צייט נישט געקומען און דאָס פאָלק איז אומגעדולדיג געוואָרען און איך בין געצוואונגען געוועזען אַליין מקריב צו זיין דעם קרבן, איז שוין שמואל אויף מיר אין כעס געוואָרען און אויסגערופען: "דו האָסט זיך בענאַרישט! דיין קעניגרייך וועט שוין זיין נישט פעסט און נישט קיין אייביגע. גאָט וועט זוכען אַ מאַן וואָס וועט ווערטה זיין"...

— דער נביא האָט עס נישט געמיינט! — האָט יונתן איבערגעשלאָגען זיין פאָטער'ס רייד, — ער איז געווען אויפגערעגט און אין כעס.

— יאָ, איך אַליין האָב דאַן אויך געמיינט אַז שמואל רעדט עס פון כעס, און האָב קיין שום געוויכט נישט געלעגט אויף זיינע ווערטער... אָבער דעם צווייטען מאָל ווען איך האָב פון איהם געהערט דיזעלבע ווערטער נאָך מיט מעהר שטאַרקייט און ביטערקייט, און געמאַכט האָט ער אַזאַ וועזען צוליעב אַ קליינינ־קייט... איך האָב ערלויבט מיינע סאָלדאַטען צוצונעהמען די גוטע בהמות פאַר זיך... און כאָטש דער נצחון איבער די עמלקים איז געווען אַ פאָלקאָמענער, אַגג זייער קעניג האָב איך גענומען אין געפאַנגענשאַפט, איז אַנשטאַט צו קומען און גראַטולירען מיך פאַר דעם גלענצענדען זיעג וואָס איך האָב אָבגעהאַלטען איבער אונזערע ערגסטע שונאים, איז ער געקומען און האָט מיך בעליידיגט. ער האָט מיך געזידעלט און געזאָגט אויסדריקליך, אַז מיין מלוכה וועט אָפּגע־געבען ווערען צו איינעם וועלכער איז בעסער פון מיר... און יעצט האָט ער געפונען איינעם, און דאָס איז דוד... יאָ, דוד וועט ווערען קעניג איבער גאַנץ ישראל... און איהר מעגט אַלע וויסען, אַז כל זמן דער זוהן פון ישי לעבט, איז מיין מלוכה נישט געזיכערט. אָבער דיר, יונתן קימערט נישט, איך זעה אַז דו ביזט פאַר דוד'ן שטאַל און אייזען... דו פאַרשטעהסט נישט, אַז מיט דעם וואָס

דו העלפסט מיין גרעסטען שונא, גראבסטן דיין אייגענעם גרוב... איין זאך וועל איך יעצט טהאן: איך שווער ביי מיין לעבען, איך וועל מיכל׳ס היראט צו דוד׳ן בטל מאכען און מיכל׳ן וועל איך אפגעבען צו איינעם פון מיינע בעסטע פריינד.

שמעי׳ס פנים האט גענומען שטראהלען פון שמחה ווען ער האט יעצט געהערט דעם קעניג׳ס שבועה... „וועמען דען האלט דער קעניג פאר זיין בעסטען פריינד אויב נישט מיר?״ — האט ער זיך געטראכט.

— איך האב זיך אלע מאל געוואונדערט ווי אזוי דער קעניג האט צוגעשטימט אפצוגעבען מיכל׳ן צו איינעם פון א פרעמדען שבט, — האט זיך שמעי אפגערופען, — יעצט וועט זיך שוין דוד נישט האבען מיט וואס גרוים צו האלטען... און וויבאלד ער איז שוין מעהר נישט דעם קעניג׳ס איידעם, וועט ארונטערגעהן א סך פון זיין חשיבות ביים פאלק...

שאול האט זיך א ווייל פערטראכט: אויב ער וויל אז דוד זאל מעהר נישט זיין זיין איידעם, דאן מוז ער אפגעבען מיכל׳ן צו א צווייטען, ווייל כל זמן מיכל וועט נישט הייראטען מיט אן אנדער מאן, וועט זי נאך אלץ פאררעכענט ווערען פאר דוד׳ס פרוי... וועמען אבער זאל ער איהר אפגעבען?... שמעי בן גרא? ניין! ער איז זעהר נאריש און אומגעלומפערט... ער ווייס אויך, אז מיכל האסט איהם... זי וועט זעהר אומגליקליך זיין מיט איהם! פלטיאל, דער זוהן פון ליש! יא! ער וועט זיין דער פאסענדער מאן פאר מיכל׳ן אנשטאט דוד׳ן... מיכל איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט זיין שוועסטער... מעגליך אז זי וועט זיין גליקליך מיט איהם און פארגעסען אן דוד׳ן...

אלע זיינען געזעסען ארום טיש און געשוויגען... קיינער האט נישט געוואגט אונטערצוברעכען דעם קעניג׳ס געדאנקען... שמעי בן גרא האט מיט גרויס אונגעדולד געווארט שאול זאל אויסרופען זיין נאמען אלס זיין צוקינפטיגער איידעם... א גליקליכער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיינע ליפען, ווען ער האט זיך גענומען פארשטעלען אז ענדליך וועט מיכל געהערען צו איהם... דער קעניג וועט איהם געווים גלייך מאכען פאר א שר צבא, און דאן וועט ער געהן בעזובען זיין שטאדט בחורים מיט מיכל׳ן... א גרויסע מחנה סאלדאטען וועלען זיי באגלייטען און ווי שטארק אלע וועלען איהם מקנא זיין... די אלע וועלכע האבען זיך געפרעהט מיט זיין דורכפאל, וועלען יעצט האבען דרך ארץ פאר איהם, דעם קעניגס איידעם! זיין פאטער און מוטער וועלען שטאלצירען מיט איהם און מיכל וועט איהם אזוי ליעב האבען!...

— יא, אזוי וועט עס בלייבען! — האט שאול פלוצים אויסגערופען, — מיכל וועט חתונה האבען מיט פלטיאל׳ן, דעם זוהן פון ליש! פלטיאל, — האט ער זיך צו איהם אנגערופען, — דו האסט געפונען חן אין מיינע אויגען, און דיר וועל איך אפגעבען מיכל׳ן...

פלטיאל איז אזוי צוטומעלט געווארען פון דער פלוצלינגער איבערראשונג אז ער האט נישט געוואוסט וואס צו זאגען. ער האט געקוקט אויף דעם קעניג מיט דאנקבארע אויגען און געשוויגען.

— ביזטו צופרידען, מיין זוהן? — האט שאול ארויפגעלייגט זיין האנד אויף פלטיאל׳ס פלייצע — איך האב נאך נישט פארגעסען די פיעלע טובות וואס איך האב גענאסען פון דיין פאטער, ווען איך האב מיינע שאף געפיטערט נעבען גלים. זעהר אן איבערגעבענער און געטרייער פריינד איז דיין פאטער

צו מיר געווען... איך האָב אַז דו וועסט אויך זיין געטריי און איבערגעבען צו מיכל'ן און צו מיר...

— איך בין גליקליך אַז איך האָב געפונען גנאָדע אין דיינע אויגען! — האָט פּלטיאל זיך פאַרנייגט, — ווען מיכל איז נאָך אַ קליין קינד געווען, האָב איך איהר שוין ליעב געהאַט... און זייט דאַן האָב איך נישט אויפגעהערט צו חלום'ן פון איהר... און יעצט, יעצט האָט דער ליעבער גאָט געמאַכט אַז מיינע חלומות זאָלען פאַרווירקליכט ווערען...

שמעי איז געבליבען זיצען אויף זיין פּלאַץ נידערשלאַגען און בעטריבט... אין די אויגען האָט איהם געגומען שווינדלען... אַ קאַלטער שוויים האָט בעגאָסען זיין קערפּער... יעצט האָט ער שוין מעהר נישט אויף וואָס צו האָפען... זיין גאַנצער לעבען איז געווען אַ דורכפאַל... אומזיסט האָט ער זיך געפרעהט אויף דוד'ס מפּלה... מיכל וועט שוין אַלץ איינס נישט בעלאַנגען צו איהם... מעהר וועט ער שוין ניט פערבלייבען אין פּאַלאַץ, ער וועט געהן אהיים נאָך בחורים, זיך אָפּגעבען מיט ערד־אַרבייט, פּיטערען די שאָף און זוכען צו פאַרגעסען מיכל'ן און דעם פּאַלאַץ...

— יונתן, געה רוף מיכל'ן! — האָט דער קעניג באַפוילען, — איך וויל זיך מיט איהר דורכריידען.

יונתן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ... אַ כמאַרע האָט באַדעקט זיין פּנים... איהם האָט זעהר באַנג געטהאָן פאַר זיין בעסטען פריינד, דוד... ער האָט זיך אָבער געטרייסט, דאָס זיין פאָטער וועט פּיעלייכט אַז דוד'ן פאַרגע־סען... נאָכדעם ווי ער וועט מעהר זיין איידעם נישט זיין, וועט ער אפשר אויך אויפהערען איהם צו רודף'ן... ער האָט געוואָרפען אַ בליק אויף פּלטיאל'ן און איז ארויסגעגאַנגען.

שאול איז אריין אין זיין צימער און אחינועם האָט איהם נאָכגעפאָלגט...

— איך בעט דיר, שאול, זיי זעהר פאַרזיכטיג מיט מיכל'ן, דו ווייסט דאָך ווי פערביטערט זי איז... זי איז אויך יעצט זעהר שוואַך, און ווען דו וועסט איהר פּלוצלינג אָנזאָגען אַז דו האָסט בטל געמאַכט איהר התונה מיט דוד'ן, קען זי נאָך קראַנק ווערען, — האָט איהם אחינועם געזאָגט.

— איך וועל וויסען ווי אַזוי צו ריידען מיט איהר, — האָט שאול געענט־פערט, — איך וויל בלייבען מיט איהר אַליין.

* * *

זינט דוד איז געצוואונגען געווען צו אַנטלויפען פון זיין היים, האָט מיכל נישט אויפגעהערט צו טרויערען. זי איז געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען זיין געזונד־צושטאַנד, און יעדעס מאָל ווען איהר פאָטער פלעגט זיך ארויסלאָזען מיט אַן אַרמיי זוכען דוד'ן, האָבען זיך איהרע ליידען פערשטאַרקט... זי האָט מתפּלל געווען צו גאָט ער זאָל אָפּהיטען איהר ליעבען דוד און איהר פאָטער זאָל איהם נישט געפינען... נישט וועניגער יסורים האָט איהר פערשאַפט איהר פאָטער'ס קראַנקהייט, זי האָט געוואוסט אַז זיין גרויסע שנאה צו דוד'ן איז צו איהם געקומען צוליעב זיין מרה שמורה... זי האָט אַלץ געהאָפט אַז ווען זיין געזונד־צושטאַנד וועט זיך פאַרבעסערען וועט ער זיך ארומזעהן וואָס פאַר אַ גרויסע עולה ער באַנעהט געגען איהר מאַן, און דאַן וועט דוד קענען צוריקקומען און זי וועט ווידער גליקליך זיין. אָבער וואָס ווייטער איז די לאַגע געוואָרען

ערגער... זיין פאַרביטערונג געגען דוד'ן האָט זיך נאָך בולט'ער אַרויסגעווי־
זען, נאָכדעם ווי ער האָט אומגעבראַכט אַלע כהנים פון נב... זי ווייס אַז ער
האָט פאַנאַנדערגעשיקט פיעלע שפּיאָנען אויפצוזוכען דוד'ן, און ווי נאָר ער
הערט אַז דוד געפינט זיך ערגעץ וואו קומט ער אהין גלייך מיט אַן אַרמיי... ווי־
פיעל זי האָט איהר פאַטער געבעטען ער זאָל אויפהערען צו רודפ'ן איהר אומ־
שולדיגען דוד'ן... וויפיעל טרעהרען זי האָט פאַרגאָסען, צו זיינע פיס איז זי
געפאַלען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען... ער איז נאָך אַלץ אויף איהר
געווען שטאַרק ברוגז דערפאַר! און אפילו ווען איהר ברודער יונתן האָט איהם
פאַרזיכערט אַז דוד איז אומשולדיג, איז ער אויף איהם זעהר בייז געוואָרען.
איהר האַרץ טהוט איהר זעהר וועה פאַר איהר פאַטער... זי ווייס אַז ער ליידעט
זעהר פיעל... זיין גרויזאַמקייט קומט ניט ווייל ער איז שלעכט, ער איז דאָך
אימער צו געווען אַזוי גוט, אַזוי ליעבליך... ער איז ביי אַלעמען זעהר געאַכטעט
און בעליעבט געווען פאַר זיין גוטהערציגקייט... אה, ווי גליקליך זיינען געווען
יענע יאָהרען, ווען זי איז נאָך גאַנץ יונג געווען... יעדען אָבענד פלעגט זי געהן
איהר פאַטער אַנטקעגען ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון פעלד... זי פלעגט
צולויפען צו איהם און איהם האַלזען און קושען, און ער פלעגט איהר אַזוי
שטאַרק צודריקען צו זיך... און ניט איינמאָל האָט ער איהר שעהנע מתנות געב־
בראַכט... יאָ, ער האָט איהר אַ סך מעהר ליעב געהאַט ווי איהרע עלטערע שוועס־
טער מרב... פיעלע מאָל האָט זי איהם געדאַרפט בעטען ער זאָל מרב'ן אויך
עפּעס ברייגנען... אפילו נאָכדעם ווי ער איז קעניג געוואָרען האָט ער איהר אויך
אַרויסגעוויזען מעהר ליעבשאַפט ווי איהר שוועסטער און איהרע ברידער. יעצט
אָבער, איז איהר פאַטער זעהר בייז אויף איהר... וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער
צו זיין אויף איהר אין כעס ?! איז נישט דוד איהר מאַן ?... דאַרף זי דען איהם
נישט זיין געטריי און בעשיצען פון אַלע אומגליקען ?... האָט זי דען געקענט
דערלאָזען ער זאָל איהם טויטען ?... און בפרט ווען זי ליעבט איהם מעהר פון
אַלץ אין דער וועלט... דוד איז דאָך אַזוי אומשולדיג... ער קלעהרט גאָרנישט
פון הערשאַפט... אמת, ער האָט אַלע אויסזיכטען צו ווערען דער נעקסטער קעניג,
ער איז העלדיש, שעהן און קלוג, און דערצו איז ער נאָך שטאַרק בעליעבט ביים
גאַנצען פאָלק... אָבער זי אַליין וואָלט דאָך נישט געוואָלט דאָס איהר דוד זאָל
קעניג ווערען... איהר איז נמאס געוואָרען דאָס לעבען פון פאַלאַץ... זי האָט
פיינט די פערשידענע אינטריגעס פון דעם קעניגליכען הויף... און די גרויזאַמ־
קייטען פון הערשער איז איהר דערווידער... זי פעראַכטעט די חניפה און שמייכ־
לעריי פון די הויפליימע... די פערשייטע טענץ און זויפעריי פון די קעניגליכע
אַמוזירער זיינען צו איהר עקעלהאַפטיג... ניין, זי וואָלט בשום אופן נישט
געוואָלט דאָס איהר דוד זאָל קעניג ווערען... זי וועט זיך אַ סך גליקליכער פיהלען.
ווען זי וואָלט קענען מיט איהר דוד'ן וואהנען אין אַ דאָרף אַרומגערינגעלט פון
דער וואונדער שעהנע נאַטור. דאָס געזאַנג פון די פויגעלאך זאָל זיי אַמוזירען
און דאָס טאַנצען און שפּרינגען פון די יונגע שאָף זאָל זיי אונטערהאַלטען...
דאָרטען, וואו קנאה און שנאה איז נישט בעוואוסט, וואו דאָס לעבען פליסט
אַזוי שטיל און רוהיג ווי דאָס קלאָרע וואַסער פון דעם טייך... דאָרטען איז די
ליעבע אַזוי רייצענד שעהן, אַזוי פראַכטפול און אַנגענעהם ווי די נאַטור זעלבסט
וואָס גאָט האָט געבענשט... דאָרטען וואָלט זי געוואָלט בויען איהר נעסט פון

ליעבע מיט איהר דוד'ן... ווייט, ווייט פון דעם מענשענס בייזע אויגען, ווייט פון פאלשקייט און רכילות... דארטען, זעהט זי איהר דוד'ן פיטערען די שאף... זי קומט נעהענטער צו איהם: ער שפיעלט אויף זיין הארפע אזעלכע שעהנע הימעלישע מעלאדיען... דאס וואסער פון טייכעל פלעטשעט דורך די שטיינדלעך, און בעגלייטען זיין שפיעלען, די ווארימע זוהן שמייכעלט אזוי ליעבליך צו זיי פון דעם בלויען קלארען הימעל... דער זמיר און די טורטעל טויב צולאזען זיך מיט א זיסען געזאנג... די לעמעלעך און יונגע ציגעלעך בעוועגען זיך אזוי גראציעזן און ריטמיש, נאך די טענער פון דוד'ס הארפע... זי זעצט זיך נעבען איהם, שפארט אן איהר קאפ אויף דעם בוזים פון איהר געליעבטען און וועבט איהרע זיסע ליעבע חלומות און איהר איז דאך אזוי גוט... זי איז דאך אזוי גליקליך... דוד! דוד! ווי ליעב איך האב דיר! ער פיהרט זיינע הענט דורך איהרע האר... זי פיהלט זיין הייסען אטעם... ער בעדעקט איהר מיט ברענענדע קושען... זי איז זיינע, און ער איז איהרער! זי גראבט איין איהר קאפ טיפער אין זיין בוזים און א הימעלישער גליק דרינגט דורך איהר קערפער... זי מאכט צו איהרע אויגען און שפינט און וועבט גאלדענע טרוימען... אייביג, אייביג וואלט זי אזוי געלעגען און געטרוימט...

— מיכל! מיכל! — האט יונתן אונטערבראכען איהרע געדאנקען — וואס איז עס מיט דיר? דו ביזט געוועזען אזוי פערטיעפט אין דיינע מחשבות, אז דו האסט מיר גארנישט געזעהן, איך שטעה דאך שוין נעבען דיר א היבשע ווייל!

— וואס איז, יונתן! — איז מיכל אויפגעשפרונגען פון איהר פלאץ — האסטו עפעס געהערט פון דוד'ן?! ווי פיהלט ער זיך? וואו געפינט ער זיך?! אה, זאג דאך מיר, מיין ברודער... וואס איז? פארוואס שווייגסטו? האט דען מיט דוד'ן אן אומגליק פאסירט?! אה, יונתן! זאג דאך מיר!

— איך האב פון דוד'ן גארנישט געהערט, מיכל, און דו ווייסט דאך אז דעם פאטער'ס לעצטער פערזוך איהם צו כאפען איז אויך געוועזען ניט ערפאלגרייך...

— אבער איך קען זעהן פון דיינע אויגען אז עפעס איז דא נישט גלאט? זאג מיר, וואס ביזטו געקומען אהער אזוי פלוצלונג... עפעס האט דאך געמוזט געשעהן?...

— גארנישט איז געשעהן, מיין שוועסטער, בערוהיג זיך... הם... ער... דער פאטער וויל דיר זעהן... ער האט מיר געשיקט צו דיר איך זאל דיר רופען... ער וויל מיט דיר עטוואס ריידען...

—ער וויל מיט מיר ריידען! מסתמא ווידער וועגען דוד'ן.

— איך ווייס נישט — האט יונתן געענטפערט מיט א טרויעריגען פנים — אבער קום דאך שנעלער, ערווארט אויף דיר אין זיין צימער.

— עפעס שרעקט מיר דאס הארץ? — האט מיכל אויסגערופען — אבער קום לאמיר געהן — ערגער ווי עס איז יעצט קען דאך שוין נישט זיין... ער קען מיר אפילו טויטען אויב ער וויל... קום!

יונתן איז מיט איהר צוגעגאנגען ביז שאול'ס צימער און מיכל איז אליין אריינגעגאנגען אינוויינינג...

שאול איז געזעסען אויף זיין בעטעל, זיין פנים איז געוועזען בלאס און זיינע

אויגען האבען אויכגעקוקט זעהר טרויעריג און מעלאנכאליש, ער האט נערוויאיש געצופט זיין בארד וואס האט שוין אנגעפאנגען גרוי צו ווערען.

א ווײלע איז מיכל געבליבען שטעהן און בעטראכט איהר פאטער... זי האט בעמערקט זיין בלייך געווארענעם פנים, די ארויסגעשטארטשעטע ביינער פון זיינע איינגעפאלענע באקען, די גרויע האר... זי האט געזעהן דעם יאוש און פערצווייפלונג וואס שפיגעלט זיך אפ אין זיינע מוטהלאזיגע בליקען... א טיעפער צער האט איהר ארומגענומען... איהר הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט גרויס מיטלייד צו איהר אומגליקליכען פאטער... אה, ווי זי וואלט איהם געוואלט העלפען. לינדערען זיינע יסורים!... אין דיזער רגע איז ער איהר געווען אזוי ליעב און טייער... זי וואלט אלעס אין דער וועלט געטהאן זי זאל צוריק קענען זעהן זיין פרעהליך מונטערען פנים פון אמאל, זיינע שטראהלענדע ליעבליכע אויגען...

— פאטער, אה ליעבער, טייערער פאטער! — איז מיכל צוגעלאפען, איהם ארומגענומען און געקושט — פערגיב מיר, אויב איך האב דיר גורם געווען אזוי פיעל עגמת נפש, דו ווייסט דאך ווי ליעב איך האב דיר!...

— מיין קינד! — האט שאול מיט טרעהרען אין די אויגען געזאגט — דו האסט דיין פאטער מעהר נישט ליעב... דיין הארץ האסטו אפגעגעבען צו א פרעמדען, צו איינעם וועלכער איז די אורזאך פון מיין נידערלאגע... איהם האסטו ליעב און נישט מיר! זיין לעבען און גליק איז ביי דיר טייערער פון מיר!...

— אה פאטער, פאטער רעד נישט אזוי! — האט מיכל זיך פאנאנדערגעוויינט — דו ביזט מיר ליעב און טייער... אבער אויך ער... פארוואס, א גאט, שטראפסטו מיר אזוי! מיין הארציגער ליעבער פאטער איז א שונא מיין מאן, ווענען איך ליעב אזוי שטארק! פאטער איך בעט דיר, בעזין זיך נאך איינמאל, בעטראכט זיך גוט און דו וועסט זיך ארומזעהן ווי ריין און אומשולדיג דוד איז פון די אלע בעשולדיגונגען מיט וואס דו בעשולדיגסט איהם! ער איז דיר אזוי געטריי און איבערגעגעבען ווי צו מיר... און איך שווער דיר, ביי גאט, אז ער האט קיינע בייזע מחשבות וועגען דיר.. ווען דו וואלסט איהם נאר געגלויבט, ווי גליקליך איך וואלט דאן געווען... מיר וואלטען ביידע אוועק וואהנען אין דארף, און דוד וואלט די שאף געפיטערט...

— דו קענסט נאך ניט דוד'ן, מיין טאכטער! דוד איז פער'שכור'ט פון זיינע נצחונות איבער די פלשתים... דערצו האבען נאך די פרויען איהם געשמייכעלט... יעצט וועט ער מעהר נישט קענען איינזיצען רוהיג, ער וועט שטרעבען צו מאכט, צו הערשאפט, צו כבוד, און אפילו דו, מיין טאכטער, וועסט נישט זייז אימשטאנד איהם אפצוהאלטען... יע, ער איז דער מאן, וועמען שמואל, דער נביא, האט אויסגעקליבען צו קעניגען אנשטאט מיר! און איך אליין האב איהם דערצו געהאלפען, ווען איך האב דיר אפגעגעבען צו איהם פאר א פרוי... און איצט העלפסטו איהם זיך פון מיינע הענד ארויסצודרעהען...

— גלויב מיר, פאטער, ווען דוד וואלט געהאט בייזע געדאנקען וועגען דיך, וואלט איך די ערשטע דערפון געוואוסט... איז עס זיין שולד אז גאט האט איהם בעגליקט און ער האט גלית'ן געטויטעט און די פלשתים פון אונזערע גרעניצען פערטריבען?...

— קענסטו מיר פיעלייכט זאגען, מיכל, פארוואס האט דוד צוגענומען דעם שווערד פון גלית דעם פלשתי, ווען ער איז אנגעקומען אין נב, צו די כהנים?... יע, ער האט גענומען דעם שווערד כדי ער זאל דערמיט קענען צוציהען פיעלע פון די אידען אויף זיין זייט, כדי ער זאל זיי שטענדיג האבען צו צייגען וואס ער האט אויפגעטהאן פאר ארץ ישראל... נו, דארפסטו נאך האבען א גרע־סערען בעווייז אז דוד מיינט צוצונעהמען פון מיר די מלוכה!

— דוד איז אנטלאפען געווארען פאר זיין לעבען, ער האט מיט זיך נישט געהאט קיין געוועהר זיך צו בעשיצען געגען חיות, און ווען ער איז געקומען אין נב האט ער געבעטען דעם שווערד וואס בעלאנגט צו איהם — האט מיכל געזאגט.

— אומזיסט זוכסטו איהם צו פערטיידיגען, מיכל — האט שאול אויס־גערופען, איך ווייס אז שמואל האט איהם געמאכט פאר מיין נאכפאלגער... און מעהר איבערצייגט אין דעם, בין איך געווארען ווען איך בין געוועז אין רמה, צווישען די בני הנביאים, וואו דוד האט זיך פון מיר בעהאלטען... איך האב עס געפיהלט אין די לופט, און כאטש, זייענדיג דארטען, בין איך מיט־געריסען געווארען פון די בעגייסטערונג פון די איבעריגע נביאים... אבער איך האב דארטען געפיהלט אז שמואל בעשיצט דוד'ן פון מיר.. און ער ערמוטיגט איהם... איך פיהל אז דער נביא האט שוין זיכער דוד'ן געזאלבט פאר קעניג אנשטאדט מיר... ניין! ער מוז געטויטעט ווערען! דוד איז מיין שונא! ער איז א פערדעטער... ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועט ער מיר טויטען, אויב איך וועל איהם פריהער נישט פערניכטען!

מיכל האט טרויעריג אראנטערגעבויגען איהר קאפ און זי האט איהם מעהר נישט געענטפערט, זי האט מורא געהאט ווייטער צו ריידען מיט איהר פאטער וועגען דוד'ן. טאמער וועט ער זיך ווידער אויפרעגען... זי האט געוואוסט אז זי וועט איהם נישט קענען איבערצייגען אז ער איז אומגערעכט.

— דו שווייגסט, מיכל, — האט שאול אויסגערופען — דו זעהסט שוין אליין אז איך בין גערעכט: אבער ווי אזוי האסטו די גאנצע צייט געקענט פער־בארגען פון מיר די פלענער פון מיין גרעסטען שונא? ! האסטו מיר דען נישט צוגעשווארען, איידער איך האב מיין הסכמה געגעבען צו דיין הייראט מיט דוד'ן, אז אויב דו וועסט אויסגעפינען אז דוד טראגט זיך ארום מיט שלעכטע מחשבות וועגען מיר, וועסטו מיר באלד דערצעהלען, און יעצט זוכסטו איהם צו פאר־טהיידיגען און פערבארגסט פון מיר זיינע פלענער!

— ניין, איך פערבארג גאר נישט פון דיר, ליעבער פאטער! — האט מיכל אויסגעריפען — ווען איך וואלט נאר געהאט א קליינעם חשד אויף דוד'ן אז ער זוכט דיר שלעכטס צו טהאן, וואלט איך מיט איהם קיין איין רגע נישט געווען צוזאמען...

איך ליעב דוד'ן, ווייל איך ווייס ווי ריין און אומשולדיג ער איז, איך פערשטעה די גוטסקייט פון זיין הארצען, די איידעלקייט און זויבערקייט פון זיין נשמה... איך ווייס אז ער איז נישט פעהיג צו זאגען אנדערש פון וואס ער טראכט... א יהען דו וואלסט איהם נאר געוואלט פערשטעהן! דאן וואלסטו צוגעגעבען אז ער איז דיר דער בעסטער פריינד, אז ער איז געגרייט זיך מקריב צו זיין פאר דיר און פאר אונזער פאלק!

— אַה, מיכל, ווי נאַאיוו און נאַריש דו ביזט איהם צו גלויבען! זיין גלאַ־טער צונג האָט דיר אין גאַנצען צוטומעלט, און דו זעהסט נישט די פאַלשקייטען וואָס ליגט ביי איהם פאַרבאָרגען... נייז, מיכל, דוד קען מעהר דיין מאַן נישט זיין... איך האָב זיך זעהר באַנאַרישט ווען איך האָב איהם פאַר מיין איידעם גענומען... דאַמיט האָט ער ביים פאָלק נאָך מעהר אויסגענומען... דאָס האָט פאַרקירצט זיין וועג צו מיין קרוין... יעצט וועל איך דיר זאָגען, מיכל, איך האָב בעשלאָסען בטל צו מאַכען דיין חתונה צו דוד'ן... פון היינט אָן איז דוד מעהר נישט מיין איידעם... דו מוזט דוד'ן פון דיין האַרצען אַרויסרייסען... ער איז מעהר נישט דיין מאַן!... דיין מאַן וועט יעצט זיין פלטיאל דער זוהן פון ליש... ער האָט געפונען גנאַדע אין מיינע אויגען און איך האָב איהם אויסגע־קליבען פאַר מיין איידעם אַנשטאָט דוד'ן!

— פאַטער! האָט מיכל אויסגעשריען און איז גלייך געפאַלען אין חלשות...

— — — — — — — — — — — — —

ווען מען האָט איהר אָפּגעמינטערט, האָט איהר לאַנג גענומען ביז וואַנען זי האָט זיך דערמאַנט וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען. באַלד האָט זי אויסגע־בראָכען אין אַ געוויין... אַ, דוד, מיין ליעבער דוד! — האָט זי געיאָמערט — אונזער גליק ווערט אויף אייביג אויסגעלאָשען... נישט מעהר וועל איך אַנקוקען דיין שעהנעם ליעבליכען פנים... נישט מעהר וועל איך הערען דיין זיסע שטימע און די צויבערענדע קלאַנגען פון דיין האַרפע!

איהר מוטער האָט איהר געזוכט צו בערוהיגען.

— מיין טאָכטער, עס איז מן הסתם אַזוי בעשערט פון הימעל; דוד איז פיעלייכט נישט דיין ריכטיגער זיווג... פלטיאל איז אויך זעהר אַ וואוילער יונג און דו וועסט נאָך פאַר איהם גליקליך זיין...

— מיין מאַמער! — איז שאול צו איהר צוגעגאַנגען — דוד איז דער גרעסטער שונא פון דיין פאַטער, ער וועט מוזען געטויטעט ווערען, ווייל כל זמן ער לעבט, בין איך און מיין גאַנץ הויז געזינט נישט זיכער מיט'ן לעבען... איך האָב זיך זעהר בענאַרישט, וואָס איך האָב לכתחילה דערלאָזען דו זאָלסט מיט איהם הייראַטען, אָבער יעצט, איז ער מעהר נישט דיין מאַן, בלויז מיין פיינד, וועמען איך האָב פולע רעכט צו טוידטען... שלאָג דוד'ן אַרויס פון דיין קאָפּ, ווייל אין דריי טעג אַרום וועסטו חתונה האָבען מיט פלטיאל'ן דעם זוהן פון ליש.

— — — — — — — — — — — — —

די גאַנצע דריי טעג האָט מיכל נישט אויפגעהערט צו וויינען און טרויערען... זי האָט צו קיינעם נישט געוואָלט ריידען אַ חוץ צו יונתן, וועלכער האָט איהר געפּרוּווט טרייסטען און בערוהיגען...

— זאָג מיר, מיין ליעבער ברודער, וואָס זאָל איך טהאָן — האָט זיך מיכל אָפּגערופען — מאָרגען ווער איך געצוואונגען צו הייראַטען פלטיאל'ן... מיינע טרעהרען האָבען נישט געקענט וויי[ב]ער מאַכען דעם פאַטער'ס האַרץ... פיעלייכט זאָל איך גאָר אַנטלויפען פון דאַנען... איך וואָלט געווען גליקליכער צו עסען ברויט און וואַסער, צו וואָהנען אין אַ איינזאַמען געצעלט און וואַרטען אויף דוד'ן...

— ניין, מיין ליעבע שוועסטער — האָט יונתן געענטפערט — מיט דיין ענטלויפען פון דאַנען וועסטו נישט זיך און נישט דוד'ן העלפען... דו בעסער בלייב מיט פלטיאל'ן... ער איז פֿערשטענדליך און גוטהערציג... גיעב איהם צו פֿערשטעהען דיין לאַגע און זאָג איהם אז דיין הייראַט צו איהם וועט בלויז זיין אין נאָמען... איך ווייס אז ער האָט דיר ליעב און וואָלט וועלען דיר זעהן גליק־ליך... ער ווייס אויך אז דו ביזט געצוואונגען דורך'ן פאַטער דאָס צו טהאָן, און איך בין זיכער אז ער וועט איינשטימען... און איך וועל דערווייל זעהן אויסצו־געפינען וואו דוד איז, און איהם אלעם דערצעהלען... איך וועל איהם ערקלערען אז דיין האַרץ געהערט נאָך אלץ צו איהם... ער וועט פערשטעהן און מיט געדולד וואַרטען אויף דער צייט ווען איהר ביידע וועט ווידער קענען צוריק פֿעראייניגט ווערען... דעם פאַטער'ס בעפעהל וועסטו אבער מוזען אויספֿאָלגען, ווייל דו ווייסט דאָך אז ער איז קראַנק... און דיין ווידערשטעלען זיך וועט איהם בלויז מעהר אויפרעגען...

— געה זאָג פלטיאל'ן אז איך וויל זיך מיט איהם זעהן — האָט מיכל געזאָגט צו יונתן — איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען פֿאַר דער חתונה...

יונתן איז אוועק און אביסעל שפעטער איז אנגעקומען פלטיאל. מיכל האָט איהם געבעטען זיצען, פלטיאל האָט זיך געזעצט און האָט בעטראַכט מיכל'ן... ער האָט געזעהן ווי בלאַס זי איז, איהרע אויגען זיינען רויט פון וויינען... אַן אומעט און טרויער ליגט אויף איהר פּנים...

— מיכל! מיכל! פאַרוואָס ביזטו אזוי אומעטיג? ! דו פיהלסט זיך אומגליקליך!... האָט פלטיאל אויסגערופען מיט צערטליכקייט.

— פלטיאל — האָט מיכל געענטפערט, קוים איינהאַלטענדיג זיך פון וויינען... מיין פאָטער פערלאַנגט אז דו זאָלסט מאָרגען מיט מיר הייראַטען... ווייסטו אבער אז איך געהער צו דוד'ן... איך ליעב איהם מעהר ווי מיין אייגען לעבען...

— איך ווייס, מיכל, איך ווייס! — האָט פלטיאל אומעטיג געזאָגט — איך ווייס אויך וויפיעל געזונד עס וועט דיר קאָסטען... אבער אזוי איז דעם קעניג'ס וואונש... קען איך זיך דען געגענשטעלען זיין בעפעהל?

— ניין, עס וועט דיר גאָרניט העלפען... מיין פאָטער איז קראַנק, ער שטעלט זיך פאָר די שרעקליכסטע זאַכען וועגען דוד'ן, און האָט ער איינמאָל בעשלאָסען מיך אוועקצונעהמען פון איהם, וועט ער זיין מיינונג ניט ענדערען...

— איך פערשטעה, מיכל, אויב דו ווילסט וועל איך זאָגען דעם קעניג אז איך האָב חרטה... ער וועט דאָך מיר נישט קענען צווינגען.

— מיין פאָטער וועט אויף דיר זיין זעהר אויפגעבראַכט דערפאַר און דאָס קען נאָך דיר זעהר פיעל שאַדען... איך וויל נישט אז דו זאָלסט צוליעב מיר דאַרפען ליידען... און א חוץ דעם קען נאָך מיין פאָטער מיר איבערגעבען צו שמעי בן גרא און דאָס וועט נאָך פיעל ערגער זיין...

— אבער מיכל, איך וואָלט דיר געוואָלט העלפען... זאָג מיר וואָס איך קען טהאָן פאַר דיר?

— פלטיאל, דו ביזט אימער צו געוועזן מיין פריינד, נאָך אין די צייטען ווען איך און דיין שוועסטער זיינען זעהר יונג געוועזן...

— יע, איך האָב דיר שוין ליעב געהאַט ווען דו ביזט נאָך א קינד געוועזן.

דיין פאטער פלעגט דיר זעהר אפט ברייננגען צו אונז אין הויז, און ווען דו פלעגסט זיך שפּיעלען מיט מיין שוועסטער מרים, בין איך זעהר גליקליך געווען צו קוקען אויף דיר און טראכטען וועגען דיר... איך געדענק אז איינמאל ביזטו געקומען צו לויפען צו אונז א צושראָקענע, און קוים כאפּענדיג דעם אטעם, האסטו אונז דערצעהלט אז א פּלשתי האָט זיך נאך דיר נאכגעיאגט... איך האָב דאן געוואלט געהן אויפזוכען דעם פּלשתי און זיך מיט איהם אפּרעכענען, אבער דו האסט מיר נישט דערלאָזען...

— יע, דאס בין איך דאן געווען אויף'ן בארג זיך צוצוהערען צו די וואונדערבארע מעלאָדיען פון דוד'ס הארפּע... דאן האָב איך נאך דוד'ן נישט געקענט, אבער דיין שוועסטער האָט מיר איינמאל מיטגענומען אויף'ן בארג איך זאָל זיך צו הערען צו די טענער וואס קומען פון טהאָל.

— האָט מיין שוועסטער שוין דאן געקענט דוד'ן? — האָט פּלטיאל געפרעגט מיט פערוואונדערונג.

— ניין, נישט דיין שוועסטער און נישט איך האָבען איהם דאן געקענט... מיר האָבען זיין פּנים קיינמאָל נישט געזעהן... אונז האָט געצויגען צו געהן אהין, צוליעב דעם שעהנעם שפּיעלען וואס מיר פלעגען הערען... פיעלע מאָל בין איך אליין אוועק אויף יענעם בארג, זיך געלעגט אויף'ן גראָז און זיך צוגעהערט צו דעם פאסטיד'ס שפּיעלען... און איין מאל, ווען איך בין געלעגען אויסגעצויגען אויף'ן גראָז און זיך צוגעהערט צו די בעצויבערענדע טענער וואס איז געקומען פון טהאָל... האָב איך בעמערקט ווי א פּלשתי דערנעהנטערט זיך... איך האָב זיך אויפגעשטעלט און גענומען לויפען... אבער דער פּלשתי האָט זיך נאך מיר נאכגעיאגט... איך האָב גענומען שרייען און לויפען מיט מיינע אלע כוחות ביז וואנען איך בין אנגעקומען אין גלים און אריין צו דיין הויז...

— אה, ביזטו דאָס דאן געלאָפען פון דעם בארג, און דאָס איז געווען דערזעלבער פּלשתי וועמען דוד האָט גלייך געטויטעט.

— יע, מיין ברודער און שמעי זיינען מיר דאן נעגאנגען נוכען, און יונתן האָט זיך דערוואוסט אז דער וואס האָט דעם פּלשתי געטויטעט איז געווען דער פאסטוך פון טהאָל... און אויף דעם צווייטען טאָג בין איך מיט איהם געגאנגען צום טהאָל וואו דער פאסטוך געפינט זיך, איהם צו בעדאנקען פאר זיין ראטעווען מיר פון דעם פּלשתי... דארטען האָב איך דעם הארפען שפּיעלער צום ערשטען מאָל דערזעהן... דאס איז געווען דוד!

— און זינט דאן האסטו דוד'ן ליעב בעקומען?

— יא, זינט דאן האָב איך פון איהם נִיט אויפגעהערט צו חלום'ען... טאָג און נאכט איז דוד פון מיין זינען נישט ארויס... איך האָב זעהר פיעל געליטען... ביז וואנען גאָט האָט אונז צוזאמענגעפיהרט נאָכדעם ווי דוד האָט גלית'ען געטויטעט... און יעצט... מיין גליק איז אזוי קורץ געווען... יעצט מוז איך זיך מיט איהם אויף אייביג שיידען... מארגען וועט אונזער חתונה זיין!

— מיכל איך בין געגרייט צו טהאָן אלעס פאר דיר! זאג מיר ווי אזוי איך קען דיינע שמערצען פערלינדערען.

— פּלטיאל, דו ביזט זעהר גוט און גנעדיג... וועסטו איינשטימען מיט מיר צו הייראטען בלויז אין נאמען?... פערשטעהסטו ביז די צייט וועט קומען און מיין פאטער וועט זיך ארומזעהן אז ער האָט געמאכט א גרויסען טעות... און

ווען דוד וועט צוריקקעהרען וועל איך צו איהם קומען ריין און אומשולדיג ווי ער האט מיר געלאזן...

— איך פארשטעה דיר, מיכל, דיין גליק איז ביי מיר טייערער פון אלעס אין דער וועלט... איך וועל טהאן אלעס וואס דו וועסט מיר הייסען...

אויף מארגען ווען די חתונה צערעמאניע האט זיך אנגעפאנגען, האט שאול בעוואונדערט די שטילקייט און געלאסענקייט מיט וואס מיכל איז געגאנגען צו דער חופה מיט פלטיאל'ן... ער האט נישט ערווארטעט אז מיכל וועט זיך אזוי שנעל אונטערגעבען... ער איז געווען זעהר צופיעדען דערפון און האט זיי ביידען, מיכל און פלטיאל'ן, געוואונשען גליק...

ניינצענטער קאפיטעל

דוד און זיין ארמעע

ווען דוד איז ענטלאפען פון בית שמש האט ער נישט געקענט בעשליסען וואוהין צו געהן. בעהאלטען זיך אין דעם פלאץ פון דעם אבן העזר, האט ער מורא געהאט, ווייל עס איז צו נאהענט צו בית שמש, און אז שאול וועט איהם נישט געפינען אין בית שמש, וועט ער מסתמא איהם ארומזוכען אין דעם גאנצען געגענד מיט זיין ארמעע און קען נאך פיעלייכט צוקומען צום אבן העזר... ניין ער וועט צוריקגעהן נאך עדלם, דארטען וועט ער זיך בעהאלטען אין דעם טיעפען חייהל. ער האט זיך געלאזען געהן אהין צו.

דער וועג איז געווען בערגעלדיג און בעוואקסען מיט ווילדע גראזען און קוסטעס. עס איז געווען זעהר א הייסער טאג. די זון האט געברענט און דוד איז שטארק מיעד געווארען, דער הונגער און דורשט האט איהם אנגעפאנגען דריקען. — ער האט אראפגענומען פון זיך גלית'עס שווערד און האט זיך אנידערגעזעצט אונטער דעם שאטען פון א בוים זיך אפצורוהען. ער האט אויפגעעפענט דעם לאגעל וואסער און דעם פעקעל שפייז וואס בת שבע האט איהם מיטגעגעבען, און האט דערקוויקט זיין הארץ... די קיכלעך וואס ער האט געגעסען זיינען געווען זעהר געשמאק... בת שבע אליין האט זיי געבאקען...

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דוד'ס פנים ווען ער האט א טראכט געטהאן פון בת שבע'ן... ווי גאסט פריינדליך זי איז צו איהם געווען... קיין גרעניץ צו איהר דאנקבארקייט... זי איז דאך אזוי שעהן און ליעבעסווירדיג... זי האט געטהאן אלעס מעגליך איהם בעקוועם צו מאכען... זי האט איהם געטרייסט און ערמוטהיגט אין זיין פערצווייפלונג... יע, אוריה דער חתי דארף זיך העכסט גליקליך שעצען צו קריגען בת שבע'ן פאר זיין פרוי... זי איז אזוי גוט און קלוג ווי זי איז שעהן און ליעבליך... אבער אוריה איז אויך א וואוילער יונג... ער איז בראוו און איבערגעגעבען צו איהם... ער האט דאך איהם נאר וואס פון א זיכערען טויט געראטעוועט... ער איז איהם זעהר דאנקבאר דערפאר...

דוד האט זיך גאנץ צופריעדען געפיהלט אז דורך איהם האט אוריה בת שבע'ן געקראגען... דאס איז א בעלאהנונג פאר זיין געטריישאפט וואס ער האט צו איהם ארויסגעוויזען... אוריה איז א סך גליקליכער פאר איהם... קיינער הינדערט און צושטערט נישט זיין גליק... ער קען קומען און פערברייננגען מיט בא

שבע'ן ווען ער וויל... אבער ער איז פעריאגט פון זיין היים, פערטריבען פון זיין ליעבע מיכל... פיעלע וואכען זיינען פערלאפען און ער האט דעם וואונדערשעהנעם פנים פון זיין געליעבטער פרוי נישט געזעהן... איהר זיסע קלינגענדע שטימע נישט געהערט... או אכזרי'שע האנט האט זיי אזוי שנעל צושיידט!... ווייס נאר גאט וואס מיט איהר האט פאסירט דורך דיעזער אומגליקליכער צייט... ווי שטארק זי מוז בענקען נאך איהם... ווי איינזאם זיין מיכל פיהלט זיך... זי, די פרינצעסין, די שעהנסטע צווישען טעכטער, דארף יעצט אזוי פיעל ליידען צוליעב איהר ליעבע צו איהם... און בת שבע? — איז זי פלוצלונג ווידער ארויפגעקומען אויף זיינע געדאנקען — זאל עס זיין אז זי האט איהם אויך ליעב?... אה ניין, נארישקייטען! זי איז דאך פערק'נסט צו אוריה'ן... באלד וועט זיא מיט איהם הייראטען... אבער וואס זאלען איהרע ווערטער בעדייטען: "איך וואלט בעסער געשטארבען איידער צו וויסען אז דו וואנגעלסט ארום אהן שוץ און אהן שפייז"... "דיין זיכערקייט און וואוילזיין איז מיר טייער ווי מיין לעבען וואס בעלאנגט אלץ איינס צו דיר"?... יא, בת שבע איז געווען ווי א ליכטיגער שטראהל אין די פינסטערנים פון זיין גלות... איהר אנוועזענהייט האט איהם געמאכט צו פיהלען אזוי היימיש און בעקוועם... ווי ביטער זי האט געוויינט ווען ער האט זיך מיט איהר געזעגענט...

"דוד! דוד! פערלאז מיר נישט!" וואס זאל עס אלעס בעדייטען? יע, דאס איז בלויז דאנקבארקייט... ער האט איהר גערעטעט פון שאנדע און פיעלייכט אויך פון טויט... דעריבער פיהלט זי צו איהם אזוי! נאך אלעמען ווי קומט בת שבע צו מיכל'ן! מיכל איז א סך שעהנער פון איהר! אה, ווען ער קען איהר זעהן פאר א ווייל, ווי גליקליך ער וואלט זיך געפיהלט... ווי שטארק זיין הארץ בענקט און נאגט נאך איהר... ווען ער וואלט בלויז געהאט פון איהר א גערוס... אפשר איז פאראן פאר איהם א בריעף פון יונתן... ער איז דאך נישט וויט פון אבן העזר... יע, ער וועט צוגעהן אהין...

דוד האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ, ער האט אנגעגורט דעם שווערד און איז אוועק צו דער אבן העזר... ער האט זיך גוט ארומגעקוקט צו קיינער בעמערקט איהם נישט, און איז אריין אין דער עפענונג פון פעלזען שטיין.

פלוצלונג האט דוד ארויסגעצויגען דעם שווערד פון שייד און אפגעשפרונגען אויף צוריק א דערשראקענער... ער האט דארטען דערזעהן אימיצען ליגענדיג...

— ווער ביזטו?! — האט דוד אויסגערופען, האלטענדיג דעם בלאנקען שווערד געגרייט אין זיין האנט. — ווער ביזטו און וואס טוסטו דא?!...

— דוד! דוד! — האט דער מאן אויסגעשריען, אויפהויבענדיג זיך פון זיין פלאץ.

דוד'ס שרעק איז נאך גרעסער געווארען: האט מען דען אויסגעפונען זיין בעהעלטענים?... דער קעניג האט פיעלייכט איהם אהער געשיקט איהם אפצוהיטען... און ווער ווייס צו ליגען דא ערגיץ וואו נישט בעהאלטען מעהרערע דינער פון שאול'ן... זיין הארץ האט גענומען קלאפען שטארקער... זאל עס מעגליך זיין אז באלד וועט דא בלוט פערגאסען ווערען...

— ווער ביזטו?! — האט זיך דוד אפגערופען, האלטענדיג דעם שווערד נאך שטייפער אין האנט — ביזטו א פריינד אדער א שונא?...

— דוד דו דערקענסט מיר גאר נישט ?! איך בין אביתר, אחימלך דעם כהן גדול׳ס זוהן ! פון מיין גאנצע משפחה בין איך דער איין איינציגער לעבען געבליבען... אזוי ווי דו אנטלויף איך יעצט פון שאול׳ן... דו האסט דאך געוויס געהערט וואס דער קעניג האט געטהאן׳צו אלע כהנים פון נב...

— אביתר, דו ביזט עס ?! אח, געלויבט איז גאט וואס ער האט דיר צו מיר געשיקט... יע, איך וויים פון אלעס... איך בין אין דעם שולדיג... מיט מיין אומפארזיכטיגקייט האב איך גורם געוועזן דעם טויט פון דיין גאנצער פאמיליע... ריינע אומשולדיגע בלוט איז פערגאסען געווארען... אח, פערפלוכט זאל ווערען דואג דער אדומי ! ער האט א בלבול געמאכט אויף דיין פאטער... דער קעניג איז דאך קראנק, און אין א רגע פון אויפרעגונג האט ער בעפוילען אלע כהנים צו טוידטען... נקמה וועל איך נעמען פון דעם אדומי !

— ווען איך וואלט געהאט ביי זיך געוועהר, ווען דואג האט מיין פאטער געטויטעט, וואלט ער באלד מיט זיין לעבען בעצאהלט... מיט מיין פויסט האב איך זיין פנים צובלוטיגט און איהם צום באדען געווארפען... אבער ער איז באלד צו זיך געקומען און די איבעריגע הילפלאזע כהנים געטויטעט...

— דו קענסט זיך פארשטעלען, אביתר, ווי גרוים שאול׳ס שנאה איז צו מיר, אז ביי איהם איז רעכט געוועזן אויסצוקוילענען א גאנצע שטאדט פון כהנים צוליעב א חשד אז זיי האבען מיר מיט עטוואס געהאלפען... ער האט פערשפרייט נעצען איבער׳ן גאנצען לאנד מיר צו כאפען... און ווען איך האב דיר דא יעצט געטראפען, האב איך געמיינט אז דו ביזט עס איינער פון דעם קעניג׳ס שלוחים...

— ווי שרעקליך איז עס געוועזן פאר מיר צו זעהן ווי דואג טויטעט מיין פאטער. ער איז געשטארבען ווי א קדוש... די הענט צום הימעל אויפגעהויבען, און א תפלה צו גאט האט געפליסטערט פון זיינע בלייכע ליפען... אח, דער קעניג פערדיענט דעם טויט פאר זיין שרעקליכע גרויזאמקייט !

— דו טארסט אזוי נישט ריידען אביתר, ווענען דעם געזאלבטען פון גאט... עס איז מסתמא אזוי געוועזן דער רצון פון אונזער פאטער אין הימעל... אבער זאג מיר, אביתר, פון וואנען האסטו׳געוואוסט אז איך געפין זיך דא ?...

— ווען איך האב דורכגעבראכען די שורות פון שאול׳ס וואך און ענטלאפען פון קעניג, האב איך לויפענדיג האסטיג געפיהלט ווי אימיצער רופט מיר ביי מיין נאמען... איך האב זיך זעהר דערשראקען און נאך שנעלער געלאפען... אבער יענער האט געריטען אויף א פערד און האט מיר באלד דעריאגט...

— און ווער איז דאס געוועזן ? — האט דוד געפרעגט.

— דאס איז געוועזן יונתן, שאול׳ס זוהן — האט אביתר געענטפערט — ווען איך האב איהם דערזעהן האב איך זיך אפגעשטעלט...

"לויף צו דעם אבן העזר — האט ער מיר געזאגט — דארטען וועסטו מעג־ליך אויך טרעפען דוד׳ן, און צוזאמען מיט איהם וועסטו בעשליסען וואס ווייטער צו טהאן, זאג אז דוד׳ן אין מיין נאמען אז די געפאהר איז נאך יעצט גרעסער ווי פריהער... ער זאל זעהר פארזיכטיג זיין"...

— האט ער דיר עפעס געזאגט ווענען מיין פרוי, מיכל׳ן ? — האט איהם דוד געפרעגט.

— ניין, ער האט זיך שנעל אומגעדרעהט און אוועקגעריטען, און איך בין

גלייך אוועק אהער... דריי טעג ליעג איך שוין דא בעהאלטען פערשמאכטעט פון הונגער און דורשט... איך האב געמיינט אז דו וועסט שוין דא מעהר נישט קו־מען... און יעצט האט דיר גאט צו מיר געבראכט...

— איך האב נאך מיט מיר עטוואס שפייז און וואסער, דערקוויק דיין הארץ און מיר וועלען גלייך דיזען פלאץ פערלאזען — האט דוד געזאגט און איהם דערלאנגט די איבערגעבליבענע קיכלעך און דעם לאגעל וואסער.

אביתר האט געגעסען און געטרונקען; ער האט זיך געפיהלט קרעפטיגער און ער האט זיך אפגערופען:

— וואוהין וועלען מיר יעצט געהן?

— מיר וועלען געהן נאך עדלם. דארטען איז פאראן א פערבארגענע גרויסע הייהל... דער קעניג געפינט זיך יעצט אין דער שטאדט בית שמש, דער פלאץ איז נישט ווייט פון יענער שטאדט, און ער קען אונז נאך דא טרעפען...

— [illegible] אביתר זיינע אוועקגעגאנגען נאך עדלם...

— [illegible]אנג פון הייהל געפינט זיך אין דעם דערבייאיגען וועלדעל

— האט דוד געזאגט — מאך זיך דיינע סמנים כדי דו זאלסט נאכהער קענען [illegible]נגאנג...

יענע נאכט האבען ביידע דארטען גענעכטיגט. אויף מארגען האט זיך דוד אפגערופען צו אביתר'ן:

— זעהר לאנג וועלען מיר דא נישט קענען פערברייגען... די צייט פון רע־גען וועט באלד אנקומען און אונז וועט שווער זיין צו קריגען שפייז... דעריבער וואלט איך דיר געראטען, דו זאלסט אריבערגעהן נאך בית לחם, זיך זעהן מיט מיין פאמיליע און זיי אלעמען ברייגען אהער, און פון דאנען וועלען מיר צוזא־מען אנטלויפען נאך דעם לאנד מואב... דארטען וועלען מיר זיך אלע פיהלען א סך זיכערער ווי דא אין אונזער אייגען לאנד... מיין הארץ שרעקט מיר זעהר, דער קעניג זאל זיין צארן נישט אויסגיסען אויף מיינע עלטערען און ברידער... אז איך זאל אליין אהין געהן, וואלט איך גלייך ארייגעפאלען אין די הענט פון מיינע שונאים, ווייל אלע קענען מיר און יעדער וויים אז איך אנטלויף פון דעם קעניג. אבער דיר קען קיינער נישט און דער קעניג אליין האט קיין בעפעהל ארויסגעגעבען דיר צו געפינען, וועט פאר דיר זיין זיכערער צו קומען אין בית לחם...

— איך בין גרייט צו טהאן אלעס וואס מיין האר וועט מיר זאגען — האט אביתר זיך אפגערופען — זאל איך גלייך אהין אוועקגעהן?

— יע, וואס גיכער וועט אלץ זיין בעסער... מיינע ברידער זיינען שטארקע און בראווע יונגען און צוזאמען וועט אונז גרינגער זיין זיך קעגענצושטעלען אונ־זערע שונאים.

אביתר האט פערלאזען דעם הייהל און איז אוועק אויף דעם וועג וואס פיהרט צו בית לחם.

פון דער צייט ווען דוד איז פון גבעה ענטלאפען איז יואב דער זוהן פון צרויה ארומגעגאנגען אין גבעה אן אומעטיגער און פערזארגטער... ער האט אזוי לאנג געטרוימט צו זיין צוזאמען מיט דוד'ן, זיין אנקעל, צו קעמפפען מיט איהם געגען די שונאים... שווער איז איהם אנגעקומען איידער זיין מוטער האט

צוגעשטימט דערצו, און ווען זיינע חלומות זיינען פערווירקליכט געווארען, און דוד האט איהם געמאכט פאר א הויפט פון א קליינע ארמיי, דארף זיך מאכען אז דוד אליין איז געצוואונגען צו אנטלויפען פון גבעה...

יואב'ן האט זיך זעהר נישט געגלוסט זיך צוריקקעהרען אהיים קיין בית לחם... ער האט זיך שוין געהאט אפגעוואוינט פון פאשען די שאף... ער האט נאך אלץ געהאפט אז דער קעניג וועט סוף כל סוף שלום מאכען מיט זיין איידעם און דוד וועט צוריק ווערען דער שר אלף ווי פריהער... ער איז פערבליבען אין גבעה און געווארט...

ער פלעגט מיט יונתן אוועקגעהן צו מיכל'ן און זיך מיט איהר דורכריידען וועגען דוד'ן און אין דעמזעלבען טרייסט וואס ער האט געגעבען מיכל'ן, האט ער אליין געפונען א טרייסט... ווען, אבער יואב האט זיך דערוואוסט אז דער קעניג האט בטל געמאכט דוד'ס חתונה מיט מיכל'ן און איהר אפגעגעבען צו פלטיאל'ן, האט ער שוין מעהר נישט געוואלט פערבלייבען אין גבעה... א ווען ער זאל נאר וויסען וואו דוד געפינט זיך, ער וואלט צו איהם געלאפען און פער־בליבען מיט איהם... דוד בעהאלט זיך פון שאול'ן, קיינער וויים נישט וואו ער געפינט זיך... אפילו יונתן וויים אויך נישט... ער האט געהאפט איהם צו טרעפען אין דעם פלאץ פון אבן העזר... אבער ער איז שוין דארטען עטליכע מאל געווען און קיין שפור פון איהם געפונען... יואב האט זיך אומגעקעהרט אהיים, קיין בית לחם. ער האט דערצעהלט פאר אלעמען אלעס וואס דוד האט דורכגעמאכט... און אז דער קעניג האט אפגעגעבען דוד'ס פרוי צו אן אנדערען.

— מיין ליעבעם קינד! — האט דוד'ס מוטער אויסגעבראכען אין א געוויין

— פארוואס קומט דיר אזוי בעשטראפט צו ווערען!... גאט וויים וואו ער איז פערוואגעלט געווארען... ער לײדט געווים פון הונגער און קעלט... ער איז תמיד אין שרעק פאר דעם צארן פון קעניג...

— דאס איז די גרויסע דאנקבארקייט וואס דער קעניג וויזט אונזער העל־דישען ברודער פאר זיין קעמפפען געגען גלית'ן — האט זיך אליאב אפגערופען

— ער האט געגרויסט דעם נאמען פון אונזער פאלק און שאול'ס קרוין גערעטעט, און יעצט צאהלט ער איהם אפ מיט דערנער דערפאר...

— און וואס האבען מיר אלע געהאט פון אונזערע גבורות וואס מיר האבע, ארויסגעוויזען אין אלע מלחמות מיט אונזערע שונאים! — האט אבינדב אויס־גערופען — דער קעניג איז מקרב נאר די וועלכע שטאמען פון שבט בנימין... און אפילו, ווען ער האט געמוזט האלטען זיין פערשפרעכען און אפגעבען דעם שלעגער פון גלית'ן זיין טאכטער פאר א פרוי, האט ער זי באלד ביי איהם צוגע־נומען, ווייל דוד שטאמט נישט פון שבט בנימין! ער איז פון דעם שבט יהודה! איז דען שאול נישט דער קעניג איבער אלע שבטים? פארוואס זאל ער איגנא־רירען און פעראכטען די איבעריגע שבטים!

— מיר דארפען אונזער האפנונג אין גאט נישט פערלירען — האט זיך דער גרייז גראהער ישי אפגערופען — ער וועט דוד'ן נישט פערלאזען... ער האט איהם ביז אהער געהאלפען און וועט איהם אויך ווייטער העלפען...

— ווען מיר זאלען נאר וויסען וואו ער געפינט זיך! — האט יואב גע־זאגט — וואלטען מיר איהם פיעלייכט מיט עטוואס געקאנט בעהילפיג זיין.

— אזוי פיעל אומזיסטע בלוט האט דער קעניג פערגאסען צוליעב זיין

נארישע אייפערזוכט אויף דוד'ן — האט שמה אויסגערופען — ביי מיין לעבען שווער איך אז אזא זאך האט נישט געטארט פערשוויגען ווערען... ער האט אויסגעשלאכטעט א גאנצע שטאדט כהנים און דאס פאלק זאל שווייגען?

— בערוהיג זיך מיין זוהן — האט ישי געזאגט צו שמה'ן — פערגעס נישט אז שאול איז א געזאלבטער פון גאט, דער נביא שמואל האט דאך איהם פאר א קעניג געזאלבט... בלויז גאט אליין קען זיין שטראף בעשטימען, און מיר, מענשען טארען חלילה גארנישט טהאן געגען זיין געזאלבטען...

— אביתר, אחימלך דעם כהן גדול'ס זוהן ווארט אין דרויסען! — האט עשהאל, יואב'ס אינגערער ברודער, געמאלדען...

אביתר! ער לעבט נאך?! — האט ישי אויסגערופען.

— יע, ער איז דער איין איינציגער וועלכער האט זיך פון דואג'ס שווערד געראטעוועט — האט יואב געענטפערט.

— זאל ער גלייך אריינקומען — האט ישי אויסגערופען.

עשהאל איז ארויסגעגאנגען און באלד צוריקגעקומען מיט אביתר'ן...

— געבענשט זאל זיין דיין קומען צו אונז, מיין קינד — האט ישי איהם בעגריסט — מיר וויסען וועגען דעם גרויסען אומגליק וואס איז דיר בעפאלען... זאל דיר אונזער פאטער אין הימעל טרייסטען. דו ביזט אנטלאפען פאר דיין לעבען פון דעם קעניג'ס כעס, און אזוי ווי מיין זוהן דוד מוזטו זיין פערוואגעלט און זיך אויסבעהאלטען, שטעה מיט אונז, און זאל גאט געבען אז מיר זאלען האבען די מעגליכקייט דיר צו בעשיצען.

— ניין, מיין האר — האט זיך אביתר אפגערופען — איך בין אהער געשיקט געווארען פון דוד'ן...

— דוד!! האבען אלע מיט אמאל אויסגערופען איבערראשט — וואו געפינט ער זיך יעצט און וואס מאכט ער?

אביתר האט זיך ארומגעקוקט ווי ער וואלט געצווייפעלט צו קען ער דא פאר אלעמען ענטדעקען אזא וויכטיגען סוד...

ישי האט באלד פערשטאנען אביתר'ס מחשבות און האט זיך אפגערופען:

— דו קענסט אהן מורא דערצעהלען פאר אונז דיין סוד, ווייל אלע פערזאמעלטע אין מיין הויז זיינען פון מיין פאמיליע.

— דוד געפינט זיך נישט ווייט פון דאנען, אין דער שטאדט עדלם, דארטען איז ער בעהאלטען אין א פארבארגענער הייהל... איך בין דארטען אויך געווען בעהאלטען מיט איהם. דוד האט מורא אז דער קעניג זאל זיין כעס נישט אויסלאזען אויך צו אייך, זיין פאמיליע. דעריבער האט ער מיר צו אייך געשיקט איך זאל אייך ברייגנען צו איהם, און פון דארטען, האט ער געזאגט, וועלען מיר אלע אנטלויפען אין דעם לאנד מואב, וואו אונזערע לעבענס וועלען א סך זיכערער זיין ווי דא, אין ארץ ישראל...

— דוד איז גערעכט! — האט יואב אויסגערופען — קיינער קען נישט וויסען וואס דעם קעניג קען איינפאלען היינט אדער מארגען... ער קען פלוצלונג בעשליסען אויסצוראטען דוד'ס גאנצע פאמיליע. יע, מיר וועלען געהן...

— מיר וועלען אלע געהן! — האט זיך ישי אפגערופען און זאל אונז דער בעשעפער העלפען און מיר זאלען זיך צוריקקעהרען נאך ארץ ישאל מיט פרעה־

ליבערע געמיטהער, ווי מיר פערלאזען זי... און אויב מיר ווערען אויסגעפינען אז דוד ווייס נאך נישט וואס שאול האט געטהאן מיט זיין פרוי, איז גלייכער, אז מיר זאלען צו איהם דאפון ניט ריידען...

ישי האט געוואַרט ביז זיינע איבעריגע זיהן האבען זיך צוריקגעקעהרט פון פעלד. דערווייליע האבען, די פרויען צוגעגרייט געגוג שפייז פאר אלעמען, און פארנאכט צו, ווען די זון האט געהאלטען ביים אונטערגעהן, האט די גאנצע פאמיליע פון ישי פערלאזען בית לחם, מיטנעהמענדיג זייערע שאף און רינדער.

די שכנים האבען פערשטאנען פארוואס ישי און זיין הויזגעזינד פערלאזען בית לחם... זיי האבען איהם גארנישט געפרעגט אבער אין הארצען האבען זיי שטארק בעדויערט זייז אוועקגעהן פון שטאדט...

איינינע שטונדען האבען זיי געריייזט ביז וואנען זיי זיינען צוגעקומען צו דער מערה פון עדלם... אביתר איז פריהער אליין אריין און ארויסגערופען דוד'ן.

די לבנה אליין, וועלכע האט בעלויכטען די נאכט, איז געוועזן אן עדות צו דוד'ס בעגעגניש מיט זיינע עלטערען, ברידער און קרובים, וועמען ער האט שוין אזוי לאנג נישט געזעהן... אומארמונג... געוויינען, האלזען און קושען האט אפּ־געהילכט אין דער שטילקייט פון וואלד...

— ווי נאר דער מארגענשטערען וועט אויפגעהן, וועלען מיר אוועקגעהן צו די גרעניצען פון מואב... איך וועל בעטען דעם קעניג ער זאל אייך געבען שוץ אין זיין לאנד...

— וואלט נישט געווען גלייכער — האט זיך יואב אפגערופען — ווען מיר וואלטען צוזאמענגעשטעלט א קליינע ארמעע פון גבורים, זיך צו פערטהיידיגען פון דעם קעניג'ס אטאקעס, און מיר זאלען פערבלייבען טאקע דא. אין דעם הייהל פון עדלם...

— פריהער פון אלץ מוז איך בעזארגען מיין פאטער און מוטער און די איבעריגע פרויען פון אונזער פאמיליע, און אז זייערע לעבענס וועלען זיין גע־זיכערט, וועלען מיר דאן בעשליסען וואס צו טאהן...

אלע האבען אפגענעסען און אפגעטרונקען. זיך עטוואס אויסגערוהט און ווי נאר דער מארגענשטערן האט זיך בעוויזען, האט זיך דוד אפגערופען.

יעצט לאמיר געהן נאך מואב! איך האב אויסגעפונען א קורצען וועג און אויך א מעהר זיכערען.

דעם גאנצען טאג האבען זיי געוואנדערט נאך דרום צו און פארנאכט זיי־נען זיי אנגעקומען אין מצפה מואב.

דער קעניג פון מואב וועלכער האט אויך געהערט פון דוד'ס גבורות, האט איהם געגעבען א פיינע אויפנאהמע.

— מיין לאנד איז פריי פאר דיר — האט דער קעניג געזאגט צו דוד'ן — דו קענסט זיך בעזעצען וואו דיר געפעלט.

— איך דאנק דיר זעהר, מיין האר קעניג — האט זיך דוד פערנייגט — איך וויל בלויז אז מיין פאטער און מוטער זאלען דא פערבלייבען צוזאמען מיט די איבעריגע פרויען פון מיין פאמיליע, ביז וואנען גאט וועט העלפען, און איך מיט מיינע ברידער און די אנדערע מענער וועלען מיר זיך צוריקקעהרען אין ארץ ישראל.

— איך וועל זיי געבען א הויז נישט ווייט פון מיין פאלאץ און אויך א

פלאץ פאר זייערע בהמות — האט דער קעניג געזאגט און דו מעגסט רוהיג זיין אז זיי וועלען קריגען שוץ אין מיין קעניגרייך.

דוד האט דעם קעניג נאך אמאל בעדאנקט און ווען ער האט זיי אלעמען בעזעצט, האט ער זיך אפגערופען צו יואב'ן:

— ווייסטו דען פון נאך העלדען וועלכע וואלטען זיך וועלען אנשליסען צו אונז, אויב דו ווייסט פון א גענוגענדען צאהל, דאן וועלען מיר, אלע מעגער זיך צוריקקעהרען צו דער מערה פון עדלם, און ארגאניזירען א קליינע זעלבסטשוץ ארמעע...

יואב'ס אויגען האבען גענומען שטראהלען פון שמחה:

— איך ווייס פון זעהר א סך מענשען, וועלכע זיינען פארביטערט, גע'רודפ'ט און געפלאגט ווי מיר זיינען... איך וועל זיי ברייננגען צו דיר אין עדלם... אבישי און עשהאל, מיינע ברידער, וועלען מיר אויך העלפען קריגען מענשען און געוועהר.

דוד, זיינע ברידער און צרויה'ס זיהן האבען זיך געזעגענט מיט ישי'ן און די איבעריגע און האבען פערלאזען דאס לאנד פון מואב.

ארום פיער הונדערט מענשען האט יואב צוזאמען געקליבען, מענשען וועלכע זיינען געווען פערביטערט און ענטוישט אין לעבען, מענשען וועלכע האבען געקומט חובות און נישט געהאט מיט וואס צו בעצאהלען, און נישט וועלענדיג זיין קיין קנעכט צום מלוה, האבען זיי זיך אנגעשלאסען אין דוד'ס ארמעע. דוד איז געווארען זייער פיהרער.

פון צייט צו צייט, פלעגען זיי בעפאלען פערשיעדענע ווילדע שבטים, וועלכע האבען פיעלע מאל געדריקט די אידען... זיי האבען זיי פערניכטעט און צוגענומען זייער געוועהר און שפייז.

איינמאל ווען דוד האט זיך צוריקגעקעהרט פון אזא איבערפאל איבער א פרעמדען שבט, האט ער בעגעגענט עטליכע אידען וועלכע האבען יאמערליך געוויינט...

— וואס האט פאסירט? — האט זיי דוד געפרעגט.

— מיר ענטלויפען עם יעצט פון אונזער שטאדט קעילה, די פלשתים האבען אונז בעפאלען און רויבען פון אונז אלעס וואס מיר פערמאגען.

— קומט לאמיר געהן העלפען די אידען פון קעילה — האט זיך דוד אפגערופען צו יואב'ן און זיינע מענשען.

— מיר זיינען געגרייט — האבען אלע אויסגערופען און אנגעגורט זייערע שווערדען...

— מיר געהן אייך העלפען! — האט דוד געזאגט צו די פעריאמערטע אידען — מיר וועלען מיט גאטעס הילף פערטרייבען דעם שונא פון אייער שטאדט — ווייזט אונז דעם וועג צו אייער שטאדט.

די פערוואגעלטע אידען האבען דוד'ן אנגעוויזען דעם וועג און צוזאמען מיט זיינע מענשען האט דוד בעפאלען די פלשתים וועלכע האבען זיך געפונען אין דער שטאדט קעילה, און זיי אלעמען אויסגעשלאכטעט און ער האט געהאלפען די איינוואהנער פון קעילה.

די עלטסטע פון שטאדט זיינען ארויסגעקומען בעדאנקען דוד'ן פאר דער גרויסער ישועה וואס ער האט זיי געבראכט...

— אונזער שטאדט האָט א שטארקע פעסטונג — האבען זיי געזאגט — דוד'ן אויב דיר געפעלט קענסטו זיך דאָ מיט דיינע מענשען בעפעסטיגען.

— גוט מיר'ן פערבלייבען ביי אייך אין שטאדט האָט דוד געזאגט.

איינינע וואכען זיינען זיי געבליבען זיצען אין שטאדט. און צוויי הונדערט מענשען פון דער שטאדט קעילה, דערזעהענדיג די העלדישקייט וואס דוד און זיינע מענשען האבען ארויסגעוויזען אין זייער קאמפף מיט די פלשתים, האבען זיך אויך אנגעשלאָסען אין דוד'ס ארמעע, וואס איז יעצט פערגרעסערט געווארען ביז זעקס הונדערט...

דערווייל האָט אימיצער אנגעזאגט שאול'ן אז דוד געפינט זיך אין דער שטאדט קעילה און האָט זיך דארטען בעפעסטיגט מיט זעקס הונדערט מענשען.

— גאָט האָט מיין שונא איבערגעגעבען אין מיינע הענט — האָט שאול אויסגערופען — מיר וועלען בעלאגערען די שטאדט ביז וואנען זיי וועלען זיך אונטערגעבען און איבערגעבען אונזער שונא אין מיינע הענד.

ווען יונתן האָט זיך דערוואוסט פון זיין פאטער'ס פּלענער איז ער שנעל אוועקגעריטען מיט זיין נושא כלים צו דער שטאדט קעילה... ער אליין האָט זיך אויסבעהאלטען אויסערן שטאדט און זיין נושא כלים האָט ער געשיקט אנזאגען דוד'ן אז יונתן וויל זיך מיט איהם זעהן.

דוד איז ארויס געקומען, און דערזעהענדיג זיין בעסטען פריינד יונתן, האָט ער זיך זעהר דערפרעהט, ער האָט איהם געהאלדזט און געקושט.

— וואס מאכט מיכל? — האָט איהם דוד גלייך געפרעגט.

— איך וועל דיר אלעס דערצעהלען שפּעטער! — האָט יונתן אויסגערופען — דו טארסט דערווייל קיין צייט נישט פערלירען! נעהם צוזאמען דיינע מענשען און פערלאז די שטאדט קעילה, ווייל מיין פאטער קומט אָן מיט א גרויסע ארמעע... נעבען דעם מדבר זיף איז פאראן א קליינער וועלדעל דארטען וועסטו זיכערער זיין און דארטען וועל איך דיר אלעס דערצעהלען.

דוד האָט צוזאמענגעקליבען זיינע מענשען און זיי האבען זיך אוועקגעלאזען צו דעם מדבר זיף...

שאול איז אָנגעקומען מיט א גרויסע ארמעע און האָט ארומגערינגעלט די שטאדט. ווען מען האָט איהם אבער דערצעהלט אז דוד האָט די שטאדט פערלאָזען האָט ער זיך אומגעקעהרט אהיים.

די גאנצע צייט, אויפ'ן וועג פון עדלם ביז דעם מדבר זיף, האָט יונתן געזוכט אויסצומיידען ארייצוגעהן מיט דוד'ן אין א געשפּרעך וועגען פערזענליכע אנגעלעגענהייטען. ער האָט דוד'ן געבעטען דערצעהלען וועגען די מלחמות מיט די פּלשתים און וועגען זיין ארמעע. ער האָט פארשטאנען פון זיינע רייד אז דוד האָט נאָך גאר קיין אהנונג ניט וואָס עס האָט פּאסירט מיט מיכל'ן און עס איז איהם זעהר שווער געווען דאָס צו דערצעהלען...

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין זיף, און דוד'ס מענשען האבען גענומען צו־נויפשטעלען די געצעלטען, האָט זיך דוד אפּגערופען צו יונתן:

— דו האָסט מיר נאָך אלץ ניט געזאגט וואָס מיכל מאכט און ווי זי פיהלט זיך. איך געה אויס פון בענקעניש נאָך איהר... אויב עס וועט אזוי לייגער אנ־האלטען און איך וועל קיין געלעגענהייט ניט האבען איהר צו זעהן, כאָטש פון דער ווייטען, וועט מיר דאָס לעבען אין גאנצען נמאס ווערען... טאָג און נאכט

טראכט איך פון מיין מיכל... איך בעט דיך, יונתן, מיין ברודער, פיעלייכט וועט פאר דיר מעגליך זיין צו בעשטימען א פלאץ וואו איך און מיכל וועלען זיך קענען טרעפען... איך וועל איינשטעלען מיין לעבען און צוקומען ביינאכט צו גבעה און ווארטען הינטער'ן שטאדט, ביז וואנען דו וועסט צוקומען מיט איהר... פארשפרעכסטו מיר עס צו טהאן, מיין ליעבער פריינד יונתן?

— דוד... המ... אבער... עס איז מיר זעהר שווער דיר צו זאגען — האט יונתן קוים ארויסגערעדט — ווי איך זעה האסטו נאך פון גארנישט געהערט...

— וואס?! האט דען אן אומגליק פאסירט?! איז מיכל קראנק?! איך בעט דיך פארלייקען גארנישט פון מיר! — האט דוד א צושראקענער אויסגערופען.

— מיכל איז פארקאם געזונד — האט יונתן געענטפערט — אבער מיין פאטער האט בטל געמאכט די חתונה פון דיר און מיכל...

דוד איז בעגאסען געווארען מיט א קאלטען שוויים.

— ער האט בטל געמאכט אונזער חתונה?!... ניין, קיין מאכט אין דער וועלט וועט נישט זיין בכח אונזער הייליגען ליעבעס בונד צוצורייסען... איך בעט דיך, יונתן, געה צו מיכל'ן און זאג איהר אז זי זאל מיך טרעפען הינטער'ן שטאדט... איך וועל איהר אוועקנעהמען פון גבעה... איך וועל מיט איהר אוועקגעהן נאך מואב וואו מיין פאטער און מוטער געפינען זיך, און דארטען וועלען מיר פאר קיינעם נישט דארפען מורא האבען, מיר וועלען העכסט גליקליך זיין צוזאמען... שווער מיר צו, מיין ברודער, ביי אונזער פריינדשאפט, אז דו וועסט מיר טהאן די געפעליגקייט אין זאגען מיכל'ן וועגען דעם...

— איך האב אבער מורא אז דאס וועט זעהר ווייניג העלפען — האט יונתן טרויעריג געענטפערט — ווייל... ווייל דער פאטער האט איהר געצוואונגען חתונה צו האבען מיט פלטיאל'ן דעם זוהן פון ליש...

— מיין מיכל האט געהייראט מיט א צווייטען!! — האט דוד אויסגערופען. זיינע אויגען האבען גענומען שווינדלען און דער קאפ האט זיך איהם גענומען דרעהען...

— שטארק זיך מיין ברודער, — האט איהם יונתן צוגעהאלטען, — איך וויים אז דאס איז זעהר א גרויסער קלאפ, אבער דו טארסט דאך די האפנונג נישט פארלירען.

— און מיכל האט זיך געלאזט איבעררעדען! האט זי מיך מעהר נישט ליעב?... אה, גאט! איז עס מעגליך!...

— מיכל איז געוועזען הילפלאז! אזוי איז געוועזען די גזרה פון אונזער פאטער. זי האט גע'חלש'ט ווען זי האט עס דערהערט, מען האט איהר קוים אפגעמינטערט... איהר וויינען און טענה'ן האבען איהר גארנישט געהאלפען... אבער פלטיאל האט איינגעשטימט צו זיין איהר מאן בלויז אין נאמען...

— איך וועל געהן מיט מיינע זעקס הונדערט מענשען נאך גבעה און מיט געוואלד איהר אוועקנעהמען פון דארטען! — האט דוד אויסגערופען, זיך נישט איינהערענדיג צו יונתן'ס לעצטע ווערטער.

— ניין, טהו עס ניט, מיין ברודער, פארגים ניט קיין אומזיסטע בלוט! — האט איהם יונתן געבעטען — דו וועסט נאך דאמיט ערגער מאכען... דו ווייסט דאך ווי פארביטערט מיין פאטער איז געגען דיר... ער האלט אימער גרייט א

גרויסע ארמעע דיך אויפצוזוכען און בעשטראפען, און יעצט אז דו וועסט נאך אליין אנקומען אין גבעה... עס וועט דאך מוזען פארקומען א פירכטערליכע שלאכט און א סך בלוט וועט פארגאסען ווערען... און עס וועט דיר ברייגנען זעהר ווייניג נוצען... דאס וועט נאך מעהר רייצען מיין פאטער'ס כעס אויף דיר... ער וועט דאן זאגען אז דו ביזט געקומען מיט דיינע מענשען איהם צו טויטען און דאס וועט נאך מעהר בארעכטיגען זיינע רדיפות אויף דיר!

— דו ביזט גערעכט, מיין ליעבער ברודער — אומזיסטע בלוט טאר צווישען מענשען פון איין פאלק ניט פארגאסען ווערען... מיר דארפען אנוועגדען אונזערע קרעפטען געגען אונזערע שונאים פון דרויסען וואס האבען ווידער געגר־מען קריגען די איבערהאנד און דריקען אונזערע ברידער וועלכע זיינען אומ־גליקליך געגוג צו וואהנען אויף דעם לאנד וואס גרעניצט זיך מיט די פלשתים... יא, אונזערע שונאים זעהן אז דער קעניג און זיינע ארמייען זיינען פארנומען אין אויפזוכען מיך... דיין פאטער פערנאכלעסיגט צו בעשיצען די איינוואה־נער פון די גרענעץ־שטעדט... און ווען די פלשתים זיינען באפאלען די איינ־וואהנער פון דער שטאדט קעילה, האט זיך דער קעניג נישט געאיילט צו קומען צו זייער הילף... אבער ווען ער האט זיך דערוואוסט אז איך געפין זיך דארט, האט לאנג ניט געדויערט און ער איז געקומען צו לויפען מיט אן ארמעע...

— איך ווייס, מיין גוטער פריינד דוד, אז דו ביזט בארעכטיגט אזוי צו ריידען פון מיין פאטער... דאס איז דאך בלויז ווייל ער איז קראנק, גייסטיג קראנק... דו אבער, דוד, דארפסט פאר איהם קיין מורא ניט האבען, ווייל גאט איז מיט דיר... עס איז שוין יעצט פאר קיינעם קיין סוד נישט אז דו וועסט קעניגען איבער גאנץ ישראל... דו ביזט דער איינציגער וואס האט פערדיענט צו זיין א מלך איבער אלע שבטים... מיין פאטער ווייס עס אויך, און דאס איז די אורזאכע פון זיין קראנקהייט... ער האט פערזוכט דעם טעם פון הערשען און ער וויל זיך ניט אונטערגעבען... אבער איך, מיין פריינד, פיהל זיך זעהר גליקליך מיט דעם געדאנק אז דו וועסט זיין מיין פאטער'ס נאכפאלגער... ווייל איך ווייס אז דיין רעגירען איבער ארץ ישראל וועט זיין א בענטשונג פאר'ן לאנד... אונטער דיין הערשאפט וועט אונזער פאלק זיין דאס מעכטיגע פון אלע פעלקער... איך וועל זיין דיין משנה און אונזער פריינדשאפט וועט דויערען אויף אייביג. און איך קען דיר פארזיכערען, דוד, אז מיכל האט דיך נאך אלץ ליעב און עס וועט לאנג ניט דויערען און איהר ביידע וועט ווידער פעראייניגט ווערען און אויסלעבען אייערע יאהרען בשלום און גליקליך.

— איך דאנק דיר, יונתן, פאר דיינע גוטע טרייסט־ווערטער. איך בין גליקליך דאמיט וואס דיין פריינדשאפט איז מיר נאך פארבליבען...

קיין זאך, נור דער טויט, וועט אונז קענען צושיידען — האט יונתן אויסגערופען אננעהמענדיג דוד'ס האנד.

— דו ביזט מיין איינציגער בעסטער פריינד — האט מיט טרעהרען איז די אויגען געזאגט דוד, — נישט איינמאל האסטו מיך פון זיכערען טויט גערע־טעט. זאל נאר דער עוויגער געבען איך זאל זיין אימשטאנד דיר אפצוצאהלען פאר דיין גרויסען חסד וואס דו האסט מיט מיר געטהאן.

יונתן האט געקושט דוד'ן און האט אוועקגעריטען צוריק נאך גבעה.

איניגע טעג זיינען פאראיבער און דוד האט זיך עטוואס געהאט בערוהיגט

און האט זיך מיט זיינע מענשען בעזעצט אין זייערע געצעלטען. יואב און דוד'ס ברידער פלעגען קומען אין שטאדט זיך איינקויפען עסענווארג. דוד איז געבליבען אליין... א ווייַלע איז ער נאך געווען צוטומעלט פון דעם שרעקליכען קלאפ וואס ער האט נאר וואס געקראגען. זיין מיכל האט חתונה געהאט מיט א צווייטען... אה, גאט, איז עס מעגליך!... א שוידער געהט דורך זיין לייב ווען ער טראכט דערפון... און זי, מיכל, האט איינגעשטימט צו ווערען די פרוי פון פלטיאל'ן... ווער ווייס, אפשר האט זי איהם שוין מעהר ניט ליעב און זי ליעבט גאר דעם זוהן פון ליש! ניין, דאס קען נישט זיין! צו שטארק האט זי איהם געליעבט אז זי זאל איהם אומבייטען אויף א צווייטען... דאס האט איהר דער פאטער געצוואונגען... זי איז געווען אליין הילפלאז... אבער וואס איז דער אונטערשיעד... מיכל בעלאנגט שוין מעהר נישט צו איהם... זי געהערט צו א פרעמדען מאן... דאס בלוט האט אין איהם גענומען זידען... ערשט יעצט האט ער דערפיהלט א שטארקען כעס אויף שאול'ן... ער האט איהם אנגעפאנגען האסען... אנשטאט וואס פריהער האט ער מיט שאול'ן מיטלייד געהאט, ווייל ער איז אומגליקליך קראנק... א שרעקליכע מרה שחורה געוועלטיגט איבער איהם... און אימער האט ער שאול'ן מוחל געווען פאר אלע רדיפות און צרות וואס ער טהוט איהם אן... יעצט אבער, אז שאול האט בטל געמאכט זיין חתונה מיט מיכל'ן און איהר מיט געוואלד אפגעריסען פון איהם, יעצט קאכט און זידט זיין צארן אויף איהם... יא, ער וועט געהן מיט זיין ארמעע אויף דער שטאדט גבעה און קעמפפען פאר מיכל'ן מיט זיין לעצטען טראפען בלוט... ער טאר אזא נידערטרעכטיגקייט נישט פארשווייגען... ער וועט טהאן צו שאול'ן און צו זיינע פריינד ווי שאול האט געטהאן צו די כהנים פון נב... נקמה וועט ער נעהמען פאר מיכל'ן!

דוד האט מיט האסט ארויסגעצויגען דעם שווערד פון דער שייד און אויפגעהויבען אין דער הויך... אט וועט ער א רוף טהאן יואב'ן און די איבריגע מענשען און זיי וועלען אנפאנגען זייער מארש אויף גבעה... ער איז ארונטער פון בערגעל און גענומען געהן מיט גרויס אימפעט צום לאגער. פלוצלינג האט ער זיך אפגעשטעלט... ער האט זיך דערשראקען פאר זיינע אייגענע געדאנקען... וואס?! ער וועט געהן פארגיסען בלוט פון זיינע אייגענע ברידער... ער וועט אויפהויבען א האנד געגען דעם געזאלבטען פון גאט!... זיין געוויסען האט איהם גענומען פלאגען פאר די שרעקליכע מחשבות וואס ער האט נאר וואס געהאט... זיין צארן אויף דעם קעניג איז עטוואס איינגעשטילט געווארען... יא, דער קעניג האט איהם פיינט, ווייל ער פיהלט אז די מלוכה גליטשט זיך אוועק פון איהם... דער אמת איז דאך אז ווען ער איז נאך גאר א יונג אינגעל געווען, האט איהם שוין דער נביא שמואל בסוד געזאלבט פאר א קעניג... און שאול זעהט דאך אז גאט איז מיט איהם. ער האט גלית'ן אין זיינע הענט איבערגעגעבען און האט אין איינציגע מלחמות בעזיעגט די פלשתים, די געפעהרליכסטע שונאים פון ארץ ישראל... ער האט א רעכט צו זיין אויף איהם אין כעס... דערצו איז ער נאך מרה שחורה'דיג קראנק... אבער ווען ער זאל נאר קענען דעם קעניג איבערצייגען ווי ווייט ער, דוד, איז פון אזעלכע געדאנקען... ער זוכט נישט צו הערשען... א סך גליקליכער וועט ער פיהלען ווען ער וואלט גאר קיין אויסזיכט נישט געהאט אויף די מלוכה, אבער ער וואלט צוריקגעקראגען זיין

מיכל׳ן... אַ, ווען ער קען נאָר צוקומען צום קעניג, און ווען שאול וואָלט זיך וועלען צו איהם צוהערען, וואָלט ער איהם פאַרזיכערט ווי געטריי ער איז איהם... ער וואָלט זאָגאר פאַר איהם געשוואָרען אַז ער האָט אפילו נישט אין די געדאַנקען די מלוכה... ער וועט זיין צופרידען אַז יונתן, זיין בעסטער פריינד וועט קעניגען נאָך שאול׳ן, און ער זאָל זיין יונתן׳ס משנה למלך... אָבער וואָס איז די פעולה? שאול וועט איהם נישט גלויבען... ער וועט פאָרטזעצען זיינע רדיפות נאָך מיט מעהר ביטערקייט... ער וועט איהם זוכען צו פאַרניכטען... דער קעניג וועט שוין בלייבען זיין אייביגער שונא... ער וועט זיך מוזען בעשי־צען פון איהם... זאָל נאָר גאָט געבען אַז עס זאָל פאַרמיטען ווערען בלוט־פאַר־גיסונג. אַ, ווי ער ווינשט עס זאָל נישט קומען צו קיין צוזאַמענשטויס... ער וועט גיכער אליין שטאַרבען איידער אַנצוריהרען דעם קעניג... זיין לעבען אָהן מיכל׳ן איז דאָך אַלץ איינס ווערטהלאָז... מיכל איז אָפּגעפרעמדט געוואָרען פון איהם... שרעקליך זיינען די ליידען פון ליעבע...

— — — — — — — — — — — — —

איינינע טעג זיינען פאַראיבער און דוד האָט זיך עטוואָס בערוהיגט. ער האָט מיט זיינע מענשען זיך בעזעצט אין דעם וועלדעל וואָס איז נישט ווייט פון זיף. יואב און דוד׳ס ברידער פלעגען קומען אין שטאָדט איינקויפען עסענ־וואַרג און קליידער פאַר אַלע מענשען וועלכע זיינען געווען מיט דוד׳ן.

ווי נאָר איינינע איינוואָהנער פון דער שטאָדט זיף האָבען זיך דערוואוסט אַז דוד געפינט זיך נישט ווייט פון זייער שטאָדט, זיינען זיי באַלד אוועק צו שאול׳ן אין גבעה און איהם געזאָגט:

— דוד און זיינע מענשען האַלטען זיך אויף אין דעם וועלדעל נישט ווייט פון זיף... און אויב דער קעניג פערלאַנגט וועלען מיר אָנצייגען דעם פּלאַץ וואו דוד געפינט זיך. מיר וועלען איהם איבערגעבען אין די הענד פון דעם קעניג.

— געבענשט זאָל איהר זיין צו גאָט! — האָט זיך שאול צו זיי אָפּגע־רופען, — איך זעה אַז איהר זייט מיר געטרייע און איבערגעבענע דיענער. איהר האָט אויף מיר רחמנות געהאַט און מיר איבערגעגעבען וואו מיין שונא גע־פינט זיך... יעצט, בעט איך אייך, איהר זאָלט אוועקגעהן און אויסגעפינען דעם ריכטיגען פּלאַץ וואו דוד געפינט זיך, ווייל מיינע פריהערדיגע ערפאַרהונגען האָבען מיר געוויזען, אַז דוד נאַרט מיך אָפּ... ער געפינט זיך אין אַ פּלאַץ אויף אַ קורצע ווייל און ווען איך קום אַהין איז ער שוין נישטאָ... דאריבער וויל איך אַז איהר זאָלט אויסגעפינען אַלעס און ווען איהר וועט קומען צו מיר מיט אַ קלאָרע ריכטיגע תשובה, דאַן וועל איך מיט אייך געהן...

— מיר וועלען טהאָן ווי דער קעניג פערלאַנגט — האָבען זיי אויסגערופען און צוריקגעגאַנגען נאָך זיף.

אין צוויי טעג אַרום האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט און איבערגעגעבען שאול׳ן אַז דוד געפינט זיך זיכער אין דעם וועלדעל אַרום זיף, נישט ווייט פון פעלזען־שטיין, און זיי ווייסען אַלע זיינע באַהעלטעענישען.

שאול האָט צונויפגענומען זיין אַרמעע און איז מיט זיי אוועקגעגאַנגען אין זיף.

יואב און איינינע פון דוד׳ס מענשען זיינען געשטאַנען יעדען טאָג אויף

דער וואך אויפ'ן שפיץ פון סלע... ווען זיי האבן פון ווייטן באמערקט שאול'ס ארמעע דערנעהנטערען זיך, האבן זיי גלייך איבערגעגעבן דוד'ן.

דוד מיט זיינע מענשען האבן שנעל און פארזיכטיג זיך צוריקגעצויגענע צום בארג...

שאול אבער האט דערגרייכט דעם בארג מיט זיין ארמעע. דוד מיט זיינע מענשען זיינען געווען פון איין זייט בארג און שאול מיט זיין ארמעע זיינען אנגעקומען אויפ'ן צווייטען זייט בארג...

שאול האט באפוילען מען זאל ארומרינגלען דעם גאנצען בארג און פון דארטען נישט אפטרעטען ביז וואנען זיי וועלען פאנגען דוד'ן.

פלוצלינג איז אנגעקומען א שליח און אנגעזאגט דעם קעניג אז די פלשתים האבן זיך אריינגעריסען אין ארץ ישראל און רויבען די תבואה און בהמות פון די אידען.

באלד נאכ'ן שליח איז אויך אנגעקומען יונתן רייטענדיג אויף א פערד און אויסגערופען:

— פאטער, אין דער צייט וואס דו און דיינע מחנות זיינען פערנומען אין יאגען זיך נאך דוד'ן, באפאלען די פלשתים אידישע שטעדט... מיר טארען קיין רגע ניט פארלירען און מוזען גלייך געהן אהין מיט אונזער ארמעע און העלפען אונזערע הילפלאזע ברידער.

שאול איז געבליבען שטעהן א ווײלע אין פארלעגנהייט:

"אט האט ער דוד'ן כמעט אין זיינע הענד... ער קען פון זיינע הענד זיך שוין מעהר נישט ארויסדרעהען. ווען די ארומרינגלונג פון בארג זאל נאר אנ־האלטען ביז'ן אבענד, וועט איהם אויף זיכער געלינגען צו נעהמען דוד'ן אין געפאנגענשאפט... באלד אבער איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנקען די פלשתים... די גרעסטע שונאים פון זיין פאלק... די לעצטע צייטען האבן זיי געקראגען מעהר חוצפה און מוטה. זיי באפאלען אידישע שטעדט, בארויבען די איינ־וואהנער און ער, זייער קעניג, פערנאכלעסיגט זיי... ניין, ער טאר דאס נישט טהאן. ער וועט צייגען דעם פאלק אז ער איז נאך זייער בעשיצער און העלפער... ער וועט זיי געהן העלפען".

— אבנר, — האט שאול אויסגערופען, — ציה צוריק אונזער ארמעע פון דעם בארג און מיר וועלען געהן העלפען אונזערע ברידער פון די פלשתים'ס הענד... איך מוז פארלאזען מיין פערזענליכען שונא און געהן מלחמה האלטען מיט דעם שונא פון מיין פאלק.

אבנר האט גלייך געגעבען א באפעהל און די ארמעע האט זיך צוריקגע־צויגען פון בארג, און נאכגעפאלגט שאול'ן און יונתן צו די גרעניצען פון די פלשתים... שאול האט גענומען ווידער ארויסצייגען זעלטענע גבורה און וואגונג אין דער מלחמה. ער האט געריטען פאראויס מיט זיין שווערד אין האנד און האט ערמוטיגט זיינע מחנות...

ווען די פלשתים האבן דערזעהען דעם קעניג'ס העלדישקייט, האבן זיי זיך דערשראקען און צולאפען... שאול האט זיי נאכגעיאגט טיעף אין פלשתים לאנד, טויטענדיג פיעלע פון זיי.

נאכדעם ווי דער קעניג האט זיך צוריקגעקעהרט פון דער מלחמה מיט די פלשתים, האט ער ווידער גענומען טראכטען פון דוד'ן... זיין גרויסער שונא איז

שוין געווען אין זיינע חענד און ער האט איהם אפּגעלאזען... דער "בייזער גייסט" איז אויף איהם ווידער געקומען און ער איז אומעטיג געווארען, און ווען די זקנים פון שטאדט גבעה זיינען איהם געקומען באגריסען צו זיין זיעג געגען די פלשתים האט ער זיך אפילו אויף זיי ניט אומגעקוקט... ער האט געשיקט מענשען געפינען זיך, און ווען זיי האבען איהם געבראכט די תשובה אז דוד איינינע פון זיינע טרייע דיענער זיי האלען אויסגעפינען וואו דוד און זיינע געפינט זיך אין דער מדבר פון עין גדי, האט שאול גענומען דריי טויזנד גבורים און איז אוועקגעגאנגען זוכען דוד'ן צווישען די פעלזען־שטיינער פון עין גדי.

נעבען עין גדי איז פאראן אן אונגעהייער גרויסע מערה, וואס האט צוויי ארויסגאנגען פון ביידע זייטען. דוד מיט זיינע מענשען האבען זיך בעהאלטען אין יענער מערה...

שאול האט א היבשע ווײלע ארומגעזוכט דוד'ן אין יענעם געגענד, ביז וואנען ער איז מיעד געווארען. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין וואס איז געווען נעבען דער אריינגאנג פון מערה, און זיין דינער האט גענומען שמירען זיינע פיס מיט אויל...

יואב, וועלכער איז שטילערהייד צוגעגאנגען צו דעם ארויסגאנג פון דער מערה, האט באמערקט ווי דער קעניג זיצט דארטען רוהיג אויפ'ן שטיין.

— מיין האר! — איז יואב צוריקגעלאפען צו דוד'ן אין מערה, — גאט האט איבערגעגעבען דיין שונא אין דיינע הענד... שאול זיצט אויף א שטיין נעבען דער מערה... איך וועל ארויסציהען מיין שווערד און איך וועל איהם מיט איין קלאפ טויטען, און דו וועסט אויגענבליקליך פטור ווערען פון דיין שונא וועלכער זוכט דיך אומצובריינגען פון דער וועלט.

— ניין! — האט דוד א געשריי געטהאן, — זאלסט נישט וואגען אנצו־ריהרען דעם קעניג! מיט דיין לעבען וועסטו בעצאהלען אויב דו וועסט הויבען א האנד געגען דעם געזאלבטען פון גאט... דו בלייב דא שטעהן, איך וועל אליין ארויסגעהן פון הייהל...

דוד איז פארזיכטיג ארויס פון הייהל. אט זעהט ער שאול'ן זיצענדיג אזוי זיכער אויף דעם שטיין. א ברעג פון זיין לאנגען מאנטעל הייננט אריבער דעם שטיין... דער דיענער זיצט פון אונטען און איז פערנומען אין שמירען דעם קעניג'ס פיס.

דוד איז שטילערהייד צוגעגאנגען צו דעם שטיין, האט ארויסגעצויגען זיין שווערד און אפּגעשניטען דעם ברעג פון קעניג'ס מאנטעל און מיט דער זעלבער פארזיכטיגקייט זיך צוריקגעקעהרט צו דער מערה... ער איז געשטאנען און ארויסגעקוקט פון דער עפענונג און ווען ער האט דערזעהען אז שאול האט זיך אויפגעהויבען פון שטיין און איז אוועקגעגאנגען, נישט באמערקענדיג אז איין פאלע פון זיין מאנטעל איז אפּגעשניטען... ווען דער קעניג האט זיך שוין נעהאט דערווייטערט פון דער מערה, און צוגעגאנגען צו זיינע מענשען, דאן איז דוד ארויס פון זיין באהעלטענים און אויסגעשריען:

— מיין האר קעניג!

שאול האט זיך שנעל אומגעקעהרט און ווי נשתומם איז ער געווארען, ווען ער האט דערזעהען דוד'ן פון הינטען...

דוד האָט זיך פֿערנייגט פֿאַר׳ן קעניג און זיך אָפּגערופֿען:

— מיין האַר קעניג, פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך איינהערען צו מענשען מיט בייזע צינגער וועלכע ווילען דיר איינריידען אַז איך בין דיין שונא און זוך דיר שלעכטס צו טהאָן... אַט זעה, — האָט ער איהם געצייגט די אָפּגעשניטענע פּאָלע — דו ביזט נאָר וואָס געווען אין מיינע הענד... און איינינע פֿון מיינע מענשען האָבען דיך געוואָלט טויטען, אָבער איך האָב זיי נישט דערלאָזען... מיט מיין שווערד האָב איך בלויז אָפּגעשניטען אַ פּאָלע פֿון דיין מאַנטעל, דיר צו צייגען אַז איך האָב קיינע בייזע מחשבות וועגען דיר... מיט דעם זעלבען שווערד האָב איך געקענט טויטען דעם וועלכער יאָגט מיר נאָך און זוכט מיין לעבען צו רויבען... קיינער וואָלט מיך אפילו ניט געקענט באַשולדיגען אין דעם. ווייל דו ביזט דאָך געקומען מיך טויטען... אָבער דיין לעבען איז ביי מיר טהייער און הייליג... איך האָב געגען דיר נישט געזינדיגט... דו האָסט מיך פֿיינט געקראָגען אָהן קיין שום אורזאַכען... און דו טהוסט מיר אָן אַזוי פֿיעל שמערצען אומזיסט און אומנישט... דו האָסט מיר פֿאַרטריבען פֿון מיין היים. דו האָסט אַוועקגענומען פֿון מיר מיין פֿרוי, נאָר צוליעב דעם וואָס מען האָט אָנגערעדט אויף מיר... און איך בין דיר אימער געווען איבערגעגעבען און געטריי... איך בין שטענדיג געווען גרייט אויפֿצואָפּפֿערען מיין לעבען פֿאַר מיין קעניג, און דו קומסט אָן! בעשולדיגסט מיך אַז איך זוך דיך צו טויטען און קעניגען אָנשטאָט דיר... נישט איינמאָל האָסטו מיין לעבען אין סכנה געשטעלט... צוויי מאָל האָסטו אויף מיר דיין שפּיעז געוואָרפֿען. אָבער דער גאָט פֿון גערעכטיגקייט האָט געזעהן מיין אומשולד און האָט מיך ביידע מאָל פֿון זיכערען טויט גערעטעט... און אפילו נאָכדעם איז נישט איינמאָל געווען אַ טריט צווישען מיר און דעם טויט, אָבער דער פֿאָטער אין הימעל בעשיצט מיך פֿון אַלע דיינע פֿאַרזוכען מיך צו טויטען... וועמען געהט דער קעניג פֿון ישראל יאָגען, אַ טויטען הונט... פֿאַרוואָס קומט עס מיר דו זאָלסט מיך אַזוי בעהאַנדלען... זאָל גאָט זיין אונזער דיין און משפּט׳ן צווישען מיר און צווישען דיר...

שאול איז די גאַנצע צייט געשטאַנען באַוועגלאָז און ווען דוד האָט גע־ענדיגט ריידען, האָט שאול אויסגעבראָכען אין אַ געוויין:

— מיין זוהן, דוד, איך האָב זעהר פֿיעל געזינדיגט געגען דיר. דו האָסט פֿאַר מיר אימער געטהאָן גוטעס און איך האָב דיר בעצאָהלט מיט שלעכטעס. דו ביזט דער צדיק און איך בין דער רשע... היינט האָסטו באַוויזען די גרויסקייט פֿון דיין האַרץ... גאָט האָט מיר איבערגעגעבען אין דיין האַנד, און דו האָסט מיך נישט געטויטעט... ווען אַ מאַן טרעפֿט זיין ערגסטען שונא אין לעבען און האָט די מעגליכקייט זיך מיט איהם אָפּצורעכענען, אָבער ער לאָזט איהם געהן בשלום, אַזאַ מאַן באַזיצט אַ נאָבעלע נשמה... גאָט זאָל דיר דערפֿאַר בעצאָהלען מיט גוטעס, ווי דו האָסט יעצט מיט מיר גוטעס געטהאָן... פֿאַרגיב דאָך מיר, מיין זוהן... לאָמיר ביידע שליסען אַ בונד. איך ווייס אַז דו וועסט זיין קעניג נאָך מיר, אָבער שווער דאָך מיר אין נאָמען פֿון גאָט, אַז דו וועסט נישט פֿאַרטיליגען מיינע קינדער נאָך מיר, און דו וועסט נישט אָפּמעקען מיין נאָמען נאָכדעם ווי איך וועל שוין מעהר נישט זיין...

שאול האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד צו דוד׳ן און דוד האָט זי אָנגענומען און געשוואָרען...

— ווילסטו זיך אומקעהרען צוריק נאָך גבעה? — האָט שאול איהם געפרעגט, נאכדעם ווי דוד האָט געשווארען צו בלייבען געטריי איהם און זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

— ניין, מיין האר קעניג, צו וואס זאָל איך מיט מיינע מענשען פאלען דיר צו לאסט. מיר וועלען זיין וואו מיר זיינען, — האָט דוד געענטפערט.

שאול האָט זיך מיט איהם געזעגענט און האָט זיך צוריקגעקעהרט מיט זיין ארמעע נאָך גבעה און דוד מיט זיינע מענשען האבען זיך באזעצט אין דער פעסטונג.

צוואנציגסטער קאפיטעל

אביגיל

די שטאָדט רמה איז געווען איינגעהילט אין טרויער. שמואל דער גרייז־גראהער בעליעבטער נביא און פיהרער פון ישראל איז געפעהרליך קראנק... זיינע טעג זיינען געצעהלטע... די טרויעריגע נאכריכט האָט זיך שנעל פאר־שפרייט אויך אין אנדערע שטעדט. און פיעלע האבען זיך אוועקגעלאזען נאָך רמה צו כאפען א לעצטען בליק אויף דעם נביא, זייער שטאָלץ.

די נייעס האָט דערגרייכט דוד'ן. גד, דער נביא, שמואל'ס תלמיד, האָט געוואוסט וואו דוד און זיינע מענשען געפינען זיך און האָט זיך דאריבער גע־איילט איהם אנצוזאגען די טרויעריגע בשורה.

— שוין דריי טעג ווי דער נביא שמואל ליגט אין בעט געפעהרליך קראנק. די רופאים האבען אויפגעגעבען האפנונג, — האָט גד אויסגערופען, נישט ארונטערגעהענדיג פון זיין אייזעל, — אויב דו וועסט זיך איילען, וועסטו איהם נאָך מעגליך געפינען צווישען די לעבעדיגע.

דוד'ס פנים איז בלאס געווארען. טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען... "אָה, גאָט, — האָט ער מתפלל געווען — שיק דעם היילינגען נביא דיין רפואה פון הימעל, שטארק איהם און קרעפטיג איהם, ווייל ער איז דאָך די קרוין פון דיין פאָלק, דער פאטער פון אלע שבטים!"

— מיר מוזען זיך איילען — האָט זיך גד אפגערופען, — ווייל מיין הארץ שרעקט מיך.

— איך געה! — האָט דוד אויסגערופען, — איך וועל בלויז זאגען מיינע מענשען. ער האָט צוגערופען זיינע ברידער און יואב'ן און האָט זיי איבער־געגעבען וועגען די נייעס.

— איהר בלייבט דאָ אין אייערע געצעלטען, — האָט דוד זיי געזאגט — און איך וועל געהן מיט גד'ן נאָך רמה.

— איז דען נישט געפעהרליך פאר דיר דו זאָלסט זיך אוועקלאזען אין אזא ווייטען וועג איינער אליין, אָהן דיינע מענשען? — האָט איהם זיין עלטערער ברודער אליאב געפרעגט.

— שאול האָט דאָך נאר וואס געמאכט שלום מיט מיר, אויב עס איז נישט אויף לאנג, אָבער אויף איניגע טעג נאָך דעם וועט ער דאָך מיר געווים צורוח לאזען — האָט דוד געזאָגט מיט א ביטערען שמייכעל. — איך וועל זיך אין גיכען צוריקקעהרען, זאָל נאר גאָט גיבען אז איך זאָל נישט זיין צו שפּעט. קום גד, לאָמיר געהן.

דוד האט מיטגענומען עטוואס שפייז און וואסער און האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אייזעל און ביידע זיינען אוועקגעריטען אין דער ריכטונג פון רמה.

שמואל האלט ביים שטארבען... דער נביא גוסס'ט... די שטאדט רמה איז אנגעפילט מיט מענשען... די זקנים פון די ארומיגע שטעדט האבען זיך צוזאמענגעקליבען. ארום דעם נביא'ס בעט זיינען געשטאנען זיינע צוויי זיהן, יואל און אביה, מיט געבויגענע קעפ, א טיעפער צער און טרויער האט ארויסגעקוקט פון זייערע אויגען.

— פאטער, אה, ליעבער פאטער, זיי אונז מוחל!

— מיינע קינדער! — האט זיך דער נביא אפגערופען מיט א שוואכער שטימע, — איך וויים אז איהר האט געזינדיגט צו גאט... איהר זייט ניט געגאנגען די וועגען פון אייער פאטער... איך האב אייך פאר שופטים געמאכט, געמיינט האב איך אז איהר וועט פארטזעצען צו דיענען אונזער פאלק מיט גערעכטיגקייט און יושר... און די נבואה פון גאט וועט אויך רוהען אויף אייך, מיינע קינדער... אבער איך האב זיך באלד איבערצייגט אין מיין טעות... ביידע זייט איהר ארונטער פון דרך הישר... איהר האט בלויז אין זינען געהאט צו פארמעהרען אייער געלד, צו פארגרעסערען אייער פארמעגען... איהר האט גענומען שוחד און פארצויגען גערעכטיגקייט... איהר האט בעשולדיגט דעם צדיק און גערעכט געמאכט דעם רשע... דאס פאלק האט געוואוסט פון אייערע קרומע וועגען, און די זקנים זיינען צו מיר געקומען און מיר געזאגט: "דו ביזט אלט, און דיינע קינדער געהען נישט אין דיינע וועגען, דאריבער מאך איבער אונז א קעניג"... איך האב געזעהן אז זיי זיינען גערעכט און איך האב געמאכט שאול'ן פאר קעניג איבער זיי... גאט איז אבער מיט שאול'ן נישט צופרידען, און איך האב דאריבער געזאלבט דוד'ן, דעם זוהן פון ישי, און ער וועט קעניגען נאך זיין טויט... איהר מוזט זעהן צו זיין געטריי צו דוד'ן... איך בין אייך מוחל. און אויב איהר וועט תשובה טהאן מיט אייער גאנצען הארצען, וועט אייך אונזער פאטער אין הימעל אויך מוחל זיין. זאגט איהר צו אייער פאטער תשובה צו טהאן און פארריכטען אייערע וועגען?

יואל און אביה האבען געוויינט ווען שמואל האט צו זיין גערעדט.

"מיר האבען זיך בענארישט, פאטער! — האט יואל זיך אפגערופען, — מיר זאגען דיר אבער צו אז מיר וועלען פארריכטען אונזערע וועגען".

"בעט גאט פאר אונז, ליעבער פאטער, — האט אביה געוויינט, — זאל ער אונז מוחל זיין. מיר טהוען תשובה מיט'ן גאנצען הארצען".

— קומט צו נעהענטער צו מיר, מיינע זיהן, — האט זיך שמואל אפגערופען, — איך וועל אייך געבען מיין לעצטע ברכה.

זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער צו שמואל'ס בעט, און זיך ארונטערגעבויגען. שמואל האט ארויפגעלייגט זיינע ציטערנדע הענד אויף זייערע קעפ און זיי געבענשט: "זאל אונזער פאטער אין הימעל רייניוואשען אייערע זינד... וויים ווי שנעע זאלען אייערע הערצער ווערען... איהר זאלט פון היינט אן טהאן גערעכטיגקייט און איהר זאלט זוכה זיין צו זעהן די דערהויבונג און גרויסקייט פון אונזער גאנצען פאלק ישראל".

— דוד איז געקומען! — איז איינער פון די בני הנביאים אריינגעלאַנגען אין שמואל׳ס צימער און געמאָלדען שמואל׳ן וועגען דעם.

— שיק איהם אריין וואָס שנעלער! איך וויל איהם זעהן איידער איך שטארב.

דוד איז אריינגעקומען און גלייך צוגעגאַנגען צו שמואל׳ן. ער איז געפאַלען אויף די קניע און געקושט זיין האנד.

— שטעה אויף, מיין קינד, — האָט שמואל מיט א ציטערנדע און קוים הערבארע שטימע געזאָגט.

דוד האָט זיך אויפגעשטעלט און טרעהרען האָבען א שטראָם געטהאָן פון זיינע אויגען.

— אונזער נביא, אונזער פאטער און פיהרער! — האָט דוד אויסגערופען.

— אויף וועמען לאָזטו אונז איבער.

— דוד! — האָט שמואל געזאָגט, און זיין שטימע איז נאָך שוואכער געוואָרען, — דאָס גליק און צוקונפט פון ישראל ליגט אין דיינע הענד, שטארק זיך און זיי מוטיג, גאָט וועט דיר נישט פארלאָזען... דו וועסט זיין קעניג נאָך שאול׳ן. זעה צו פיהרען ישראל מיט גערעכטיגקייט און גאָט וועט געבען אז די מלוכה וועט איבערגעהן צו דיינע קינדער און קינדס־קינדער ביז אייביג... איך בין גליקליך אז דו ביזט נאָך געקומען צו מיר אין צייט... איך קען דיך זעהן איידער איך שטארב... דוד, איך האָב דיך מיט יאָהרען צוריק פאַר א קעניג געזאַלבט מיט די הייליגע אויל, און זינט דאַן, רוהט אויף דיר גאָט׳ס גייסט. דו האָסט גלית׳ן געטויטעט און געוואונען פיעלע מלחמות מיט די פלשתים. דאָס פאָלק האָט דיך זעהר ליעב, דאָס פאָלק פארעהרט דיך... איך ווייס אז שאול וועט נאָך נישט אויפהערען דיך צו רודפ׳ן, אָבער פארליר נישט דיין האָפנונג אין גאָט, דער וואָס רוהט אין די הימלען וועט דיך בעשיצען פון אומגליקען... געה אין די וועגען פון אונזער תורה און דו וועסט באגליקען דיין גאנצען לעבען.

שמואל האָט אויפגעהויבען זיין האנד צו בענשען דוד׳ן, אָבער די האנד איז צוריקגעפאַלען... דער גרויסער, הייליגער נביא האָט זיינע אויגען אויף אייביג צוגעמאכט...

„שמואל איז טויט! דער נביא איז געשטאָרבען! — האָבען שטימען דורכגעלעבערט די שטילקייט פון הויז — באלד האָבען זיך אלע דערפון דערוואוסט. א געוויין, א יללה האָט אויסגעבראָכען איבעראל... אונזער ליעבער טהייערער נביא איז טויט, אונזער שטאָלץ, אונזער קרוין פון אונזער קאָפּ איז ארונטערגענומען געוואָרען — האָבען די זקנים געיאָמערט".

די אידען פון רמה האָבען קריעה געריסען און האָבען אהן אויפהער געקלאָגט און געוויינט אויף דעם גרויסען פערלוסט וואָס זיי האָבען ערליטען.

מען האָט שמואל׳ן מקבר געווען אין דעם קבר וואָס ער האָט נאָך אנגעגרייט פאַר זיך ווען ער האָט געלעבט. דוד האָט געמאכט א הספד אויף דעם קבר פון נביא. נאָך פיעלע הספדים זיינען געמאכט געוואָרען פון די בני הנביאים און די זקנים.

לאנג, לאנג האָט נאָך דער טרויער אנגעהאלטען איבער ארץ ישראל. פאַר זיבען טעג האָט דוד בעזוכט שמואל׳ס קבר, דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע מענשען אין עין גדי.

צוזאמען מיט דוד׳ן זיינען אין עין גדי אויך אָנגעקומען די צוויי בע־וואוּסטע תלמידים פון שמואל׳ן, גד און נתן, וועלכע זיינען פערערכענט גע־וואָרען די חשוב׳סטע צווישען אַלע בני־הנביאים.

לכתחילה, ווען זיי האָבען פאַרגעלעגט פאַר דוד׳ן, ער זאָל זיי מיט־נעהמען צו זיך, האָט דוד זיי שטאַרק אָפּגערעדט:

— פאַר וואָס זאָלט איהר פערלאָזען אייערע היימען, וואו איהר זייט רוהיג און זיכער, וואו איהר קענט לערנען דעם פאָלק די לעהרע פון אונ־זער הייליגער תורה, און געהן וואנדערען מיט מיר? — האָט ער זיי גע־זאָגט. — איך און מיינע מענשען זיינען אימער אין געפאהר. אפילו ווען עס זאָל אונז געלינגען אויסצוהיטען זיך פון שאול׳ן, ליידען מיר אָפּט הונ־גער און דורשט. מיר וואנדערען פון דאָרף צו שטאָדט און ווער ווייס ווי לאַנג מיר וועלען קענען פערבלייבען אין אונזער לאַנד.

— מיר וועלען דיר נישט פאַלען צו לאַסט, — האָט נתן דער נביא געזאָגט. — איך און גד זיינען נאָך שטאַרק און וועלען צוזאַמען מיט דיינע מענשען קעמפּפען געגען דיינע שונאים.

— ביים גאַנצען פאָלק ביזטו געעהרט און געאַכטעט, — האָט גד דער נביא אויסגערופען — און ווער נאָך קען מעהר אָפּשאַצען דיין גרויסקייט און וויכטיגקייט, ווי מיר, די בני־הנביאים, דעריבער בעט איך דיך, מיין האַר, ערלויב דאָך אונז אָנצושליסען זיך צווישען דיינע דינער.

— אויב דאָס איז אייער ווילען, — האָט דוד געענטפערט, — בין איך נישט דאַגעגען. נאָר דאָך גלויב איך, אַז איהר קענט ברענגען פיעל מעהר נוצען צו דער ישיבה פון רמה און צו די בני־הנביאים, וועלכע זיינען יעצט, נאָך שמואל׳ס טויט, געבליבען ווי עלענדע יתומים.

ווען דוד איז אָנגעקומען מיט די צוויי נביאים אין עין־גדי, האָט ער געפּאַסט און געטרויערט נאָך דעם בעליעבטען נביא.

יואב איז געווען זעהר אומצופריעדען, וואָס די צוויי נביאים זיינען אָנ־געקומען אין דוד׳ס לאַגער. ער איז געוואָרען עטוואָס אייפערזיכטיג, טאָמער וועט דוד זיי שענקען מעהר אויפמערקזאַמקייט ווי איהם און זיינע ברידער... אָבער ער האָט דערוויילע גאָר נישט גערעדט.

נאָך אייניגע טעג זיינען זיי געווען אין עין־גדי, און דוד האָט צוזאַמענ־גערופען זיינע מענשען און מיט זיי זיך בעראַטען וואָס ווייטער צו טאָן.

— לענגער טאָרען מיר דאָ נישט פערבלייבען, — האָט דוד זיך אָפּ־גערופען. — יעצט, אַז שמואל איז געשטאָרבען, וועט דעם קעניג קיין זאַך נישט אָפּהאַלטען זיך אָפּצורעכענען מיט מיר. און כאָטש ער האָט מיט מיר געשלאָסען פריעדען, האָט מיר די ערפאהרונג געלערענט, אַז מען קען זיך אויף דעם שטאַרק נישט פערלאָזען... קיינער קען נישט פאָראויסזאָגען ווען דער "רוח רעה" וועט אויף איהם אָנקומען.... און אַזוי ווי ער ווייס וואו מיר געפינען זיך, קען ער גאָר פּלוצלונג אונז בעפאַלען און אונז אַלעמען פערטיליגען. דעריבער איז בעסער, אַז מיר זאָלען פון דאַנען בעצייטענס אָפּ־טרעטען.

— אין דער צייט ווען דו ביזט געווען אין רמה, — האָט זיך יואב

אפגערופען, — האב איך און מיינע ברידער ארומגערייזט דעם גאנצען גע־געגנד און איך האב נישט געפונען קיין בעסערען פלאץ ווי אין כרמל נעבען דער שטאָדט מעון. דאָרטען געפינט זיך א בארג, וואו מען קען זיך גוט בעפעסטיגען. די לאנד ארום יענער געגענד איז פרוכטבאר און די פאשע איז זעהר גוט...

— און ווער זיינען די מענשען פון יענעם געגענד? — האט דוד גע־פרעגט. — וועלען זיי אונז אויפנעמען אלס פריינד, אדער אלס שונאים... און טאָן ווי די זיפים האבען צו אונז געטאָן.

די מענשען שיינען צו זיין זעהר שטילע און בעשיידענע. גאָט האט זיי געבענשט מיט רייכטום, און אין דער שטאָדט מעון געפינט זיך דער רייכסטער מאן פון גאנץ דרום יהודה, זיין נאָמען איז נבל; ער פערמאָגט דריי טויזענד שעפסען, טויזענד ציגען און קיה, אָקסען, פערד און אייזלען אהן א צאָהל. און איך בין זיכער, אז מיר וועלען ארויסווייזען אונזער פריינד־ליכקייט צו זיינע מענשען, וועט אונז דער רייכער מאן דערפאר באלוינען אין א צייט פון נויט.

— גוט! — האט זיך דוד אפגערופען. — מיר וועלען געהן אהין צו דער שטאָדט כרמל.

ווען אלע זיינען געווען גרייט צו דער רייזע, האט יואב אוועקגערופען דוד'ן און איהם עפּעס איינגערוימט אין אויער.

— דו האָסט רעכט! — האט דוד געזאָגט און גלייך צוגערופען גד און נתן, די צוויי נביאים, און זיך צו זיי אפגערופען:

— איהר האט מיר אָנגעטאָן גרויס כבוד מיט דעם, וואָס איהר זייט געקומען צו מיר. אָבער יואב, דער הויפּט פון מיינע מענשען, האט מיר נאָר וואָס אויפמערקזאם געמאכט וועגען עפּעס, וואָס איז מיר ביז יעצט נישט איינגעפאלען.

— וואס איז?! — האבען ביידע מיט אמאָל אויסגערופען.

— אייך איז דאָך בעוואוסט, ווי דער קעניג האט זיך אפּגערעכענט מיט אלע כהנים פון נוב, צוליעב דעם, וואָס דער כהן גדול אחימלך האט מיר איבערגעגעבען גלית'עס שווערד. ער האט אלעמען אהן רחמנות אויס־געשלאכטעט... יעצט, שטעלט זיך פאָר, אז שאול וועט זיך דערוויסען, אז די עלטסטע און חשוב'סטע פון די בני־הנביאים האבען זיך אָנגעשלאָסען אין דעם לאגער פון זיין שונא, וועט ער געוויס אויסלאָזען זיין כעס אויף אלע בני־הנביאים און ער קען נאָך צו זיי טאָן, ווי ער האט געטאָן צו די כהנים פון נוב... דעריבער גלויב איך, אז עס וואָלט געווען א סך זיכערער פאר אייך און די איבעריגע בני־הנביאים, ווען איהר קעהרט זיך אום צוריק קיין רמה... ווייל די פעראנטוואָרטליכקייט וואָס איהר און איך נעמען אויף זיך, איז זעהר גרויס... מיר האבען קיין רעכט נישט איינצושטעלען די לע־בענס פון די בני־הנביאים אין געפאהר.

— יאָ, מיין האר, — האט זיך גד אפגערופען. — ווען דער קעניג זאָל זיך דערוויסען אז מיר געפינען זיך דאָ מיט דיר, קען ער זיך נאָך נוקם זיין אין אלע בני־הנביאים.

— מיר געהן גלייך צוריק! — האט נתן דער נביא געזאָגט. — מיר

שטעלען ווירקליך די לעבענס פון אונזערע ברידער אין סכנה... שלום, דוד ! זאָל אונזער פאָטער פון הימעל דיר שיקען זיין ברכה און זאָל די נבואה פון דעם נביא שמואל אויף דיר מקוים ווערען... זיי וויסען, אז מיר און די איבעריגע בני־הנביאים זיינען אימער גרייט דיר און דיינע מענשען צו דינע־נען... איך זעה בנבואה, אז דו וועסט נאָך קעניגען איבער אלע שבטים. שטארק זיך און פערליער נישט דיין מוטה.

דוד האָט זיי בעדאנקט, זיך מיט זיי געזעגענט, אוועקגעשיקט זיי בשלום אהיים, נאָך רמה, און אליין איז ער אוועק מיט זיינע מענשען נאָך כרמל, נעבען דער שטאָדט מעון. זייערע געצעלטען האבען זיך געצויגען ביז דעם מדבר פארן.

ווען זייער שפייז האָט געהאַלטען ביים אויסגעהן, האָט דוד אויסגע־קליבען די שטארקערע צווישען זיינע מענשען און איז מיט זיי ארונטער־געגאנגען טיעפער נאָך דרום, וואו ער פלעגט בעפאלען די ווילדע וואנדע־רענדע שבטים, וועלכע פלעגען דריקען די אידען. ער פלעגט זיי פערניכטען און צונעמען זייער שפייז... ארום צוויי הונדערט מענשען פלעגט דוד אימער־צו איבערלאָזען אכטונג צו געבען אויף די כלים און די געצעלטען...

זינט דוד און זיינע מענשען האָבען זיך בעזעצט נעבען מעון, האָבען די דאָרטיגע איינוואָהנער זיך געפיהלט א סך רוהיגער און זיכערער. פריהער האָבען זיי א סך געליטען פון איבערפאַלען פון רויבער־באנדעס, וועלכע פלע־גען בעפאלען ווי די היישעריקען די פעלדער און פערניכטען די תבואה און רויבען די בהמות פון די פאסטוכער... יעצט, אבער, האָט דוד'ס ארמעע אנ־געוואָרפען א שרעק אויף די באנדעס און זיי האָבען גענומען ווייכען פון יענעם געגענד. גליקליכער פון אלעמען האָבען זיך געפיהלט די פאסטוכער און די ערד־ארבייטער פון נבל, דעם רייכסטען מאן אין מעון. אזוי פיעל שאָף און רינדער האָט זייער האר פערמאָגט, און זיי האָבען זיך געמוזט בע־גנוגענען מיט א בעגרעניצטע שטיק לאנד, וויל זיי האָבען מורא געהאַט ווייטער צו געהן צוליעב די איבערפאַלען פון די רויבער־באנדעס. אבער איצ־טער האָבען זיי געפיהרט די בהמות צו דער פאשע ביז דעם מדבר... זיי האָ־בען זיך בעפריינדעט מיט דוד'ס מענשען און האָבען מיט זיי פערבראכט אין פעלד.

דער הויפט און עלטסטער פון נבל'ס אלע פאסטוכער איז געווען ברזילי פון גלעד. און מיט איהם איז דוד זעהר בעפריינדעט געוואָרען. שטונדען־לאנג פלעגען זיי זיצען צוזאמען, פערברייגגען און ריידען.

דוד האָט זעהר ליעב געהאַט צו הערען ווי ברזילי דערצעהלט פון זיינע פערגאנגענע יאָהרען...

— איך בין שוין יעצט ארום זעכציג יאָהר אלט, — האָט ברזילי גע־זאָגט צו דוד'ן. — איך געפין זיך דא אין מעון שוין באלד צעהן יאָהר. דאָך בענקט זיך מיר זעהר שטארק נאָך דעם לעבען פון מיין דאָרף אין גלעד... גליקליכע יאָהרען זיינען יענע געווען... דאן האָבען נאָך די עמונים נישט געוואָגט אונז צו דריקען... די לאנד אויף יענער זייט ירדן איז א סך פעטער און בעסער. די פאשע איז זעהר גוט... זעלטען איז דאָרט אן ארימאן געווען. איך בין דאָרט נישט איבעריג רייך געווען, אבער איך האָב זיך געלעבט

בשלום און אין שלוה, ביז גאט האט מיר געשטראפט און מיין ליעבע פרוי פון מיר אוועקגענומען... דאן איז פאר מיר פלוצלונג די זון אויסגעלאשען געווארען... דריי קינדער האט זי מיר געבארען, גאנץ יונג זיינען זיי נאך געווען און שוין זיינען זיי געבליבען אהן א מוטער...

— אבער ווי אזוי קומסטו אהער, אין מעון? — האט איהם דוד גע־פרעגט. — פארוואס האסטו פערלאזען גלעד און געקומען אהער?

— ווען נחש, דער קעניג פון עמון, האט אונז גענומען דריקען, האבען א סך פערלאזען דאס לאנד גלעד און אריבערגעגאנגען דעם ירדן צו וואהנען צוזאמען מיט די איבעריגע שבטים, און איך האב אויך געוואלט טאן דאס זעלבע... אין דער שטאדט יבש־גלעד האב איך געהאט אן ארימען קרוב מיט'ן נאמען דניאל און זיין טאכטער אביגיל, האבען זיי מיר אפגערעדט דאס צו טאן... שפעטער אבער, ווי דיר איז בעוואוסט, האט נחש בעלאגערט די גאנצע שטאדט יבש־גלעד און געוואלט יעדען אויסשטעכען זיין רעכטע אויג, ביז וואנען שאול איז געקומען מיט זיין ארמעע און פערניכטעט די מחנות פון עמון און געבראכט א גרויסע ישועה פאר אלע איינוואהנער פון גלעד. צווישען שאול'ס סאלדאטען איז געווען דער רייכער נבל, ער האט זיך פער־ליעבט אין אביגיל'ן און האט מיט איהר חתונה געהאט אין יבש־גלעד און איהר געבראכט אהער צוזאמען מיט איהר פאטער. אין א קורצער צייט ארום איז דניאל צו מיר געקומען און מיר געבעטען איך זאל מיטפאהרען מיט איהם נאך מעון. אזוי ווי אין גלעד האב איך קיין קרובים נישט געהאט, און זיך דארט עלענד געפיהלט, האב איך צוגעשטימט. איך האב פערקויפט מיינע גיטער און זיך בעצעזט אין מעון... א, ווען איך זאל געווען וויסען וואס פאר א מענש אט דער נבל איז, וואלט איך אהער קיינמאל נישט געקומען...

— האט דיר נבל דען שלעכט בעהאנדעלט? — האט דוד געפרעגט ברזילי'ן.

— איך בין אנגעקומען אין מעון מיט א ביסעל געלט און בהמות, האט ער עס פון מיר גלייך ארויסגעקראגען, און דערפאר האט ער מיר געמאכט פאר דעם אויפזעהער איבער אלע זיינע פאסטוכער, — האט ברזילי געענטפערט מיט א זיפץ. — נישט לאנג האט עס גענומען ביז וואנען איך האב אויסגע־פונען וואס פאר א שלעכטער מענש נבל איז... ער איז אזוי קארג, אז ער פערגינט קיינעם נישט א ביסען ברויט... ער בעהאנדעלט זעהר שלעכט זיינע דיענער און אפילו צו זיין אייגענער פרוי, צו אביגיל'ן, איז ער קארג... זי איז דאך א זעלטענע שעהנהייט, פיעלע רייכע יונגע לייט האבען איהר געוואלט, און צום סוף איז די שעהנע גוטע אביגיל אריינגעפאלען אין די הענט פון אזא שלעכטען מאן... איהר פאטער, דניאל, האט זיך באלד ארומגעזעהן, אין וועמענס הענט ער האט איבערגעגעבען זיין טאכטער און האט זיך שטארק דערפון גענומען צום הארצען, ביז וואנען ער איז געשטארבען פון עגמת־נפש. מיינע דריי זיהן האבען נישט געוואלט פערבלייבען מיט איהם אן איבעריגען טאג און זיי האבען זיך אנגעשלאסען אין שאול'ס ארמעע, די זעלבע וואך ווי מיר זיינען אנגעקומען אין מעון...

— איך האב געהערט פון איינעם פון די פאסטוכער, אז נבל וועט אין גיכען פייערען דאס שערען פון די וואל, — האט דוד געזאגט, — און ווי

עס ווייזט אויס, וואַרטען אַלע אויף דיעזען יום־טוב מיט גרוים אומגעדולד.

— בלויז אויף דיעזען יום־טוב נעמט ער אַראָפּ זיין גאַיט פון האַרצען און מאַכט אַ פיינעם מאָלצייט פאַר אַלע זיינע בעדיענער... — האָט ברזילי געשמייכעלט. — און איך קלייב אויס גראַדע די צייט פון וואָל־שערען, צו בעזוכען מיינע קינדער אין גבעה...

— דיינע זיהן געפינען זיך אין דער הויפּט־שטאַדט גבעה? — האָט דוד געפרעגט.

— פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר געפינען זיי זיך אונטער יונתן'ס אויפזיכט... אָבער דו, מיין פריינד, מעגסט זיכער זיין, אַז איך וועל וויסען ווי צו היטען מיין צונג... איך וועל אַ וואָרט נישט דערמאָנען וועגען דיר, אפילו צו מיינע קינדער, — האָט ברזילי געזאָגט, פערשטעהענדיג צו וואָס דוד ציעלט מיט זיין לעצטער פראַגע, — איך האָב ליעב דעם קעניג שאול, אָבער צו דער זעלבער צייט ווייס איך, ווי אומגערעכט ער איז צו דיר... איך ווייס, אַז ער איז געוועזען אין דיינע הענט בעת ער איז לעצטענס געגאַנגען דיך זוכען כדי דיך צו טויטען... דו האָסט אַלעמען געוויזען דיין גרויסע נאָבעלע האַרץ, ווען דו האָסט דיין שונא אין לעבען נישט אָנגעריהרט... יאַ, גאָט וועט דיר דערפאַר בעלוינען... לאָמיר אויך האָפען, אַז דער האַר פון דער וועלט וועט אויסהיילען דעם קעניג פון זיין בייזען גייסט, פון זיין מרה־שחורה. און ער וועט דיך אויפהערען רודפ'ן אומזיסט און אומנישט. מיר, די גלעדים, וועלען קיינמאָל נישט פערגעסען די גרויסע ישועה, וואָס שאול האָט געבראַכט צו דער שטאָדט יבש־גלעד... ווען העלדישקייט האָט בעגייסטערט און בעצויבערט אַלע איינוואָהנער פון גלעד... אָבער אַזוי האָט דיין העלדישקייט נעגען גלית'ן בעגייסטערט און גליקליך געמאַכט אונזער גאַנצען פאָלק... זיכער פערדיענסט דו נישט צו זיין פערוואָגעלט, געיאָגט און געפּלאָגט אין דער פרעמד... אָבער, מיין זוהן, פערליער נישט די האָפנונג, גאָט וועט דיר פאַר אַלעם בעלוינען.

— איך דאַנק דיר פאַר דיינע טרייסט־ווערטער, — האָט דוד געדריקט ברזילי'ס האַנט, — זיי ערמוטיגען און ערפרישען מיך.

מיט איינינע טעג שפּעטער האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָס שערען פון וואָל אין נבל'ס פעלדער. נבל האָט געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט, און ווען די גאַנצע וואָל איז צונויפגעזאַמעלט געוואָרען, האָט ער ערלויבט יעדען צו עסען און צו טרינקען וויפיעל זיין האַרץ געלוסט.

די פאַסטוכער און דיענער האָבען שוין מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דער שטונדע, ווען אַלע פאַסטוכער וועלען קומען מיט זייערע אייזלען אָנגעלאָדען מיט וואָל... זיי זיינען אַלע געוועזען זשעדנע פאַר אַ גוטען מאָלצייט... נעבען דער שטאָדט מעון האָבען זיך אַלע דיענער געדראַפּט בעגעגענען און מיט פולע וועגען מיט וואָל פלעגען זיי צוזאַמען אריינפאָהרען אין שטאָדט.

איין וואָגען נאָכ'ן צווייטען איז אָנגעקומען ביי די טויערען פון שטאָדט און געבליבען וואַרטען אויף די איבעריגע... פּלוצלונג איז אַ פאַסטוך געקומען צולויפען אַ פערסאָפּעטער און אַ צושראָקענער און קוים אָפּכאַפּענדיג זיין אָטעם האָט ער דערצעהלט:

— א באנדע רויבער פון די גשורים זיינען מיר בעפאלען אויפ׳ן וועג און האָבען ביי מיר אוועקגערויבט דעם גאַנצען וואָגען וואָל... איך האָב זיך קוים מיט מיין לעבען געראַטעוועט... זיי געפינען זיך נאָך אויפ׳ן וועג און לויער־ען אויף די איבעריגע פאסטוכער.

— לאָמיר אריבערגעהן צו דוד׳ן און איהם דערצעהלען וועגען דעם; נישט איין מאָל האָט ער און זיינע מענשען אונז געראַטעוועט פון די רויבער׳ס הענט...

דער בערויבטער פאסטוך איז מיט נאָך איינעם אוועק צו דוד׳ס מחנות און איהם איבערגעגעבען וואָס עס האָט פאסירט.

דוד און זיינע מענשען האָבען אָנגעגורט זייערע שווערדען און זיך גע־נומען נאָכיאָגען נאָך דער רויבער־באנדע, ביז זיי האָבען זיי דעריאָגט און פיעלע פון זיי געטויטעט. די איבעריגע זיינען זיך צולאָפען, איבערלאָזענדיג די וואָל און אַלעס וואָס זיי האָבען גערויבט הינטער זיי. דוד האָט געהייסען טרייבען די אייזלען מיט די וואָל צו די טויערען פון מעון.

— די וואָל געהערט צו אונז! — האָבען איינינע פון דוד׳ס מענשען זיך אָפּגערופען. — מיר האָבען זיי צוגענומען פון די רויבער מיט אונזער שווערד... מיר נויטיגען זיך יעצט אין וואָל...

— ניין, — האָט דוד זיך אָפּגערופען. — דאָס איז גערויבט געוואָרען פון א אידען, און אז גאָט האָט אונז געהאָלפען און די רויבער איבערגעגע־בען אין אונזערע הענט, מוזען מיר די רויב צוריקקעהרען צו דעם אייגענ־טימער.

דוד האָט צוגעפיהרט די וואָל צו די טויערען פון שטאָדט און זי איבער־געגעבען צו דעם בערויבטען פאסטוך און זיך אומגעקעהרט מיט זיינע מענ־שען צו זייער לאַגער.

דריי טעג זיינען פאַראיבער און דוד און זיינע מענשען האָבען אָנגע־פאַנגען הונגערען. יואב, אבישי און עשהאל און דוד׳ס ברידער זיינען געקו־מען צו דוד׳ס געצעלט זיך צו בעראַטען וואָס צו טאָן.

— אונזער געלט איז שוין אויסגעגאַנגען, — האָט אליאב זיך אָפּגע־רופען, — מיר האָבען שוין נישט מיט וואָס צו קויפען עסענוואַרג.

— און די באנדעס פון גשור און עמלק קומען שוין אויך מעהר נישט אין אונזערע גרעניצען, — האָט יואב צוגעגעבען. — זיי ווייכען אונז אויס... מיר וועלען מוזען טאָן עטוואָס צו שטילען אונזער הונגער...

— איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט און געוואַרט, — האָט זיך אבישי אָפּ־גערופען, — אז נאָכדעם ווען נבל וועט אויסגעפינען וואָס מיר האָבען גע־טאָן פאַר איהם, וועט ער אונז געוויס מיט עפּעס מהנה זיין... און יעצט איז שוין דריי טעג ווי מען עסט און מען טרינקט דאָרט ביי נבל׳ן און אָן אונז האָט ער אינגאַנצען פערגעסען...

— אויף איהם וואונדערט זיך מיר נישט אזוי שטאַרק, — האָט זיך אבינדב אָפּגערופען. — ער איז דאָך בעוואוסט אלס קאַרגער מענש און וואָלט גלייכער געשטאָרבען, איידער ער זאָל אימיצען געבען... איך קען אָבער נישט פערשטעהן, פאַרוואָס זיין פרוי, אביגיל, בעהאַנדעלט אונז אזוי... איך האָב געהערט, אַז זי איז זעהר גוטהערציג...

— אויב זי איז גוטהערציג, ווייס איך נישט, — האט זיך עשהאל אפּגערופען, — אָבער אז זי איז וואונדער־שעהן, אין דעם בין איך זיכער... ביי א צופאל האב איך איהר פון וויטען בעמערקט... יא, זי איז בעצויבערענד שעהן און יונג...

— וואס קומט אונז ארויס אז זי איז שעהן! — האט שמה געזאגט — ווען זי בעהאנדעלט אונז זעהר מיאוס... וואס מיר האבען געטאן פאר איהר מאן און פאר איהר רייכטום... מיר האבען זייערע שאף געהיט בעסער ווי אונזער אייגענע... מיר האבען קיין האר אויף זיי נישט געלאזט פאלען... און יעצט, זיי אלע עסען און טרינקען דארטען, זיי פערברענגען און הוליען, און אונז איגנארירען זיי אין גאנצען... מיר הונגערען און דורשטען דא, מיר שמאכטען אין דעם הייסען מדבר...

— איך האב אביגיל'ן נאך קיינמאל נישט געזעהן, — האט זיך דוד אפּגערופען — דאך בין איך זיכער, אז זי איז אין דעם נישט שולדיג... ברזילי האט מיר דערצעהלט ווי שטארק די גוטע אביגיל ליידט פון נבל'ס קארגשאפט... זי ליידעט און שוויגט... וואס קען זי טהאן, ווען ער דערלאזט נישט אז אימיצער זאל עפּעס געניסען פון זיין פארמעגען?

— אָבער מיר האבען דאך עס פערדיענט! — האט יואב אויסגערופען מיט ערביטערונג. — די גאנצע צייט וואס מיר האבען זיך געפונען מיט זיינע פאסטוכער אין כרמל, האט קיין איינציגע שאף פון זיי נישט געפעהלט... מיר האבען פערטריבען די רויבער־באנדעס פון דעם גאנצען געגענד... מיר האבען די פאסטוכער און ערד־ארבייטער געהאלפען אין זייער'ע ארבייט... ניין, מיר פערלאנגען פון איהם נישט קיין צדקה; מיר פאדערען וואס עס קומט אונז!

ווען מיר וואלטען מיט דריי טעג צוריק נישט פערטריבען די רויבער־באנדע פון גשורים, וואלטען זיי דאך די גאנצע וואל פון זיינע פאסטוכער אוועקגערויבט, — האט אבישי געזאגט. — יא, ווען נישט מיר, וואלטען זיי דען יעצט געפייערט דעם יום־טוב פון וואל־שערען?!

— עס איז מעגליך, אז מיר זיינען איהם אינגאנצען ארויס פון זינען, — האט זיך דוד אפּגערופען. — אט וועלען מיר אויסקלייבען צעהן יונגע און איהם שיקען א בעגריסונג צו זיין יום־טוב און דרך־אגב איהם דערמאנען וואס מיר האבען פאר איהם אויפגעטאן און איהם זאגען וואס מיר פערלאנגען...

— גוט! — האבען אלע צוגעשטימט. דוד האט אויסגעקליבען צעהן יונגען און זיי אוועקגעשיקט צו נבל'ן.

— אזוי זאלט איהר צו איהם רײדען, — האט זיי דוד אנגעזאגט: „א שלום־גרוס צו דיר פון דוד'ן און זיין ארמעע, שלום צו דיר, שלום צו דיין הויז־געזינד און שלום צו אלעם וואס דו פערמאגסט... מיר האבען געהערט, אז דו פייערסט יעצט דעם יום־טוב פון וואל־שערען... דעריבער זיינען מיר יעצט צו דיר געקומען בעגריסען אין נאמען פון אונזער האר דוד, דער זוהן פון ישי פון בית־לחם, זאל גאט געבען אז דו זאלסט דערלעבען איבער א יאהר און וייטער פייערען דעם יום־טוב... מיר זיינען דיר אויך געקומען דערמאנען, דאס מיר האבען זיך די גאנצע צייט געפונען צוזאמען מיט דיינע

פאסטוכער, מיר האבען זיי בעשיצט פון רויב־אנפאלען, ווי אויך פון חיות, מיר האבען זיי ניט פערשעהמט און נישט בעליידיגט, און מישט דריי טעג צוריק האבען מיר אפגעראטעוועט דיין גאנצע וואל פון רויבערשע הענט... דו קענסט אויך פרעגען דיינע יונגען און זיי וועלען דיר זאגען צי אלעס איז אמת וואס מיר האבען דיר דערצעהלט... און מיר זיינען געקומען צו דיר צו דיין יום־טוב און בעטען ביי דיר אונז צו געבען וואס דיר וועט זיך מאכען ביים האנד, צו דיינע קנעכט און צו דיין זוהן דוד".

— מיר געפעלט נישט דער צו־ווייכער טאן, וואס דו הייסט די יונגען אננעמען צו נבל'ן... עס וועט אויסקומען, אז מיר קומען צו איהם בעטלען, — האט יואב געזאגט צו דוד'ן. — ער דארף איינמאל פאר אלע מאל וויסען, אז מיר פאדערען וואס אונז קומט.

— דיין האסטיגקייט, יואב, וועט דיר צו גארנישט ברענגען — האט איהם דוד געענטפערט. — א ווייכער, צערטליכערווארט איז פיעלע מאל שטארקער ווי דער שארפסטער שווערד. געהט, מיינע יונגען, און רעדט צו נבל'ן ווי איך האב אייך אנגעזאגט.

די צעהן יונגען פון דוד'ס מענשען זיינען אוועקגעגאנגען אין שטאדט מעון. ווען זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו נבל'ס וואהנונגען, האט צו זייערע נאז־לעכער דערגרייכט דער ריח פון געבראטענע שעפסען און פון אנדערע מאכלים... דאס האט צורייצט זייער אפעטיט און זיי האבען מיט גרויס אומגעדולד געווארט דאס מען זאל מעלדען זייער קומען צו נבל'ן.

א היבשע ווייל האט געדויערט ביז וואנען נבל איז צו זיי ארויסגעקומען... ער האט אויף זיי געווארפען א בייזען און שפאטישען בליק און בעטראכטענדיג זיי פון אונטען ביז אויבען, האט ער אויסגערופען מיט צארן:

— וואס פערלאנגט איהר?!

— אונזער האר, דוד, האט אונז צו דיר געשיקט, — האט זיך אפגערופען עשהאל, וועלכער איז געוועזן איינער פון די צעהן יונגען. ער האט איהם איבערגעגעבען אלעס וואס דוד האט זיי אנגעזאגט.

— אזוי גאר! אייער האר דוד האט אייך געשיקט בעטען ביי מיר ברויט! — האט נבל פערקרימט זיין פנים מי טכעס. — ווער איז ער דאס, אט דער דוד! ווער איז ער דאס, דער זוהן פון ישי! א קנעכט! אן ענטלאפענער קנעכט פון זיין האר! היינטיגע צייטען זיינען פאראן פיעלע אומווירדיגע קנעכט, וועלכע ענטלויפען פון זייערע הארען... ער איז אין דעם קיין יחסן נישט!

— אבער מיר האבען דאך דיינע וואל פון די רויבערס הענט גערעטעט!

— ווער פערלאנגט עס פון אייך! מיינע קנעכט קענען אליין בעשטעהן צו קעמפפען געגען רויבער... ווער בעט אייך קומען צו מיינע פעלדער? ווער פערלאנגט פון אייך איהר זאלט העלפען מיינע פאסטוכער. זיי קריגען ביי מיר זייער שפייז און קליידונג פאר זייער ארבייט, וואס זיי מוזען טהאן אליין... פאר וואס זייט איהר אנגעקומען ווי הייששעריקען ארום מיינע גרעניצען... דאס דארף מען האבען א חוצפה צו פערלאנגען פון מיר, איך זאל אפגעבען מיין ברויט און וואסער, די פלייש פון מיינע שאף, וועלכע איך האב אנגע־

גרייט פאר מיינע ארבייטער און פאר די שערער פון מיינע שעפּסען, און דאס אָפּגעבען צו מענשען וועמען איך קען נישט און ווייס נישט... געהט און זאָגט דעם אומפּערשעהמטען קנעכט דוד'ן, אז אויב ער וועט מיך נישט צורוה לאָזען, וועל איך גלייך שיקען מעלדען דעם קעניג, אז דער אנטלאָפענער קנעכט דוד געפינט זיך נעבען מיינע גרעניצען... און איהר, אומווירדיגע קנעכט פון א קנעכט, איהר זאָלט מעהר נישט וואגען ארויפצושטעלען אייערע פיס אויף מיין באָדען! ווי הינט וועל איך אייך פון דאנען פערטרייבען!

די צעהן יונגען זיינען געבליבען שטעהן פערוואונדערט. זיי האָבען זיך נישט געקענט פאָרשטעלען, אז דער מאַן, וועמען זיי האָבען אזוי פיעל נוצען געבראַכט, זאָל נישט נאָר ענטזאגען זייער גערעכטע ביטע, אָבער ער זאָל זיי נאָך אזוי שרעקליך און העסליך בעליידיגען.

— קומט, לאָמיר געהן צוריק צו אונזער האר, — האָט עשהאל אויסגערופען.

אלע האָבען זיך גלייך אומגעקעהרט און צוריקגעגאנגען צו דוד'ן אין לאגער.

די עטליכע דיענער פון נבל'ן, וועלכע האָבען געהערט ווי זייער האר האָט בעליידיגט דוד'ס שלוחים, זיינען אויפגעציטערט געוואָרען פון שרעק.

— מיר זיינען פערלאָרען! — האָט איינער זיך אָפּגערופען צו די איבעריגע, ווען נבל איז אריין אין הויז — דוד וועט זיך יעצט מיט אונז אלעמען אָפּרעכענען... אזוי פיעל גוטעס האָבען זיי מיט אונז געטאָן, און אונזער האר האָט זיי בעצאָהלט מיט אזעלכע בעליידיגונגען...

— דוד און זיינע מענשען זיינען יעצט פערביטערט און אויב עפּעס זאָל נישט געטאָן ווערען איהם איבערצובעטען, וועלען מיר נאָך אלע אונזערע לעבענס פערלירען...

— וואָס קענען מיר טאָן? ווי אזוי קענען מיר פערריכטען דאָס, וואָס נבל אונזער האר האָט קאליע געמאכט? ווי אזוי וועט מען קענען פערגיטיגען דעם שרעקליכען אומרעכט וואָס אונזער האר איז בעגאנגען געגען דוד'ן און זיינע מענשען?

— מען מוז גלייך געהן און דערצעהלען אונזער הארינטע, אביגיל'ן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי איז די איינציגע, וועלכע וועט אונז אלעמען קענען ראטעווען — האָט זיך איינער אָפּגערופען — זי איז שעהן און קלוג און זי וועט זיכער וויסען ווי אזוי אויסצומיידען אן אומגליק.

— מען דאַרף אָבער זעהר פאָרזיכטיג זיין, אז נבל זאָל נישט בעמערקען אז מען האָט זיין פרוי דערצעהלט וועגען אלעס.

— פערלאָזט זיך אויף מיר, — האָט איינער פון די פאסטוכער זיך אָפּגערופען. — איך וועל שוין רעדען מיט אביגיל'ן און זעהן, אז נבל זאָל דערפון נישט וויסען. אָבער וואו געפינט זי זיך יעצט?

— אביגיל געפינט זיך אין דעם געצעלט פון די דינסטען, — האָט א פאסטוך געזאָגט. — איך האָב נאָר וואָס איהר געזעהן אהין אריינקומען.

דער פאסטוך האָט זיך ארומגעקוקט צי נבל בעמערקט איהם נישט און איז אוועקגעגאנגען צו אביגיל'ן:

— געפינט זיך דיין הארינטע, אביגיל, אין געצעלט? — האט דער פאסטוך זיך אפגערופען צו איינע פון די דינסטען, וועלכע איז נאר וואס ארויס פון געצעלט.

די דינסט האט איהם אנגעקוקט מיט שפאט און פעראכטונג.

— איז דיר דען ווינציג דער מאלצייט וואס דו האסט געקראגען, אז דו זוכסט ארויסצוקריגען נאך א חלק פון אונזער גוטער הארינטע? — האט זי איהם געזאגט, — אבער דעם מאל וועסטו גארנישט קריגען, ווייל אונזער הארינטע ווייסט אז יעדער פון אייך האט געקראגען דאס זעלבע וואס מיר האבען גע־קראגען... און בלויז אזעלכע פרעסער ווי דו זיינען נישט צופרידען און זוכען ארויסצוקריגען פון אונזער הארינטע נאך א מאלצייט!...

— דיין צונג איז שארפער און שטארקער ווי מיין אפעטיט, — האט דער פאסטוך איהר געענטפערט, — אבער דיזען מאל האסטו מיר אומזיסט חושד געווען, — איך האב אפילו מיין אייגענעם מאלצייט נישט געענדיגט עסען און בין אהער געלאפען צו מיין הארינטע, ווייל די זאך וואס איך האב איהר צו מעלדען איז פון גרויס וויכטיגקייט. נו, זיי דאך אזוי גוט, און זאג אן דיין הארינטע אז איינער פון די פאסטוכער וויל ריידען א פאר ווערטער צו איהר.

— נו, אדרבא, זאג מיר וואס איז דאס אזוינס, למשל, וואס דו האסט איהר צו זאגען, — איז די דינסט עטוואס ווייכער געווארען, — אויב דאס איז א סוד, מעגסטו מיר אויך דערצעהלען. איך קען דיר פארזיכערען אז איך וועל מיט קיינעם דערפון נישט ריידען.

— הער אויף דיינע פוסטע רייד! — איז דער פאסטוך אומגעדולדיג גע־ווארען, — אויב דו וועסט נישט גלייך אריינגעהן און מעלדען דיין הארינטע אז איך וויל מיט איהר ריידען, וועל איך אליין אריינגעהן אהין!

— אט געה איך! אט געה איך! — האט די דינסט געזאגט מיט א שמייכעל און אריין אין געצעלט.

אין א ווײלע ארום איז ארויסגעקומען אביגיל. אויף איהר פנים האט זיך באוויזען א ליעבליכער שמייכעל... — מסתמא ווידער א קלאגע געגען איהר מאן'ס קארגשאפט, — האט זי געטראכט און איז צוגעגאנגען צום פאסטוך און איהם געפרעגט וואס ער ווינשט.

— מיין הארינטע, — האט זיך דער פאסטוך פארנייגט, — איך האב דיר זעהר א וויכטיגע זאך צו דערצעהלען.

אביגיל איז מיט איהם אוועק אן א זייט און דער פאסטוך האט זיך אפ־גערופען:

— דוד האט נאר וואס געשיקט צעהן מענשען צו אונזער האר נבל, איהם צו באגריסען צו דעם יום טוב פון וואל שערען, און איהם געבעטען ער זאל געבען וואס ער קען פאר דוד'ן און זיינע מענשען... אבער מיין האר האט זיי שרעקליך בעליידיגט, ער האט געזידעלט זיי און דוד'ן... ער האט זיי גערופען הינט און קנעכט... דוד און זיינע מענשען האבען אונז די גאנצע צייט בלויז גוטעס גע־טהאן; זינט זיי זיינען נעבען אונז, האט מיט אונזערע שאף גארנישט פא־סירט... און מיין הארינטע ווייס דאך געוויס ווי אזוי די גשורים רויבער זיינען אונז באפאלען און ווען נישט דוד און זיינע מענשען וואלטען זיי פון אונז אלעס אוועקגערויבט... און יעצט, האט אונזער האר, נבל, דוד'ס מענשען פון זיך

פארטריבען מיט חרפה... דוד וועט זיכער נקמה נעהמען פאר אזא באליידיגונג און אויב מיין הארינטע וועט עפעס נישט טהאן צו פארניכטיגען דעם אומרעכט וואס עס איז בעגאנגען געווארען געגען דוד'ן און זיינע מענשען. זיינען מיר אלע פאר־לארען !...

א שרעק האט אנגענומען אביגיל'ן. איהר פנים איז בלאס געווארען.

— אזוי איז געווען נבל תשובה צו דוד'ס שלוחים ! — האט זי אויסגערו־פען מיט אנגסט. — זאג מיר שנעלער ווען האט דאס פאסירט ?

— נאר וואס, מיין הארינטע, — אויב מיין הארינטע פערלאנגט וועל איך זיי לויפען אומקעהרען. איך וועל זיי נאך זיכער דערגרייכען...

— ניין, ניין, נבל טאר דערפון נישט וויסען ! — האט אביגיל געזאגט.

— איך וועל בעסער אוועקגעהן אין דוד'ס לאגער און פרובירען זיי פארגיטיגען און איינשטילען זייער כעס... שנעלער, רוף צונויף עטליכע פון די יונגען און קום צו מיט זיי. איך וועל דא ווארטען. אבער זיי זעהר פארזיכטיג נבל זאל גארנישט באמערקען.

דער פאסטוך איז אוועקגעגאנגען און אין א ווײלע ארום זיינען צוגעקומען צו אביגיל'ן אייניגע יונגען.

— האט איהר אלעס געהערט וואס פאר א תשובה מיין מאן האט געגעבען צו די מענשען פון דוד ?

— מיר האבען געהערט, אונזער הארינטע ! — שטארק ערנידריגט און באליידיגט האט ער זיי !...

— גרייט שנעלער צו די אייזלען, — האט אביגיל זיי באפוילען. — און לאדעט זיי אן מיט צוויי הונדערט לאבען ברויט, צוויי פעסער וויין, פינף צו־רעכט געמאכטע שעפסען, פינף טון געבראטענע קארן, הונדערט קעסטלעך ראזשינקעס און צוויי הונדערט קעסטלעך פייגען.

אין דער צייט ווען די פאסטוכער האבען געטהאן וואס זייער הארינטע האט זיי באפוילען, איז אביגיל אריין צו נבל'ן אין צימער און מיט א געמאכטען פרעהליכען פנים זיך צו איהם אפגערופען :

— היינט, מיין מאן, איז אונזער גרויסער יום טוב. גאט האט אונז דיזען יאהר א גרויסע שפע געגעבען... זיין ברכה האט גערוהט אין אלעס וואס מיר פארמאגען, לאמיר דאריבער דאנקען דעם באשעפער, לאמיר טרינקען וויין און זיך משמח זיין.

זי האט אנגעגאסען צוויי בעכער וויין און נבל האט געטרונקען.

— יא, מיין פרוי, — האט ער געזאגט אנפילענדיג נאך א בעכער וויין, — אלעס, אלעס געהערט צו מיר. דער יום טוב קאסט זעהר א סך געלד... מען דארף גוט אכטונג געבען אויף די קנעכט זיי זאלען צופיעל נישט עסען, ווייל זיי, די פרעסערס, וויסען דאך קיין גרענעץ ניט... א סך קימערט זיי פאר זייער האר'ס איינענטהום, די אונפערשעהמטע קנעכט... צופיעל געלד קאסט מיר אזא יום טוב... איבער־א־יאהר צום וואל שערען, וועל איך בלויז איין טאג מאכען יום טוב פאר די קנעכט. גענוג פאר זיי... איך וועל דאמיט איינשפארען זעהר פיעל געלד.

— נעהם זיך נישט צום הארצען, מיין מאן, גאט וועט געבען דעם קומענדען יאהר וועסטו נאך רייכער ווערען, איך וועל שוין אכטונג געבען, אז די קנעכט

און די דינסטען זאלען זיך נישט איבערעסען. דו רוה זיך אפ, ווייל דו שיינסט מיעד צו זיין.

נבל איז עטוואס געווארען בערוישט פון דעם וויין וואס ער האט געטרונקען און איז אוועקגעגאנגען זיך צולעגען אין זיין בעטעל.

אביגיל איז גלייך ארויס פון זיין צימער, און ווען זי איז צוגעקומען צו די יונגען איז שוין אלעם געווען פארטיג... זי האט זיך געזעצט אויף אן אייזעל און געהייסען די יונגען רייטען מיט די אנגעלאדענע אייזלען פאראויס צו דוד'ס לאגער.

* * *

מיט גרויס אונגעדולד האבען דוד'ס מענשען געווארט אויף דער צוריק־קעהרונג פון די צעהן שליחים פון נבל'ן... זיי האבען שוין געהאט אויפגעגעסען דעם לעצטען ביסען ברויט... דער הונגער האט זיך פערשטארקט.

— פארוואס זאמען זיי זיך אזוי לאנג? — האט יואב זיך אפגערופען צו דוד'ס ברידער און צו די איבריגע וועלכע זיינען געזעסען און נישט ארונ־טערגענומען די אויגען פון דער ריכטונג פון וועלכע די שלוחים האבען גע־זאלט צוריקקומען.

— מיר האבען זיך פארלאזען אויף נבל'ן און דערווייל נישט ארויסגע־גאנצען זוכען שפייז פון אנדערע קוואלען, — האט שמה געזאגט..

— איך גלויב אז באלד וועלען זיי אנקומען אנגעלאדען מכל.טוב, — האט אביתר געזאגט, — און דאריבער טאקע נעהמט עס זיי אזוי לאנג...

— איך ווייס נישט, — האט אליאב געזאגט, — פארוואס גראדע היינט ווען אונזער שפייז האט זיך געענדיגט, ווילט זיך מיר עסען פריהער פאר אלע מאל... אין פריהערדיגע טעג אין דער צייט האב איך נאך גאר נישט געטראכט פון עסען.

— וואס וועלען מיר אבער טהאן, — האט יואב ווידער געזאגט, — אז אונזערע שלוחים וועלען זיך אומקעהרען מיט ליידיגע הענט...

— דו טראכסט אימער דאס ערגסטע, — האט דוד, זיך אפגערופען, — אמת, נבל איז בעוואוסט פאר זיין קארגשאפט, אבער ער ווייס דאך וואס מיר האבען פאר איהם געטהאן... ער ווייס אז מיר האבען איהם אויסגעהיט פון גרויסע פארלוסטען... ער וועט געוויס נישט וואגען זיי צוריקשיקען מיט ליידיגע הענט.

— און ווען אפילו ער זאל יא געבען מיט זיין קארגע האנט, וועט דען קלעקען פאר אלע מענשען פאר א מאלצייט — האט אליאב געזאגט, — מיר האבען נישט גוט געטהאן... מיר האבען אלע געזאלט אהין געהן, וואלט ער געזעהן וויפיעל ער דארף אונז געבען.

— מיר דאכט זיך, אז זיי קומען אן! — האט אבישי זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ, — יא, זיי קומען!

אלע האבען זיך שנעל אויפגעשטעלט און אנגעשטרענגט זייערע בליקען אויף יענער ריכטונג.

— מיר דאכט זיך, אז זיי קומען מיט ליידיגע הענט! — האט אביתר זיך אפגערופען.

— זיי קומען מיט גארנישט!

— ליידיג זיינען זיי אוועק און ליידיג קומען זיי!

— וואָס זאָל עס בעדייטען?!

— עס בעדייטעט, — האָט יואב אויסגערופען און ארויסגעצויגען זיין שווערד, — אז נבל פארשטעהט ניט קיין ווייכע שפראך... ער וועט אבער מוזען פארשטעהען די שפראך פון שווערד!

— זיי נישט צו איבעראיילט און היציג, יואב! — האָט דוד צו איהם געזאָגט, — אָט קומען אַן אונזערע שלוחים און מיר וועלען פריהער הערען פון זייער מויל וואָס פאר א תשובה נבל האָט אונז געשיקט.

—מעגליך אז ער האָט אונז אלעמען איינגעלאדען צו בעטייליגען זיך אין זיין מאָלצייט! — האָט שמה געזאָגט.

— אזוי צי אזוי, מיר וועלען שוין באלד זיין זיינע געסט, — האָט יואב געזאָגט, — און אויפגעהויבען זיין שווערד.

— נו, וואָס האָט אייך נבל געזאָגט? — איז זיי דוד אנטקעגען געקומען. די שלוחים האָבען ארונטערגעלאָזען די קעפּ און געשוויגען...

— וואָס האָט פּאסירט? פארוואָס שוויגט איהר? — האָט דוד זיי גע־פרעגט מיט ערשטוינונג.

— מיר האָבען זיך בלויז נאריש געמאכט! — האָט עשהאל געזאָגט, — ער האָט אונז באלייִדיגט און אוועקגעטריבען ווי מען טרייבט אוועק א הונט.

— דערצעהל מיר ווי אזוי האָסטו צו איהם גערעדט און וואָס האָט ער דיר געענטפערט? — האָט דוד שטרענג א זאָג געטהאָן צו עשהאל'ן.

— מיר האָבען צו איהם גערעדט אלעס וואָס דו האָסט אונז אָנגעזאָגט, קיין וואָרט נישט פארפעהלט.

עשהאל האָט איהם איבערגעגעבען אלעס וואָס ער האָט זיי געענטפערט.

—"אומווירדיגע קנעכט פון א קנעכט! ווי הינט וועל איך אייך פון דאנען פארטרייבען".

— אזוי האָט ער צו אייך גערעדט, אָט דער נבל! — האָט דוד געביסען זיינע ליפּען פון כעס, — גארטעלט אָן אייערע שווערדען!

— א טויט אויף אלעמען! קיין געדעכנים זאָל פון איהם ניט בלייבען, — האָט יואב אויסגערופען. — מיר וועלען איהם צייגען ווי אזוי אונז צו רופען הינט!

— וואָס זיינען אבער שולדיג זיינע קנעכט און דינסטען, — האָט אבישי זיך אָפּגערופען, — בלויז דער שולדיגער דארף בעצאָהלען מיט זיין לעבען!

— דער שולדיגער און זיין גאנצע פאמיליע! — האָט יואב אויסגערופען.

— יא, מיין האר, דוד, מיר זיינען אלע גרייט!

— פיער הונדערט פון אונז וועלען געהן און פארניכטען איהם און אלעם וואָס ער האָט! — האָט דוד געזאָגט, און זיין פנים האָט געפלאַמט פון כעס. — צוויי הונדערט וועלען בלייבען ביי די כלים.

— ער האָט פערדיענט דעם טויט! — האָט עשהאל אויסגערופען, — ער האָט געזידעלט, געשאָלטען און בעליידיגט, דיך, אונזער האר, דוד! אין דער צייט ווען דו האָסט מיט איהם געטהאָן נור גוטעס!

יואב האָט באשטימט די צוויי הונדערט וועלכע זאָלען בלייבען איבער די כלים, און דוד האָט זיך געזעצט אויף זיין פערד און האָט אויסגערופען:

— לאָמיר געהן צו נבל'ן, און ביז אין דער פריה וועט פון זיין הויז קיין לעבעדיגער הונט בלייבען!...

יואב האט געריטען ביי דוד'ס זייט און די פיער הונדערט מענשען האבען זיי נאכגעפאלגט.

— מיר דאכט, אז אייזלען קומען אונז אנטקעגען, — האט דוד געזאגט צו יואב'ן. ווי עס שיינט, קומען זיי פון עמון.

— יא, אנגעלאדענע אייזלען קומען אן! — האט יואב געענטפערט, — דאס האט שוין נבל זיך ארומגעזעהן אז ער האט זיך בענארישט און ער שיקט יעצט זיינע מענשען מיט די אנגעלאדענע אייזלען אונז איבערצובעטען! אבער איך שווער ביי מיין שווערד, אז דאס וועט איהם נישט העלפען. ער וועט בעצאהלען מיט זיין לעבען פאר די באליידיגונגען און ערנידריגונגען...

— צו שפעט! — האט דוד געזאגט, — נבל וועט שטארבען. יעצט וועט איהם אפילו זיין גאנצער פארמעגען אלס אויסקויף נישט העלפען.

באלד האבען די איבעריגע מענשען אויך באמערקט די אנגעלאדענע אייזלען און עס האט זיי גענומען פרעהליכער ווערען אויפ'ן הארצען. זיי האבען שוין גענומען פארגעסען אן נבל'ן און אן זיינע זידלערייען... זיי זיינען געווען בענומען מיט איין געדאנק: דארטען, אט דארטען קומען אן אייזלען מיט עסענווארג פאר זיי... באלד וועלען זיי שטילען זייער הונגער...

— אט לויפט איינער פון נבל'ס פאסטוכער אין אונזער ריכטונג, דאס שיקט ער איהם אונז אנזאגען אז נבל גיט נאך אונזער פערלאנג — איז עשהאל צוגעקומען צו דוד'ן.

— מיר וועלען זיי יעצט מעהר ניט הערען! — האט דוד איהם געענטפערט. — מיר געהען גלייך צו נבל'ן. קיין זאך וועט אונז יעצט נישט אפהאלטען...

— מיין האר! מיין האר! — איז דער פאסטוך צוגעלאפען צו דוד'ן און זיך פאר איהם פארנייגט, — מיין הארינטע, נבל'ס פרוי, אביגיל, האט מיך פאראויס צו דיר געשיקט אנצוזאגען אז זי קומט אן און האט זעהר וויכטיגעס מיט דיר צו ריידען.

— און וואו איז זי פריהער געווען! — האט דוד אויסגערופען מיט כעס, — פארוואס האט זי פריהער נישט געזעהן אז איהר מאן נבל זאל מיינע שלוחים ניט אזוי שענדליך און אונמענשליך בעהאנדלען! ניין, יעצט איז שוין צו שפעט! מיר געהן זיך זעהן מיט נבל'ן אליין!

— איך בעט דיך, מיין האר, מיין הארינטע האט דערפון גארנישט געוואוסט... איך האב צופעליג געהערט ווי אזוי מיין האר נבל האט צו דיינע שלוחים גערעדט און איך בין גלייך אוועק און דערצעהלט מיין הארינטע דערפון... און זי האט גלייך געהייסען אנלאדען די אייזלען און אונז געהייסען רייטען פריהער.

— דאס וועט אבער נבל'ן גארנישט העלפען! — האט זיך יואב אריינגעמישט, — ער וועט זיין שטראף בעקומען. מיר וועלען פארטזעצען אונזער צוג נאך מעון, מיין האר, דוד!

— מיר וועלען דאךווארטען און הערען וואס די פרוי פון נבל'ן האט צו זאגען... כאטש איהר מיה איז אומזיסט, דאך וועט נישט שאדען איהר אויסצוהערען.

דוד מיט זיינע מענשען האבען זיך אפגעשטעלט און געווארט אויף אביגיל'ן,

פריהער זיינען אנגעקומען די אנגעלאדענע אייזלען, און דערנאך איז צוגעקומען אביגיל. זי איז ארונטער פון איהר אייזעל און זיך פארנייגט פאר דוד'ן.

דוד, וועלכער האט איהר צום ערשטען מאל געזעהן, איז בעצויבערט געווארען פון איהר חן און שעהנקייט... אט די שעהנע פרוי בעלאנגט צו אזא שלעכטען מאן ווי נבל, — האט ער געטראכט. יא, ברזילי האט נישט מגזם געווען ווען ער האט איהם דערצעהלט אז אביגיל איז א זעלטענע שעהנהייט... דאך האט ער בעשלאסען צו ריידען מיט איהר הארבע ווערטער.

— וואס איז דיין פערלאנג, פרוי פון נבל'ן, — האט ער צו איהר זיך אפגערופען, — אויב דו ביזט געקומען פארטיידיגען דיין מאן, וועט עס דיר, צום בעדויערען, ניט געלינגען, ווייל מיר האבען זיין שטראף בעשטימט, און מיר געהן יעצט אהין דאס אויסצופיהרען.

— איך בעט דיך, מיין האר, לאז דיין דינסט ריידען עטליכע ווערטער, ווייל נאך אלעמען בין איך מעהר שולדיג אין דעם ווי מיין מאן נבל. איך האב עס געדארפט פאראויסזעהן... ווייל איך קען דאך גוט מיין מאן, ער איז פון דער נאטור זעהר קארג און האט נאך קיינמאל קיין פרעמדען פון זיין ברויט געגעבען. יא, נבל הייסט ער, און ווי זיין נאמען אזוי איז ער, ער באגעהט זיך ווי א נבל צו זיינע ברידער פון זעלבען פאלק... איך וויים אז דיינע ערגסטע שונאים וואלטען דיר ערגער נישט בעהאנדעלט ווי ער האט בעהאנדעלט דיינע יונגען... דאך וואלט איך דיר בעטען, זיך אפצוהאלטען פון פארגיסען בלוט... מיין האר האט געקעמפפט מיט גלית'ן, אונזער גרעסטען און מעכטיגסטען שונא, און איהם בעזיעגט, דו האסט דיין לעבען איינגעשטעלט און מלחמה געהאלטען מיט די פלשתים, אלע מלחמות פון גאט האסטו געקעמפפט און דו האסט זיך מיט דיין גבורה קיינמאל נישט בענוצט אימיצען שלעכטס צו טהאן... און זאל דאריבער יעצט צו דיינע הענט קיין שטרויכלונג נישט קומען, און דו זאלסט נאכהער האבען געוויסענסביסע אז דו האסט פארגאסען בלוט פון איינעם פון דיין פאלק און דיין אייגענעם שבט. דאריבער ענטזאג מיר נישט און נעהם אן מיין בעשיידענע מתנה פאר דיינע מענשען... איך וויים פון די אלע אומגערעכטע רדיפות וואס דער קעניג מאכט אויף דיר. אבער גאט וויים דיין ריינע הארץ ווי אומשולדיג דו ביזט, און ער היט דיך אוים פון אל־דאס בייז... עס איז ביי מיר אויך קיין צווייפעל נישט אז מיין האר וועט ווערען קעניג איבער גאנץ ישראל. דאס וואס אלע האפען און ווילען... יעצט זאג איך דיר, מיין האר, ווען יענע צייט וועט קומען, וועסטו זיך פיהלען גליקליך וואס דו האסט דיין כעס בייגעקומען און דיינע הענט אויסגעמיטען צו פארגיסען בלוט... דאן האף איך, וועסטו זיך דערמאהנען אז דיין דינסט האט עס דיר אזוי געראטהען...

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף דוד'ס פנים. און ער האט אויסגערופען:

— געבענשט איז אונזער גאט, דער גאט פון ישראל, וואס ער האט דיך צו מיר געשיקט אין צייט, און געבענשט זאלסטו זיין, און דיין שכל זאל געבענשט ווערען וואס דו האסט מיר מיט דיינע קלוגע איבערצייגענדע ווערטער פארמיטען צו פארגיסען בלוט... ווייל, ווי גאט לעבט, ווען דו וואלסטו יעצט נישט געקומען, וואלט פון נבל'ן קיין שריד ופליט נישט געבליבען ביז'ן פריה־מארגען, יעצט דאנק איך דיר אין נאמען פון מיינע מענשען פאר דיין מתנה

וואס דו האסט אונז געבראכט. דו קענסט געהן בשלום אהיים, און מיר וועלען זיך בעמיהען פארגעסען אלעס וואס נבל האט צו אונז געטהאן.

—איך דאנק דיר, מיין האר, — האט זיך אביגיל ווידער פארנייגט, — איך וועל דיין חסד קיינמאל נישט פארגעסען. שלום!

דוד'ס מענשען האבען אויסגעלאדעט די אייזלען און אביגיל מיט איהרע יונגען האבען אוועקגעריטען צוריק נאך מעון.

ווען אביגיל איז אנגעקומען אהיים, האט נאך נבל, וועלכער האט זיך גוט אנגע'שכור'ט, געשמאק געשלאפען.

ווען ער איז אויפגעשטאנען אין דער פריה און איז ארויסגעגאנגען בעזוכען די קיה און די איבריגע פלעצער וואו די שפייז ווערט געהאלטען, צו זעהן אויב זיינע קנעכט האבען צופיעל נישט געגעסען, איז ער אויפגעציטערט געווארען ווען ער האט באמערקט אז עס איז שוין באלד קיין שפייז נישטא.

— וואו איז אהינגעקומען דאס גאנצע שפייז! — האט ער געשטורעמט אויף די עטליכע יונגען וועלכע זיינען געשטאנען דערביי, — איך וועל אייער פלייש מיט דערנער שטעכען אויב איהר וועט מיר נישט דערצעהלען.

די יונגען האבען געשוויגען.

נבל'ס כעס איז נאך גרעסער געווארען. ער האט געכאפט א שטעקען און גענומען שלאגען איינעם פון די יונגען.

— דעם טויט וועל איך דיר מאכען אויב דו וועסט מיר גלייך נישט דער־צעהלען ווי אזוי די איבער צוויי הונדערט לעבלאך ברויט זיינען פערשוואונדען געווארען.

— שלאג מיך נישט, מיין האר, איך בין ניט שולדיג, — האט זיך דער יונג גענומען בייז איהם בעטען, — הער מיך אויף צו שלאגען און איך וועל דיר דערצעהלען אלעס וואס איך וויים.

— רייד! דערצעהל! — האט נבל אויסגעשריען, פארמעסטענדיג זיך מיט'ן שטעקען איבער דעם יונג'ס קאפ.

— מיין האר'ס... ע... הם... מיין האר'ס פרוי האט גענומען צוויי הונדערט לעבלאך ברויט, — האט ער געשטאמעלט — און פינף שעפסען, צוויי פעסער וויין, פינף טון געבראטענע קארן און נאך זאכען, און עס אוועקגעפיהרט צו דוד'ן און צו זיינע מענשען.

— וואס?! — האט נבל אויסגעשריגען און איז אויפגעשפרונגען ווי א שלאנג וואלט איהם א ביס געטאן.—אביגיל האט גענומען מיין ברויט, געלד, מיין בלוט און אוועקגעגעבען צו פרעמדע מענשען... צוויי הונדערט לאבען ברויט! פינף שעפסען! אַ, דערצעהלסטו מיר דעם אמת, דו אומווירדיגער יונג...

— יא, מיין האר, איך דערצעהל דיר דעם ריינעם אמת... זי האט אודאי מיטגענומען הונדערט קעסטלעך ראזשינקעס און צוויי הונדערט קעסטלעך פייגען און עס אלץ אנגעלאדען אויף די אייזלען.

— מיין פארמעגען, מיין בלוט! — האט נבל נישט אויפגעהערט צו שרייען און ליארמען, — וואו איז זי, די נידערטרעכטיגע פרוי מיינע...

— אונזער הארינטע געפינט זיך אין איהר געצעלט, — האט איינער פון די יונגען זיך אפגערופען.

נבל איז מיט גרויס אימפּעט און כעס געלאָפן צו זיין פרוי'ס געצעלט. אביגיל איז איהם אנטקעגען געקומען.

— וואָס איז געשעהן ? ! — האָט זי דערשראָקען געפרעגט, ווען זי האָט באמערקט זיין צופלאַמטען און אויפגערעגטען פּנים.

— דו אומווירדיגע פרוי ! ווי אזוי האָסטו געוואגט אפּצוגעבען א שטיק פון מיין פארמעגען צו ווילד פרעמדע מענשען...

— בערוהיג זיך דאָך, נבל, — האָט אביגיל זיך אפּגערופען צו איהם מיט געלאַסענהייט, — דוד און זיינע מענשען האָבען פערדיענט אז דו זאָלסט זיי געבען די קליינע מתנה.

— די קליינע מתנה ! — האָט נבל געדריקט זיין פויסט און געקריצט מיט די צייהנער — צוויי הונדערט לאָבען ברויט ! אָה, דו נידערטרעכטיגע פרוי, ווי אזוי האָסטו עס געקענט צו מיר טהאָן... איך האָב דיר פון אָרימקייט ארויס־גענומען און דיר פאַר די הארינטע פון מיין האָב און גוטס געמאַכט, און יעצט געהסטו, דו אומפארשעהמטע פרוי, און אהן מיין וויסען גיסטו אזוי פיעל אוועק צו דעם אנטלאָפענעם קנעכט דוד'ן... איך וועל דיך צום טויט שלאָגען, — האָט נבל אויפגעהויבען זיינע הענט און געלאָפען צו אביגיל'ן... באַלד אָבער האָט ער ארויסגעלאָזען א ווילד־משונה'דיגען געשריי און איז אומגעפאַלען צו דער ערד.

א דערשראָקענע און טויט בלאַסע איז אביגיל צוגעלאָפען צו איהר מאַן און איהם גענומען מינטערען. אויף איהרע געשרייען זיינען צונויפגעלאָפען איהרע דינסטען...

— שנעלער ! רופט דעם רופא אהער, מיין מאַן איז נאַר וואָס קראַנק געוואָרען, — האָט אביגיל געזאָגט וויינענדיג.

עטליכע קנעכט האָבען איהר געהאָלפען אויפהויבען נבל'ן און איהם אריינגעלייגט אין זיין בעט.

דער רופא איז אָנגעקומען און האָט בעטראַכט דעם חולה און זיך אפּגע־רופען צו אביגיל'ן : "זיין הארץ איז אָנגעגריפען, ער האָט פון גרויס אויפרעגונג בעקומען א הארץ־שלאַג... ער מוז האָבען רוהע. ער טאָר זיך מעהר נישט אויפרעגען"...

די גאַנצע צייט האָט אביגיל נישט אפּגעטראָטען פון נבל'ס בעט. זי האָט איהם געגעבען פערשידענע רפואות און געזעהן איהם צו בערוהיגען ווי ווייט מעגליך.

נבל איז די גאַנצע צייט געלעגען אין גרויס היץ... און דאָס איינציגע וואָס מען האָט געקענט הערען פון זיין מויל, זיינען געווען די ווערטער : "צוויי הונדערט לאָבען ברויט !" "פינף שעפּסען !"...

אויף דעם צעהנטען טאָג פון זיין קראַנקהייט האָט נבל פּלוצלינג אויפגע־הויבען זיין קאָפּ פון בעט, און דערזעהענדיג אביגיל'ן האָט ער א געשריי גע־טהאָן : "פינף טון געבראָטענע קאָרן !" און איז גלייך אנידערגעפאַלען.

אביגיל האָט איהם פּרובירט מינטערען, אָבער אומזיסט. זי האָט גלייך געשיקט רופען דעם רופא, און ווען ער איז געקומען און בעטראַכט נבל'ן, האָט ער אויסגערופען :

— נבל איז טויט ! ער האָט געקראָגען א צווייטע הארץ־שלאָג און א שטאַרקערע און ער איז דערפון געשטאָרבען.

אביגיל האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט ווען זי האָט דאָס דערהערט.

— אוי, מיין מאַן... — האָט זי געיאָמערט, — זאָל דיר גאָט מוחל זיין ווי איך בין דיר מוחל...

נבל איז געבראַכט געוואָרען צו דער קבורה... און אביגיל האָט נאָך פיעל געוויינט און געטרויערט נאָך איהר מאַן.

* * *

ווען דוד האָט דערהערט אַז נבל איז געשטאָרבען, האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיינע מענשען: געלויבט און געבענשט איז גאָט, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען מיין קריוודע און ער האָט אַליין בעצאָהלט מיין שונא, וועלכער האָט מיך אַזוי ערנידריגט... איך דאַנק דיר, גאָט, וואָס דו האָסט אויסגעמיטען מיינע הענד פון צו פאַרגיסען בלוט... און די שלעכטעס פון נבל'ן איז געפאַלען אויף זיין קאָפּ.

— יעצט בין איך אויך צופרידען, — האָט זיך יואב אָפּגערופען צו דוד'ן, — אַז מיר האָבען זיך דאָן בעהערשט און נישט געגאַנגען טויטען נבל'ן... מיין דורשט נאָך נקמה איז יעצט געשטילט געוואָרען... גאָט טהוט נאָר גערעכטיגקייט.

— מיר דאַרפען אַלע דאַנקבאַר זיין צו די וואונדער־שעהנע פרוי, אביגיל, — האָט דוד געזאָגט, — זי האָט מיט איהרע קלוגע איבערציינענדע ווערטער מעגליך געמאַכט אַז מיר זאָלען זיך באַהערשען... יאָ, זי איז אַ נאָבעלע פרוי... איך וועל איהר געהן מנחם אבל זיין, ווילסטו מיטגעהן מיט מיר יואב?

— געוויס, מיין האַר! — האָט יואב געענטפערט — איך וועל מיט דיר געהן אַהין און אויך מיין דאַנק אויסדריקען צו אביגיל'ן.

— יעצט איז שוין צו שפּעט, — האָט דוד געזאָגט, — מאָרגען אין דער פריה וועלען מיר אַהין געהן.

יענע נאַכט האָט דוד נישט געשלאָפען... ער האָט געטראַכט פון אביגיל'ן. ווי צויבערנד שעהן זי איז... ווי קלוג און לאַגיש זי רעדט... וואָס פאַר אַ גוטע נאָבעלע נשמה זי בעזיצט... יעצט איז זי פריי, איהר מאַן איז געשטאָרבען... אַ, ווי זי האָט געבעטעד געמוזט ליידען פון איהר שלעכטען קאַרגען מאַן. זי, די מילדע, ווייכהאַרציגע שעהנע פרוי האָט געדאַרפט זיין צוגעבונדען צו אַזאַ גרויזאַמען רשע ווי נבל איז געווען... יאָ, ברזילי האָט אויך שטאַרק בעדויערט פאַרוואָס אביגיל איז אַריינגעפאַלען אין אַזוי הענט פון נבל'ס... דוד האָט גע־פיהלט אַז ער פאַנגט אָן אביגיל'ן צו ליעבען... זי איז צו איהם געקומען ווי אַ ליכטיגער זונען־שטראַהל אין זיין פינסטערען וואַנדערען... באַלד איז איהם אָבער געקומען אויפ'ן געדאַנקען זיין מיכל... זיין געליעבטע און זיין פרוי... ווי אַזוי קען ער גאַר יעצט טראַכטען וועגען אימיצען אַנדערש ווען זיין ליעבענדע מיכל איז איהם נאָך פון זיין געדאַנקען נישט אַרויס... ניין, ער וועט אין דער פריה נישט געהן צו אביגיל'ן... מיכל, מיכל! מיין שעהנע ליעבענסווירדיגע מיכל... באַלד אָבער האָט ער צוריק געטראַכט: מיכל איז דאָך שוין מעהר נישט מיינע... זי איז געוואָרען די פרוי פון פלטיאל, דעם זוהן פון ליש... אמת, איהר פאָטער האָט איהר דערצו געצוואונגען... אָבער דאָס ענדערט דאָך נישט די לאַגע, זי געהערט מעהר נישט צו מיר... ווער ווייס צו זי ליעבט מיך נאָך!... ווען זי וואָלט מיך נאָך שטאַרק געליעבט וואָלט זי גיכער אַנטלאָפען געוואָרען פון איהר פאָטער'ס פּאַלאַץ, דען צו הייראַטען מיט אַן אַנדערען... יאָ, איך מוז מיכל'ן פון

מיין קאפ ארויסשלאגען, זי איז צו מיר געווען ווי א שעהנער טרוים וואס איז פארשוואונדען געווארען... אביגיל איז יעצט פריי, זי איז א שעהנע צארטע בלום... יא, איך געה צו איהר!

גאנץ פריה איז ער צוגעגאנגען צו יואב'ן און געזאגט:

— לאמיר געהן נאך מעון מנחם אבל זיין אביגיל'ן.

דוד און יואב האבען זיך געזעצט אויף זייערע אייזלען און אוועקגעריטען נאך מעון.

א דינסט האט געמאלדען אביגיל'ן אז דוד איז אנגעקומען. און אביגיל האט געזאגט דער דינסט זי זאל איהם הייסען אריינקומען.

דוד איז אריינגעקומען און זיך פארנייגט.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען מיין האר, וואס איך בין צו דיר נישט ארויס אנטקעגען, — האט אביגיל געזאגט. — איך זיץ שבעה נאך מיין מאן, און עס איז נישט רעכט ארויסצוגעהן פון הויז אין די טעג פון שבעה... איך דאנק דיר זעהר וואס דו האסט זיך נישט פארגעסען אן דיין דינסט און ביזט געקומען מיך טרייסטען אין דער צייט פון מיין טרויער.

— א גרעסערען דאנק קומט דיר, נאבעלסטע צווישען טעכטער, די גנאדע וואס דו האסט געטהאן צו מיר און צו מיינע מענשען וועט קיינמאל נישט אויסגעמעקט ווערען פון מיין זכרון... מיר האבען זיך געלאזט באהערשען פון אונזער כעס און דורשט פאר נקמה... קיין זאך אין דער וועלט, האט זיך מיר דאן געדוכט, וועט קענען אפהאלטען מיר און מיינע מענשען פון שפיכת דמים, ביז וואנען דו ביזט געקומען און מיינע אויגען געעפענט... ווי גליקליך איך בין, אז דער באשעפער האט דיר צו דער צייט געשיקט... און דיר אזוי פיעל חכמה געגעבען אז דו האסט געהאט בכח מיר און מיינע מענשען אבצווועהרען פון צו באגעהן אזא שריט פון וואס איך וואלט נאכהער חרטה געהאט מיין גאנצען לעבען... אויך א הערצליכען דאנק דיר, פאר דיין ווערטהפולער מתנה וואס דו האסט אונז געבראכט, דו האסט דעם הונגער און דורשט פון מיינע מענשען געשטילט, זאל דיר דאריבער גאט טרייסטען אין דער צייט פון דיין טרויער... ער זאל דיר זיין נחמה און ברכה פון הימעל שיקען... דו זאלסט דיינע שמערצען און ליידען פארגעסען, און גליק זאל פון יעצט אן בעציערען דיין לעבען.

טרעהרען האבען זיך באוויזען אין אביגיל'ס אויגען, ווען זי האט פון דוד'ן די טרייסט־ווערטער געהערט.

— דיין דיענסט האט נישט פערדיענט דיין גרויסע גנאדע וואס דו האסט מיט מיר געטהאן — האט אביגיל געווישט איהרע טרעהרען — דיינע צערטליכע ווערטער זיינען ווי א באלזאם צו מיין אנגעוועהטאגט הארץ. איך בין יעצט גע־בליבען עלענד... מיין מוטער איז געשטארבען ווען איך בין נאך א קליין קינד געווען און מיין פאטער איז געשטארבען אין א יאהר ארום נאכדעם ווי ער האט מיר פערהייראט צו נבל'ן... און יעצט איז מיין מאן געשטארבען און איך בין געבליבען א הילפלאזע פרוי... און דאריבער זיינען מיר דיינע טרייסט ווערטער זעהר טייער.

לאנג האט נאך דוד מיט איהר גערעדט. אביגיל האט איהם דערצעהלט פון איהר לעבען אין יבש גלעד, ווי אזוי נבל איז געקומען און זי געוואלט נעהמען. איהר הארץ איז דאביי נישט געווען. איהר ארעמער פאטער אבער האט איהר

דערצו צוגערעדט, און ווי שטארק חרטה ער האט אויף דעם נאכהער געהאט, ווען ער האט געזעהן ווי נבל בעהאנדעלט איהר און אלע זיינע מענשען... פון גרויס עגמת נפש איז איהר פאטער פריהצייטיג פון דער וועלט געגאנגען.

דוד האט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס צו אביגיל׳ס ווערטער: ער האט איהר דערצעהלט וואס ער האט דורכגעמאכט די גאנצע צייט, זינט ער האט גלות דעם פלשתי געטויטעט. די רדיפות פון שאול׳ן. ווי אזוי ער האט ביי איהם אוועקגענומען זיין פרוי מיכל און איהר אפגעגעבען א צווייטען... וויפיעל מאל ער איז ניצול געווארען פון טויט... ״יע, דער קעניג האט נאך יעצט אפילו נישט אויפגעגעבען זיינע פערפאלגונגען... מיר מוזען וואנדערען פון פלאץ צו פלאץ... מיין פאטער, מוטער און מיינע שוועסטער געפינען זיך אין מואב. זיי האבען פערלאזען זייער רייכען פערמעגען אין בית לחם און אליין אויסגעוואנ־דערט אין א פרעמדע לאנד... דאך איז מיין האפענונג שטארק אין גאט... איך האב מיין בטחון אין דעם בעשעפער נישט פערלארען...

ווען עס האט גענומען טונקעל ווערען, האט זיך דוד געזעגענט מיט אביגיל׳ן און איז צוריקגעגאנגען מיט יואב׳ן אין זיין לאגער.

— זי איז א וואונדערבארע פרוי — האט דוד זיך אפגערופען צו יואב׳ן אויף׳ן וועג — זי איז זעהר קלוג און געזעצט און איז דערצו א זעלטענע שעהנ־הייט, עס איז שווער צו אורטהיילען אויב איהר קלוגשאפט וועגט אריבער איהר שעהנקייט, אדער פערקעהרט...

— ווי איך האב אויסגעפונען פון איהרע קנעכט און דיענסטען, איז זיי אויך זעהר גוט הערציג און איידעל — האט יואב געזאגט — און אזא פרוי האט עס געדארפט וואהנען איבער צעהן יאהר מיט אזא מאן ווי נבל און אזוי פיעל ליידען פון איהם...

דוד האט נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון אביגיל׳ן ווי שעהן און הערליך איהר שטימע האט געקלונגען אין זיינע אויערען... ער איז געוויע גע־דיהרט פון איהרע טרעהרען... זי די נאבעלע, צארטע נשמה האט אזוי פיעל גע־ליטען... ער האט אזוי פיעל מיטלייד מיט אביגיל׳ן ביסלעכווייז איז זיין מיט־לייד צו איהר פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסע פלאם פייערדיגע ליעבע... און ווען די טעג פון טרויער זיינען אריבער, איז ער ווידער איהר געקומען בע־זוכען... יעצט האט ער שוין דארטען געטראפען דעם אלטען ברזילי׳ן, אביגיל׳ס קרוב.

דוד האט זיך שטארק דערפרעהט מיט איהם ער האט איהם הערצליך בע־גריסט און זיך אפגערופען:

— דו ביזט נישט לאנג פון גבעה געקומען?

— שוין באלד צוויי וואכען.

— און וואס מאכען דיינע זיהן?

— זיי זיינען נאך אלע אין דער ארמעע אונטער יונתן׳ס אויפזיכט. מיין עלטערען זוהן, כמהם, איז געווארען א שר מאה (הויפט איבער הונדערט) און די איבעריגע זיינען אויך צופריעדען.

— האסטו זיך געזעהן מיט יונתן? — האט דוד געפרעגט — און וואס מאכט ער און ווי זעהט ער אויס:

— ער איז א סך פערעלטערט געווארען... מען קען זעהן פון זיין פנים אז ער ליידט זעהר פיעל...

— און פון מיכל'ן האסטו געהערט?

— נו, זי געפינט זיך דאך אין פלטיאל'ס הויז... יע, זי איז זיין פרוי...

א לייכטער ציטער איז דורכגעלאפען דוד'ס קערפער... זיין פנים האט אויסגעדריקט א טיפען צער און ליידען... ער האט זיך אבער בעהערשט און ווייטער געפרעגט:

— וועלען דיינע זיהן לאנג פערבלייבען אין דער ארמעע?

— עס איז מיר יעצט שווער צו ענטפערען אויף דיזער פראגע — האט ברזילי געזאגט — נבל איז טויט, און אביגיל האט מיר געמאכט פאר'ן אויפזעהר איבער איהר פערמעגען... זי האט מיר אויך אומגעקעהרט אלעס וואס נבל האט ביי מיר צוגענומען, און איך בין אליין רייך געווארען. וואלט איך זעהר געוואלט אז מיינע זיהן זאלען זיין מיט מיר... איך ווייס אבער נישט אויב זיי וועלען קענען אדער וועלען פערלאזען די ארמעע... זיי האבען זיך שוין צוגעוואהנט דערצו. און א חוץ דעם האבען זיי אימער געשטרעבט און געחלומ'ט צו זיין אין דער ארמעע. און ווי לאנג זיי זיינען אונטער יונת'ן אויפזיכט, בין איך צופריעדען... איך ווייס אז קיין שלעכטס וועלען זיי זיכער נישט טהאן... דאך וועל איך איז גיכען ווידער אוועקפאהרען נאך גבעה... זיי ווייסען נאך גאר נישט וואס דא האט פאסירט... מעגליך אז ווען זיי וועלען זיך פון אלעם דערוויסען, וועלען זיי איינשטימען צו פאהרען מיט מיר אהיים.

— דענקסטו צו פערבלייבען אין מעון? — האט איהם דוד ווידער געפרעגט.

— דערווייל כל זמן אביגיל איז אליין, וועל איך מוזען פערוואלטען אויך איהרע גיטער — האט ברזילי געענטפערט — זי האט דאך קיינע קרובים א חוץ מיר, איך האף אז דער פאטער אין הימעל וועט איהר יעצט צושיקען דעם ריכטיגען זיווג... וויל זי האט זיך שוין גענוג אנגעליטען אין איהר יונגען לעבען... ווען זי זאל זיין בעזארגט, דאן רעכען איך זיך ווידערצוקעהרען נאך רגלים, און גלעד... דארטען וועל איך פערענדיגען מיינע יאהרען אין רוהיגקייט און אין שלום.

— האט זי דיר דערצעהלט ווי אזוי נבל האט בעהאנדעלט מיינע מענשען, און ווי אזוי זי האט אונז פערמיטען צו פערגיסען בלוט?...

— יע, דאס האבען מיר שוין די פאסטוכער דערצעהלט... געלויבט איז גאט וואס אביגיל'ן איז געלונגען צו שטילען דיין כעס און דעם כעס פון דיינע מענשען... ער האט דאך אליץ איינס בעצאהלט דעם רשע לויט זיין רשעות...

— איך וועל קיינמאל נישט פערגעסען אביגיל'ס פריינדליכקייט... איך וועל אימער בעוואונדערען איהר מוטה, איהר גוטסקייט און לאגישען שכל...

געדוכט האט זיך מיר דאן אז קיין זאך אין דער וועלט וועט שטילען מיין דורשט נאך נקמה... אונזער בעשלוס אבצואווישען נבל'ן פון אונטער די הימלען איז געווען ענטשידען, און דאן איז געקומען די נאבעלע שעהנע אביגיל און מיט איהרע ווייכע און קלוגע ווערטער אונז אלעמען בערוהיגט... איך בין איהר מעהר ווי דאנקבאר דערפאר... זינט דאן איז זי מיר איינגעבאקען אין מיין הארצען... איך האב איהר ליעב בעקומען, און ווען זי וואלט נאר איינגעשטימט וואלט איך איהר פאר מיין פרוי גענומען...

— זיי געבענטשט פון גאט, דוד, — האט זיך ברזילי אפגערופען — דיין חסד וואס דו געהסט טהאן מיט אביגיל'ן איז זעהר גרויס. ווילסטו, וועל איך מיט איהר רעדען דערפון... זי איז יעצט אוועק אין פעלד מיט איהרע דיענסטען און אין אבענד וועט זי זיך צוריקקעהרען...

— איך וועל זיך זעהר גליקליך שעצען ווען זי זאל דיר איהר צושטימונג געבען... איך וועל מארגען דא ווידער זיין... שלום!

— געה בשלום דוד, זאל גליק קומען אין דיין וועג פון יעצט אן.

דוד איז אוועק אין זיין לאגער, און האט מיט גרויס אומגעדולד געווארט אויף מארגענדיגען טאג צו הערען אביגיל'ס תשובה.

ברזילי האט בעגעגענט אביגילין יענעם אבענד און האט איהר בעגריסט מיט א ליעבליכען שמייכעל.

— ווייסטו ווער איז דא היינט געוועזען, מיין טאכטער? — האט ער צו איהר געזאגט.

אביגיל האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג...

— דוד איז נאר וואס געוועזען דיר צו בעזוכען — האט ברזילי זיך אפגערופען — ער האט דיר געהאט עפעס וויכטיגעס צו זאגען אבער ער האט זיך אויף דיר נישט געקענט ערווארטען און איז צוריקגעגאנגען.:

— דוד! — האט אביגיל אויסגערופען — דוד האט מיר אזא כבוד אנגעטהאן און איז געקומען מיר בעזוכען... איך האב עס זיכער נישט פערדיענט...

— דו האסט עס זיכער פערדיענט, מיין טאכטער — האט ברזילי געזאגט— דוד האט אפענע אויגען און ער קען זעהן דיין ריינע צערטליכע נשמה... דו ביזט יעצט געבליבען עלענד, אהן קרובים און פריינד... איך בין שוין אלט און האף צו פערברייגגען מיינע לעצטע יאהרען אין מיין געבורטס־שטאדט... יע, מיין ליעבליכע טאכטער, דוד וועט דא מארגען ווידער זיין, ער וועט קומען הערען דיין תשובה!...

— מיין תשובה? — האט אביגיל איהם אנגעקוקט מיט פערוואונדערונג — דוד האט מיר פערטרויט אז ער האט דיר ליעב בעקומען און אויב דו וועסט איינוויליגען וועט ער מיט דיר הייראטען.

אביגיל'ס פנים איז בעדעקט געווארען מיט א רויטקייט... א ווייל איז זי געשטאנען אומבעוועגליך...

— דוד האט איינגעוויליגט מיר פאר זיין פרוי צו נעהמען — האט אביגיל אויסגערופען, נאכדעם ווי זי איז צו זיך געקומען — א גאט, גרויס איז דיין חסד וואס דו טהוסט מיט מיר... איז עס דען נישט קיין חלום, דוד דער גרעסטער העלד פון גאנץ ישראל זאל איינוויליגען... אה, עפעס גלויבט זיך מיר נישט!... זאג מיר ברזילי וואס האט ער דיר געזאגט, פיעלייכט האט ער בלויז שפאס געמאכט!

אה ניין טאכטער מיינע, ער איז געוועזען זעהר ערנסט דו ביזט איהם איינגעבאקען אין הארצען, האט ער געזאגט, ער האט דיר זעהר ליעב... און אויב דו וועסט נאר צושטימען...

— צו איך װעל צושטימען! — האָט אביגיל אויסגערופען מיט פרייד — איך װעל זיך שעצען די גליקליכסטע אין דער װעלט דוד'ס פרוי צו װערען!...

— עס איז אזוי בעשערט פון גאָט, דעם פאָטער פון יתומים און אלמנות— האָט ברזילי געזאָגט — געלויבט איז גאָט װאָס ער האָט דיר נישט פערלאָזען, און װעט פערזיסען דיין לעבען, װאָס עס איז געװען זאָט ביז יעצט מיט ביטערניס און ליידען...

* * *

דוד האָט נישט אויפגעהערט טראַכטען פון אביגיל'ן... זי האָט איהם בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט און זיין הארץ געװאונען מיט איהר חכמה... זיין אומגעדולד האָט געװאַקסען... װעט זי איינשטימען זיין פרוי צו װערען אדער נישט... מעגליך אז זי װעט זיך נישט װעלען פערבינדען מיט איהם, װעלכער איז א פארטריבענער, װעלכער האָט נים קיין מקום מנוחה אין זיין אייגען לאַנד... זי קען נאָך דענקען אז דאָס װיל ער איהר פאַר זיין פרוי צוליעב דעם װאָס זי איז פערבליבען די איינציגע יורש'טע פון איהר רייכען מאַן נבל'ן... װען זי זאָל נאָר װיסען אז זי איז די איינציגע פון װעמען ער טראַכט... װאָלט זי איהם פיעלייכט אויך געעקנט ליעב האָבען...

װען ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט ער ביי זיך נישט געקענט בעשליסען צו ער זאָל געהן נאָך מען צו הערען אביגיל'ס תשובה... אויב זי זאָל נישט איינװיליגען דאַן װעט עס פאַר איהם זיין א גרויסע בעליידיגונג, איז שוין גלייכער ער זאָל אין גאַנצען אהין נישט געהן... ער װעט שיקען זיינע דינער איהר אנפרעגען און לויט איהר ענטפער צו זיי װעט ער אויך װיסען װי אזוי צו האַנדלען.

דוד האָט גלייך אװעקגעשיקט אייניגע פון זיינע דינער נאָך מעון, און זיי געהייסען דערגעהן װאָס איז אביגיל'ס תשובה צו דעם װאָס ער האָט גערעדט מיט ברזילי דעם גלעדי.

אביגיל האָט אויפגענומען דוד'ס דיענער מיט גרוים שמחה.

— זאָגט אן אייער האר דוד — האָט זי זיי געזאָגט — אז זיין דיענסט איז גרייט צו װאַשען די פיס פון זיינע קנעכט.

מיט גרוים צופריעדענהייט האָבען די שלוחים געבראַכט די פרעהליכע בשורה צו דוד'ן... אלע אין לאַגער האָבען זיך זעהר גליקליך געפיהלט דאָס דוד װעט הייראַטען די גוטהערציגע גאַבעלע פרוי אביגיל.

דוד האָט קיין רגע זיך נישט פערזוימט און האָט אנגעזאָטעלט די אייזלען און צוזאַמען מיט יואב'ן, זיינע ברידער און זיינע איבעריגע גוטע פריינד אװעקגעריטען נאָך מעון.

אביגיל האָט זיך דערװאוסט אז דוד קומט אָן, איז זי איהם אנטקעגען געריטען מיט פינף פון איהרע דיענסטען...

— אביגיל! — האָט דוד אויסגערופען — פרייד װעט יעצט רוהען אין מיין געצעלט, דו האָסט איינגעװיליגט מיין פרוי צו װערען.

— איך בין דיין דיענסט! — האָט אביגיל געענטפערט — גאָט האָט צוגעזעהן מיינע ליידען און פון יעצט אָן װעט מיין גליק שיינען...

דוד האָט איהר געבראַכט אין זיין לאַגער און האָט געפּראַװעט א חתונה מיט גרוים פראַכט און פּאָמפּ.

אביגיל האט איבערגעגעבן די שאף און רינדער צו דוד'ס מענשען, זי האט פערקויפט איהר נחלה און ארויסגעצאהלט ברזילי'ן, וועלכער איז יעצט רייך געווארען. ער האט זיך אומגעקעהרט צו זיין שטאדט אין רגלים. אביגיל האט בעפרייט אלע איהרע קנעכט און דיענסטען, זיי מתנות געגעבען און איז גע־גאנגען וואנדערען צוזאמען מיט דוד'ן.

זעהר צופריעדען זיינען געווען דוד'ס מענשען מיט זייער האר'ס חתונה, אחוץ וואס אביגיל האט זיך ביי זיי אלעמען באליעבט געמאכט, איז יעדער פון זיי געווען דער בעזיצער פון פינף שעפסען, אייניגע קיה און אקסען. פיעלע פון זיי האבען געהאט פרויען און קינדער און זיי האבען יעצט געקענט טראכטען צו ברייננען זייערע פרויען צו זיך.

איין-און-צוואנציגסטער קאפיטעל

שאול און די מכשפה

דוד האט זיך דערוואוסט אז שאול קלייבט זיך ווידער איהם צו באפאלען מיט אן ארמעע. ער האט דעריבער בעשלאסען צוריקצוגעהן נאך דעם מדבר זיף און בעפעסטיגען זיך אין די דארטיגע פעסטונגען.

די געצעלטען פון די פרויען און די קינדער זיינען געווען ווייט הינטערן לאגער, מען זאל זיי קענען בעשיצען איידער דער שונא וועט זיי דערגרייכען.

מען האט אנגעזאגט שאול'ן אז דוד האט חתונה געהאט מיט דער רייכער אביגיל, און זיין כעס און קנאה האבען זיך ווידער געוומען אנצינדען אין איהם... יעצט אז דוד איז אזוי רייך, וועט איהם נאך גרינגער אנקומען די מלוכה... ער מוז איין מאל פאר אלע מאל מאכען א סוף פון דוד'ן. ער האט דעריבער אויס־געקליבען דריי טויזענד פון זיינע העלדען און איז מיט זיי אוועק אין מדבר מעון, וואו ער האט גערעכענט אנצופאנגען אן אפענעם שלאכט מיט דוד'ן און זיינע מענשען.

ווען שאול איז אנגעקומען האט ער שוין דוד'ן און זיין חיל דארטען נישט געטראפען... פון די ארומיגע איינוואהנער האט ער זיך דערוואוסט אז דוד האט דעם פלאץ פערלאזען מיט עטליכע טעג פריהער. שאול האט זיי אנגעבעטען איהם צו לאזען וויסען אזוי גלייך ווי דוד וועט זיך צוריקקעהרען, און איז צוריקגעגאנ־גען מיט זיינע העלדען נאך גבעה. ווי נאר ער איז אנגעקומען אין שטאדט, זיינען איהם אייניגע מענשען פון דער שטאדט זיף ענטקעגען געגאנגען און איהם אנ־געזאגט אז דוד פערבארגט זיך ווידער אין די פעסטונגען נעבען דער שטאדט זיף.

שאול האט זיך אפילו נים אפגערוהט און איז גלייך אוועק מיט זיינע גבורים נאך זיף.

די נאכט איז אנגעקומען און שאול, און די העלדען זיינען געווען שטארק אויסגעמאטערט און זיי האבען בעשלאסען איבערצונעכטיגען אין דעם טהאל.

דוד האט זיך דערוואוסט אז שאול קומט אן און ער האט ארויסגעשיקט אייניגע מרגלים אויסצוגעפינען אויב שאול איז טאקע אנגעקומען און וואו ער געפינט זיך מיט זיין ארמעע. די מרגלים האבען אנגעוויזען דעם פלאץ וואו שאול געפינט זיך.

דוד האט מיט זיך גענומען אבישי, יואב'ס ברודער און נאך איניגע מענ־שען און איז מיט זיי ארויף אויף א הויכען בארג, פון וואנען ער האט געקענט בעאבאכטען פון דער שיין פון דער לבנה וואס עס טוט זיך אין שאול'ס לאגער. ער האט בעמערקט ווי שאול ליגט אין מיטען און שלאפט. ארום איהם איז א צירקעל זיצען זיינע גבורים. אבנר בן נר איז געזעסען נעבען שאול'ן און האט געדרעמעלט... די נאכט איז געווען זעהר א שטילע און רוהיגע, קיין ווינטעל האט נישט געבלאזען, אפילו די שאקלען האבען זיך נישט געלאזט הערען וויא זיי וואלטען בעצויבערט געווארען פון דער פראכטפולער לבנה וועלכע האט גע־שוועבט אין די לויטערע הימלען...

דוד האט בעמערקט ווי א זיסער שלאף האט אלעמען אנגענומען און אפילו שאול'ס לייב־וועכטער האבען גענומען איינדרעמלען פון גרויס מיעדקייט...

— ווער וויל מיט מיר ארונטערגעהן אונטען אין טהאל — האט זיך דוד אפגערופען.

—איך וועל געהן מיט דיר! — האט אבישי דער זוהן פון צרויה געענטפערט.

ביידע האבען שטילערהייט אראפגענידערט פון בארג און מיט גרויס פאר־זיכטיגקייט זיך דערנעהנטערט צו שאול'ס לאגער...

דער שלאף האט אלעמען בעהערשט. פון שאול'ס כראפען האט מען געקענט פערשטעהן אז ער שלאפט גאנץ געשמאק אבער אבנר און די איבעריגע ארום איהם, זיינען אויך נישט געבליבען הינטערשטעליג...

צוקאפענס, נעבען שאול'ן איז געשטאנען זיין קריגעל וואסער און אין דער ערד איז געווען אריינגעשטעקט זיין שפיעז...

— גאט האט איבערגעגעבען דיין שונא אין דיין האנט — האט אבישי געזאגט שטילערהייט צו דוד'ן — אט וועל איך מיט זיין אייגען שפיעז איהם דורכשטעכען ביז דער ערד... איין זעץ, און איך וועל נישט דארפען ווי־דערהאלען...

— ניין! — האט דוד צוריקגעהאלטען אבישי'ן — טויט איהם נישט! — קיינער קען אויפהויבען א האנט געגען דעם געזאלבטען פון גאט און אוועקגעהן אומבעשטראפט...

— אבער מיין הער! — האט אבישי איהם אריינגערוימט אין אויער — שאול זוכט דאך דיר צו טויטען אומשולדיגערהייט, און ווען ער וואלט דיר געפונען שלאפענדיג וואלט ער דיר דען געשאנעוועט ? ! איינמאל פאר אלע מאל איך וועל איהם טויטען און מאכען א סוף צו אונזער וואנדערען און וואגלען...

— איך שווער ביי גאט! — האט דוד זיך אפגערופען אין דער שטיל — אז דו וועסט איהם נישט טויטען... אויב ער האט געזינדיגט וועט קומען זיין צייט און גאט וועט איהם שטראפען, צו ער וועט שטארבען דורך א נאטירליכען טויט אדער דורך מלחמה, אבער מיר טארען חלילה איהם נישט אנריהרען... לאז־מיר נעהמען זיין שפיעז פון דער ערד און זיין קריגעל וואסער און לאמיר געהן.

דוד האט ארויסגעצויגען שאול'ס שפיעז פון דער ערד, אוועקגענומען זיין קריגעל וואסער און איז מיט אבישי'ן צוריקגעגאנגען צום בארג.

ווען עס האט אנגעהויבען טאגען, האט זיך דוד אוועקגעשטעלט אויף'ן שפיץ בארג און אויסגערופען מיט א הויכע שטימע :

— אבנר, אבנר! דו וועסט דאך מיר ענטפערען.

אבנר איז אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און מיט כעס אויסגערופען:

— ווער ביזטו, עס, וועלכער וואגט צו ריידען אזוי הויך און שטערען דעם קעניג פון זיין שלאף, דו פערדיענסט דעם טויט פאר אזא געמיינהייט!...

— און דו, — האט איהם דוד געענטפערט — דו ביזט דאך אזא חשוב'ער מענש אין ישראל, דו ביזט דעם קעניג'ס שר צבא... טו פאר וואס היטסטו נישט אפ דעם קעניג ווי עס בעדארף צו זיין... אט האט אימיצער נאך א האר געקענט טויטען דעם קעניג... וואו ביזטו געווען און דעם קעניג'ס לייב־וועכטער. פער־זונקען אין טיעפען שלאף און איבערגעלאזען אייער האר און איהם נישט געהיט פון די גרויסע סכנה וואס האט געלויערט אויף איהם!

— אבער ווער ביזטו? ! — האט אבנר א געשריי געטהאן צו איהם.

— וואס איז דיר דער אונטערשיעד ווער איך בין — האט דוד איהם גע־ענטפערט — אבער עס איז זעהר נישט פיין פון דיר און פון דיינע מענשען אזוי אפצוהיטען, דעם געזאלבטען פון גאט... וואו איז דעם קעניג'ס שפיעז, און וואו איז זיין קריגעל וואסער וועלכע זיינען געווען צוקאפענס פון דעם קעניג...

אבנר האט גענומען זוכען דעם קעניג'ס שפיעז און דעם קריגעל וואסער און צו זיין גרויס באוואונדערונג האט ער זיי נישט געפונען...

דערווייל האט זיך דער קעניג אויפגעכאפט פון גרויסען טומעל און ער האט דערקענט דוד'ס שטימע. ער האט אויך געהערט וואס דוד האט געזאגט.

ער האט ארומגעקוקט ארום זיך און געזעהן אז זיין שפיעז איז טאקע נישטא און דער קריגעל וואסער איז אויך פארשאוואונדען, און ער האט פערשטאנען אז דוד האט איהם נאך אמאל געהאט אין האנט און איהם נישט אנגעריהרט...

— איז דאס דיין שטימע, מיין זוהן דוד? — האט שאול אויסגערופען.

— דאס בין איך מיין האר, קעניג, — האט דוד געענטפערט — פארוואס, א, קעניג, האסטו מיך ווידער אנגעפאנגען רודף צו זיין, וואס האב איך געטהאן, און וואס פאר א שלעכטעס האסטו אין מיר געפונען... און יעצט הער זיך צו, מיין קעניג צו די רייד פון דיין קנעכט. אויב גאט האט דיר אריינגעגעבען א געדאנק מיר שלעכטעס צו טהאן, וועל איך מתפלל זיין און איהם בעטען ער זאל איינשטילען דיין כעס געגען מיר, ווייל איך פיהל זיך אז איך האב געגען דיר נישט געזינדיגט... אבער אויב שלעכטע מענשען האבען אויף מיר אנגערעדט, און זיי, וועלכע האבען זיך מתקנא געווען אין מיר, זעהענדיג אז איך האב געפור־נען גנאדע אין דיינע אויגען, האבען געזוכט מיר יעצט צו פערמיאוס'ן פאר דעם קעניג, דאן זאלען זיי פערשאלטען זיין פון גאט, ווייל דורך זיי בין איך פער־טריבען געווארען פון מיין לאנד און איך בין געצוואונגען צו זוכען שוץ צווישען פעלקער וועלכע דינען פרעמדע געטער. און יעצט זאל מיין בלוט נישט אומזיסט פערגאסען ווערען... צוליעב וואס איז דער קעניג ארויס מיר נאכיאגען, אזוי ווי דער יעגער יאגט נאך די פויגעל אין דער מדבר.

— איך האב ווידער געזינדיגט געגען דיר! — האט שאול אויסגערופען — און יעצט פערגיעב מיר מיין זינד און קעהר זיך אום צו מיר, און דו וועסט ווי־דער וואהנען אין מיינע פאלאצען ווי פריהער... איך וועל דיר מעהר קיין שלעכ־טעס נישט טהאן... איך בין יעצט איבערציוגט אז מיין לעבען איז ביי דיר טייער... איך האב זיך ווידער בענאַרישט, און איך האב געמאכט א גרויסען טעות האלטענדיג דיר פאר מיין שונא...

— ווי אזוי קען איך צו דיר געהן? — האט דוד איהם געענטפערט — האסטו דען מיר נישט פערשפראכען דעם לעצטען מאל, ווען איך האב אפגעשניטען א ברעג פון דיין מאנטעל, אז דו וועסט מיט מיר מעהר קיין שלעכטעס טהאן, און יעצט ביזטו ווידער געקומען צו רויבען מיין לעבען פון מיר... אט האט דיר גאט היינט ווידער איבערגעגעבען אין מיינע הענט... דו און אלע דיינע מענשען זיינען געווען פארזונקען אין א טיעפען שלאף ווען איך בין געשטאנען זעהר נאהענט פון דיר, און דיין שפיעז איז געווען אין מיין האנט, און ווען איך וואלט געהאט אין זינען דיר צו טויטען, ווער וואלט מיר יעצט געקענט אפהאלטען פון דורכצופיהרען מיין פערלאנג. און כאטש ווייסענדיג אז דו געפינסט זיך דא בלויז צוליעב דעם צוועק מיר צו טויטען, און איך וואלט געהאט פולען רעכט צו טויטען דיר אין זעלבסט פערטהיידיגונג, האב איך דאך דאס פארט נישט געטהאן, ווייל טייער און הייליג איז ביי מיר דער געזאלבטער פון גאט איך זאל הויבען א האנט געגען איהם... יעצט זאל דער קעניג שיקען איינעם פון די יונגען און איך וועל איהם צוריקקעהרען דיין שפיעז און קריגעל וואסער, און זאל גאט געבען אז דו זאלסט זיך ארומזעהן ווי אומשולדיג איך בין און מיר אויפהערען צו פערפאלגען אזוי פיעל...

— געבענשט זיי צו גאט, מיין זוהן דוד, איך וויים אז דו וועסט בעגליקען אין אלע דיינע וועגען — האט שאול געזאגט.

אבנר האט געשיקט איינעם פון די יונגען צו דוד'ן און דוד האט איהם אפגעגעבען שאול'ס שפיעז און קריגעל וואסער. שאול האט זיך צוריקגעצויגען מיט זיין ארמעע אין גבעה און דוד, אבישי און די איבעריגע האבען זיך צוריקגעקעהרט אין לאגער.

נאכדעם ווי שאול איז אוועקגעגאנגען, האט דוד צוזאמענגערופען זיינע ברידער און יואב'ן מיט זיינע ברידער און האט זיך מיט זיי בעראטהען וואס ווייטער צו טהאן.

— איהר האט זיך דאך שוין איבערגעצייגט, אז מען קען זיך אויף שאול'ס ווערטער נישט פערלאזען — האט דוד צו זיי געזאגט יעצט איז ער גוט און פול מיט חרטה און אין א פאר טעג ארום וועט ער פערגעסען אן אלע זיינע הבטחות און וועט ווידער זוכען מיר צו טוידטען.

— דאס האב איך דאך גלייך געזאגט — האט זיך אבישי אפגערופען — היינט פארטאג איז ער געווען אין אונזערע הענט און מיט איין קלאפ האבען מיר געקענט פטור ווערען פון אלע זיינע רדיפות און פערפאלגונגען, אבער דו האסט מיר דערצו נישט דערלאזען... און יעצט וועלען מיר ווידער נעמען וואנדערען מיט אונזערע פרויען און קינדער...

— און וואס איז געווען פריהער ווען איך האב די געלעגענהייט געהאט איהם צו טוידטען — האט זיך יואב אפגערופען — און דוד האט זיך בעגוגענט מיט בלויז אפשניידען א ברעג פון זיין מאנטעל...

— פארוואס זאלט איהר ריידען ווערטער וועלכע האבען נישט קיין טעם— האט זיך דוד אפגערופען — אפילו ווען איך זאל וויסען אז איך וועל בעצאהלען

מיט מיין לעבען, וועל איך נישט לאזען אנריהרען דעם געזאלבטען פון גאט — עס איז שוין צייט אז איהר זאלט דערפון וויסען און אויפהערען צו ריידען וועגען דעם.

יואב און אבישי האבען פערשעהמטערהייט ארונטערגעבויגען זייערע קעפ, און געשוויגען.

— איך גלויב, האט זיך דוד אפגערופען — אז די בעסטע זאך פאר אונז וואלט זיין, ווען מיר ענטלויפען נאך דעם פלשתים לאנד... ווען שאול וועט אויסגעפינען אז מיר געפינען זיך ביי די פלשתים, וועט ער זיך מיאש זיין מיר צוגעפינען און וועט אין גאנצען אויפגעבען זיינע רדיפות געגען אונז...

— וועלען דען די פלשתים אונז אריינלאזען צו זיך אין לאנד... — האט יואב געזאגט — זיי האבען זיכער נאך נישט פערגעסען וואס דו האסט געטאהן צו זייער העלד גלית, און די פיעלע מפלות וואס דו האסט פעראורזאכט צו זייערע ארמעען... זיי וועלען זיך יעצט וועלען אפרעכענען מיט דיר און אפילו ווען זיי זאלען אונז ערלויבען אריינצוקומען אין זייערע גרעניצען, וועלען מיר דען דארטען זיין זיכערער ווי דא ?... זיי קענען דאך אונז בעפאלען און אפווישען אונזער געדעכנים אין איין טאג...

— וועגען דעם דארפען מיר זיך נישט זארגען ! — האט דוד געענטפערט, מיר וועלען זאגען דעם פלשתי'שען קעניג אז מיר זיינען שאול'ס שונאים און ער וועט אונז מקרב זיין מיט גרויס צופריעדענהייט... ער וועט דיינקען אז מיר וועלען איהם אמאל העלפען קעמפפען געגען שאול'ן. איך וועל שיקען צוויי שלוחים צו אכיש'ן דעם קעניג פון גרע און הערען וואס ער וועט אונז ענטפערען. דערווייל וועלען מיר זיך צוגרייטען אוועקצוגעהן נאך פלשתים.

שיק מיר, דוד, — איך וועל געהן צום קעניג פון די פלשתים — האט זיך יואב אפגערופען, — ניין, דו דארפסט מיר העלפען צוגרייטען אונזער ארמעע און דו קענסט יעצט נישט אוועק — האט דוד געזאגט — איך וועל שיקען דיין ברודער עשהאל'ן און מיין ברודער אצם... זיי וועלען געהן צו אכיש'ן און דורכפיהרען מיין שליחות.

דוד האט צוגערופען אצמ'ן און עשהאל'ן און האט זיי איבערגעגעבען א בריעף צו אכיש דעם קעניג פון פלשתים.

— ווען איהר וועט זיך צוריקקעהרען וועלען מיר שוין דא נישט זיין — האט זיי דוד געזאגט — מיר וועלען אויף אייך ווארטען אין דער שטאדט זיף, וואו מיר וועלען איינקויפען אונזערע שפייז און קליידער... די עטליכע טעג וועלען מיר זיך זיכער קענען בעוועגען אהן מורא, ווייל אזוי שנעל וועט שאול נישט בעגייען זיינע רדיפות אויף אונז...

— מיין האר, — האט זיך אבישי אפגערופען — די זיפים האבען אונז זעהר שלעכט בעהאנדעלט, צוויי מאל האבען זיי גע'מסור'ט אויף אונז צו שאול'ן, פארוואס זאלען מיר יעצט געהן און אויסגעבען אונזער געלט אין יענער שטאדט. לאמיר בעסער איינקויפען אונזערע נויטוועהדיגקייטען אין יזרעאל וואס איז נישט ווייט פון דאנען. די דארטיגע איינוואהנער האבען אונז זעהר פיין אויפגענומען ווען מיר זיינען דורכגעגאנגען די שטאדט.

— דו ביזט גערעכט אבישי, מיר וועלן זיך טאקע אפשטעלן אין יזרעאל די עטליכע טעג ביז וואנען עשהאל און אצם וועלן זיך צוריקקערן פון פלשתים..

— אין יזרעאל וועלן מיר אויף אייך ווארטן — האט ער זיך געווענדעט צו זיין ברודער און עשהאל'ן, וועלכע זיינען שוין גנזעסן אויף זייערע עזלען.

אין יזרעאל האט זיך דוד בעקאנט מיט דער יונגער שעהנער מידעל אחינעם, וועלכע האט איהם זעהר פריינדליך מקרב געווען... זי איז דוד'ן שטארק געפעלען געווארען און ער האט איהר אויך גענומען פאר זיין פרוי...

אין עטליכע טעג ארום האבען זיך די שלוחים אומגעקעהרט פון דעם לאנד פלשתים און איבערגעגעבען דוד'ן אז אכיש דער קעניג פון גת, האט זיי זעהר פיין אויפגענומען און ער איז געווען זעהר צופריעדען צו הערען אז דוד איז שאול'ס שונא, און ער לאדעט זיי אלעמען איין צו זיין לאנד.

— מיר געהן אלע גלייך נאך פלשתים — האט דוד אויסגערופען. אלע זיינען שוין געווען געגרייט צום וועג, עס האט לאנג נישט גענומען און דוד מיט זיין ארמעע פון זעקס הונדערט מענשען מיט זייערע פרויען און קינדער זיינע אנגעקומען אין גת.

אכיש האט איינגעלאדען דוד'ן צו זיך אין פאלאץ און צו איהם געזאגט:

— דו קענסט וואהנען מיט דיינע מענשען אין מיין הויפטשטאדט, גת. קיין בייזעס וועט קיינעם פון אייך נישט געשעהן, ווייל מיין שונא איז דיין שונא און דעריבער ביזטו מיין פריינד.

— איך דאנק דיר, מיין האר קעניג, — האט דוד צו איהם געזאגט — אבער צו וואס זאל איך מיט מיינע מענשען פאלען דיר צו לאסט אין דיין הויפטשטאדט, אויב דו ווילסט מיט מיר טהאן דיין גנאדע, גיעב מיר א פלאץ אין איינער פון דיינע קלענערע שטעדט.

— גוט — האט אכיש געזאגט — איך וועל דיר אפגעבען די שטאדט צקלג.

דוד האט דעם קעניג בעדאנקט און ער האט זיך בעזעצט מיט זיינע מענשען מיט זייערע פאמיליעס אין דער שטאדט צקלג.

ווען שאול האט זיך דערוואוסט אז דוד מיט זיין ארמיי האבען זיך בעזעצט אין פלשתים לאנד, האט ער שוין אויפגעגעבען די האפנונג איהם ווען עס איז צו כאפען און ער האט אויפגעהערט איהם צו זוכען.

די מרה שחורה האט זיך פארגרעסערט אין איהם צו יעדער צייט ווען ער האט זיך דערמאנט וואס ער האט געטאן צו די כהנים פון נב, האט זיין געוויסען איהם שטארק געפלאגט. טרעהרען האבען איהם געשטיקט אין האלז, און נישט איינמאל פלעגט ער זיך פאנאנדערוויינען אויפ'ן קול אזוי לאנג ביז ער פלעגט מאכטלאז אנידערפאלען. זעהר וויינינג האבען די טרייסט-ווערטער פון זיי פרוי און קינדער געהאלפען. די איינציגע וועלכע האט איהם געקענט בארוהיגען איז געווען זיין אינגערע טאכטער מיכל, וועמען ער האט נאך אלץ שטארק ליעב געהאט...

שאול האט געוואוסט אז ער האט צובראכען דאס לעבען פון זיין געליעבטע טאכטער. ער ווייס אז זי האט איהר גליק מקריב געווען צוליעב זיינע קאפריזען און דאס האט איהם נאך געמאכט ער זאל איהר מעהר ליעב האבען. ער האט אין איהר אנגעוועהנטיים קיינמאל נישט גערעדט פון דוד'ן... ווען ער פלעגט זיך

צוריקקעהרען פון זיין נאכיאגען דוד'ן און מיכל פלעגט איהם אנטקעגנען קומען און מיט צושראקענע אויגען א קוק טהאן אויף איהם, ווי זי וואלט וועלען אויספארשען פון זיין פנים, אויב ער האט דוד'ן געשעדיגט. פלעגט ער איהר באלד זאגען: "מיכל, ווי איך זעה איז גאט מיט איהם אין אלע זיינע וועגען... ער בעשיצט איהם פון שלעכטס... איך וועל איהם שוין מעהר נישט רודף זיין"...

מיכל אבער האט פארשטאנען, אז איהר פאטער איז נישט ערנסט מיט זיין פארשפרעכען... זי האט געוואוסט אז ווען דער "בייזער גייסט" וועט אויף איהם אנקומען, וועט ער ווידער ארויסגעהן אויפ'ן יאגד נאך דוד'ן. ער וועט איהם ווידער זוכען צו פערניכטען... דאך איז איהר האפנונג געווען שטארק אז גאט וועט איהר דוד'ן אויסהיטען... זי האט נאך פון איהם נישט אויפגעהערט צו טראכטען, זינט יענע נאכט ווען זי האט איהם ארונטערגעלאזען דורכ'ן פענסטער, און ער איז אנטלאפען געווארען פון שאול'ן...

פלטיאל האט די גאנצע צייט געהאלטען זיין פארשפרעכען צו איהר און איז איהר מאן געווען בלויז אין נאמען... איהר גאנצע זארג איז געווען, אויב דוד וויים אז זי איז איהם פארבליבען געטריי...

זעהר שטארק האט זיך מיכל גענומען צום הארצען, ווען זי האט געהערט אז דוד האט געהייראט מיט אביגיל'ן... זי איז געווען זיכער אז אביגיל וועט ביי איהם פארנעהמען איהר פלאץ און דאס האט איהר זעהר געקרענקט... זי האט קיינמאל נישט ערווארטעט אז דוד זאל קיין אנדערע פרויען ניט נעהמען צו איהר, אבער זי האט געהאפט אז זי וועט זיין אלע מאל זיין ליעבסטע פרוי... יעצט אבער, ווען ער דענקט אז זי איז פערהייראט צו א צווייטען, האט איהר אויפגעהערט ליעב צו האבען און אביגיל וועט פאררעכענט ווערען פאר זיין ערשטע פרוי...

שאול אבער איז געווען זעהר צופרידען, וואס דוד האט געהייראט מיט א צווייטער... ער האט געהאפט אז יעצט וועט מיכל איהם ארויסשלאגען פון איהרע געדאנקען און ווען עס זאל איהם געלינגען צו טויטען דוד'ן וועט איהר טרויער נישט זיין אזוי גרויס...

יעצט, אז דוד איז אוועק צו די פלשתים, האט זיך שאול גענומען עטוואס בערוהיגען... ער האט געהאפט אז דאס פאלק וועט דוד'ן קיינמאל נישט מוחל זיין פאר זיין באפריינדען זיך מיט די פלשתים, די אייביגע שונאים פון ישראל... דאס קען אפשוואכען דוד'ס אויסזיכטען צו ווערען קעניג איבער אלע שבטים...

שאול האט יעצט געזוכט צוריקצוגעווינען דעם צוטרויען פון גאנצען פאלק און פון די בני הנביאים... ער האט דאריבער גענומען זעהן דאס די אידען זאלען טהאן גערעכטיגקייט פאר גאט... און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז צווישען די אידען געפינען זיך א סך מכשפים און מכשפות, וועלכע פארפיהרען דאס פאלק מיט זייערע פאלשקייטען דורך פארשידענע כשוף־מאכעריי, האט ער ארויסגעגעבען א באפעהל אויסצוראטען אלע כשוף־מאכער פון ארץ ישראל... ער אליין פלעגט מיט זיין חיל געהן פון שטאדט צו שטאדט און אויספארשען וואו עס געפינט זיך אימיצער וואס בענוצט זיך מיט כשוף און איהם טויטען.

פיעלע מכשפות זיינען אנטלאפען פון ארץ ישראל, אנדערע האבען זיך אויסבעהאלטען פון קעניג און פלעגען פראקטיצירען כשוף־מאכעריי בלויז פאר אזעלכע מענשען וועמען זיי האבען געקענט געטרויען.

אַבער אפילו נאכדעם ווען ער האָט שוין אויסגעראָטעט די מכשפים פון לאַנד, האָט זיין גייסט נאָך אַלץ נישט געוואוסט פון קיין מנוחה... ער האָט געפּיהלט אַז די כהנים האָבען איהם פיינט, די נביאים האָבען איהם פאַרלאָזען. שטענדיג איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען דער געשטאַלט פון אחימלך'ן, דעם כהן גדול פון נב, ווי ער האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל איהם נישט טויטען... יאָ, דואָג דער אדומי איז אין דעם אין גאַנצען שולדיג... ער האָט אויף די כהנים געמאַכט אַ בלבול, און צוליעב איהם זיינען אַלע אומגעקומען...

און איינמאָל ווען ער האָט אַזוי געטראַכט פון דעם ווי אַזוי ער האָט אומ'ברחמנות'דיג אויסגעקוילעט אַ גאַנצע שטאָדט כהנים, האָט ער צו זיך צוגערופען זיין זוהן יונתן און געזאָגט:

— זאָג מיר, מיין זוהן, וועה, גלויבסטו איז שולדיג אין דעם טויט פון אחימלך און די איבריגע כהנים, איך צי דואָג?

— געוויס איז דואָג שולדיג אין דעם, — האָט יונתן געענטפערט — ווען דו וואָלסט געוואוסט אַז דואָג מאַכט אַ בלבול אויף די כהנים, און אחימלך האָט נישט געוואוסט אַז דוד אַנטלויפט פון דיר, וואָלסטו דען זיי געהייסען טויטען? און איך ווייס, אַז דוד האָט געשוואָרען אַז אחימלך איז געווען אומ־שולדיג, און אויך אביתר, אחימלך'ס זוהן האָט אַ שבועה געגעבען אַז זיין פאָטער האָט דערפון נישט געוואוסט.

— ניין! איך וואָלט זיי קיינמאָל נישט געטויטעט ווען נישט דואָג! — האָט שאול אויסגערופען, — זייער בלוט זאָל פאַלען אויף דואָג'ס קאָפּ! ער מוז שטאַרבען, ווייל ער האָט פאַרגאָסען אומשולדיגעס בלוט! שיק איהם רופען, איך וועל זיך מיט איהם גלייך אָפּרעכענען, פאַר אַלע שלעכטעס וואָס ער האָט געבראַכט אויף מיר און אויף אַלע כהנים פון נב.

יונתן האָט געשיקט איינינע קנעכט, און זיי האָבען געבראַכט דאָוג'ן פאַר דעם קעניג.

— דו אומווירדיגער אדומי! — האָט שאול אויסגערופען מיט כעס — דו האָסט אַ שרעקליכען בלבול געמאַכט אויף אומשולדיגע מענשען, און ווי־סענדיג אַז זיי זיינען געווען ריין פון זינד, האָסטו זיי מיט דיין אייגענער האַנד ערמאָרדעט.

— מיין האַר קעניג! — האָט דואָג אויסגערופען אַ צושראָקענער, — איך האָב קיין ליגען נישט געזאָגט! איך האָב געזאָגט אַלעס וואָס איך האָב געהערט, איך קען שווערען ביי דעם ע... גאָט פון... אדום!

— דיין שבועה איז אַזוי פאַלש ווי דיין גאָט! — האָט שאול אַ געשריי געטהאָן, — מיט דיין פאַרלייקענען וועסטו זיך יעצט נאָך ערגער מאַכען... זאָג מיר דעם אמת, פאַר וואָס האָסטו אויף זיי אַזאַ בלבול אויסגעטראַכט?

— איך האָב עס געטהאָן אויס ליעבשאַפט צו מיין קעניג, — האָט דואָג געענטפערט, — איך האָב געזעהן אַז ער האָט דוד'ן, דעם קעניג'ס שונא, געגעבען שפּייז און דעם שווערד פון גלית'ן, האָט עס מיר שטאַרק פאַרדראָסען און דאַריבער האָב איך געזאָגט אַז אחימלך האָט געוואוסט אַז דוד אַנטלויפט פון קעניג.

— יעצט אָבער ביזטו זיך מודה אַז אחימלך און די איבריגע כהנים זיינען געווען אומשולדיג?! — האָט שאול איהם שטרענג אַ פרעג געטהאָן.

דואג האט אנגעפאנגען צו שטאמלען... ער האט געזעהן אז ער איז יעצט אריינגעפאלען און ער האט נישט קיין אויסוועג...

— רייד קלארע דבורים! — האט שאול זיך א בייזער געטהאן.

— א, שענק מיר מיין לעבען, גנעדיגער קעניג! — האט זיך דואג גענומען בעטען, — איך וועל יעצט דעם ריינעם אמת דערצעהלען.

—דערצעהל און מאך דאס שנעלער, — איז שאול נאך מעהר אין כעס געווארען.

—יא, עס איז אמת, דוד האט אחימלך'ן גענארט. ער האט איהם געזאגט אז ער איז געקומען אין נב מיט א וויכטיגער שליחות פון קעניג, און אז ער איילט זיך זעהר. אחימלך האט איהם געגלויבט און געטהאן אלעס וואס ער האט פערלאנגט.

— און ביי דיר איז רעכט געוועזן צו פארגיסען ריינע אומשולדיגע בלוט פון א גאנצע שטאדט כהנים! — האט יונתן איהם מיט אויפרעגונג געזאגט.

— נעהם אראפ דיין שווערד, דו פארפלוכטער אדומי, און גיב עס איבער מיין זוהן.

מיט ציטערנדע הענד האט דואג ארונטערגענומען זיין שווערד און עס איבערגעגעבען יונתן.

— דאס איז דיזעלע שווערד מיט וועלכער דער אומריינער אדומי האט אויסגעשלאכטעט אלע כהנים, נעהם מיין זוהן, און טהו צו איהם אזוי ווי ער האט געטהאן צו זיי... זייער בלוט אויף זיין קאפ.

— איך וויל נישט איינריכטען מיינע הענד מיט די אומריינע בלוט פון דעם אדומי — האט יונתן געענטפערט.

שאול האט א וואונק געטהאן צו איינעם פון זיינע לייב־וועכטער, און יענער האט ביי יונתן דעם שווערד גענומען.

דואג איז געפאלען אויף זיינע קניע און גענומען בעטען און וויינען, אז דער קעניג זאל איהם שענקען דאס לעבען, אבער שאול האט אויסגערופען: ”אזוי ווי דו האסט קיין רחמנות ניט געהאט אויף די כהנים פון נב, אזוי האט יעצט אויף דיר קיינער קיין רחמנות... דו מוזט שטארבען”...

דער לייב־וועכטער האט געהאלטען דעם שווערד גרייט און געווארט אויף שאול'ס באפעהל, און ווי נאר דער קעניג האט א מאך געטהאן מיט דער האנד, האט דער לייב־וועכטער מיט איין קלאפ ארונטערגעהאקט דואג דעם אדומי'ס קאפ.

אזוי איז געטויטעט געווארען דער רשע דואג, וועלכער האט אזוי פיעל שלעכטעס געטהאן דורך דער גאנצער צייט וואס ער איז געוועזן אין קעניג'ס הויף.

יעצט אז שאול איז געוועזן זיכער אז די כהנים זיינען דורך איהם אומגעקומען אומשולדיגערהייט, האט זיין געוויסען איהם נאך מעהר גענומען פלאגען... ביינאכט האט ער שרעקליכע חלומות געזעהן... אין זיינע אויערען האבען תמיד געקלונגען די געשרייען און געבעטען פון די אומגליקליכע כהנים... זיין מרה שחורה האט זיך פארגרעסערט און ער האט זיך קיין ארט נישט געפונען פון וועהטאג און צער. דער איינציגער וועלכער האט זיינע נערווען געקאנט בעד־רוהיגען איז געוועזן דוד מיט זיין שפיעלען, האט ער אבער איהם פון זיך אזוי פאריאגט, אז ווען אפילו ער זאל איהם שווערען אז ער וועט איהם קיין שלעכטעס נישט טהאן, וועט ער דען וועלען צוריקגעהן צו איהם?...

אזוי האָט זיך שאול אין דער לעצטער צייט געפיהלט צובראָכען און ער־שיטערט, מוטהלאָז און שוואַך, און ווען די פּלשתים האָבען איינגעזאַמעלט זייערע מחנות און געלאַגערט אין שונם, וואָס געפינט זיך אין עמק יזרעאל, האָט זיין הארץ איהם געציטערט... ער האָט געפיהלט אז ער איז שוין מעהר נישט דער גרויסער העלד וועלכער פלעגט אַנוואַרפען א שרעק אין דעם לאַגער פון זיינע שונאים. עפּעס האָט איהם דאָס הארץ געזאָגט, אז די מלחמה וועט מאַכען אן ענדע צו זיין לעבען און קעניגרייך... אה, ווען ער זאָל קענען אַנפרעגען ביי דעם נביא!... איז אָבער שמואל שוין לאַנג טויט! די כהנים וועלען איהם נישט זאָגען דעם אמת צוליעב די שנאה וואָס זיי טראָגען אויף איהם פאר דעם טויט פון זייערע ברידער אין נב. די בני הנביאים האָבען איהם געזאָגט, אז גאָט ענטפערט זיי נישט מיט נבואה וועגען דעם... דערווייל ברייננגען די פּלשתים אלץ מעהר מחנות און ער ווייס נישט וואָס צו טהאָן.

שאול האָט אויך פערזאַמעלט גרויסע מחנות, און יונתן האָט מיט זיי געלאַגערט אין די בערג פון גלבע... די מלחמה וועט זיך באַלד אַנפאַנגען... איהם האָט זיך זעהר נישט געוואָלט יעצט נעהן אויף מלחמה, אָבער דאָס פאָלק מוז קריגען מוטה צו קעמפּפען מיט די פּלשתים, און אויב זיי וועלען זעהן אז זייער קעניג געהט נישט מיט, וועלען זיי פארלירען זייער קאַמפף־[illegible]סט... יאָ, ער מוז אליין פיהרען די מלחמה ווי פריהער! אה, ווען ער זאָל נור האָבען מיט וועמען זיך צו בעראַטהען...

פלוצלינג איז איהם איינגעפאַלען א געדאַנק זיך צו ווענדען צו א כשוף־מאַכערין, זי זאָל דורך כשוף ארויסברייננגען שמואל׳ס גייסט, און דאָן וועט ער מיט איהם ריידען... ער האָט זיך גענומען נאַכפרעגען ביי זיינע קנעכט אויב אימיצער ווייס פון א פארבליבענע כשוף־מאַכערין.

— עס איז פאַראַן נאָך א מכשפה אין עין דור, צו דרום זייט פון בארג תבור — האָט איינער פון זיינע יונגען געענטפערט, — אָבער ווען זי זאָל וויסען אז דער קעניג קומט איהר עפּעס פרעגען, וועט זי אין גאַנצען אָפּלייקענען אז זי איז א כשוף מאַכערין, ווייל זי ווייס דאָך וואָס דער קעניג האָט געטהאָן צו אלע מכשפות...

— און דו גלויבסט אז מיט כשוף וואָלט די מכשפה געקענט ארויסברייננגען שמואל׳ס גייסט פון קבר? — האָט איהם שאול געפרעגט.

— געוויס, מיט כשוף קענען זיי אלעס טהאָן, די מכשפות — האָט דער יונג געענטפערט, — איידער דער קעניג האָט ארויסגעגעבען זיין גזרה געגען כשוף, האָט פאר מיר א מכשפה ארויסגעבראַכט דעם גייסט פון מיין פאָטער, און ער האָט מיר געזאָגט אלעס וואָס איך האָב איהם געפרעגט.

— איך מוז ריידען מיט דעם נביא שמואל — האָט דער קעניג מיט פער־צווייפלונג געזאָגט — פיהר מיך צו יענער מכשפה און זאָל זי ארויסברייננגען דעם נביא׳ס גייסט פון קבר.

— זאָל זיך מיין האר קעניג איבערטהאָן אין איינפאַכע קליידער, וועט די כשוף־מאַכערין איהם נישט דערקענען, און דאַן וועט זי מעגליך טהאָן זיין פערלאַנג.

שאול האָט זיך איבערגעטהאָן און זיך פארשטעלט אלס איינפאַכער מאַן און ער האָט מיטגענומען צוויי יונגען און זיי האָבען אוועקגעריטען נאָך עין דור, אין מיטען דער נאַכט.

זיי זיינען צוגעקומען צו א קליינע, האלב איינגעפאלענע הייזעל וואס איז געלעגען פארוואָרפען, און איינער פון די יונגען איז ארונטער פון זיין אייזעל און איז אריין אין הייזעל און ער האָט געזאָגט צו דער מכשפה:

— א רייכער מאן וויל זיך דורכריידען מיט דעם גייסט פון א טויטען, ער וועט דיר גוט בעלוינען.

— קען מען זיך אויף איהם פערלאזען דאס ער וועט מיר נישט איבערגעבען אין די הענד פון קעניג? — האָט די מכשפה איהם געפרעגט.

— אין דעם בין איך זיכער, — האָט ער איהר געענטפערט, — קום ארויס, ער וואַרט אויף דיר אין דרויסען.

די מכשפה האָט איינגעהילט איהר פנים און ארויס פון איהר הייזעל.

— ביזטו עס די כשוף־מאכערין? — האָט איהר שאול געפרעגט.

זי האָט געוואָרפען איהרע פארשענדע בליקען אויף שאול'ן, און כאטש זי האָט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט נישט געקענט זעהן ריכטיג זיין פנים, האָט ער דאך אין איהר ערוועקט א חשד, און זי האָט דאריבער גלייך נישט געוואלט ענטפערען אויף זיין פראגע.

— איך וואלט וועלען דו זאלסט מיט דיין כשוף ארויסברייננגען א גייסט פון א טויטען, וועלכען איך וועל דיר זאגען, און איך וועל דיר זעהר גוט באלוינען דערפאר.

— מיין האר, — האָט זיך די מכשפה אפגערופען, — דו ווייסט דאך גאנץ גוט וואס דער קעניג שאול האָט געטהאָן צו אלע מכשפים און מכשפות. ער האָט זיי אלעמען פארטיליגט און יעצט ווען דער קעניג זאל וויסען, אז עס איז פארבליבען איין מכשפה, וועט ער דען מיר נישט באלד טויטען... ניין, איך קען פאר דיר גארנישט טהאָן, איך האָב מורא פאר דעם קעניג'ס צארען.

— אין דעם נאמען פון אונזער גאָט, שווער איך דיר, — האָט שאול אויסגערופען, — אז קיין שלעכטס וועט דיר נישט געשעהן אויב דו וועסט מיר דיזע געפעליגקייט טהאָן...

— נו, גוט, וועמעס גייסט זאל איך דיר ארויסברייננגען? — האָט זי איהם געפרעגט.

— איך וויל דו זאלסט ארויסברייננגען דעם גייסט פון נביא שמואל, — האָט שאול געזאָגט, — דארפען מיר דען געהן צו זיין קבר, אדער דו קענסט עס טהאָן פון וועלכען עס איז פלאץ?

— דער גייסט פון א וויכטיגען פערזאָן קען מען ארויסברייננגען צו יעדער צייט און פון יעדען פלאץ, — האָט די מכשפה געענטפערט, — דעם נביא שמואל'ס גייסט שוועבט ארום אבעראל, און איך וועל קיינע שוועריגקייטען ניט האָבען ארויסצוברייננגען אויף דיזען פלאץ.

די מכשפה האָט ארויסגעטראָגען ווייהרויך און עטליכע ביינער פון מענשען... זי האָט געמאכט א פייער און אנגעצונדען די ווייהרויך...

פלוצלינג האָט זי א שפרונג געטהאָן אויף צוריק און א געשריי געטהאָן מיט שרעק: אה, דו ביזט דאך דער קעניג אליין, פארוואס האסטו מיך אפגענארט...

פון דעם ליכט פון דעם פייער וואס זי האָט אנגעצונדען האָט זי איהם

דערקענט און דער גאנצער קערפּער פון דער מכשפה האָט זיך גענומען טרייסלען פון שרעק און כעס.

— איך בעט דיך, האָב נישט מורא, — האָט איהר שאול באַרוהיגט, — איך האָב דיר געשוואָרען אז קיין שלעכטעס וועט דיר נישט געשעהן... איך בין אין זעהר א שלעכטע לאגע און איך מוז זיך בעראַטהען מיט דעם נביא.

דער כעס פון דער מכשפה האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט אפילו נאָך די ווייכע רייד פון דעם קעניג... זי האָט זיך דערמאָהנט וואָס ער האָט געטהאָן צו אלע איהרע פריינד און קרובים. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט דעם צושטאַנד פון זיין גייסט, און זיין פאַרהעלטנים צו דעם פאַרשטאָרבענעם נביא שמואל, און זי האָט בעשלאָסען זיך מיט איהם אָפּצורעכענען.

— קיינער פון דיינע קנעכט דאַרף דאָביי נישט זיין ווען שמואל׳ס גייסט וועט ערשיינען, — האָט זי צו איהם שטילערהייד געזאָגט.

שאול האָט זיינע יונגען געהייסען אוועקגעהן פון דעם פּלאַץ, און א צד שראַקענער און מיט ערשיטערנדע נערווען איז ער געבליבען שטעהן מיט דער מכשפה אין דער פינסטערנים.

א גרויסער געדיכטער רויך האָט געזעצט פון די ווייהרויך... אויף א פּוסטען קופּערנעם קעסעל האָט זי געקלאַפּט מיט די ביינער פון טויטע וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער טויטער שטילקייט פון דער נאכט מיט גרוים פורכט און שוידער... דערנאָך האָט די מכשפה גענומען ברומען און וואָרטשען פאַרשידענע נעמען פון שדים און רוחות. דער רויך פון די ווייהרויך איז גרעסער געוואָרען...

— ער קומט! — האָט די מכשפה פּלוצלינג אויסגערופען, — נעהם נישט אַרונטער דיינע אויגען פון רויך, ווייל זיין גייסט וועט ערשיינען דורך דעם רויך.

שאול, א טויט־בלאַסער, א צוטומעלטער און צושראָקענער, האָט גענומען אָנשטרענגען זיינע אויגען אויף דעם רויך.

— איז עס שמואל? — האָט שאול איהר א פרעג געטהאָן, — זאָג דאָך מיר, ווי זעהט ער אוים?

— ער זעהט אוים אלט מיט א לאַנגע גרויע באָרד און איז איינגעהילט אין א ווייסען מאַנטעל.

— יא, עס איז שמואל! — האָט שאול אויסגערופען, און איז אומגעפאַלען.

די מכשפה האָט איהם געהאָלפען זיך צוריקשטעלען און צו איהם געזאָגט:

— שטאַרק זיך, מיין קעניג, זיין גייסט האָט זיך באַוויזען און דו קענסט מיט איהם ריידען יעצט וואָס דו ווילסט.

שאול האָט זיך געבוקט צו דער ערד. זיינע אויגען האָבען איהם גענומען שווינדלען און איהם האָט זיך טאַקע גענומען דוכטען אז שמואל׳ס גייסט האָט זיך באַוויזען... אין זיין קראַנקהאַפטע פאַרשטעלונגס קראַפט האָט ער איהם דערזעהן אַרויסגעהענדיג דורך דעם רויך פון דער ערד.

די מכשפה האָט פון שאול׳ן איהרע אויגען נישט אַרונטערגענומען, און ווען זי האָט געזעהן אז ער איז אין גאַנצען באַהערשט פון דער שרעקליכער ערשיינונג, האָט זי, נאָכמאַכענדיג די שטימע פון שמואל׳ן, וועמען זי האָט פיעלע מאָל געהערט ריידען, גענומען ריידען די פאָלגענדע ווערטער:

״פאַרוואָס האָסטו געשטערט מיין רוה אין מיין קבר?״

שאול האָט זיך אין גאַנצען ווי אין קאָנוואולסיען געוואָרפען:

— עס איז מיר זעהר שלעכט, אח, נביא! די פלשתים האלטען מיט מיר מלחמה, גאט האט זיך פון מיר אפגעקעהרט, די כהנים און די נביאים ווילען מיר נישט ענטפערען, און איך בין דאריבער געווען געצוואונגען דיך פון דיין קבר ארויסצוברייננגען דו זאלסט מיך ראטהען וואס צו טהאן...

די מכשפה האט ווייטער גענומען ריידען מיט שמואל׳ס שטימע:

״פארוואס פרעגסט מיך אזא זאך? ווייסטו דען נישט אז גאט האט זיך פון דיר אפגעקעהרט, און ער בעשיצט דיינע שונאים... גאט וועט טהאן ווי ער האט שוין פון לאנג דורך מיר געזאגט; ער האט אפגעריסען דיין קעניגרייך פון דיר און אפגעגעבען דיין פריינד, דוד׳ן, וויל דו האסט זיך נישט צוגעהערט אין די שטימע פון גאט און נישט געטהאן צו עמלק ווי דו ביזט פארזאגט געווארען... און א חוץ דעם האסטו א סך אומזיסטע בלוט פארגאסען. דאריבער וועסטו די מלחמה מיט די פלשתים פארלירען, און אין גיכען וועסטו מיט דיין זוהן קומען צו מיר״.

ווען שאול האט דערהערט דיזע ווערטער איז ער געפאלען אין חלשות.

די מכשפה האט צוגערופען שאול׳ס יונגען און מען האט איהם אפגעמינטערט...

שאול איז געווען אזוי שוואך אז ער האט זיך קוים געהאלטען אויף זיינע פיס, דערצו האט ער נאך דעם גאנצען טאג און די גאנצע נאכט נישט פארזוכט קיין עסען.

די מכשפה האט זיך יעצט דערשראקען טאמער וועט שאול שטארבען אויף דעם פלאץ, וועט מען איהר בעשולדיגען אין זיין טויט, האט זי דאריבער איהם גענומען בעטען ער זאל אריין אין הויז און עפעס צובייסען.

— ניין, איך וויל גארנישט עסען, — האט שאול געענטפערט מיט א שוואכער שטימע, — עס איז שוין פאר מיר אלץ איינס... מיינע שטונדען זיינע געצעהלטע, לאמיר צוריקרייטען נאך גבעה...

— איך בעט דיך, מיין האר קעניג, — האט די מכשפה געזאגט, — איך האב איינגעשטעלט מיין לעבען אין סכנה און זיך צוגעהערט צו דיר און דיך געפאלגט וואס דו האסט מיר געהייסען... יעצט הער זיך אויך צו צו די שטימע פון דיין דינסט, און בייס עפעס צו ביי מיר, דו זאלסט כח האבען אויפ׳ן וועג.

— איך קען גארנישט עסען יעצט, — האט שאול א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— די יונגען האבען איהם אויך גענומען שטארק בעטען און ער האט צוגעשטימט.

די מכשפה האט צוגעגרייט צום טיש, און שאול מיט די יונגען האבען געגעסען, און זיינען אוועקגעגאנגען איידער עס איז טאג געווארען...

צוויי-און-צוואנציגסטער קאפיטעל

שאול׳ס טויט

דוד און זיינע מענשען האבען זיך איינגעארדענט אין צקלג מיט זייערע פרויען און קינדער. זעהר אפט פלעגט דוד מיט זיין חייל פארלאזען די שטאדט און בעפאלען די גשורים, די גזרים און די עמלקים, וועלכע זיינען געווען די

פריינד פון די פּלשתים. ער פּלעגט אַלעמען אויסשלאַכטען מיט זיין שווערד און צונעהמען זייערע שאָף און רינדער, זייערע אייזלען און קעמלען און אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט.

ווען אכיש, דער קעניג פון די פּלשתים, האָט דוד'ן געפרעגט, וואו און וועמען ער איז בעפאַלען, האָט ער געענטפערט: "איך האָב בעפאַלען מיינע און דיינע שונאים. איך האָב בעפאַלען די דרום שטעדט פון יהודה, די דרום ירחמאלים און די קנים, וועלכע זיינען די בעלי ברית פון ישראל".

— יעצט זעה איך, אז דו האָסט אָפּגעבראָכען אין גאַנצען מיט ישראל, — האָט אכיש געזאָגט מיט א שמייכעל, — דו וועסט שוין, ווי עס ווייזט אויס, קיינמאָל נישט קענען זיין קעניג איבער דיין לאַנד, און דעריבער וועסטו קענען זיין מיט מיר. דו וועסט מיר העלפען אין די מלחמה געגען שאול'ן.

דוד איז געבליבען אין פאַרלעגענהייט... וואָס וועט ער טהאָן אויב דער קעניג וועט פאָרט פאַרלאַנגען ער זאָל מיט איהם געהן אין מלחמה געגען זיינע אייגענע ברידער... זאָל ער זיך ענטזאָגען, וועט ער דאָך פאַרשטעהען אז ער איז נאָך אַלץ געטריי זיין פאָלק ישראל, וועט ער איהם דען נישט פאַרטרייבען פון זיין לאַנד?

דוד האָט געוואוסט אז די גענעראַלען פון די פּלשתים קוקען אויף איהם מיט שלעכטע אויגען, און ווען זיי זאָלען זיך דערוויסען אז זייער קעניג האָט איהם געמאַכט פאַר א גענעראַל, וועלען זיי געוויס זיין דאַגעגען. דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופען צו אכיש'ן:

— איך און מיין חייל וועלען דיר דיענען מיט אַלע אונזערע מעגליכקייטען, מיין האַר קעניג, נאָך מעהר, אַזוי ווי איך ווייס זעהר גוט אַלע וועגען און פאַרבאָרגענע פעסטונגען פון ארץ ישראל, וואָלט דען נישט געווען פּאַסיג ווען דו מאַכסט מיך פאַר דעם פיהרער פון דיינע אַרמייען און איך וועל דיינע מחנות פיהרען צום נצחון.

— גוט, — האָט אכיש איהם געענטפערט, — איך וועל דיך גרעסער מאַכען פאַר אַלע מיינע שרים, ווייל איך האָב אין דיר פולען צוטרוי.

* * *

די פּלשתים האָבען איינגעזאַמעלט זייערע מחנות אין דער שטאָדט אפק. דוד און זיין אַרמיי זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטען.

ווען די גענעראַלען פון די פּלשתים האָבען דערזעהן דוד'ן מיט זיין חייל געהט זיי נאָך, זיינען זיי זעהר אין כעס געוואָרען און האָבען זיך אָפּגערופען צום קעניג:

— ווער זיינען דאָס אָט די עברים און וואָס טהוען זיי צווישען אונזערע מחנות?

— ווייסט איהר דען נישט, אז דאָס איז דוד, וועמען דער קעניג שאול זוכט צו טויטען. ער איז געוואָרען זיין שונא אַזוי גוט ווי מיר זיינען שאול'ס שונאים, און ער וועט אונז יעצט העלפען אין אונזער מלחמה מיט ישראל... די גאַנצע צייט וואָס ער איז מיט מיר האָב איך אויסגעפונען אז ער איז מיר איבערגעגעבען און געטריי.

— ניין! — האָבען די שרים פון די פּלשתים זיך אָפּגערופען מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, — ער וועט מיט אונז אין מלחמה נישט געהן! איז דאָס

דען נישט דער זעלבער דוד וועלכער האט געטויטעט אונזער גרויסען ריעז, גלית... און האבען דען נישט די פרויען פון ישראל געזונגען טאנצענדיג: „שאול האט געטויטעט טויזענדע און דוד — צעהן־טויזענדע!” ניין, מיר קענען איהם נישט אנטרויען ער זאל צוזאמען מיט אונז געהן אין מלחמה... מיט וואס וועט ער זיך ווידער בעליעבט מאכען צו זיין האר, אויב נישט מיט אונזערע קעפ?!... ער וועט אונז בלויז שטערען.

אכיש האט צוגערופען דוד'ן און צו איהם געזאגט:

— ווי דיין גאט לעבט, אז איך בין מיט דיר זעהר צופריעדען און האב אין דיר מיין פולען צוטרויען, איך וואלט זעהר געוואלט אז דו זאלסט מיר העלפען אין דיזער מלחמה, אבער מיינע שרים זיינען נישט איינשטימיג מיט מיר, דאריבער וועסטו מיר ענטשולדיגען וואס איך קען נישט אננעהמען דיין דינסט אין מיין ארמיי, געה זיך דיר בשלום, איך וויל זיך אין דער יעצטיגער צייט נים איינרייסען מיט מיינע שרים.

— אבער, מיין האר קעניג, — האט זיך דוד אפגערופען, פארדעקענדיג זיין צופרידענהייט מיט א מינע פון ענטטוישונג, — וואס האב איך געטהאן? און זינט איך בין צו דיר געקומען האסטו דען אויסגעפונען אז מיינע כוונות זיינען שלעכטע, פארוואס זאל איך נישט קריגען די געלעגענהייטש צו באַ־קעמפפען די פיינד פון מיין האר קעניג?!

— ביי מיר ביזטו אזוי גוט ווי א מלאך פון הימעל, — האט איהם אכיש געענטפערט, — און עס טהוט מיר זעהר לייד וואס דו וועסט נים קענען מיט־געהן מיט אונז אין מלחמה, אבער וואס זאל איך טהאן, אז מיינע שרים ווילען נישט... איך דאנק דיר זעהר פאר דיין גוטען ווילען... עס וועט קומען א צייט און מיינע שרים וועלען זיך ארומזעהן אז זיי האבען געמאכט א טעות... מארגען, גאנץ פריה וועסטו אויפשטעהן און פארלאזען דאס שלאכטפעלד צוזאמען מיט דיינע מענשען.

ווען דוד און זיינע מענשען האבען פארלאזען דעם לאגער, האבען זיך די פלשתים א רוק געטהאן נעהענטער צו די בערג פון גלבע, וואו שאול און זיינע מחנות האבען געלאגערט.

דוד איז געוועזען זעהר גליקליך וואס ער האט זיך ארויסגעפלאנטערט פון אזא אונאנגענעהמע לאגע.

— געלויבט איז גאט, וואס ער האט אזא געדאנק ארייגעגעבען די שרים פון די פלשתים און דאמיט ארויסגענומען מיך פון אזא שווערע לאגע.

— און איך בין זעהר אומרוהיג געווען, ווען איך האב דערהערט אז דו האסט אנגעבאטען אכיש'ן דיין הילף אין דער מלחמה... — האט יואב געזאגט, — וואס וואלטען מיר טאקע געטהאן אויב די גענעראלען וואלטען נישט פראטעסטירט. דאן וואלט דאך אויסגעקומען אז מיר וואלטען דארפען געהן זיך שלאגען מיט אונזערע אייגענע ברידער און העלפען דאמיט אונזער אלגעמיינעם שונא.

— איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז די שרים זיינען אויף מיר זעהר אייפערזיכטיג און זיי פערהאלטען זיך די גאנצע צייט מיט גרויס פערדאכט צו מיר, דאריבער האב איך געוואגט און געבעטען אכיש'ן ער זאל מיר מאכען פאר דעם אנפיהרער פון זיינע ארמייען, וויסענדיג גאנץ גוט אז דאס וועט זעהר נים שמעקען די שרים און דאס וועט מאכען אז זיי זאלען זיין דאגעגען דאס

איך זאל זיך אין גאנצען בעטייליגען אין דער מלחמה. יעצט לאמיר אלע מתפלל זיין צו אונזער גאט און בעטען איהם ער זאל שיקען דעם נצחון אויף דער זייט פון ישראל.

— זעהר ווייניג האפנונג איז פאראן, אז שאול זאל די יעצטיגע מלחמה געווינען, — האט יואב ווייטער געזאגט, — ער האט פארלארען זיין מוטה און קראפט, דאס פאלק האט שוין אויך מעהר קיין צוטרויען צו איהם... די פלשתים אבער זיינען לעצטענס געווארען זעהר שטארק און מעכטיג... איך האב זעהר מורא אז די מלחמה וועט ברייגגען אומגליק אויף אונזער לאנד... ווען די פלשתים זאלען יעצט ארויס די זיעגער, וועלען זיי ווידער נעהמען דריקען אונזערע ברידער און די אידישע צרות וועלען זיך אנפאנגען פון דאס ניי...

— ווען איך זאל וויסען אז שאול וואלט מיר צו־רוה געלאזען און וואלט אנגענומען מיין אנבאט, וואלט איך מיט מיין חייל צוריקגעגאנגען אין אונזער לאנד און איהם געהאלפען אין דער מלחמה... אבער ווי עס ווייזט אויס, בין איך ביי איהם פארערכענט אלס א גרעסערער שונא דען די פלשתים. האט ער דען נישט פערנאכלעסיגט פיעלע מלחמות און איז מיט זיינע ארמייען נעגאנגען זוכען מיך צו טויטען ?... איך בין איהם אלעס מוחל מיט'ן גאנצען הארצען פאר זיין אומרעכט וואס ער האט מיט מיר געטהאן, זאל איהם נאר גאט מוחל זיין און געבען אז ער זאל ארויס פון דער מלחמה בשלום און מיט א גלענצענדען זיעג איבער די פלשתים.

דוד און זיין ארמיי האבען זיך פארנומען אין דער ריכטונג פון צקלג.

* * *

אין דער צייט ווען די אידען און די פלשתים זיינען געווען אין עמק יזרעאל, גרייט אנצופאנגען די מלחמה, האבען די פארבליבענע שבטים פון עמלק, זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און גענומען מאכען איבערפאלען איבער די נאהענסטע שטעדט... זיי פלעגען ראבירען דאס גאנצע האב און גוטס, אויס'הרג'ענען די מענער, די קינדער, און די פרויען פלעגען זיי נעהמען אין געפאנגענשאפט, ווען זיי פלעגען נאכהער פארקויפען פאר קנעכט און דינסטען, די שעהנערע פרויען פלעגען זיי איבערלאזען פאר זייערע פיהרער.

די עמלקים האבען זיך דערוואוסט אז דוד מיט זיינע מענשען זיינען אוועק צוזאמען מיט די פלשתים אויף מלחמה, און אין צקלג האבען זיי איבערגעלאזען זייערע פרויען און קינדער, האבען זיי זיך אפגערופען איינער צום צווייטען :

— יעצט איז געקומען אונזער צייט זיך נוקם צו זיין אן דוד'ן פאר זיינע איבערפאלען וואס ער האט געמאכט אויף אונז. לאמיר גלייך געהן אין צקלג און צונעהמען זייער פארמעגען און פארניכטען זייערע פרויען און קינדער. זאל אונזער נקמה אן זיי זיין א פאלקאמענע.

— ניין, — האט זיך אפגערופען זייער פיהרער, — איך האב געהערט אז זייערע פרויען זענען זעהר שעהנע... דאריבער וועלען מיר די פרויען צונעהמען פאר זיך און זייערע קינדער וועלען מיר פארקויפען פאר קנעכט און דינסטען. און דאס וועט זיין א גרעסערע נקמה אן זיי.

גאנץ פריה האבען זיך די עמלקים אריינגעבראכען אין צקלג און גענומען ראבירען אלע הייזער, זיי האבען צוגענומען די גאנצע שאף און רינדער און אלעם וואס זיי האבען דארט געפונען.

די געשרייען פון די פרויען און קינדער האט דערגרייכט אזש ביז'ן הימעל. איינינגע פרויען האבען זיך פרובירט געגענשטעלען די עמלקים, אבער זיי זיינען מערדערליך געשלאגען געווארען... זיי האבען זיי אלע גענומען אין געפאנגענשאפט און ארויסגעהענדיג פון צקלג, האבען זיי די שטאדט אונטערגעצונדען. דאס פייער האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט און האט ארומגענומען די גאנצע שטאדט.

ווען דוד און זיינע מענשען זיינען אנגעקומען נעבען צקלג האבען זיי שוין באמערקט אז עפעס האט אין שטאדט פאסירט. די לופט איז געווען אנגעפילט מיט רויך און שוועבעל. א טויטע שטילקייט האט דארט געהערשט. שנעל זיינען זיי אריינגעקומען אין שטאדט, און ווי גרויס זעהר שרעק איז געווען, ווען זיי האבען געזעהן אז די גאנצע שטאדט צקלג איז פארברענט.

צושראקענע און צוווילדעוועטע האט יעדער גענומען זוכען זיין פרוי, זיינע קינדער. באלד האבען זיך אלע איבערצייגט, אז קיין לעבעדיגער נפש איז נישט פארבליבען אין שטאדט. דאן האבען אלע אויסגעבראכען אין א געוויין און אין א יאמער.

— אן אומגליק האט פאסירט, א שונא האט זיך אין שטאדט אריינגעבראכען און אונזערע שוצלאזע פרויען און קינדער בעפאלען. אונזער שטאדט האט ער חרוב געמאכט, אונזער האב און גוטס אוועקגערויבט, און אונזערע פרויען און קינדער געפאנגען גענומען... גאט וויים וואס מיט זיי האט פאסירט... זיינען זיי נישט געפאלען פון דער שווערד פון דעם שונא ?!

דוד'ס צער איז אויך געווען זעהר גרויס. זיינע צוויי פרויען אביגיל און אחינעם זיינען געפאנגען געווארען. און א חוץ דעם האט ער זיך געפיהלט פעראנטווארטליך פאר דיזען גרויסען אומגליק.

זיינע מענשען זיינען וואס ווייטער אלץ ביטערער געווארען, און זיי האבען זיך גענומען בונטעווען און ארויפגעווארפען די גאנצע שולד אויף דוד'ן.

— דו האסט אונז אלעמען אוועקגעפיהרט צו די פלשתים און איבערגעלאזען אונזערע פרויען און קינדער אהן שוץ און אהן הילף אין פאל פון אן אומגליק.

— דו האסט געוואלט איבערצייגען די פלשתים ווי שטארק איבערגעבען מיר זיינען זיי, האסטו דעריבער אונז אלעמען אהין אוועקגעפיהרט און געלאזען די שטאדט אפען צום שונא, — האט נאך איינער גע'טענה'ט.

— דאס האט אונז גאט אלעמען בעשטראפט פארוואס מיר האבען געוואלט געהן העלפען דעם שונא אין זייער מלחמה געגען אונזערע ברידער.

— גאט, וועלכער וויים די געדאנקען פון יעדען מענשען, וויים דאך אויך אז מיין כוונה איז נישט געווען חלילה צו געהן קעמפפען געגען אונזערע ברידער. איך האב געהאנדעלט אזוי אז איך בין געווען איבערצייגט, אז אכיש'ס גענעראלען וועלען זיין געגען אונזער בעטייליגען זיך צוזאמען מיט זיי אויפ'ן שלאכטפעלד. און אין דערזעלבער צייט וואלט דער קעניג נישט געהאט דעם מינדסטען חשד אז מיר זיינען איהם נישט געטריי...

— אבער וואס וועט עס אונז אלעמען העלפען, — האבען זיך איינינגע צושריען, — דו ביזט דער מערדער פון אונזערע פרויען און קינדער!

— יא, דו ביזט שולדיג אין אונזער גרויסען אומגליק! — האבען נאך

איינִיגע צוגעגעבען, — דו האסט געוואלט איבערלאזען א הונדערט אדער צוויי הונדערט מענשען צו היטען אונזערע פרויען און קינדער!

דער טומעל און געשריי האט זיך נאך פארגרעסערט, און דער כעס און אויפרעגונג פון דוד'ס מענשען איז פון יעדער רגע שטארקער געווארען. פיעלע האבען דוד'ן געוואלט פארווארפען מיט שטיינער, ווייל זייערע הערצער זיינען געווען שטארק פארביטערט אויף איהם.

דוד האט זיך אבער געשטארקט און זיך אפגערופען:

— מיינע ברידער, מיט אונזער וויינען און שרייען וועלען מיר גארנישט אויפטהאן, מיר מוזען זיך ארויסלאזען אויף די וועגען און זיך נאכיאגען נאך דעם שונא, פיעלייכט וועט גאט געבען אז מיר וועלען איהם אניאגען און רעטען עטוואס פון זיינע הענד... קומט לאמיר אלע געהן!...

יואב האט א קאמאנדעווע געטהאן און די זעקס הונדערט מענשען האבען גענומען נאכפאלגען איהם און דוד'ן, און אין א זעהר קורצע ווײלע זיינען זיי שוין געווען נעבען דעם טייכעל בשור... דער אימפעט האט זיי אלעמען געטראגען... זיי זיינען געלאפען שנעל און ווען זיי האבען זיך אפגעשטעלט אפרוהען אויף א ווײלע ביי דעם טייכעל, האבען פיעלע פון דוד'ס מענשען געזאגט, אז זיי פיהלען זיך אזוי מיעד און שוואך דאס זיי וועלען נישט קענען פארטזעצען דעם געיעג...

— מיר זיינען אלע אויסגעמאטערט פון וועג, — האבען זיך איינִיגע אפגערופען, — דריי טעג זיינען מיר געווען אין וועג, זינט מיר האבען פערלאזען דעם לאגער פון די פלשתים ביז וואנען מיר זיינען אנגעקומען אין צקלג, און דארטען האבען מיר זיך גארנישט אפגערוהט... און יעצט קענען מיר ווייטער נישט געהן, ווייל אויב מיר זאלען ווייטער לויפען וועלען מיר פאלען ווי פליגען פון מיעדקייט.

— ווער עס פיהלט זיך צו שוואך און צו מיעד מיט אונז ווייטער צו געהן,
— האט דוד אויסגערופען, — זאל בלייבען דא און זיך אפרוהען, און די איבריגע וועלען ווייטער געהן.

צוויי הונדערט מענשען זיינען ארויס פון די רייהען און האבען געזאגט אז זיי מוזען זיך אפרוהען.

— גוט, — האט דוד זיי געזאגט, — איהר ווארט דא ביי דעם טייכעל בשור און רוהט זיך אויס, אויף דעם וועג צוריק וועלען מיר אייך דא טרעפען, און זאל גאט נאר געבען אז מיר זאלען זיך נישט אומקעהרען מיט ליידיגען...

דוד מיט די איבערגעבליבענע פיער הונדערט מענשען זיינען אריבער דאס טייכעל און זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען. זיי האבען גענומען זוכען די שפורען פון דעם שונא, פלוצלינג האבען זיי פון ווייטען באמערקט א פערחלש'טען מענשען וועלכער איז געלעגען אין פעלד. מען האט איהם געבראכט צו דוד'ן וועלכער האט איהם נעהייסען געבען וואסער און מען האט איהם קוים דערמינטערט.

— ער איז פאר'חלש'ט פון הונגער, — האט דוד געזאגט, און האט איהם געגעבען א שטיקעל ברויט, עטליכע פייגען און ראזשינקעס... און דער פאר־חלש'טער איז עטוואס געקומען צו זיך.

— וואס איז מיט דיר? — האט איהם דוד געפרעגט מיט צערטליכקייט, — דערצעהל דאך מיר וואס מיט דיר האט פאסירט.

— איך האב נישט געגעסען און נישט געטרונקען שוין דריי טעג און דריי נעכט... איך וואלט זיכער געשטארבען ווען נישט איהר גוטע מענשען, וועלכע האבען אויף מיר רחמנות געהאט.

— אבער ווער ביזטו, און פון וואנען קומסטו? — האט איהם דוד ווידער געפרעגט.

— איך בין א מצרי, און איך האב געוואהנט מיט מיין פאמיליע אין א דארף פון דרום לאנד, ביז וואנען די עמלקים זיינען אונז בעפאלען און מיך גענו־מען געפאנגען... איינער פון די עמלקים בעאמטע האט מיך צוגענומען פאר א קנעכט, און מיר געמאכט פאר זיין נושא כלים און מיך מיטגענומען יעדען מאל ווען זיי האבען געמאכט איבערפאלען איבער די שטעדט פון גרעניץ. און ווען זיי האבען זיך דעם לעצטען מאל צוריקגעקעהרט פון אזא איבערפאל, בין איך קראנק געווארען. און אז מיין האר האט געזעהן דאס ער קען פון מיר מעהר קיין נוצען נישט האבען, האט ער מיך איבערגעלאזען אין פעלד אויס־צוגעהן פון הונגער און דורשט.

— זאג דאך מיר, — האט זיך דוד אנגערופען, — וועלכע איז געווען די לעצטע שטאדט וואס איהר זייט בעפאלען?

— די לעצטע שטאדט איז געווען צקלג... דארטען האבען די עמלקים בא־געגענט קיין ווידערשטאנד... ווי עס ווייזט אויס, האבען די מענער פארלאזען די שטאדט, און דארט איבערגעלאזען די פרויען מיט קליינע קינדער... די עמלקים האבען צוראבירט אלעס וואס זיי האבען געפונען און די פרויען האבען זיי גענומען אין געפאנגענשאפט... די שטאדט צקלג האבען זיי אונטער־געצונדען... אח, הלואי וואלט מיר מיין האר איבערגעלאזען דארטען, וואלט איך פארברענט געווארען צוזאמען מיט די הייזער, און פארשפארט צו ליידען אזוי פיעל יסורים, ווארטענדיג אויפ'ן טויט.

— ווערסטו מיר אנצייגען וואוהין די עמלקים זיינען געגאנגען? — האט איהם דוד געפרעגט, — און פיעלייכט ווייסטו אויך וואו זיי געפינען זיך, טא זייזשע א גוטער מענש און פיהר אונז אהין צו יענעם פלאץ.

— אבער אז איך וועל דיר אנצייגען דעם פלאץ, וועט דאך מיין פריהער־דיגער האר מיך דערזעהען און ער וועט מיך געוויס טויטען.

— האב קיין מורא נישט, קיין שום שלעכטס וועט דיר נישט געשעהן.

— שווער דאך מיר ביי דיין גאט, — האט דער מצרי זיך אפגערופען, — אז דו וועסט מיר נישט טויטען און אז דו וועסט מיר נישט איבערגעבען אין די הענד פון מיין האר, וועלכער האט מיך איבערגעלאזען צו שטארבען אין פעלד.

דוד האט געשווארען, און זיי האבען אוועקגעזעצט דעם מצרי אויף אן אייזעל וועלכער האט געריטען א פריהער און זיי אנגעצייגט דעם וועג.

— אט דארטען געפינען זיי זיך, אין יענעם טהאל זיינען די אלע עמלקים וועלכע האבען חרוב געמאכט די שטאדט צקלג... — האט דער מצרי אנגע־צייגט מיט זיין האנד...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דריי טעג זיינען פאראיבער זינט די עמלקים האבען פארברענט צקלג...
זיי האבען זיך נאך נישט באנוגענט מיט צקלג און איינגעטיילט זייערע ארמיי אין עטליכע גרופעס, וועלכע האבען זיך אוועקגעלאזען צו אטאקירען פיעלע אנדערע שטעדט, אין דער צייט ווען איין גרופע האט געהיט די געפאנגענע און די רויב וואס זיי האבען אנגעראבירט פון פארשידענע שטעדט. אויפ'ן דריטען טאג זיינען אלע גרופעס צוזאמענגעקומען אין דעם גרויסען טהאל וואס געפינט זיך נישט ווייט פון דער שטאדט עזה מיט דעם גרויסען שלל, און האבען גענומען פייערען זייערע פיעלע זיגען מיט גרויס פראד און שמחה. עטליכע טויזענד עמלקים זיינען זיי געווען, און כאטש איין גרופע פון פיער הונדערט יונגען האט זיך נאך נישט צוריקגעקעהרט, האבען זיי שוין מעהר ניט געוואלט ווארטען און אנגעפאנגען זייער שמחה אהן זיי. ווען זיי האבען זיך אנגעגעסען און אנגעטרונקען, האבען זיי זיך גענומען צו די געפאנגענע פרויען פון צקלג, און זיי געצוואונגען צו טאנצען פאר זיי ווילדע טענץ... די וועלכע האבען ניט געוואלט פאלגען אדער זיינען געווען צו שוואך צו טאנצען און שפרינגען פאר דעם שכור'ען המון, זיינען געשלאגען געווארען פון די עמלקים מיט בייטשען און מיט שטעקענס.

די געשרייען און געוויינען פון די פרויען זיינען פארשלונגען געווארען פון די טומעלדיגע פרעהליכע געזאנגען פון די עמלקים וואס האט אפגעהילכט דעם גאנצען געגענד.

אביגיל און אחינעם, דוד'ס פרויען, האבען נישט געטאנצט. זיי האט דער הויפט נישט אפגעלאזען פון זיך. און אין דער צייט ווען דער הויפט איז געווען פערנומען אין דער אכילה און אין זויפעריי, האט זיך אביגיל דורכ־געשמועסט מיט אחינעם:

— מיר זיינען דאך שוין פארלארענע, — האט אביגיל טרויעריג גע־זאגט, — ווי נאר די זון וועט אונטערגעהן וועלען אונז די טמא'דיגע עמלקים פאראומרייניגען, וועלען מיר דען קענען אריבערגעטראגען די שאנדע. דער טויט וועט שוין פאר אונז זיין בעסער. דאריבער לאמיר ביידע באפאלען דעם הויפט און לאמיר איהם טויטען איידער ער וועט זיך אויסניכטערען, און דערנאך מאכען א סוף צו אונזערע לעבענס.

— ווי גליקליך איך האב זיך געפיהלט מיט דריי טעג צוריק — האט אחינעם געזאגט, און די טרעהרען האבען איהר נעשטיקט — געווארט האב איך און געהאפט, אז דוד, אונזער ליעבער מאן, וועט זיך באלד צוריקקעהרען, און פון זיין ליעבליכען מויל וועלען מיר הערען ערפרעהענדע נייעס, און צום סוף זיינען אונז די עמלקים באפאלען און אונזער גליק אויף אייביג גערויבט...
יא, דער טויט איז שוין פאר מיר מעהר געוואונשען, איידער אזא לעבען פון א שקלאפין פאר אן אומווירדיגען עמלק.

— פארוואס עסט איהר נישט און טרינקט נישט! — האט דער שכור'ער הויפט צו זיי א געשריי געטהאן און זיי צוגעטראגען צוויי קריגעלעך וויין.

אביגיל און אחינעם האבען זיך פון זייערע פלעצער נישט גערוהרט און איהם אפילו נישט בעשאנקען מיט זייער בליק.

— טרינקט! — האט ער א געשריי געטהאן, און א שליידער געטהאן די קריגלעך מיט דעם וויין אויף זיי, — איהר ווילט מיך נישט פאלגען?

דאריבער וועט איהר געהן טאנצען צוזאמען מיט די איבריגע פרויען! ער האט זיי ביידען אנגענומען פאר זייערע קעפ הער, און א הויב געטהאן פון זייערע פלעצער.

פלוצים איז אין לאגען פון די עמלקים א טומעל געווארען.

— דער שונא קומט אן! — האט אימיצער אויסגעשריען, און באלד איז דער גאנצער לאגער אריינגעווארפען געווארען אין א שרעקליכען פאניק. מען האט אלץ איבערגעלאזען און זיך גענומען צולויפען אין אלע זייטען... אבער דוד און זיין ארמיי פון פיער הונדערט העלדען האבען זיי באפאלען, און איידער זיי האבען באוויזען זיך אויפצוהויבען פון דער ערד און זיך צו כאפען צו זייער געוועהר, האבען שוין די שווערדען און שפיזען פון דוד'ן און פון זיינע מענשען אפגעטהאן זייערס, און קיינער איז פון די עמלקים נישט אנטרונען געווארען...

א גאנצען טאג האט געדויערט די הריגה און די געפאנגענע פרויען און קינדער האבען מיט גליקליכע שטראהלענדע אויגען זיך צוגעקוקט און געזעהן די נקמה אן זייערע פערהאסטע שונאים...

פארנאכט, ווען דער לעצטער עמלק איז שוין געלעגען א טויטער, האבען זיך פלוצים אויפ'ן בארג באוויזען די פיער הונדערט יונגע עמלקים, וועלכע האבען זיך נאר-וואס צוריקגעקעהרט פון אן איבערפאל און מיט זיך געבראכט א סך רויב וואס זיי האבען אנגערויבט פון אנדערע שבטים. ווען זיי האבען ארונטערגעקוקט אין טהאל און דערזעהען דוד'ן און זיינע מענשען, האבען זיי גלייך פארשטאנען וואס דארט איז פארגעקומען.

דוד האט זיי גלייך באמערקט און האט א קאמאנדעווע געטהאן: "אט קומען אן די איבריגע עמלקים, קומט ברידער און מיר וועלען צו זיי טהאן ווי מיר האבען געטהאן צו זייערע פריינד".

ווען די פיער הונדערט עמלקים וועלכע האבען געריטען אויף די אנגע-לאדענע קעמלען האבען דאס דערהערט, האבען זיי זיך שטארק דערשראקען; זיי האבען שנעל אראפגעווארפען דאס גאנצע רויב פון די קעמלען און גע-נומען פליהען...

דוד מיט זיין מחנה זיינען שנעל ארויף אויפ'ן בארג, און דערזעהענדיג אז די איבריגע עמלקים זיינען זיך צולאפען, איבערלאזענדיג דעם גאנצען אנגערויבטען שלל הינטער זיך, האט ער זיי אויפגעהערט נאכצויאגען.

— עס איז שוין שפעט און מיר מוזען זיך אומקעהרען צו אונזערע פרויען און קינדער, — האט ער געזאגט, — לאמיר צוזאמענהמען דעם שלל און ארונטערגעהן אין טהאל.

גרוים און אומבעשרייבליך איז געווען די שמחה פון אלעמען ווען יעדער האט געפונען זיין פרוי און קינדער אומבעריהרט... טרעהרען פון פרייד האט זיך באוויזען אין יעדענס אויגען ווען ער האט געהאלזט און געקושט זיין פרוי און קינדער... דער גליקליכסטער פון אלעמען איז געווען דוד. גאט איז מיט איהם און ער האט איהם געהאלפען געגען אלע זיינע שונאים. אביגיל און אחינעם האבען איהם דערצעהלט אלעס וואס איז פארגעקומען דורך די דריי טעג פון זייער געפאנגענשאפט.

אין די צונויפגעשטעלטע געצעלטען פון די עמלקים האבען זיי איבער-גענעכטיגט די נאכט. אייניגע זיינען געווען שומרים און האבען געוואכט איבער די מיעדע שלאפענדע מענשען פון דוד'ס מחנה.

אויף מארגען פריה האט דוד און זיין חייל צונויפגענומען דעם גאנצען שלל, די שאף און די רינדער וואס האט געהערט פריהער צו זיי, מיט די איבריגע שלל פון די עמלקים און האבען זיך אומגעקעהרט צו די צוויי הונדערט מענשען וועלכע זיינען געווען צו מיער און צו שוואך מיטצוגעהן.

די באגעגעניש איז געווען זעהר ריהרענד. יעדער איז געלאפען צו זיין פרוי און קינדער. מען האט געוויינט פון פרייד, און אויך אביסעל פון פארדרוס וואס זיי זיינען געבליבען הינטערשטעליג...

ווען עס איז געקומען זיך צוצוטיילען מיט דעם שלל, האבען זיך געפונען עטליכע שלעכטע פארביסענע מענשען וועלכע האבען זיך אפגערופען צו דוד'ן:

די צוויי הונדערט וועלכע זיינען מיט אונז נישט מיטגעגאנגען דארפען בלויז צוריק קריגען זייערע פרויען און קינדער און זייערע גערויבטע זאכען וואס מיר האבען צוריקגענומען פון די עמלקים, אבער גארנישט דארפען זיי קריגען פון דעם שלל וואס מיר האבען אוועקגענומען פון די עמלקים א חוץ אונזערע אייגענע...

— אה, ניין, מיינע ברידער, — האט זיך דוד אפגערופען, — מיר דארפען דאנקען גאט און זיין צופרידען וואס ער האט אונזערע שונאים איבערגעגעבען אין אונזערע הענד... ער האט מיט אונז אזוי פיעל גוטעס געטהאן, און דא ווילט איהר יעצט טהאן שלעכטעס אייערע פריינד... ניין, א גלייכען חלק פאר יעדען, סאי פאר די וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין מלחמה, און סאי פאר די וועלכע האבען זיך צוליעב א געוויסע אורזאכע נישט געקענט בעטייליגען אין מלחמה און זיינען געבליבען זיצען ביי די כלים. זיי קומט אויך א גלייכען חלק.

זיי זיינען אלע צוריקגעגאנגען אין צקלג און צונויפגעשטעלט זייערע געצעלטען. דערנאך האבען זיך אלע גלייך אויף גלייך צוטיילט מיט דעם שלל.

* * *

אויף מארגען נאכדעם ווי שאול איז אוועק פון דער מכשפה, האט ער שוין אויסגעקוקט ווי א צובראכענער שארבען. ער האט זיך אבער געשטארקט און אנגעגורט זיין שווערד און געהייסען צוגרייטען זיין פערד, און האט זיך געקליבען אוועקצוגעהן אויפ'ן שלאכטפעלד אויף די בערג פון גלבע, וואו די אידישע ארמייען אונטער די פיהרונג פון אבנר און יונתן זיינען געשטאנען נעגען די פלשתים.

אחינעם, שאול'ס פרוי, און זיינע צוויי טעכטער, מרב און מיכל, האבען איהם פרובירט איינריידען ער זאל דיזען מאל נישט געהן אויף דער מלחמה. ער איז דאך אזוי קראנק און ערשיטערט, אבער שאול האט זיך נישט געלאזט איבעררייידען.

— מיינע טעג זיינען געצעהלטע און איך וויל בעסער שטארבען ווי א העלד, פארטיידיגען מיין פאלק, — האט שאול געזאגט, און ארומגענומען זיין פרוי און קינדער און זיך מיט זיי צוקושט.

— מיכל, מיין ליעבע טאכטער, איך האב א סך געגען דיר געזינדיגט, זיי דאך מיר מוחל, איך וויים אז ווען דוד וועט ווערען קעניג, וועט ער דיך צוריקנעהמען צו איהם, געה דאך צו איהם און זאל דיר גאט געבען אז דו זאלסט זיין

גליקליך מיט דעם ווען דו האסט אזוי הארציג און געטריי געליעבט... איך זעה אלץ יעצט אזוי קלאר, אזוי דייטליך. איך האב דוד'ן פיעל שלעכטעס געטהאן, און ער האט עס זיכער נישט פארדיענט. און צוויי מאל בין איך אין זיינע הענד געווען און ער האט מיר געקענט שלעכטעס טהאן, און כאטש ער האט געוואוסט אז איך בין געקומען איהם טויטען, האט ער דאך מיר קיין שלעכטעס נישט געטהאן... יא, איך האב א סך געגען גאט געזינדיגט פארגי־סענדיג די אומשולדיגע בלוט פון די כהנים פון נב, זאל מיר גאט מוחל זיין... איך האב נישט געוואוסט וואס איך טהו. דער בייזער גייסט האט איבער מיר געוועלטיגט... גאט האט מיך פאר קעניג געזאלבט... ער האט מיר געגעבען די מאכט צו טהאן גוטעס פאר מיין פאלק און לאנד און איך האב עס נישט אין גאנצען אויסגענוצט פאר דיזען צוועק... און יעצט, וועט איהר, מיינע קינדער, דארפען ליידען פאר די זינד פון אייער פאטער... איך בעט אייך נאך אמאל זייט מיר מוחל...

א שטראם טרעהרען האבען ארויסגעפלאסען פון שאול'ס אויגען...

— פאטער, — האט איהם מיכל ארומגענומען, — זיי דאך נישט אזוי פארצווייפעלט, פארליר נישט די האפנונג אין גאט, דו וועסט נאך ווידער צוריק־קומען צו אונז מיט דיינע זיעגרייכע ארמייען. דו וועסט צו די פלשתים, אונ־זערע שונאים, טהאן ווי דו האסט צו זיי געטהאן אין די פריהערדיגע מלחמות... פארליר נישט דיין מוטה און געה מיט גאטעס הילף, אויב דו האסט דוקא בעשלאסען צו געהן.

— אה, ניין, מיין טאכטער, — האט שאול געוויינט, — דער נביא האט מיר שוין מעהר קיין האפנונג ניט געגעבען... "דו וועסט די מלחמה מיט די פלשתים פארלירען"... אין גיכען וועסטו און דיינע זיהן קומען צו מיר.

שאול האט נאך אמאל געקושט און געהאלזט זיין פרוי און די קינדער. זיינע דיענער האבען איהם ארויפגעהאלפען אויף דעם פערד און אין בעגלייטונג פון זיין גדוד פון העלדען איז ער אפגעפאהרען.

ווען שאול איז אנגעקומען אויפ'ן שלאכטפעלד, האט זיך שוין די מלחמה געהאט אנגעפאנגען. אויף די בערג פון גלבע האבען די אידישע העלדען גע־קעמפפט געגען די פלשתים מיט ביטערונג און פערצווייפלונג. יונתן, אבינדב, אדער ווי מען האט איהם גערופען ישוי, און מלכישוע, די זיהן פון שאול'ן האבען צוזאמען געקעמפפט מיט העלדישקייט.

פיעלע טויטע זיינען געפאלען פון ביידע זייטען. די אידען האבען גענומען ביסלעכווייז פארלירען זייער מוטה. די פלשתים האבען אבער געקעמפפט מיט פארביטערונג און אנגעווארפען אן אימה אויף די אידישע מחנות.

— וואו איז אונזער קעניג ?! — האבען זיך געהערט פארצווייפעלטע שטימען פון די סאלדאטען, — ווען וועט ער קומען ?!...

אלע האבען געהאפט אז ווען דער קעניג שאול וועט קומען אויפ'ן שלאכט־פעלד, וועלען די אידישע מחנות קעמפפען מיט מעהר מוטה און קוראזש.

— דער קעניג קומט אן! אונזער קעניג איז געקומען! — האבען פיעלע גענומען שאלען — פאר אונזער קעניג און אונזער לאנד!

לאנג האבען די געשרייען און שאלען ניט אנגעהאלטען. די סאלדאטען האבען בלויז געדארפט א קוק טהאן אויף דעם פאראומעטיגען טרויעריגען פנים

פון זייער קעניג, זיי האבן נאר באמערקט דעם שרעקליכען יאוש וואס קוקט ארויס פון זיינע מעלאנכאלישע אויגען, זיי האבן געזעהן זיינע איינגעפאלענע באקען און זיין איינגעבויגענעם קאפ, און דאס ביסעל מוטה וואס זיי האבען געהאט, איז פון זיי גלייך פארשוואונדען. זיי זיינען געבליבען שטעהן אויפ׳ן שלאכטפעלד אהן קאמפף־לוסט, האפנונגסלאז...

פלוצלינג אבער האט זיך שאול אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיין קאפ. אין זיינע אויגען האט זיך א פייער אנגעצונדען.

— אונזערע שונאים, די פלשתים זיינען אויף אונז געקומען מלחמה צו האלטען, — האט דער קעניג אויסגערופען, אויפהויבענדיג זיין שפיעז — לאמיר קעמפפען פאר אונזער גאט און אונזער הייליג לאנד! איך פיהל אז מיינע קרעפ־טען זיינען צו מיר ווידער געקומען ווי אין די פריהערדיגע יאהרען... לאמיר קעמפפען ביז׳ן לעצטען טראפען בלוט!

שאול האט שנעל גענומען טרייבען זיין פערד אין דער ריכטונג וואו די פלשתים זיינען געשטאנען. זיינע סאלדאטען האבען איהם נאכגעפאלגט און גענומען אטאקירען די מחנות פון די פלשתים מיט זייער גאנצען כח... טויזענדע פון די פלשתים זיינען געפאלען פון דעם אידישען אנגריף... עס האט אויס־געוויזען אז שאול׳ס מחנות האבען ווידער בעקומען די אויבערהאנד... די פלשתים האבען זיך שטארק דערשראקען און האבען שוין געוואלט אנטלויפען...

שאול האט זיך אבער שנעל ווידער פארלוירען... דער "גייסט" פון שמואל דעם נביא, וואס איהם האט זיך געדוכט אז ער האט געזעהן, דורך דעם כשוף פון דער מכשפה, האט איהם פארפאלגט... די ווערטער: "ווייסטו נישט אז גאט האט זיך פון דיר אפגעקעהרט"... "אין גיכען וועסטו מיט דיינע קינדער קומען צו מיר"... האבען געקלונגען אין זיינע אויערען. זיין פנים איז בלאס געווארען, א קאלטער שוויים איז אריבער זיין קערפער... דער שפיעז איז פון זיין האנד ארויסגעפאלען... די פלשתים האבען עס באמערקט און זיי האבען זיך גענומען צילעווען מיט זייערע פיילען און בויגען אויף דעם קעניג פון ישראל.

א פייל פון די פלשתים האט געטראפען אין ציעל און שאול איז פערוואונדעט געווארען... דער קאמפף איז געפיהרט געווארען מיט דער גרעסטער פערצווייפ־לונג. קיינער האט נישט געזעהן אז שאול איז פערוואונדעט געווארען... מען האט אפילו נישט באמערקט ווי ער איז ארונטערגעפאלען פון זיין פערד...

די פלשתים אבער, וועלכע האבען די גאנצע צייט נאכגעפאלגט שאול׳ס באוועגונגען, האבען עס גלייך באמערקט, און זייער אנגריף האט זיך נאך מעהר פערשטארקט.

דער איינציגער וועלכער האט באמערקט שאול׳ס שרעקליכען צושטאנד איז געווען זיין נושא כלים. ער איז גלייך צוגעלאפען צום קעניג און פרובירט פער־האלטען די בלוט מיט א טיכעל.

— מיין ענדע קומט! — האט שאול אויסגערופען מיט א שוואכע שטימע — דעם נביא׳ס ווערטער ווערען מקוים... איך געה צו איהם...

— אח, מיין קעניג! — האט דער נושא כלים אויסגערופען, — שטארק זיך, מיר וועלען די פלשתים בעזיגען! טרינק דאך אביסעל וואסער און דו וועסט פיהלען בעסער.

— אח, מאך אן ענדע צו מיינע יסורים! ציה ארויס דיין שווערד און

דערשטעך מיר, אז נישט וועלען קומען די פלשתים, די ערלים, און זיי וועלען מיך דערשטעכען און דערצו וועלען זיי פון מיר אפשפאטען און אפלאכען.

— מיין קעניג, דיין וואונד איז נישט קיין געפעהרליכע, אט וועל איך צורופען איינציגע פון דיינע דיענער און זיי וועלען דיך אוועקפיהרען אין שטאדט און די רפואים וועלען דיין וואונד פארבאנדאזשירען.

— דער נביא רופט מיך... איך מוז געהן צו איהם... ערווארט אויף מיר... איך קום!... — האט שאול אויסגערופען פון היץ.

— אה, גאט, זיי מיר מוחל! — האבען זיינע ליפען געשעפצעט, און אין ארויפגעפאלען אויף דעם שפיעז פון זיין שווערד און איז אויגענבליקליך גע־פאלען טויט.

— דער קעניג איז טויט! — האט דער נושא כלים אויסגעשריען, — מיר זיינען פארלארען! די פלשתים קומען אן אויף אונז, גאט העלף אונז! דער נושא כלים האט ארויסגעצויגען זיין שווערד און נאכפאלגענדיג שאול'ס ביישפיעל, איז ער אויך ארויפגעפאלען אויף זיין שווערד און זיך געטויטעט.

די אידישע מחנות האבען דערזעהן אז זייער קעניג איז טויט, האבען זיי אין גאנצען זייער מוטה פארלארען און־גענומען אנטלויפען.

יונתן און זיינע ברידער האבען נאך פארטגעזעצט זייער קאמפף, אבער זיינע ארמייען זיינען וואס ווייטער געווארען שיטערער, און די פלשתים האבען צוגעקראגען פארשטארקונג. זיי האבען קאנצענטרירט זייערע מחנות אויף יונתן, וועלכער האט געקעמפפט ווי א לייב, ביז וואנען ער איז געפאלען א טויטער פון די פיילען פון די פלשתים. אבינדב און מלכישוע, יונתן'ס ברידער האבען פרובירט אנטלויפען אבער די פלשתים האבען זיי דערגרייכט און זיי אויך געטויטעט.

ווען אבנר, דער שר צבא פון אלע ארמייען, האט דערזעהן אז שאול און יונתן זיינען טויט און אז די סאלדאטען צולויפען זיך אין שרעק, איז ער אויך אנטלאפען צוזאמען מיט די איבריגע מחנות.

די פלשתים האבען נאכגעיאגט די אידישע ארמייען און פארנומען פיעלע שטעדט.

צווישען די טויטע און פערוואונדעטע איז אויך געווען אן עמלקי, וועלכער האט געדיענט אין שאול'ס גדוד, און כאטש ער איז נישט געווען טויט און אפילו נישט פערוואונדעט, איז ער דאך געלעגען שטיל און באוועגלאז... ער האט געהערט ווי שאול בעט זיך בייי זיין נושא כלים איהם צו טויטען, ער האט אויך געזעהן ווי שאול איז געפאלען טויט אויף זיין שווערד, און נאכהער האט דיזעלבע זאך געטהאן דעם קעניג'ס נושא כלים. ער איז יעצט דער איינציגער לעבעדיגער אויפ'ן שלאכטפעלד... שאול'ס גאלדענע קרוין האט א בליאסק גע־טהאן פאר זיינע אויגען, גאלדענע רינגען איינגעפאסט אין קאסטבארע שטיינער האט ער באמערקט אויף שאול'ס האנד.

דער עמלקי האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, זיך ארומגעקוקט צי קיינער פון די פלשתים באמערקען איהם נישט און איז פארזיכטיג צוגעגאנגען צום קעניג, אויפגעהויבען זיין טויטען קערפער און איהם אנגעשפארט אן א בוים.

— העלדישער קעניג פון ישראל! — האט זיך דער עמלקי פאנאנדערגע־לאכט, — מיט יאהרען צוריק האסטו מיינע ברידער די עמלקים בעזיעגט, דו

האסט זיי פארטיליגט, און יעצט ביזטו אין מיינע הענד... איך זעה אז דיר נקמה, דו שוועבלינג... יעצט וועל איך זיך מיט דיר אפרעכענען. ער האט ארויס־געצויגען דעם שווערד פון שאול'ס קערפער, און האט איהם מיט דעם זעלבען שווערד גענומען שטעכען ביז וואנען שאול'ס קערפער איז ווידער אנידערגע־פאלען. דאן האט זיך דער עמלקי איינגעבויגען און האט אראפגענומען שאול'ס קרוין און זיינע רינגען און גענומען לויפען.

* * *

אויף מארגען האבען זיך די פלשתים צוריקגעקעהרט אויפ'ן שלאכטפעלד און גענומען אראפציהען די געוועהר און די זאכען פון די דער'הרג'עטע. שאול'ס קערפער האבען זיי דערקענט אן זיינע קליידער און אן זיין הויד. זייער שמחה איז געווען זעהר גרויס.

— געלויבט איז דגון אונזער גאט, דאס ער האט אונז איבערגעגעבען דעם קעניג פון ישראל אין אונזערע הענד! — האט איינער פון די פלשתים גענעראלען געזאגט, — לאמיר אויפזוכען זיין קרוין און זיי ברייגנען א מתנה צו אונזער קעניג.

— מיר האבען די קרוין געזוכט איבער דעם גאנצען פלאץ, — האבען אייניגע אפיצירען געזאגט, — אבער מיר האבען זי נים געקענט געפינען... מעגליך אז אימיצער האט זי צוגענומען פאר זיך.

— ווער האט עס געקענט נעהמען? — האט דער גענעראל געפרעגט.

— מעגליך אז איינער פון אונזעריגע, — האט איין אפיציער געענטפערט.

— ווייל לויט די פיעלע שטעך פון שווערד וואס געפינט זיך אויף שאול'ס קער־פער, קען מען זעהן אז דאס האט נישט קיין איינענער געטהאן, נור א פרעמדער וועלבער איז געווען זיין שונא.

— אויב אזוי מוזטו אויספארשען ווער עס האט די קרוין פאר זיך צוגע־נומען, און זאל ער בעקומען זיין שטראף פאר זיין נישט איבערגעבען די קרוין אין אונזערע הענד.

— וואס זאלען מיר טהאן מיט שאול'ס קערפער? — האבען די אפיצירען געפרעגט דעם גענעראל.

— לאמיר פריהער ארונטערשניידען זיין קאפ און טהאן צו איהם ווי זיי האבען געטהאן צו אונזער העלד, גלית... נאכהער וועלען מיר גלייך שיקען אנ־זאגען אין אלע שטעדט פון די פלשתים אז אונזער שונא, דער אידישער קעניג, איז טויט, און זאל אונזער גאנץ לאנד פרעהען זיך מיט אונזער זיעג...

די פלשתים האבען ארונטערגעשניטען שאול'ס קאפ און אוועקגעשיקט אין דעם הויז פון זייער גאט דגון, און זיין קערפער און די קערפערס פון יונתן און זיינע צוויי ברידער האבען זיי געבראכט אין דער דערבייאיגער שטאדט בית שאן. דארטען, ביי דעם טויער פון שטאדט האבען זיי שאול'ס קערפער און די קערפערס פון זיינע זיהן, צוגעשלאגען מיט נעגעל צום וואנט, כדי אנצוטהאן דאמיט א שאנדע צו גאנץ ישראל...

א גרויסער טרויער האט ארומגענומען אלע אידען פון גאנץ ארץ ישראל, וועלכע האבען זיך דערוואוסט פון דעם גרויסען אומגליק וואס האט זיי געטרא־פען. אין אלע שטעדט און שטעדטלעך וואו די טרויעריגע נייעס האט דערגרייכט.

איז געווארען א יאמער און א געוויין... שטארקער פון אלעמען האט געקלאגט די שטאדט יבש גלעד, פון יענער זייט ירדן, וואס איז געווען ניט ווייט פון בית שאן.

אלע האבען נאך געדענקט די גרויסע הילף וואס ער האט זיי געבראכט, ווען נחש, דער קעניג פון עמון איז זיי בעפאלען און געוואלט ביי יעדען פון זיי אויסשטעכען די רעכטע אויג... ליעב און טהייער איז ביי זיי געווען שאול המלך און וואס פאר א טיעפער צער און עגמת נפש האט זיי אלעמען ארומגענומען, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז די פלשתים האבען אזוי מבזה געווען דעם קערפער פון שאול און איהם צוגעשלאגען מיט נעגעל צום וואנט...

זיי האבען גלייך גערופען א טרויער־פערזאמלונג אין שטאדט, וואו זיי האבען מספיד געווען זייער ליעבען קעניג.

— ווער וועט וועלען איינשטעלען זיין לעבען און אוועקגעהן נאך בית שאן און אראפנעהמען שאול'ס קערפער?! — האבען די זקנים אויסגערופען, — כדי דאמיט ארונטערצונעהמען די גרויסע חרפה וואס די פלשתים טהוען צו אונזער קעניג.

פיעלע העלדען פון יבש גלעד האבען גלייך געענטפערט צו דעם רוף, און ביינאכט זיינען זיי אוועקגעגאנגען נאך בית שאן און ארונטערגענומען שאול'ס קערפער און די קערפערס פון זיינע זיהן פון וואנט... ווען זיי האבען די קערפערס געבראכט אין יבש גלעד, האבען אלע בעשלאסען צו פארברענען די קערפערס כדי נישט צו געבען נאך א געלעגענהייט די פלשתים זיי זאלען ווידער אמאל חוזק מאכען פון זייער קעניג...

זיי האבען געמאכט א גרויסארטיגע לויה און פארברענט די קערפערס, און די אש מיט די איבערגעבליבענע ביינער האבען זיי מקבר געווען אין יבש... אלע איינוואהנער האבען געפאסט און געטרויערט זיבען טעג נאכדעם.

* * *

דער עמלקי וועלכער האט אראפגענומען פון שאול'ן די קרוין און די רינגען איז שנעל געלאפען נאך דרום וואו ער האט געהאפט צו קומען צו איינעם פון זיינע שבטים...

"די קרוין און די רינגען פון אידישען קעניג זיינען ווערטה זעהר פיעל געלד", — האט ער זיך געטראכט, — און ער וועט עס פארקויפען צו דעם הויפט פון די עמלקים, און ער וועט פון איהם דערפאר קריגען געלד און כבוד.

אויפ'ן וועג אבער האט ער זיך דערוואוסט, אז דוד האט נאר וואס צושלאגען די אלע עמלקים, און א גרויסע מורא איז אויף איהם אנגעפאלען... דוד זאל זיך דערוויסען אז ביי איהם געפינט זיך דעם קעניג'ס קרוין, וועט ער דען שווייגען?!

באלד איז איהם אבער איינגעפאלען א גליקליכער געדאנק: ער וועט בריינגען די קרוין צו דוד'ן אלס מתנה, דערצו וועט ער איהם נאך דערצעהלען ווי אזוי ער האט געהאלפען טויטען שאול'ן... ער איז געווען זיכער אז דוד וועט איהם זעהר ווארעם אויפנעהמען... איז דען שאול נישט געווען זיין גרעסטער שונא?!... ער וועט איהם זעהר גוט באלוינען דערפאר און וועט איהם נאך זיכער מאכען פאר א בעאמטען.

מיט די געדאנקען איז דער עמלקי אוועקגעגאנגען צו דוד'ן אין צקלג, כדי צו צייגען דוד'ן אז ער קלאגט און טרויערט אויך אויף דעם גרויסען אומגליק וואס האט געטראפען אלע אידען, האט דער עמלקי צוריסען זיינע קליידער און גע־

שאָטען שטויב אויף זיין קאָפּ... ער איז צוגעקומען צו דוד'ן און זיך פאַר איהם פאַרנייגט.

— פון וואַנען קומסטו און פאַר וואָס טרויערסטו? — האָט איהם דוד גלייך געפרעגט, — זאָג דאָך מיר פאַר וואָס טראָגסטו דעם סימן פון טרויער אויף זיך.

— איך קום דאָס יעצט פון שלאַכטפעלד! — האָט דער עמלקי געענטפערט, — די שטראָף פון גאָט האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם פאָלק ישראל... די פלשתים האָבען א גרויסען זיעג איבער זיי געהאַט... די ישראלים זיינען אנטלאָפען, איבערלאָזענדיג פיעלע טויזענדע אויפ'ן שלאַכטפעלד... דער קעניג שאול איז טויט און זיין זוהן יונתן איז אויך טויט...

דוד איז בלאַס געוואָרען... זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט צער און טרויער. און א ווייל איז ער געבליבען שטעהן ווי בעטויבט.

— פון וואַנען ווייסטו אז שאול און יונתן זיינען טויט?! — האָט דוד אויסגערופען מיט אויפרעגונג.

דער עמלקי האָט זיך אויסגעגלייכט און פון אונטער זיין בגד ארויסגענומען שאול'ס קרוין און זיינע רינגען. נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך האָב געדיענט אין שאול'ס גדוד און איך בין געווען מיט די איבריגע סאָלדאַטען אויף דעם בארג גלבע... פלוצים האָבען אונז די פלשתים דערגרייכט און האָבען גענומען שיסען אויף דעם קעניג, ביז ער איז געפאַלען א פערוואונדעטער... און אלע ארום איהם זיינען געפאַלען טויטע... דער קעניג האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ, און ווען ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער מיך צוגערופען:

— נעהם מיין שווערד און טויטע מיך! — האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופען, — ווייל איך בין פערוואונדעט און איך לייד זעהר פיעל יסורים...

איך האָב איהם געפאָלגט, ארויסגעצויגען דעם שווערד פון דעם שייד און דערשטאָכען דעם קעניג... ווען איך האָב דערזעהן אז ער איז טויט, האָב איך אראָפּגענומען זיין קרוין און די רינגען, און איך האָב עס געבראַכט צו דיר, מיין האר...

ווען דוד האָט עס דערהערט און דערזעהען שאול'ס קרוין אין דעם עמלקי'ס האנד, האָט ער פארשטאַנען אז שאול און יונתן זיינען טויט... ער האָט גלייך צורריסען זיינע קליידער... און זיך געזעצט אויף דער ערד. אלע מענשען וועלכע זיינען געווען נעבען איהם האָבען געטהאָן דאָסזעלבע. זיי האָבען געקלאָגט, געיאָמערט און געפאַסט דעם גאַנצען טאָג.

דער עמלקי איז געווען זעהר צופרידען דאָס ער איז געווען דער ערשטער צו ברייגנען דוד'ן די נייעס. ער האָט געוואַרט אויף דער גרויסער באַלוינונג וואָס דוד וועט איהם געבען פאַר דער קרוין.

ווען דוד איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד האָט ער צוגערופען צו זיך דעם עמלקי און צו איהם געזאָגט:

— ביזטו עס טאַקע געווען דער וועלכער האָט געמאַכט אן ענד צו שאול'ס לעבען?

— יא, מיין האר, — האָט ער געענטפערט מיט שטאָלץ — איך האָב עטליכע מאָל דורכגעשטאָכען זיין קערפּער מיט זיין אייגענעם שווערד.

— ווער ביזטו? — האָט איהם דוד געפרעגט.

— איך בין דער זוהן פון א גר פון עמלק.
— און דו האסט עס געטויטעט דעם אידישען קעניג?
— יא, איך האב עס געטהאן און געבראכט זיין קרוין א מתנה צו מיין האר, צו געפינען גנאדע אין דיינע אויגען.
— ווי האסטו געוואגט אויפצוהויבען א האנד געגען דעם געזאלבטען פון גאט? — האט דוד אויסגערופען מיט כעס, — דו וועסט מיט דיין לעבען בע־צאהלען פאר דיין שרעקליכע טהאט!
— מיין האר, איך האב איהם נישט געטויטעט... איך האב געזאגט א ליגען... איך האב געמיינט אז... איך האב שאול'ס קערפער דורכגעשטאכען נאכ־דעם ווי ער איז שוין געווען טויט!
— דו ביזט אליין שולדיג אין דיין טויט! — האט דוד אויסגערופען, — וויל דו האסט אויף זיך אליין עדות געזאגט אז דו האסט דעם געזאלבטען פון גאט געטויטעט...

דוד האט געהייסען איינעם פון די יונגען צו טויטען דעם עמלקי.
דער עמלקי האט דערזעהן אז דוד מיינט ערנסט, האט ער געכאפט די קרוין און גענומען לויפען.

עטליכע יונגען פון דוד'ן האבען איהם נאכגעיאגט און געכאפט, און איהם אויף אן ארט געטויטעט.
לאנג האט דוד געטרויערט נאך שאול'ן און יונתן. ער האט פארפאסט די פאלגענדע קינה איבער זייער טראגישען טויט.

די רוהם, די שעהנקייט פון ישראל
איז געפאלען טויט אויף דעם פעלד,
דער קעמפפער און בעשיצער פון ישראל
איז געפאלען אין קאמפף ווי א העלד.

דערצעהלט נישט אין דער שטאדט גת
די שוידערליכע נייעס פון טאג!
זאלען די פלשתים טעכטער
זיך נישט פרעהען אויף אונזער בראך, פלאג!...

פערשאלטען זייט, איהר בערג פון גלבע,
זאל צו אייך ניט קומען טוי און רעגען!
דארט איז דער שוץ פון העלדען געפאלען
און זאלט איהר נישט וויסען פון גאט'ס זעגען.

פון די בלוט פון די שטארקע שונאים
נישט געזעטיגט האט יונתן'ס בויגען,
און שאול'ס שווערד האט נאך קיינמאל
מיט ליידיגען זיך צוריקגעצויגען...

שאול און יונתן — ווי צוויי געליעבטע
האט זיי נישט אפגעטיילט אויך דער טויט;
פלינקער פון אדלער, שטארקער פון לייבען,
זיינען זיי געווען אין ישראל'ס נויט.

קלאגט אויף שאול'ס טויט, טעכטער פון ישראל!
וויינט, טרויערט און געפינט ניט קיין נחמה...
זיידענע, וואלענע קליידער און ציערונג,
פלעגט ער אייך ברענגען פון יעדער מלחמה...

אה, ווי אזוי ביזטו געפאלען, יונתן,
אויף די בערג אין שלאכט?!
ווי א העלד האסטו געקעמפפט
און פארלארען דיין מאכט!...

גרויס איז מיין שמערץ, מיין ברודער יונתן!
דו ביזט מיר געווען זעהר ליעב און טהייער.
מעכטיגער ווי פרויען ליעבע האב איך דיך געליעבט,
און יעצט ביזטו טויט, פארברענט פון פייער!...

נאכדעם ווי די טרויער־טעג פון שאול'ן און יונתן זיינען פאראיבער, האט **דוד** צוזאמענגערופען זיינע מענשען און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— יעצט דארפען מיר מעהר נישט פערבלייבען אין פלשתים לאנד... איך וועל אוועקגעהן אין דעם לאנד מואב און אומקעהרען מיינע עלטערען און די גאנצע פאמיליע, און פון דארט צוריק נאך בית לחם... און איהר מיינע פריינד, איהר זייט מיר געווען געטריי און איבערגעבען די גאנצע צייט פון מיין וואנדערונג, יעצט איז יעדער פון אייך פריי צו געהן צו זיין היים און צו לעבען זיך רוהיג מיט זיין פרוי און קינדער.

— אה, ניין, דוד! — האבען די מענשען געזאגט, — מיר וועלען דיך נישט פארלאזען ביז וואנען גאט וועט מקיים זיין דאס וואס ער האט דיר צו־געזאגט דורך זיין נביא שמואל'ן. וואוהין דו וועסט געהן וועלען מיר אויך געהן, און וואס דו וועסט טהאן וועלען מיר אויך טהאן.

— איך בין זעהר גליקליך אייך צו האבען מיט מיר, — האט דוד אויס־גערופען, — אויב אייך וועט ניט זיין צו שווער, וועל איך זיין צופרידען צו זיין מיט אייך ווי פריהער.

דוד און זיינע מענשען זיינען אוועק אין דעם לאנד מואב, וואו דער קעניג האט זיי אלעמען זעהר פיין אויפגענומען.

דוד האט דעם קעניג הארצליך בעדאנקט פאר די אלע טובות וואס ער האט געטהאן מיט איהם און מיט זיין גאנצער משפחה. ער האט זיך מיט איהם געזעגנט און האט זיינע עלטערען צוריק באזעצט אין בית לחם.

איינגע מאנאטען זיינען פאראיבער און דוד האט זיך באזעצט מיט זיינע מענשען אין חברון. דורך דער צייט האט אבנר, שאול'ס שר צבא צונויפגע־שטעלט זיינע צופאלענע ארמייען און ביסלעכווייז האט ער פאריאגט די פלשתים וועלכע האבען זיך גענומען באזעצען אין פיעלע שטעדט פון ארץ ישראל.

די אידען זיינען לאנגזאם צו זיך געקומען פון דער גרויסער מפלה וואס זיי האבען געקראגען פון די פלשתים אין דער לעצטער מלחמה.

אבנר האט אויסגעפונען אז יעצט וועט זיין די גינסטיגע צייט צו מאכען שאול׳ס זוהן פאר קעניג איבער אלע שבטים. ער האט גלייך אוועקגעשיקט שלוחים איבער אלע שטעדט פון ישראל און זיי אנגעזאגט פאלגענדעס:

״איהר, די בירגער פון גאנץ ארץ ישראל, ווייסט דאך זעהר גוט ווי געטריי דער קעניג פון שאול האט געדיענט זיין פאלק און פאטערלאנד דורך דער גאנצער צייט פון זיין קעניגען ביז דער לעצטער צייט ווען ער האט מלחמה געהאלטען. אייערע מלחמות געוואונען און פארטריבען אונזערע שונאים פון אונזער לאנד, און כאטש שאול איז געווען זעהר קראנק די לעצטע צייט, האט ער דאך אנגע־גורט זיינע לעצטע קרעפטען און איז געגאנגען מלחמה האלטען מיט די פלשתים. עס איז געווען דער רצון פון גאט אז מיר זאלען די מלחמה פארלירען, אבער אונזער קעניג און זיינע זיהן זיינען געשטארבען ווי העלדען אויף דעם שלאכט־פעלד, פאר דעם כבוד פון אונזער פאלק און לאנד. דאריבער איז נישט מעהר ווי רעכט אז די מלוכה זאל איבערגעהן בירושה צו שאול׳ס זוהן, איש בושת. מיין פערלאנג איז, אז יעדע שטאדט זאל שיקען פארשטעהער נאך גבעה און מיר וועלען קרוינען איש בושת׳ן פאר קעניג איבער גאנץ ארץ ישראל.

אין איניגע וואכען זיינען אלע פארשטעהער פון די שטעדט פון ארץ ישראל זיך צונויפגעקליבען אין גבעה. אבער פון דעם שבט יהודה איז קיינער נישט געקומען.

איידער אבנר איז געקומען אויף דעם פערזאמלונגס־פלאץ איז צווישען המון אויסגעבראכען א טומעל... פיעלע האבען זיך גאנץ אפען ארויסגעזאגט געגען קרוינען שאול׳ס זוהן פאר קעניג.

— שאול׳ס מלובה איז געווען א דורכפאל, — האבען איניגע גע׳טענה׳ט, — אנשטאט צו באפעסטיגען אונזערע שטעדט און פארשטארקען אונזערע אר־מייען געגען אונזערע שונאים, די פלשתים, האט גאר שאול פארפאלגט יעדען איינעם פון אונזערע ברידער וועמען ער האט חושד געווען אז זיי זיינען נוטה צו דוד׳ן... און צוליעב דעם האבען מיר ערליטען א גרויסע מפלה מיט די פלשתים.

— אונזער קעניג האט גאר געדארפט יעצט זיין דוד, דער זוהן פון ישי, וועלכער האט באוויזען אזעלכע גבורות געגען אונזערע פיינד... ער האט געטוי־טעט גלית׳ן, דעם פלשתי, און דאמיט גרוים געמאכט דעם נאמען פון אונזער פאלק...

— ווער איז אט דער דוד ? ! — האבען די פארשטעהער פון שבט בנימין אויסגערופען, — ער האט רואינירט דעם געזונדס־צושטאנד פון אונזער קעניג. און בלויז ער האט פאראורזאכט אונזער לעצטע מפלה... ניין, מיר ווילען פון דוד׳ן נישט וויסען ! שאול׳ס יורש זאל ירשנ׳ען דעם טראהן פון זיין פאטער.

— קיינער האט פון איש בושת׳ן ניט געהערט. ער האט זיך מיט קיין העלדישקייט אויסגעצייכענט. ניין, ער האט געווים נישט פארדיענט צו ווערען קעניג איבער ישראל ! — האבען אנדערע געשריען.

ווען אבנר איז ארויף אויפ׳ן בימה, האט זיך דער עולם איינגעשטילט.

— מיינע ברידער! — האט אבנר אויסגערופען, — גאט האט שאול׳ן געזאלבט פאר קעניג איבער גאנץ ישראל... און נישט איינמאל האט שאול ארויסגעוויזען גרויסע העלדישקייטען אין די מלחמות מיט די ארומיגע שונאים... פיעלע פון אייך געדענקען נאך ווי אזוי שאול האט געראטעוועט די איינוואהנער פון יבש גלעד פון א שענדליכען טויט, און דאמיט ארונטערגענומען א גרויסע חרפה פון אונזער פאלק... ווער געדענקט עס ניט ווי העלדיש שאול האט גע־געקעמפט געגען די עמלקים און זיי פארניכטעט... אויך איז אלעמען פון אונז בעקאנט ווי יונתן האט העלדיש געקעמפפט צוזאמען מיט זיין פאטער געגען די פלשתים... אין דער לעצטער מלחמה מיט די פלשתים האבען מיר פארלארען אונזער קעניג מיט זיין יורש יונתן... מיט גאטעס הילף איז מיר געלונגען ארויסצוטרייבען די פלשתים פון אונזערע שטעדט וועלכע זיי האבען לעצ־טענס פארנומען... יעצט מוזען מיר האבען א קעניג וועלכער זאל ווייטער פיהרען אונזערע מלחמות. דאריבער לעג איך פאר צו קרוינען שאול׳ס זוהן איש בושת פאר א קעניג אנשטאט זיין פאטער. איך בין איבערצייגט אז ער איז ווערטה צו טראגען די קרוין פון שאול׳ן.

— לאנג לעבען זאל אונזער קעניג איש בושת! — האט דער המון געשטורעמט. די שטימען פון די עטליכע געגנער האבען זיך פארלארען צווישען די געשרייען פון שאול׳ס פריינד. דאן האט אבנר געקרוינט איש בושת פאר דעם קעניג פון ישראל.

דריי-און-צוואנציגסטער קאפיטעל

דוד ווערט קעניג

אין דער צייט ווען אבנר האט געקרוינט איש בושת'ן פאר קעניג איבער גאנץ ישראל, זיינען געקומען די זקנים פון שבט יהודה צו דוד'ן אין חברון און צו איהם געזאגט:

— דו ביזט פון לאנג געווען אונזער שטאלץ. ווען דו ביזט נאך גאר יונג געווען האסטו ארויסגעוויזען דיין העלדישקייט ראטעווענדיג אלע איינוואהנער פון בית לחם פון די פלשתים... שפעטער ווען דו ביזט עלטער געווארען האסטו געקעמפפט געגען דעם ריעז גלית'ן, און דאמיט גערעטעט אלע אידען... דו האסט פיעלע מלחמות געהאט און אימערצו האסטו געזיעגט... ווייל גאט איז מיט דיר, ער בעשיצט דיך פון אלע דיינע שונאים... מיר האבען נאר וואס אויסגעפונען פון דיין פאטער ישי, אז דער נביא שמואל האט דיך פאר קעניג געזאלבט, נאך איידער דו האסט געטויטעט גלית'ן... מיר ווייסען אז דער קעניג שאול האט געגען דיר פיעלע אומרעכטען בעגאנגען, כאטש דו ביזט איהם די גאנצע צייט געווען זיין פריינד. יעצט איז שאול טויט, און דו ביזט דער איינ־ציגער מאן וועלכער וועט קענען פיהרען אונזער פאלק אין דיזער שלעכטער צייט וואס איז אויף אונז אנגעקומען. און כאטש אבנר האט געזאלבט פאר א קעניג דעם שוואכען זוהן פון שאול, איש בושת, איבער די אנדערע שבטים, איז אונזער שבט יהודה געבליבען געטריי זייער בעליעבטען העלד דוד'ן... און יעצט זיינען מיר געקומען אין נאמען פון אונזער שבט דיך צו קרוינען פאר קעניג איבער יהודה.

איידער דוד האט צייט געהאט צו ענטפערען האט אויסגעבראכען א היל־כיגער געשריי און שאלען פון דוד'ס מענשען און פון די איינוואהנער פון חברון וועלכע האבען זיך געהאט פערזאמעלט ארום דוד'ן.

— לאנג לעבען זאל אונזער קעניג דוד!

— געבענשט פון גאט זאל זיין דוד המלך, אונזער העלד און בעשיצער!!

איינער פון די זקנים איז דאן ארויף אויף דער בימה וואו דוד איז גע־שטאנען און האט מיט א קריגעלע בוימאייל געזאלבט דוד'ן פאר קעניג איבער דעם שבט יהודה. באלד האט א צווייטער איהם אנגעטהאן די קרוין.

לאנג האט דאס פאלק געשאלט און געשטורעמט פון פרייד. יעדער האט זיך געפיהלט גליקליך מיט דער קרוינונג פון דוד'ן אלס קעניג איבער דעם גרעס־טען שבט.

צווישען די פערזאמעלטע וועלכע האבען בייגעוואהנט די פייערליכע צע־רעמאניע האט זיך אויך געפונען בת שבע מיט איהר מאן אוריה דער חתי.

בת שבע'ס פרייד איז געווען געמישט מיט צער... זי האט איהם אנגע־

פאנגען ליעב צו האבען. זינט זי האט איהם צום ערשטען מאל דערזעהן ווען ער האט איהר גערעטעט פון דעם פלשתי... ווען דוד האט זיך אויסבעהאלטען אין איהר הויז פאר א קורצער ווייל, איז איהר ליעבע צו איהם שטארקער געווארען, און כאטש זי איז שוין דאמאלס געווען כמעט ווי פער'קנס'ט צו אוריה'ן, האט זיך דאך נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון דוד'ן... און ווען אוריה וואלט נישט ארויסגעצייגט זיין געטריישאפט און איבערגעבענהייט צו דוד'ן, וואלט זי זיכער אפגעבראכען מיט איהם... אוריה האט געוואונען איהר הארץ בלויז מיט דעם וואס ער האט גערעטעט דוד'ן פון שאול'ס הענט, ווייסענדיג אז זי, בת שבע, ליעבט איהם... אוריה האט באוויזען אז ער בעזיצט א ריינע נאבעלע נשמה... מיט זיין ווארנונג צו דוד'ן וואס ער האט געגעבען אין צייט, איז אוריה זעהר הויך געשטיגען אין איהרע אויגען... זי וועט קיינמאל נישט פאר־געסען ווי בלאס און צושראקען אוריה איז געווען ווען ער איז יענעם פריהמארגען אריינגעלאפען צו איחר אין הויז און אויסגערופען:

"דוד, ווי גאט איז דיר ליעב, אנטלויף פון דאנען וואס שנעלער, איך האב נאר וואס אויסגעפונען אז דער קעניג שיקט אן ארמיי אין בית שמש... איך וועל דערווייל פערהאלטען דעם קעניג'ס חיל וואס לייגער אין שטאדט".

דוד האט באלד פארלאזען איהר הויז און אויף מארגען איז טאקע שאול מיט זיינע מחנות אנגעקומען אין בית שמש. באלד נאכדעם האט זי איינגע־שטימט צו ווערען אוריה'ס פרוי.

יעצט איז בת שבע געשטאנען און נישט ארונטערגענומען איהרע אויגען פון דוד'ן און פון זיינעביידע פרויען, אביגיל און אחינעם... אה, ווי שטארק זי האט זיי מקנא געווען... וואלט זי נישט געמאכט אזא איבעראיילטען שריט, וואלט דאך דאן מעגליך געווען... אבער זי פארטרייבט פון זיך די געדאנקען. ניין, זי טאר נישט זינדיגען מיט אזעלכע מחשבות... אוריה איז איהר מאן און זי מוז איהם געטריי בלייבען אפילו אין איהרע געדאנקען... אמת, זי האט איהם נישט ליעב... זי האט איהם קיינמאל נישט ליעב געהאט און וועט איהם נישט ליעבען... דוד איז דער איינציגער וועלכער האט אין איהר ארויסגערופען די געפיהלען פון ליעבע... און אט שטעהט דער זעלבער דוד מיט א קרוין אויפ'ן קאפ. ער איז דער קעניג פון יהודה!... ווען ער זאל איהר נור באמערקען...

— אוריה, — האט זיך בת שבע צו איהם אפגערופען, — איך גלויב אז דוד וועט אין גיכען אויך קעניגען איבער אלע שבטים!...

— איך וועל זיין זעהר צופריעדען אויב דאס זאל אזוי געשעהן, — האט אוריה איהר געענטפערט, — אבער איך האב מורא אז נישט אזוי גרינג וועט איהם אנקומען צו געווינען די מלוכה איבער אלע שבטים... ווען זיין געגנער וואלט בלויז געווען איש בושת, וואלט ער גאר קיין שוועריגקייטען געהאט, אבער פארגעס נישט אז אבנר פיהרט די גאנצע מלוכה און נישט איש בושת... אבנר צייגט זיך ארויס צו זיין א צו שטארקער מאן, און כל זמן ער לעבט, צווייפעל איך אויב דוד וועט קענען געווינען אויף זיין צד די איבריגע שבטים...

— פון דעסטוועגען וואלט נישט געשאדעט ווען דו פרובירסט ריידען מיט דוד'ן ער זאל דיר מאכען פאר א הויפט איבער איינעם פון זיינע גדודים — האט בת שבע צו איהם געזאגט, — דוד האט דאך געוויס נישט פארגעסען די טובה וואס דו האסט איהם געטהאן, ווען דו האסט איהם אנגעזאגט אז שאול קומט

אן אין בית שמש... ווען נישט דו וואלט דאך איהם שאול זיכער געכאפט, ווייל ער האט קיין איין הויז נישט דורכגעלאזט וואו ער האט דוד נישט געזוכט.

— אבנר האט מיר שוין פון לאנג פערשפראכען מיך צו דערהויבען צו א העכערען ראנג, — האט זיך אוריה אפגערופען צו בת שבע'ן, — און מיר שטעהט פאר מעהר צו געווינען מיט אבנר'ן איידער מיט דוד'ן... פארגעס ניט, אז דוד איז דערווייל בלויז קעניג איבער איין שבט...

— דיין פלאץ איז מיט דוד'ן און נישט מיט אבנר'ן, — האט בת שבע אויסגערופען מיט אן איינגעהאלטענעם כעס, — און אויב דו שעהמסט זיך וועל איך מיט איהם ריידען וועגען דיר... ער וועט מיר זיכער נישט ענטזאגען.

— אויב דאס איז דיין פערלאנג, בת שבע, וועל איך ריידען מיט דוד'ן... אבער איך זעה נישט איין פארוואס איך זאל אומבייטען א בעסערע געלעגענהייט אויף אן ערגערע... אבנר האט מיט מיר פיעל גוטעס געטהאן און אלע שבטים זיינען יעצט אונטער זיין הערשאפט... קען זיך דען דוד פארמעסטען מיט אבנר'ן ?

— און מיר האט זיך געדאכט אז דו ביזט דוד'ס פריינד ! — האט בת שבע איהם פארגעווארפען, — אבער פון דיינע יעצטיגע רייד בין איך איבערצייגט, אז דו זוכסט גאר צו שליסען פריינדשאפט מיט דוד'ס שונאים... איז דען דוד נישט פעראנטווארטליך פאר פיעלע גוטע זאכען וואס דו האסט אין דיין לעבען ערדייכט ?... און א חוץ דעם, זעהסטו דען נישט אז סוף כל סוף וועט דוד ווערען דער איינציגער הערשער איבער גאנץ ישראל ?... ניין, אוריה, דו האסט יעצט אין מיינע אויגען א סך פארלארען...

אוריה איז געבליבען שטעהן אין א פארלעגענהייט. יא, בת שבע איז גערעכט, נור א דאנק דוד'ן האט ער בת שבע'ן געקראגען פאר א פרוי... ווען זי זאל וויסען אז ער האט דוד'ן פערראטהען וואלט זי דאך אויף איהם נישט גע־וואלט א קוק טהאן... ווען זי ווייס אז ער אליין האט געשיקט די צוויי ברידער רכב און בענה אנצוזאגען שאול'ן אז דוד געפינט זיך אין בית שמש... זי וואלט איהם זיכער פארלאזען !... זי, די שעהנע בת שבע וואלט מיט איהם קיין טאג נישט געוואהנט... א שוידער געהט דורך זיין לייב... ניין, זי טאר דערפון קיינמאל נישט וויסען... אבער ווען ער זאל יעצט ענטזאגען אבנר'ן און אוועקגעהן צו דוד'ן, וועט דאך מעגליך זיין אז די צוויי ברידער, רכב און בענה, וועלכע געפינען זיך אין אבנר'ס ארמיי, וועלען ארויסגעבען זיין סוד... און דאן איז ער דאך א פארלארענער... בת שבע וועט פון איהם אוועקגעהן, און דוד וועט אויך אויס־לאזען זיין כעס צו איהם... ניין, איידער ער בעשליסט זיך צו ווענדען צו דוד'ן, וועט ער זיך פריהער מוזען זעהן מיט די צוויי ברידער...

— פארוואס ענטפערסטו מיר נישט, אוריה ? — האט בת שבע איהם געפרעגט מיט פערוואונדערונג, — פאר וואס האסטו זיך פלוצים אזוי פער־טראכט ?...

ערשט דאן האט זיך אוריה ווי פון שלאף אויפגעכאפט און האט געזאגט :

— יא, מיין ליעבע בת שבע, איך זעה מיין טעות, דו ביזט גערעכט... איך וועל זיך ווענדען צו דוד'ן... נאר נישט אזוי גיך. איך וועלווארטען א טאג אדער צוויי... עס פאסט דאך נישט צו ריידען מיט איהם דעם זעלבען טאג.

— נאכדעם אבער קען דאך זיין צו שפעט, — האט בת שבע געזאגט —

עם וועלען זיך געפינען פיעלע וועלכע וועלען ווינשען אז דוד זאל זיי דער־הויבען צו א הויכען ראנג. דאריבער איז מיין עצה אז דו זאלסט גלייך געהן צו איהם און איך וועל מיט דיר מיטגעהן.

אוריה האט איינגעזעהן אז בת שבע וועט נישט נאכלאזען. ער וועט איהר מוזען פאלגען.

— גוט, איך געה! — האט ער אויסגערופען, — לאמיר ביידע געהן.

בת שבע און אוריה האבען זיך דערנעהנטערט צו דוד'ן, און מיט גרויס אונגעדולד געווארט ער זאל פארטיג ווערען מיט די מענשען וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט.

פלוצים האט דוד באמערקט בת שבע'ן, און ער האט איהר צוגערופען צו זיך.

— בת שבע, — האט זיך דוד אפגערופען, — דו ביזט מיר אויך געקומען באגריסען ?!... איך דאנק דיר זעהר. איך האף איך וועל דיר נאך ווען־עס־איז קענען אפדיענען פאר דיין חסד וואס דו האסט מיט מיר געטהאן ווען איך האב זיך אויסבעהאלטען אין דיין הויז פאר שאול'ן...

— מיין האר, קעניג! — האט זיך בת שבע פארנויגט, — האסטו דען ניט מיט דיין גרויס גנאדע מיין לעבען גערעטעט! דיין דינסט איז נישט ווערטה די שטויב וואס איז אונטער מיין האר'ס פיס... אבער איך בין דא געקומען מיט מיין מאן, אוריה...

— האסטו טאקע געהייראט מיט אוריה'ן ?! — האט דוד אויסגערופען.

— יא, מיין האר, איך האב מיט איהם געהייראט דאן ווען ער האט ארויסגעוויזען זיין פריינדשאפט צו מיין האר און איהם אין צייט געווארענט ער זאל אנטלויפען פון בית שמש... אויף מארגען איז טאקע שאול געקומען מיט א גרויסער ארמיי און געזוכט אין יעדען הויז, און ווען דער קעניג איז געקומען אין מיין פאטער'ס הויז און דארטען אויך געזוכט, האב איך אין מיין הארצען גאט געדאנקט וואס דו האסט זיך מעהר ביי אונז נישט געפונען... און אלס דאנקבארקייט צו אוריה'ן, האב איך איינגעשטימט צו ווערען זיין פרוי.

— אויב אזוי, זאל אוריה צו מיר צוקומען, איך וויל איהם פערזענליך דאנקען פאר זיין חסד וואס ער האט מיט מיר געטהאן.

בת שבע האט צוגערופען אוריה'ן און ער האט זיך אויך פארנייגט פאר דוד'ן.

—איך האב נישט פארגעסען דיין טובה וואס דו האסט מיט מיר געטהאן, — האט דוד זיך אפגערופען, — דו האסט מיר פארהיט פון אן אומגליק און יעצט האף איך אז איך וועל דיר קענען אפצאהלען דערפאר.

— איך האב שוין מיין באלוינונג באקומען, — האט אוריה דער חתי געשמייכעלט, — בת שבע האט מיר פאר דיזער טהאט באלוינט, זי איז גע־ווארען מיין פרוי...

— כאטש דו האסט געקראגען די גרעסטע בעלוינונג פאר דיין נאבעלער טהאט, — האט איהם דוד געענטפערט מיט א שמייכעל, — איז אבער די בעלוינונג נישט געקומען פון מיר, דאריבער מיין פריינד, זאג מיר דיין וואונש און איך וועל איהם ערפילען...

אוריה האט ארונטערגעבויגען זיין קאפ און האט געשוויגען.

— אויב מיין האר וועט קיין פאראיבעל נישט האבען אויף זיין דינסט, וועל איך בעטען א געפעליגקייט פון דעם קעניג פאר דעם מאן פון דיין דינסט,

— האט בת שבע מיט א נידריגער שטימע געזאגט, — זאל דער קעניג בע־שטימען מיין מאן פאר א שר אלף (הויפט איבער טויזענד). איך בין זיכער, אז אוריה וועט דעם קעניג געטריי דיענען.

— דיין פערלאנג וועט גלייך ערפילט ווערען, — האט דוד געזאגט, — אוריה וועט זיין דער שר איבער טויזענד גבורים!

— איך האב געפונען גנאדע אין די אויגען פון מיין האר, — האט זיך אוריה אפגערופען פארנייגענדיג זיך נאך אמאל פאר'ן קעניג.

— מיין הארצליכען דאנק דיר, מיין האר קעניג, — האט בת שבע זיך אפגערופען און טרעהרען האבען זיך באוויזען אין איהרע אויגען.

— יעצט געהט אין פריידען, — האט זיך דוד צו זיי אפגערופען, — די טיהרען פון מיינע פאלאצען זיינען אימער אפען פאר אייך ביידען.

בת שבע און אוריה האבען דוד'ן נאך אמאל בעדאנקט און זיינען אוועק־געגאנגען.

יואב וועלכער איז געשטאנען דערביי און האט זיך צוגעהערט צו זייער געשפרעך, איז ניט געווען שטארק צופרידען מיט דעם וואס דוד בעשטימט אוריה'ן פאר א שר אלף... ער האט געהאפט צו מאכען זיינע ברידער, אבישי'ן און עשהאל'ן פאר הויפטען.

— איך קען נישט פארשטעהן, — האט זיך יואב אפגערופען צו דוד'ן, — פארוואס דער קעניג האט אוריה'ן אזוי דערהויבען... איך צווייפעל אויב ער האט עס פארדיענט.

— אויב ביי דיר איז א צווייפעל צי ער האט דאס פערדיענט, בין איך אבער אין דעם זיכער, ווייל ווען איך האב זיך בעהאלטען אין בית שמש, האט ער אויסגעפונען אז שאול קומט אהין מיט אן ארמיי און ער האט מיר געלאזט וויסען פון דעם בעצייטענס ראטעווענדיג מיר פון א זיכערען טויט.

— אבער וואס האט ער געהאט צו טהאן מיט אבנר'ן? — האט יואב געזאגט, — ווי איך האב ערפאהרען, האט אוריה באזוכט אבנר'ן אין גבעה, נאך איידער ער האט אריבערגעפיהרט די מלוכה אין מחנים...

— ער האט דאן געהאט א רעכט צו בעזוכען אבנר'ן, ווייל נאך אלעמען איז ער דאך געווען א שר המשים אין שאול'ס ארמיי. יעצט אבער בין איך זיכער אז ער וועט מיר געטריי דיענען.

יואב האט געשוויגען. אבער אין הארצען האט ער געטראגען א שנאה אויף אוריה'ן, און ער האט בעשלאסען איהם נאכצוהיטען.

בת שבע האט זיך זעהר גליקליך געפיהלט וואס איהר האט זיך איינגע־געבען דאס איהר מאן זאל בעשטימט ווערען פאר א הויפט איבער טויזענד... זי איז געווען זיכער אז יעצט וועט זי וואהנען אין דער הויפטשטאדט וואו דער קעניג געפינט זיך און פיעלייכט וועט זיך איהר הויז געפינען נישט ווייט פון דוד'ס פאלאץ, אזוי וועט זי האבען א געלעגענהייט צו זעהן זיין פנים יעדען טאג . . .

אוריה אבער איז געבליבען אין גרויס פארלעגענהייט. יעצט אלס בעאמטער פון דוד'ן וועט איהם זיין שווער זיך צו טרעפען מיט אבנר'ן וועלכער וועט איהם זיכער האלטען פאר א שונא. און וואס וועט ער טהאן ווען בכב און בענה וועלען אויף איהם אין כעס ווערען וואס ער האט פארלאזען די ארמיי וואו זיי געפינען

זיך, און זיי וועלן ארויסגעבען זיין סוד צו דוד'ן? ער מוז זיך אומבעדינגט מיט זיי זעהן, — האט ער בעשלאסען.

מיט א פאר טעג שפעטער איז אוריה אנגעקומען אין בארות. דארטען האט ער געטראפען די צוויי ברידער בענה און רכב.

— איך בין געווען געצוואונגען אנצונעהמען פון דוד'ן א הויכען אמט אין זיין ארמיי, — האט ער זיך צו זיי אפגערופען.

— ווער האט עס דיר געצוואונגען? — האט איהם רכב געפרעגט.

— דאס האב איך געטהאן צוליעב מיין פרוי, — האט אוריה געענטפערט, — אבער דאך פארדריסט מיר נישט וואס איך האב זיך צו איהר צוגעהערט ווייל כאטש דוד'ס ארמיי איז קלענער פון אבנר'ס, איז זי דאך מעכטיגער און זיכערער... א חוץ דעם לעבט דוד דערווייל בשלום מיט די פלשתים.

— מיר וואלטען אויך וועלען אריבערגעהן צו דוד'ס ארמיי, — האט בענה געזאגט, — אונז איז שוין דערעסען געווארען צו זיין אונטער אבנר'ס הערשאפט. דער נייער קעניג, איש בושת, איז אזא שוועכלינג אז מיר האבען גאר קיין מוטה נישט איהם צו דיענען.

— נו, גוט, — האט זיך אוריה אפגערופען, — קומט און שליסט זיך אן אין דוד'ס ארמיי... איך וועל ווענען אייך זאגען א גוט ווארט און דוד וועט ניט האבען דאגעגען.

— דו מיינסט אז מיר זאלען זיך אנשליסען אלס איינפאכע סאלדאטען?

— האט רכב צו איהם געזאגט.

— יא, דערווייל אלס איינפאכע סאלדאטען און דערנאך וועט איהר דער־הויבען ווערען צו א העכערען ראנג, — האט אוריה געענטפערט.

— אבער אונטער אבנר'ס הערשאפט זיינען מיר דאך שוין אפיצירען, — האט בענה געזאגט, — קענסטו פיעלייכט פועל'ן ביי דוד'ן אונז צו מאכען פאר אפיצירען דערווייל.

— דאס קען איך אייך ניט פארשפרעכען. צו דערגרייכען א העכערען אמט ביי דוד'ן דארף מען עס פריהער פערדיענען.

— און דו האסט עס טאקע ביי איהם פערדיענט? — האט בענה איהם געפרעגט. — מיר דוכט זיך אז ווען דוד זאל אויסגעפינען אז דו האסט אונז געשיקט אנזאגען שאול'ן דאס ער געפינט זיך אין בית שמש, וואלסטו אזא הויכען אמט ביי איהם יעצט נישט געקראגען.

— דאריבער טאקע בין איך געקומען אייך זעהן, — האט זיך אוריה אפגערופען, — איך ווייס אז איהר האט מיר צוגעשווארען דאן קיינעם דערפון צו דערצעהלען און איך בין זיכער אז איהרביידע וועט אייער שבועה נישט ברעכען...

— דאן ווען מיר האבען דיר געגעבען א שבועה איז די לאגע געווען א גאנץ אנדערע. דאן איז שאול געווען קעניג און דוד א פארפאלגטער שונא פון קעניג. יעצט אבער איז דוד קעניג, און אז דו האסט מיט פאלשקייט דערגרייכט דאס וואס דו ביזט יעצט, קענען מיר דאך פיעלייכט עס דערגרייכען דורך אן אמת...

— איך פארשטעה נישט וואס דו מיינסט? — איז אוריה אומרוהיג געווארען.

— איך מיין גאנץ איינפאך, — האט איהם בענה געענטפערט, — דער קעניג האט דיר דערהויבען ווייל ער גלויבט אז דו האסט איהם גערעטעט פון שאול'ס האנד. ווען אבער ער זאל וויסען דעם אמת, וואלטו ביי איהם אין די אויגען נישט אזוי חויך געשטיגען.

— אבער איהר וועט איהם דאך נישט געהן דערצעהלען וועגען דעם! — האט אוריה א צושראקענער אויסגערופען.

— פאר וואס נישט? אויב מיר וועלען זיך צוליעב דעם צו עפעס דער־שלאגען וועלען מיר געוויס עס טהאן! דו אליין ווילסט ניט אדער קענסט פאר אונז גארנישט טהאן, און דו פערלאנגסט נאך פון אונז אז מיר זאלען צוליעב דיר ליידען און שווייגען...

— אבער מיינע פריינד, איהר וועט דאך מיר נישט פערראטהען.

— און דו האסט געמעגט פערראטהען דיין פריינד דוד'ן, וועלכער האט דיר אזוי געטרויט?

— איך האב עס געטהאן בלויז אויס אייפערזוכט... זוייל דוד האט זיך געפונען אין די הויז פון בת שבע, וועמען איך האב געליעבט מעהר פון אלעם אין דער וועלט... איך האב מורא געהאט אז אויב דוד וועט עטוואס לייגנער פארבלייבען אין איהר הויז, דאס ער זאל זיך אין איהר אליין ניט פארליעבען... דאריבער בין איך געווען געצוואונגען דורך אייך אנצוזאגען שאול'ן, כדי דוד זאל פון בת שבע'ס הויז וואס שנעלער אנטלויפען.

— נו, אז דו האסט איהם פערראטהען צוליעב א פרוי, איז וואס? דער פערראטה ווערט דאך דאמיט נישט קלענער... אז דו האסט געמעגט, מעגען מיר אויך.

— איך האף אז מיר וועלען פארבלייבען גוטע פריינד אונזער גאנצען לעבען, — האט אוריה געזאגט, — איך וועל זעהן טהאן אלעס וואס איך קען. איך וועל אייך זעהר שטארק ריהמען פאר דוד'ן, און ווען די צייט וועט קומען וועט אייך דוד רופען צו זיך... אבער איהר מוזט האבען געדולד... עס וואלט זיין זעהר גוט פאר אייך ווען איהר קענט עפעס טהאן א זאך וואס זאל דוד'ן געפעלען... דאן וועט ער אייך אהן צווייפעל שנעל דערהויבען.

— וואס פאר א זאך קען געפינען חן אין דוד'ס אויגען? — האט רכב געפרעגט.

— יעצט איז נאך צו פריה צו ריידען פון דעם, — האט אוריה געענט־פערט, — אבער איך פארשפרעך אייך צו בעמיהען פאר אייך פאר'ן קעניג און איך פערזיכער אייך, אז עס וועט לאנג נישט גערויערען און איך וועל אייך קריגען פון דוד'ן דאס וואס איהר פערלאנגט... איך האף אז איהר וועט אויך וויסען ווי צו האלטען מיין סוד...

— ווער וויים ווי לאנג עס וועט נאך דויערען ביז דוד וועט אונז אנגעה־מען פאר אפיצירען אין זיין ארמיי, — האט בענה געזאגט. — דערוייל זיינען מיר ביידע אין נויט. דו ביזט יעצט רייך, דיר איז גוט, דו האסט געהייראט די פרוי וועמען דו האסט געליעבט, קיין געלד פעהלט דיר נישט און כבוד אודאי נישט. אבער מיר זיינען ארים, אבנר קען נישט בעהויפטען צו צאהלען זיינע אפיצירען, און מיר וועלען נאך מוזען לאנגווארטען ביז מיר וועלען זיך דורך דיר דערשלאגען צו עפעס... דערוייל וועלען מיר דארפען ליידען...

— איך וועל אייך יעדען מאנאט צושיקען א געוויסע סומע געלה, — האט אוריה זיי אנגעבאטען. — ביז וואנען מיר וועט געלינגען צו ערפילען אייער פערלאנג.

— וויפיעל אן ערך וועסטו אונז שיקען יעדען מאנאט? — איז רכב נייגעריג געווען צו וויסען.

— פופציג שקלים.

— פאר מיר מיט מיין ברודער?

— יא, פאר ביידען צוזאמען.

— דאס איז א קליינע סומע פאר אונז ביידען, — האט זיך רכב געדונגען. — דו דארפסט אונז שיקען פופציג שקלים פאר יעדען פון אונז.

— וועט איהר מיר אבער נאך אמאל שווערען אז מיין סוד וועט בלייבען פארזיגעלט אין אייערע הערצער און קיינעם דערפון נישט דערצעהלען אייער גאנצען לעבען.

— ניין, מיר וועלען מעהר ניט שווערען, — האט בענה אויסגערופען, — כל זמן דו וועסט אונז צאהלען יעדען מאנאט, און כל זמן מיר וועלען האבען א האפנונג צו ווערען הויפטען אין דוד'ס ארמיי, וועלען מיר נישט דערצעהלען... זיי אבער וויסען, אז ווי נאר דו הערסט אונז אויף צו צאהלען, אדער ווי נאר מיר וועלען זיך ארומזעהן אז מיר האבען מעהר קיין אויסזיכטען דערהויבען צו ווערען אין דוד'ס ארמיי, דאן וועט זיכער דוד וויסען פון אונזער סוד.

אוריה האט ארויסגענומען הונדערט שקלים און זיי דערלאנגט צו די צוויי ברידער.

— יעדען מאנאט וועט איהר פון מיר קריגען אזא סומע, — האט ער זיי געזאגט, — זייט נור בראוו און אויפריכטיג און אייער בעלוינונג וועט נאך גרעסער זיין. ער האט זיך מיט זיי געזעגענט און איז אוועק צוריק קיין חברון.

* * *

זיבען טעג האבען די איינוואהנער פון שבט יהודה געפייערט די קרוינונג פון דוד'ן. מענער, פרויען און קינדער האבען פארלאזען זייערע שטעדט און געפאהרען נאך חברון אנטייל צו נעהמען אין דער גרויסער שמחה.

פיעלע מענשען פון אנדערע שבטים האבען שטארק מקנא געווען דעם שבט יהודה וואס דער העלדישער דוד איז זייער קעניג. אלע האבען געוואוסט, אז איש בושת וועט לאנג ניט הערשען איבער ישראל, אבנר וועט ביסלעכווייז אוועק־נעהמען די מלוכה פאר זיך... יעדער האט אבער מורא געהאט צו ריידען אפען וועגען דעם...

די איינוואהנער פון יביש גלעד האבען נאך אלץ נישט געקענט בעשליסען אונטער וועמענס הערשאפט זיי זאלען זיך אונטערוואַרפען, צי אונטער איש בושת'ן אדער אונטער דוד'ן. זיי האבען נאך נישט פארגעסען אז שאול האט זיי געהאלפען בעת נחש דער קעניג פון עמון האט זיי בעלאגערט און געוואלט אויסשטעכען די רעכטע אויג פון יעדען פון זיי... אייניגע האבען בעשלאסען צו בלייבען געטריי שאול'ס זוהן... כאטש זיי וויסען גאנץ גוט אז איש בושת איז ווייט פון צו זיין א העלד, און אז די מלוכה פיהרט נאר אבנר...

אנדערע אבער זיינען געווען גענייגט צו דוד'ן... זיי האבען געוואוסט אז

עס וועט זיך ווידער מאכען א צרה וועט דער העלדישער דוד שנעל קומען זיי צו הילף.

די איינוואהנער פון יביש האבען דאריבער פאררופען א גרויסע פערזאמלונג און זיי האבען בעטראכט די פראגע וועמען צו אנערקענען אלס זייער הערשער.

— ווען מיר זאלען יעצט פארלאזען איש בושת'ן און אונעקגעהן צו דוד'ן, וועלען מיר זיין כפוי טובה. מיר וועלען זיין אונדאנקבאר צו אונזער פערשטארבענעם קעניג וועמען מיר אלע האבען אזוי פיעל געליעבט און געאכטעט. — האבען די אנהענגער פון איש בושת'ן גע'טענה'ט. — ווען נים שאול וואו וואלטען מיר אלע יעצט געווען.

— ווען יונתן וואלט געלעבט וואלט ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט געווען אז ער זאל זיין אונזער קעניג. אבער איש בושת האט די מלוכה נישט פערדיענט. ער האט זיך נאך קיינמאל נישט בעטייליגט אין א מלחמה. ער איז שוואך קערפערליך און גייסטליך... אבער ווייס גאנץ גוט אז איש בושת איז נישט ראוי פאר דער מלוכה. אבער ווער ווייס וואס פאר א כוונות ער האט... ניין, מיר וועלען טהאן א גרוים. אומרעכט צו אונז און אונזערע קינדער אויב מיר וועלען אננעהמען איש בושת'ס הערשאפט. — האבען דוד'ס אנהענגער זיך אפגערופען.

— אבער דוד איז דאך געווען שאול'ס שונא. טו ווי אזוי וועלען מיר יעצט קענען אריבערגעהן צו דעם געוועזענעם שונא פון אונזער בעליעבטען קעניג.

— עס איז א גרויסער ספק צי דוד איז טאקע געווען זיין שונא... שאול איז געווען קראנק און איהם האט זיך עס געדוכט... פיעלע מאל האט שאול אליין צוגעגעבען זיין טעות... און ווער פון אונז ווייס נישט אז דוד האט געהאט שאול'ן אין זיין האנד צוויי מאל און האט איהם נישט געטויטעט כאטש ער האט געוואוסט אז שאול איז איהם געקומען טויטען.

פלוצלינג האט מען אנגעזאגט די פערזאמלונג אז דוד'ס שלוחים זיינען נאר וואס אנגעקומען אין שטאדט...

— לאמיר הערען וואס זיי האבען אונז צו זאגען, — האבען אייניגע אויסגערופען.

— ברייננט דוד'ס שלוחים אהער צו אונזער פערזאמלונג, — האבען די זקנים געזאגט.

מען האט די שלוחים געבראכט און יעדער האט אנגעשטרענגט אויג און אויער צו הערען וואס דוד פערלאנגט פון זיי.

— אונזער קעניג דוד שיקט אייך זיין הארצליכען דאנק פאר אייער גוטסקייט און חסד וואס איהר האט געטהאן מיט אייער האר שאול און זיינע זיהן, — האט דער עלטסטער פון די שלוחים געזאגט, — איהר האט אייערע לעבענס אין סכנה געשטעלט און אריינגעגאנגען אין דעם לאגער פון די פלשתים און ארונטערגענומען די קערפערס פון דעם קעניג און פון זיינע זיהן און איהר האט זיי מקבר געווען מיט גרוים פאראד ווי עס פאסט א קעניג און א העלד. דאריבער זאלט איהר זיין געבענשט פון גאט. זאל גאט מיט אייך טהאן גוטעס און זאל זיין חסד זיך פון אייך נישט אפטהאן אויף עוויג. איך וועל אייער טובה אויך קיינמאל נישט פארגעסען... איך האף צו גאט אז איך וועל נאך האבען א געלעגענהייט אייך אלעמען צו באלוינען פאר אייער גוטסקייט און נאבעלקייט.

א שטילקייט האט געהערשט אויף דער פערזאמלונג. דיזע שליחות וואס דוד האט געשיקט האט אויף אלעמען געמאכט אן אונגעהייער גוטען איינדרוק... און אפילו די הערצער פון דוד׳ס געגנער האט ער דאמיט געוואונען.

— זאל לעבען אונזער קעניג דוד! — האט אימיצער א געשריי געטהאן.

— לאנג לעבען זאל אונזער קעניג דוד! — איז די לופט אנגעפילט געווא־רען מיט אויסרופען און געשרייען.

דוד וועט זיין אויף אונזער קעניג!

קיינער איז שוין מעהר נישט געוועןדאגעגען, און די שלוחים זיינען צופרידענע און גליקליכע צוריקגעגאנגען נאך חברון אנזאגען די פרעהליכע בשורה זייער קעניג, דאס די איינוואנער פון יביש האבען איינשטימיג אנגע־נומען זיין הערשאפט.

ווען אבנר האט זיך דערוואוסט אז דוד האט ארייגעקראגען די שטארט יביש גלעד אין זיין מלוכה, האט עס איהם שטארק פארדראסען. ער איז געווען אזוי זיכער מיט די איינוואהנער פון יביש אז זיי וועלען זיך אנשליסען אונטער זיין הערשאפט דאס ער האט אפילו נישט געפונען פאר נויטיג זיך צוצואיילען און קומען ריידען מיט זיי.

— ער וועט מוזען אנלערנען דוד׳ן! — האט אבנר ביי זיך בעשלאסען, און ער האט צוזאמענגערופען א גרויסע ארמיי און אריבערגעגאנגען פון מחנים נאך גבעון. דארטען האט ער מיט זיין ארמיי געלאגערט ביי דער סאזשעלקע.

יואב האט זיך באלד דערוואוסט אז אבנר געפינט זיך אין גבעון מיט אן ארמיי און ער האט עס גלייך איבערגעגעבען דוד׳ן.

— איך בין זיכער אז אבנר זוכט אנצופאנגען א מלחמה מיט אונז, — האט יואב זיך הפגערופען צו דוד׳ן — מיר מוזען זיין גרייט.

— עס איז דאך אונמעגליך אז ער זאל גאר דערפון דענקען אין דער יעצ־טיגער צייט, — האט דוד געזאגט, — ער וויים אז ער קען מעהר פארלירען ווי געווינען אין א מלחמה.

— אבער אז מיר וועלען נישט זיין געגרייט, דאן וועט ער דאך גאר קיין שוועריגקייטען נישט האבען... מיט דעם קעניג׳ס ערלויבניש וועל איך צונויפזאמ־לען אונזערע מתנות און געהן אבנר׳ן אנטקעגען.

— איך גיב דיר מיין ערלויבניש, — האט דוד זיך אפגערופען, — אבער זיי זעהר פארזיכטיג און זעה ווי וויים מעגליך אויסצומיידען א בלוט־פארגיסונג... נישט דורך בלוט פון אונזערע ברידער וויל איך מיין מלוכה בעפעסטיגען, איך וויל לעבען בשלום מיט אלע איבריגע שבטים...

— איך וועל קיין מלחמה מיט אבנר׳ן נישט אנפאנגען. אבער אויב ער איז געקומען מיט זיין ארמיי אונז אנצושרעקען, וועל איך איהם איבערציינען אז ער מאכט א טעות.

יואב האט צונויפגעזאמעלט זיינע גבורים און האט זיך אפגעשטעלט נעבען גבעון אויף דער צווייטער זייט סאזשעלקע...

א היבשע ווילע האבען בידע מחנות געלאגערט ארום דער סאזשעלקע נעבען גבעון; אבנר מיט זיין ארמיי אויף איין זייט, און יואב און זיין ארמיי אויף דער צווייטער זייט.

אבנר האָט זיך דערנעהנטערט צום ברעג. ער האָט בעטראַכט יואב׳ס אַרמיי און נאָכהער זיך אָפּגערופן:

— יואב, זאָלן אונזערע יונגען אונז ווייזן אַ ביסעל שפּאַס. ביזטו איינ־שטימיג מיט מיר?

— אין וואָס זאָל באַשטיין דער שפּאַס? — האָט איהם יואב געפרעגט.

— איך וועל אויסקלייבן צוועלף יונגע העלדן פון מיינע מחנות, — האָט אבנר געזאָגט, — און דו קלייב אויס צוועלף יונגע העלדן פון דיינע מחנות, און זאָלן זיי זיך צוזאַמענקומען אויף דעם אָפענעם פּלאַץ און זיך ראַנגלען צווי־שען זיך.

— דו מיינסט, אַז זיי זאָלן זיך ראַנגלען אָהן וואָפן? — האָט יואב איהם ווידער געפרעגט.

— ניין, איך מיין אַז זיי זאָלן זיך ראַנגלען מיט בלויזע שווערדען! — האָט אבנר געענטפערט, — וואָס?! דו האָסט מורא אַז זיי וועלן זיך צובלוטיגען? דו בעריהמסט זיך דאָך שטענדיג מיט דיינע גבורים, אדרבא, זאָלן זיי אונז ציינען וואָס זיי קענען!

— איך און מיינע מענשען שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר אַ קאַמפּף, — האָט יואב געענטפערט, — אויב דו ווילסט דוקא אַז זייער ראַנגלען זאָל פאָרקומען מיט וואָפען, האָב איך נישט דאַגעגען. די שווערדען פון מיינע גבורים זיינען אויך גאַנץ שאַרף.

— צו שאַרפע שווערדען ברויכט מען אויך געזונטע און פלינקע הענט! — האָט אבנר געשמייכעלט.

זיין שמייכעל האָט יואב׳ן שטאַרק אויפגערייצט... ער האָט זעהר געוואָלט פאַרמיידען בלוט־פאַרגיסונג, בפרט ווען ער האָט דוד׳ן עס פאַרשפּראָכען... אָבער ער זעהט דאָך אַז אבנר זוכט אַרויסצורופען אַ קאַמפּף. די שולד וועט פאַלען אויף זיין קאָפּ.

— אַ געזונטע פלינקע האַנד מיט אַ שאַרפען שווערד! גוט, מיר וועלן זיך באַלד איבערצייגען אין דעם! — האָט יואב אויסגערופען, — מיינע צוועלף גבורים זיינען געגרייט.

— זיי וועלען זיך באַגעגענען אויף דעם פעלד געגענאיבער אונזערע מחנות, — האָט אבנר איהם אָנגעצייגט דעם פּלאַץ.

יואב האָט אויסגעקליבען צוועלף געזונטע יונגען פון זיין אַרמיי. ער האָט זיי מיטגעגעבען שאַרפע שווערדען און צו זיי געזאָגט:

— פאַר אונזער קעניג דוד! צייגט אונזערע שונאים אַז איהר זייט ווערטה אָנגערופען צו ווערען דוד׳ס גבורים! קעמפּפט ווי לייבען פאַר דעם כבוד פון אונזער קעניג און שבט!

— מיר שווערען ביי אונזער קעניג דוד, אַז מיר וועלען נישט אָוועקלייגען אונזערע וואָפען ביז אונזערע שונאים וועלען פיהלען די מאַכט פון אונזער שווערד, — האָבען די צוועלף גבורים אויפגעהויבען זייערע הענד. און אָוועקגעמאַרשירט אויף דעם פעלד וואָס איז געלעגען צו מערב זייט פון גבעון.

אבנר האָט אויסגעקליבען צוועלף פון זיינע בעריהמטע העלדען און האָט זיי אויך אָנגעזאָגט דאָס זעלבע און זיי אָוועקגעשיקט אויף דעם פעלד.

יואב׳ס צוועלף גבורים זיינען געשטאַנען געגען אבנר׳ס צוועלף גבורים...

זייערע שווערדען זיינען געווען געצויגען און זיי האבען נור געווארט אויף דעם סיגנאל אנצופאנגען דעם שפאס...

אבנר האט געגעבען דעם סיגנאל, און דער קאמפף צווישען ביידע זייטען האט זיך אנגעפאנגען.

די שפאנונג פון אבנר'ס און יואב'ס מחנות איז געווען זעהר אן אנגע־שטרענגטע... די הערצער האבען פעסט געקלאפט... די אויגען האבען ארויסגע־סטארטשעט... ווער וועט זיעגען?

א קלאפעריי און קלינגעריי פון בלאנקענדע שווערדען... א געפעכט אויף לעבען און טויט... ווילדע געשרייען פון פארצווייפלונג און ביטערקייט... בלוט... בלוט... און בלוט... די קרעפטען זיינען גלייכע... קיינער לאזט נישט אפ... קיינער גיט זיך נישט אונטער... יעדערער ווערט ערמוטיגט פון דעם שאלען פון זיינע אנהענגער.

— פאר אבנר'ן און איש בושת'ן!

— פאר דוד'ן און יואב'ן!

— קעמפפט ווי העלדען פאר דעם זוהן פון אייער בעליעבטען קעניג, שאול!

איינער פון דוד'ס גבורים איז אומגעפאלען א טויטער מיט דעם געגנערס שווערד אין הארצען אריינגעשטאכען. עס הערט זיך א געשריי פון טריאומף פון אבנר'ס צד... באלד אבער פאלט אויך דער געגנער א טויטער... שאלען די אלע פון יואב'ס צד... דער קאמפף ווערט נאך מעהר פארביטערט... עס קלינגען די שווערדען... פלינק באוועגען זיך די הענד פון די ראנגלער... זייערע פנים'ער ווערען שטייף אנגעצויגען... זייערע אויגען צושראקען... דער שפרינגט פארווערטס און א צווייטער ריקווערטס... עס הערט זיך קרעכצען און געשרייען פון וועהטאג... א שטאך פון א שווערד... איינער קארטשעט זיך אין דרייען און פאלט אנידער א באגאסענער מיט בלוט... באלד פאלט אויך דער שטעכער פון דעם שווערד פון געשטאכענעם... דער טייך בלוט ווערט גרעסער... ליגען אויסגעלעגט די הרוגים, און די וועלכע קעמפפען נאך טרעטען איבער זיי מיט זייערע פיס... באלד אבער פאלען זיי אויך אנידער און ווערען צונויפגעמישט מיט די איבריגע געשטאכענע... די לעצטע צוויי זיינען פארבליבען... יעדער האט זיך איינגעשצעמעט מיט איין האנד אין זיין געגנער'ס האר און מיט דער צווייטער האנד האט ער פארזוכט צו שטעכען... לעצטע צוויי געשרייען... איין קרעכץ, א צווייטער קרעכץ, און די לעצטע צוויי קעמפפער זיינען אויך אנידערגעפאלען טויטע... יעדערער האט גע־זיעגט און בעזיעגט געווארען... קיינער איז נישט לעבען געבליבען.

א ווייל האט אין ביידע לאגערען געהערשט א שטילקייט וואס איז פון יעדער רגע געווארען מעהר אנגעצויגען. פלוצלינג האט איינער פון יואב'ס ארמיי אויסגעשריען צו אבנר'ן:

— דו רוצח! דו מערדער! דו האסט אומשולדיגע מענשען געטויטעט... נקמה לאמיר נעהמען פאר אונזערע גע'הרג'עטע ברידער.

אבנר האט געגעבען א סיגנאל און זיינע סאלדאטען האבען זיך גענומען צו די געוועהר.

יואב האט געזעהן אז א מלחמה מיט אבנר'ן איז אונפערמיידליך, האט ער גלייך א קאמאנדעווע געטהאן און די מלחמה האט זיך גלייך אנגעפאנגען.

יואב'ס סאלדאטען זיינען געווען זעהר אויפגערעגט און פארביטערט פאר

דעם פארגאסענעם בלוט און האבען זיך מיט זייער גאנצען כח ארייגעוואהרפען אין קאמפף... נאך א שלאכט פון עטליכע שטונדען זיינען אבנר'ס ארמייען געווען געצוואונגען צוריקצוטרעטען...

יואב האט מיט זיינע סאלדאטען געגומען נאכיאגען אבנר'ס חיל, טויטענדיג פיעלע פון זיי. נעבען יואב'ן זיינען געווען זיינע צוויי ברידער, אבישי און עשהאל.

— דו זעהסט ווי אבנר אנטלויפט, דער פייגלינג! — האט זיך עשהאל אנגערופען צו יואב'ן.

— זאל די בלוט פון די הרוגים פאלען אויף זיין קאפ! — האט אבישי געזאגט, — ווייל ער איז אין גאנצען שולדיג אין דעם יעצטיגען ברודער־קאמפף.

— איך וועל אבנר'ן אניאגען, — האט עשהאל זיך אפגערופען מיט כעס, — און איהם דערשטעכען מיט מיין שווערד.

— ניין, מיין ברודער, יעצט איז נאך נישט געקומען די צייט, — האט זיך יואב אנגערופען, — מיר וועלען איהם בלויז אנלערנען ווי אנצופאנגען זיך מיט אונז.

עשהאל אבער איז געווען אזוי אויפגערעגט אז ער האט יואב'ס לעצטע ווערטער נישט געהערט. ער האט זיך גענומען נאכיאגען נאך אבנר'ן, און זייענדיג זעהר פלינק, האט ער איהם גלייך דערגרייכט.

אבנר האט אומגעדרעהט זיין קאפ און האט דערזעהן עשהאל'ן יאגענדיג זיך נאך איהם מיט א בלויזער שווערד.

— ביזטו עס, עשהאל, יואב'ס ברודער? — האט זיך אבנר צו איהם אפגערופען.

— יא, דאס בין איך! — האט עשהאל געענטפערט, — און ווי מיין ברודער יואב [illegible] וועל נקמה נעהמען פון דיר פאר דעם בלוטיגען שפאס וואס דו האסט פעראורזאכט.

— קעהר זיך בעסער אום! — האט אבנר צו איהם אויסגעשריען, — פאר וואס זאל איך דיך טויטען!

— איך וועל זיך נישט אומקעהרען פון דאנען ביז וואנען מיין שווערד וועט זיך נישט אנזעטיגען מיט דיין בלוט, — האט עשהאל פארטגעזעצט איהם נאכצויאגען.

— אויב דו שעהמסט זיך אומצוקעהרען מיט ליידיגען, טו געה און נעהם איינעם פון מיינע יונגען און נעהם צו זיינע קליידער, וועסטו זיך קענען בעריהמען אז דו האסט געזיעגט איבער דיין שונא!

— ניין, איך וועל פון דיר נישט אפטרעטען ביז וואנען איך וועל צו דיר טהאן ווי דו האסט פערדיענט...

— טרעט בעסער אפ פון מיר, — האט אבנר צו איהם אויסגעשריען, — פארוואס זאל איך דיר טויטען... איך וויל דאס נישט טהאן צוליעב דיין ברודער יואב.

עשהאל איז שוין געווען גאר נאהענט צו איהם. ער האט אויפגעהויבען זיין שווערד און זיך פערמאסטען איהם צו טויטען... אבער אבנר האט שנעל א חויב געטהאן זיין שפיעז און א שטאך געטהאן עשהאל'ן אין ריפ... עשהאל האט זיך א וואקעל געטהאן און איז באלד אנידערגעפאלען אין א טייך בלוט, און איז געשטארבען.

דערווייל האבען פיעלע מענשען דערזעהן ווי עשהאל ליגט א טויטער אויף דער ערד... האט מען גלייך אנגעזאגט יואב׳ן אז אבנר האט געטויטעט עשהאל׳ן... יואב און זיין ברודער אבישי האבען זיך גענומען נאכיאגען נאך אבנר׳ן און די מלחמה האט זיך פערשטארקט.

די צושפרייטע ארמייען פון שבט בנימין האבען זיך גענומען צוריק פעראייניגען מיט אבנר׳ס איבריגע מחנות... זיי זיינען געבליבען שטעהן אויף איינעם פון די בערג.

יואב און זיינע גבורים האבען גענומען ארויפקלעטערען דעם בארג.

— זאל שוין נעהמען אן ענדע צו אונזער ברודער קאמפף און זאלען מיר שוין מעהר קיין אומזיסטע בלוט נישט פארגיסען! — האט אבנר ארונטערגעשריען צו יואב׳ן פון בארג, — דו ווייסט דאך גאנץ גוט אז די איבריגע שבטים פון ישראל וועלען נישט דערלאזען אז דיין שבט יהודה זאל זיעגען... זיי וועלען זיך דאך אלע פעראייניגען געגען דיר און די ענדע וועט זיין א ביטערע. איז דען נישט בעסער אויפצוהערען די מלחמה?!... זאג דאך דיינע מענשען זיי זאלען זיך צוריקקעהרען און נישט קעמפפען מיט זייערע אייגענע ברידער...

— ווענעס שולד איז דאס, אויב נישט דיינע! — האט זיך יואב אפגערופען, — ווי גאט לעבט, ווען דיר וואלט זיך נישט פארוואלט אנפאנגען דעם בלוטיגען שפאס היינט גאנץ פריה, וואלט דאך גארנישט געווען.

— איך בין זיך מודה אז איך האב זיך בענארישט! — האט איהם אבנר געענטפערט, — אבער איצט לאמיר מאכען א סוף.

יואב האט גענומען דעם שופר און האט געבלאזען... אלע זיינע סאלדאטען האבען זיך ארום איהם פערזאמעלט, און ער האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלען אויפהערען צו קעמפפען געגען אבנר׳ן...

ווען אבנר האט דערזעהן אז יואב׳ס מחנות קעהרען זיך צוריק, האט ער פרייער אפגעאטעמט... ער האט איבערגעצעהלט די איבערגעבליבע סאלדאטען און אויסגעפונען אז פון זיין ארמיי פעהלען דריי הונדערט און זעכציג מענשען, וועלכע זיינען געפאלען אין שלאכט.

פון יואב׳ס ארמיי האט געפעהלט בלויז ניינצעהן מענשען און עשהאל זיין ברודער.

יואב און זיינע מענשען זיינען צוגעקומען צום פלאץ וואו עשהאל איז געלעגען א טויטער.

— מיין ברודער! — האט יואב אויסגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען, — דו ביזט איינער פון אבנר׳ס קרבנות... וואס פאר א טרויער עס וועט זיין פאר אונזער מוטער ווען זי וועט אויסגעפינען פון דעם שרעקליכען און שענדליכען טויט פון איהר אינגסטען זוהן... דו ביזט געווען אזוי בראוו און פלינק, און דו האסט זיך פאר קיינעם ניט געשראקען... יעצט ליגסטו א טויטער, געשטאכען פון אבנר׳ס האנד. איך שווער דיר, מיין ברודער, אז איך וועל נקמה נעהמען פאר דיין פארגאסען בלוט...

זיי האבען עשהאל׳ן אויפגעהויבען און איהם געטראגען ביז זיין געבורטסשטאדט בית לחם. דארטען האבען זיי איהם מקבר געווען נעבען דעם קבר פון זיין פאטער, און יואב האט פארטגעזעצט זייער מארש די גאנצע נאכט און ווען עס איז טאג געווארען זיינען זיי אנגעקומען אין חברון.

יואב האט דוד'ן דערצעהלט אלעס וואס איז פארגעקומען, און דוד האט זיך אפגערופען:

— איך בעדויער זעהר דעם טויט פון דיין ברודער און די אנדערע גבורים פון אונזערע מחנות. דער איינציגער טרייסט מיינער איז, אז דו האסט די מלחמה נישט אנגעפאנגען. נאר דאס האט אבנר זי ארויסגערופען... זאל גאט בעצאהלען צו דעם שולדיגען לויט זיין שולד.

פיער-און-צוואנציגסטער קאפיטעל

דוד קריגט צוריק מיכל'ן

איינציגע יאהר זיינען פאראיבער און צווישען דוד'ן און אבנר'ס ארמייען פלעגען אפט פארקומען קלענערע אדער גרעסערע צוזאמענשטויסונגען. פיעלע שטערט וועלכע זיינען געווען אונטער איש בושת'ן, האבען אנערקענט דוד'ן אלס זייער הערשער... דוד'ס מלוכה האט זיך פון יאהר צו יאהר מעהר באפעסטיגט... איש בושת'ס מלוכה איז אבער אלץ שוואכער געווארען. אבנר האט געטהאן אלעס אין זיין מעגליכקייט צו באפעסטיגען איש בושת'עס טראהן, אבער דאס פאלק האט נישט ארויסגעוויזען קיין איבריגע גרויס ליעבשאפט צו דעם שוואכען קעניג.

דערווייל האט זיך אבנר פארליעבט אין רצפה, די טאכטער פון איה, וועלכע איז געווען שאול'ס קעבס ווייב... רצפה האט ליעב געהאט שאול'ן און זי האט לאנג געטרויערט אויף זיין טויט... זי האט זיך געפונען אין קעניגליכען פאלאץ. אחינעם איז אין קורצען נאך שאול'ס טויט געשטארבען, איז רצפה געבליבען מיט איהרע צוויי קינדער פון שאול'ן, ארמוני און מפבשת.

אבנר האט גענומען אריינקומען צו רצפה'ן און איהר פארגעשלאגען זי זאל מיט איהם הייראטען. צום אנפאנג האט רצפה דערפון נישט געוואלט הערען, אבער ווען אבנר האט איהר נישט אפגעלאזט און ער האט איהר שטילערהייט פארשפראכען אז איהר עלטערער זוהן ארמני וועט ווערען קעניג נאך איש בושת'ן, האט זי צוגעשטימט, און אבנר האט מיט איהר חתונה געהאט.

ווען דער קעניג איש בושת האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער געברענט פון כעס... ער האט געשיקט רופען אבנר'ן צו זיך...

ווען אבנר איז אריין אין זיין פאלאץ אין איש בושת אויפגעשפרונגען פון זיין פלאץ און זיך צו איהם אפגערופען:

— ווי אזוי האסטו געוואגט חתונה צו האבען מיט דער קעבס-ווייב פון מיין פאטער?! איך פארשטעה דיינע כוונות, דו האסט רצפה'ן גענומען פאר דיין פרוי כדי דו זאלסט נאכהער אויך קענען ווערען קעניג איבער ישראל...

אבנר'ס פנים איז געווארען פארוואלקענט, זיין כעס האט אין איהם גע-ברענט און ער האט ארויסגערופען מיט גרויס אויפרעגונג:

— וואס בין איך, א הונד, אז דו רעדסט צו מיר אזוי?! די גאנצע צייט האב איך געזעהן צו באפעסטיגען דיין מלוכה, אפילו נאך היינט האב איך גע-טהאן בנאדע מיט די גאנצע הויז פון שאול'ן... איך האב מלחמה געהאלטען מיט דוד'ס ארמייען, כדי דיין מלוכה זאל נישט אריינפאלען אין דוד'ס הענט...

קומסטו יעצט און רעדסט צו מיר אזוינע ווערטער. דאריבער שווער איך ביי גאט, אז נישט ווי דו ביזט מיר חושד דאס איך וויל פון דיר די מלוכה אוועקנעה־מען פאר זיך, ניין, דיין מלוכה וועט געהן צו א בעסערען מאן, צו איינעם וועל־כער איז ביים פאלק מעהר בעליעבט ווי איך און דו... איך אליין וועל העלפען אריבער צופיהרען דיין קעניגרייך צו דוד'ן... ער וועט קעניגען איבער גאנץ ישראל פון דן ביז באר שבע!...

ווען איש בושת האט דערהערט אזעלכע ווערטער פון זיין שר צבא, אבנר'ן, האט ער זיך שטארק דערשראקען און האט איהם א ווארט נישט געענטפערט.

און גלייך ווי אבנר האט פארלאזט איש בוש'ן, האט ער געשיקט עטליכע שלוחים צו דוד'ן מיט די פאלגענדע ווערטער:

— איך, אבנר, דער זוהן פון נר, האב אלע מאל זעהר פיעל געהאלטען פון דיר, מיין האר, דוד. געוויינליך מיין פליכט איז געווען מיט שאול'ן און זיין הויזגעזינד, אבער יעצט בין איך שוין מעהר נישט פארבונדען מיט זיין משפחה. איש בושת מיינט יעצט גארנישט צו מיר... איך האב בעשלאסען אומצוקעהרען צו דיר אלע שבטים, ווייל איש בושת קען מעהר נית קעניגען איבער זיי... דאריבער בעט איך דיך דו זאלסט מיר ערלויבען זיך מיט דיר צו זעהן און איך וועל דיר אלעס קלאהר מאכען... און נאכהער שליסען א בונד מיט דיר.

די שלוחים זיינען געקומען צו דוד'ן און איהם איבערגעגעבען די ווערטער פון אבנר'ן...

— גוט, — האט דוד זיי געענטפערט, — זאגט אייער האר אבנר'ן אז איך וועל זיין זעהר צופרידען צו שליסען א בונד פון פריינדשאפט און פרידען מיט איהם, אבער איין זאך פערלאנג איך פון איהם, ער זאל נישט זעהן מיין פנים ביז וואנען ער וועט מיר נישט צוריקקעהרען מיין ערשטע פרוי מיכל'ן, די טאכ־טער פון שאול'ן...

ווען אבנר האט עס דערהערט איז ער גלייך אוועק צו איש בושת'ן און צו איהם געזאגט:

— דוד פארלאנגט אז דו זאלסט איהם צוריקקעהרען דיין שוועסטער מיכל, וועמען דיין פאטער האט געגעבען פאר א פרוי צו דוד'ן פאר די צוויי הונדערט קעפ פון די פלשתים, און וועמען שאול האט אפגעגעבען צו פלטיאל'ן, דעם זוהן פון ליש... דו אלס קעניג האסט א רעכט מבטל צו מאכען איהר הייראט מיט פלטיאל'ן און איהר צוריקשיקען צו איהר פריהערדיגען מאן דוד.

— דאס וועל איך נישט טהאן! — האט איש בושת זיך אנגערופען, — דו פערלאנגסט נאך אז איך זאל מיט מיינע אייגענע הענד העלפען מיין שונא... און נאך מעהר, איך בין זיכער אז מיכל מיין שוועסטער, וועט אליין אויך נישט וועלען זיך צוריקקעהרען צו דוד'ן... זי ווייס אז ער איז מיין שונא און זי וועט נישט וועלען ווערען די פרוי פון איהר ברודער'ס שונא.

— מיר וועלען הערען וואס זי האט צו זאגען וועגען דעם, — האט אבנר געזאגט, — שיק איהר רופען.

איש בושת וועלכער האט נאך יעצט מעהר מורא געקראגען פאר אבנר'ן האט איהם געפאלגט און געשיקט רופען מיכל'ן.

ווען זי איז געקומען, האט זיך אבנר צו איהר אפגערופען:

— דוד, דער קעניג פון יהודה, וויל דיך צוריקנעהמען פאר זיין פרוי, ווילסטו איינשטימען צו ווערען צוריק זיין פרוי?

— דוד! — האט מיכל אויסגערופען, — דוד וויל מיך צוריקנעהמען... ער ליעבט מיך נאך... מיין ליעבער דוד, געוויס וועל איך געהן צו איהם.

— אבער... שוועסטער... — האט זיך איש בושת אפגערופען מיט א ציטערנדע שטימע — דו ווייסט דאך אז דוד איז מיין שונא... ווען דו געהסט יעצט צוריק צו איהם, וועט איהם גרינגער אנקומען איבערצונעהמען מיין מלוכה... ער וועט דאך דאן ווידער זיין דעם קעניג שאול'ס איידעם, און ווער וועט איהם דאן זיך געגענשטעלען צו ירש'נען די מלוכה וואס איז מיר געבליבען בירושה פון מיין פאטער?!... בפרט נאך אז מיין שר צבא, אבנר, איז אויך געגען מיר...

— מיין ברודער, — האט איהם מיכל געענטפערט, — איך האב דוד'ן ליעב בעקומען פון דעם ערשטען מאל ווען איך האב איהם דערזעהן. זיין ליעבע צו מיר איז אויך געווען זעהר שטארק... ער האט זיין לעבען אין סכנה געשטעלט און געבראכט צוויי הונדערט פלשתים קעפּ צו אונזער פאטער אלס א נדן פאר מיר... דאמיט האט ער נישט נאר געוואונען מיין הארץ אויף אייביג, נאר ער האט געקראגען דאס פולע רעכט איבער מיר... און ווען אונזער פאטער איז צוליעב זיין מרה־שחורה און קראנקהייט געווארען דוד'ן א שונא און איהם געוואלט טויטען, האב איך איהם אלס זיין פרוי פון טויט גערעטעט... דאן האט דער פאטער מיר געצוואונגען צו הייראטען מיט פלטיאל'ן... איך האב געוואוסט ווי געפעהרליך קראנק דער פאטער איז געווען, האב איך דאריבער זיך נישט געגנגעשטעלט זיין ווילען... אבער פלטיאל האט מיר פארשפראכען אז ער הייראט מיך בלויז אין נאמען ביז וואנען די צייט וועט קומען און איך אליין וועל איהם זאגען אז איך געהער מעהר נישט צו דוד'ן, נור צו איהם... יאהרען זיינען אוועק און איך בין די גאנצע צייט געבליבען געטריי צו מיין דוד'ן... פלטיאל האט זייןווארט נישט געבראכען און איך בין אזוי ריין און אומשולדיג אזוי ווי אין דער רגע ווען איך האב דוד'ן ארויסבעגלייט דורכ'ן פענסטער... איך האב די גאנצע צייט געווארט און געהאפט אז דוד וועט זיך אן מיר דערמאהנען און מיך צוריקנעהמען.. און יעצט אז די גליקליכע שעה איז געקומען, פערלאנגסטו, מיין ברודער, איך זאל מיין גליק פון זיך פארטרייבען... האב איך דען נישט גענוג געליטען דורך דער גאנצער צייט וואס איך האב דוד'ס פנים נישט אנגעקוקט... מיינע אויגען זיינען רויט פון וויינען און דער קוואל פון מיינע טרעהרען איז אויסגעטריקענט געווארען... יעצט אבער בין איך ווידער גליקליך... דוד האט מיך נאך ליעב... איך געה צו איהם... איך בין פריי! פלטיאל איז קיינמאל מיין מאן נישט געווען... דוד איז מיין געליעבטער מאן... איך וויל דא מעהר נישט בלייבען, איך געה גלייך צו איהם.

דארויף האט אבנר זיך אנגערופען:

— זאל דיך גאט בענשען, מיכל, פאר דיין גרויסע הייליגע ליעבע וואס דו ברייגנסט צו דוד'ן... איך פארשטעה דיר זעהר גוט און איך פיהל דיר מיט... יעצט ווייס איך וואס אמת'ע ריינע ליעבע מיינט... דו האסט זיכער פערדיענט דעם העלדישען דוד, דעם קעניג פון יהודה, פאר דיין מאן... און ער האט אויך פארדיענט צו בעזיצען אזא נאבעלע און טהייערע פרוי ווי דו ביזט, מיכל.

— מיין שוועסטער, — האט זיך איש בושת ווידער צו איהר אפגערופען, —

ווייסטו נישט אז מיט דיין שריט וואס דו געהסט יעצט טהאן, בריינגסטו איז געפאהר מיין לעבען... דוד וועט דאך מיר געוויס טויטען, און דו, מיין שוועסטער, וועסט זיין פעראנטוואָרטליך פאר מיין טויט.

— דו מאכסט א טעות, מיין ברודער, דוד איז נישט דער מענש וועלכער וועט עפּעס שלעכטעס טהאן צו מיין פאטער'ס פאמיליע... איך פארזיכער דיר, אז נישט נאר וועט דוד דיר קיין שלעכטעס טהאן, נאר ער וועט דיך נאך בעשיצען פון די וועלכע וועלען דיר זוכען שלעכטס צו טהאן... ניין, דוד וועט אפילו די מלוכה פון דיר נישט אוועקרויבען, סיידען דאס פאלק וועט עס פערלאנגען.

— קום, מיכל, לאמיר געהן צו דוד'ן, — האט אבנר איהר גערופען, — ער ערווארטעט דיך נאך היינט.

— אה, ווי וועל איך קענען אנזאגען די שלעכטע בשורה צו פלטיאל'ן, — האט מיכל אויסגערופען, — ער האט דאך מיך זעהר ליעב און פאר די אלע יאהרען האט ער זיין ווארט געהאלטען, ווייל זיין ליעבע צו מיר איז געוועזן היילינ... וואס פאר א גרויסער קלאפּ עס וועט פאר איהם זיין...

— ניין, מיכל, — האט איש בושת אויסגערופען, — איך וועל דיין הייראט צו פלטיאל'ן נישט מבטל מאכען... נישט גענוג וואס אבנר זוכט איבערצוגעבען מיין מלוכה צו דוד'ן, פערלאנגט ער נאך אז איך זאל אליין מיט מיינע אייגענע הענד איהם העלפען דערצו.

— דיין הילף איז יעצט נישט נויטיג, מיכל איז גאר קיינמאל נישט געוועזן פערהייראט צו פלטיאל'ן, דאריבער דארף זי צו קיינעם נישט אנקומען מבטל צו מאכען איהר הייראט — האט אבנר געזאגט.

— אין מיינע אויגען וועט מיכל אלע מאל בלייבען די פערהייראטע פרוי פון פלטיאל'ן, — האט איש בושת געענטפערט, — און בשום אופן וועל איך איהר מיין הסכמה ניט געבען צו הייראטען דוד'ן.

— מיט דיין הסכמה אדער אהן דיין הסכמה, — האט מיכל איהם געזאגט, — איך בעלאנג צו דוד'ן און צו איהם וועל איך גלייך געהן... ליעבע איז שטארקער פון פאמיליען־געבונדענקייט... זיי געזונט, מיין ברודער, און זאל דיר גאט בעשיצען פון אל־דאס־בייז...

מיכל און אבנר האבען פערלאזען איש בושת'ס פּאלאץ און זיינען אוועק צו פלטיאל'ס הויז.

ווען פלטיאל האט דערזעהן מיכל'ן אנקומענדיג מיט אבנר'ן, האט איהם גלייך א שטארקער קלאפּ געטהאן אין הארצען. ער האט פארשטאנען אז עפּעס איז דא געשעהן וואס וועט איהם קיין פרייד און פארגעניגען נישט פארשאפען.

ער איז זיי אנטקעגען געאנגנען. זיין פּנים איז געווען זעהר בלאס און פון זיינע אויגען האט ארויסגעקוקט יאוש און טרויער. ער האט זיינע בליקען אויף מיכל'ן געווארפען וואס האט געמיינט צו פרעגען די בעדייטונג פון איהר קומען מיט אבנר'ן.

— פלטיאל, ס'איז מיר זעהר שווער דיר דאס צו זאגען, — האט מיכל אויסגערופען און איהרע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען, — דו האסט מיר די גאנצע צייט זעהר פיין און עהרליך בעהאנדעלט... דו האסט מיר געגעבען דיין ווארט און עס קיינמאל נישט געביטען... איך ווייס אז דו האסט געדולדען געליטען, דו האסט געליטען און דאך געווען גליקליך. איך אבער

בין די גאַנצע צייט אומגליקליך געווען... ווייל מיין ליעבע צו דוד'ן איז געוואָרען שטאַרקער און גרעסער מיט יעדען טאָג... קיין איין רגע, זינט ער האָט זיך מיט מיר פערבּאַבשידעט האָב איך איהם פון מיינע געדאַנקען ניט אַרויסגעלאָזען... איך האָב אימער געהאָפט אַז עס וועט קומען אַ צייט און דוד וועט האָבען די מעגליכקייט מיך צוריקצורופען צו זיך... דיזע האָפנונג האָט מיר געגעבען גענוג כח און מוטה אַלעס אַריבּערצוטראָגען. יעצט ווערט מיין האָפנונג פאַרווירקליכט. דוד האָט נאָך מיר געשיקט. איך געה צו איהם... דו וועסט דאָך מיר מוחל זיין, פלטיאל... איך וועל דיין חסד קיינמאָל נישט פאַרגעסען... איך האָב זיך איבּערצייגט אַז דו בּעזיצסט אַ זויבּערע נאָבּעלע נשמה און זאָל דיר גאָט בּעצאָהלען פאַר דיין גוטסקייט וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן.

פלטיאל האָט פון מיכל'ן זיינע אויגען נישט אַראָפּגענומען. ער האָט געפיהלט אַז אַ שטיק לעבּען ווערט יעצט פון איהם אוועקגעריסען... מיכל, די שעהנע מיכל, געהט יעצט פון איהם אויף אייבּיג אוועק... אָה, ווי שטאַרק זיין ליעבּע איז צו איהר... ווי גרויס איז יעצט זיין טרויער און אומגליק... אמת, זי איז קיינמאָל צו איהם קיין פרוי ניט געווען, אָבּער ער האָט דאָך געהאָפט אַז די צייט וועט קומען און זי וועט געהערען אין גאַנצען צו איהם... ער האָט געוואַרט און געהאָפט אויף יענער צייט און... יעצט געהט זי אוועק פון איהם אויף אייבּיג. דוד, דער קעניג פון יהודה, פערלאַנגט אַזוי... יאָ, דוד, האָט מעהר רעכט אויף מיכל'ן ווי ער... זי איז אַ קעניג'ס טאָכטער און אַ קעניג דאַרף זיין איהר מאַן, און בּפרט אַז דוד איז פריהער געווען איהר מאַן... דאָס איז אַלץ ריכטיג, אָבּער עס איז אַ קליינע נחמה פאַר איהם... פאַר איהם איז זי אויף אייבּיג פאַרלאָרען.

— פלטיאל, האָסטו מיר דען גאָרנישט וואָס צו זאָגען?! — האָט איהם מיכל אַ פרעג געטהאָן, און אין איהר האַרצען איז געווען אַזוי פיעל מיטלייד און סימפּאַטיע צו איהם, — זאָג דאָך מיר אַז דו בּיזט מיר מוחל!

— איך בּין דיר מוחל, ליעבּע מיכל, — האָט פלטיאל איהר געענטפערט, און זיינע טרעהרען האָבּען איהם געשטיקט אין האַלז, — איך ווינש דיר גליק פון די טיעפעניש פון מיין האַרצען... זאָל גאָט געבּען אַז דו זאָלסט אויסלעבּען דיינע יאָהרען מיט דיין געליעבּטען מאַן, דוד, אין גליק און אין פרייד...

— איך דאַנק דיר, פלטיאל, — איך האָף אַז דו וועסט נאָך אויך גליקליך זיין, — האָט מיכל געזאָגט, — און איהם געגעבּען איהר האַנד.

פלטיאל האָט אָנגענומען מיכל'ס האַנד און זי צוגעטראָגען צו זיינע ליפּען.

— ערלויבּ דאָך מיר דיך צו בּעגלייטען בּיז דער שטאָדט בחורים, — האָט ער איהר געזאָגט, — און דאָן וועל איך זיך צוריקקעהרען אַהיים...

מיכל האָט געשוויגען און פלטיאל איז נאָכגעגאַנגען מיכל'ן און אבנר'ן... ער איז געגאַנגען דעם גאַנצען וועג און געוויינט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער שטאָדט בחורים האָבען זיי בּאַגעגענט שמעי בן גרא. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז אבנר פיהרט אוועק מיכל'ן צו דוד'ן און ער האָט זיך שטאַרק געפרעהט אויף פלטיאל'ס נידערלאַגע.

— אויבּ איך האָבּ איהר נישט געקענט קריגען, — האָט זיך שמעי געטראַכט, — זאָל פלטיאל איהר אויך נישט האָבּען. ווי צופרידען ער איז צו זעהן אַזאַ נקמה אַן פלטיאל'ן.

— יעצט קעהר זיך אום צוריק! — האט אבנר געזאגט צו פלטיאל'ן, וועלכער האט נישט אויפגעהערט צו פארגיסען טרעהרען דעם גאנצען וועג.

פלטיאל האט געגעבען דעם לעצטען בליק אויף מיכל'ן און ער האט זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

שמעי בן גרא איז נאכגעלאפען פלטיאל'ן און האט זיך צו איהם אפגערופען:

— איך זעה אז עפעס האט מיט דיר פאסירט וואס האט דיר זעהר טרויעריג געמאכט, זאג מיר מיין פריינד, וואוהין האסטו דיין פרוי אוועקגעשיקט?... זאל דאס מעגליך זיין אז אבנר זאל וועלען פון דיר אוועקנעהמען די שעהנע מיכל?

— מיכל קעהרט זיך אום צו דוד'ן! — האט פלטיאל געענטפערט.

— צו דוד'ן! — האט שמעי אויסגערופען מיט א געמאכטע איבערראשונג, — דער קעניג שאול האט דאך מבטל געמאכט איהר חתונה מיט דוד'ן און האט זי דיר אפגעגעבען...

— דוד פאדערט מיכל'ן יעצט פון מיר, און אבנר פיהרט עס איהר אפ צו איהם.

— דוד האט קיין רעכט נישט פון דיר אוועקצונעהמען דיין פרוי, — האט שמעי אויסגערופען, — דו ביזט א נאר וואס דו האסט זיך אזוי גרינג אונטערגעגעבען... דעם איינציגען תירוץ וואס איך קען האבען דערצו איז, אז דו האסט מיכל'ן מעהר נישט ליעב...

— איך טהו דאס ווייל איך ליעב איהר זעהר פיעל, — האט פלטיאל געזאגט און אומגעדרעהט זיין קאפ, שמעי זאל נישט באמערקען די טרעהרען אין זיינע אויגען.

— ווען דו וואלסט איהר שטארק געליעבט, וואלסטו אזוי נישט געהאנדעלט... דוד איז מאכטלאז געגען אונזער קעניג איש בושת, און ווען דו וואלסט געגאנגען און געבעטען אז דער קעניג זאל דיך בעשיצען געגען דוד'ן, וואלט ער עס זיכער געטהאן... איש בושת וואלט אפילו געשיקט אונזערע מחנות צו קעמפפען מיט דוד'ן צוליעב דעם... און דו האסט זיך אזוי גרינג אונטערגעגעבען אוים מורא פאר דוד'ן... שעהמען מעגסטו זיך!...

— דו פארשטעהסט אבער נישט, שמעי, — האט פלטיאל א זיפץ געטהאן, — מיכל האט נאך נישט אויפגעהערט ליעב צו האבען דוד'ן און זי אליין האט עס פון מיר פערלאנגט... און א חוץ דעם איז זי דאך געקומען מיט אבנר'ן... ווייזט עס דאך אוים אז דאס איז אויך אזוי דעם קעניג'ס וואונש.

— דו האסט דאך מסתמא געהערט אז אבנר האט זיך צוואווערטעלט מיט דעם קעניג, און עס איז מעגליך אז דאס טהוט ער איהם להכעים, ווייל מיר גלויבט זיך נישט, אז איש בושת זאל האבען דערצו צוגעשטימט.

— דער קעניג אליין האט מיכל'ן געשיקט רופען, און נאכהער האט זי מיר געזאגט, אז זי געהט צוריק צו דוד'ן.

— ווען מיכל וואלט געווען מיין פרוי, וואלט זי שוין איצט צו דוד'ן נישט געגאנגען, — האט שמעי געזאגט מיט א שמייכעל, — דאמיט וואס שאול האט דיך אויסגעקליבען אנשטאט מיר, האט ער געמאכט א גרויסען טעות... יעצט געהט מיכל צו איהם און אביסעל שפעטער וועט די גאנצע מלוכה פון ישראל איבערגעהן צו איהם...

פלטיאל האט איהם מעהר נישט געענטפערט. ער האט זיך אומגעקעהרט

און איז מיט א געבראָכענעם הארץ און טרויעריגען געמיטה צוריקגעגאנגען נאָך זיין שטאָדט גלים.

שמעי האָט איהם נאָך לאנג נאָכגעקוקט און ווען פלטיאל האָט זיך דערווייטערט האָט ער אויסגעבראָכען אין א הילכיגען געלעכטער.

* * *

דוד האָט ערווארטעט מיכל'ן... א גליקליכע פרייד האָט איהם ארומגענומען... מיכל, די שעהנע פרינצעסין, דער חלום פון זיינע חלומות, די וועמען ער האָט אזוי שטארק געליעבט, וועט ווידער געהערען צו איהם... ער קען זיך קוים דערווארטען די רגע ווען זיין ליעבענדע מיכל וועט אָנקומען... ער האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו בייִנקען נאָך איהר זינט ער האָט איהר פארלאָזען... זייט דאַן איז קיין איין טאָג נישט פאָראיבער וואָס ער זאָל פון איהר ניט טראכטען... איהר שעהנער פנים האָט תמיד געשוועבט בעפאָר זיינע אויגען... און כאָטש דער קעניג שאול האָט איהר אָפּגעגעבען צו א צווייטען, האָט ער דאָך שטענדיג געהאָפט אז די צייט וועט קומען און ער וועט צוריקקריגען זיין ערשטע פרוי... יעצט, אויב אבנר מיינט עס ערנסט, און ער האָט טאַקע בדעה איהם איבערצוגעבען די מלוכה פון אלע שבטים, און אויב ער האָט די מאכט דאָס צו טהאָן, וועט ער איהם זיכער ברייִנגען מיכל'ן... געוועהנליך, וועט אבנר דערפאַר פערלאנגען ער זאָל ביי איהם ווערען דער הויפּט־קאָמאנדיר פון די ארמייען... נו, אויב ער וועט קענען דורכפיהרען אזא זאַך האָט ער דאָך עס פערדיענט... אָבער וואָס וועט יואב דערצו זאָגען? — האָט זיך דוד פּלוצלינג דערמאָהנט... יא, יואב וועט דאָס געוויס נישט וועלען ליידען... ער וועט דאריבער מוזען זעהן אז ביידע זאָלען צופרידען זיין... יואב וועט פערבלייבען דער אויבער־קאָמאנדיר איבער די ארמייען פון יהודה, און אבנר — איבער די איבריגע שבטים... דערווייל מוז אָבער יואב דערפון גארנישט וויסען, — האָט דוד בעשלאָסען, — יואב איז זעהר א היציגער און ער איז זעהר אויפגעבראַכט אויף אבנר'ן צוליעב דעם טויט פון זיין ברודער עשהאל, און ווען ער זאָל איהם דאָ באגעגענען וועט קיין גוטעס פון דעם נישט ארויסקומען... ער מוז יואב'ן אוועקשיקען פון חברון...

דוד האָט גלייך געשיקט רופען יואב'ן און צו איהם געזאָגט:

— מען האָט מיר איבערגעגעבען אז דער שבט גשור האָט ווידער געמאכט אייניגע איבערפאלען אויף אונזערע דערפער וועלכע ליגען הארט ביים גרענעץ, דאריבער נעהם אַן ארמיי און גיעה האלט מלחמה מיט זיי און פארטרייב זיי פון אונזער גרעניצען...

יואב וועלכער האָט פון שטענדיג אָן ליעב געהאַט מלחמה, איז געוועזען זעהר צופריעדען צו טהאָן דעם קעניג'ס שליחות.

— איך וועל טהאָן ווי מיין האר קעניג האָט מיר געזאָגט, — האָט ער זיך אָפּגערופען און זיך פארנייגט.

יואב האָט צונויפגעזאַמעלט זיין ארמיי און איז אוועק נאָך דרום זייט מלחמה צו האלטען מיט די גשורים.

— יעצט, — האָט דוד זיך געטראַכט — אז יואב איז אוועק וועט אלעס געהן כשורה; אבנר וועט צופרידען זיין, און יואב וועט אויך גארנישט האבען דאַנגעגען. ער וועט שוין זעהן דערצו אז ביידע קאָמאנדירען איבער די ארמייען זאָלען צווישען זיך לעבען בשלום.

די ערוואַרטונג זיך צו זעהן מיט מיכל'ן האָט דוד'ן אַזוי בערוישט, אַז ער האָט אפילו גאָרנישט געטראַכט וועגען דער מעגליכקייט אַז ער וועט באַלד ווערען קעניג איבער אַלע שבטים. דאָס האָט איהם יעצט גאָרנישט אינטע־רעסירט... מיכל וועט באַלד אָנקומען... אַ לייכטער ציטער געהט דורך זיין קערפּער... באַלד וועט ער אָנקוקען דעם שעהנעם געזיכט פון זיין געליעבטער מיכל... ער איז זעהר אונגעדולדיג געוואָרען. יעדע ווײַלע איז ער אַרוים פון זיין פּאַלאַץ און געקוקט אין דער ריכטונג פון וואַנען ער האָט ערוואַרטעט אבנר זאָל אָנקומען מיט מיכל'ן. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענע גליקליכע יאָהרען ווען ער האָט מיכל'ן צום ערשטען מאָל דערזעהן אין טהאַל, בעת זי איז געקומען מיט איהר ברודער יונתן איהם צו בעדאַנקען וואָס ער האָט איהר פון דעם פּלשתי געראַטעוועט. דאַן איז זי נאָך קיין פּרינצעסין נישט געווען... זי איז געווען די טאָכטער פון אַ פּאַסטוך און גלייך האָט ער זיך אין איהר פער־ליעבט, און ווען איהר פאָטער איז אַזוי פּלוצלינג קעניג געוואָרען, האָט ער מעהר נישט געקענט האָפען אַז זי זאָל איהם אויך ליעב האָבען... יאָ, ער זעהט ווי גאָט האָט איהם באַגליקט אין אַלע זיינע וועגען... דאַרף זיך מאַכען אַז שאול פאַלט אַריין אין אַ מרה שחורה און ער קומט צו שפּיעלען פאַר איהם... דאָרטען טרעפט ער זיך ווידער אַמאָל מיט מיכל'ן... נאָכהער זיין גרויסען זיעג איבער גלית דעם פּלשתי... דעם קעניג'ס פאַרשפּרעכען אָפּצוגעבען איהם זיין טאָכטער... דוד האָט צו זיך אַ שמייכעל געטהאָן ווען ער דערמאָהנט זיך אַז שיער שיער וואָלט צו איהם אַריינגעפאַלען שאול'ס עלטערע טאָכטער, מרב. דאָס האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען זיין בעסטען פריינד, יונתן, און די שטאַרקע ליעבע וואָס מיכל האָט צו איהם געהאַט... ווער ווייס צי זי האָט נאָך יעצט איהם אויך אַזוי ליעב ווי פריהער... ער נעהמט דאָך איהר יעצט אַוועק פון איהר מאַן... פאַרלאָזט זי דען איהר מאַן מיט איהר אייגענעם גוטען ווילען אָדער אבנר וועט איהר דערצו דאַרפען צווינגען?...

טראַכטענדיג אַזוי האָט דוד פּלוצלינג דערזעהן אביתר לויפט זעהר שנעל צו דעם פּאַלאַץ.

— וואָס פאַר אַ וויכטיגע נייעס האָסטו פאַר מיר? — האָט איהם דוד געפרעגט, ווען אביתר האָט זיך פאַר איהם פאַרנויגט.

— אבנר קומט אָן מיט מיכל'ן! — האָט אביתר אויסגערופען, — זיי דערנעהנטערען זיך שוין צו חברון...

— מיט מיכל'ן!... זי איז דאָך געקומען!... — האָט דוד'ס פּנים גע־שטראַהלט, — פון וועלכען זייט קומען זיי אָן?

— פון די מזרח בערג, איך האָב זיי פון ווייטען דערזעהן אַרונטערקומענדיג פון די בערג.

— איך וועל זיי אַנטקעגען געהן! — האָט דוד אויסגערופען, און איז גלייך אַרויס פון פּאַלאַץ.

פון ווייטען האָט ער זיי באַמערקט. דאָרט קומט אָן מיכל... איהר שעהנע שלאַנקע פיגור באַוועגט זיך אַזוי ריטמיש און גראַציעז... זיין האַרץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּען... אין זיין גאַנצען קערפּער האָט זיך אַ געזאַנג צו־זונגען: מיכל... מיכל!... זיינע טריט זיינען געוואָרען קרעפטיגער און האַסטי־גער, זיינע אויגען האָבען געלויכטען פון גליק.

ווען מיכל האט באמערקט דוד'ן אנקומענדיג איהר אנטקעגען, האט זי זיך פלוצלינג אפגעשטעלט.

— וואס איז, מיכל, ביזטו מיעד? — האט איהר אבנר א פרעג געטהאן.

— דוד!! — האט מיכל אויסגערופען.

— מיכל, מיין ליעבע מיכל! — האט איהר דוד ארומגענומען.

אבנר האט זיך א נייג געטהאן פאר דוד'ן און זיך גלייך עטוואס אפגערוקט.

— מיין ליעבער טהייערער דוד! — האט מיכל געוויינט אין זיינע ארעמס,

— דו האסט מיך נאך ליעב?... דו האסט מיך נישט פארגעסען?...

— ניין, מיין טהייערע מיכל, — האט איהר דוד געקושט, — זינט דו ביזט געצוואונגענערהייט פון מיר אוועק, איז מיין ליעבע צו דיר נאך שטארקער געווארען... טאג און נאכט האב איך פון דיר נישט אויפגעהערט צו טראכטען... איך האב מתפלל געווען צו גאט ער זאל דיר געבען מוטה און האפנונג און די ליעבע אין דיין הארצען צו מיר זאל נישט אויסגעלאשען ווערען... אה, מיכל!

— האט איהר דוד אנגענומען פאר איהרע הענט און איהר בעטראכט, — דו האסט זיך דאך נישט געענדערט אויף א האר זינט איך האב דיך דעם לעצטען מאל געזעהן, ווען דו האסט מיך ארונטערגעלאזען פון פענסטער און מיך גערעטעט פון דיין פאטער'ס הענט.

— איך ווייס נישט אויב מיין פנים האט זיך נישט געענדערט, — האט מיכל געשמייכעלט — די עטליכע יאהר זינט דו ביזט פון מיר אוועק אין גלות האב איך זעהר פיעל אריבערגעטראגען און דאס האט געוויס געמוזט לאזען סמנים אויף מיין פנים — אבער איין זאך קען איך דיר פארזיכערען, אז מיין הארץ און מיין טרייהייט צו דיר האט זיך נישט געענדערט פון דער רגע ווען איך האב דיך ארונטערגעלאזען דורכ'ן פענסטער.

דוד האט טיעף אריינגעקוקט אין איהרע אויגען... א גליקליכע פרייד האט זיך צוגאסען איבער זיין פנים... ער האט איהר ווידער ארומגענומען און איהר צו זיך שטארקער געדריקט.

— מיין צארטער ריינער מלאך, — האט איהר דוד געקושט, — יעצט איז מיין גליק פארפולט... דו ביזט מיט מיר און מעהר פערלאנג איך נישט...

— און דו, מיין פריינד, — האט זיך דוד פלוצלינג אומגעקעהרט צו אבנר'ן — דו האסט מיין פערלאנג ערפילט. מיט וואס וועל איך דיר קענען דאנקבאר זיין פאר דעם גרויסען גליק וואס דו האסט מיר אזוי אומגעריכטערהייט געבראכט?...

— מיין לוין, מיין האר קעניג, וועט זיין ווען דו וועסט הערשען מיט גערעכטיגקייט איבער אלע שבטים, און דו וועסט באפרייען אונזער פאלק פון דעם יאך פון אונזערע שונאים, — האט אבנר געזאגט.

— איבער אלע שבטים! — האט דוד ווידערהאלט אבנר'ס ווערטער, — קענסטו מיר פיעלייכט ערקלעהרען די פלוצלינגע ענדערונג וואס איז אין דיר פארגעקומען?

— צוליעב מיין טריישאפט צו שאול'ן האב איך געוואלט אז די מלוכה זאל בלייבען ביי זיין יורש, — האט אבנר איהם געענטפערט, — איך האב דאריבער געטהאן אלעס אין מיין מעגליכקייט צוזאמענצורופען אלע שבטים און צו קרוינען איש בושת'ן, שאול'ס זוהן, פאר קעניג... איך בין געווען ערפאלגרייך און מיינע פלענער דורכגעפיהרט... איש בושת איז געווארען קעניג

איבער אלע שבטים א חוץ יהודה. נאר אין גיכען אבער האב איך איינגעזעהן מיין טעות... חוץ דעם וואס איש בושת איז שוואך און מוטהלאז איז ער נאך א גרויסער פייגלינג... פון די אלע מלחמות וואס איך האב געפיהרט פאר איהם, האט ער זיך נאך קיינמאל נישט באוויזען אויפ'ן שלאכטפעלד צו ערמוטיגען די קעמפפענדע סאלדאטען... איך בין איבערצייגט אז ווען ער זאל הערשען נאך א קורצע צייט, וועט ער־אין גאנצען רואינירען אונזער לאנד... איך האב דאריבער בעשלאסען זיך דורכצורייידען מיט די עלטסטע פון אלע שבטים און זיי ראטהען אויסצוקלייבען דיך פאר א קעניג איבער'ן גאנצען פאלק... איך בין איבערצייגט אז דו וועסט קיין בעגגער נישט האבען... ווייל דיין נאמען איז בעוואוסט פון איין עק לאנד ביז דעם צווייטען... אלע האבען דיך שטארק ליעב פאר דיין עהרליכקייט, העלדישקייט און גרויסקייט...

— וויים דען איש בושת פון דיין פלאן? — האט איהם דוד געפרעגט.

— יא, איך האב איהם אלעס געזאגט און ער האט אליין געזעהן אז איך האב רעכט. דאריבער האט ער געשוויגען און מיר גארנישט געענטפערט. און נאך אלעמען ווייס ער דאך אליין אויך אז שמואל האט דיך געזאלבט פאר קעניג נאך שאול'ן... איש בושת וועט זיין צופרידען אז מען זאל איהם נאר צו־רוה לאזען.

— גוט, איך וועל מיט דיר מאכען א בונד, — האט דוד זיך אפגערופען צו אבנר'ן, — אפילו ווען דיר זאל זיך נישט איינגעבען דאס אלע שבטים זאלען איבערגעהן אויף מיין זייט, האסטו שוין פארדיענט מיין פולען צוטרויען דאמיט וואס דו האסט מיר געבראכט מיכל'ן צוריק.

מיכל האט א שמייכעל געטהאן. זי האט געווארפען א ליעבליכען בליק אויף דוד'ן און האט ארונטערגעלאזען די אויגען.

דוד איז מיט מיכל'ן און אבנר'ן אריין אין פאלאץ. דארטען האבען זיי נאך לאנג פארבראכט. דוד האט געשלאסען א בונד מיט אבנר'ן און איהם צו־געזאגט צו מאכען איהם פאר דעם קאמאנדיר פון די ארמייען פון די איבריגע שבטים.

— יואב וועט בלייבען קאמאנדיר איבער די ארמייען פון יהודה, — האט דוד צו איהם געזאגט, — איך פארהאף אז איהר ביידע וועלען ווערען פריינד און לעבען צווישען זיך בשלום.

— איך וויים אז יואב איז אויף מיר אין כעס צוליעב דעם טויט פון זיין ברודער, — האט אבנר געזאגט, — אבער איך גלויב אז ער וויים אז עשהאל האט זיך נאך מיר נאכגעיאגט מיט א בלויזען שווערד און איך האב איהם עטליכע מאל געווארנט ער זאל צוריקטרעטען, אבער ער האט נישט געוואלט. ער האט נור געזוכט מיך צו טויטען... און איך האב איהם געמוזט דערשטעכען אין זעלבסט־פערטיידיגונג.

— עשהאל איז אלע מאל געווען זעהר א לייכטזיניגער און א היציגער, — האט דוד געזאגט, — אלע וויסען אז דו ביזט אין זיין טויט נישט שולדיג. דאריבער גלויב איך אז יואב טראגט אויף דיר קיין שנאה נישט פאר דעם טויט פון זיין ברודער.

— יעצט וועל איך געהן, — האט אבנר געזאגט, — מיט עטליכע טעג שפעטער וועל איך זיך צוריקקעהרען מיט אייניגע פארשטעהער פון די שבטים און דאן וועלען מיר בעשליסען וואס ווייטער צו טהאן.

אבנר איז אוועק פון דוד'ן א צופרידענער... דוד וועט איהם מאכען אויבער־קאמאנדיר איבער די ארמייען פון די שבטים... יא, ער וועט דערביי גארנישט פארלירען און דאס גאנצע פאלק וועט דורך דער פעראייניגונג אונטער איין ממשלה א סך געווינען... דוד איז א בעוואוסטער העלדישער קעמפפער, און די ארומיגע פעלקער ציטערען פאר איהם... ער האט גלייך אוועקגעשיקט שלוחים איבער גאנץ ארץ ישראל מיט דיזער שליחות.

"עס איז דאך בעוואוסט אז פון לאנג זיינען אייערע הערצער געניינט צו דוד'ן... ער איז געווען אייער בעליעבטעסטער העלד נאך אין די צייטען פון שאול'ן... אונזער הייליגער נביא שמואל האט דורך גאט'ס פארזאג איהם גע־זאלבט פאר קעניג... און ווי א נביא האט זיך אויסגעדריקט, אז גאט האט געזאגט: "דורך מיין קנעכט דוד'ן וועל איך העלפען מיין פאלק ישראל פון די פלשתים און פון אלע זייערע פיינד", און יעצט מוזען מיר אלע צוגעבען אז מיר האבען געמאכט א גרויסען טעות ווען מיר האבען אויסגעקליבען איש בושת'ן פאר א קעניג איבער אונז... אבער עס איז נאך נישט צו שפעט... שיקט אייערע פארשטעהער צו מיר און מיר וועלען זיך בעראטהען וואס צו טהאן".

אבנר איז געווען זעהר געאכטעט ביי אלע שבטים. ער איז געווען פאר־רעכענט פאר א גבור, און דער גורל פון אלע שבטים איז געלעגען אין זיינע הענד, דאריבער האט נישט לאנג געדויערט און אלע פארשטעהער פון די שבטים זיינען זיך צונויפגעקומען צו בעראטהען מיט אבנר'ן.

אבנר האט פאר אלעמען קלאר געמאכט די לאגע און זיי געגעבען צו פארשטעהען וואס פאר א גליק עס וועט זיין פאר'ן גאנצען פאלק אויב אלע וועלען זיך פעראייניגען אונטער דוד'ס הערשאפט.

אלע פארשטעהער האבען איינגעשטימט מיט אבנר'ן א חוץ די פון שבט בנימין.

— ניין! — האבען זיי גע'טענה'ט, — מיר וועלען נישט דערלאזען אז דער קעניג וועלכער שטאמט פון אונזער שבט, זאל אומגעבויטע ווערען אויף א צווייטען... די מלוכה געהערט נאר צו איינעם פון אונזער שבט וועלכער שטאמט פון שאול'ס משפחה!...

— אויב אזוי, — האט אבנר זיך אפגערופען צו די פארשטעהער פון שבט בנימין, — וועט אייער שבט בלייבען אפגעזונדערט פון אלע איבריגע שבטים... איהר קענט זיך האלטען מיט אייער קעניג, איש בושת, און איבער די איבריגע שבטים וועט קעניגען דוד.

— אונז קימערט נישט אויב מיר וועלען בלייבען אפגעזונדערט פון די איבריגע שבטים, — האבען זיי זיך איינגעשפארט, — מיר וועלען נישט דער־לאזען אריבערצופיהרען די מלוכה פון אונזער שבט צו א צווייטען.

— איהר האט געוויס נישט פארגעסען די גרויסע שטראף וואס דער שבט בנימין האט בעקומען מיט יאהרען צוריק, — האט אבנר זיך אפגערופען, — ווען אייערע אור־עלטערען האבען זיך איינגעשפארט און נישט געוואלט נאכגעבען די גערעכטע פאדערונג פון די שבטים ארויסצוגעבען די שלעכטע מענשען וועל־כע האבען אזוי גרויזאם און ברוטאליש פערפייניגט צום טויט די פלגש איז גבעה... וויפיעל האט דען געפעהלט אז אונזער שבט בנימין זאל אין גאנצען אפגעמעקט ווערען פון דער ערד... איך אליין שטאם אויך פון זעלבען שבט

און איך בין איבערצייגט אז עס וועט זיין א סך בעסער פאר אונזער שבט זיך נישט אפצוזונדערען פון די איבעריגע שבטים.

דיזע ווערטער פון אבנר'ן האבען געמאכט א שטארקען רושם אויף די פאר־שטעהער פון שבט בנימין און זיי האבען איינגעשטימט צו טהאן ווי די איבריגע שבטים...

גלייך נאכדעם איז אבנר מיט צוואנציג פון זיינע פריינד אוועק צו דוד'ן און איהם איבערגעגעבען די פרעהליכע נייעס אז אלע שבטים שטימען איין איהם אויסצוערוועהלען אויף פאר זייער קעניג.

— יעצט דארפען מיר באשטימען א צייט, — האט אבנר געזאגט, — אום צו פערזאמלען גאנץ ישראל און דאן וועט מען פייערען דיין קרוינונג.

דוד האט געמאכט א מאלצייט פאר אבנר'ן און זיינע מענשען און מען האט געגעסען און געטרונקען און פערבראכט ביז פריהמארגען.

אבנר האט נאך אמאל בעניית דעם בונד מיט דוד'ן, זיך מיט איהם גע־זעגענט און דוד האט איהם אוועקגעשיקט מיט גרויס פאראד און כבוד.

ווי נאר אבנר איז ארויס פון שטאדט חברון, אזוי איז דארט אנגעקומען יואב מיט זיין זיעגרייכער ארמיי. ער האט מיטגעפיהרט זעהר א גרויסען שלל פון די גשורים וואס ער האט צוגענומען. אנטקעגען איז איהם אנגעקומען אורית דער חתי און האט זיך צו איהם אפגערופען:

— האסטו דען נישט באגעגענט אויף'ן וועג אבנר'ן? ער האט נאר וואס פארלאזט דוד'ס פאלאץ, וואו דער קעניג האט לכבוד איהם געמאכט א מאלצייט און איהם אוועקגעשיקט מיט גרויס פאראד.

— וואס האט אבנר געטהאן ביי דוד'ן? — האט איהם יואב געפרעגט פערוואונדערט.

— מען זאגט אז אבנר וויל איבערגעבען דוד'ן די מלוכה פון איש בושת'ן, בתנאי דאס ער זאל איהם מאכען פאר דעם הויפט שר צבא.

יואב'ס פנים האט זיך געביטען קאלירען. ער האט געקריצט מיט די צייהן פון צארן... — יא, אבנר וויל זיך בעזארגען בעצייטענס, — האט זיך יואב אפגערופען צו אביש'ן, — ער ווייס גאנץ גוט אז פריהער אדער שפעטער וועט דוד'ס מלוכה זיין באפעסטיגט איבער גאנץ ישראל, וויל ער דאס פערכאפען עס זאל הייסען אז נור דורך איהם האט דוד אריינגעקראגען די איבריגע שבטים, און דערפאר וועט ער געוועהנליך קריגען זיין באלוינונג... דער הויפט שר צבא ווילט זיך איהם ווערען, דעם מערדער פון אונזער ברודער.

יואב איז גלייך אוועק צו דוד'ן, און האט אפגעגעבען א באריכט פון זיין זיעגרייכען איבערפאל אויף די גשורים... ער האט איהם געצייגט די פיעלע שלל וואס ער האט געבראכט פון דער מלחמה.

— איך האב געהערט אז אבנר איז ביי דיר געוועזען, מיין האר, — האט יואב זיך פלוצלינג אפגערופען, — וואס האט ער פערלאנגט?

— ער וויל איבערגעבען איש בושת'ס מלוכה צו מיר, — האט איהם דוד געענטפערט, — ער האט שוין דערצו אויך געקראגען די הסכמה פון די פאר־שטעהער פון אלע שבטים... איך האב מיט איהם געשלאסען א בונד און איך האף אז איהר ביידע וועט אויך ווערען גוטע פריינד...

— וואס האסטו געטהאן, מיין האר קעניג! ? — האט יואב אויסגערופען, —

קענסטו דען נישט אבנר'ן, דעם זוהן פון נר ?!... ער איז דאך געקומען מיט זיינע זיסע ווערטער און גוטע פארשפרעכונגען כדי אויסצוגעפינען אלע סודות פון דיין קעניגרייך... ער וויל אויסגעפינען וואס דו האסט אין זינען צו טהאן, נאכהער וועט ער קומען מיט זיין ארמיי און מיט דיר מלחמה האלטען...

— דו אורטיילסט איהם צו שנעל, יואב, — האט דוד געזאגט מיט א שמייכעל, — נאטירליך אז אין די פריהערדיגע יאהרען האט ער געזוכט צו בעפעסטיגען שאול'ס קעניגרייך, דאן האט ער אויך געזוכט אנצופאנגען א מלחמה מיט אונז... יעצט אבער האט ער זיך אין גאנצען געענדערט... און ווען ער איז צו מיר געקומען צו שליסען א בונד, האט ער מיר געבראכט מיכל'ן... איך צווייפעל נישט אין זיין עהרליכקייט און אין זיין ערנסטקייט... און נאך אלעמען וועסטו דאך אויך צוגעבען אז אבנר איז א העלד און האט זיך נישט איינמאל אויסגעצייכענט אלס קאמאנדיר פון שאול'ס מחנות...

דוד'ס לעצטע ווערטער האבען יואב'ן נאך מעהר אויפגערעגט און אויפגערייצט... אבנר איז ביי דוד'ן א העלד... ער איז יעצט מעהר ווי זיכער, אז אבנר וועט פון קעניג בעשטימט ווערען פאר'ן קאמאנדיר אנשטאט איהם... זיין כעס האט אין איהם געברענט... ער האט זיך ענטשולדיגט פאר דוד'ן און שנעל פארלאזען דעם פאלאץ...

— אבישי, — האט זיך יואב אפגערופען צו זיין ברודער, וועלכער איז געשטאנען און געווארט אויף איהם נעבען פאלאץ, — נעהם שנעל מיין פערד און יאג אן אבנר'ן און זאג איהם אז איך וויל מיט איהם ריידען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין... לויף אזוי שנעל ווי מעגליך, ווייל ער האט זיך שוין דערווייטערט פון שטאדט, און זעה דאס ער זאל זיך אומקעהרען... די זאך איז שוין צו ווייט אוועק... עס קען ווייטער אזוי נישט געהן...

— וואס זאל איך טהאן אויב ער וועט נישט וועלען זיך צוריקקעהרען ? — האט אבישי געפרעגט.

— זאג איהם אז דוד האט איהם געשיקט רופען, און איך וועל איהם איבערנעהמען... דו פיהר איהם פארביי דעם ברונעם סירה... דארטען וועל איך אויף איהם ווארטען.

אבישי האט זיך שנעל ארויפגעכאפט אויף יואב'ס פערד און אוועקגעריטען אין דער ריכטונג וואו אבנר איז געגאנגען. אין א קורצער ווייל ארום האט ער איהם דערגרייכט.

— אבנר! אבנר! — האט אבישי איהם נאכגעשריען.

אבנר האט זיך אפגעשטעלט און אבישי איז שנעל צו איהם צוגעריטען.

— דער קעניג האט נאך זעהר וויכטיגעס דיר צו זאגען, — האט אבישי זיך אפגערופען, — און ער האט מיר און יואב'ן געשיקט דיר אומצוקעהרען אזוי שנעל ווי מעגליך... יואב איז געוועזען זעהר מיעד פון דער מלחמה, האט ער זיך דאריבער אפגעשטעלט... ער וועט אונז באגעגענען נעבען דעם ברונעם סירה און מיר וועלען צוזאמען געהן צום קעניג.

אבנר האט גארנישט חושד געווען. ער האט אנגעזאגט די מענשען וועלכע האבען איהם באגלייט, זיי זאלען בלייבען אויף דעם פלאץ און ווארטען ביז ער וועט זיך צוריקקעהרען.

אויפ'ן וועג האט זיך אבנר אנגערופען צו אבישי'ן:

— וואס קען דאס זיין וואס דער קעניג האט אזוי שנעל מיך געשיקט צוריקרופען, ווייסטו פיעלייכט די אורזאכע?

— איך וויים נישט, — האט אבישי געענטפערט, — אבער איך גלויב, אז מיין ברודער וויים.. מעגליך אז עס האט עפעס צו טהאן מיט דער מלחמה פון וואנען יואב זיך האט נאר וואס צוריקגעקעהרט.

— איך האב, — האט זיך אבנר ווידער אפגערופען, — אז דו און יואב טראגען אויף מיר נישט קיין שנאה צוליעב דעם טויט פון אייער ברודער עשהאל... ער איז געוועזען נאך אזוי יונג און זעהר נאריש... איך האב זיך ביי איהם געבעטען ער זאל אויפהערען מיר נאכיאגען, איך האב איהם געווארנט און אפילו אנגעבאטען ער זאל צונעהמען די געוועהר און קליידער פון איינעם פון מיינע יונגען, כדי ער זאל זיך נישט דאהפען צוריקקעהרען מיט ליידיגען... אבער ער האט נישט געוואלט אפטרעטען... און איך האב איהם געמוזט טויטען אין זעלבסטפערטיידיגונג.

— מיר האבען שוין לאנג וועגען דעם פארגעסען! — האט אבישי גע־זאגט, — אין א מלחמה איז זעהר שווער זיך אויסצוהיטען נישט צו פארגיסען קיין בלוט.

— נו, יעצט אז אלע שבטים וועלען זיין פעראייניגט אונטער דוד'ן, וועט שוין מעהר נישט פארקומען צוזאמענשטויסען און בלוט־פארגיסונגען צווישען אייגענע ברידער, — האט אבנר מיט א שמייכעל געזאגט, — האסטו דאך מסתמא געהערט אז איך האב איבערגעגעבען דוד'ן די מלוכה פון איש בושת'ן?!

— יא, מיר האבען עס ערשט היינט געהערט, און עס איז זיכער געווען זעהר אן אנגענעהמע איבערראשונג פאר מיר און מיין ברודער... ווייל דוד איז דאך נאך אלעמען דער פאסענדסטער קעניג איבער גאנץ ישראל...

— מיט פעראייניגטע קרעפטען וועלען מיר זעהר גרינג קענען בייקומען אונזערע שונאים, — האט אבנר צוגעגעבען.

— אט זיינען מיר שוין נישט ווייט פון דעם ברונעם פון סירה, — האט אבישי אויסגערופען, ווען זייערע פערד האבען אראפגאלאפירט פון דעם לעצטען בערגעל אין חברון...

* * *

יואב איז ארומגעגאנגען ביים ברונעם אן אויפגערעגטער. זיין פנים האט געפלאמט פון צארן... הייסט עס, אז אבנר וויל איהם ארונטערזעצען פון זיין גדול... פריהער וועט ער ווערען הויפט־קאמאנדיר איבער זיינע אייגענע ארמייען וועלכע ער וועט ברייננגען צו דוד'ן און שפעטער וועלען זיך אלע ארמייען פעראייניגען און אבנר וועט ווערען זייער שר צבא. ער וועט מאכען א גוטען אויסטויש! אנשטאט צו הערשען בלויז איבער איש בושת'ס ארמייען, וועט ער יעצט אויך הערשען איבער די ארמייען פון דוד'ן... ניין, דאס וועט קיינמאל נישט געשעהן!

ער האט אנגעריהרט דעם שווערדעל וואס ער האט געהאלטען פארבארגען אונטער זיין מאנטעל... שטארבען וועט היינט אבנר! דער שווערד וועט באלד אויסלייזען די בלוט פון מיין ברודער עשהאל וואס אבנר האט פארגאסען, און מאכען אן ענדע צו אלע זיינע פלענער.

יואב האט פון ווייטען דערזעהן זיין ברודער אנקומען מיט אבנר'ן. ער

איז זיי אנטקעגנגעגאנגען און מיט אן געצוואונגענעם שמייכעל אויף זיין פּנים האָט ער באגריסט אבנר'ן.

— שלום, מיין פריינד! — האָט יואב איהם געגעבען די האנד, — איך בין זעהר צופרידען וואס מיין ברודער האָט דיך אָנגעיאָגט, ווייל דער קעניג האָט זעהר א וויכטיגע זאך דיר צו זאָגען. און איידער דו רעדסט מיט דעם קעניג, האָב איך דיר צו פאַרטרויען א סוד. קום צו מיט מיר צו יענעם טויער וואו קיינער וועט אונז נישט שטערען...

אבנר איז געוועזן זעהר גערירט פון יואב'ס פריינדליכקייט. ער איז אַרונ־טער פון זיין פערד און זיך אָפּגערופען:

— איך בין זעהר גליקליך, יואב, וואָס מיר וועלען פון יעצט אָן ווערען גוטע פריינד... איך האָף אז אונזער פריינדשאַפט וועט זיין אזוי ווי די פריינד־שאַפט פון דוד און יונתן...

— מיין ברודער וועט זיין דוד, און דו, מיין האר — יונתן!... — האָט אבישי צוגעגעבען מיט א שמייכעל.

יואב און אבנר האָבען הארציג געלאַכט פון אבישי'ס באמערקונג.

— דו בלייב דאָ שטעהן מיט די פערד, מיין ברודער, — האָט זיך יואב אָנגערופען צו אבישי'ן, — אבנר און איך וועלען דאָ באלד צוריקקומען...

יואב איז מיט אבנר'ן צוגעגאנגען צום טויער, און זיי האָבען א ווײלע גערעדט.

— דער קעניג האָט מיר איבערגעגעבען... — האָט זיך יואב אָפּגערופען, און אריינגערוקט זיין האנד אין מאַנטעל... ער האָט אויגענבליקליך שנעל ארויס־געצויגען פון דאָרט זיין שווערד און גלייך אריינגעשטאָכען אבנר'ן אין הארצען אריין.

— יואב! — האָט אבנר אויסגעשריען, און באלד אנידערגעפאַלען א טויטער אין א טייך בלוט.

— ווי דו האָסט געטהאָן צו מיין ברודער, אזוי האָב איך געטהאָן צו דיר! — האָט יואב געזאָגט און ארויסגעצויגען די שווערד פון אבנר'ס צובלוטיגטען קערפּער.

— — — — — — — — — — — — —

באלד האָט זיך דוד דערוואוסט פון דעם שרעקליכען מאָרד וואָס יואב איז בעגאנגען. ער האָט צוריסען זיינע קליידער פון גרויס צער און עגמת נפש. און מיט גרויס ביטערונג האָט דוד פערדאַמט יואב'ס שווידערליכע טהאַט און מיט א ציטערנדע שטימע האָט ער דעם המון וועלכער האָט זיך פערזאַמעלט ארום דעם פּאַלאַץ אויסגערופען:

— פאַרפלוכט זאָלסטו ווערען, יואב!... זאָל דאָס בלוט פון אבנר'ן פאַלען אויף דיין קאָפּ... זאָל שלעכטעס און אומגליק זיך נישט אָפּטהאָן פון דיין הויז... דו האָסט געטויטעט מיט דיין שווערד דעם בראַווען און עהרליכען אבנר'ן, זאָל דאַריבער דאָס שווערד נישט אויפהערען צו פאַרניכטען די הויז פון יואב... אָה, גאָט, דו ביזט מיין עדות אז איך בין אומשולדיג אין דעם בלוט פון אבנר בן נר... ער האָט מיין הארץ געוואונען מיט זיין נאָבעלקייט און העלדישקייט... נישט לאַנג אָבער איז מיר באַשערט געווען צו האָבען אזא געטרייען און גוטען

פריינד ווי אבנר... ער איז געפאַלען אַ קרבן פון יואב'ס נארישע קנאה... מיט דיינע גרויזאַמע הענט, אַ, יואב, האָסטו צושטערט דעם רייכפאַרביגען לעבען פון דעם בעליעבטען שר צבא... רייסט אייערע קליידער, מיינע פריינד, רייסט קריעה און טהוט אָן זעק און קלאָגט אויף דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט אונז אַלעמען געטראָפען... באוויינט דעם פריהצייטיגען טויט פון דעם העלד פון ישראל...

אַלע איינוואָהנער פון חברון און ארום זיינען געקומען צו דער לויה פון אבנר'ן... דוד איז געגאַנגען הינטער דער מטה און ביטער געוויינט דעם גאַנצען וועג... דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיט איהם מיטגעוויינט...

ביי דעם קבר פון אבנר'ן האָט איהם דוד נאָך אַמאָל מספיד געווען און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ווידער געוויינט צוזאַמען מיט איהם.

ווען מען האָט געבראַכט דוד'ן צו עסען האָט ער נישט גענומען.

— קיינער פון אונז זאָל קיין עסען נישט פאַרזוכען ביז וואַנען די זונן וועט אונטערגעהן! — האָט דוד באַפוילען.

* * *

פיעלע פון די איינוואָהנער פון יהודה זיינען געווען אַזוי אויפגעבראַכט אויף יואב'ן אַז זיי זיינען געקומען צו דוד'ן און געפאָדערט דאָס ער זאָל איהם טויטען דערפאַר.

— מיינע פריינד! — האָט זיי דוד געענטפערט, — איך בין נאָר וואָס געזאַלבט געוואָרען פאַר קעניג און איך וויל נישט פאַרגיסען נאָך בלוט... דיזע מענשען, די זיהן פון צרויה זיינען זעהר האַרטנעקיג און יואב'ס טויט וועט נאָך ברייגען צו מעהר בלוט־פאַרגיסונג... זאָל איהם גאָט בעשטראָפען און איהם בעצאָהלען ווי ער האָט פערדיענט.

די אידען האָבען איינגעזעהן אַז דוד האָט רעכט. צו טויטען יעצט יואב'ן וואָלט די לאַגע נאָך ערגער געוואָרען... און אַ חוץ דעם האָט דאָך יואב אַ גערעכטע טענה. אבנר האָט זיין ברודער געטויטעט און ער איז דער גואל הדם... נאָך אַלעמען איז יואב געווען פאַררעכענט פאַר אַ גרויסען העלד. ער האָט אין פיעלע מלחמות געזיעגט... דאָס פאָלק נויטיגט זיך אין העלדען... ניין, יואב דאַרף יעצט ניט שטאַרבען פאַר זיין פאַרברעכען.

איניגע וואָכען זיינען פאַראיבער און דוד האָט צו יואב'ן ניט גערעדט. אביתר דער כהן וועלכער האָט געטראָגען אַ גרויסע שנאה אויף די גאַנצע פאַמיליע פון שאול'ן צוליעב דעם וואָס ער האָט גע'הרג'עט זיין פאָטער צוזאַמען מיט אַלע כהנים, האָט געזוכט צו מאַכען שלום צווישען דוד'ן און יואב'ן. ער איז אַוועק צום קעניג און זיך אָפּגערופען:

— מיין האַר, קעניג, וועט מיר ענטשולדיגען אויב איך וועל בעטען ער זאָל מוחל זיין יואב'ן פאַר זיין זינד... אויב אבנר איז נישט אומגערעכט ווען ער האָט געטויטעט עשהאל'ן, האָט ער דאָך געהאַט אַ חלק אין דעם טויט פון אַלע כהנים פון נב...

— ווי אַזוי? — האָט דוד איהם געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— איך געדענק, — האָט אביתר געענטפערט, — ווען שאול האָט מיך און מיין פאָטער גערופען צוזאַמען מיט די איבריגע כהנים, איז דאָן אבנר

געשטאנען נעבען קעניג. ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, האָט ער געקענט אבהאַלטען דעם קעניג פון זיין גרויזאַמען טויט... שאול פלעגט זיך צוהערען צו אבנר'ן... אָבער אנשטאָט אָפּצוהאַלטען דעם קעניג, האָט נאָר אבנר איהם ערמוטיגט מיט דעם וואָס ער אַליין האָט גענומען זידלען מיין פאָטער אין שאול'ס אויגען און איהם גערופען פאַררעטער... דאָס האָט דעם קעניג'ס כעס נאָך מעהר אויפגערייצט און ער האָט דאַן באַפוילען אויסצושלאַכטען אַלע כהנים... און יעצט, מיין קעניג, בין איך געקומען דיך בעטען דו זאָלסט אָפּטהאָן דיין כעס פון דיין קנעכט יואב, און איהם מוחל זיין... ווייל אַזוי איז געווען דער וואונש פון גאָט, אַז אבנר זאָל שטאַרבען פאַר דעם בלוט וואָס ער האָט פאַרגאָסען...

— איידער די דרייסיג טעג זיינען פאַראיבער, קען יואב מיין פנים נישט זעהן, — האָט דוד געזאָגט, — נאָכדעם וועל איך זעהן...

— איך דאַנק דיר, מיין האַר קעניג, — האָט אביתר זיך אָפּגערופען און איז גלייך אוועק צו יואב'ן איהם אָנזאָגען אַז אין עטליכע טעג ארום, ווען די שלשים וועט זיך ענדיגען, וועט ער זיך קענען זעהן מיט דוד'ן.

פינף און צוואנציגסטער קאפּיטעל

די פלשתים האַלטען מלחמה מיט דוד'ן

אוריה דער חתי האָט רעגעלמעסיג געצאָהלט די צוויי ברידער רכב און בענה הונדערט שקלים א מאָנאַט, פאַר האַלטען דעם סוד וואָס זיי האָבען נעוואוסט וועגען איהם. פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט זיי אַליין געזעהן און האָט זיי פערזיכערט אַז ער וועט זעהן קריגען פאַר זיי הויכע עמטער אין דוד'ס ארמיי.

— איהר האָט דאָך געוויס געהערט, — האָט זיך אוריה צו זיי אָפּגערופען, — אַז דוד וועט אין גיכען ווערען קעניג איבער אַלע שבטים. איהר מעגט רוהיג זיין אַז איך וועל אָן אייך נישט פאַרגעסען און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועל איך מיט דעם קעניג ריידען וועגען אייך.

— דערווייל זיינען שוין עטליכע יאָהר אַוועקגעגאַנגען זינט דו האָסט אונז פאַרשפּראָכען עפּעס צו טהאָן, און דערווייל וואַרטען מיר... ביז ווי לאַנג דיינקסטו וועלען מיר וואַרטען? — האָט איהם רכב געפרעגט.

— לאַנג וועט שוין יעצט נישט נעהמען, — האָט אוריה זיי געענטפערט, — ווי איך פאַרשטעה וועט אבנר ווערען דער הויפּט שר צבא אויך איבער דוד'ס ארמייען און דאַן וועט איהר זיין געזיכערט מיט א הויכען אמט.

— אויב דו לייגסט האָפנונג אויף אבנר'ן — האָט בענה זיך אָפּגערופען, — וועסטו זיכער זיין ענטטוישט, ווייל נישט איינמאָל האָט אבנר אונז געזאָגט דאָס ער וועט אוועקנעהמען אונזערע עמטער ביי אונז.

— וואָס איז די אורזאַכע וואָס אבנר וויל אייך ארונטערזעצען, — האָט אוריה זיי געפרעגט, — איהר האָט דאָך מיר געזאָגט אַז אין אבנר'ס ארמיי זייט איהר אָפיצירען, מסתמא האָט איהר דאָך פערדיענט.

— דאָס איז צוליעב מיין ברודער, — האָט רכב געענטפערט, — בענה איז זעהר פויל און צוליעב איהם מוז איך אויך ליידען.

— נישט נאר צוליעב מיר, נאר טאקע צוליעב דיר, — האט בענה זיך אפגערופען, — אבנר איז אויף אונז אין כעס צוליעב דעם וואס מיין ברודער האט זיך זעהר שלעכט אויפגעפיהרט מיט א פרוי פון מחנים...

— און דו ביזט געווען א צדיק? — האט רכב איבערגעקרימט זיין ברודער.

— מיר האט מען דאך אבער נישט געכאפט ביים האנר, — האט בענה געשמייכעלט, — אט האט אוריה פארראטען זיין גוטען פריינד דוד'ן... אבער וויבאלד אז ער האט איהם נישט געכאפט פאר'ן האנד, האט ער איהם נאך גאר געמאכט פאר א שר אלף...

אוריה'ס צארן האט אין איהם געברענט, ווען ער האט געהערט ווי זיי מאכען חוזק פון איהם. אבער ער האט זיין כעס איינגעהאלטען. ער האט גע־וואוסט אז זיי האבען איהם יעצט אין די הענד, זיי האלטען א בייטש איבער איהם... ער האט דאריבער פארביסען מיט די ליפען און געשוויגען.

גלייך ווי אבנר איז געטויטעט געווארען האט אוריה בעשלאסען ווידער אמאל זיך צו זעהן מיט די צוויי ברידער. ער האט מורא געהאט טאמער וועלען זיי איצט ארויסקומען מיט זיין סוד. ער איז דאריבער גלייך צו זיי אוועק און זיך אפגערופען:

— אבנר איז טויט. דער טראהן פון איש בושת'ן וואקעלט זיך... פריהער אדער שפעטער וועלען אלע שבטים אריבערגעהן צו דוד'ן... יעצט איז אייער געלעגענהייט צו טהאן א זאך וואס זאל געפינען חן אין דוד'ס אויגען, און דאן וועט שווין זיין זעהר גרינג פאר אייך צו קריגען הויכע מיליטערישע עמטער אין דוד'ס ארמייען.

— וואס פאר א זאך, צום ביישפיעל, קענען מיר טהאן כדי אויסצונעהמען ביי דוד'ן? — האט רכב איהם געפרעגט.

— עס זיינען פאראן פיעלע זאכען וואס קענען געפעלען דעם קעניג, — האט אוריה געענטפערט.

— מיר וועלען דאך דעם קעניג נישט קענען אפנארען, — האט בענה א זאג געטהאן, — מיר וועלען דאך דארפען טהאן עפעס ממשות'דיגעס. נו, וואס א שטייגער קענען מיר טהאן?...

אוריה האט פארשטאנען דעם שטאך, אבער ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט... ער האט בלויז געטראכט ווי אזוי ער וועט קענען אין גאנצען פטור ווערען פון זיי... באלד איז איהם איינגעפאלען א געדאנק: ווען ער זאל אויף זיי קענען ווירקען צו טויטען איש בושת'ן, דעם שוצלאזען קעניג, וואלט געווען א טהאט וואס וואלט געפעלען דוד'ן... דאן וואלט ער פון זיי וואס שנעלער פטור געווארען... דוד וואלט זיי זיכער בעשטראפט מיט דעם טויט דערפאר און אזוי וואלט ער פטור געווארען פון די צוויי ברידער וועלכע פארביטערען זיין לעבען סטראשענדיג איהם יעדען טאג אז זיי וועלען ארויסגעבען זיין סוד... געוויינליך, ער דארף טהאן אזוי, אז עס זאל ניט אויסקומען אז ער האט דאס זיי געראטהען צו טהאן... ווייל ווען דוד זאל זיך דערוויסען אז ער האט זיי געהייסען דאס טהאן, דאן איז ער פארפאלענער...

— אבנר האט געטהאן זעהר א גוטע זאך פאר דעם קעניג, — האט אוריה זיך צו זיי אפגערופען, — ער האט פארקירצט דעם וועג צו דוד'ס הערשאפט

איבער גאנץ ישראל, און ווען יואב וואלט איהם נישט געטויטעט, וואלט ער דאך יעצט געווען דער הויפט קאמאנדיר איבער אלע ארמייען.

— יעצט אבער, אז אבנר איז טויט, וועלען דען די איבריגע שבטים איינשטימען אז דוד זאל זייער קעניג ווערען? — האט רכב איהם געפרעגט.

— געוויינליך וועט יעצט זיין עטוואס שווערינקייטען, — האט אוריה געזאגט, — כל זמן איש בושת לעבט וועט ער נאך האבען פיעלע אנהענגער וועלכע וועלען אונטערשטיצען די הויז פון שאול'ן... זאל אבער איש בושת אפגעראמט ווערען פון וועג, אזוי ווערט דער וועג פאר דוד'ן אין גאנצען רייז... אט דעם פעראנטווארטליכען פערזאן פון אזא טהאט וואלט דוד זעהר פיין בעלוינט.

— דו מיינסט, אז ווען אימיצער זאל אוועקשיקען איש בושת'ן צו זיין פאטער און צו זיינע ברידער... וואלט איהם דוד בעלוינט? — האט בענה איהם געפרעגט.

— אהן צווייפעל אז דוד וואלט אזא פערזאן דערהויבען צו דעם העכסטען אמט, — האט אוריה געזאגט, — אבער דאך וויל איך איהר זאלט מיר נישט מיספארשטעהען... איך ראטה קיינעם נישט צו טהאן אזא זאך, ווייל איך וויל נישט זיין פערמישט אין דעם... אבער ווען אימיצער וואלט וויסען ווי צו האנדלען אין דיזער לאגע וואלט ער דערגרייכט דאס העכסטע גליק...

— בענה! — האט רכב אנגענומען זיין ברודער'ס האנד, — דו האסט געהערט וואס אוריה האט געזאגט, מיר קענען דערגרייכען דאס העכסטע גליק... פארשטעהסטו, זינט אבנר איז טויט, איז איש בושת געבליבען אהן אר ארמיי... און פריהער אדער שפעטער וועלען מיר אין גאנצען ארונטער פון אונזער גדולה... יעצט האבען מיר א זעלטענע געלעגענהייט צו העלפען דוד'ן און אויך אונז זעלבסט... הא, וואס זאגסטו אוריה, ווען מיר ברייננגען, צום ביישפיעל, איש בושת'ס קאפ צו דוד'ן?...

— דאן וואלט דוד'ס טראהן געווען געזיכערט... ער וואלט געהערשט איבער גאנץ ישראל און אייך וואלט ער גיווים געמאכט פאר די העכסטע בעאמטע אין זיין מלוכה, — האט אוריה געזאגט, — אבער פארגעסט נישט אז איך זאג אייך גארנישט... טהוט ווי איהר פארשטעהט... איך וועל מעהר גארנישט ריידען דערפון... נאר אז עס וועט האלטען דערביי וועל איך זאגען דעם קעניג עטליכע גוטע ווערטער וועגען אייך... יעצט אייל איך זיך... איך מוז געהן... ווער ווייס, עס קען מעגליך זיין אז גאר אין גיכען זאל איך זיין אונטערוואורפען צו אייך...

אוריה האט איבערגעלאזען די צוויי ברידער אין מיטען פון זייער פלאנעווען און אליין האט ער זיך צוריקגעקעהרט אין חברון, צו זיין פרוי בת שבע'ן.

לאנג האבען זיך נאך רכב און בענה גע'סוד'עט צווישען זיך... דער געדאנק וואס אוריה האט אין זיי אריינגעגעבען האט זיי ווי פער'שכור'ט...

— לאמיר באלד פערטיג ווערען מיט איהם! — האט בענה זיך אפגערופען צו זיין ברודער, — קיין גרויסער פערלוסט וועט פאר'ן פאלק נישט זיין ווען מיר זאלען מאכען איש בושת'ן מיט א קאפ קירצער...

— מיין עצה איז, אז מיר זאלען ווארטען ביז מארגען, — האט רכב גע־

זאגט. — דערווייל וועלען מיר אויסגעפינען די געהיימע אריינגאנגען צו זיין פאלאץ און אויב נויטיג, אונטערקויפען זיינע לייבוועכטער.

— אויב מיר וועלען עס אפלייגען ביז מארגען, קען זיך דערווייל געפינען אימיצער אנדערש וועלכער וועט עס טהאן... ווייל איש בושת איז יעצט שוצלאז און ווי איך האב געהערט, זיינען אפילו זיינע לייבוועכטער פון איהם אוועק... זיין געלד איז אויסגעגאנגען, און ווען ער דארף אימיצען בעצאהלען, צאהלט ער מיט די ווייץ וואס געפינט זיך אין זיין הויז. דאריבער איז מיין עצה, אז מיר ביידע זאלען כלומרשט אריינגעהן אויפמאהנען אונזער חוב וואס דער קעניג איז אונז שולדיג און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען מיר איהם דער־שטעכען...

ווען איש בושת, שאול׳ס זוהן, האט זיך דערוואוסט פון אבנר׳ס טראגישען טויט, האט ער זיך נאך מעהר דערשראקען... ער האט פון לאנג שוין איינגעזעהן אז ער פאסט זיך נישט פאר קיין קעניג, ער איז נישט קיין העלד און נישט איבעריגנס בעליעבט ביים פאלק... ער וואלט שוין לאנג אויפגעגעבען די מלוכה, ווען ער זאל זיין זיכער, אז איהם פערזענליך וועט מען נישט אנריהרען... און כאטש אבנר איז אויף איהם לעצטענס געווען שטארק אין כעס, וואלט ער דאך איהם בעשיצט. יעצט אז אבנר איז טויט, ווער וועט איהם בעשיצען... דוד וועט ווערען קעניג איבער גאנץ ישראל... ער האט דאריבער די גאנצע צייט ניט פאר־לאזען זיין פאלאץ... מיט אבנר׳ס טויט איז פון זיין ארמיי גארנישט געווארען... די וועלכע זיינען איהם טריי געבליבען פאדערען פון איהם געצאהלט און די אוצרות זיינען ליידיג...

איש בושת האט געהייסען אויסצוצאהלען די חובות מיט די ווייץ פון זיינע שפייכלער... דער קעניג פלעגט ארויסגעבען יעדען מאהנער א צעטעל וויפיעל ווייץ ער זאל קריגען, און דאמיט פלעגט יענער אריינגעהן אין שפייכלער און קריגען זיין חלק ווייץ...

עס איז געווען מיטאג־צייט און איש בושת איז זיך געלעגען אין זיין בעטעל און געכאפט א דרעמעל.

רכב און בענה זיינען צוגעקומען צום פאלאץ און פערלאנגט מען זאל זיי געבען ווייץ פאר דעם חוב וואס דער קעניג קומט זיי.

מען האט זיי געהייסען אריינגעהן צום קעניג און קריגען פון איהם א צעטעל וויפיעל ווייץ זיי דארפען קריגען. די צוויי ברידער זיינען אריין צו איש בושת׳ן אין צימער און געטראפען דעם קעניג שלאפענדיג... זיי האבען זיך שטילערהייד דערנעהנטערט צו זיין בעטעל און בענה האט שנעל ארויסגעצויגען זיין שווערד און אריינגעשטאכען דעם שלאפענדען קעניג אין הארצען, און זיי זיינען שנעל ארויסגעלאפען פון הויז דורך א הינטער טהיר.

ווען זיי זיינען אפגעלאפען א שטיקעל, האט זיך רכב אפגערופען צו זיין ברודער:

— פון גרויס איילעניש האבען מיר גארנישט מיטגענומען קיינע בעווייזע אז דאס האבען מיר איהם געטויטעט און נישט קיין אנדערער.

— נו, לאמיר זיך אומקעהרען צוריק אין פאלאץ און ארונטערשניידען זיין

קאפ און עס ברייננגען א מתנה דוד'ן... איך בין זיכער אז קיינער איז נאך דארטען נישטא.

רכב און בענה האבען זיך צוריקגעקערט און אריין נאך אמאל אין פאלאץ... זיי האבען זיך גוט ארומגעקוקט און ווען זיי זיינען געווען זיכער, אז קיינער געפינט זיך נישט אין קעניג'ס צימער, זיינען זיי אהין ווידער אריינגעקומען. רכב האט ארויסגעצויגען דעם שווערד פון קעניג'ס קערפער און האט אראפ־געשניטען זיין קאפ. און דורך דער זעלבער טיהר זיינען זיי ארוים און אוועק־געגאנגען נאך חברון. די גאנצע נאכט זיינען די צוויי ברידער געגאנגען מיט איש בושת'ס קאפ אין זייערע הענד... גליקליכע און צופרידענע זיינען זיי אריבערגעגאנגען דעם ירדן און געמארשירט מיט פעסטע טריט. זיי האבען זיך פארגעשטעלט א שעהנעם חלום פון גרויסקייט און ערהויבענקייט... ווי פריינדליך דוד וועט זיי אויפנעהמען — האבען זיי געטראכט, — ער וועט זיי הערצליך בעדאנקען און זיי גלייך בעלוינען פאר זייער העלדישקייט.

— מיר וועט קומען א גרעסערע באלוינונג, — האט בענה געזאגט צו זיין ברודער, — ווייל איך בין געווען דער ערשטער איהם צו טויטען...

— אבער איך האב דאך זיין קאפ ארונטערגעשניטען כדי דוד זאל זיין זיכער אז איש בושת לעבט מעהר נישט... דאריבער קומט מיר די גרעסערע באלוינונג...

— מעגליך אז דער קעניג וועט אונז ביידען גלייך געבען די זעלבע עמטער.

— האט בענה געזאגט, — און מיר קריגען זיך נאר אומזיסט...

פארטאג זיינען זיי אנגעקומען אין חברון. מיט זעלבסט צופרידענהייט און מיט שטאלץ האבען זיי איש בושת'ס קאפ געטראגען איבער די גאסען פון חברון ביז זיי זיינען אנגעקומען צו דוד'ס פאלאץ... פיעלע מענשען וועלכע האבען באמערקט וואס די ברידער האבען געטראגען אין זייערע הענד, האבען מיט גרויס נייגעריגקייט זיי נאכגעפאלגט ביז'ן פאלאץ. א גרויסער עולם האט זיך דארטען פערזאמעלט... רכב און בענה האבען געבעטען דעם שומר ער זאל מעלדען דעם קעניג וועגען זייער אנקומען.

דוד איז ארויסגעגאנגען און זיי געפרעגט וואס זיי פערלאנגען.

— מיר האבען דעם קעניג געבראכט א מתנה פון מחנים!...

דוד האט זיי אנגעקוקט מיט ערשטוינונג און די צוויי ברידער האבען געצייגט דוד'ן דעם קאפ פון איש בושת'ן, האבען זיי זיך אפגערופען:

— מיר האבען געטויטעט דעם גרעסטען שונא פון אונזער האר קעניג.

דוד איז עטוואס אפגעשפרונגען אויף צוריק מיט שוידער.

— ווער האט איהר געטויטעט? — האט ער זיי שנעל א פרעג געטהאן.

— מיר האבען איש בושת'ן, דעם קעניג פון ישראל... יעצט וועט אונזער האר דוד מעהר נישט האבען קיין שטערונג צו ווערען קעניג איבער גאנץ ישראל... ווייל ער איז געווען דער לעצטער זוהן פון שאול'ן.

— ווער האט אייך עס געהייסען טהאן אזא זאך! — האט דוד אויסגערופען.

— מיר האבען עס אליין געטהאן אויף אונזער אייגענעם רעכענונג, — האט בענה מיט שטאלץ געענטפערט.

— מיר האָבען אונזער לעבען אין סכנה געשטעלט אום צו געפינען חן אין די אויגען פון אונזער האר דוד, — האָט רכב צוגעגעבען.

— איהר אומווירדיגע רשעים! — האָט דוד אויסגערופען מיט כעס, — איהר האָט פארגאָסען דאָס בלוט פון אן אומשולדיגען מענשען! איהר האָט געטויטעט דעם זוהן פון דעם געזאַלבטען פון גאָט אין דער צייט פון זיין שלאָף, ווען ער איז געווען הילפלאָז און שוצלאָז!... איך שווער ביי גאָט, אז ווען דער עמלקי איז צו מיר געקומען און דערצעהלט אז ער האָט געהאָלפען טויטען שאול'ן, דענקענדיג אז ער זאָגט מיר אן א בשורה טובה, האָב איך אָבער באפוילען איהם צו טויטען פאר אויפהויבען א האנד געגען דעם געזאַלבטען פון גאָט... און איצט די פארגאָסענע בלוט פון איש בושת'ן וועט פאלען אויף אייערע קעפּ... ווייל איהר זייט פלוצלינג באפאלען א מענשען וועלכער האָט מיט אייך בלויז גוטעס געטהאָן און איהם אזוי אומ'רחמנות'דיג ערמאָרדעט... איהר ביידע האָט פער־דיענט דעם טויט פאר דיזען שוידערליכען פארברעכען.

רכב און בענה זיינען געפאלען אויף זייערע קניע און זיך גענומען בעטען ביי דוד'ן אז ער זאָל זיי ניט טויטען.

דוד האָט אָבער זיך צו זיין נישט געוואָלט צוהערען. ער האָט א וואונק געטהאָן צו יואב'ן און צו די עטליכע גבורים און יענע האָבען די צוויי ברידער אויפגעהויבען פון דער ערד.

— טהוט צו זיי ווי זיי האָבען געטהאָן צו איש בושת'ן! — האָט דוד באפוילען.

מען האָט זיי גענומען ארויספיהרען פון פאלאַץ. זייערע געבעטען און גע־שרייען זיינען געפאלען אויף טויבע אויערען...

אין א ווינקעל פון פאלאַץ איז געשטאַנען אוריה דער חתי און האָט אלעם געזעהען און געהערט... און ווען מען האָט די צוויי ברידער פון פאלאַץ ארויס־געפיהרט, האָט ער גרינגער אָפּגעאָטעמט... א פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין קערפּער. באלד ווערט ער פּטור פון די צוויי ברידער, וועלכע ווייסען זיין סוד... זיין איינפאל איז איהם געלונגען... פריהער, מיט יאָהרען צוריק האָט ער אָפּגענארט דוד'ן און צוליעב דעם געקראָגען די שעהנע בת שבע'ן פאר זיין פרוי, און יעצט... האָט ער אריינגענארט די ברידער צו טויטען איש בושת'ן און דאמיט ווערט ער פּטור פון די איינציגע צוויי מענשען וועלכע ווייסען פון זיין סוד... ער האָט בעשלאָסען נאָכצוגעהן און אליין צו זעהן ווי מען פיהרט אוים אויף זיי דעם טויט־אורטייל.

רכב און בענה האָבען דעם גאנצען וועג געשטורעמט און געליאָרעמט:

— אוריה דער חתי, ער איז אין דעם שולדיג, — האָט רכב אויסגעשריען — ער האָט אונז אָנגערעדט צו טויטען דעם קעניג פון ישראל!.. .

— יא, ער האָט אונז פערראַטהען, ווי ער האָט פערראַטהען דוד'ן, — האָט בענה געיאָמערט...

ביי אוריה'ן האָט דאָס הארץ א ריס געטהאָן. ער האָט זיך דערנעהנטערט צו יואב'ן וועלכער האָט געפיהרט די צוויי ברידער.

— איך האָב געהערט ווי די מערדער זוכען צו פארבינדען מיין נאָמען מיט דעם שוידערליכען מאָרד, — האָט זיך אוריה אָפּגערופען, — א חוץ דעם וואָס זיי זיינען מערדער, זיינען זיי גרויסע ליגנער... האָסטו דען נישט געהערט

ווי זיי האָבען זיך מודה געווען פאַר'ן קעניג און געזאָגט: "מיר האָבען עס אליין געטהאָן אויף אונזער אייגענעם חשבון".

— יא, — האָט יואב זיך צו זיי אָפּגערופען, — איהר פאַלשע רשעים, איהר ווילט ארייִנשלעפּען אן אומשולדיגען מענשען. איך האָב אליין געהערט ווי איהר האָט זיך מודה געווען...

— אָבער ביי אונזער גאָט אין הימעל שווערען מיר, אז אוריה האָט פּער־ראַטהען דוד'ן בעת ער האָט זיך אויסבעהאַלטען פון שאול'ן... אוריה האָט אונז ביידען געשיקט אַנצוזאָגען דעם קעניג אז דוד בעהאַלט זיך אין בית שמש. מיר זיינען געגאַנגען צום קעניג און איהם דאָס איבערגעגעבען, און גלייך נאָכדעם איז שאול געקומען נאָך בית שמש מיט אן ארמיי.

אוריה איז בלאַס געוואָרען. ער האָט פּרובירט שרייען אז עס איז א ליגען, דאָס האָבען זיי אויף איהם אויסגעטראַכט א בלבול. יואב אָבער האָט גלייך פאַרשטאַנען אז אין דעם איז אוריה שולדיג...

— דאָס האָט גאַרנישט צו טהאָן מיט אייך, — האָט יואב אויסגערופען, — דעם קעניג'ס באַפעהל אייך צו טויטען פאַר דעם מאָרד פון איש בושת'ן, מוז אויסגעפיהרט ווערען.

ער האָט באַפוילען איינעם פון די גבורים, און יענער האָט בענה'ן און רכב'ן געטויטעט, און זייערע קערפּערס אויפגעהאַנגען איבער די סאַזשעלקע אין חברון.

נאָך דעם האָט זיך יואב אָפּגערופען צו אוריה'ן:

— איך ווייס, מיין פריינד, אז בענה און רכב זיינען געווען גערעכט וואָס זיי האָבען דיך בעשולדיגט אין פעררראַטהען דוד'ן צום קעניג שאול... אָבער איך פאַרזיכער דיר אז אויב דו וועסט זיין בראַוו און ווערטה, וועל איך דעם סוד צו קיינעם נישט ענטדעקען. דאָך וואָלט איך וועלען וויסען פון דיר דעם ריינעם אמת וואָס דיך האָט געטריבען צו אזא טהאַט... ווי איך האָב געזעהן איז דוד אַלע מאָל געווען דיין פריינד, און דו האָסט איהם אויך גערדיענט מיט טריי־הייט, ווי אזוי־זשע קומט עס אז דו זאָלסט שיקען די צוויי ברידער רכב און בענה זיי זאָלען אַנזאָגען שאול'ן אז דוד געפינט זיך אין בית שמש.

— עס איז א ליגען! עס איז א ליגען! איך האָב קיינמאָל נישט געטהאָן אזא זאַך! — האָט אוריה אויסגעשריען, — איך האָב דוד'ן נישט בעטראָגען.

— מיט דיין פאַרלייקענען וועסטו זיכער זיך טהאָן מעהר שלעכטס ווי גוטעס, — האָט יואב איהם געזאָגט, — ווען דו וועסט מיר דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, האָב איך דיר דאָך צוגעזאָגט אז עס וועט בלייבען ביי מיר א סוד... אויב דו וועסט זיך נאָר אויפפיהרען ווי עס דאַרף צו זיין... וועסטו מיר דען נישט ענטפערען אויף מיין פראַגע, אוריה?

— איך וועל דיר דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, — האָט אוריה אויסגע־רופען, — אָבער זאָג מיר צו אויף דיין עהרען־וואָרט אז דו וועסט מיין סוד פאַר דוד'ן קיינמאָל נישט דערצעהלען.

— איך פאַרשפּרעך עס דיר, — האָט יואב געזאָגט, — איך וועל מיט דוד'ן וועגען דעם גאַרנישט ריידען, אויב דו וועסט נאָר זיין א בן חיל און פאָלגען וואָס מען הייסט דיר.

— איך האָב געליעבט בת שבע׳ן, מיין יעצטיגע פרוי, — האָט אוריה אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען, — איך האָב איהר געליעבט ביז משוגעת... זי האָט מיר פערשפּראָכען צו ווערען מיין פרוי... מיר האָבען זיך גערעכענט פאַר חתן־כלה... דאַן איז אָנגעקומען דוד אין בית שמש און זיך אויסבעהאַלטען פון שאול׳ן אין בת שבע׳ס הויז. איך האָב שוין פון לאַנג געוואוסט אַז בת שבע טרוימט פון דוד׳ן, וועלכער האָט איהר נאָך מיט יאָהרען צוריק געראַטעוועט פון די פּלשתים. אָבער ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז געוואָרען שאול׳ס איידעם, האָט זי אויפגעגעבען איהרע חלומות וועגען איהם און צוגעשטימט צו מיין פאָרשלאַג מיך צו הייראַטען. ווען אָבער דוד איז פּלוצים אָנגעקומען און זיך בעהאַלטען אין איהר הויז, האָב איך גלייך באַמערקט א גרויסע ענדערונג אין בת שבע׳ן צו מיר... איך האָב באַלד איינגעזעהן אַז אויב דוד וועט לייגער פאַרבלייבען אין בת שבע׳ס הויז, וועל איך פאַרלירען מיין שעהנע כלה... איך בין געוועזן זעהר שטאַרק באַזאָרגט וועגען דעם... ביז מיר איז אָנגעקומען א געדאַנק אָפּצונאַרען דוד׳ן און איהם אָנזאָגען אַז שאול האָט זיך דערוואוסט פון זיין באַהעלטעניס און ער קומט אַרויס מיט אַן אַרמיי אויף בית שמש... דערווייל האָט דוד פאַרלאָזען בת שבע׳ס הויז און אַנטלאָפען פון בית שמש. און כדי צו צייגען בת שבע׳ן אַז איך האָב דוד׳ן נישט גענאַרט, האָב איך נאָכדעם, ווי דוד איז שוין געווען ווייט פון בית שמש, געשיקט די צוויי ברידער רכב און בענה אָנצוזאָגען שאול׳ן אַז דוד געפינט זיך אין בית שמש... שאול איז טאַקע געקומען און דוד׳ן נישט געפונען, און בת שבע זעהענדיג וואָס פאַר אַן איבערגעבענער פריינד איך בין צו דוד׳ן, אַז איך האָב איהם געוואָרנט אין צייט, האָט מיט מיר נאָכהער געהייראַט... יעצט זעהסטו, מיין פריינד, אַז איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שלעכטעס פאַר דוד׳ן... איך בין בלויז געווען אייפער־זיכטיג אויף בת שבע׳ן און דאָס איז געווען דער איינציגער מיטעל ווי אַזוי איך האָב איהר געקענט קריגען.

— אַה, יעצט פאַרשטעה איך שוין אַלעס, — האָט יואב צוגעגעבען מיט א שמייכעל, — דו ביזט זעהר קלוג אוריה... אָבער זיי רוהיג, קיין שלעכטס וועט דיר נישט געשעהן.

אוריה האָט בעדאַנקט יואב׳ן און צו איהם געזאָגט:

— איך בין דיין קנעכט, אַלעס וואָס דו וועסט מיר הייסען, וועל איך טהאָן.

יואב איז געווען שטאַרק צופרידען וואָס ער האָט אַרויסגעקראָגען אַזא וויכטיגען סוד פון אוריה׳ן. יעצט וועט ער שוין נישט דאַרפען מורא האָבען טאָמער וועט אוריה שטייגען ביי דוד׳ן. ער וועט שוין איצטער וויסען זיין פּלאַץ און וועט זיך נישט שטופּען וואו מען דאַרף נישט... יואב האָט דאַביי א שמייכעל געטאָהן צו זיך אַליין; ער געדענקט נאָך, ווען ער האָט געפרעגט דוד׳ן פאַרוואָס עס קומט אוריה׳ן ער זאָל באַשטימט ווערען פאַר אַזא הויכען אַמט, האָט איהם דאַן דוד געענטפערט: ״אויב ביי דיר איז א צווייפעל, צי ער האָט דאָס פאַרדינט, בין איך אָבער אין דעם זיכער, ווייל ווען איך האָב זיך באַהאַלטען אין בית שמש, האָט ער אויסגעפונען אַז שאול קומט אַהין מיט אַן אַרמיע און ער האָט מיר געלאָזט וויסען פון דעם באַצייטענס, ראַטעווענדיג מיר פון א זיכערען טויט...״ ווען דוד זאָל וויסען דעם גאַנצען אמת, וואָלט ער אוריה׳ן אַזוי הויך נישט דערהויבען — האָט יואב געטראַכט... דערווייל

דארף ער דוד'ן וועגן דעם גארנישט דערצעהלען... עס וועט קומען א צייט, ווען ער וועט זיך דאמיט באנוצען... ביי א געלעגענהייט וועט דוד וויסען ווער איז זיין בעסטער פריינד...

— אבישי, — האט יואב צו זיך צוגערופען זיין ברודער — איך האב יעצט אויסגעפונען עפּעס וועגען אוריה דעם חתי, און איך בין זיכער, אז דיר וועט עס שטארק הנאה טאהן...

— וואס, א שטייגער? — האט איהם אבישי אנגעקוקט.

— אוריה האט זיך נאר וואס פאר מיר מודה געווען, אז דאס וואס דוד האלט, אז ער האט זיין לעבען גערעטעט אין בית שמש, איז נאר געווען א פארראט פון זיין זייט.

— ווי אזוי?...

יואב האט אבישי'ן אלעס דערצעהלט און האט צוגעגעבען: דערווייל האלט עס בסוד, מיין ברודער. מיר וועלען זעהן, ווי ער וועט זיך אויפפיהרען און ווען די צייט וועט קומען, וועלען מיר איהם ארויסשטעלען ווי ער איז...

איינינגע יאהר זיינען פאריבער נאך איש בושת'ס טויט און די איבעריגע שבטים האבען ביי זיך נישט געקענט באשטימען צו מאכען דוד'ן פאר זייער קעניג. כאטש עס איז געווען זעהר קלאהר פאר אלעמען, אז דוד האט געהאט קיין האנט, נישט אין דעם טויט פון אבנר'ן און נישט אין דעם טויט פון איש־בושת'ן. דאך זיינען געווען פיעלע, וועלכע האבען איהם חושד געווען, אז ער איז נישט ריין פון שולד... נישט איינמאל האבען זיך די זקנים פון אלע שבטים פארזאמעלט און זיך בעראטען וועגען אננעהמען דוד'ן אויך אלס זייער קעניג. אבער זיי האבען זיך נישט געקענט איינינגען וועגען דעם.

— דוד איז שולדיג אין אבנר'ס טויט! — האבען איינינגע געשריען — מיר ווילען איהם נישט האבען פאר א קעניג, ווייל ער האט פארגאסען אומ־שולדיגעס בלוט.

— ער איז אויך שולדיג אין דעם טויט פון איש־בושת'ן — האבען אנ־דערע נעגנער אויסגערופען.

— האט דען דוד נישט באשטראפט די מערדער פון איש־בושת'ן מיט'ן טויט — האבען זיינע אנהענגער גע'טענה'ט — ווען דוד וואלט געהאט א האנט וואלט ער דאך נישט געטויטעט די וועלכע האבען געטאהן זיין ווילנש...

— ווי אזוי קענט איהר גאר אזוי ריידען וועגען דוד'ן? — ווייסט איהר דען נישט, אז דוד האט געשלאסען א בונד מיט אבנר'ן, וועלכער האט איהם צוריקגעבראכט מיכל'ן און וועלכער האט איהם געזאלט ברענגען אלע שבטים אונטער זיין הערשאפט... איהר ווייסט דאך אליין, אז אבנר איז צו אונז געקומען און געזאגט, אז דוד איז מעהר פאסענד צו זיין אונזער קעניג ווי איש־בושת. וואס פאר אן אורזאכע זאל דוד האבען דאס ער זאל ווינשען אבנר'ס טויט?... פארקעהרט, מיט אבנר'ס טויט האט ער דאך מעהר פארלארען ווי געוואונען.

— אבער פאר וואס האט ער יואב'ן נישט באשטראפט פאר אבנר'ס טויט, ווי ער האט געטאהן צו די ברידער רכב און בענה פאר דעם טויט פון איש־בושת'ן?

— ווייל יואב רעכענט זיך דאך פאר א גואל הדם. אבנר האט גע־טויטעט זיין ברודער עשהאל און אלס א גואל הדם, קומט איהם קיין שטראף נישט לויט אונזער תורה אפילו ווען דער רוצח איז געווען געצוואונגען דאס צו טאהן, סיידען ער אנטלויפט אין די איינע פון די ערי מקלט... יא, יואב האט טאקע נישט געהאט קיין רעכט צו טויטען אבנר'ן, וועלכער האט זיין ברודער דער'הרג'עט אין זעלבסטפארטיידיגונג, אבער ווען ער האט עס שוין געטאהן, האט איהם דוד דערפאר נישט געקענט באשטראפען...

דיזער באווייז האט בארוהיגט די געמיטהער, פון די פארזאמעלטע און ענדליך האבען אלע באשלאסען צו שיקען פארשטעהער פון אלע שבטים צו דוד'ן דעם קעניג פון יהודה, און איהם אנבאטען צו פאראייניגען אלע שבטים אונטער זיין מלוכה.

די פארשטעהער פון די שבטים זיינען געקומען צו דוד'ן אין חברון און צו איהם געזאגט:

— מיר זיינען דאך דיין אייגען פלייש און בלוט, ישראל איז דאך געווען אונזער אלעמענס פאטער, פארוואס זאלען מיר זיין צוטיילט אין צוויי באזונדערע לאגערען... ווען שאול איז געווען קעניג איבער אונז, ביזטו אויך אלע מאל געווען דער אנפיהרער פון אלע מלחמות. דו האסט באזיעגט גלית'ן דעם פלשתי, און נישט איינמאל האסטו אונזערע שונאים פארטריבען פון אונזערע גרעניצען. מיר זעהען אלע, אז גאט האט דיר אויסדערוועהלט דו זאלסט זיין דער הערשער איבער ישראל... יעצט זיינען מיר געקומען צו שליסען א בונד מיט דיר, און דו זאלסט קעניגען איבער אונז אזוי ווי דו טוסט קעניגען איבער דעם שבט יהודה.

דוד האט מיט זיי געשלאסען א בונד אין חברון.

— איך וועל טאהן מיינע פליכטען צו אייך און צום גאנצען פאלק ישראל — האט דוד צו זיי געזאגט — אלע וועלען זיין גלייך אין מיינע אויגען. זאל מיר נאר אונזער פאטער אין הימעל געבען כח און חכמה איך זאל קענען רעגירען איבער אייך מיט גערעכטיגקייט.

— אונזער גאט האט דיר מיט די אלע מעלות באשאנקען — האבען איהם די זקנים געזאגט — און מיר זיינען אלע גליקליך, דאס גאט האט אונז אריינ־געגעבען א געדאנק זיך צו פאראייניגען און ווידער צו ווערען איין פאלק מיט איין קעניג...

זיי האבען איהם געזאלבט פאר קעניג, און דאס גאנצע פאלק האט גע־נומען שאלען און אויסרופען מיט פרייד:

"לאנג לעבען זאל דוד, דער קעניג פון גאנץ ישראל!"

נאך עטליכע טעג פון גרוים פייערונג און פארברענגען אין חברון, איז זיך דאס פאלק צוגאנגען יעדער אין זיין היים.

* *
*

דוד איז אלט געווען זיבען און דרייסיג יאהר ווען ער איז געווארען קעניג איבער אלע שבטים. ער האט גענומען ארגאניזירען אן ארמעע פון אלע שבטים. פיעלע גבורים פון גאנץ ארץ־ישראל זיינען צו איהם געקומען אין חברון, און זיי האבען געוויזען זייער גבורה פאר דעם קעניג.

דוד האָט זיי אַלעמען צוזאַמענגערופען און האָט געזאָגט:

— די וויכטיגסטע שטאָדט פון גאַנץ ארץ־ישראל איז די שטאָדט ירושלים. זי געפינט זיך אין רעכטען צענטער פון אונזער לאַנד. צום באַדויערען אָבער איז ירושלים פאַרבליבען אין די הענט פון די יבוסים. און וויפיעל פאַרזוכען עס זיינען געמאַכט געוואָרען איינצונעהמען ד שטאָדט, האָט זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט... ווייל ירושלים פאַרמאָגט א נאַטירליכע שטאַרקע פעסטונג און אונזער פאָלק האָט שוין כמעט אויפגעגעבען די האָפענונג איהר ווען־עס־איז איינצונעהמען. און עס האָט זיך זאָגאַר צווישען פאָלק פאַרשפּרייט א שפּריכוואָרט: אז ווען די פעסטונג פון ירושלים זאָלען פאַרטיידיגען בלויז הינקעדיגע און בלינדע, וועט זי אויך קיין אַרמעע אין דער וועלט נישט קענען איינעהמען... איך גלויב, אז איהר אַלע ווייסט ווי נויטווענדיג און וויכטיג איז פאַר אונז צו באַזיצען די שטאָדט ירושלים. אָהן דיעזער שטאָדט זיינען מיר ווירקליך צוטהיילט אין צווייען. דער שבט יהודה איז אָפּגעטיילט פון בנימין און פון די איבעריגע שבטים... און דעריבער איז אונמעגליך צו האָבען א פאָלקאָמענע פאַראייניגונג פון אַלע שבטים... ירושלים געהערט צו אונז, ווייל זי איז דאָך דער מיטעלפּונקט פון אונזער לאַנד, וואָס גאָט האָט אונז אָפּגעגעבען דורך זיין קנעכט יהושע... מיר דאַרפען די יבוסים אינגאַנצען פאַרניכטען... איך וויל מאַכען ירושלים פאַר מיין הויפּטשטאָדט... יעצט, מיינע גבורים, לאָמיר אָנגורטען אונזערע אַלע כוחות און לאָמיר באַלאַגערען ירושלים ביז וואַנען זי וועט אַריינפאַלען אין אונזערע הענט.

א גרויסע אַרמעע און פיעלע גבורים אונטער דוד׳ס פיהרערשאַפט זיינען אָנגעקומען לעבען ירושלים און האָבען איהר באַלאַגערט. איינציגע מאָנאַטען האָט דוד מיט זיין חיל אַרומגערינגעלט די שטאָדט, אָבער אָהן ערפאָלג... די פעסטונג "ציון" איז געווען אַרומגערינגעלט פון דריי זייטען מיט איינציגע טהאָלען, און עס איז גאָר געווען אונמעגליך צו איהר צוצוקומען. און ווען איינציגע גבורים האָבען געפּרובירט איינשטעלען זייער לעבען און גענומען קלעטערען אויפ׳ן פעסטונג, זיינען זיי אָבער באַלד געצוואונגען געווען צוריקצוטרעטען. צוליעב די שווערע שטייגער און קלעצער וואָס זיינען אויף זיי געוואָרפען געוואָרען פון פעסטונג...

— איך זעה, אז איך האָב דאָ פיעלע גרויסע העלדען פון אַלע שבטים — האָט דוד זיך אָפּגערופען צו די גבורים, וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט צו באַראַטען ווי ווייטער אָנצוגעהן מיט דער באַלאַגערונג — איך וועל דאַרפען האָבען אַן אויבער־קאָמאַנדיר איבער אַלע אַרמעען. ביז יעצט איז מיין הויפּט־קאָמאַנדיר פון יהודה׳ס אַרמעען געווען יואָב, דער זוהן פון צרויה. יעצט וויל איך אייך אַלעמען געבען א גלייכע געלעגענהייט, ווער פון אייך וועט אַרויסווייזען א גרויסע העלדישקייט און איינגעהמען די שטאָדט ירושלים און אַרויסטרייבען דעם יבוסי פון דאָרט, יענער וועט ווערען דער הויפּט איבער אַלע מיינע אַרמעען.

אַלע האָבען אָנגעקוקט דעם קעניג מיט ערשטוינונג: זעהט ער דען נישט אז עס איז אונמעגליך אַהין צוצוקומען — האָבען זיי געטראַכט — עס מיינט דאָך א זיכערען טויט...

— אויף דער פעסטונג אויבען איז פאַראַן א רעהר — האָט דוד אָנגע־

ציינט מיט זיין פינגער — פון יענעם רעהר, וואס ציהט זיך פון די וואסער פון שלח ווערט די גאנצע שטאדט באזארגט מיט וואסער. ווען אימיצען פון אייך וועט געלינגען צוצוקומען צו דעם רעהר און איהם פארניכטען, דאן ווערט די גאנצע וואסער־לייטונג אפגעשניטען פון ירושלים און די יבוסים וועלען זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען... ווער פון אייך וויל זיך אונטערנעהמען צו צוברעכען דעם וואסער רעהר, יענער וועט זיין מיין הויפט־קאמאנדיר דורך דער גאנצער צייט פון מיין רעגירען.

א שטילקייט האט געהערשט אין גאנצען לאגער. א וויילע האט זיך קיינער פון זיין פלאץ נישט גערוהרט.. פלוצלונג האט זיך יואב אפגערופען:

— איך געה, מיין האר קעניג!

יואב האט ארויסגעצויגען זיין שווערד פון דער שייד, ער האט מיט־גענומען זיין שילד און האט גלייך פארלאזען דעם לאגער און זיך דערנעהנטערט צום פעסטונג. מיט דער שנעלקייט פון א ווינד האט ער גענומען קלעטערען אויפ'ן פעסטונג... גלייך האבען אויף איהם אנגעהויבען האגלען קלעצער מיט שטיינער, אבער יואב האט זיי קונציג פלינק אויסגעמידען... א גרויסער שטיין האט זיך גענומען קייקלען אין זיין ריכטונג, און עס האט זיך אונטען אלעמען געדוכט, אז אט־אט ווערט יואב צושמעטערט און קיין געדעכנים וועט פון איהם נישט בלייבען... יואב האט זיך אבער אויגענבליקליך א קעהר געטאהן און דער שטיין איז איהם פארבייגעפלויגען... באלד האט זיך גענומען שיטען א האגעל פון פיילען. יואב האט אבער יעדען פייל צוריקגעשליידערט מיט זיין שילד, קלעטערענדיג דערווייל אלץ העכער און העכער, ביז ער איז צוגעקומען צום וואסער רעהר... מיט אן אונגעהויער גרויסער קראפט האט ער א זעץ געטאן מיט זיין שווערד איבער'ן רעהר... דאס שווערד האט זיך צו־בראכען און דער רעהר איז איבערגעהאקט געווארען. א גרויסער שטראם וואסער האט אנגעהויבען פליסען פון רעהר... יואב איז שנעל ארונטערגעגאנגען פון בארג... דאס וואסער האט גענומען פלייצען וואס שטארקער.

א גרויסע פרייד און שאלען פון הורא האט אויסגעבראכען אין דוד'ס לאגער... פיעלע יבוסים זיינען ארויס פון זייער באהעלטעניש אין פעסטונג און האבען זיך א לאז געטאהן צו פארריכטען דעם וואסער רעהר, אבער דוד'ס גבורים האבען אויף זיי גענומען האגלען מיט פיילען... דאס וואסער האט שטארק געזעצט און פאר די יבוסים איז געווען אונמעגליך צוצוקומען נאהענט צום רעהר...

די גאנצע שטאדט ירושלים איז געווארען אפגעשניטען פון וואסער... די יבוסים האבען גענומען דורשטען און ווען זיי האבען שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטען פון דארשט, זיינען זיי ארויסגעקומען אין אן אפענעם קאמף מיט דוד'ן... אין א קורצע וויילע זיינען זיי אלע געטויטעט געווארען דורך די שווערדען פון דוד'ס גבורים.

דוד און זיינע מחנות זיינען גלייך אריין אין ירושלים און זיי האבען פארניכטעט די אלע, וועלכע זיינען איבערגעבליבען אין שטאדט.

מיט גרויס פרייד האט דוד'ס גאנצע חיל אריינגעמארשירט אין ירושלים... צו זייער שמחה איז קיין גרענעץ נישט געווען... זיי האבען געזונגען און גע־שאלט, זיי האבען געשריען הורא פאר דוד'ן און פאר יואב'ן.

דוד האָט יואָב'ן געקושט פאר גרויס שמחה.

— דו האָסט היינט געוואונען דעם גרעסטען זיעג — האָט איהם דוד געזאָגט — פון יעצט אָן וועסטו ווערען דער הויפט שר־צבא איבער אלע ארמעען. יעצט וועט דאָס גאנצע פאָלק זעהן, אז דו האָסט פארדינט דיזען הויכען אמט און די, וועלכע האָבען אויף דיר געהאט א כעס פון פריהער, וועלען פון יעצט אָן ווערען דיינע גוטע פריינד... איך האָב אלע גבורים געגעבען א גלייכע געלעגענהייט און דו ביזט געווען דער ערשטער, וועלכער האָט איינגעשטעלט זיין לעבען אין אמת'ער סכנה און דו האָסט דערגרייכט דעם ציעל... ירושלים איז יעצט אונזערע... דיזע שטאָדט וועל איך מאכען פאר מיין הויפטשטאָדט, און יעצט וועט פאר מיר מעגליך זיין צו באפעסטיגען אונזער מלוכה. די איינציגע שטרויכלונג איז יעצט אראָפגענומען... ארץ ישראל וועט יעצט פארברייטערט און פארגרעסערט ווערען... געלויבט איז גאָט, וואָס ער האָט אונז צוגעשיקט זיין ישועה.

בליץ שנעל איז די נייעס פארשפרייט געוואָרען, אז יואָב האָט מעגליך געמאכט, דאָס דוד זאָל גרינג איינגאהמען די שטאָדט ירושלים... דאָס גאנצע פאָלק האָט יובילירט. זיי זיינען געווען גליקליך און צופרידען און זיי האָבען געדאנקט גאָט פאר דעם חסד וואָס ער האָט מיט זיי געטאָהן און זיי האָבען אריינגעגעבען א געדאנק אויסצוקלייבען דוד'ן פאר זייער קעניג... זיי האָבען געוואוסט, אז מיט דודן' אלס זייער קעניג וועלען זיי שנעל ארונטערוואָרפען דעם יאָך פון זייערע שונאים.

ווען די פלשתים האָבען זיך דערוואוסט אז דוד איז געוואָרען קעניג איבער אלע שבטים, האָבען זיי זיך שטארק דערשראָקען.

אָכיש, דער קעניג פון די פלשתים האָט צוזאמענגערופען אלע זיינע שרים און יועצים און האָט זיך מיט זיי בעראטען וואָס צו טאָהן...

— מיר האָבען דאָך דיר גלייך געזאָגט, אז מיר זאָלען נישט האָבען קיין צוטרוי צו דוד'ן — האָט זיך איין גענעראל אָפגערופען צום קעניג... — און דו האָסט נאָך געוואָלט ער זאָל מיט אונז מיטגעהן אין מלחמה געגען זיינע אייגענע ברידער...

— האָבען מיר דען נישט גע'טענה'ט, אז ער איז דאָס דוד, וועלכער האָט געטויטעט אונזער גרויסער העלד גלית... ער איז געווען ביי אונז אין די הענט, מיר האָבען איהם זעהר גרינג געקענט פארניכטען. אָבער אונזער תאר קעניג האָט אונז נישט געלאָזען זיך צוריהרען צו איהם. יעצט ווערט ער מעכטיגער פון טאָג צו טאָג...

— ווי אזוי האָב איך געזאָלט וויסען — האָט זיך אָכיש גענומען פארענטפערען פאר זיינע שרים — דאן האָט אויסגעקוקט, אז דוד איז א שונא פון זיין קעניג און פאָלק... האָט איהם דען נישט שאול גע'רודפ'ט? וואָלט דען שאול נישט געווען העכסט צופרידען און גליקליך, ווען מיר וואָלטען דוד'ן, זיין גרעסטען שונא, דאן געטויטעט...

— מיר האָבען געזאָלט וויסען, אז דוד איז שטארק באליבט ביי זיין פאָלק און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען זיי איהם פאר קעניג מאכען...

— מיין האר קעניג — האָט זיך איינער פון אָכיש'ס יועצים אָפגערופען —

גלית האָט איבערגעלאָזען א ברודער, זיין נאָמען איז לחמי, און ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען איז ער אויך א ריעז און איז אזוי שטארק און מעכטיג ווי זיין פארשטאָרבענער ברודער, — מיין עצה איז, אז דער קעניג זאָל איהם מאכען פאר א הויפּט איבער אן ארמעע, און איך בין זיכער, אז ער וועט אנוואַרפען א מורא אויף די אידישע מחנות...

— שיקט איהם רופען! — האָט אכיש באפוילען — איך וויל איהם זעהן.

מען האָט לחמי'ן געשיקט רופען און ער איז געקומען פאר דעם קעניג און זיך פאר איהם פארנויגט.

— ביזטו דאָס דער ברודער פון גלית'ן? — האָט איהם אכיש געפרעגט.

— יא, מיין האר קעניג! מיין ברודער איז געוועזען גלית, דער באוואוסטער העלד און ריעז, וועלכער האָט פארלאָרען זיין לעבען דורך א צופאל: א שטיין האָט דער יונגער אינגעל דוד געוואָרפען, וואָס איז אריינגעזונקען אין זיין שטערען.

— פיהלסטו זיך אזוי מעכטיג ווי דיין ברודער? — האָט איהם אכיש ווידער געפרעגט.

— איך פיהל, אז ווען איך זאָל האָבען א געלעגענהייט וואָלט איך זיך נוקם געוועזען פאר דעם טויט פון מיין ברודער... איך וויל מיט מייז שפּיעז דוד'ס הארץ דורכלעכערען...

— ווייסטו דען נישט, אז דוד איז יעצט קעניג איבער גאנץ ישראל?

— אויב אזוי וועט ער דאָך נישט געהן קעמפּען מיט מיר — האָט לחמי אויסגערופען מיט ערלייכטערונג — זאָל ער מיר שיקען אימיצען צו קעמפּען מיט מיר, איך וועל איהם צורייבען ווי שטויב...

דערהוייל זיינען אָנגעקומען שלוחים און איבערגעגעבען אכיש'ן די נייעס, אז ירושלים, די פעסטונג שטאָדט פון די יבוסים, איז געפאלען אין דוד'ס הענט.

א שרעק איז אָנגעפאלען אויף אכיש'ן און זיינע גענעראלען און יועצים.

— מיר מוזען גלייך ארויסגעהן מלחמה האלטען מיט דוד'ן — האָט זיך דער עלטסטער פון די יועצים אָפּגערופען — איידער זיין מלוכה ווערט באפעס־טיגט מוזען מיר מאכען אן ענדע צו איהם.

— הונדערטע מלכים און פעלקער האָבען געמאכט פארשידענע פארזוכען איינצונעהמען די פעסטונג פון ציון און זיי איז נישט געלונגען. צעהן מאָל האָבען די פלשתים ־קעניגע בעפאָר מיר געשטורעמט די שטאָדט ירושלים און אומזיסט... און דאָ קומט דוד און האָט די שטאָדט איינגענומען... צייגט דען דאָס נישט, אז דוד באזיצט אן אויסערגעוועהנליכע קראפט! — האָט דער קעניג אויסגערופען.

— דעריבער זאָג איך טאקע, אז מיר טאָרען נישט דערלאָזען ער זאָל באפעסטיגען זיין מלוכה... מיר מוזען צונויפזאמלען אונזערע ארמעען און ארויסגעהן מלחמה האלטען געגען דוד'ן.

— איך וועל דיר ברענגען דוד'ס קאָפּ — האָט זיך לחמי אָפּגערופען — זאָל מיר מיין גאָט דגון אזוי העלפען — איך וועל שוין יעצט וויסען ווי צו היטען זיך פון שטיינער... מיין קופּערנע הוט וועט אינגאנצען פארדעקען מייז שטערען...

אכיש האט א שמייכעל געטאהן:

—ווען דו ברענגסט מיר בלויז די קאפ פון זיין גענעראל, יואב, וואלט איך אויך צופרידען געווען, און וואלט דיר געמאכט פאר דעם הויפט איבער מיינע שרים... יעצט וועל איך דיר געבען אן ארמעע און צוזאמען מיר די איבעריגע מחנות וועסטו געהן קעמפען געגען דוד'ן.

די פלשתים האבען פארזאמעלט אלע זייערע מחנות און געגאנגען מלחמה האלטען מיט דוד'ן. אויפ'ן גאנצען וועג ביז דעם עמק רפאים, וואס איז נים ווייט פון ירושלים, האבען זיי נישט באגעגענט קיין ווידערשטאנד. א קליינע ארמעע פון די פלשתים האט אויך פארנומען בית־לחם, דוד'ס געבורטשאדט.

דוד האט זיך אזוי שנעל נישט געריכט אויף א מלחמה מיט די פלשתים, דעריבער האט ער זיך דערווייל באפעסטיגט אין ירושלים, און האט דארט געמאכט פיבערהאפטע פארבארייטונגען פאר דער מלחמה.

אייניגע טעג האבען די פלשתים געלאגערט אין עמק רפאים. זיי האבען געזוכט אפצושניידען ירושלים פון אלע איבעריגע שטעדט אין ארץ־ישראל...

דוד איז פלוצלונג ארוים פון דער פעסטונג מיט זיינע מחנות און גבורים און האט גענומען אטאקירען די פלשתים... נישט ערווארטענדיג אזא שנעלען אפענעם ארויסטריט מצד דוד'ן, האבען די פלשתים גענומען צוריקלויפען אין גרוים אומארדנונג. דוד האט זיי נאכגעיאגט און טויזענדע פלשתים זיינען געפאלען ביי זיין שווערד.

די פלשתים זיינען צוריקגעטראטען צו בית־לחם און דארטען האבען זיי געקראגען פארשטארקונג. לחמי, גלית'ס ברודער, איז אויך אנגעקומען מיט זיין ארמעע צו זייער הילף.

דוד און זיין ארמעע האבען יעצט געלאגערט נישט ווייט פון בית לחם... די צוויי פיינדליכע לאגערען זיינען געווען געגרייט ווידער צו באנייען די מלחמה... דערווייל האט יעדער געווארט אז דער צווייטער זאל אנפאנגען.

עס איז געווען זעהר א הייסער טאג. די זון האט געברענט. דוד איז געווען שטארק דארשטיג, דאס וואסער וואס ער האט געהאט ביי זיך איזווארעם געווארען. ער איז געשטאנען צווישען זיינע גבורים. זיינע ליפען זיינען געווען פארטריקענט...

— אה, ווען איך זאל יעצט קענען האבען א קאלטען טרונק וואסער פון דעם ברונעם פון בית לחם — האט זיך דוד אפגערופען צו זיינע גבורים, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט — איך פיהל נאך יעצט דעם טעם פון דעם קאלטען וואסער... ווען איך האב אין מיין יוגענד געפיטערט מיין פאטער'ס שאף, פלעג איך, ווען איך בין דארשטיג געווארען, קוים דערווארטען איך זאל קענען צוקומען צום ברונעם פון בית לחם און זיך גוט אנטרינקען פון דעם געשמאקען קאלטען וואסער... א, איך וואלט יעצט אפגעגעבען אלעס פאר א קאלטען טרונק פון אט יענעם ברונעם פון בית לחם...

דריי גבורים, וועלכע זיינען געווען אונטער אבישי'ן, יואב'ס ברודער, האבען גענומען זייערע קריג און זיך שטילערהייט ארויסגערוקט פון זייער לאגער... מיט בלויזע שווערדען אין זייערע הענט האבען זיי גענומען דורכברעכען א וועג צו דעם ברונעם פון בית לחם... מיט זייערע שווערדען האבען

זיי אוועקגע׳הרג׳עט די עטליכע פלשתים, וועלכע זיינען זיי געשטאנען אין וועג. זיי זיינען שנעל צוגעקומען צום ברונעם. די דריי גבורים האבען אנגעשעפט וואסער פון דעם ברונעם פון בית לחם און איידער די פלשתים האבען זיך ארומגעזעהן וואס עס קומט פאר, זיינען זיי שוין געווען אין דוד׳ס לאגער.

גלייך האט מען דוד׳ן אנגעזאגט, וואס די גבורים האבען פאר איהם געטאהן.

דוד איז זיי גלייך אנטקעגען געגאנגען.

„א, מיינע בראווע, געטרייע גבורים — איז דוד גערירט געווארען ביז טרעהרען — איך האב עס בלויז געשפאסט... איך האב געוואוסט, אז עס איז אן אונמעגליכע זאך דאס צו טאהן... מיר האט זיך געגלוסט א טרונק, אבער איך האב עס גארנישט ערווארטעט, אז אימיצער פון אייך וועט מיר נעהמען אזוי ערנסט און וועט זיין לעבען אין גרעסטער סכנה איינשטעלען און ערפילען מיין נארישען וואונש... איהר זייט העלדען און בראוו. מיט אזעלכע גבורים, ווי איהר, בין איך זיכער, אז מיר וועלען די מלחמה נישט פארלירען״..

די גבורים האבען זיך פאר איהם פארנויגט און אהם דערלאנגט די קאלטע וואסער פון דעם ברונעם פון בית לחם.

דוד האט באטראכט די קריג וואסער... זיינע ליפען זיינען געווען צוטריקענט און זיין גומען איז געווען צוברענט פון דארשט... ער האט אויפגעהויבען א קרוג וואסער צו זיין מויל... אבער פלוצלונג האט ער אויס גערופען:

— זאל איך טרינקען דאס בלוט פון דיזע נאבעלע מענשען?! זיי האבען מיר דאס וואסער געבראכט, איינשטעלענדיג זייער לעבען אין גרוים סכנה... ניין, איך וועל עס נישט טרינקען... צו הייליג איז דאס וואסער פאר מיר, אז איך זאל עס טרינקען... אזעלכע וואסער איז נור גוט אלס א קרבן צו גאט... נור ער קען באלוינען אזעלכע בראווע העלדען, ווי איהר זייט...

דוד האט דאס וואסער נישט געטרונקען. ער האט דאס וואסער אויסגעגאסען פאר גאט...

אלע גבורים וועלכע האבען עס צוגעזעהן, זיינען אנגעפילט געווארען נאך מיט מעהר ליבשאפט און איבערגעבענהייט צו זייער קעניג, דוד.

צוויי טעג זיינען ביידע מחנות געשטאנען איינער קעגען דער צווייטער און די שלאכט האט זיך נאך ניט אנגעפאנגען.

אויפ׳ן דריטען טאג איז ארויסגעקומען לחמי, גלית׳עס ברודער, און האט זיך גענומען דערנעהנטערען צו דוד׳ס מחנות.

— איך בין לחמי, דער ברודער פון גלית דעם פלשתי! — האט ער אויס גערופען מיט א הויכע מגושמ׳דיגע שטימע — אייער קעניג האט מיין ברודער געטויטעט מיט א שטיין... מיין קופערנער הוט פארדעקט מיין שטערען און איך בין באשיצט געגען שטיינער... קלייבט אויס א מאן וועלכער זאל וואגען צו קעמפען מיט מיר מיט׳ן שווערד... און אויב ער וועט מיר דערשטעכען וועלען מיר זיין די באזיגטע און אויב איך וועל איהם דערשטעכען, דאן וועט איהר ווערען אונזערע קנעכט...

א הילכיגער געלעכטער האט אויסגעבראכען צווישען דוד׳ס גבורים...

— דו האסט פארגעסען די מפלה פון דיין "העלדישען" ברודער, — האט יואב צו איהם ארונטערגעשריען, און דו ביזט געקומען אונז ווייזען דיין העלדישקייט.ווארט נאך א ווײלע און מיר וועלען דיך אוועקשיקען צו דיין ברודער...

— יא, יא! — האט לחמי געקריצט מיט די צייהן — איך וועל אייך אלעמען באלד ווייזען וואס איך קען טהאן צו אייך און צו אייער קעניג, דעם הארפען־שפּיעלער... נקמה וועל איך נעהמען פאר מיין ברודער גלית!

— באלד וועט דיין קעניג אביש דארפען זוכען איינעם, וועלכער זאל נקמה נעהמען פאר דיין בלוט! — האט יואב הילכיג געלאכט — האסטו פּילייכט נאך א ברודער?

— איהר פארפלוכטע ישראלים! — האט לחמי'ס שטימע געדונערט — פארוואס שיקט איהר נישט ארונטער אימיצען, וועלכער זאל פּרובירען זיך פארמעסטען כוחות מיט מיר?... מיין שווערד דארשט נאך זיין בלוט... מיט מיינע הענט וועל איך זיין קאפּ פון זיין צושטאכענעם קערפּער ארונטער־רייסען...

— ווער וויל געהן קעמפּפען מיט דעם כלב פון די פּלשתים? — האט דוד אויסגערופען.

באלד האבען זיך א שאט געטהאן אלע גבורים... יעדער האט זיך אנגע־באטען ארונטערצוגעהן צו קעמפּפען מיט לחמי'ן...

— דו, אלחנן, דער זוהן פון יעיר, דו וועסט געהן! — האט דוד אויס־געקליבען איינעם פון די גבורים — איך וויים, אז דו ביזט זעהר פלינק מיט'ן שווערד...

— איך בין גליקליך צו קעמפּפען פאר מיין קעניג און מיין לאנד — האט זיך אלחנן אפּגערופען — איך בין גרייט, מיין הער.

— ווארט, איך וועל דיר געבען גלית'עם שווערד... עס וועט זיין זעהר א פיינע זאך, ווען דו וועסט טויטען לחמי'ן מיט דעם שווערד פון זיין אייגענעם ברודער...

אלע גבורים האבען הארציג געלאכט...

— דו ווילסט אפשר אנטהאן א פּאנצער? — האט איהם דוד געפרעגט.

— ניין, מיין הער! — האט אלחנן געענטפערט — א פּאנצער וועט בלויז שטערען מיין געשיקטקייט און פלינקייט.

— דו ביזט גערעכט, אלחנן. בשעת איך בין געגאנגען קעמפּפען מיט גלית'ן, האט שאול אויך מיר געוואלט אנטהאן מיט א פּאנצער. איך האב זיך נישט געפיהלט באקוועם אין דעם און גאט האט אבערגעגעבען דעם פּלשתי אין מיינע הענד אָהן א פּאנצער, דאריבער געה און זאל דער גאט פון אונזערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב זיין מיט דיר און דו זאלסט טאהן צו לחמי'ן, ווי איך האב געטהאן צו זיין ברודער, גלית'ן...

אלחנן האט גענומען דעם שווערד פון גלית דעם פּלשתי אין זיין האנט און איז ארונטער צו לחמי'ן.

לחמי איז איהם אנטקעגען געגאנגען...

— דו האסט געוואגט, הא, דו פארפלוכטער קנעכט, צו קעמפּפען מיט מיר, דעם ברודער פון גלית'ן! — האט ער זיך אפּגערופען צו אלחנן'ען —

ווארט, דו וועסט באלד אפילו קיין צייט נישט האבען חרטה צו האבען אויף דיין געאיילטען שריט.

— לעג אפ דיינע רייד אויף שפעטער און לאמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט — האט אלחנן איהם געזאגט — דו דערקענסט דעם שווערד אין מיין האנט? דאס איז דאך דיין "העלדישען" ברודער'ס שווערד, און באלד, האף איך צו גאט, וועט אויך דאס שווערד פון גלית'עס ברודער זיין אין מיין האנט.

לחמי האט אויפגעהויבען זיין שווערד און זיך געווארפען אויף אלחנן. אלחנן האט איהם אבער פלינק צוריקגעשליידערט. דאס געפעכט האט זיך צופלאקערט... לחמי האט געברומט און געשאלטען דוד'ן און אלע אידען. אבער עס איז איהם נישט געלונגען... אלחנן האט זיין יעדען פארוזך צוריקגעשליידערט... לחמי האט זיך געגעבען ווידער א שטארקעןווארף אויף אלחנן, אבער אלחנן האט מיט אן אונגעהייער שטארקען קלאפ מיט זיין שווערד ארונטערגעשליידערט לחמי'ס שווערד צום באדען...

לחמי איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער... ער האט זיך געטרייסעלט פון שרעק... זיין וואפען איז ארויסגעפאלען פון זיין האנט... יעצט איז ער א פארלארענער...

— ציטער נישט ווי א בלאט, דו שרעקענדיגער האז! — האט אלחנן צו איהם געלאכט — איך וועל זיך נישט בענוצען מיט דיין פארלעגענהייט און דיר דערשטעכען! נייז, דוד'ס גבורים זיינען עהרליך אין זייער קאמפף. בויג איין דיין פעטען גוף און הויב אויף דיין שווערד און לאמיר בענייען אונזער קאמפף.

לחמי האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג... ער האט נישט געוואוסט וואס צו טהאן.

— דו ווילסט איך זאל זיך איינבויגען און דאן וועסטו מיר דערשטעכען...

— איך בין נישט קיין פלשתי! — האט אלחנן געזאגט — אויב דו גלויבסט מיר נישט וועל איך אפטרעטען אויף עטליכע טריט צוריק.

אלחנן האט אפגעטראטען אויף צוריק און לחמי האט אויפגעהויבען זיין שווערד. ביידע האבען באנייעט זייער געפעכט... זיי האבען זיך אזוי לאנג געפאכטען מיט די שווערדען, ביז לחמי איז זעהר מיעד געווארען. דאן האט אלחנן אריינגעשטאכען זיין שווערד אין לחמי'ס האלז. לחמי, דער פלישתי, איז געפאלען א טויטער... אלחנן האט גלייך ארונטערגעשניטען זיין קאפ.

א געשריי פון פרייד און שאלען האט אויסגעבראכען אין דוד'ס מחנות... דוד מיט זיינע ארמעען האבען זיך באלד א לאז געטהאן צו די פלשתים, וועלכע האבען גענומען לויפען אין גרויס שרעק און אומארדנונג.

דוד האט אפגעהאלטען א גלענצענדען זיעג איבער די פלשתים. אכיש, דער קעניג פון די פלשתים, האט זיך קוים מיט'ן לעבען געראטעוועט... מיט זיין איבערגעבליבענעם חיל איז ער אנטלאפען צוריק אין זיין לאנד.

אזוי האט דוד ענדליך צוקלאפט די פלשתים און באפרייט זיין גאנצען פאלק פון דעם יאך פון זיין גרעסטען שונא.

זעקס און צוואנציגסטער קאפיטעל

דוד ברענגט דעם ארון אין ירושלים

ווען דער קעניג פון מואב האט דערהערט, אז דוד האט איינגענומען די שטארקסטע פעסטונג־שטאדט ירושלים פון די יבוסים, און אז ער האט אויך בע־זיעגט די פלשתים אין דער לעצטער מלחמה מיט זיי, איז איהם איינגעפאלען דאס הארץ. ער האט צוזאמענגערופען אלע זיינע שרים און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— דוד, וועלכער איז נאך מיט עטליכע יאהר פריהער געווען אז אנטלא־פענער וואנדערער, איז יעצט געווארען דער קעניג איבער ארץ ישראל. און דורך זיין קורצער הערשאפט, האט ער שוין בעוויזען איינצונעהמען די פעסטונג ירושלים, וואס ביז אהער האט נאך קיין פאלק נישט באוויזען עס צו טהאן. גלייך נאכדעם האט ער בעזיעגט די מעכטיגע פלשתים און נישט נאר האט ער ביי זיי צוגענומען די שטעדט, וועלכע האבען בעלאנגט צו די ישראלים, נאר אויך די פלשתי'שע הויפט־שטאדט גת און די שטעטלעך ארום איהר... יא, מיינע שרים, דוד ווערט שטארקער און מעכטיגער פון טאג צו טאג... און אויב מיר וועלען יעצט גארנישט טהאן, וועט זיך דוד שפעטער אויך נעהמען צו אונז. דאריבער גלויב איך, אז מיר מוזען זיין געגרייט צו א מלחמה מיט דוד'ן... איך וועל אוועקשיקען א פאדערונג צו דוד'ן ער זאל מיר אפגעבען די שטאדט יריחו, וואס, לויט מען האט מיר איבערגעגעבען, האט מיין אור־עלטער זיידע עגלון איינגענומען די שטאדט פון די ישראלים און געהערשט אין איהר אכצעהן יאהר. די שטאדט יריחו איז זעהר וויכטיג פאר אונז, ווייל פון דארטען וועלען מיר זיך קענען פערשפרייטען, און מיר וועלען זיין געזיכערט פון א שונא'ס אן איבערפאל.

— אונזער האר קעניג איז גערעכט — האט זיך דער הויפט פון די שרים אפגערופען — יעצט, ווען דוד איז מיעד פון דער גרויסער מלחמה מיט די פלשתים, וועט ער זיכער נאכגעבען אונזער פאדערונג... ער וועט נישט וואגען ארויסצוגעהן אויף מלחמה מיט אונז.

דער קעניג פון מואב האט אוועקגעשיקט צוויי שלוחים צו דוד'ן און זיי אנגעזאגט איבערצוגעבען צו דעם קעניג פון ישראל א בריעף מיט פאלגענדע ווערטער:

„איך, דער קעניג פון מואב, פערלאנג, אז דו זאלסט מיר אפגעבען די שטאדט יריחו, ווייל מיין אור־עלטער זיידע, עגלון, האט דיזע שטאדט צוגענו־מען פון ישראל דורך מלחמה... און בלויז דורך פאלשקייט און בעטרוג פון אהוד בן גרא, דער שופט פון ישראל אין יענער צייט, איז יריחו צוריקגעקומען אין ישראל'ס הענט... אהוד איז געקומען אנפערטרויען א סוד עגלון, דעם קע־ניג פון מואב, און ווען דער קעניג האט אלעמען ארויסגעשיקט פון זיין צימער, האט איהם אהוד דערשטאכען מיט זיין שווערד, און ווען עגלון, דער קעניג פון מואב, איז געווען טויט, איז שוין דאן זעהר גרינג געווען פאר די ישראלים צו־ריקצונעהמען די שטאדט יריחו. ווי דו זעהסט האבען מיר א שטארקע און גע־רעכטע תביעה אויף יריחו, דאריבער וויל איך, אז דו זאלסט מיר איבערגעבען די שטאדט מיט פריעדען"...

ווען די שלוחים זיינען אנגעקומען אין ירושלים און איבערגעגעבען די ווערטער פון קעניג פון מואב צו דוד'ן, איז דוד געווען אויסער זיך פון אויפ־רעגונג... ער האט גלייך צוזאמענגערופען זיינע שרים און יועצים און האט פאר זיי פארגעלייענט דעם בריעף.

— אזא חוצפה איז נאך נישט געהערט געווארען! — האט יואב אויסגע־רופען מיט כעס, — ער גיט אליין צו, אז די שטאדט יריחו האט עגלון צוגענומען פון אונז, און יעצט, אז עס איז שוין פאראיבער כמעט צעהן דורות זינט דער שופט, אהוד, האט צוריקגענומען יריחו פון עגלון דעם קעניג פון מואב, איז ער זיך מישב און פערלאנגט, אז מיר זאלען איהם יעצט צוריקגעבען יריחו... — דאס שווערד דארף זיין אונזער תשובה צו דעם קעניג פון מואב!

— ניין, — האט דוד געזאגט — דער קעניג פון מואב האט מיט מיר געטאן גוטעס, ווען ער איז געווען גאסטפריינדליך צו מיינע עלטערן, וועלכע זיינען געווען געצוואונגען צו פארברייגנגען אין זיין לאנד. איך וויל מיט איהם רעדען מיט א ווייכען טאן און ווען דאס וועט נישט העלפען, דאן וועלען מיר זיך נעה־מען צום שווערד...

דוד האט געענטפערט דעם קעניג פון מואב און איהם אויפגעוויזען ווי לעכערליך זיין תביעה אויף יריחו איז.

"יריחו איז די ערשטע שטאדט וואס יהושע האט איינגענומען, — האט איהם דוד געשריבען אין בריעף — און עגלון איז בעפאלען די אידען אין אזא צייט, ווען זיי זיינען געווען אפגעשוואכט און די שבטים זיינען נישט געווען פעראייניגט, און האט אפגענומען די שטאדט. און אז אונזער גאט האט אונז געהאלפען און אונז די מעגליכקייט געגעבען און מיר האבען עס צוריקגענו־מען, האסטו מעהר קיין רעכט נישט זי פון אונז צו פאדערען. איך וויל לעבען בשלום מיט מואב, ווייל דו ביזט געווען זעהר גנעדיג צו מיינע עלטערן, און דאריבער בין איך געגרייט צו שליסען מיט דיר א בונד פון שלום, אבער וועגען יריחו דארפסטו פארגעסען..."

דער קעניג פון מואב האט דוד'ן מעהר נישט געענטפערט. ער האט גלייך געשיקט זיינע שלוחים צו זיין שכן נחש, דעם קעניג פון עמה, און געבעטען ער זאל איהם העלפען מלחמה האלטען מיט דוד'ן דעם קעניג פון ישראל.

— געוויס געדענקסטו — האט דער קעניג פון מואב געשריבען צו נחש'ן — וואס שאול האט צו דיר געטהאן, בעת דו האסט בעלאגערט די שטאדט יביש פון גלעד... יעצט איז געקומען דיין צייט זיך נוקם צו זיין אן גאנץ ישראל און אן די שטאדט יביש פון גלעד... קום העלף מיר אין מיין מלחמה מיט ישראל און דו וועסט צוריקקריגען אלע שטעדט, וואס די ישראלים האבען פון דיר צו־גענומען... יעצט איז די ריכטיגע צייט אנצופאנגען די מלחמה, ווייל דוד און זיינע מחנות זיינען אויסגעמוטשעט פון דער גרויסער מלחמה מיט די פלשתים. און צוזאמען וועלען מיר זיכער האבען א גרויסען זיעג איבער איהם.

נחש, דער קעניג פון עמון, האט זיך אבער ענטזאגט צו העלפען דעם קע־ניג פון מואב אין זיין מלחמה. כאטש זיין זוהן, חנון, מיט פיעלע שרים, האבען יא געוואלט אז די עמונים זאלען יעצט קומען העלפען די מואבים און דערמיט זיך אפרעכענען מיט די ישראלים. נחש אבער האט זיך איינגעשפארט און האט נישט דערלאזען צו א מלחמה.

— א מלחמה מיט דוד'ן וועט מיינען א מפלה פאר אונזער פאלק, — האט נחש זיי ערקלעהרט — דוד'ס ארמעען זיינען נאך שטארקער פון שאולס, און אויב די מעכטיגע פלשתים האבען געהאט אזא נידערלאגע אויפ'ן שלאכט־פעלד, קענען מיר זיך געוויס נישט פארמעסטען מיט דוד'ן אפילו מיט דער הילף פון מואב. ניין, כל זמן איך לעב וועל איך נישט דערלאזען צו א מלחמה מיט דוד'ן!

ווען דער קעניג פון מואב האט געזעהן אז עמון וויל איהם נישט העלפען, האט ער צונויפגעזאמעלט אלע זיינע מחנות און אליין ארוים מלחמה האל־טען מיט דוד'ן. ער איז אריבער מיט זיין חיל דעם ירדן און גענומען מארשירען אויף יריחו.

דוד איז איהם גלייך געקומען אנטקעגען מיט א גרויסער ארמעע, און די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען.

די מואבים האבען געכאפט א גרויסע מפלה אין דער ערשטער שלאכט און זיי האבען גענומען צוריקטרעטען. דוד'ס און יואב'ס מחנות האבען זיי נאכ־געיאגט איבער דעם ירדן צו מזרח זייט און צעהן טויזענט מואבים זיינען גע־פאלען אין שלאכט און פיעלע טויזענדע האט דוד גענומען געפאנגען. צווי־שען דעם שלל, וואס זיי האבען צוגענומען פון מואב, האבען זיי געפונען לאנגע שטריק. דוד האט גענומען אויספארשען פארוואס די מואבים האבען מיטגענו־מען אזוי פיעל שטריק אין דער מלחמה, האט מען איהם געזאגט, אז ווען די מואבים נעהמען א סך געפאנגענע פון שונא, לעגען זיי די געפאנגענע אויס אויף דער ערד און מעסטען זיי מיט די שטריק. צוויי דריטעל פון די אויס־געמאסטענע טויטען זיי און איין דריטעל נעהמען זיי צו פאר שקלאפען.

— אזוי ווי זיי האבען געדענקט צו טהאן צו אונז, אזוי וועלען מיר טהאן צו זיי, — האט דוד געזאגט, — מיר וועלען מעסטען זייערע געפאנגענע מיט זייערע אייגענע שטריק. יואב האט אזוי געטהאן. מען האט אויסגעלעגט אלע געפאנגענע פון מואב אויף דער ערד און געמאסטען. צוויי דריטעל האט מען געטויטעט און די איבריגע געמאכט פאר שקלאפען.

דערנאך איז דוד מיט זיינע ארמעען אריינגעדרונגען טיעפער אין דעם לאנד מואב און ער האט ארויפגעלעגט אויף דעם קעניג גרויסע צינזען, וואס ער האט יעהרליך געצאהלט.

גלייך נאך דער מלחמה מיט מואב'ן האבען זיך גענומען באווייזען מלחמה־וואלקענס פון צפון־זייט פון ארץ ישראל. הדרעזר, דער קעניג פון צובה, וועל־כע געפינט זיך אין דעם לאנד ארם, איז געקומען מיט א גרויסער מחנה און גענומען באפאלען די שטעדט, וועלכע גרעניצען זיך מיט איהם...

דוד האט מלחמה געהאלטען אויך מיט הדרעזר און איהם בעזיעגט. דאן איז געקומען ארם דמשק צו העלפען הדרעזר'ן, דעם קעניג פון צובה. דוד האט זיי אויך בעזיעגט און איינגענומען זייער לאנד. דוד האט איבערגעלאזט עט־ליכע פון זיינע גענעראלען אין זייערע שטעדט און ער האט זיי געמאכט צו צאהלען צינזען.

פון די אלע מלחמות האט זיך דוד אומגעקעהרט מיט זעהר פיעל שלל פון גאלד און זילבער און קאסטבארע שטיינער. ער האט עס אלץ געבראכט אין

ירושלים און זיי מקדיש געווען פאר גאט. ער האט גערעכענט דערמיט צו בויען א בית המקדש אין ירושלים.

תעי, דער קעניג פון חמת, וואס איז נישט ווייט פון דמשק און צובה, האט דערהערט, אז דוד האט בעזיעגט הדרעזר'ן, איז ער געווען מלא שמחה פון דעם, ווייל הדרעזר איז געווען זיין גרעסטער שונא, און פלעגט מיט איהם שטענדיג מלחמה האלטען.

תעי האט געשיקט זיין זוהן יורם צו באגריסען דוד'ן פאר דעם גרויסען נצחון, וואס ער האט אפגעהאלטען איבער הדרעזר, און צו מאכען מיט איהם א בונד פון שלום. דער קעניג פון חמת האט מיטגעשיקט מיט זיין זוהן פיעל גאלד, זילבער און קופער. דוד האט דאס אויך אפגעלעגט פאר'ן בית המקדש, וואס ער האט געהאט אין זינען צו בויען.

איינינע יאהר זיינען פאריבער און דוד האט זיך אפגערוהט פון די אלע מלחמות מיט די ארומיגע פעלקער. ער האט אויפגעבויט א פראכטפאלען פא־לאץ אין ירושלים, און ווען דער פאלאץ איז פארטיג געווארען האט ער צוזאמענ־גערופען אלע זיינע שרים און יועצים און צו זיי געזאגט:

— ירושלים דארף ווערען דער צענטער, וואו אלע אידען וועלען זיך צו־נויפקומען צו גאטעס־דיענסט, דאריבער איז מיין פלאן אריבערצופיהרען דעם ארון הקודש קיין ירושלים. דער ארון איז ביי אונז אלעמען זעהר הייליג, און זינט די פלשתים האבען אומגעקעהרט דעם ארון, וועלכער געפינט זיך אין קרית־יערים ביז היינט, אפגעטיילט פון משכן, וועלכער געפינט זיך אין נב, איז עס שוין צייט, אז דער הייליגער ארון פון גאט זאל שטיען אין דער הויפט־שטאדט ירושלים. לאמיר אלע געהן נאך קרית יערים און אומקעהרען פון דארטען דעם ארון.

מיט גרויס פאראד האט דוד און זיינע מענשען אוועקגעמארשירט נאך קרית יערים, און זיינען צוגעקומען צו דעם הויז פון אבינדב, וואו דער ארון איז געשטאנען און איהם געבעטען ער זאל ערלויבען אריבערצופיהרען דעם ארון הקדש אין ירושלים.

— מיין הער, קעניג — האט זיך אבינדב פארנוינט — ווען איך בין נאך גאר יונג געווען, האט מען דעם ארון אין מיין הויז געבראכט פון בית שמש. אלע מיינע שכנים האבען מיר געווארענט איך זאל דעם ארון אין מיין הויז נישט אריינעהמען, ווייל ווי נאר דער ארון איז אנגעקומען אין בית שמש, איז דארט אויסגעבראכען א מגפה... איך האב אבער מיין בטחון אין גאט נישט פארלא־רען. איך האב דעם ארון אין מיין הויז אריינגענומען. און גאט האט מיר גע־בענשט, ער האט מיר געגעבען דריי גערואטענע זיהן. איך האב מיינע זיהן גע־לערנט ווי זיך צו בעגעהן מיט גאט'ס הייליגטום. מיין עלטערער זוהן, אלעזר, האט אכטונג געגעבען אויף דעם ארון אז קיינער זאל זיך צו איהם נישט צו־ריהרען. און ווען מיינע צוויי אינגערע זיהן, עזא און אחיו זיינען אונטערגע־וואקסען, האב איך זיי געלערנט ווי זיך צו באגעהן מיט דעם ארון פון גאט... מיר אלע זיינען גליקליך געווען, וואס אונזער הויז איז אויסגעקליבען געווא־רען אויפצוהאלטען דעם ארון... איך וויס, אז אין דער הויפט־שטאדט ירושלים

ארף זיך געפינען אונזער הייליגטום, כדי צו געבען א מעגליכקייט אלע אידען, וועלכע קומען אהין, צו מתפלל זיין צו אונזער בעשעפער. אבער איין זאך פער־לאנג איך, מיין האר קעניג, אז דו זאלסט בעשטימען מיינע צוויי אינגערע זיהן, עזא און אחיו, אלס בעדיענטע פאר דעם ארון, ווייל זיי ווייסען ווי זיך צו באגעהן מיט איהם...

— איך וועל זעהר צופרידען זיין צו ערפילען דיין וואונש — האט זיך דוד אפגערופען — ווי איך האב געהערט שטאמסטו פון די כהנים און די עבודה פוןביידע זיהן וועט זיין זעהר ווינשענסווערטה פאר גאט.

מען האט איינגעשפאנט א נייעם וואגען צו צוויי אקסען. מען האט דעם ארון אויפגעהויבען פאר די שטאנגען און איהם פארזיכטיג אוועקגעשטעלט אויף דעם וואגען. דוד האט גענומען שפיעלען אויף זיין הארפע און די אלע, וועלכע זייענען מיט איהם מיטגעגאנגען, האבען געשפיעלט אויף פערשיעדענע כלי־זמר. דאס פאלק האט געשפיעלט, געזונגען און געיובעלט. דער מארש נאך ירושלים האט זיך אנגעפאנגען.

פלוצלינג האבען זיך די אקסען א הויב געטהאן און דער ארון האט זיך א גליטש געטהאן פון וואגען. עזא, אבינדב׳ס זוהן, וועלכער איז געשטאנען דערביי, האט געמיינט, אז דער ארון וועט ארונטערפאלען, ער האט זיך שטארק דערשראקען און ער האט שנעל אויסגעשטרעקט זיין האנד אונטערצוהאלטען. די אקסען אבער האבען שנעל א ציה געטהאן דעם וואגען און עזא איז אומגע־פאלען מיט זיין קאפ אויף דעם הארטען שטיין וואס איז געווען אין וועג, און איז געבליבען ליגען א טויטער...

באלד האט זיך די גאנצע שמחה פערוואנדעלט אין א טרויער.. א גרויס געוויין האט אויסגעבראכען צווישען אלע אידען.

— גאט האט אונז געשטראפט — האבען אייניגע אויסגערופען — ווייל מיר האבען געוואגט איהם צו שטערען פון זיין רוה...

אלע האבען אין דעם געזעהן דאס גאט איז אומצופריעדען וואס מען וויל אוועקפיהרען דעם ארון קיין ירושלים. דוד אליין האט זיך זעהר שטארק גע־נומען צום הארצען צוליעב דעם אומגליק, וואס האט פאסירט מיט אבינדב׳ס זוהן.

— ווי וועל איך קענען יעצט ברייננען דעם ארון אין ירושלים, אז עס זאל מעהר קיין אומגליק נישט פאסירען ?! — האט דוד אויסגערופען.

אלע זיינען געבליבען שטיל... קיינער האט נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערען דוד׳ן. א היבשע ווייל זיינען זיי געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער און זיך נישט גערירט פון ארט...

— מיר זיינען נאך נישט ווערטה אז דער ארון זאל שטעהן ביי אונז אין ירושלים... מיר האבען פיעל בלוט פארגאסען...

— זאל מען דעם ארון אוועקפיהרען צו מיר אין הויז — האט זיך אפגע־רופען איינער פון די מארשירענדע מיט׳ן נאמען עובד אדם.

— פון וועלכער שטאדט קומסטו ? — האט איהם דוד געפרעגט.

— איך קום פון גת רמון, די שטאדט פון לויים — האט עובד אדם גע־ענטפערט, — און איך שטאם פון די לויים...

מען האט דעם ארון אוועקגעפיהרט צו דעם הויז פון עובד אדם. פיעלע

מענשען זיינען אהין געקומען מתפלל צו זיין און אנצוקוקען דעם ארון. עובד אדם איז דערפון זעהר רייך און בעריהמט געווארען. מען האט אנגעזאגט דוד'ן וועגען דעם און ער האט ווידער בעשלאסען צו ברייגנען דעם ארון אין ירושלים.

— דעם ערשטען מאל זיינען מיר בעגאנגען א גרויסען פעהלער, — האט דוד געזאגט צו זיינע שרים — אונזער תורה האט אונז פארזאגט, אז אלע הייליגע כלים מוזען געטראגען ווערען ביי די שטאנגען און מיר האבען דעם ארון געפיהרט אויף א וואגען, דערפאר האט אונז גאט געשטראפט...

דוד מיט זיינע מענשען זיינען אוועק צו עובד אדם און די לויים האבען געטראגען דעם ארון ביי די שטאנגען... זייער שמחה איז יעצט נאך שטארקער געווארען. צו יעדער קורצע שטרעקע, וואס זיי האבען געמאכט, האבען זיי געשלאכטעט אקסען און פעטע בהמות. די לויים און די כהנים האבען געזונגען און געשפיעלט. אלע אידען האבען מיטגעהאלפען...

מעהר פון אלעמען האט זיך דוד משמח געווען. ער האט געהאלטען א הארפע אין זיינע הענט און געשפיעלט. ער האט געטאנצט און געשפרונגען פון גרויס שמחה און גליק... ווען זיי זיינען אנגעקומען אין ירושלים האט דוד נאך שטארקער זיך צוטאנצט און צווינגען. דאס פאלק איז געווען זעהר צופריעדען צו זעהן ווי דער קעניג מישט זיך צונויף מיט דעם פשוט'ן המון, און זיי האבען איהם דערפאר מעהר ליעב בעקומען.

מיכל, דוד'ס פרוי, איז געווען אין איהר פאלאץ. און ווען זי האט דערהערט דאס שפיעלען און זינגען אויף דער גאס, האט זי ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און זי האט דערזעהן ווי דוד שפרינגט און טאנצט צוזאמען מיט דעם המון, האט זי איהם דערפאר זעהר פעראכטעט אין הארץ... זי האט זיך נישט געקענט פארשטעלען, ווי אזוי א קעניג זאל זיך אזוי ערנידעריגען פאר דעם פשוט'ן המון און טאנצען און שפרינגען פאר אלעמען אין די אויגען.

די שטאלצע מיכל, וועלכע האט דוד'ן געליעבט מעהר פון אלעם אין דער וועלט, האט זיך יעצט געפיהלט שטארק בעליידיגט ווען זי האט באמערקט ווי דוד האט זיך אזוי צוהוליעט צונויפמישענדיג זיך מיט דעם המון... דאס האט אהר זעהר פיעל געערגערט... זי האט דוד'ן געקענט מוחל זיין, וואס ער האט גענומען נאך פרויען צו איהר... זי האט איהם אפילו פארגעבען, ווען ער האט גענומען מעכה'ן, די טאכטער פון דעם קעניג פון גשור, צו זיך פאר א פרוי... זי האט איהם דאן פארענטפערט אין איהר הארצען, אז דאס האט ער דאן געטהאן, כדי דער קעניג פון גשור זאל זיך נישט פארבינדען מיט איש בושת'ן און צוזאמען געהן מלחמה האלטען מיט איהם... אבער דאס, וואס ער מאכט זיך אזוי נאריש און לעבערליך אין די אויגען פון פאלק, דאס האט זי איהם נישט געקענט מוחל זיין... און איהר צארן האט אין איהר געברענט אויף איהם.

אלע פרויען פון דוד זיינען איהם אנטקעגען געקומען מיט טענץ און געזאנג און האבען זיך גענומען בעטייליגען אין דער גרויסער שמחה, מיכל אבער איז געבליבען זיצען אין איהר צימער, פארטיעפט אין טרויעריגע מחשבות... ווי שטארק געענדערט האט זיך דוד! זי דערמאהנט זיך אין יענע יאהרען, ווען זי איז געווען די איינציגע אין דוד'ס הארצען... גליקליכע טעג זיינען געווען יענע,

ווען דוד פלעגט שפּיעלען וואונדער־שעהנע מעלאָדיען אויף זיין האַרפע, זי פלעגט אנשפּאַרען איהר קאָפּ אויף זיין שולטער און וועבען אזעלכע זיסע, גליקליכע חלומות... געדענקט האָט זי דאָן, אז איהר גליק וועט דויערען לעבענסלאַנג... זי זעהט אָבער יעצט, אז לעבענסלענגליכעס גליק איז זעהר א זעלטענע זאך... איהרע ליידען און צער וועגען אריבער דאָס ביסעלע גליק, וואָס זי האָט ווען עס איז געהאַט... יאָ, דוד, דער קעניג, איז נישט דער זעלבער צו איהר, ווי דוד דער פּאַסטוך, ווי דוד דער האַרפען־שפּיעלער!... זי איז נישט די איינציגע אין זיין לעבען... ער האָט גענומען נאָך פיעלע פרויען צו איהר... זיין ליעבע צו איהר איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען... זי, אָבער, האָט איהם נאָך זעהר שטאַרק ליעב געהאַט און זי האָט איהם אין איהר האַרצען געאַכטעט און גע־עהרט... מיט זיין יעצטיגער, אויפפיהרונג אָבער, איז דער לעצטער שנירעל, וואָס האָט פאַרבונדען איהר האַרץ מיט דוד׳ס, איז גאַנצען צוריסען געוואָרען... ער האָט אין איהרע אויגען פאַרלוירען זיין גרויסקייט און גלאַנץ... עפּעס א מין שוידערליכע קאַלטקייט איז דורכגעלאָפען איהר לייב... זי האָט זיך אויפגע־הויבען פון איהר פּלאַץ און ווידער צוגעגאַנגען צום פענסטער... דער יובעל, טומעל און שאַלען פון פאָלק האָט זיך דערטראָגען צו איהרע אויערען. זי זעהט ווי דוד אליין טיילט מתנות צום פאָלק. ער גיסט אן וויין פאַר די אַלע, וועלכע שטעהען נעבען איהם און ער טריקנט צוזאַמען מיט זיי. נאָכהער געהט ער ווי־דער ארויס און טאַנצט... זי האָט מעהר נישט געקענט איינשטעהן און אַן אויפגערעגטע איז זי אוועק פון פענסטער...

ווען דוד איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ, איז איהם מיכל אנטקעגען גע־קומען און מיט א סאַרקאַסטישען שמייכעל אויף איהרע ליפּען, האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען:

— ווי הויך געשטיגען האָסטו היינט, קעניג פון ישראל! דו האָסט זיך אזוי אויפגעפיהרט ווי איינער, וואָס קומט פון די נידעריגסטע שיכטען פון פאָלק... זעהר פיין האָסטו געטאַנצט און געשפּרונגען פאַר די אויגען פון אַלע דינסטען און קנעכט... איך קען דיר פאַרזיכערען, אז מיין פאָטער, וואָלט אזא זאך נישט געטהאָן... ער וואָלט די ווירדע פון דער קרוין נישט אזוי פאַרביליגט און ערנידריגט, ווי דו האָסט יעצט געטהאָן... עס האָט מיר פּשוט געעקעלט צוצוזעהן ווי דו האָסט זיך אויפגעפיהרט אויף דער גאַס צונויפמישענדיג זיך מיט דעם גאַנצען המון... וואָס פאַר א כבוד און אכטונג קענסטו ערוואַרטען פון פאָלק, ווען דו האָסט זיך אזוי צולאָזען מיט דיין שמחה, און בעת מעשה פאַר־געסען, אז דו ביזט דער קעניג פון ישראל?!...

— איך האָב זיך משמח געווען פאַר גאָט! — האָט דוד איהר געענט־פערט, — פאַר גאָט, וועלכער האָט מיר געגעבען פאָרצוג צו דיין פאָטער און מיך אויסדערוועהלט צו ווערען קעניג איבער זיי... אָבער איך וועל זיך נישט האַלטען גרויס מיט מיין קעניגרייך... איך וועל זיך ארונטערלאָזען צום פאָלק און זיין גלייך מיט זיי... און טאַקע אָט די דיענסטען און קנעכט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אז זיי וועלען מיך גרינג שעצען, וועל איך דורך מיין ענִיוות פון זיי נאָך מעהר געעהרט ווערען... איך בין געקומען פון פּשוט׳ן פאָלק צו דער קרוין און מיט זיי וועל איך אימער־צו זיין און צוזאַמען מיט זיי פאַר־ברייגען... און פאַרגעס נישט, אז מיט דערהוייטערען זיך פון׳ם פאָלק און מיט

פוסטען שטאַלץ, קען מען זיך נישט ערהווערבען ליעבשאַפט און געטריישאַפט פון פאָלק. א קעניג האָט גאָט געזאַלבט צוליעב'ן פאָלק, און ער דאַרף דינען דעם פאָלק אַזוי ווי דאָס פאָלק דאַרף איהם דינען... .

מיכל האָט געשוויגען, זי האָט איהם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען, אָבער איהר צאָרן האָט נאָך אין איהר געברענט זעהר א לאַנגע צייט, וואָס האָט געפיהרט צו א דערווייטערונג און פערפרעמדקייט צווישען זיי ביידען.

* * *

זינט דער ארון פון גאָט איז געבראַכט געוואָרען קיין ירושלים האָט זיך דוד'ס מלוכה נאָך מעהר בעפעסטיגט... פון אַלע עקען לאַנד איז דאָס פאָלק געקומען מתפלל צו זיין אין ירושלים פאַר דעם ארון הקודש... יעדער האָט געבראַכט מתנות פאַר'ן קעניג און זיינע שרים. ביסלעכווייז איז ירושלים געוואָרען דער צענטער פון גאַנץ ארץ־ישראל.

דוד האָט יעצט גענומען טראַכטען פון בויען א בית המקדש אין ירושלים. ער האָט געשיקט רופען נתן דעם נביא און איהם דערצעהלט וועגען זיין פּלאַן.

— איך וואוין יעצט אין א פּראַכטפולען פּאַלאַץ געבויט פון צעדער־בוימער און דער ארון פון גאָט רוהט אין א געצעלט פון יריעות — האָט דוד איהם געזאָגט — און דעריבער וואָלט איך וועלען דו זאָלסט מיר געבען אַן עצה צי איך זאָל יעצט אָנפאַנגען בויען א בית המקדש פאַר גאָט?

— גיב מיר צייט ביז איבער נאַכט — האָט נתן דער נביא געזאָגט — און איך וועל די זאַך גוט בעטראַכטען און מאָרגען אין דער פריה וועל איך דיר געבען מיין תשובה.

אויף מאָרגען גאַנץ פריה איז נתן געקומען צו דוד'ן און צו איהם געזאָגט:

— דיין מחשבה צו בויען א הויז, וואו גאָט וועט קענען מאַכען רוהען זיין שכינה, איז זעהר געפעלען אין די אויגען פון גאָט און גאָט בעוויליגט דיין גוטע מחשבה אַזוי ווי דו וואָלסט עס געטהאָן, און ווייל דו ווילסט בויען א הויז פאַר גאָט, וועט דער, וואָס רוהט אין די הימלען, דיר בויען א הויז, וואָס וועט זיך רופען: "מלכות בית דוד" און דיין הויז וועט עקזיסטירען אויף עוויג. כל זמן דיינע קינדער נאָך דיר וועלען געהן אין די וועגען פון גאָט... און וועגען דעם בית המקדש, וואָס דו דענקסט צו בויען, איז נאָך יעצט די צייט נישט געקומען... ווייל די פיעלע מלחמות, וואָס זיינען פאָרגעקומען דורך דיין צייט, און די פיעלע בלוט, וואָס איז אין דיזע מלחמות פערגאָסען געוואָרען, מאַכט דיר נישט פּאַסיג צו בויען דעם בית המקדש, ווייל אונזער הייליגע תורה זאָגט אונז אַן "כי חרבך הנפת... ותחללה", מיט דיין שווערד, וואָס דו האָסט אויפגעהויבען קענסטו נישט בויען א מקדש פאַר גאָט... דיין זוהן נאָך דיר, וועט בויען א הויז פאַר גאָט... ווייל אין זיין צייט, האָף איך, וועט זיין שלום מיט אַלע פעלקער און קיין בלוט וועט נישט פערגאָסען ווערען, ווי עס איז פערגאָסען געוואָרען דורך דיין רעגירען...

דוד איז צוגעגאַנגען צום ארון און האָט מתפלל געווען צו גאָט א תפלה דאַנקענדיג איהם פאַר זיין גוטע הבטחה, וואָס ער האָט איהם פערשפּראָכען צו בעפעסטיגען זיין מלכות אויף עוויג...

זיבען-און-צוואנציגסטער קאפּיטעל

די באליידיגונג פון דוד'ס שליחים

א היבשע צייט איז אוועק זינט דעם איבערדייד צווישען מיכל'ן און **דוד'ן**, אָבער דער איינדרוק, וואָס דוד'ס אויפפיהרונג האָט געמאכט, בשעת ער האָט געבראכט דעם אָרון אין ירושלים, איז נישט אזוי גיך אפּגעמעקט געוואָרען פון איהרע געדאנקען. דוד האָט שוין לאנג פארגעסען מיכל'ס באליידיגונג און ער איז צו איהר ווידער צערטליך געוואָרען... ער האָט צו איהר ארויס־געוויזען מעהר ליבע ווי צו אלע אנדערע ווייבער... איז מיכל'ס הערצען אָבער האָט זיך דאָס ליבע־פייערל צו דוד'ן אפּגעקיהלט... זי איז געוואָרען בלאַ־סער און טרויעריגער פון טאָג צו טאָג... זי האָט זיך אפּגעזונדערט פון די איבעריגע פרויען, און איהרע געדאנקען האָבען תמיד געוואנדערט צו איהר פארגאנגענהייט אין דער צייט, ווען איהר פאָטער און מוטער האָבען געלעבט. זי האָט געטראכט וועגען איהר געטרייען, ליבען ברודער יונתן, וועמען זי פלעגט אלע איהרע סודות אנפארטרויען, פאר וועמען זי האָט געקאָנט אויס־גיסען איהר הארץ, ווען עפּעס האָט איהר געדריקט... יע, אלע זיינען אויסגע־שטאָרבען, און איהר איינציגער לעצטער ברודער, איש בושת, איז אויך גע־טויטעט געוואָרען...

פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט, אז איהר ברודער יונתן האָט איבערגע־לאָזען א פינף־יאָהריגען זוהן, ווען ער איז געפאלען אין שלאכט מיט די פלשתים אויף די בערג פון גלבע. זיין נאָמען, געדענקט זי, איז געוועזען מפיבושת. און ווען זיין ערציהערין האָט זיך דערוואוסט, אז די פלשתים דערנעהנטערען זיך, האָט זי מפיבושת'ן ארויסגענומען פון זיין בעטעל, און טראָגענדיג איהם אויף איהרע הענט, האָט זי גענומען אנטלויפען פון שטאָדט... אָבער לויפענדיג אזוי האסטיג, איז מפיבושת ארונטערגעפאלען פון איהרע הענט און האָט אויסגעלענקטביידע פיס... ער איז פארבליבען א בעל־מום. און זינט דאן האָט איהם מיכל נישט געזעהן און אויך פון איהם נישט געהערט... ווער ווייס, האָט זי איצט געוואונדערט, וואו ער געפינט זיך און צי ער איז נאָך איצט צווישען די לעבעדיגע!

מיכל האָט אוועקגעשיקט צוויי פון איהרע דינער נאָך גבעה, זיי זאָלען אויסגעפינען, צי יונתן'ס זוהן לעבט נאָך און וואו ער געפינט זיך.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער האָבען די דינער געבראכט א באריכט צו מיכל'ן, אז מפיבושת לעבט נאָך און אז ער געפינט זיך אין הויז פון מכיר פון דער שטאָדט לו־דבר, וואָס איז נישט ווייט פון מחנים.

— ווער האָט אייך געגעבען דיזע אויסקינפטע? — האָט מיכל געפרעגט איהרע דינער.

— ווען מיר זיינען געוועזען אין גבעה — האָט איינער פון די דינער זיך אפּגערופען — האָבען מיר דאָרטען געטראָפען ציבא, דיין פאָטער'ס קנעכט, וועלכער פארוואלטעט נאָך אויך איצט די גוט פון שאול'ן. ווען מיר האָבען איהם דערצעהלט צוליב וועלכען צוועק דו האָסט אונז אהער געשיקט, האָט ער אונז געזאָגט, אז מפיבושת געפינט זיך אין מכיר'ס הויז פון דער שטאָדט

לו־דבר... ווען מיר האָבען איהם געפרעגט, ווי אזוי ער קומט דאָרטען, האָט ער אונז געזאָגט, אז דאמאלס ווען ער האָט געהערט, אז מען האָט געטויטעט איש בושת׳ן, האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט מען אויך זוכען אומצוברענגען מפיבושת׳ן, יונתן׳ס זוהן, און אזוי ווי מכיר איז נאָך אן אַלטער פריינד פון דער משפחה פון שאול, האָט ער איהם באהאַלטען אין זיין הויז.

מיכל איז גלייך אוועקגעגאנגען צו דוד׳ן און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך געדענק נאָך גאַנץ גוט, וואָס פאַר א געטרייע און איבערגעגעבענע פריינד דו און יונתן זיינען געוועזען איינער צום צווייטען... איך ווייס, אז איהר ביידע האָט געשלאָסען א בונד פון ליבשאַפט און געטרייהייט, וואָס זאָל בלייבען פאַר קינדס־קינדער... איצט האָב איך זיך דערוואוסט, אז פון יונתן איז געבליבען א זוהן מיט׳ן נאָמען מפיבושת. ער איז א בעל־מום און געפינט זיך אין לו־דבר אין הויז פון מכיר׳ן... ער ליגט דאָרטען באהאַלטען אויס מורא פאַר זיין לעבען. איז עס נישט צו פיל פון מיין זייט צו בעטען דיך, אז דו זאָלסט יונתן׳ס זוהן אריבערברענגען אהער, אין ירושלים און געבען איהם פולען שוץ?...

— געבענשט זיי צו גאָט, ליבע מיכל, — האָט איהר דוד א קוש געטאָן, — וואָס דו האָסט מיך אויפמערקזאם געמאַכט וועגען דעם... איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אז עס איז נאָך געבליבען א זוהן פון יונתן, וועלכער איז צו מיר געוועזען טייערער און ליבער ווי א ברודער... איך וועל זיין זעהר גליקליך, אז איך וועל עפּעס קענען טאָן פאַר דעם זוהן פון מיין געטרייען פריינד, וועלכער איז געפאַלען אין שלאַכט ווי א העלד, קעמפענדיג פאַר דעם כבוד פון אונזער פאָלק... יע, מיכל, מיט דיין יעצטיגער בקשה ביסטו אין מיינע אויגען א סך געשטיגען... איך וועל זי מיט צופרידענהייט באלד ערפילען.

דוד האָט געשיקט שליחים צו ציבא׳ן, ער זאָל קומען צוזאַמען מיט מפיבושת׳ן צו איהם אין ירושלים.

ווען ציבא און מפיבושת זיינען געבראַכט געוואָרען בעפאַר דוד׳ן, האָבען זיי זיך פאַרנייגט פאַר׳ן קעניג.

— ביסטו דאָס מפיבושת, יונתן׳ס זוהן? — האָט איהם דוד געפרעגט.

— יע, מיין האר קעניג, איך בין עס. — האָט מפיבושת געענטפערט.

— קום נעהנטער צו מיר, מיין זוהן, — האָט דוד צו איהם געזאָגט.

מפיבושת איז צוגעקומען נעהנטער צו דוד׳ן, און דער קעניג האָט איהם ארומגענומען און געהאַלזט און געקושט...

— יעצט זעה איך אין דיר א גרויסע עהנליכקייט צו דיין פאָטער, — האָט דוד געזאָגט מיט טרערען אין זיינע אויגען. — אַ, וואָס פאַר א ליבער און געטרייער פריינד דיין פאָטער איז צו מיר געוועזען!... נישט איינמאָל האָט ער מיך פון א זיכערען טויט געראַטעט, איינשטעלענדיג דערביי זיין אייגען לעבען אין סכנה... שווער, זעהר שווער צו געפינען נאָך אזא פריינד ווי יונתן... ווי ליב ער איז מיר געווען... איך וואָלט דאָך מיין לעבען אָפּגעגעבען פאַר איהם... און יעצט בין איך גליקליך עפּעס צו קענען טאָן פאַר זיין איינציגען זוהן... דעם גאַנצען אייגענטום וואָס האָט געהערט צו שאול׳ן, וועט אָפּגעגעבען ווערען צו דיר; און דו אליין וועסט ביי מיר פאַררעכענט ווערען

ווי איינער פון מיינע קינדער. דו זאָלסט תמיד עסען ביי מיין טיש, און וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען, וועט באַלד ערפילט ווערען.

מפיבושת איז ביז טרעהרען גערירט געוואָרען פון דוד'ס צערטליכקייט און גוטסקייט... ער האָט זיך ווידער פאַרנייגט פאַר איהם און מיט אַ שוואַכער, ציטערענדער שטימע געזאָגט:

— איך בין נישט ווערט, מיין האַר קעניג, אַז דו זאָלסט טאָן אַזוי פיל חסד מיט מיר, דיין קנעכט... איך בין אַ בעל־מום און איך האָב גאָר קיין האָפענונג נישט, אַז איך וועל האָבען די מעגליכקייט ווען עס איז דיר אָפּצור־דינען פאַר דיין גוטסקייט צו מיר...

— עס טוט מיר זעהר באַנג, וואָס איך האָב פריהער נישט אויסגעפונען וועגען דיר. די גאַנצע צייט ביסטו געווען פאַרוואָגעלט אין דער פרעמדע, אָהן פריינד און אָהן שוץ, און איך האָב דערפון נישט געוואוסט... יעצט אָבער בין איך דאַנקבאַר דעם בורא, פאַרוואָס עס איז נאָך נישט צו שפּעט פאַר מיר צו טאָן עפּעס פאַר דעם זוהן פון מיין טייערסטען חבר...

— און דו — האָט זיך דוד אָפּגערופען צו ציבא'ן — דו ביסט געווען דער פאַרוואַלטער פון שאול'ס גיטער... פון יעצט אָן וועט שאול'ס גאַנצע אייגענטום איבערגעהן צו מפיבושת'ן. דו און דיינע קינדער זאָלען בעאַר־בייטען זיינע פעלדער און גערטנער און אכטונג געבען אויף אַלעס, וואָס ער פאַרמאָגט. זאָג מיר, וויפיל קינדער האָסטו?

— איך האָב פופצעהן קינדער. זיי זיינען אַלע געזונט און שטאַרק און וועלען זיך גוט אויסטויגען צו דער אַרבייט. איך האָב אויך צוואַנציג קנעכט און איך בין זיכער, אַז יעדער פון זיי וועט טאָן זיין פליכט, — האָט ציבא געזאָגט.

— גוט! — האָט דוד זיך אָפּגערופען. — יעדען יאָהר וועסטו דאַרפען אָפּגעבען אַ חשבון, וויפיל געלד מפיבושת'עס אייגענטום האָט איינגעבראַכט. אַ טייל פון דעם וועט געהן פאַר דעם אויפהאַלט פון דיין הויזגעזונט און די איבעריגע—אין דעם אוצר פון מפיבושת'ן...

מפיבושת איז פון דאַן אָן פאַרבליבען אין דוד'ס פּאַלאַץ.

אין יענעם יאָהר איז געשטאָרבען נחש, דער קעניג פון עמון, און זיין זוהן חנון איז געוואָרען קעניג איבער די עמונים.

ווען דוד האָט דערהערט, אַז נחש איז געשטאָרבען, האָט ער זיך אָפּגערופען צו יואָב'ן, זיין שר צבא:

— דער קעניג נחש איז געווען זעהר פריינדליך צו מיר, און ווען דער קעניג פון מואָב האָט איהם געבעטען, ער זאָל געהן מלחמה האַלטען מיט מיר, האָט ער זיך ענטזאָגט איהם צו העלפען... דעם חסד, וואָס ער האָט דאַן מיט מיר געטאָן, וועל איך אַלע מאָל אָפּשאַצען. און יעצט, אַז ער איז געשטאָרבען, וועל איך שיקען מיין סימפּאַטיע און טרייסט צו חנון דורך מיינע קנעכט.

— יע, — האָט יואָב געזאָגט, — מיט זיין נייטראַליטעט אין אונזער לעצטער מלחמה מיט מואָב'ן האָט נחש, דער קעניג פון עמון, געוויס פאַרדינט פון אונז, אַז מיר זאָלען אויסדריקען צו חנון אונזער טיעפען צער פאַר דעם טויט פון זיין פאָטער.

דוד האָט אוועקגעשיקט נאָך עמון דריי שלוחים און זיי פאַרזאָגט איבער־צוגעבען דעם קעניג פון עמון זיין טיפסטע סימפּאַטיע פאַר דעם גרויסען פאַר־לוסט, וואָס דאָס פאָלק פון עמון האָט געליטען אין דעם טויט פון זיין פאָטער...

ווען די שלוחים זיינען אָנגעקומען אין רבה, די הויפּט־שטאָדט פון עמון, האָט מען גלייך געמאָלדען דעם קעניג דערפון.

חנון האָט צוזאַמענגערופען זיינע יועצים און זיך מיט זיי באַראַטען ווי אויפצונעהמען דוד'ס קנעכט.

— ווי מען גיט מיר איבער, זיינען די שליחים פון דוד'ן אַנגעקומען אהער צו טרייסטען מיך אין נאָמען פון זייער קעניג.

— דאָס וויל ער דיר צייגען זיין דאַנקבאַרקייט צו דיין פאָטער נחש'ן, וואָס ער האָט ניט געוואָלט געהן מואב'ן צו הילף, — האָט זיך איין יועץ אָפּ־גערופען. — דעריבער איז מיין עצה, אַז מיר זאָלען געבען זיינע קנעכט א זעהר פיינע אויפנאַהמע און דערמיט וועלען מיר פאַרשטאַרקען די פריינד־שאַפט צווישען ביידע לענדער, און אין פאַל פון א מלחמה מיט איינעם פון אונזערע שונאים, וועט דוד אונז קומען צו הילף...

— ישראל איז אונזער איינציגער שונא! — האָט א צווייטער אויס־גערופען — און איך וויל דאָ פאַר אייך עפענטליך ערקלערען, אַז דער פאַר־שטאָרבענער קעניג נחש האָט זעהר נישט ריכטיג געהאַנדעלט, ווען ער האָט זיך ענטזאָגט צו קומען אונזער שכן מואב'ן צו הילף... איך בין זיכער, אַז מיט אונזערע פאַראייניגטע כחות וואָלט דוד קיינמאָל מואב'ן נישט באַזיגט... פאַרקערט, צוזאַמען וואָלטען מיר אָפּגעהאַלטען א גרויסען נצחון איבער דוד'ן און זיין אַרמעע. און דאַן וואָלטען מיר צוריקגעקראָגען אונזערע אַלע שטעדט, וואָס מיר האָבען פאַרלאָרען אין דער מלחמה מיט שאול'ן...

— איך בין אָבער גלייך געווען מיט דער מיינונג, אַז מיר זאָלען קומען מואב'ן צו הילף, אָבער מיין פאָטער האָט זיך צו מיר נישט צוגעהערט, — האָט חנון זיך אָפּגערופען. — מיר וואָלטען געקראָגען א סך הילף פון צפון. הדרעזר, דער קעניג פון צובא און ארם, וואָלט זיך מיט אונז פאַראייניגט און מיר וואָלטען פון גאַנץ ישראל נישט איבערגעלאָזען קיין שריד ופליט... יעצט אָבער, אַז מואב איז געגאַנגען קעמפען אַליין, האָט איהם דוד גרינג באַזיגט... נאָכהער האָט ער זיך גענומען צו הדרעזר'ן און צו ארם און האָט זיי אויך באַזיגט... און עס וועט נישט נעהמען זעהר לאַנג, און דוד וועט זוכען אָנצו־פאַנגען א מלחמה אויך מיט אונז...

— און איך בין זיכער, — האָט זיך איינער פון די שרים אָפּגערופען, — אַז דאָס, וואָס דוד האָט געשיקט אהער זיינע קנעכט אויסצודריקען זיין מיט־געפיהל צו אונזער קעניג, איז דאָס נישט, ווייל ער האָט אַזוי שטאַרק מכבד געווען דיין פאָטער; עס איז פּשוט אַן אויסרייד. אין דער אמת'ן וויל ער, אַז זיי זאָלען אויספאָרשען אונזער לאַנד, זיי זאָלען אויסגעפינען אַלע אונזערע געהיימע וועגען, כדי ער זאָל נאָכהער קומען אויף אונז מיט אַן אַרמעע און אונז פאַרניכטען.

— געהערט! — האָט דער קעניג אויסגערופען. — דוד האָט זיי געשיקט אויסצושפּיאָנירען אונזער לאַנד...

— א טויט צו דוד'ס שפּיאָנען! — האָבען איניגע שרים אויסגערופען.

— שטארבען וועלען דוד'ס קנעכט פאר אונזערע אויגען! — האבען אנדערע אויסגערופען.

— דער טויט איז א צו קליינע שטראף פאר זיי! — האט זיך חנון אפגערופען. — מיר דארפען זיי אנטאן א גרויסע שאנדע... מיר וועלען זיי פריהער גוט אנבערבען דיביינער, נאכהער וועלען מיר פון יעדען פון זיי אפגאלען א האלבע בארד און ארונטערשניידען די אונטערשטע העלפט פון זייערע קליידער. און אזוי וועלען מיר זיי אוועקשיקען צוריק צו זייער לאנד מיט בושה און חרפה...

מיט גרויס אומגעדולד האט דער קעניג חנון מיט זיינע שרים ערווארטעט דוד'ס שליחים.

ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין פאלאץ, איז חנון געזעסען אויף זיין טראן, ארומגערינגעלט פון זיינע לייבוועכטער. אונטען זיינען געזעסען אלע זיינע שרים און יועצים.

דוד'ס שליחים האבען זיך פארנייגט פאר דעם קעניג מיט זייערע פנים'ער ביז דער ערד, און דער עלטסטער פון זיי האט זיך באלד אויפגעהויבען און געזאגט:

— פרידען צו אונזער האר קעניג, חנון, דער זוהן פון נחש, פרידען צו זיין קרוין, פרידען צו זיין פאלק און פרידען צו זיין לאנד! אונזער קעניג דוד האט דערהאלטען די טרויעריגע בשורה וועגען דעם טויט פון דעם קעניג'ס פאטער, נחש, און האט אונז געשיקט צו דעם קעניג אויסצודריקען זיין טיפען צער און טרויער איבער דעם טויט פון נחש'ן. און אין דער זעלבער צייט שיקט ער זיין טרייסטונג צו דעם קעניג און צו זיין פאלק...

ער האט נאך נישט געענדיגט ריידען, און דער קעניג האט א וואונק געטאן צו זיינע לייבוועכטער, און זיי האבען זיך א לאז געטאן צו דוד'ס שליחים...

— יעדער פון זיי זאל קריגען צו הונדערט שמיץ! — האט דער קעניג אויסגערופען.

באלד האט אויסגעבראכען א הילכיגער געלעכטער איבער'ן פאלאץ.

די לייבוועכטער האבען גענומען ארונטעררייסען די קליידער פון דוד'ס שליחים, וועלכע זיינען געשטאנען אזוי צעטומעלט און צעשראקען, אז זיי האבען בעת מעשה נישט געקענט פארשטעהן, וואס דא קומט פאר מיט זיי... זייער בעטען און וויינען האט זיי נישט געהאלפען...

— הונדערט שמיץ אויף די נאקעטע לייבער מוז יעדער פון זיי קריגען! —האט דער קעניג נאך העכער אויסגעשריען. — זאל יעדער פון זיי וויסען, ווי צו קומען און אויסשפיאנירען אונזער לאנד...

— מיר שווערען ביי דעם גאט פון ישראל און ביי אונזער קעניג דוד, אז מיר זיינען נישט קיין שפיאנען! — האבען די שליחים געשריען פון יסורים...

— שמייסט זיי נאך שטארקער! — האט דער קעניג באפוילען. — שמייסט זיי אזוי לאנג, ביז וואנען זיי וועלען אויפהערען צו שרייען!

און די לייבוועכטער האבען אויסגעפאלגט דעם קעניג'ס באפעהל מיט צופרידענהייט...

דריי טעג זיינען די שלוחים געווען אין יסורים. אויפ'ן פערטען טאג האט חנון געהייסען אפגאלען יעדען פון זיי א האלבע באָרד און אונטערשניידען דעם אונטערשטען טייל פון זייערע קליידער, און זיי מיט גרוים חרפה ארוים־געטריבען פון זיין לאנד.

די שלוחים האבען זיך קוים דערשלעפּט ביז'ן ירדן, וואו זיי האבען גע־טראָפען אייניגע אידען, און זיי האבען זיי אוועקגעשיקט צו דוד'ן איהם דער־צעהלען, ווי אזוי דער קעניג פון עמון האט זיי באהאנדעלט...

ווען דוד האט עס דערהערט, איז ער אויפגערעגט געווארען, און זיין כעס האט אין איהם געברענט. ער האט גלייך געשיקט קליידער צו זיינע שליחים און זיי אנגעזאגט זיי זאלען בלייבען זיצען אין יריחו, ביז וואנען זייערע בערד וועלען אנוואקסען... ווייל עס וועט זיין אונמעגליך פאר זיי צו קומען אין ירושלים מיט געגאלטע בערד... ער האט זיי אויך געהייסען טרייסטען און זיי פארזיכערט, אז ער וועט זיך אפּרעכענען מיט די עמונים פאר די שמערצען און די שאנדע, וואס זיי האבען פארשאפט צו זיינע שליחים...

נאכדעם ווי חנון, דער קעניג פון עמון, האט אזוי שרעקליך געפייניגט און באליידיגט דוד'ס שליחים, האט ער באלד פארשטאנען, אז דוד וועט זיך מיט איהם אפּרעכענען דערפאר... יעצט האט איהם שוין שטארק פארדראסען פארוואס ער האט די שליחים אינגאנצען נישט געטויטעט... ווען פון זיי וואלט קיין געדעכענים נישט געבליבען, דאן וואלט דוד גאר נישט אויסגעפונען, וואס מיט זיי האט פאסירט... ער וואלט קיינמאל נישט פארדעכטיג, אז דאס האבען די עמונים געטויטעט זיינע שליחים פון שלום.

חנון האט ווידער צוזאמענגערופען זיינע שרים און זיך מיט זיי גע־האלטען אן עצה, וואס ווייטער צו טאן.

— דוד וועט געווים אנקומען מיט א גרויסער ארמיע זיך אפּצורעכענען מיט אונז, — האט דער קעניג זיך אפגערופען. — מיר דארפען זיין געגרייט.

— מיר קענען נישט ערווארטען, אז אונזערע שכנים פון צפון זאלען אונז קומען צו הילף, — האט אן עלטערער מיניסטער געזאגט, — מיר האבען זיי נישט געהאלפען אין זייער מלחמה מיט דוד'ן. אבער ווען מיר זאלען קענען אריינקריגען גענוג געלד אין קעניגליכען אוצר, דאן וואלטען מיר געקענט אפּ־דינגען אן ארמיע פון ארם און פון אנדערע מלוכות, און זיי וואלטען אונז געהאלפען מלחמה האלטען מיט דוד'ן.

חנון האט אונטערגעשריבען א באפעהל, אז יעדער איינער זאל ברענגען וויפיל געלד און זילבער ער פארמאגט אין אוצר פון דער מלוכה.

"אויב איהר וועט נישט וועלען אפּגעבען אייער געלד צו פארטיידיגען אונזער פאטערלאנד, דאן וועט קומען דוד און עס אלץ־איינעם ביי אייך צו־נעהמען און דערצו וועט ער אייך צונעהמען פאר קנעכט און אייערע פרויען און קינדער וועט ער טויטען מיט'ן שווערד."

אלע עמונים האבען גלייך גענומען אויסליידיגען די געלד פון זייערע הייזער, און די פרויען האבען אויסגעטהאן זייער צירונג און דאס אוועקגע־טראגען צום קעניג...

חנון האט גלייך אפּגעדונגען פון ארם צובא אן ארמיע פון צוואנציג טויז־

זענד פוסגעהער. טויזענד סאָלדאטען האָט ער געדונגען פון דעם קעניג פון מעכה און צוועלף טויזענד מאַן האָט ער געדונגען פון דער שטאָדט טוב, וועלכע געפינט זיך ביי דעם גרענעץ פון גלעד.

דוד האָט צונויפגערופען אלע גבורים און די בראווע סאָלדאטען און האָט זיי געשיקט מיט יואָב'ן צו די גרעניצען פון עמון.

ווען יואָב מיט זיין חיל האָבען זיך דערנעהנטערט צו רבה, די הויפּט־שטאָדט פון עמון, האָט יואָב דערזעהן פון ווייטען אָנקומענדיג די מחנות פון ארם צובא און פון איש טוב. ער האָט גלייך צוזאַמענגערופען זיינע גענעראַלען און צו זיי געזאָגט:

— ווי איך זעה, וועלען מיר האָבען א מלחמה פון פאָרענט און פון הינטען. איך וועל דאריבער מוזען צוטיילען אונזערע מחנות אין צוויי לאַ־גערען. איך וועל מיט איין ארמעע קעמפען געגען ארם, און די צווייטע ארמעע וועט זיין אונטער דער פיהרערשאַפט פון מיין ברודער אבישי.

— אויב דו וועסט זעהן, אז ארם וועט קריגען די אויבערהאַנט איבער מיינע ארמעען, זאָלסטו מיר צושיקען פארשטארקונג פון דיין חיל. און ווען איך וועל זעהן, אז די עמונים זיעגען, דאַן וועל איך קומען דיר צו הילף. לאָמיר זיך שטארקען און זיין בראוו פאר אונזער גאָט, פאר אונזער פאָלק און פאר אונזער לאַנד... לאָמיר צייגען אונזערע שונאים, אז פאר באַליידיגען א אידען וועלען זיי טייער באַצאָלען... לאָמיר קעמפען פאר'ן כבוד פון אונזער קעניג!

אוריה דער חיתי, וועלכער איז געווען איינער פון די גענעראַלען, איז שטארק אין כעס געוואָרען אויף יואָב'ן, פארוואָס ער האָט איהם נישט געמאכט פאר דעם פיהרער פון אלע ארמעען געגען עמון.

— יואָב ווייס גאַנץ גוט, אז איך בין מעהר פעהיג פון זיין ברודער אָנ־צופיהרען א מלחמה... ער האָט זיך זיכער איבערצייגט אין דעם אין די פריי־הערדיגע מלחמות... יואָב אליין האָט איהם זעהר שטארק געליובט פאר זיין העלדישקייט... ער האָט איהם שוין איינמאָל פארשפּראָכען צו מאכען איהם פאר דעם הויפּט־אָנפיהרער פון עטליכע מחנות. און צום סוף, אין אזא שווערער מלחמה, מאכט ער גאָר זיין ברודער פאר דעם הויפּט־אָנפיהרער. אוריה האָט יואָב'ן דערפון גאָר נישט געזאָגט. ער האָט פאר איהם שטארק מורא געהאַט... יואָב ווייס זיין סוד, און ווען ער זאָל איהם מיט עפּעס דער־צערנען, וועט ער געוויס דוד'ן דערצעהלען פון אלעס... איך וועל אָבער איבערצייגען ביידען, אי דוד'ן, אי יואָב'ן, ווער עס איז א בעסערער גענעראַל: איך אָדער אבישי.

אוריה האָט זיך מיט זיין חיל א רוק געטאָן פאראויס, און איידער אבישי האָט זיך ארומגעזעהן, האָט ער שוין גענומען אטאקירען די עמונים...

יואָב האָט גענומען שטורעמען די פאראייניגטע מחנות פון ארם, פון טוב און פון מעכה. ער האָט געריטען אויף א פערד און מיט זיין שפּיז אין האַנט האָט ער געשטאָכען אויף רעכטס און לינקס. זיינע גבורים האָבען איהם נאָכגעפאָלגט און מיט שאַלען און געשרייען פון נצחון האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף זייערע שונאים...

די געדונגענע ארמעען האָבען זיך שטארק דערשראָקען, ווען זיי האָבען

געזעהן מיט וואָס פאר א גבורה יואָב און זיינע גבורים זיינען אויף זיי אנגע־פאַלען, און האָבען גענומען לויפען אויף צוריק אין גרויס טומעל און אומ־אָרדענונג...

יואָב האָט זיי נאָכגעיאָגט און האָט זיי שטארק צעשלאָגען און די איבעריגע זיינען צעלאָפען אין זייערע לענדער...

ווען יואָב איז פארטיג געוואָרען מיט ארם, איז ער געגאנגען העלפען זיין ברודער אבישי'ן. אָבער ווען די עמונים האָבען זיך דערוואוסט פון דער מפּלה פון ארם, זיינען זיי צעלאָפען פון זייערע שטעדט און האָבען זיך באַפעסטיגט אין זייער הויפּט־שטאָדט רבה... יואָב און אבישי האָבען פארוויסטעט די אלע קלענערע שטעדטלעך פון עמון און צוגענומען אלעס, וואָס זיי האָבען דאָרטען געפונען. זיי זיינען צוגעקומען צו דער הויפּט־שטאָדט און גענומען איהר באלאגערען...

איינינגע וואָכען האָבען זיי געלאגערט ארום דער שטאָדט. די פעסטונג פון רבה איז געווען זעהר מעכטיג, און יואָב האָט זיך ארומגעזעהן, אז עס וועט זעהר לאנג נעהמען, איידער ער וועט האָבען די מעגליכקייט איינצונעהמען די פעסטונג. דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיין ברודער און די איבעריגע גענעראלען:

— מיר האָבען צעשלאָגען די עמונים און אלע זייערע מיטהעלפער... מיר זיינען יעצט ביי די טויערען פון עמונ'ס הויפּט־שטאָדט. עס וועט אונז נעהמען א לאנגע צייט, איידער מיר וועלען איינגעהמען די פעסטונג... מיר טאָרען אָבער ביי דער יעצטיגער לאגע נישט פארשווענדען אונזערע גאנצע כחות אויף דיזער פעסטונג... מיר דארפען זיך ריכטען, אז ארם וועט אזוי שנעל זיך נישט אונטערגעבען... זיי וועלען זיכער זוכען די הילף פון אנדערע מלוכות און וועלען נאָכאמאָל קומען מלחמה האלטען מיט אונז. דעריבער האָב איך באשלאָסען, אז מיר זאָלען זיך דערווייל צוריקציהען פון דער פעסטונג און צוריקגעהן נאָך ירושלים... אונזער חיל איז שוין אויסגעמאטערט, און אונזער שפּייז וועט אויך לאנג נישט אָנהאלטען. יע, מיר וועלען זיך יעצט צוריקציהען. אָבער מיר זיינען נאָך נישט פארטיג מיט די עמונים; דעם קומענדען פריהלינג וועלען מיר קומען און נישט אָפּטרעטען פון פעסטונג, ביז וואנען מיר וועלען איינגעהמען די הויפּט־שטאָדט פון עמון און באשטראָפען דעם קעניג מיט זיין פאָלק פאר זיין גרויזאמער באהאנדלונג פון די שליחים פון דוד, וועלכע זיינען געשיקט געוואָרען מיט א שליחות פון שלום...

אויף מאָרגען גאנץ פריה האָט זיך יואָב צוריקגעצויגען פון דער פעסטונג און איז אוועק מיט זיין גאנצען חיל צוריק נאָך ירושלים.

דוד האָט איהם באגריסט צו זיין גלענצענדען זיעג, וואָס ער האָט אָפּגע־האלטען איבער די פאראייניגטע ארמעען און האָט יואָב'ן געלויבט פאר זיין קלוגען פארשטאנד און לאָגישען שכל...

— דאָס, וואָס דו האָסט צוריקגעטראָטען פון דער פעסטונג, איז ביי מיר נאָך מעהר אָנגעלעגט, ווי דו וואָלסט זיי איינגאנצען באזיעגען, ווייל דאָס איז געווען א זעהר קלוגער און אויסגערעכענטער שריט... אָנשטאָט צו פארברענגען א לאנגע צייט מיט א מיעדער ארמעע ארום א שטארקער פעסטונג, האָסטו זי אהער געבראַכט, וואו מיר וועלען די ארמעע קענען אויסנוצען פאר א בעסערען

צוועק... איך האָב זיך נאָר וואָס דערוואוסט, אַז די פעלקער פון צפון ריידען זיך צוזאַמען און זוכען אונז ווידער צו באַפאַלען... מיר דאַרפען זיין געגרייט... מיר מוזען איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף צו אונזערע שונאים פון צפון. מיר וועלען טאָן צו זיי, ווי מיר האָבען געטאָן צו אונזערע שונאים פון מערב, די פלשתים.

ווען דער קעניג פון ארם צובא האָט געזעהן די גרויסע מפּלה, וואָס זיינע מחנות האָבען געליטען פון יואָב'ן, האָט ער געשיקט שליחים צו הדרעזר'ן און צו די איבעריגע קעניגען פון ארם און צו זיי געזאָגט: "מיר מוזען זיך איינ־מאָל פאַר אַלע מאָל פאַראייניגען און קעמפען געגען דוד'ן און יואָב'ן. וויל אויב מיר וועלען שטעהן באַזונדער, וועט דוד אונז פאַרניכטען איינציגווייז... די מלוכה, וועלכע וועט זיך ענטזאָגען צו פאַראייניגען זיך מיט אונז און קומען העלפען קעמפען געגען דעם קעניג פון ישראל, וועט באַטראַכט ווערען פאַר אונזער שונא; און ווען מיר וועלען זיך צוריקציהען זיעגרייך פון דער מלחמה, וועלען מיר נקמה נעהמען פון די אַלע, וועלכע זיינען געשטאַנען פון דער וייטען..."

אַלע מלוכות פון ארם האָבען זיך פאַרזאַמעלט און זיינען גרייט געווען אַנצופאַנגען די מלחמה מיט דוד'ן, אַ חוץ תעי, דער קעניג פון חמת.

— איך האָב געשלאָסען אַ בונד מיט דוד'ן און איך וועל נישט געהן קעמפען געגען איהם... און אַ חוץ דעם, איז הדרעזר מיין גרעסטער שונא, און איך וועל זיכער איהם נישט געהן העלפען געגען דוד'ן.

— דערפאַר — האָט דער קעניג פון ארם געענטפערט תעי'ן — ווען מיר וועלען זיך צוריקקעהרען מיט נצחון פון דער מלחמה, וועלען מיר דיין קרוין און דיין לאַנד אָפּגעבען צו הדרעזר'ן און דו וועסט זיך געפינען אונטער זיין טיש און קלייבען די ברעקלעך, וואָס הדרעזר וועט דיר אַרונטערוואַרפען.

דוד האָט צוזאַמענגעשטעלט איינע פון די גרעסטע אַרמעען און האָט אָװעקגעמאַרשירט נאָך צפון אַנטקעגען די מחנות פון אַלע מלוכות פון ארם.

דער קעניג פון ארם צובא האָט געשיקט אָנזאָגען חנון, דעם קעניג פון עמון, וועגען דער באַנייטער מלחמה, וואָס ער געהט פיהרען קעגען ישראל. אָבער חנון האָט שוין מורא געהאַט צו פאַרלאָזען די פעסטונג און ער האָט איהם געענטפערט: "די מחנות, וואָס איך האָב געקראָגען פון ארם, האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו זיין זעהר שוואַך און מוטלאָז... ווי פיינגלינגע זיינען זיי צעלאָפען פון יואָב'ס ערשטען אָנגריף... און דיזער ביישפּיל פון שוואַכ־קייט, וואָס דיינע אַרמעען האָבען אַרויסגעוויזען, האָט געמאַכט זעהר אַ שווע־רען איינדרוק אויף מיינע מחנות, וועלכע האָבען זיך אויך שטאַרק דערשראָקען און צעלאָפען, איבערלאָזענדיג זייערע שטעדט און דערפאַר פאַר דעם שונא... יואָב האָט פאַרוויסטעט אונזערע אַלע שטעדט, און מיינע סאָלדאַטען זיינען יעצט פאַרנומען אין ווידער־אויפבויען די חרוב'ע שטעדט... איך קען דיר נישט שיקען מיינע חילות, אָבער איך וועל דיר אַרויסהעלפען מיט געלד און שפּייז.

די מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען... דוד אַליין האָט געפיהרט זיינע אַרמעען אין קאַמף. ער איז אַריבער דעם ירדן און איז אָנגעקומען אַנטקעגען די מחנות פון ארם.

דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער. ביידע צדדים האָבען געקעמפט

מיט פארצווייפלונג. די פאראייניגטע מחנות פון אלע מלוכות פון ארם האט געפיהרט דער באוואוסטער שטארקער גענעראל פון ארם צובא, שובק... אבער נאך א שווערען קאמף, וואס האט געדויערט צעהן טעג, האט דוד געזיעגט. זיבען טויזענד רייטער פון רייטוועגען און פערציג טויזענד פוסגעהער האט דוד געטויטעט אין יענער מלחמה. און אויך דעם קאמאנדיר שובק האט ער גע־טויטעט... די איבערגעבליבענע זיינען זיך צעלאפען אין ווילדען שרעק.

ווען אלע מלוכות האבען דערזעהן, אז זיי האבען יעצט נאכאמאל געקרא־גען א מפלה, האבען זיי געבעטען דוד'ן, אז ער זאל מיט זיי שלום מאכען. דוד האט מיט זיי שלום געמאכט, און זיי האבען דוד'ן געדינט און איהם געצאלט צינזען. זיי האבען שוין פארזאגט א צעהנטען מעהר נישט צו העלפען די עמונים און די איבעריגע מלוכות אין זייערע מלחמות מיט דוד'ן.

אין די מלחמה מיט ארם וואס דוד האט פערזענליך אנגעפיהרט, האט ער באמערקט ווי שטארק אוריה דער חתי האט זיך אויסגעצייכענט אין עטליכע שלאכטען. ער האט אין איהם באמערקט גרויסע פעהיגקייטען אלס אנפיהרער פון אן ארמיי. און דאריבער ווען דוד האט זיך צוריקגעקעהרט נאך ירושלים האט ער גלייך געשיקט רופען אוריה'ן און אין יואב'ס אנוועזענהייט האט ער זיך צו איהם אפגערופען:

— אין דעם טאג ווען איך בין געקרוינט געווארען קעניג איבער דעם שבט יהודה, האט דאן בת שבע, דיין פרוי, פון מיר געבעטען איך זאל דיך בעשטימען פאר א שר אלף אלס א באלוינונג וואס דו האסט מיר געגעבען א ווארנונג אין דער ריכטיגער צייט, ווען איך האב זיך אויסבעהאלטען פון שאול'ן אין בת שבע'ס הויז... איך האב דעם פערלאנג פון בת שבע'ן גלייך ערפילט און דיך גע־מאכט פאר א שר אלף, כאטש איך בין נישט געווען זיכער אין דיינע פעהיגקיי־טען אויף'ן שלאכטפעלד... יעצט אבער האב איך געהאט א געלעגענהייט צו זעהן ווי בראוו און העלדיש דו האסט געקעמפפט געגען דעם שונא... איך האב בעאבאכטעט אז דו ביזט נישט נאר א גוטער קעמפפער, נאר דו ווייסט אויך ווי זיך אומצוגעהן מיט אן ארמיי... מיט דיינע טויזענד סאלדאטען האסטו געקעמפפט געגען א מחנה פון צעהן טויזענד שונאים און דו האסט זיי בע־זיעגט... איך וויל דיר דאריבער אויסדריקען מיין טיפסטען דאנק פאר דיין העלדישקייט, און איך וועל דיר דערהויבען צו א העכערען ראנג... פון יעצט אן וועסטו ווערען די צווייטע האנד פון יואב'ן, מיין הויפט קאמאנדיר איבער אלע ארמייען, דיין געטרייהייט וואס דו האסט צו מיר ארויסגעוויזען אין דער צייט פון מיין וואגלען, און דיין גרויסע גבורה וואס דו האסט ארויסגעצייגט אין דער לעצטער מלחמה, מאכט דיר פאסיג פאר דעם הויכען אמט וואס איך באט דיר אן. און איך האף אז מיין הויפט־גענעראל יואב וועט צוגעבען אז איך האב רעכט... און דו האסט עס פאררדיענט.

א ביטערער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף יואב'ס ליפען. אבער ער האט געשוויגען.

אוריה איז געשטאנען ווי בערוישט פון גליק. ענדליך וועלען אלע זיינע שטרעבונגען און האפנונגען פארווירקליכט ווערען. ווי גליקליך בת שבע וועט

זיך פיהלען ווען זי וועט דערהערען ווי אזוי דוד האט איהם דערהויבען צו אזא הויכען ראנג... ער איז געפאלען אויף זיינע קניע און זיך פארנייגט פאר'ן קעניג:

— ווער בין איך? א נישטיגער קנעכט וועלכער איז גישט ווערטה די שטויב אונטער דיינע טריט, וואס מיין האר קעניג זאל מיר אזא כבוד אנטהאן און מיר מאכען פאר די צווייטע האנד פון מיין האר יואב'ן... איך דאנק דיר, מיין האר קעניג, פון מיין טיעפסטען הארצען.

מיט שנעלע טריט איז אוריה געגאנגען אהיים אנזאגען זיין פרוי, בת שבע'ן, וועגען דעם גרויסען כבוד וואס דער קעניג האט איהם נאר וואס אנגעטהאן... א פרייד האט זיך צוגאסען איבער אלע זיינע גליעדער... יעצט איז ער זיכער אז בת שבע וועט איהם נאך מעהר ליעב האבען... זי וועט דאך זעהן וואס פאר א מיינונג דער קעניג האט וועגען איהם. ער איז כמעט אזא חשוב ביי דוד'ן ווי יואב... עס איז געווען א גרויסער גליק פאר איהם וואס דוד האט זיך בעטייליגט אין דער לעצטער מלחמה. דער קעניג האט געהאט א געלעגענהייט צו זעהן דעם אונטערשיעד פון איהם ביז אבישי'ן... יואב וואלט זיכער נישט באמערקט זיינע פעהיגקייטען אויפ'ן שלאכטפעלד, און אפילו ווען ער וואלט יא געזעהן, וואלט ער פאר דעם קעניג געלויבט זיין ברודער מעהר ווי איהם... יעצט אבער וועט יואב זיין געצוואונגען איהם צו אנערקענען אלס אבישי'ס אויבערהאר...

דא האט זיך פלוצלינג אוריה'ס הארץ א צאפעל געטהאן. ער האט א טראכט געטהאן פון דעם וואס יואב וויים זיין סוד... און עס קען דאך זיין אז יעצט וועט ער געפינען פאר נויטיג צו דערצעהלען דוד'ן וועגען דעם... א שוידער איז דורכגעגאנגען זיין קערפער ווען ער האט גענומען טראכטען דערפון. אמת, יואב האט איהם פערשפראכען זיין סוד פאר קיינעם נישט צו דערצעהלען. אבער יעצט וועט זיין אייפערזיכטיגקייט זיין א גענינגענדע אורזאכע פאר איהם נישט צו האלטען זיין ווארט... ער זאל נאר וועלען קען ער איהם זיין גאנצען גליק צושטערען. יעצט האט אוריה'ן שטארק פארדראסען וואס ער האט זיך מודה געווען... ער האט געדארפט דאן באשטעהן אז דאס וואס בענה און רכב האבען איהם בעשולדיגט איז א ליגען... אבער דער כיטרער יואב האט עס פון איהם ארויסגעקראגען ווען ער האט איהם געמאכט צו גלויבען אז ער וויים אויף זיכער דאס ער איז בעגאנגען די עוולה געגען דוד'ן... "מיט דיין פארלייקענען וועסטו זיכער זיך טהאן מעהר שלעכטס ווי גוטעס, ווען דו וועסט מיר דערצעהלען דעם גאנצען אמת, וועט עס בלייבען ביי מיר א סוד אויב דו וועסט זיך נאר אויפפיהרען ווי עס דארף צו זיין". מיט אזעלכע ווערטער האט עס יואב פון איהם דאן ארויסגעקראגען דעם גאנצען אמת... ווער וויים, עס קען נאך זיין אז דאס וואס ער האלט יעצט פאר זיין גליק, קען עס נאך אין א גרויסען אומגליק פערוואנדעלט ווערען... ער האט בעמערקט ווי שטארק אומצופרידען יואב איז געווען ווען דער קעניג האט איהם געלויבט אין זיין אנוועזענהייט... ער וועט זיך מוזען זעהן מיט יואב'ן און פארזיכערען איהם אז ער איז איהם געטריי און איבערגעבען ווי פריהער...

אוריה איז אריינגעקומען צו זיך אין הויז א מונטערער און א פרעהליכער. ער איז גלייך צוגעקומען צו בת שבע'ן און איהר גענומען קושען און האלזען.

— מיין טהייערע בת שבע! — האט ער אויסגערופען מיט פרייד, — איך האב דיר זעהר פרעהליכע נייעס צו דערצעהלען. דער קעניג האט מיר היינט

דערהויבען צו א העכערען ראנג. פון היינט אן בין איך די צווייטע האנד פון יואב'ן. אין דער צייט פון מלחמה וועל איך קאמאנדירען גרויסע ארמייען אזוי ווי יואב...

— דו זעהסט, מיין מאן, — האט זיך בת שבע אפגערופען מיט שטראה־לענדע אויגען, — אז דוד האט קיינמאל נישט פארגעסען די גרויסע טובה וואס דו האסט איהם געטאן, בעת ער האט זיך אויסבעהאלטען אין אונזער הויז, און ביי יעדער געלעגענהייט ווייזט ער ארויס ווי שטארק ער שאצט אפ דיין עהרליכקייט און געטרייקייט צו איהם... און איך מוז דיר מודה זיין, אוריה, דאס ביז יענער צייט ווען דו האסט ארויסגעצייגט דיין ריכטיגען כאראקטער, האב איך בע־שלאסען דיר אויפצוגעבען. מיר האט זיך געדוכט אז מיר ביידע זיינען נישט קיין גלייכע פאר... נאר ווען איך האב דערזעהן דיין נאבעלע הארץ, וואס טראץ דעם וואס דיר האט זיך געדוכט אז איך האב דוד'ן ליעב בעקומען און דאס ער איז דיין שטארקער געגנער אין ליעבע, האסטו דאך איהם גערעטעט פון טויט... מיט דיזער ווירדיגער טהאט האסטו ווידער מיין הארץ געוואונען, און דער קעניג איז דיר אויף אייביג דאנקבאר...

— אבער מיין ליעבע בת שבע, — האט אוריה אויסגערופען, — דער קעניג האט מיך יעצט ערהויבען נישט צוליעב יענער געשיכטע אין בית שמש, נאר צוליעב דעם וואס ער האט אליין צוגעזעהען ווי איך האב זיך אויסגעצייי־כענט אויף דעם שלאכטפעלד. ער האט באמערקט מיט וואס פאר א גבורה איך האב מיט מיינע טויזענד סאלדאטען געקעמפפט געגען צעהן טויזענד פון דעם שונא...

— אבער אין מיינע אויגען ביזטו דערהויבען געווארען זינט דאן ווען דו האסט ארויסגעוויזען די צערטליכקייט פון דיין נשמה.... זינט דאן ביזטו מיין מאן געווארען . . . בת שבע האט מעהר ניט געקענט ריידען, טרעהרען האבען איהר גענומען שטיקען. זי האט געפונען אן אויסרייד פאר אוריה'ן און איז ארויס פון צימער.

אכט-און-צוואנציגסטער קאפיטעל

בת שבע'ס ענטוישונג אין אוריה'ן

אויף איינעם פון די בערג אין ירושלים איז געשטאנען דוד'ס פראכטפאלער פאלאץ, געבויט פון די צעדער בוימער וואס חירם, דער קעניג פון צר האט צו איהם געשיקט, צוזאמען מיט פיעלע ארכיטעקטען און בויער. איינינגע יאהר האט געדויערט דאס אויסבויען פון פאלאץ. דוד האט געהאט זיינע אייגענע פלענער פאר'ן פאלאץ און האט די גאנצע צייט אכטונג געגעבען אז די ארבייט זאל געטהאן ווערען לויט זיין געשמאק. ארום פאלאץ האט ער געבויט בעזונדערע געביידען פאר זיינע פרויען. רעכטס, צום אריינגאנג פון פאלאץ איז געשטאנען די געביידע פון מיכל'ן; דאביי איז געווען אביגיל'ס און אחינעם'ס געביידעס. לינקס זיינען געשטאנען די געביידעס פון מעכל, פון חגית, פון אביטל און פון עגלה, דוד'ס אנדערע פרויען. יעדע פון דוד'ס פרויען האט זיך געוואהנט בע־זונדער, אין איהר געביידע, מיט איהרע קינדער.

זיבען קינדער זיינען צו דוד'ן געבארען געווארען ווען ער איז נאך געווען אין

חברון. אמנון, דער זוהן פון אחינעם איז געווען זיין בכור. דער צווייטער זוהן איז געווען כלאב, אדער ווי דוד האט איהם גערופען, דניאל; איהם האט אביגיל געבארען צו דוד'ן; זיין דריטער זוהן איז געווען אבשלום, דער זוהן פון מעכה, וועלכע איז געווען די טאכטער פון תלמי, דעם קעניג פון גשור. מעכה האט אויך געבארען א טאכטער צו דוד'ן און איהר נאמען איז געווען תמר. דער פיערטער איז געווען אדניה, דער זוהן פון חגית; דער פינפטער, שפטיה, דער זוהן פון אביטל און יתרעם, דער זוהן פון עגלה איז געווען דוד'ס זעקסטער זוהן.

נתן דער נביא פלעגט קומען יעדען טאג אין פאלאץ וואו ער פלעגט פער־זאמלען אלע זיהן פון דוד'ן און מיט זיי לערנען די תורה און די געזעצען פון פאלק.

דוד האט זעהר ליעב געהאט אלע זיינע קינדער, איבערהויפט זיין ערשט־געבארענעם אמנון. ער האט געבעטען נתן דעם נביא, ער זאל זיך מיט אמנון'ס ערציהונג אפגעבען מעהר ווי מיט די איבריגע.

— אמנון איז מיין בכור, — האט דוד געזאגט צום נביא, — און נאך מיין טויט וועט ער ירש'נען מיין קרוין, דאריבער מוז ער זיין מעהר ווי די איבריגע געגרייט צו דיענען זיין פאלק און לאנד.

נתן האט געשוויגען. ער האט נישט געוואלט ענטוישען דעם קעניג. אבער אין זיין הארצען האט ער וועגען אמנון נישט געהאט קיין גוטע מיינונג. ער האט געזעהן אין איהם פיעלע חסרונות וועלכע האבען זיך אזוי בולט ארויסגעוויזען דורך זיין פארקעהר מיט זיינע איבריגע ברידער און חברים. אמנון איז געווען גייציג און עגאאיסטיש, ער איז געווען זעהר איינגהערציג און א שוואכלינג. דערצו האט איהם זיין מוטער אחינעם שטארק צולאזען... זי האט איהם ביי יעדער געלעגענהייט געלאזט וויסען אז ער וועט ווערען קעניג, און ער האט זיך זעהר שטארק דערמיט איבערגענומען... ווען ער פלעגט אין כעס ווערען אויף איינעם פון זיינע ברידער, פלעגט ער צו איהם זאגען: "ווארט ביז וואנען איך וועל ווערען קעניג, דאן וועל איך אפטיילען דיין קאפ פון דיינע פלייצעס".

נתן דער נביא האט עס אלעס באמערקט און האט דאריבער אמנון נישט איבריג ליעב געהאט.

— פארוואס זאגסטו מיר גארנישט וועגען אמנון, מיין בכור?! — האט דוד פארגעווארפען דעם נביא, — ווען איך דערמאהן אמנון צו דיר שווייגסטו... ווייסטו דען נישט אז ער וועט זיין קעניג נאך מיר?...

— די מלוכה ליגט אין די הענד פון גאט! — האט איהם נתן געענטפערט, — און דערווייל איז שווער פאראויסצוזאגען ווער פון דיינע זיהן וועט דיין טראהן ירש'ענען נאך דיר... ווייל דער קעניג נאך דיר וועט דארפען שטעהן נישט נידריגער פון דיר, מיין האר, און דערווייל געפינט זיך נאך נישט צווישען דיינע זיהן איינער וועלכער זאל זיך קענען פארגלייכער צו דיר אין חכמה, אין גבורה און אין יראת שמים... נאך מעהר, דער יורש פון דיין קרוין וועט דארפען שטעהן אויף א העכערער מדרגה ווי זיין פאטער, ווייל ער וועט בויען דעם בית המקדש פאר גאט...

— אבער אמנון איז נאך יונג, ער האלט זיך נאך יעצט אין ענטוויקלען, און עס קען דאך זיין ווען ער וועט עלטערען ווערען, וועט ער ארויסווייזען אט די אלע מעלות וואס דו האסט יעצט דערמאהנט.

— אַט דאָס האָב איך דיר טאַקע געזאָגט, — האָט זיך דער נביא אָפּגע־רופֿן, — אַז עס איז שווער פֿאַראויסצוזאָגן וועלכער פֿון דײַנע זיהן עס וועט קעניגען נאָך דיר... דערווײַל ווײַזט אמנון נישט אַרויס דאָס ער בעזיצט זאָגאַר העלפֿט פֿון דײַנע פֿעהיגקייטן, וואָס זאָל איהם מאַכען ראוי צו זײַן דײַן נאָכ־פֿאָלגער...

— און וואָס איז דײַן מיינונג וועגען מײַן דריטען זוהן, אבשלום? — האָט איהם דוד ווידער געפֿרעגט.

— זײַן נאָמען איז זעהר צוגעפּאַסט פֿאַר דײַן יורש, — האָט נתן געענט־פֿערט מיט אַ שמייכעל, — ווײַל שלום וועט הערשען אין די צײַטען פֿון דײַן יורש... דאָך צווייפֿעל איך אויב גאָט האָט איהם אויסערוועהלט צו קעניגען נאָך דיר... ווײַל זײַן האַרץ איז נישט גאַנץ מיט גאָט, און זײַן חכמה און פֿאַר־שטאַנד איז נישט גרויס גענוג צו מאַכען איהם פֿאַר קעניג איבער ישׂראל.... און דײַנע איבריגע זיהן זײַנען נאָך צו יונג אַז מען זאָל שוין קענען אורטהיילען זייערע כאַראַקטערע און מידות...

— דאָך האָף איך, — האָט דוד אויסגערופֿען, — אַז ווען די צײַט וועט קומען און אמנון וועט דאַרפֿען פֿאַרנעהמען מײַן פּלאַץ, וועט ער זײַן פּאַסיג צו ווערען דער קעניג איבער ישׂראל....

— וואונדערבאַר זײַנען די וועגען פֿון גאָט, און ווער קען יעצט פֿאַראויס־זאָגען זאַכען וואָס וועלען געשעהן מיט יאָהרען שפּעטער, — האָט דער נביא געזאָגט.

דוד האָט פֿאַרשטאַנען אַז נתן דער נביא פֿאַרבאַרגט עפּעס פֿון איהם, אָבער ער האָט איהם יעצט נישט געוואָלט בעטען דרינגענד ער זאָל איהם זאָגען וועגען זײַנע זיהן.

דוד איז געווען אַ גוטער און ליעבענדער פֿאָטער צו זײַנע קינדער. ער פֿלעגט מיט זיי פֿאַרברענגען זעהר פֿיעל צײַט... ער פֿלעגט זיי אַלעמען פֿאַר־זאַמלען אין זײַן צימער, און זיי דערצעהלען די געשיכטע פֿון זײַן יוגענד און פֿאַר זיי זינגען זײַנע מזמורים וואָס ער האָט פֿערפֿאַסט... ער האָט זיי געלערנט פֿערשידענע תפֿלות וואָס ער פֿלעגט מתפּלל זײַן צום אַלמעכטיגען.

אין אַווענט האָט דוד ליעב געהאַט צו פֿאַרברענגען אַליין אויף דעם דאַך פֿון זײַן פּאַלאַץ מיט זײַן האַרפֿע.

אַ קיהלער צפֿון ווינט האָט אויף איהם געבלאָזען און האָט איהם דערקוויקט און דערפֿרישט... פֿון זײַן דאַך האָט ער ליעב געהאַט צו בעאָבאַכטען די פּראַכט־פֿאָלע זונען־אונטערגאַנג. דער פֿײַערדיגער רויטער באַל וואָס האָט געהערשט איבער דעם מערב ים, וואַרפֿט די לעצטע גאָלדענע שטראַהלען אויף דעם קריסטאַל בלויען הימעל... זײַן פּאָעטישע נשמה ווערט דערהויבען פֿון בעגייסטע־

רונג און בעצויבערונג, ער נעהמט זיין הארפע אין האנד און זינגט א לויב־געזאנג צו גאָט, בעגלייטענדיג דאָס ליעד מיט זיינע פינגער אויף דער הארפע:

בענטש מיין זעעלע, דעם אלמעכטיגען!
דעם הערליכען גאָט, דעם גערעכטיגען!
ער הילט זיך איין מיט ליכט ווי א קלייד,
דעם הימעל ווי א פאָרהאנג צושפּרייט!

די לבנה, די זון, קומען אין צייט;
דורך זיי ווערט דיין שעהנע וועלט באנייט...
אָה, גאָט! ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער,
מיט חכמה מאכסטו יעדען באזונדער!

די הימלען דערצעהלען דיין כבוד און רוהם,
דיין גרויסע גרעניצלאָזע מאכט אומעטום!
איין טאָג רעדט צום אנדערען; נאכט צו נאכט,
לאָזט וויסען דיין גרויסקייט און דיין פּראכט...

אלעס ארום איז געוועזן שטיל, און דוד'ס קלינגענדע און אנגענעהמע שטימע אין בעגלייטונג פון זיסע מעלאָדיען פון זיין הארפע, האָט זיך צוטראָגען אין דער לופטען און צוגעגעבען פיעל רייץ און כשוף צו דער אנקומענדער נאכט...

דער דאך פון דוד'ס פּאלאץ איז געוועזן גאַנץ הויך, ווייט פון מענשען'ס אויג און אויער, און אין דיזער איינזאמקייט האָט דוד געפונען א דערהויבונג צו זיין נשמה און א דערלייכטערונג צו זיין גוף... דארטען אויבען האָט ער זיך מתיחד געווען מיט דער שכינה, און איהם האָט זיך געדוכט אז די היילינע ווער־טער וואָס גאָט האָט ארויסגערעדט אויף דעם בארג סיני האָבען זייער ווידערקלאַנג אין זיינע אויערען... גליקליכע מאָמענטען אין זיין לעבען זיינען געווען יענע אבענדען, ווען אונגעשטערט פון מענשען פלעגט ער אויסגיסען זיין הארץ פאַר גאָט און אויסשפּיעלען די שעהנע הערליכע מעלאָדיען אויף זיין הארפע...

דוד האָט זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט אז אין זיין אפּגעזונדערטקייט ווערט ער ענג נאָכגעפאָלגט פון א פּאַר וואונדערשעהנע אויגען, און זיין שטימע מיט די קלאַנגען פון זיין הארפע פאַלען אויף א פּאַר נייגעריגע אויערען...

אומבאַמערקטערהייד פלעגט בת שבע ארויפגעהן יעדען אבענד אויף דעם דאך פון איהר הויז וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דוד'ס פּאַלאַץ... און כאָטש איהר דאך איז געווען א סך נידריגער פון דעם דאך וואו דער קעניג איז געווען, האָט זי דאך געקענט הערען זיין שטימע און די טענער פון זיין הארפע.

אין א ווינקעל פון איהר דאך איז בת שבע געזעסען. איהרע אויגען ווי צוגעקלעפּט צו דער ריכטונג וואו דוד'ס פיגור האָט זיך באַוועגט... איהרע אויערען אָנגעשטעלט צו די טענער פון זיין געזאַנג און שפּיעלען... צוגעשמידט צו איהר פּלאַץ איז בת שבע געזעסען און געשפּונען און געוועבט וואונדער־שעהנע חלומות... יעדער קלאַנג האָט געוויבּרירט אין איהר הארצען... אין די ריטמישע באַוועגונגען פון דעם קעניג האָט זי געזעהן די אָבשפּיגלונג פון זיין פּאָעטישער

נשמה... און אַט זעהט זי דוד׳ן אין זיין יוגענד, ווען זי איז נאָך אויך געווען אַזוי יונג און צאַרט... וויפיעל בענקעניש און אומרוהיגקייט דוד׳ס אויגען האָבען ביי איהר אַרויסגערופען... צוויי מאָל איז ער צו איהר געקומען... ווי אַ מלאך פון הימעל האָט איהם גאָט צו איהר געשיקט. דעם ערשטען מאָל צו ראַטעווען איהר גוף פון די אומריינע הענד פון די פלשתים, און דעם צווייטען מאָל צו ברייבגען אַ היילונג צו איהר לעכצענדע און בענקענדע נשמה... ערשט דאַן האָט זי דערפיהלט דעם הייליגען פונק פון ליעבע וואָס האָט זיך צוגליהט אין איהר האַרצען און האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ העלישען פלאַם פייער, אַז אפילו די קאַלטע ליעבע צו אוריה׳ן האָט נישט געקענט אָפּקיהלען דעם פייער פון איהר האַרצען... זי האָט אוריה׳ן קיינמאָל נישט ליעב געהאַט... זי האָט בלויז גע־פיהלט אַ דאַנקבאַרקייט צו איהם זינט ער האָט דוד׳ן געהאָלפען איהר ראַטע־ווען... פון דאַן אָן איז ער צו איהר צוגעשטאַנען און איהר פאַרפאָלגט מיט זיין ליעבע־ערקלעהרונג... זי ווייס נישט וואָס מיט איהר איז געוואָרען, ווי אַזוי זי האָט גאָר געקענט צושטימען צו זיין פאָרשלאָג... זי וואָלט דאָך בעסער געווען אַ דינסט צו דוד׳ן איידער די פרוי פון אוריה׳ן... זי האָט אוריה׳ן נישט פיינט, אָבער ליעב האָט זי איהם אויך נישט... זי האָט מיט איהם געהייראַט בלויז צוליעב דער פיינקייט פון זיין כאַראַקטער, וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט ווען ער האָט דוד׳ן געראַטעוועט פון אַ זיכערען טויט... יאָ, דאַמיט האָט ער איהר איבער־צייגט אַז ער בעזיצט אַ נאָבעלע נשמה, און כאָטש זי האָט בולט אַרויסגעוויזען איהר ליעבע פאַר דוד׳ן, און ער האָט געהאַט גענוג אורזאַכען צו פאַררעכענען דוד׳ן אַלס זיין געפעהרליכסטען שונא און קאָנקורענט אין ליעבע, האָט ער דאָך איהם פאַרהיט ער זאָל נישט אַריינפאַלען אין שאול׳ס הענד... זי פיהלט אָבער אַז זי האָט געמאַכט אַן איבעראיילטען שריט ווען זי האָט גלייך נאָכדעם איינ־געשטימט מיט איהם צו הייראַטען... דאָס האָט געמאַכט אַן ענדע צו אַלע איהרע האָפנונגען און אַלע איהרע גליקליכע חלומות זיינען צורונען געוואָרען... זי האָט געדענקט אַז מיט דער צייט וועט זי קענען דוד׳ן פון איהרע געדאַנקען אַרויסשלאָגען, אָבער יעצט זעהט זי ווי גענאַרט זי איז געווען אין זיך... זי פיהלט זיך אומגליקליך די גאַנצע צייט... אמת, אוריה האָט איהר שטאַרק ליעב, ער גיט איהר נאָך אַלע איהרע פערלאַנגען און ער האָט טאַקע זעהר הויך גע־שטיגען אין די אויגען פון דעם קעניג, ער האָט איהם געמאַכט פאַר הויפּט־גענע־ראַל, די צווייטע האַנד פון יואב׳ן, אָבער דאָס אַלעס האָט איהרע פיהלונגען צו איהם נישט געענדערט...

אוריה האָט איהר געבויט אַ פּראַכטפאָלע הויז, נישט ווייט פון דעם קעניג׳ס פּאַלאַץ, ער האָט איהר בעהאַנגען מיט טהייערע ציערונג, קאָסטבאַרע שטיינער און האָט איהר אַרומגערינגעלט מיט קנעכט און דינסטען... אָבער איהר האַרץ האָט ער טראָץ דעם נישט געקענט געווינען... זי איז איהם געטריי ווי אַ בעשיידענע פרוי דאַרף זיין איהר מאַן... זי טהוט אַלעס צו מאַכען איהם באַקוועם און גליקליך, אָבער דאָס טהוט זי אויף דעם חשבון פון איהר אייגענעם גליק...

לעצטענס האָט בת שבע געפונען אַ באַלזאַם צו איהר פערוויסטאַגטע האַרצען, אַ טרייסט צו איהר טרויעריגען געמיטה... זי האָט צופעליג באַמערקט ווי דער קעניג קומט אַרויף אויף דעם דאַך פון זיין פּאַלאַץ יעדען אָבענד און

פארברייינגט דאָרט איינער אַליין... זי האָט געהערט זיין וואונדער־שעהנע שטימע און די זיסע טענער פון זיין האַרפע... זי איז פון דעם אַלעם בעצויבערט געוואָרען. אין איהר מוח זיינען אָפּגעפרישט געוואָרען די ליעבליבע זכרונות פון איהר מיידעלשאַפט... איהרע געדאַנקען זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט יענע גליקליכע מאָמענטען ווען דוד האָט זיך אין איהר הויז געפונען און מיט איהר שטונדען לאַנג פאַרבראַכט אין ריידען... און זיצענדיג אַזוי אין ווינקעל פון איהר דאַך וואו דוד'ס שטימע האָט זיך דערטראָגען צו איהרע אויערען, האָט זיך איהר געדוכט אַז דוד רעדט עס צו איהר... ער גיסט אויס זיין פּאָעטישע צערט־ליכע נשמה פאַר איהר... איהר בענקענדע האַרץ איז פול געוואָרען מיט פרייד און גליק... זי האָט ענדליך געפונען אַ תיקון צו איהר פאַרוואָגעלטע נשמה... אויף די פליגלען פון איהר פאַנטאַזיע איז זי אין די הויכע הימלען געפלויגען און דאָרט האָט זי דוד'ס תפלות צום כסא הכבוד דערלאַנגט, און געבעטען דעם בורא ער זאָל דוד'ס תפלות אָננעהמען און אַרונטערשיקען זיין הימעלישען גליק צו איהם ווען זי האָט אַזוי ליעב...

— מיין האַרינטע! אָה, זאָל מיין האַרינטע מיר ענטשולדיגען וואָס איך האָב איהר געשטערט, — האָט בת שבע פּלוצים דערהערט אַ שטימע... זי האָט זיך ווי פון אַ זיסען שלאָף ערוואַכט און דערזעהן איהר קאַמער־מיידעל שטעהענ־דיג נעבען איהר.

— וואָס איז געשעהן?! — האָט בת שבע אויסגערופען מיט פערוואונ־דערונג.

— יואב, דער זוהן פון צרויה און דעם קעניג'ס הויפּט־קאָמאַנדיר, געפינט זיך יעצט אין די הויז פון מיין האַרינטע, — האָט די דינסט געזאָגט, — ער האָט עפּעס וויכטיגעס מיט מיין האַרינטע צו ריידען... אָבער ווען איך וואָלט געוואוסט אַז מיין האַרינטע האָט איינגעדרעמעלט, וואָלט איך זיכער איהר נישט געשטערט... איך וואָלט געבעטען יואב'ן ער זאָל אַביסעל אונטערוואַרטען.

— איך האָב נישט געדרעמעלט, — האָט בת שבע געזאָגט, — דאָס בין איך געווען פערזונקען אין מיינע געדאַנקען... געה זאָג יואב'ן אַז איך קום באַלד אַרונטער.

די דינסט האָט זיך ווידער פאַרנייגט און איז אַרונטער פון דאַך...

שווער איז געווען בת שבע'ן זיך אָפּצורייסען פון איהר פּלאַץ... באַלד האָט זי אָבער אַ טראַכט געטהאָן: "וואָס זאָל עס בעדייטען וואָס יואב איז צו איהר פּלוצים געקומען?" זי האָט גלייך צורעכט געמאַכט איהרע האָר און איז אַרונ־טער צו יואב'ן.

— געבענשט זאָל זיין דיין קומען אין מיין הויז! — האָט בת שבע אויס־גערופען, און איהם אָנגעוויזען אַ פּלאַץ זיך צו זעצען.

יואב האָט זיך געזעצט און בת שבע האָט איהם אָנגעקוקט מיט פערוואונ־דערונג... ווי זי וואָלט וועלען זוכען די בעדייטונג פון זיין בעזוך אין זיינע אויגען.

— איך האָב מיט דיר עפּעס וויכטיגעס צו ריידען, בת שבע, און איך וואָלט וועלען דאָס טהאָן אונטער פיער אויגען.

בת שבע האָט גלייך אַרויסגעשיקט איהרע דינסטען פון צימער און יואב האָט זיך צו איהר אָפּגערופען:

— ווי איך זעה ביזטו שטאַרק איבערראַשט פון מיין יעצטיגען באַזוך...

— יא, — האט בת שבע צוגעגעבן, — עס איז זאנדערבאר אז מיין האר יואב זאל מיר פלוצלינג אפשטאטען א בעזוך.

— איך האב זיך שוין לאנג געקליבען דיך צו בעזוכען, — האט יואב געענטפערט, — אבער די פיעלע מלחמות וואס זיינען פארגעקומען אין דער לעצטער צייט האבען פאר מיר אונמעגליך געמאכט עס צו טהאן.

— דאס איז זעהר א גרויסער כבוד וואס דו טהוסט צו מיר, — האט בת שבע געזאגט מיט א שמייכעל.

— איך בין געקומען דיך באגריסען צו דעם גרויסען ערפאלג וואס דיין מאן אוריה האט געהאט, אז דער קעניג האט איהם דערהויבען צו אזא הויכען אמט...

— די גוטהערציגקייט פון אונזער קעניג איז גרעניצלאז, זיין גאנצען לע־בען וועט ער נישט פארגעסען א טובה וואס א גוטער פריינד האט מיט איהם געטהאן.

יואב האט אויף איהר אנגעשטעלט א פאר פארשענדע אויגען, ווי ער וואלט וועלען פארשטעהן מיט וואס זי ציעלט מיט איהרע ווערטער.

— אה, איך פארשטעה! — האט ער זיך אפגערופען, — דו מיינסט אודאי אז צוליעב דער טובה וואס דו האסט געטהאן צו דוד'ן ווען דו האסט איהם פארבארגען אין דיין הויז ווען ער איז אנטלאפען פון שאול'ן... בעצאהלט ער יעצט דיין מאן, ערהויבענדיג איהם צו דעם העכסטען מיליטערישען ראנג.

— אה, ניין, איך צווייפעל צי דער קעניג געדענקט מיך נאך... דאס בע־לוינט ער אוריה'ן אויף זיין אייגענעם חשבון... אן מיר האט שוין דער קעניג געווים לאנג פארגעסען.

— פארגעסען?! אה, ניין! ווער קען דען פארגעסען אזא שעהנע געטליכע בלום ווי דו ביזט! — האט יואב אויסגערופען, — נישט איינמאל האט דער קעניג דיין נאמען פאר מיר דערמאהנט מיט גרוים בעגייסטערונג און מיט א שטארקע פארעהרונג רעדט דער קעניג פון דיר ווען ער דערמאהנט זיך אז יענע יאהרען ווען ער האט זיך אויסבעהאלטען אין דיין הויז.

— דער קעניג דערמאהנט מיך נאך איצט אויך! — האט בת שבע אויס־גערופען א גליקליכע.

— ערשט לעצטע וואך האט ער צו מיר געזאגט אז אוריה דער חתי דארף זיך שעצען פאר דעם גליקליכסטען מאן אין גאנץ ארץ ישראל, ווייל ער בעזיצט אזא טהייערען אוצר ווי דו ביזט...

בת שבע'ס פנים איז באגאסען געווארען מיט א רויטקייט... זי האט פאר־שעהמטערהייט ארונטערגעלאזען איהרע אויגען.

— פיעלע מאל ווען דער קעניג רעדט וועגען דיר, וועגען דיינע קערפער־ליכע און גייסטיגע שעהנקייטען, פאר'גנב'עט זיך ביי מיר א שטיקעל חשד אז ערגעץ אין א ווינקעל פון דעם קעניג'ס הארצען ליגט פארבארגען א שטיקעל אייפערזוכט אויף אוריה'ן... — האט יואב פארטגעזעצט מיט א שמייכעל.

— דו זוכסט שפאס צו מאכען מיט מיר, — האט בת שבע איהם געענט־פערט מיט א שמייכעל, — ווער בין איך אז דער קעניג זאל אזוי טראכטען פון מיר?! . . .

— דו דארפסט מיר שוין קענען און וויסען אז יואב טרייבט קיין שפּאס נישט פון שעהנע פרויען.

— פון שעהנע פרויען פּיעלייכט נישט, אָבער פון פרויען מיט מיין אויס־זעהן מעגליך אז יא, — האָט בת שבע א שמייכעל געטהאָן.

— דו ביזט צו בעשיידען, בת שבע, — האָט יואב אויסגערופען, — איך מוז זיך פאר דיר מודה זיין, בת שבע, דאָס עד היום קען איך נישט בעגרייפען ווי אזוי אוריה האָט געקענט קריגען אזא וואונדערשעהנע פרוי פאר זיין ווייב... יעדער וועלכער האָט דיך ווען עס איז געזעהן, גיט צו אז דו פּאסט זיך צו זיין די פרוי פון דעם קעניג... און נאָך מעהר בין איך איבערראשט געוואָרען ווען איך האָב זיך דערוואוסט אז גלייכצייטיג ווען דוד האָט זיך געפונען אין דיין הויז, האָסטו איינגעשטימט צו הייראטען מיט אוריה'ן... איז דען אוריה אין יענער צייט געשטאנען העכער פון דוד'ן אין דיינע אויגען?...

טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין בת שבע'ס אויגען ווען זי האָט געהערט יואב'ס לעצטע ווערטער... א טיעפע וואונד פון איהר הארצען האָט ער יעצט אָנגעריהרט, און א טרויער האָט באדעקט איהר שעהנעם מונטערען פּנים.

יואב האָט באמערקט וואָס פאר א גרויסע ווירקונג זיינע ווערטער האָבען אויף איהר געמאכט.

— נאָך אלעמען זיינען די וועגען פון ליעבע זאָנדערבאר און מאָדנע, — האָט ער זיך אָפּגערופען נאָך א קליינער פּויזע. — מעגליך אז דו האָסט אין אוריה'ן געזעהן אזעלכעס וואָס קיין אנדער אויג קען עס נישט באמערקען... און אין דיינע אויגען איז ער אויסגעקומען א סך העכער אפילו פון דעם העלדישען שעהנעם דוד... דאָך וואָלט איך דיר וואגען צו פרעגען, בת שבע, פארלייקען נישט פון מיר, איך בעט דיך, איז דאָס מעגליך אז דו האָסט דוד'ן קיינמאָל נישט געליעבט?... איז עס מעגליך אז דוד וועלכער האָט דיין לעבען געראטעוועט, זאָל נישט האָבען געוואונען דיין הארץ... דוד, וועלכער איז געווען דער טרוים פון אלע פרויען אין ארץ ישראל... דוד, וועלכער איז בעריהמט געוואָרען מיט זיין גרויסע העלדישקייט זינט ער האָט גלית'ן דעם פּלשתי, געטויטעט... דוד, וועמען אלע שעהנע יונגע פרויען האָבען פארגעטערט און צו איהם ליעדער פון פאר־עהרונג געזונגען, זאָל עס מעגליך זיין אז כאָטש געפינענדיג זיך איז דיין הויז, האָסטו איהם אויסגעביטען אויף אוריה'ן... זאָג דאָך מיר, איך בעט דיר, וואָס פאר א קראַנט בעזיצט אוריה, אָדער וואָס פאר א נאָבעלע זאַך האָט ער גע־טהאָן אז דו האָסט איהם פּארגעצויגען צו דוד'ן?!...

בת שבע האָט שוין מעהר נישט געקענט איינהאלטען איהרע טרעהרען, זי האָט זיך ענטשולדיגט אויף א ווײילע פאר יואב'ן און איז אריין אין א צוויי־טען צימער וואו זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט.

ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זיך יואב ענטשולדיגט פאר איהר:

— איך זעה אז איך האָב אָנגעריהרט זעהר א צארטע סטרונע אין דיין נשמה, דו וועסט מיר פארגעבען פאר מיין זוכען אריינצודרינגען אין די פאר־בארגענע קאמערען פון דיין נשמה... איך האָב געמיינט אז דיר וועט נישט זיין שווער צו ענטפערען אויף מיין פראגע.

— איך וואָלט דיר פארענטפערען דיין פּראגע, — האָט בת שבע געזאָגט

מיט א לייכטערען געמיטה, — אָבער איך האָף אז דו וועסט מיר פאַרשטעהען. איך האָב מיט אוריה'ן געהייראט צוליעב מיין שטארקע ליעבע צו דוד'ן...

יואב האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג. ער האָט א קוועטש געטהאָן מיט זיינע פּלייצעס און געזאָגט:

— דיינע ווערטער זיינען ווי א רעטעניש צו מיר. איך בין זיך מודה אז איך פאַרשטעה נישט וואָס דו מיינסט דאמיט...

זינט אוריה האָט געהאָלפען דוד'ן מיר צו רעטען פון די פלשתים, האָט ער פון מיר נישט אָפּגעטראָטען. ער האָט מיר פאַרפאָלגט מיט זיינע ליעבעס־ער־קלעהרונגען, אָבער איך האָב פון דעם נישט געוואָלט הערען, ווייל מיין הארץ איז געווען אָנגעפילט מיט ליעבע און פארעהרונג צו דוד'ן... דאן האָב איך זיך דערוואוסט אז דוד איז געוואָרען שאול'ס איידעם, ער האָט געהייראטעט די שעהנע פּרינצעסין מיכל. איך האָב שוין אין גאנצען מיין האָפנונג פאַרלאָרען וועז עס איז צו זעהן זיך מיט דוד'ן... אוריה האָט מיר אָבער נאָכגעפאָלגט אויף יעדען טריט און שריט... ביז וואנען איך האָב איהם פערשפּראָכען צו ווערען זיין כלה... אָבער דאָ איז פּלוצלינג דוד אָנגעקומען אין בית שמש, ער האָט אונז דערצעהלט אז ער אנטלויפט פון שאול'ן און אונז געבעטען מיר זאָלען איהם בעהאלטען אין אונזער הויז... מיין גליק האָט זיך צו מיר אומגעקעהרט... איך האָב יעצט געהאט די געלעגענהייט צו פאַרברייננגען מיט דוד'ן שטונדען לאנג... איך האָב איהם זעהר שטארק געליעבט... אוריה פלעגט אויך אָפט אריינ־קומען אין אונזער הויז און האָט אָהן צווייפעל באמערקט די גרויסע ענדערונג אין מיר... ער האָט געזעהן אז מיין ליעבע געהט איבער צו דוד'ן... איך ווייס, אז ער האָט געדאַרפט דוד'ן פיינט האָבען אין זיין הארצען פאר דעם... אָבער ווען אן אומגלייק האָט זיך אָנגערוקט אויף דוד'ן, איז ער געווען דער ערשטער איהם צו ווארענען, דאמיט האָט ער ארויסגעצייגט די גרויסקייט פון זיין נשמה און די נאָבעלקייט פון זיין כאראקטער... זיין געטרייהייט און איבערגעבענהייט צו דוד'ן האָט פאר איהם געוואונען מיין הארץ...

— אָבער וואָס האָט פּאסירט דאָס אוריה זאָל דוד'ן האָבען געווארענט אין צייט? — האָט יואב געפרעגט.

— אוריה האָט זיך דערוואוסט אז שאול קומט אָן מיט אן ארמיי אין בית שמש צו טויטען דוד'ן און אוריה איז שנעל, פייל אויסען בויגען געקומען צו־לויפען אין מיין הויז און קוים אָבכאָפּענדיג דעם אָטהעם האָט ער איהם געווארענט וועגען דעם און איהם געהאָלפען גלייך אנטלויפען פון בית שמש... אויף מארגען איז טאקע שאול אָנגעקומען אין בית שמש און האָט געזוכט פון הויז צו הויז... ער איז אויך געווען אין אונזער הויז. עס איז נישט געווען איין פארבארגענער פּלאץ וואו שאול האָט נישט געזוכט... אָבער דוד איז שוין ביי יענער צייט געווען וייט, זעהר ווייט פון בית שמש... יעצט זאָג מיר, מיין הער, ווער פון די מענער וואָלט געווען אזוי עהרליך, געטריי און איבערגעבען צו איינעם וואָס האָט גע־קענט פאררעבענט ווערען צו זיין דער ערגסטער שונא...

א ווייל איז יואב געשטאנען און בעטראכט בת שבע'ן. פּלוצלינג האָט ער אויסגעבראָכען אין א הילכיגען געלעכטער.

בת שבע האָט זיך בעת מעשה דערשראָקען. זי האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פאר וואָס ער האָט זיך פּלוצלינג אזוי פאנאנדערגעלאכט.

— מעג איך וויסען די אורזאכע פון מיין האר׳ס גרויסען געלעכטער? — האט זי איהם געפרעגט.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען בת שבע — האט זיך יואב אפגערופען איך האב נישט געקענט איינהאלטען מיין געלעכטער אין זיך... איך וויים אז יעצט וועל איך זיין געצוואונגען דיר אלעס צו דערצעהלען, כאטש איך בין זיכער אז דאס וועט דיר געוויס פיעל שמערצען פערשאפען...

— איך פערשטעה נישט צו וואס דו ציעלסט מיט דיינע ווערטער, מיין הארר? — האט בת שבע א צושראקענע איהם געפרעגט — האט דען עפעס פאסירט מיט מיין מאן?...

— יעצט האט מיט דיין מאן גארנישט פאסירט — האט יואב איהר קאלט־בלוטיג געענטפערט — יעצט איז ער זיכער פערנומען מיט דער ארמעע איבער וועלכער דער קעניג האט איהם געמאכט אלס הויפט־קאמאנדיר... אבער עפעס האט מיט איהם פאסירט נאך אין דער צייט ווען דוד האט זיך אויסבעהאלטען אין דיין הויז...

— אבער וועגען וואס האנדעלט זיך דא, יואב — איז בת שבע אומגעדול־דיג געווארען — איך בעט דיר מיין האר, דערצעהל מיר גלייך אלעס וואס דו ווייסט!

— אוריה דער חתי האט געוואונען דיין הארץ, ווי איך פערשטעה, דורך דעם וואס ער האט דיר געמאכט צו גלויבען אז ער האט געראטעוועט דוד׳ן פון שאול׳ס הענט — האט יואב איהר געזאגט, נישט ארונטערנעהמענדיג פון איהר זיינע אויגען.

— יע, דאס איז געווען די איינציגע אורזאכע, פארוואס איך האב צוגע־שטימט מיט איהם צו הייראטען...

— אויב אזוי האט דיר אוריה אפגענארט! — האט יואב אויסגערופען.

— אפגענארט!... איך פערשטעה דיר נישט אוריה — האט בת שבע זיך אפגערופען — איך האב דאך אליין געזעהן ווען ער איז אנגעלאפען, און קוים אפכאפענדיג זיין אטהעם האט ער דוד׳ן געווארענט וועגען שאול׳ס אנקומען... און אויף מארגען האט דאך טאקע אזוי פאסירט... דער קעניג איז דאך אנגעקומען אין בית שמש און געזוכט דוד׳ן...

— נישט נאר האט אוריה דיר אפגענארט, ער האט אויך פערראטען דוד׳ן!! — האט יואב אויסגערופען מיט כעס.

— אבער מיין האר, ווי איז עס מעגליך! פיעלייכט מאכסטו א טעות, אדער פיעלייכט האט זיינער א שונא אויף איהם שלעכטסעס אנגערעדט — האט בת שבע געזאגט מיט א ציטערענדע שטימע...

— ער האט זיך פאר מיר אין דעם אליין מודה געווען! ער האט מיר אלעס דערצעהלט!

— מודה געווען אין וואס?! — האט בת שבע אויסגעשטארטשעט איהרע אויגען.

— ער האט זיך מודה געווען אז ער האט פערראטען דוד׳ן און דיר אפגע־נארט, ווייל ער האט מורא געהאט אז דו ליעבסט דוד׳ן!...

— איך בעט דיר מיין האר, דערצעהל מיר אלעס וואס דו ווייסט... דער־

צעהל מיר אלע איינצעלהייטען, ווייל מיר איז נאך אלץ שווער צו פערשטעהן וועגען וואס עס האנדעלט זיך דא...

— האסטו געדענקט די ברידער בענה און רכב ?—האט יואב איהר געפרעגט.

— די וועלכע האבען ערמארדעט איש בושת'ן און דוד האט זיי דערפאר בעשטראפט מיט'ן טויט ? — האט בת שבע געפרעגט.

— יע, — האט יואב געענטפערט — די וועלכע האבען אזוי גרויזאם ער־מארדעט איש בושת'ן, האסטו זיי דען ווען עס איז געזעהן ?

— איך האב זיי בלויז איינמאל געזעהן, ווען מיר האבען נאך געוואהנט אין חברון. זיי זיינען געקומען צו מיר און זיך נאכגעפרעגט אויף אוריה'ן. ווען אוריה איז געקומען איז ער מיט זיי ארויסגעגאנגען און פערבראכט א היבשע ווייל'ע... ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, האב איך איהם געפרעגט, וואס די צוויי ברידער האבען פון איהם פערלאנגט, האט ער מיר דאן געזאגט אז רכב און בענה זיינען אפיצירען פון איש בושת'ס ארמעע און ווען איהם איז אויסגע־קומען אמאל צו זיין אין גבעה, האט איהם אויסגעפעלט עטוואס געלד האבען זיי איהם געליהען הונדערט שקלים, און יעצט זיינען זיי עס צו איהם געקומען אויפמאהנען...

— יעצט האף איך אז דו וועסט בעסער פערשטעהן אלעס וואס איך וועל דיר דערצעהלען — האט יואב אויסגערופען.

מיט א בלאסען פנים און א קלאפענדע הארץ האט זיך בת שבע עטוואס דערנעהענטערט צו יואב'ן און מיט גרויס נייגיריגקייט נאכגעפאלגט זיינע ליפען...

— ווען איך האב די ביידע ברידער רכב און בענה'ן געפיהרט צו דער תליה פאר זייער גרויזאמען מארד פון שאול'ס זוהן, האבען די צום טויט פער'משפט'ע געשריען : "אוריה דער התי איז אין דעם שולדיג !" "ער האט אונז אנגערעדט צו טוידטען דעם קעניג פון ישראל !

— וואס ? ! — האט בש שבע אויפגעציטערט, מיין מאן האט געהאט א האנד אין דעם מארד ! אה, ניין עס איז אוממעגליך ! זיי האבען געוויס געזוכט אויף איהם א בלבול צו מאכען !...

— האב געדולד בת שבע ! — האט איהר יואב אונטערבראכען — דערווייל בעשולדיג איך איהם דאך נישט אין דיזען פערברעכען... ווען דו וועסט אלץ אויסהערען, וועסטו פיעלייכט וועגען דעם קענען אליין אורטהיילען... — יא, אוריה האט זיך גראדע דאן געפונען נישט ווייט פון די צוויי פערברעכער און ער האט געהערט ווי זיי ווארפען די שולד אויף איהם... ער איז גלייך צוגעלא־פען און געלייקענט : "איך האב געהערט ווי די מערדער זוכען צו פארבינ־דען מיין נאמען מיט דעם שוידערליכען מארד" — האט ער אויסגעשריען — א חוץ דעם וואס זיי זיינען מערדער, זיינען זיי גרויסע ליגנער ! "האסטו דען ניט געהערט ווי זיי האבען זיך בעריהמט פאר'ן קעניג אז זיי אליין האבען עס געטהאן" !

— די מערדער האבען געוויס געזאגט ליגען — האט בת שבע געזאגט — זיי האבען געזוכט ארויפצווארפען זייער שולד אויף א צווייטען... אזוי האב איך אויך בעת מעשה געטראכט... איך האב אבער אויך געהערט ווי די ברידער שריען אויס : "א, אוריה, האט אונז פערראטען ווי ער האט פערראטען דוד'ן !"

איך האב נאך אויף זיי אנגעשריען און געזאגט: ווי וואגט איהר, רשעים צו בעשולדיגען אן אומשולדיגען מענשען אין אזא זאך!

„אבער ביי אונזער גאט אין הימעל שווערען מיר — האבען רכב און בענה אויסגערופען — „אז אוריה האט פערראטען דוד'ן בעת ער האט זיך אויסבעהאלטען פון שאול'ן... „אוריה האט אונז ביידען געשיקט אנצוזאגען דעם קעניג אז דוד בעהאלט זיך אין בית שמש, מיר זיינען געגאנגען צום קעניג און איהם דאס איבערגעגעבען און גלייך נאכדעם איז שאול געקומען נאך בית שמש מיט אן ארמעע" !

איך האב גלייך בעמערקט ווי אוריה'ס פנים איז רויט געווארען... ער איז געווארען אזוי צוטומעלט און צו שראקען, אז איך האב איהם גענומען חושד זיין אז עס איז אמת...

— נו, און ער האט זיך אין דעם מודה געווען ? ! — האט בת שבע אויסגערופען.

— פריהער האט ער פרובירט עס אפצולייקענען, אבער ווען איך האב איהם גענומען אויף'ן פערהער, האט ער אין אלעם מודה געווען...

— וואס האט ער דיר געזאגט?

— איך וועל פאר דיר איבערדערצעהלען יעדען ווארט וואס ער האט צו מיר געזאגט ווען ער האט זיך פאר מיר מודה געווען — האט יואב געזאגט — איך האב עס אויפגעשריבען ביי זיך... יואב האט ארויסגענומען א שטיקעל פארמעט, עס פאנאנדערגעוויקעלט און האט אנגעפאנגען צו לעזען:

„איך האב געליעבט בת שבע'ן, מיין יעצטיגע פרוי איך האב איהר געליעבט ביז משוגעת... „זי האט מיר פערשפראכען צו ווערען מיין פרוי... מיר האבען זיך גערעכענט פאר חתן כלה... דאן איז אנגעקומען דוד אין בית שמש און זיך אויסבעהאלטען פון שאול'ן אין בת שבע'ס הויז. איך האב שוין לאנג געוואוסט אז בת שבע טרוימט פון דוד'ן, וועלכער האט איהר נאך מיט יאהרען צוריק געראטעוועט פון די פלשתים, אבער ווען זי האט זיך דערוואוסט אז ער איז געווארען שאול'ס איידעם, האט זי אויפגעגעבען איהרע חלומות וועגען איהם און צוגעשטימט צו מיין פארשלאג מיך צו הייראטהען. ווען אבער דוד איז פלוצים אנגעקומען און זיך בעהאלטען אין איהר הויז, האב איך גלייך בעמערקט א גרויסע ענדערונג אין בת שבע'ן צו מיר... איך האב באלד איינגעזעהן, אז אויב דוד וועט לייגנער פערבלייבען אין בת שבע'ס הויז, וועל איך פערלירען מיין שעהנע כלה... איך בין געווען זעהר שטארק בעזארגט וועגען דעם... ביז מיר איז אנגעקומען א געדאנק אפצונארען דוד'ן און איהם אנזאגען אז שאול האט זיך דערוואוסט פון זיין בעהעלטענים און ער קומט אן מיט אן ארמעע אין בית שמש... דערווייל האט דוד פערלאזען בת שבע'ס הויז און אנטלאפען פון בית שמש, און כדי צו ציינען בת שבע'ן אז איך האב דוד'ן נישט גענארט, האב איך נאכדעם, ווי דוד איז שוין געווען ווייט פון בית שמש, געשיקט די צוויי ברידער רכב און בענה אנצוזאגען שאול'ן אז דוד געפינט זיך אין בית שמש... שאול איז טאקע געקומען און דוד'ן נישט געפונען, אין בת שבע, זעהענדיג וואס פאר אן איבערגעבענער פריינד איך בין צו דוד'ן, אז איך האב איהם געווארנט אין צייט, האט מיט מיר נאכהער געהייראט... יעצט זעהסטו, מיין פריינד, אז איך האב חלילה נישט געמיינט קיין שלעכטעס פאר דוד'ן... איך בין בלויז געווען

אייפערזיכטיג אויף בת שבע'ן און דאס איז געווען דער איינציגער מיטל ווי אזוי איך האב איהר געקענט קריגען...

בת שבע איז די גאנצע צייט געשטאנען ווי פערגליווערט זי האט זיך צו־געהערט צו יעדען ווארט וואס יואב האט פון זיין פארמעט געלייענט... און ווען ער האט געענדיגט, איז זי בעגאסען געווארען מיט א קאלטען שוויים... איהר פנים איז געווארען טויט בלאס... איהרע אויגען האבען גענומען שווינדלען און ווען יואב וואלט איהר ניט געהאלפען זיך אוועקזעצען וואלט זי זיכער אומגעפאלען...

— אה, האט בת שבע געזיפצט — ער האט מיר די גאנצע צייט גענארט... איך האב געמיינט אז ער בעזיצט אזא נאבעלען כאראקטער... און צום סוף אזא בעטרוג!.... ער האט אויך דוד'ן פערראטען און איך האב איהם געגלויבט...

— בערוהיג דיך, בת שבע, האט איהר יואב געזאגט — עס טוט מיר זעהר לייד דיר אזוי פיעל שמערצען צו פערשאפען — אבער איך האב געפיהלט אז דו מוזט וויסען דעם אמת... זעהסטו, דעם קעניג האב איך דערפון גאר נישט דער־צעהלט... אזוי האב איך איהם פערשפראכען דאן ווען ער האט זיך פאר מיר מודה געווען...

— יעצט קען איך שוין אויך גלויבען, אז ער האט טאקע געהאט א האנט אין דעם מארד פון איש בושת'ן!... אה, מיין גאט! מיין מאן אוריה איז א ליג־נער, א בעטריגער און א מערדער! ווען איך הער דאס יעצט נישט פון דיין מויל, וואלט איך דאס אויף איהם קיינמאל נישט געקענט גלויבען!

— איך האב באלד פערשטאנען אז אוריה איז שולדיג אויך אין דעם מארד פון איש בושת'ן — האט יואב געזאגט — איך האב שוין געזעהן אז די ברידער רכב און בענה האבען קיין ליגען נישט געזאגט.

— איך קען אבער נישט פערשטעהן — האט זיך בת שבע אפגערופען מיט וויטאג — פארוואס אוריה זאל טהוען אזא זאך... וואס פאר אן אורזאכע האט ער געהאט צו העלפען ערמארדען דעם קעניג איש בושת'ן... ער האט דאך גאנץ גוט געוואוסט אז נישט נאר וועט דוד זיין אומצופריעדען מיט אזא טהאט, נור ער וועט נאך דעם מערדער שווער בעשטראפען, ווי ער האט געטהאן צו דעם עמלק, וועלכער האט זיך פאר דוד'ן בעריהמט אז ער האט בלויז פערשנעלערט שאול'ס טויט!...

— אט דאס איז טאקע די אורזאכע פארוואס אוריה האט אנגערעדט רכב און בענה צו בעגעהן דעם שוידערליכען מארד... ווייל ער האט געוואוסט אז דוד וועט די מערדער בעשטראפען מיט'ן טויט!

בת שבע האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— יעצט, ווען דו האסט געהערט ווי אזוי אוריה האט פערראטהען דוד'ן! דורך די צוויי ברידער בענה און רכב, איז שוין נישט שווער צו פארשטעהען פארוואס ער האט דיזעלבע ברידער אנגערעדט צו דעם מארד... פארשטעהסטו, זיי זיינען געווען די איינציגע וועלכע האבען געוואוסט זיין סוד... און דאס וואס זיי זיינען געקומען ביי איהם אויפמאהנען דעם "חוב" ווי אוריה האט דיר גע־זאגט, איז דאס געווען געלט פאר'ן שווייגען... אוריה האט זיך ארומגעזעהן אז כל זמן די צוויי ברידער לעבען וועלען זיי איהם אימער צו האבען אין האנט. און דעריבער האט ער געזוכט א וועג ווי אזוי פטור צו ווערען פון זיי... און

וויסענדיג אז דוד וועט זיכער ניט פארשווייגען די מערדער פון דעם אומשולדיגען איש בושת'ן, האט ער זיי דעריבער אנגערעדט צו בעגעהן דעם פערברעכען, פערזיכערענדיג זיי אז דוד וועט זיי דערפאר שטארק בעלוינען... דאמיט האט ער געהאפט וועט זיין סוד פאר קיינעם נישט ענטדעקט ווערען....

— דו ביזט גערעכט, יואב! — האט בת שבע אויסגערופען מיט א ציטערענדע שטימע — יעצט זעה איך שוין פארוואס אוריה האט נישט געוואלט פערהאנדלען מיט רכב און בענה וועגען דעם "חוב" וואס ער האט זיי געקומט, אין הויז, אין מיין אנוועזענהייט... ער איז מיט זיי ארויס פון הויז און זיך גע'סוד'עט... אה, גאט! און איך האב די גאנצע צייט געלעבט מיט אזא געמיינעם מאן! מיט אזא בעטריגער, מיט איינעם וועלכער האט אויף זיין געוויסען די בלוט פון אן אומשולדיגען מענשען. אה, עס איז שוידערליך און שרעקליך!...

— דו וועסט מיר מוזען נאך אמאל ענטשולדיגען, בת שבע — האט יואב געזאגט — פארוואס איך בין געווען דער וועלכער האט דיר גורם געווען אזוי פיעל עגמת נפש — אבער איך האב בלויז געטהאן מיין פליכט... איך האב נישט געקענט פארטראגען צו וויסען אז דו ווערסט די גאנצע צייט גענארט... דאך וואלט איך דיר יעצט געבעטען זעהר פארזיכטיג צו זיין... קום גלייך נישט ארויס מיט דעם וואס דו האסט זיך נאר וואס דערוואוסט, ווייל עס קען נאך דיר ברייגען א סך שאדען... דערצעהל, דערווייל אוריה'ן גארנישט וועגען דעם: ער דארף אפילו נישט וויסען אז איך בין דא געווען...

— אה, יואב זעהר א שווערע זאך פערלאנגסטו פון מיר צו טהאן! ווי אזוי וועל איך פון יעצט אן קענען קוקען אוריה'ן גלייך אין די אויגען און מאכען אז איך וויים גארנישט פון דעם גרויסען פערברעכען וואס ער איז בעגאנגען צו מיר, צו דוד'ן און צו איש בושת'ן! ווי אזוי וועל איך קענען לעבען מיט איהם צוזאמען, ווען איך וויים אז ער איז נישט דאס וואס איך האב געמיינט, און ער האט מיר געקראגען דורך פאלשקייט און בעטרוג...

— צוליעב דיין אייגענער טובה, מוזט דו זעהן צו בעהאלטען דיינע געפיהלען דערווייל, און זיך גארנישט וויסענדיג מאכען, ביז וואנען די צייט וועט קומען און דו וועסט זיך פין איהם אין גאנצען קענען בעפרייען... איך קען אוריה'ן גאנץ גוט, און איך וויים אז אויב דו וועסט זיך יעצט נישט בעהערשען, וועסטו דיין לעבען שטעלען אין געפאהר... טו ווי איך זאג דיר און ווען דו וועסט זיך נויטיגען אין מיין הילף וועל איך שטענדיג זיין גרייט דיר צו דיענען... שטארק זיך און בעהערש זיך! פאלג אוים מיין עצה און דו וועסט נאכהער קיין חרטה נישט האבען... זאגסטו מיר צו טהאן ווי איך האב דיר געראטען...

— יע, — האט בת שבע טרויעריג א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ — איך וועל טהאן ווי דו הייסט מיר, זאל נאר גאט מיר געבען כח אלעם אריבערצוטראגען...

— דו דארפסט זיין צופריעדען אז דו האסט אויסגעפונען וועגען אוריה'ן אין צייט — האט יואב געזאגט פערלאזענדיג איהר הויז.

ווען יואב איז אוועקגעגאנגען, האט בת שבע ערשט דערפיהלט איהר גרויסען טרויער און בראך... איהרע בעסטע יונגע יאהרען האט זי אפגעגעבען דעם אומווירדיגען אוריה'ן... וועלכער האט איהר אזוי שרעקליך גענארט... וואס וועט זי יעצט טהאן? ווי אזוי וועט זי גאר קענען אויף איהם קוקען!... אין א פאר

טעג ארום וועט ער זיך אומקעהרען פון לאגער... ער וועט צו איהר צוגעהן, איהר ארומנעהמען און קושען... ער וועט איהר דערצעהלען פון זיין גרויסקייט, פון זיין העלדישקייט און בראווקייט... ער וועט... א שוידער געהט דורך איהר לייב... גאט, ווי אזוי וועט זי זיך קענען בעהערשען און איהם נישט זאגען אלעס וואס זי וויים פון איהם... יואב האט איהר געווארענט... זי וועט זיך מוזען בעהערשען! אבער זי וועט דאך דארפען זיין מיט איהם צוזאמען אונטער איין דאך! זי האט זיך קוים דערשלעפט צו איהר צימער און האט זיך אווארף געטהאן אויף איהר בעט און זיך פאנאנדערגעוויינט... ווען זי האט זיך גוט אויסגעוויינט איז איהר נעקומען אויף דעם געדאנקען אלעס וואס יואב האט מיט איהר גערעדט... לויט זיינע ווערטער קומט אוים אז דוד טראכט אויך זעהר פיעל פון איהר... ער האט איהר דערצעהלט אז דער קעניג האט נישט איינמאל איהר נאמען דערמאהנט מיט גרוים בעגייסטערונג! יואב דענקט אז דוד האט איהר אויך ליעב... יע, יואב וועט דאך איהר נישט נארען... ווען דוד זאל וויסען דעם אמת וועגען אוריה'ס "געטריישאפט" און "איבערגעבענהייט" צו איהם! אָ, ווי גענארט זי איז געווען אין איהם... זי האט איהם קיינמאל נישט געליעבט, אבער זי האט געהאט פולען צוטרויען אין איהם... זי האט פערגעטערט זיין מענשליכקייט און נאבעלען כא־ראקטער... אבער יעצט האט זי אויסגעפונען אז דאס האט ער נאר געטראגען א מאסקע, וואס האט פערשטעלט זיין ריכטיגען פרצוף... איהר כעס אויף איהם איז געוואקסען, און זי האט געומען איבערטראכטען וואס יואב האט איהר נאר וואס דערצעהלט... ווי וועט זי קענען זיין יעצט פערבונדען מיט א מאן וועלכער האט אזא שרעקליכען מארד אויף זיין געוויסען... רכב און בענה זיינען דאך דערפאר בעשטראפט געווארען מיט טויט שטראף פון קעניג... ווען דוד זאל וויסען אז אוריה האט די ברידער איינגערעדט צו בעגעהן אזא מארד, ער וואלט זיכער צו איהם געטהאן אזוי ווי צו רכב און בענה'ן... א שוידער געהט דורך איהר לייב... ניין, זי וואלט דאך נישט וועלען אז דער קעניג זאל אזוי בעשטראפען איהר מאן! זי האט דאך מיט איהם אזוי פיעל יאהרען געלעבט... דאנקען גאט, אז זי האט נישט קיין קינדער פון איהם...

אזעלכע מחשבות האבען בת שבע'ן בעאומרוהיגט א היבשע ווייլע ביז וואנען זי איז איינגעשלאפען...

יואב איז געווען גאנץ צופריעדען, וואס ער האט איינמאל פאר אלע מאל ארונטערגעריסען די מאסקע פון דעם פאלשען אוריה'ן וועלכער איז לעצטענס געווארען אזוי חשוב און בעליעבט ביי דעם קעניג... אויף בת שבע'ן האבען זיינע ווערטער געהאט די געווינשטע ווירקונג... איהר ענטוישונג אין אוריה'ן האט זיך קלאהר און דייטליך ארויסגעוויזען... יעצט וועט אוריה וויסען זיין פלאץ, ער וועט שוין מעהר נישט שטרעבען צו פערנעהמען זיין אמט... דער קעניג וועט אין גיכען דערפון אויך זיך דערוויסען, דאן וועט ער אבישי'ן בעשטימען אויף זיין פלאץ... און מעגליך אז אוריה'ן וועט ער שיקען צו די ברידער רכב און בענה... מען דארף נאר האבען געדולד... ער וועט ווארטען אויף א געלעגענהייט... עס וועט זיין א סך בעסער ווען דוד דערוויסט זיך פון אוריה'ס פערראט דורך בת

שבע'ן... ער וועט שוין זעהן אז בת שבע אליין זאל איהם וועגן אלעם דערצעהלען... ער וועט בלויז בעשטעטיגען איהרע רייד...

ער איז געקומען צו זיך אין דער היים און דארטען האט ער געטראפען זיין ברודער אבישי'ן וועלכער איז געווען זעהר פעראומערט.

— איך געה דאס יעצט פון בת שבע'ס הויז — האט זיך יואב צו איהם אפגערופען — איך האב איהר אלעס דערצעהלט וועגען אוריה'ן...

— וואס פאר אן איינדרוק האט עס אויף איהר געמאכט? — האט אבישי געפרעגט.

— עס האט אויף איהר שטארק געווירקט... זי האט אוריה'ן קיינמאל נישט ליעב געהאט. איהר גאנצע צוגעבונדענקייט צו איהם איז געווען בלויז, ווייל איהר האט זיך געדוכט אז ער איז אן אנשטענדיגער מאן מיט א פיינעם כאראקטער... זי האט מיר דערצעהלט, דאס זי האט מיט איהם געהייראט בלויז דערפאר וואס ער האט דוד'ן געראטעוועט פון שאול'ן... יעצט קענסטו זיך פארשטעלען ווי זי האט געפיהלט ווען זי האט זיך דערוואוסט דעם גאנצען אמת...

— דערווייליגע אבער איז אוריה דערהויבען געווארען צו אזא הויכען ראנג — האט אבישי געזאגט — און אן מיר האט דער קעניג איינגאנצען פערגעסען...

— זארג נישט, מיין ברודער, איך קען דיר פערזיכערען אז עס וועט נישט נעמען לאנג און אוריה וועט ארונטערגעזעצט ווערען פון זיין גדולה... איך וועל שוין זעהן אז דו זאלסט פערנעהמען זיין פלאץ... דו קענסט זיך אויף מיר פערלאזען. דו ווייסט דאך וואס יואב טוט מיט זיינע שונאים...

נייז און צוואנציגסטער קאפיטעל

בת שבע און דוד

די ערשטע עטליכע טעג, נאכדעם ווי זי האט זיך דערוואוסט אויף וואס אוריה, איהר מאן, איז געווען פעהיג צו טהאן, האט זיך בת שבע געפיהלט זעהר דערשלאגען און בעטריבט...

ווען אוריה האט זיך אומגעקעהרט פון לאגער, האט ער מיטגעבראכט פאר בת שבע'ן טייערע ציערונג. ער האט איהר געפונען ליגענדיג אין בעט...

— וואס איז מיט דיר, בת שבע, מיין ליעבע, טייערע — האט ער איהר געוואלט קושען.

בת שבע האט איהם לייכט אפגעשטופט פון זיך און מיט א שוואכע שטימע געזאגט:

— איך פיהל נישט גוט און איך וואלט וועלען בלייבען יעצט אליין.

— דו ביזט נישט געזונט, בת שבע? — האט אוריה אויסגערופען מיט זארג, — זאל איך ברייגנען א רופא?

— ניין, עס איז נישט נויטיג, — האט זי געענטפערט, — עס וועט איבערגעהן... איך וועל זיך אויסרוהען איינינע טעג...

— זעה, וואס איך האב דיר געבראכט, בת שבע! — האט אוריה איהר געצייגט די ציערונג.

בת שבע האט א בליק געטהאן אויף די ציערונג, אבער איהר קאלטער אויסדרוק פון פנים האט זיך נישט געענדערט.

אוריה האט איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג און זארג... וואס קען עס בעדייטען?...

באלד איז איהם ארויפגעקומען א פרעהליכער און אנגענעהמער געדאנק. זי ערווארט צו ווערען א מוטער! ער האט געהערט אז פרויען וועלכע ערווארטען צו האבען זייער ערשט קינד פיהרען זיך זעהר מאדנע. זיי ווערען שנעל אויפ־גערעגט און אויפגערייצט, זיי קענען נישט פארטראגען געזעלשאפט.

— בת שבע, מיין טהייערע — האט ער אויסגערופען מיט א שטראהלענדען פנים — זאל דאס זיין אז דו ביזט... איז עס מעגליך אז גאט האט מיינע תפלות צוגעהערט און דו וועסט מיר אין גיכען מיט א זוהן באשענקען!...

בת-שבע האט אומגעדרעהט איהר קאפ צום וואנט און איהם גארנישט גע־ענטפערט.

— זי שעהמט זיך — האט אוריה בעשלאסען, — דאס איז אויך איינע פון די גוטע סמנים... יא, יעצט איז ער זיכער אז בת שבע וועט איהם נאך געבוירען א קינד... א גליקליכע פרייד האט זיך צוגאסען דורך זיין קערפער... ער וועט נאך האבען קינדער... אזוי פיעל יאהרען זיינען אוועק... ער האט שוין כמעט אויפגעגעבען זיין האפנונג. און יעצט...

אוריה האט זיך איבערגעבויגען איבער בת שבע'ן און האט איהר געוואלט א קוש טהאן אויף איהר קאפ. ער האט דאס אבער נישט געטהאן.

— ניין, ער וועט איהר יעצט נישט שטערען. זאל זי זיך גוט אויסרוהען.

צוויי טעג איז אוריה פארבליבען אין הויז, און בת שבע איז די גאנצע צייט פון איהר בעט נישט ארויס. ווען ער פלעגט אריינקומען אין איהר צימער, פלעגט זי זיך מאכען שלאפענדיג אדער איהם זאגען אז זי איז נאך אלץ נישט מיט אלעמען... און אוריה איז, וואס ווייטער אלץ מעהר געווען איבערצייגט אז אין גיכען וועט ער ווערען א פאטער... ווען דאס זאל געשעהן, — האט ער זיך גע־טראכט, — וועט זיך קיינער צו איהם נישט קענען גלייכען. בת שבע'ס ליעבע צו איהם וועט נאך דורכדעם שטארקער ווערען. ער וועט האבען כבוד און רייכטום, די שעהנסטע פרוי אין ארץ ישראל און דערצו נאך וועט ער האבען א זוהן אדער א טאכטער. אוריה איז געווען בערוישט פון גליק... און ווען ער האט זיך צוריק־געקעהרט אין לאגער, איז ער צוגעגאנגען צו יואב'ן און איהם פערטרויט זיין סוד:

— יואב, מיין הארר, — האט אוריה זיך אפגערופען, — איך בין אזוי גליקליך, איך פיהל דאס איך מוז זיך מיט אימיצען טהיילען מיין פרייד.

— און וואס באשטעהט דיין פלוצלינגער גליק? — האט יואב איהם גע־פרעגט און קוים איינגעהאלטען זיין שמייכעל.

— זאג מיר, יואב, — האט אוריה זיך ווידער אפגערופען — דו ווייסט דאך בעסער דו האסט דאך שוין געהאט ערפאהרונג. ווען א פרוי דארף ווערען צום ערשטען מאל א מוטער, איז זי אויפגערעגט און צורייצט און פיהלט נישט מיט אלעמען?...

— יא — האט יואב געשמייכעלט, — אט דאס זיינען טאקע אלע גוטע סמנים פאר א פרוי וואס וועט האבען א קינד צום ערשטען מאל. אבער זאג מיר, פארוואס ווילסטו עס וויסען גראדע יעצט?...

— המ... — האָט אוריה געשטאַמעלט — ווען איך האָב זיך מיט צוויי טעג צוריק אומגעקעהרט אהיים, האָב איך געפונען מיין בת שבע'ן אין בעט, זי איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און זי האָט מיר נאָר געבעטען איך זאָל איהר לאָזען אליין... זי איז אויך געווען אומעטיג און זעהר צורייצט, און ווען איך האָב איהר געפרעגט וואָס מיט איהר איז, האָט זי מיר געענטפערט אז זי פיהלט נישט מיט אַלעמען... זיינען דאָס דען נישט קיין סמנים?

— נו, און דו האָסט וועגען דעם מיט איהר נישט פּרובירט ריידען? — האָט יואב איהם געפרעגט.

— איך האָב צו איהר גערעדט וועגען דעם, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט זי זיך געשעהמט מיר צו ענטפערען... זי האָט אומגעקעהרט איהר קאָפּ צום וואַנט און מיר גאָרנישט געענטפערט.

— דאָס איז עס מיין ברודער, — האָט איהם יואב א קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע, — דאָס זיינען די ריכטיגע סמנים!...

— אָה, דאָס וועט פאַרפולען מיין גליק, — האָט אוריה זיך אויפגעהויבען מיט שטאָלץ. — עס וועט שוין באַלד ווערען פופצעהן יאָהר זינט איך האָב חתונה געהאַט מיט בת שבע'ן און זי האָט מיר קיין קינדער נישט געבאָרען... איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, יואב אז נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט צו נעהמען נאָך א פרוי צו איהר, א פּלגש, פאַרשטעהסטו מיר איך מוז דאָך האָבען קינדער, איך האָב זיך אָפּגעהאַלטען דערפון, ווייל איך האָב געוואוסט אז בת שבע וועט עס נישט וועלען ליידען... איך האָב איהר פערשפּראָכען אז אויב זי וועט מיט מיר חתונה האָבען, וועל איך צו איהר מעהר קיין פרויען נישט נעהמען... אָבער ווען אזוי פיעל יאָהרען זיינען פאַראיבער און זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָב איך זיך געטראַכט, אז איך וועל זיך מיט איהר דורכריידען און זי וועט מיר ערלויבען... אָבער יעצט, געלויבט איז גאָט, וועל איך קענען האַלטען מיין פערשפּרעכען צו איהר... איז דען א וואונדער וואָס איך פיהל זיך אזוי גליקליך?!

זייער געשפּרעך איז אונטערבראָכען געוואָרען ווען א שליח פון דוד'ן איז אָנגעקומען און געלאָזט וויסען יואב'ן און אוריה'ן אז דער קעניג וויל זיי זעהן.

יואב און אוריה זיינען גלייך אוועק צום פּאַלאַץ.

דוד איז זיי אנטגעגענגעקומען און צו זיי געזאָגט:

— היינט ווערט א יאָהר זינט איהר זייט אָפּגעטראָטען פון רבה, די הויפּט־שטאָדט פון עמון... עס איז דאַן געווען זעהר א קלוגער שריט פון יואב'ן, ווייל די מחנות זיינען געווען מיעד פון די מלחמות מיט ארם און מיט די איבריגע מלכים וועלכע זיינען געקומען ארויסהעלפען עמון. אָבער חנון, דער קעניג פון עמון האָט נאָך נישט געקראָגען זיין שטראָף פאַר די גרויסע יסורים און בעליי־דיגונגען וואָס ער האָט געטהאָן צו מיינע שלוחים, ווען איך האָב זיי צו איהם געשיקט מיט א שליחות פון שלום... איך האָב דאַן געשוואָרען צו נעהמען ראַכע פון איהם, און יעצט וויל איך איהר זאָלט צונויפזאַמלען אייערע ארמייען און אוועקגעהן נאָך עמון און בעלאַגערען די שטאָדט און נישט אָפּטרעטען פון דאָרטען ביז וואַנען איהר וועט איהר אייננעהמען.

דו, יואב, וועסט זיין דער אויבערקאָמאַנדיר פון ביידע ארמייען, פון דיינע און אוריה'ס. אָבער איך האָף, אז דו וועסט געבען אוריה'ן אין דער צייט פון

שלאכט די פולע רעכט איבער זיין ארמיי, דאס ער זאל קענען ארויסציינען זיינע פעהיגקייטען אלס קאמאנדיר פון אן ארמיי.

— איך וועל טהאן ווי דיין פארזאג, מיין האר קעניג, — האט זיך יואב פארנייגט.

אוריה האט דעם קעניג בעדאנקט פאר דעם פולען צוטרויען וואס ער האט אין איהם.

דעם זעלבען טאג האבען ביידע, יואב און אוריה, פערזאמעלט זייערע ארמייען אין ירושלים און זיי זיינען געווען גרייט אוועקצומארשירען נאך עמון.

— מיין האר, — האט זיך אוריה אפגערופען צו יואב'ן, — איך וויל דו זאלסט מיר טהאן א געפעליגקייט און ווארטען אויף מיר א קליינע ווייל״ע, ביז איך וועל זיך צוריקקעהרען... איך וועל בלויז צולויפען צו מיין הויז און זיך געזעגנען מיט מיין פרוי, ווייל ווי איך גלויב, וועלען מיר זיך פערזאמען אין עמון עטליכע מאנאטען...

— אויב דו וועסט עס מאכען זעהר שנעל, וועל איך אויף דיר ווארטען, — האט איהם יואב געענטפערט, — מיר וועלען מוזען פארלאזען ירושלים וואס פריהער, כדי מיר זאלען אנקומען אין יריחו איידער עס ווערט גוט פינסטער.

אוריה איז געלאפען פייל אויסען בויגען צו זיין הויז. ער האט געטראפען בת שבע'ן אין גארטען.

— מיין ליעבע בת שבע, — האט אוריה אויסגערופען, — דער קעניג האט מיר און יואב'ן נאר וואס באפוילען צו נעהמען אונזערע ארמייען און געהן מלחמה האלטען מיט עמון און בעלאגערען די הויפט־שטאדט רבה... דארטען וועלען מיר זיך געווים פערזאמען א לאנגע צייט... אלעס איז שוין גרייט צו מארשירען און איך האב געבעטען ערלויבניש ביי יואב'ן ער זאל מיר אפלאזען אויף א קליינע ווייל״ע, איך זאל זיך קענען געזעגענען מיט דיר. זאג דאך מיר, בת שבע, ווי פיהלסטו זיך יעצט ? — האט אוריה איהר ארומגענומען.

— איך פיהל זיך א סך בעסער, — האט בת שבע געענטפערט און געזוכט וואס שנעלער לויז צו ווערען פון זיינע הענד...

— זיי געזונד, מיין ליעבע, איך האף אז ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען פון מלחמה, וועסטו שוין אלעס האבען אריבערגעקומען.

בת שבע האט אויף איהם געגעבען א מאדנעם בליק. זי האט זיך ענדליך פערכאפט און געזאגט: — געה געזונד, אוריה, זאל גאט געבען אז אונזערע ארמייען זאלען ווידער בעזיעגען דעם שונא.

אוריה האט איהר נאך אמאל א קוש געטהאן, און אין גרוים איילעניש פארלאזען זיין הויז...

נאך זייער לעצטער מפלה וואס די עמונים האבען געהאט פון די אידען, זיינען זיי דאך ביי זיך נישט געווען געפאלען: זיי האבען געזעהן ווי דוד'ס קאמאנדיר האט געמוזט צוריקטרעטען פון זייער הויפטשטאדט, רבה, נאך פיעלע טעג פון בעלאגערונג, און זיי האבען עס אנגענומען פאר א סימן אז דוד'ס ארמעע איז נישט אזוי שטארק... דאך האבען זיי געוואוסט אז זיי קענען זייערע כוחות נישט פערמעסטען אין אן אפענע מלחמה אויף'ן שלאכטפעלד, דעריבער האבען זיי זיך גענומען וואס שטארקער צו בעפעסטיגען זייער הויפטשטאדט...

ווען די עמונים האבען זיך דערוואוסט אז יואב קומט אן ווידער מיט אן

ארמעע, האבען די אלע איינוואהנער וועלכע וואהנען אין די קלענערע שטעדט או דערפער, פערלאזען זייערע היימען און אנגעקומען אין די הויפטשטאדט, רבה. זיי האבן אנטלויפענדיג פערברענט זייערע הייזער און איבערגעלאזען הינ־טער זיך וויסטעניש...

חנון, דער קעניג פון עמון האט צוזאמענגערופען זיינע שרים און יועצים און זיך מיט זיי געהאלטען אן עצה וואס צו טהאן.

— די בעסטע זאך — האט זיך אזעלטערער מיניסטער אפגערופען — וואלט געווען ווען דער קעניג וואלט געשיקט שלוחים צו דוד'ן און זיך ענטשולדיגט פאר איהם פאר דער בעליידיגונג און בזיון וואס מיר האבען לעצטען יאהר אנגעטהאן צו זיינע שלוחים...

— יע, — האט א צווייטער מיניסטער געזאגט — נאכאלעמען האבען מיר זעהר נישט ריכטיג געהאנדעלט געגען דוד'ן וועלכער האט געזוכט צו לעבען מיט אונז בשלום... ער האט נישט געהאט קיינע בייזע כונות, ווען ער האט געשיקט זיינע קנעכט צו טרייסטען אונזער האר קעניג פאר דעם טויט פון זיין פאטער נחש.

— דוד וועט יעצט נישט וועלען שלום מאכען מיט אונז — האט זיך א יונגער מיניסטער אפגערופען — ער וועט דערפון דריגנען אז מיר זיינען שוואך און מיר האבען מורא פאר איהם, און דאס וועט איהם נאך מעהר ערמוטהיגען מלחמה צו האלטען מיט אונז...

— ווען אונזער קעניג זאל צוזאמען מיט זיין ענטשולדיגונג אויך שיקען דוד'ן א גרויסארטיגע מתנה, בין איך זיכער, אז דוד וועט זיי אויפנעהמען אלס פריינד און מיט אונז שליסען שלום...

— וואס פאר א מתנה, לויט דיין מיינונג, וואלט געווען פאסיג פאר דוד'ן ? — האט דער קעניג איהם געפרעגט.

— מיין האר קעניג — האט דער ערשטער מיניסטער געזאגט... מיר טארען אין זיך יעצט נישט זיין גענארט... דוד איז א מעכטיגער קעניג, ער האט בע־זיעגט די פלשתים, ער האט איינגענומען די פעסטונג שטאדט ירושלים, וואס איז פיעל שטארקער ווי אונזער הויפטשטאדט, און מיט א יאהר צוריק האט ער אונזערע ארמעען בעזיעגט און פערטיליגט די מחנות פון ארם... דעריבער גלויב איך אז ווען דער קעניג זאל איהם שיקען אזא מתנה וואס זאל דוד'ן איבערצייגען אז מיר מיינען ערנסט, אז מיר זיינען נאכגעביג און אפילו עטוואס אונטערטעניג, דאן וועלען מיר ראטעווען אונזער פאטערלאנד...

— אבער דו האסט מיר נאך אלץ נישט געזאגט וואס פאר א מתנה איך זאל שיקען דוד'ן ? — איז חנון אונגעדולדיג געווארען...

— די איינציגע זאך וואס וועט דוד'ן איבערצייגען אין דיין ערנסטקייט, מיין האר קעניג, איז ווען דו וועסט איהם שיקען דיין קרוין אלס מתנה...

א וויילע האט א טויטליכע שטילקייט געהערשט אין פאלאץ ווי דער אלטער מיניסטער האט עס ארויסגערעדט... דער קעניג איז בלאס געווארען פלוצלונג, האט זיך א יונגער מיניסטער אויפגעהויבען און א געשריי געטהאן:

— פעררעטער !

באלד האט דער גאנצער פאלאץ גענומען שטורמען מיט געשרייען און זיך־

לערייען אויף'ן חשבון פון אלטען מיניסטער, וועלכער האט געוואגט פארצו־שלאגען דעם קעניג'ס קרוין אלס מתנה — ער האט פערדיענט דעם טויט!

— ער איז דוד'ס שפיאן! מען דארף איהם אויף שטיקער צושניידען!

— זיין גאנצע הויז געזינד דארף מען פערברענען! — האבען זיך איינינגע נעוואָרפען אויף דעם אלטען מיט זייערע שווערדען.

דער קעניג איז די גאנצע צייט געווען אזוי צוטומעלט און צושראקען אז ער האט גאָרנישט געקענט ריידען... ווען ער האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט ער אלעמען געהייסען צוריקגעהן אויף זייערע פלעצער און ער האט זיך אפגערופען...

— איך בין זעהר ערשיטערט געווארען צו הערען דאס איינער פון מיינע עלטערע מיניסטארען זאל מאכען אזא חוצפה'דיגען פארשלאג... ער הייסט איבערגעבען מיין קרוין צו דוד'ן און דאמיט איהם צו צייגען מיין אונטערטעניג־קייט... פארוואס האסטו נישט געמאכט קיין פארשלאג מען זאל דוד'ן איבער־געבען מיין קאפ! יע, דו פערדיענסט דעם טויט פאר אזוינע רייד... אבער נישט יעצט וועלען מיר דיר טויטען... יעצט וועסטו געהן אין געפענגניס, און ווען דוד'ס ארמעע וואס קומט אן בעלאגערען אונזער שטאדט, וועט געצוואונגען זיין ווידער אפצוטרעטען מיט לײדיגע, דאן וועל איך בעפעהלען דיין קאפ ארונטער־צוהאקען...

חנון האט געגעבען א בעפעהל און מען האט דעם גרייזגראהען מיניסטער אריינגעוואָרפען אין געפענגניס.

— יעצט מוזען מיר אלע זיין געגרייט צוריקצושטויסען אונזער פיינד פון אונזער הויפט שטאדט — האט דער קעניג געזאגט — מיר טארען זיך נישט בעגניגענען מיט דעם וואס אונזער שטאדט איז שטארק בעפעסטיגט... מיר ווילען איהם שטארק אויסמאטערען ביז וואנען ער וועט אפטרעטען פון אונזער שטאדט מיט גרויסע פערלוסטען...

יואב און אוריה מיט זייערע מחנות זיינען אריבערגעגאנגען דעם ירדן און האבען זיך דערנעהענטערט צו עמון... זיי האבען אויף'ן וועג צו דער הויפט־שטאדט נים באגעגענט קיין ווידערשטאנד. זיי האבען געזעהען די פארברענטע שטעדט און דערפער און האבען דערפון פערשטאנען אז די עמונים זיינען אין טויט שרעק צוליעב זיי.

ווען זיי זיינען געווען נישט ווייט פון רבה, האט חנון ארויסגעשיקט אן ארמעע צו קעמפפען מיט זיי. אבער נאך א שלאכט פון עטליכע שעה, זיינען די עמונים אנטלאפען און האבען זיך בעפעסטיגט אין זייער הויפטשטאדט. דער קעניג האט שוין מעהר נישט געוואגט ארויסצושיקען חיל פון שטאדט און האט זיך בענוגענט מיט דעם וואס זיינע סאלדאטען האבען פון דער פעסטונג נישט דערלאזען יואב'ן זיך דערנעהענטערען צו רבה.

וואכען זיינען אוועק און יואב און אוריה מיט זייערע העלדישע סאלדאטען האבען בעלאגערט די שטאדט, און די עמונים האבען נישט געקענט ארויסגעהן אדער אריינגעהן פון שטאדט.

יואב פלעגט יעדע וואך שיקען בעריכטען צו דוד'ן וועגען דער לאגע און דוד פלעגט צושיקען שפייז און קליידער פאר דער ארמעע וואס בעלאגערט די שטאדט.

אזוי זיינען אוועק עטליכע חדשים פון בעלאגערונג און יואב האט דערוויil נישט געמאכט קיינע פערזוכען צו שטורמען די פעסטונג. ער האט געגלויבט אז די עמונים וועלען לאנג נישט קענען אויסהאלטען די בעלאגערונג, זיי וועלען נעהמען פיהלען א מאנגעל אין ברויט און וואסער און זיי וועלען געצוואונגען זיין זיך אונטערצוגעבען.

בת שבע האט זיך נאך לאנג געפיהלט נידערשלאגען און איינזאם... אוריה כאטש ער איז געווען אויף מלחמה מיט די עמונים, איז איהר דאך יעדען מאל דורכגעגאנגען א שוידער ווען זי האט זיך אין איהם דערמאהנט... וואס מעהר זי האט פון איהם געטראכט אלץ מעהר האט זי איהם אנגעפאנגען צו פערהאסען... נייז, זי וועט שוין מעהר מיט איהם נישט קענען וואהנען צוזאמען... זי וועט איהם איינמאל פאר אלע מאל מוזען דערצעהלען אז זי וויים פון אלעס... עס איז מעגליך אז יואב וועט דוד'ן דערצעהלען דאס וואס ער האט איהר דערצעהלט... ווי עס זאל נישט זיין ווייטער אזוי אנגעהן וועט עס נישט קענען... ווען יז זאל יעצט פריי זיין... יואב האט איהר געזאגט אז דוד דערמאהנט איהר נאך יעצט אויך... "נישט איינמאל האט דער קעניג דיין נאמען פאר מיר, דערמאהנט מיט גרויס בעגייסטערונג, און מיט א שטארקע פערעהרונג רעדט דער קעניג פון דיר ווען ער דערמאהנט זיך אן יענע יאהרען ווען ער האט זיך אויסבעהאלטען אין דיין הויז" אזוי האט יואב איהר געזאגט וועגען דוד'ן... זאל עס מעגליך זיין אז דוד האט איהר אויך ליעב... ער האט איהר אבער עס קיינמאל נישט ארויסגעוויזען... עס איז מעגליך דאס ער האט זיך צוריקגעהאלטען צוליעב אוריה'ן, ער האט נישט געוואלט מאכען איהר צו פיהלען שלעכט, ווייל ער האט איהם די גאנצע צייט געהאלטען פאר זיין בעסטען פריינד. יעצט אבער ווען ער זאל זיך דערוויסען דעם אמת וועגען אוריה'ן, וואלט דער קעניג זיך גאנץ אנדערש בענומען צו איהר...

עס איז נאך געווען גאנץ פריה בת שבע איז געלעגען אין איהר בעט און געטראכט פון יענע גליקליכע טעג ווען זי איז נאך א מיידעל געווען: ווען זי האט צום ערשטען מאל דוד'ן דערזעהן... ווי העלדיש ער האט פאר איהר געקעמפט... ווי שעהן זיינע אויגען האבען געלויכטען... גליקליך איז זי געווען, אז דוד, דער זעלבער גבור וועלכער האט גלית'ן געטויטעט האט אויך איהר גערעטעט פון די הענט פון דעם פלשתי...

זי איז ארונטער פון איהר בעט און איז געשטאנען בעפאר דעם שפיגעל אין איהר צימער, זי האט בעטראכט איהר נאקעטען קערפער... זי האט נאך קיינמאל בעפאר נישט בעמערקט די פרעכטיגקייט פון איהר קערפער... זי זעהט ווי געטאקט איז יעדער גליעד אין איהר גראציעזען פיגור... זי איז אפשר נישט אזוי שעהן ווי מיכל אבער קיין פרוי אין גאנץ ישראל בעזיצט נישט אזא וואונדערשעהנעם צארטען קערפער... פלוצלונג איז איהר ארויפגעקומען א געדאנק: זי וועט וואגען!... זי וועט אויסנוצען איהר וואפען... זי ליעבט דוד'ן מיט איהר גאנצען ברען פון איהר נשמה... איהר באנד מיט אוריה'ן איז צוריסען... פארוואס זאל זי זיין אזא נאר און נישט אויסנוצען די געלעגענהייט ווען זי איז נאך יונג און שעהן.. זי וועט שוין מיט אוריה'ן מעהר נישט וואהנען צוזאמען... ווען ער וועט זיך צוריקקעהרען פון מלחמה וועט זי איהם גלייך זאגען אז זי וויים פון

זיין גאנצען בעטרוג... וואס דוד וועט צו איהם טאן ווען ער וועט זיך פון אלעס דערוויסען, אארט איהר נישט... צו איהר אבער איז ער א פרעמדער... זעהר א גוטע זאך האט דוד איינגעפיהרט וואס ער האט געמאכט אז יעדער איינער וועל־כער געהט אויף מלחמה מוז געבען א גט זיין פרוי... געוועהנליך דער גט איז נישט גוט אויב ער דער מאן קעהרט זיך אום פון מלחמה... אבער די פרוי פיהלט זיך א סך פרייער אין ווען זי הערט ניט פון איהר מאן פאר א היבשע צייט נאך דער מלחמה איז זי פאררעכענט פאר א גע׳גט׳ע פון ערשטען טאג ווען דער גט איז איהר ארויסגעגעבען געווארען... יע, דוד איז זעהר קלוג און ער הערשט מיט גערעכטיגקייט איבער ישראל, זיינע געזעצען ברייננגען אלעמען נוצען... זאל איהם גאט געבען לאנגע יאהרען פון גליק.

בת שבע האט זיך איינגעהילט אין א מארגען קלייד און האט געהייסען איהר דיענסט ברייננגען איהר פריהשטיק.

די דיענסט האט איהר געבראכט דעם פריהשטיק און ווען זי האט געענדיגט עסען האט זי איהר געהייסען ברייננגען איינע פון איהרע שעהנסטע קליידער... זי האט זיך אנגעטהאן און לאנג איז זי ביים שפיגעל געשטאנען און זיך געקוויקט מיט איהר אייגענער שעהנקייט... דעם גאנצען טאג איז זי געווען פרעהליך. זי האט געפיהלט אז זי געהט געווינען א גרויסע שלאכט... זי איז זיכער מיט איהר זיעג...

אין אבענד האט בת שבע געהייסען איהרע דיענסטען צוגרייטען א וואנע פאר איהר אויף דעם דאך פון איהר הויז.

ווען די וואנע איז פארטיג געווארען, איז בת שבע ארויף אויף דעם דאך, זי האט זיך אויסגעטהאן און אריין אין וואנע, די דיענסטען האט זי פון זיך אוועקגעשיקט... עס איז נאך געווען גוט ליכטיג, כאטש די זון האט שוין געהאל־טען ביים פארגעהן.

א שטילקייט האט זיך צוגאסען ארום... בת שבע ווארט, איהר הארץ האט וויברירט, א ציטער געהט דורך איהר לייב... אט הערט זי דעם קעניג׳ס טריט אויף׳ן דאך זי קען זעהן ווי ער בעוועגט מיט זיין הארפע אין האנט... באלד וועט ער אנהויבען צו שפיעלען און צו זינגען... זי איז געזעסען אין וואנע שטיל בעוועגלאז און זיך איינגעהארכט... באלד האבען זיך צו איהרע אויערען דער־טראגען ווייכע צארטע טענער פון זיין הארפע און מיט זיין זיסע שטימע זינגט ער:

„דו האסט מיט חכמה געבויט דיין שעהנע וועלט
און האסט איהר בעלויכטען מיט דיין שיין!
ווער, א גאט, קען וואוינען אין דיין געצעלט?
ווער קען אויף דיין הייליגען בארג זיין?....

דער וואס געהט אין אונשולד, אין עהרליבקייט:
ער זאגט וואס ער טראכט אין זיין הארץ!
דער וואס טוט צו יעדען גערעכטיגקייט,
און פערשאפט נישט זיין פריינד קיין שמארץ!"

בת שבע הערט קלאר יעדן ווארט... א ווי זיין תפלה פאסט זיך צו איה־רע געדאנקען. נאר דער וואס זאגט אמת, דער וועלכער פערראט נישט זיין פריינד, נאר דער וועלכער פערשאפט נישט זיין פריינד קיין שמערץ, קען וואה־נען אין גאט'ס געצעלט... קען זי דאס דען זאגען אויף אוריה'ן... ער האט געזאגט אנדערש פון דעם וואס ער האט אין זיין הארצען געטראכט... ער האט פערראטען זיין בעסטען פריינד... עהרליכקייט און אונשולד איז גאנץ ווייט פון איהם... דער קעניג; ער איז דער מאן וועלכער קען וואהנען אין גאט'ס געצעלט און קען רוהען אויף זיין היילינגען בארג! א, ווען דער קעניג זאל נאר ווייסען וואס עס טוט זיך אין איהר הארצען ווען ער זאל נאר קענען אריינקוקען אין איהרע אויגען, דאן איז זי זיכער, אז ער וואלט איהר פארשטאנען... ווען ער זאל ווייסען, אז זי געפינט זיך דא יעצט נישט ווייט פון איהם.

בת שבע האט פלוצלונג אנגעהויבען זיך פליושקען מיט דעם וואסער פון דער וואנע...

דער קלאנג פון דעם פליושקענדען וואסער האט דערגרייכט דוד'ס אויערען... ער האט גלייך אויפגעהערט שפיעלען און זינגען און האט זיך געגומען וואונדערען פון וואנען דער קלאנג קומט... ער איז צוגעגאנגען צום ברעג פון זיין דאך און האט ארונטערגעקוקט און האט דערזעהן א באדענדיגע פרוי... דוד איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט... ער האט געזעהן איהר ווייסען קערפער ווי אלבאסטער געטאקט... איהר האלדז ווי פון עלפאנטביין געשניצט... און ווען זי האט אומגע־קעהרט איהר פנים צו איהם, האט ער באלד דערקענט בת שבע'ן, די פרוי פון אוריה'ן דעם חתי...

בת שבע האט בעמערקט דוד'ס בליקען... זי האט א געשריי געטהאן אח, מיין קעניג! און האט געזוכט צו פערדעקען איהר נאקעטקייט מיט איהרע הענט...

— בת שבע! האט דוד אויסגערופען — ווי וואונדערשעהן דו ביזט, דיין רייץ בעצויבערט די אויג.

— אה דוד, מיין האר קעניג, ווענד אפ דיין בליק פון מיר! קעהר אפ דיינע אויגען פון מיר אויף א ווייל, אה, איך בעט דיר...

— זאגסטו מיר צו באלד ארויפצוקומען צו מיר? — האט איהר דוד גע־זאגט — איך וויל מיט דיר ריידען פון פערגאנגענע טעג, פון גליקליכע יאהרען וועלכע וועלען זיך שוין קיינמאל נישט אומקערען. וועסטו ארויפקומען?...

— יע, איך קום באלד ארויף צו דיר, מיין האר קעניג — האט בת שבע פערשעהמטערהייט געענטפערט — אבער דערווייל קעהר אפ דיינע אויגען פון מיר, און איך וועל זיך אנטהאן...

— גוט איך וועל יעצט קוקען אויף דעם פראכטפולען זונען־אונטערגאנג באטש עס האט א סך פערלארען אין פראכט און אין גלאנץ אין פערגלייכענים צו דיין וואונדערשעהנעם געשטאלט...

בת שבע איז שנעל ארויס פון איהר וואנע און האט זיך איינגעהילט אין איהר קלייד... זי האט ארויפגעקוקט אויבען און איהרע בליקען האבען זיך בעגעג־נעט מיט דוד'ס...

— איך וועל אויף דיר ווארטען דא אויף דעם דאך... זאג מיינע לייבוועכטער אז דער קעניג האט דיר איינגעלאדען און זיי וועלען דיר דורכלאזען...

בת שבע איז אריין אין איהר צימער און זי האט אנגעטהאן איינע פון איהרע בעסטע און שעהנסטע קליידער... זי האט פערקאמט איהרע האר, און זיך אויסגעשמירט מיט שמעקעדיגען אויל און מיט א קלאפענדע הארץ איז זי ארויף צו דוד'ן אויף'ן דאך...

ביז גאנץ שפעט האט דוד פערבראכט מיט בת שבע'ן אויף'ן דאך פון זיין פאלאץ... א דינער האט ארויפגעבראכט וויין און ביידע האבען געטרונקען. דוד'ס אויגען האבען זיך נישט געקענט אנזעטיגען פון דער שעהנקייט פון איהר פנים...

— איך האב אלע מאל געזאגט אז אוריה דארף זיין דער גליקליכסטער מאן אין גאנץ ארץ ישראל, צו בעזיצען אזא שעהנעם אוצר ווי דו ביזט...

א רויטקייט האט זיך בעוויזען אין בת שבע'ס פנים, זי האט מיט דאנקבארע אויגען א קוק געטהאן אויף דעם קעניג און נישט ווילענדיג האט זיך ביי איהר ארויסגעכאפט א זיפץ...

— וואס איז? — האט דוד אויסגערופען — ביזטו דען נישט גליקליך מיט דיין מאן?

בת שבע האט טרויעריג ארונטערגעבויגען איהר קאפ... איהרע שעהנע אויגען זיינען פערלאפען געווארען מיט טרעהרען...

— און איך האב געגלויבט אז דו ביזט העכסט גליקליך מיט דיין מאן — האט דוד צו איהר געזאגט מיט צערטליכקייט, — זאג דאך מיר וואס איז די אורזאכע וואס דו ביזט נישט גליקליך מיט אוריה'ן, בעהאנדעלט ער דיר נישט ריכטיג? איז ער גרויזאם צו דיר?...

— ניט דאס, מיין האר קעניג, אוריה איז זעהר גוט צו מיר, אבער איך האב נישט לאנג אויסגעפונען אז ער האט מיין הארץ געוואונען דורך פאלשקייט און בעטרוג!

— איך פערשטעה דיר נישט — האט דוד איהר אנגעקוקט מיט ער־שטוינונג — איז וואס איז בעשטאנען זיין פאלשקייט? — האט ער זיך דיר אנגעגעבען פאר דאס וואס ער איז נישט? מיר דוכט, אז ער איז בראוו און עהרליך און ווי דו זאגסט בעהאנדעלט ער דיר גוט... וואס נאך קען א פרוי פארלאנגען פון א מאן?...

— אה, מיין קעניג! — האט בת שבע געווישט איהרע טרעהרען — מיר איז שווער צו דערצעהלען וואס איך האב זיך נישט לאנג דערוואוסט וועגען איהם פון יואב'ן...

— יואב? — האט דוד אויסגערופען — ער איז מסתמא אייפערזיכטיג אויף איהם, האט ער אויף איהם אנגערעדט — און דו גלויבסט יואב'ן.

— איך גלויב איהם, ווייל אוריה האט זיך אין גאנצען מודה געווען פאר איהם...

— מודה געווען אין וואס? — האט דוד געפרעגט.

— ער האט זיך מודה געווען אין פערראט און אין בעטרוג!

— קענסטו מיר פיעלייכט דערצעהלען אלעס וואס דו ווייסט, בת שבע — האט ער אנגענומען איהר האנט...

— עס איז מיר זעהר שווער דאס צו טהאן, ווייל נאכאלעמען וועל איך דארפען בערייזען מיין אייגענעם מאן און וואס האט אויך א שייכות צו דיר, מיין קעניג!

— א שייכות צו מיר! — האט דוד אויסגערופען, — דו וועסט מיר אלץ מוזען דערצעהלען, ווייל מיין אונגעדולד וואקסט פון יעדער רגע...

דוד האט זיך צוגערוקט נעהענטער צו בת שבע'ן, ער האט מיט זיינע בליקען טיעף אריינגעדרונגען אין איהר הארץ, וואס זי האט יעצט פאר איהם אויסגעגאסען...

זי האט איהם דערצעהלט פון יענע יאהרען אין בית שמש ווען אוריה האט זיך צו איהם גע'שדכן'ט... און זי האט איהם האלב פארשפראכען. דערנאך איז ער, דוד אנגעקומען אין בית שמש... ווי גליקליך זי האט זיך אין זיין אנוועזענהייט געפיהלט... יענע געצעהלטע טעג וועלען אויף אימער בלייבען אין איהר זכרון... זי האט איהם דייטליך איבערגעגעבען די אייפערזיכטיגקייט וואס אוריה האט געטראגען אין הארצען אויף איהם, ווי ער האט געזוכט פערשיעדענע מיטלען ווי אזוי ער, דוד זאל זיין געצוואונגען צו פערלאזען בית שמש... און ענדליך — ווי אזוי ער האט איהם פערראטען צו שאול'ן דורך די ברידער רכב און בענה און דערצו האט ער אנגעטהאן א מאסקע פון גוטסקייט און נאבעלקייט... און בלויז צוליעב דעם וואס זי האט דאמיט איהם בעטראכט צו בעזיצען אזא נאבעלען כאראקטער און אויס דאנקבארקייט וואס ער האט איהם, דוד'ן פון זיכערען טויט געראטעט — האט זי צוגעשטימט איהם צו הייראטען... און יעצט אז זי האט אויסגעפונען אז ער האט איהר און אויך איהם, זיין פריינד אפגענארט, וועט זי יעצט קענען וואהנען מיט איהם צוזאמען?

דוד האט זיך די גאנצע צייט אויפמערקזאם צוגעהערט צו בת שבע'ן און ווען ער האט דערהערט ווי אוריה האט איהם פערראטען איז ער עטוואס אויפגערעגט געווארען...

— און איך בין איהם אלע מאל דערפאר דאנקבאר געווען — האט ער געזאגט — ווייל איך האב געמיינט אז ער האט ווירקליך מיר פון שאול'ס הענט געראטעט... אבער זאג דאך מיר, בת שבע ווי אזוי קומט עס דאס ער זאל פערטרויען יואב'ן א זאך וואס פון איהר הענגט אפ זיין גאנצער גליק?

בת שבע האט א ווײלע געשוויגען, נאכהער האט זי זיך אפגערופען:

— איך האב אפילו נישט געוואלט די צווייטע העלפט פון דער געשיכטע וועגען אוריה'ן, דיר דערצעהלען, ווייל דאס האט נישט קיין שייכות מיט דיר אדער מיט מיר, כאטש צוליעב דעם איז ער נאך מעהר פערהאסט געווארען ביי מיר... אבער יעצט זעה איך אז איך וועל דיר מוזען אויך דאס איבריגע דערצעהלען: — אוריה האט זיך נישט מודה געווען מיט דעם גוטען ווילען, ער איז געווען געצוואונגען דאס צו טהאן.

— געצוואונגען?! ווער האט עס איהם געצוואונגען?

— ווען יואב האט געפיהרט די ברידער רכב און בענה צו דער תליה פאר דעם טויט פון איש בושת, האבען זיי אויף'ן וועג גענומען שרייען אז אוריה איז אין דעם שולדיג, ווייל ער האט זיי אנגערעדט דערצו...

— וואס ? האט זיך דוד א הויב געטהאן פון זיין פּלאץ ער האט אויך געהאט א האנט אין דעם מארד פון דעם אומשולדיגען איש בושת'ן ?

— אין דעם האט ער זיך נישט מודה געווען — האט בת שבע פארטגעזעצט — ער האט זאגאר גענומען לייקענען, אבער באלד האבען די ברידער דערצעהלט יואב'ן ווי אזוי ער האט דיר, מיין האר פערראטען דורך זיי... ווי ער האט זיי געשיקט אנזאגען שאול'ן אז דו געפינסט זיך אין בית שמש... איך ווייס אז אוריה פלעגט צאהלען די צוויי ברידער געלט זיי זאלען זיין סוד נישט ארויסגעבען... יואב האט פערשטאנען אז דא זאגען די ברידער נישט קיין ליגען און ער האט איהם גענומען אויף'ן פערהער ביז וואנען ער האט זיך מודה געווען אין די לעצטע בעשולדיגונג פון די ברידער, אבער נישט אין די ערשטע... וועז יואב האט די זאך גוט אויסגעפארשט, איז ער געקומען צום בעשלוס און איך בין מיט איהם איינפערשטאנען, אז אוריה האט געהאט א האנט אויך אין דעם מארד פון איש בושת'ן.

— איז ער א בעטריגער, א פעררעטער און דערצו א מערדער ! — האט דוד אויסגערופען מיט כעס — ווי גאט לעבט אז ער האט פערדיענט דעם טויט...

— און איך האב די גאנצע צייט געוואהנט מיט אזא מאן וועלכער האט געטראגען א מאסקע ! — האט בת שבע זיך פאנאנדערגעוויינט.

דוד האט איהר גענומען בערוהיגען :

— יעצט פערשטעה איך דיר גאנץ גוט בת שבע — האט ער איהר געזאגט — איך בין דאן זעהר בלינד געווען... איך האב זיך נישט געקענט פערשטעלען אז דו האסט מיר אזוי ליעב געהאט אז אויס דאנקבארקייט צו איינעם וועלכער האט כלומרש'ט געזאלט מיין לעבען רעטען, האסטו מיט איהם געהייראט...

דוד האט איהר ארומגענומען און איהר צוגעדריקט צו זיך...

— ווי שעהן און הערליך דו ביזט, בת שבע, ערפרישענד ווי דער מארגען טוי איז דיין ליעבע...

— אה, מיין קעניג ! דאס גליק, דער שעהנער טרוים פון מיינע טרוימען, איז געקומען צו מיר !...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

פארטאג האט זיך בת שבע אומגעקעהרט צו איהר וואהנונג. זי איז געווען בערוישט פון איהר גליק און פון דעם וויין וואס זי האט געטרונקען... זי האט זיך געלעגט אין איהר בעט און גענומען זיך דערמאהנען וואס מיט איהר איז דא פארגעקומען... יע, דער קעניג האט איהר אויך ליעב... יואב האט איהר נישט גענארט... ער האט איהר די גאנצע צייט ליעב געהאט... איהר היילינער טרוים ווערט פערווירקליכט... דוד האט איהר פערשפראכען איהר צו נעהמען פאר זיין פרוי... און אוריה, וואס ארט איהר וועגען איהב... זי איז פריי, זי געהערט מעהר נישט צו איהם... איהר הייראט צו איהם איז געווען א טעות... ער איז אוועק אויף מלחמה... זי האט פון איהם א תנאי גט... ער איז א מערדער און א פעררעטער... דוד האט געשווארען אז ער פארדיענט דעם טויט... זי האט איהם קיינמאל ניט געליעבט און יעצט האט זי איהם פיינט, פיינט ווי דעם טויט...

בת שבע האט באלד געשמאק איינגעשלאפען מיט זיסע חלומות און מיט א גליקליכען שמייכעל אויף איהרע ליפען...

דעם זעלבען טאג האט דוד געשיקט א שליח צו יואב און איהם געבעטען ער זאל איהם שיקען אוריה'ן דעם חתי.

יואב האט פערשטאנען אז עפעס האט דארטען פאסירט... ער איז זיכער אז בת שבע האט דעם קעניג אלעס וועגען אוריה'ן דערצעהלט, און יעצט רופט עס איהם דער קעניג איהם צו בעשטראפען. ער האט געשיקט רופען אוריה'ן און האט איהם איבערגעגעבען דעם קעניג'ס פארלאנג.

— דו געה גלייך אין ירושלים און ביז דו וועסט צוריקקומען וועט דערווייל מיין ברודער, אבישי פערנעהמען דיין פלאץ מיט די מחנות...

אוריה האט זיך פערנייגט, ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין עזעל און איז אוועקגעריטען.

— איך גלויב אז אוריה וועט זיך שוין קיינמאל נישט צוריקקעהרען — האט יואב געזאגט מיט א שמייכעל צו זיין ברודער — נישט אומזיסט האט איהם דער קעניג פלוצים געשיקט רופען... ער ווייס שוין פון אלעס... בת שבע האט איהם דערצעהלט... דו וועסט שוין יעצט פערבלייבען קאמאנדיר איבער זיינע מחנות...

— דו ביזט זעהר קלוג מיין ברודער, יעצט זעה איך אז דו פיהרסט אויס אלעס וואס דו נעהמסט זיך אונטער... ביז ווי לאנג אבער דענקסטו וועלען מיר שטעהען ארום דער שטאדט, גלויבסטו נישט אז עס איז שוין צייט אנצו־פאנגען צו שטורמען די שטאדט...

דערנעהענטערען זיך צום שטאדט וועט מיינען א פערלוסט פון פיעלע לעבענס און דערצו מוז איך פריהער קריגען דוד'ס ערלויבנים...

דאס פאלק אבער וועט דאך מיעד ווערען צו זיין אזוי לאנג אין דעם צו־שטאנד פון בעלאגערען די שטאדט, די סאלדאטען רייסען זיך צו מלחמה.

— דאך וועלען מיר ווארטען ביז וואנען איך וועל הערען פון דוד'ן און ביז וואנען איך וועל אויף זיכער וויסען דעם גורל פון אוריה'ן... ווייל טאמער מאך איך א טעות און אוריה וועט קומען צוריק, וועט דיין גאנצער זיעג געהן אויף אוריה'ס נאמען...

— דו ביזט דאך דער הויפט קאמאנדיר, מיין ברודער — האט אבישי גע־זאגט און דעריבער דארף דער זיעג געהן בלויז אויף דיין נאמען, ווי קומט אוריה זיך צו טיילען דיין רוהם...

— איך וועל דעם כבוד אויף זיך אליין אויך נישט נעהמען — האט יואב צו איהם געזאגט — ווי נאר מיר וועט געלינגען איינצונעהמען די פארשטאדט, פון וואנען די עמונים קריגען די וואסער בעזארגונג פאר זייער הויפטשטאדט, דאן וועט שוין דער זיעג זיין א זיכערער און דאן וועל איך שיקען בעטען דעם קעניג ער זאל פערזאמלען די איבריגע חיל און קומען אונז צו הילף, כדי דער גאנצער זיעג זאל געהן אויף זיין נאמען.

— דער קעניג האט אין דיר זעהר א געטרייען און איבערגעגעבענעם פריינד — האט אבישי זיך אפגערופען.

— דער כבוד און לעבען פון מיין קעניג דוד'ן איז מיר פיעל טייערער ווי מיין אייגען לעבען... איך האב איהם ליעב מיט מיין גאנצען הארצען, כאטש פיעלע מאל ביז איך נישט גאנץ צופריעדען פון זיינע האנדלונגען — האט יואב געזאגט מיט שטאלץ — מיין צוגעבונדענקייט צו איהם איז אויף א האר נישט אפגעשוואכט געווארען, זינט דאן ווען ער האט גלית'ן געטויט. ער האט מיט

מיר זעהר פיעל גוטעס געטהאן, און דאס וועל איך איהם נישט פערגעסען כל זמן איך וועל לעבען...

דרייסיגסטער קאפיטעל

נתן דער נביא מוסר'ט דוד'ן

ווען אוריה דער חתי איז אנגעקומען אין ירושלים איז שוין געווען אבענד־צייט. דעם גאנצען וועג וואס ער האט דורכגעמאכט פון עמון ביז ירושלים האט ער געטראכט פון דעם פארוואס דוד האט נאך איהם פלוצלינג געשיקט. א ווייל־ע איז זיין הארץ פול געווארען מיט שרעק... אפשר האט זיך דוד דערוואוסט פון זיין סוד און ער זוכט איהם צו בעשטראפען... באלד אבער האט ער זיך אליין אויסגעלאכט פון זיין אומזיסטער שרעק. דער איינציגער וועלכער וויס זיין סוד איז יואב, און ער איז דאך די גאנצע צייט מיט איהם אויף מלחמה... און איידער זיי זיינען אוועק האט דאך יואב איהם געווים גארנישט דערצעהלט... מעגליך — איז אוריה מונטערער געווארען — אז דוד וויל זיך מיט איהם בעראטהען וועגען דער מלחמה... ער זעהט דאך אז דער קעניג האט לעצטענס גענומען שטארק האלטען פון עצה פון איהם. אין אזא קורצער צייט האט ער איהם שוין צוויי מאל דערהויבען... יעצט איז ער די צווייטע האנד פון יואב'ן.

א פרייד האט איהם דורכגענומען ווען ער האט זיך דערנעהנטערט צו דוד'ס פאלאץ... דער קעניג טהוט איהם אן אזא גרויסען כבוד. ער רופט איהם פון דער מלחמה כדי זיך מיט איהם אן עצה צו האלטען... דערוויי־ל וועט ער האבען א געלעגענהייט זיך צו זעהן מיט בת שבע'ן און אויסגעפינען וואס זי מאכט.

* * *

דוד'ס כעס האט געברענט אויף אוריה'ן, זינט ער האט פון בת שבע'ן אויסגעפינען ווי אזוי ער האט איהם פערראטהען. ער האט פארדיענט דעם טויט!... אין דעם איז קיין צווייפעל ניט... ווען ער זאל איהם אפילו וועלען מוחל זיין פאר דעם בעטרוג וואס ער איז געגען איהם בעגאנגען, טראגט דאך אוריה אויף זיך דעם די גרויסע שולד פון איש בושת'ס טויט... ווי אזוי אבער זאל ער אויספיהרען אויף איהם דעם טויט־שטראף? יעצט, נאכדעם וואס האט פאסירט צווישען איהם און בת שבע'ן... ער האט דאך איהר פערשפראכען צו נעהמען זי פאר זיין פרוי, און ווען ער זאל טויטען אוריה'ן, וואס וועט דאס פאלק זאגען?... און אפילו ווען ער זאל ארויסגעבען אן ערקלעהרונג פאר'ן פאלק אז אוריה האט פארדיענט דעם טויט צוליעב דעם וואס ער האט זיך בעטייליגט אין דעם מארד פון איש בושת'ן, וועט איהם דאס פאלק דען וועלען גלויבען?... אלע וועלען איהם בעשולדיגען דאס ער האט אוריה'ן געטויטעט כדי ער זאל נאכהער קענען חתונה האבען מיט בת שבע'ן... זיינע שונאים וועלען אין דעם געוויס נישט שווייגען און וועלען זוכען צו בעשולדיגען איהם אין אוריה'ס טויט און דאמיט בעשמוצען זיין נאמען... ער האט דאריבער בע־שלאסען גארנישט צו זאגען אוריה'ן וועגען אלעס וואס ער האט פון איהם גע־הערט... ער וועט זיך גארנישט מאכען וויסענדיג... ער וועט איהם בלויז פרעגען וועגען דער לאגע פון מלחמה... ער וועט איהם אויך פרובירען שיקען אהיים צו

זיין פרוי... ער איז זיכער אז בת שבע וועט איהם מעהר נישט וועלען אנקוקען... אין דער זעלבער צייט ווייס ער אז זי וועט איהם פון גארנישט דערצעהלען.

דוד איז געווען צופרידען וואס יואב ווייס פון אוריה׳ס שולד... ער וועט איהם שיקען א בריעף און טאקע דורך אוריה׳ן און יואב וועט שוין וויסען ווי אויסצופיהרען דעם טויט־שטראף אויף איהם אזוי אז דאס פאלק וועט גארנישט וויסען דאס ער איז געטויטעט געווארען דורך שטראף... עס וועט אויסקומען דאס ער איז געפאלען אין שלאכט מיט די עמונים.

אין יענעם אבענד, ווי אין די פריהערדיגע אבענדען זינט בת שבע איז צום ערשטען מאל ארויפגעקומען צו דוד׳ן אויפ׳ן דאך פון זיין פאלאץ, האט בת שבע פארבראכט מיט דעם קעניג... זי פלעגט צו איהם ארויפקומען דורך א הינטער טהיר אומבאמערקט פון זיינע דיענער און צוריקגעהן פלעגט זי אויך מיט דער זעלבער טיהר.

בת שבע האט געוואוסט אז אוריה דארף דיזען אבענד אנקומען אין פאלאץ, און דאך איז זי ארויף צו דוד׳ן. זי האט געוואלט הערען פון איהם וואס ער וועט טהאן מיט אוריה׳ן... זי האט נישט געוואונשען אז אוריה זאל שטארבען, כאטש זי האט געוואוסט אז לויט׳ן דין קומט איהם טויט פאר א מארד פון אז אומשולדיגען מענשען... איין זאך האט זי שטארק פערלאנגט, און דאס איז, פריי צו ווערען פון אוריה׳ן... איהר קימערט נישט וואס דוד וועט טהאן צו איהם, נאר זי זאל פון איהם באפרייט ווערען.

— היינט דארף אנקומען אוריה! — האט זיך דוד אפגערופען צו בת שבע׳ן, — און מיר וועלען דארפען זיין זעהר פארזיכטיג ווי אזוי צו האנדלען. איך האב בעשלאסען גארנישט צו ריידען וועגען דעם אז איך האב זיך פון אלעם דערוואוסט... ווען ער וועט צו דיר קומען זאלסטו איהם אויך גארניט זאגען.

— אה, ניין, מיין האר קעניג, איך וויל איהם נישט אנקוקען. ער קען מעהר צו מיר נישט קומען, איך וועל זיין געצוואונגען צו פארטרייבען איהם פון מיין הויז!...

— ווען ער וועט צו דיר קומען, זאג איהם אז ער איז צו דיר פאררעכענט ווי א פרעמדער, ווייל די מלחמה איז נאך נישט פאראיבער און דער תנאי־גט וואס ער האט דיר געגעבען איז נאך אין פולען קראפט.

— אזוי וועל איך טהאן, מיין קעניג! — האט בת שבע אויסגערופען, זיך אויפהויבענדיג פון איהר פלאץ... — יעצט וועל איך געהן אהיים.

זי איז ארויס דורך דער הינטער טיהר און ארומקוקענדיג זיך צי קיינער בעמערקט איהר נישט. איז זי שנעל אריין אין איהר הויז.

א ווייל׳ע שפעטער האט מען געמאלדען דוד׳ן אז אוריה איז נאר וואס אנגעקומען. דוד האט איהם גלייך געהייסען צו איהם אריינקומען.

— פריערדען צו מיין האר קעניג! — האט זיך אוריה פערנייגט ווען ער איז אריין צו דוד׳ן.

— פריערדען צו דיר, — האט איהם דוד געענטפערט, — וואס הערט זיך אין לאגער... ווי פיהלען זיך אונזערע סאלדאטען?

— אלעס איז אין בעסטען ארדנונג, מיין האר! — האט אוריה געזאגט. — די בעגייסטערונג פון אונזערע מחנות איז אזוי שטארק ווי עס איז געווען דעם ערשטען טאג פון אונזער אנקומען צו דער הויפט־שטאדט פון עמון... איך האב

אז עס וועט שוין לאנג נישט נעהמען און די עמונים וועלען זיך מוזען אונ־טערגעבען.

— און וואס מאכט יואב? — האט דוד איהם געפרעגט.

— פריעדען איז צו איהם און צו זיינע אפיצירען, — האט אוריה געענט־פערט, — איך האב געהערט אז ער וויל ווארטען נאך איניגע וואכען, און ווען די איינוואהנער פון שטאדט וועלען זיך נאך דאן נישט אונטערגעבען, דאן וועט ער נעהמען שטורמען די פעסטונג.

— ביזטו איינפערשטאנען מיט יואב'ן אנצופאנגען צו שטורמען די פעסטונג?

— איך וואלט עס שוין לאנג געטהאן ווען איך וואלט נאר האבען די מאכט! — האט אוריה געזאגט, — אונזערע סאלדאטען זיינען אלע גבורים און פול מיט קאמפף־לוסט, און ווען מיר וואלטען אנגעפאנגען צו שטורמען די שטאדט וואלטען מיר זי שוין לאנג איינגענומען.

— איך גלויב אז דו ביזט גערעכט! — האט דוד געזאגט, — איך וועל דורך דיר שיקען א געהיימען פאקעט צו יואב'ן און דאן וועט ער דיר זאגען וואס דו האסט צו טהאן. דערוויל קענסטו גערן אהיים זיך אפרוהען אויף א פאר טעג.

אוריה האט דעם קעניג בעדאנקט און איז גלייך אוועק צו בת שבע'ן... דער גערדאנק אז ער וועט ווערען אין גיכען א פאטער, האט איהם זעהר געפרעהט... יואב האט דאך איהם געזאגט אז לויט ווי בת שבע האט איהם בעהאנדעלט, זיינען דאס די סמנים פון אנקומענדע מוטערשאפט.

בת שבע האט איהם קאלט באגריסט. זי האט איהם געפרעגט וואס עס הערט זיך אויף דעם שלאכט־פעלד און וואס דער קעניג האט מיט איהם גע־רעדט. און ווען ער האט איהר געזאגט אז דער קעניג האט איהם געגעבען אורלויב אויף א פאר טעג, האט בת שבע זיך צו איהם אפגערופען:

— דו קענסט אבער די פאר טעג נישט פארברייגגען מיט מיר, ווייל מיר זיינען דאך יעצט פרעמדע...

— וואס מיינסטו? — האט אוריה האסטיג איהר א פרעג געטהאן.

— איך מיין, אז איידער דו ביזט אוועק אויף מלחמה, האסטו מיר געגעבען א גט... די מלחמה האט זיך נאך נישט געענדיגט און דו וועסט זיך נאך דארט צוריקקעהרען, און דיין גט איז דעריבער נאך גילטיג.

— אה, יע! — האט אוריה געענטפערט מיט א שמייכעל, — דו ביזט גערעכט, בת שבע, ביז וואנען די מלחמה וועט זיך נישט ענדיגען און איך וועל זיך בשלום פון דארטען נישט צוריקקעהרען זיינען מאר פאררעכענט פאר פרעמ־דע... עס איז דאך אזוי מאדנע צו טראכטען פון דעם: מיין בת שבע איז א פרעמדע צו מיר! אבער נישט אויף לאנג, מיין טהייערע בת שבע... די מלחמה וועט שוין לאנג נים דויערען. דער קעניג האט מיט מיר איינגעשטימט, אז אנ־שטאט צו בעלאגערען די שטאדט פאר א לאנגע צייט, ביז וואנען די איינוואהנער וועלען זיין געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צוליעב הונגער און דורשט, איז שוין גלייכער אז מיר זאלען באלד אנפאנגען שטורמען די פעסטונג... און איך בין זיכער אז מיט אונזערע גבורים וועט די פעסטונג אריינפאללען אין אונזערע הענט גאר אין א קורצע צייט... יעצט פריעדען צו דיר, בת שבע! זאל גאט

געבען אז ווען איך וועל צוריקקומען זאל איך דיך געפינען געזונט און אין בעסטען צושטאנד...

אוריה האט איבערגעניכטיגט אין דעם פאדערהויז פון דוד׳ס פאלאץ, צוזאמען מיט דעם קעניג׳ס קנעכט.

אויף מארגען האט דוד אנגעשריבען דעם פאלגענדען בריעף צו יואב׳ן זיין הויפט־קאמאנדיר פון אלע ארמייען:

"מיין געטרייער יואב!

"בת שבע האט מיר איבערגעגעבען אלעס וואס דו האסט איהר דערצעהלט וועגען אוריה׳ן דעם חתי... לויט אלע באווייזע איז ביי מיר יעצט קיין צווייפעל נישט אז אוריה האט זיך בעטייליגט אין דעם מארד פון איש בושת׳ן פארוואס רכב און בענה האבען שוין לאנג מיט זייער לעבען בעצאהלט... אוריה איז די גאנצע צייט ארומגעגאנגען אומבעשטראפט, ווייל איך האב ביז דא נישט לאנג זיך גארנישט געקענט פארשטעלען אז ער זאל זיין פעהיג אויף אזא זאך... מיין כעס אויף איהם האט זיך נאך פערשטארקט ווען איך האב אויסגעפונען אז ער האט זיך פאר דיר מודה געווען דאס ער האט מיך פעררואטהען צו שאול׳ן. און האט זיך מיט דיזער פאלשקייט צו מיר בענוצט כדי נושא חן צו זיין אין בת שבע׳ס אויגען... יא, אוריה פארדיענט דעם טויט... און ווייל איך האב איהם אזוי דער־הויבען און איהם די גאנצע צייט אנפערטרויעט מיינע גבורים און סודות פון דער מלוכה, וועט זיין זעהר נישט פאסיג ארויסצוקומען דאמיט אין דער עפענטליכ־קייט און באשטראפען איהם פאר די אויגען פון דעם גאנצען פאלק... דאריבער איז מיין עצה, אז דו זאלסט איהם שיקען אנפאנגען אן אטאקע אויף דער פעס־טונג... און ווען ער וועט זיין אין רעכטען פייער זאלסטו צוריקציהען זיין גאנצען גדוד פון גבורים פון הינטער איהם און אזוי וועט ער פאלען אין מלחמה... און פון דער גאנצער זאך וועט זיך קיינער נישט דערוויסען... ער וועט דאמיט בעקומען זיין פארדיענטע טויט־שטראף... און אזוי ווי דו האסט דורכגעפיהרט דעם טויט פון רכב און בענה אזוי זאלסטו אויך דורכפיהרען דעם טויט צו זייער ארויס־העלפער אוריה׳ן... ווען דו וועסט האבען דורכגעפיהרט זיין טויט־אורטהייל, זאלסטו מיר גלייך לאזען וויסען דורך א שליח, פארשטעהט זיך, פארשטעל־טערהייד אז דער שליח זאל קיין אהנונג נישט האבען אז דו האסט דורכגעפיהרט א טויט־אורטהייל אויף אוריה׳ן".

דיין קעניג און פריינד, ד ו ד.

דער קעניג האט דעם בריעף פארזיגעלט מיט זיין חותם און איהם דערלאנגט צו אוריה׳ן:

— נעהם דיזען בריעף, — האט דוד געזאגט, — און זיי זעהר פארזיכטיג איבערצוגעבען איהם אין יואב׳ס הענט.

אוריה האט דעם בריעף גענומען, האט זיך פארנייגט פאר׳ן קעניג און גע־זאגט:

— דער באפעהל פון קעניג איז ביי מיר הייליג און איך וועל טהאן אלעס וואס דער קעניג האט מיר פארזאגט.

אוריה איז ארויס פון פאלאץ, זיך געזעצט אויף זיין פערד און שנעל ארויס פון שטאדט און אוועקגעריטען צו דער ריכטונג פון עמון...

ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַגער, האָט ער גלייך איבערגעגעבן יואב'ן דעם פאַרזיגעלטען בריעף פון קעניג.

יואב האָט דעם בריעף גענומען און איז אריין אין זיין געצעלט. ער האָט אויפגעבראָכען דעם קעניג'ס זיגעל, ארויסגענומען דעם בריעף און אָנגעפאַנגען צו לייענען. ווען ער האָט געענדיגט לייענען, האָט יואב צו זיך א שמייכעל געטהאָן: אזוי ווי ער האָט געפּלאַנט, אקוראט ווי ער וואָלט זיך מיט דוד'ן פון פריהער צונויפגעגערעדט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט יואב ארויסגעגעבן א באפעהל צו אוריה'ן אָנצופאַנגען צו שטורמען די פעסטונג. ער האָט איהם אָנגעוויזען דעם געפעהרליכסטען פונקט פון וואַנען ער זאָל זיין אטאקע מאַכען.

אוריה איז געווען זעהר צופרידען דערפון. ער האָט זיך געטראַכט אז דער קעניג האָט זיין פאַרשלאַג אָנגענומען אויפצוגעבען די באלאגערונג און נעהמען שטורמען די שטאָדט.

אוריה האָט גענומען זיינע גבורים און רייטענדיג אפריהער אויף זיין פערד, האָט ער זיך דערנעהנטערט צו דעם געפעהרליכסטען פּלאַץ, וואו די באוואפענטע עמונים זיינען געשטאַנען און האָבען נישט דערלאָזען דעם שונא צוצוקומען צום שטאָדט.

ווען די עמונים האָבען געזעהן די געוואַגטקייט פון אוריה'ן האָבען זיי גלייך פון פיעלע פאַרבאַרגענע פּלעצער א שאָט געטהאָן סאלדאטען און א פירכטערליכער קאַמפּף האָט זיך צופלאַקערט.

אוריה האָט געקעמפּפט מיט זעלטענער גבורה... אייניגע פון די גבורים זיינען געפאַלען טויטע און פערוואונדעטע... יואב איז געשטאַנען פון ווייטען און ווען ער האָט געזעהן אז דער קאַמפּף האָט זיך צופלאַקערט, האָט ער די גבורים צוריקגערופען איבערלאָזענדיג אוריה'ן אליין אין קאַמפּף...

— אוריה איז אליין! — האָבען אייניגע גבורים אויסגערופען, — ער האָט זיכער נישט געהערט יואב'ס באפעהל זיך צוריקצוציהען.

— עס איז שוין צו שפּעט! — האָט יואב אויסגערופען, — ער איז געפאַלען אין שלאַכט... ער האָט אויסגעקליבען זעהר א געפעהרליכען פּונקט.

די עמונים זיינען צוריקגעגאַנגען צו זייערע פּלעצער, ערווארטענדיג אפּצושטויסען א צווייטע אטאקע פון יואב'ס ארמייען. אָבער יואב האָט באפוילען די גבורים צוריקצוגעהן צו זייערע פריהערדיגע פּלעצער ביז וואַנען ער וועט בעריכטען דוד'ן פון דער אונגעלונגענער אטאקע און הערען זיין תשובה וואָס ווייטער צו טהאָן.

יואב האָט צוגערופען איינעם פון זיינע אפיצירען און איהם געהייסען געהן נאָך ירושלים און איבערגעבען דעם קעניג וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

"און ווען דער קעניג וועט אין כעס ווערען, — האָט יואב געזאָגט צום שליח, — און וועט אונז נעהמען מאַכען פאָרווירפע פאַרוואָס מיר האָבען זיך דערנעהנטערט צו דער שטאָדט, האָבען מיר דען נישט געהאַט די ערפאַהרונג פון אבימלך, דעם זוהן פון ירבעל, וועלכער איז נישט זעהר פאַרזיכטיג געווען און נאָהענט צוגעקומען צו דער פעסטונג פון תבץ, און א פרוי האָט איהם גאָר דער'הרג'עט מיט א מיהלשטיין וואָס זי האָט אויף איהם געוואָרפען. און פאַר וואָס זייט איהר צוגעגאַנגען אזוי נאָהענט צו דער פעסטונג? — זאָלסטו זאָגען

דעם קעניג אז דאס האט אוריה דער חתי אזוי געוואגט און ער אליין איז אויך יעצט טויט...

דער שליח איז אנגעקומען אין ירושלים און האט דוד'ן דערצעהלט וואס האט פאסירט.

"מיר זיינען צוגעקומען נאהענט צום פעסטונג, כדי אנצופאנגען צו שטורע־מען די שטאדט, זיינען ארויס די בויגען־שיסער און מיט דער הילף פון די וועלכע האבען זיך באפעסטיגט אין פעסטונג, האבען זיי אייניגע פון אונזערע סאל־דאטען געטויטעט, און אויך דיין קנעכט אוריה איז געפאלען אין שלאכט...

— געה זאג יואב'ן דאס ער זאל זיין מוטה נישט פארלירען צוליעב דעם, — האט דוד געענטפערט דעם שליח, — אין מלחמה דארף מען אזעלכע צופאלען ערווארטען... זאל ער זיך שטארקען און אנגעהן מיט דער מלחמה ביז וואנען עס וועט איהם געלינגען איינצונעהמען די שטאדט.

אין א קורצע צייט נאך אוריה'ס טויט, האט דוד חתונה געהאט מיט בת שבע'ן וועלכע האט איו גיכען געדארפט ווערען מוטער פון איהם...

* * *

נתן דער נביא וועלכער איז געוועזן אן אפטער אריינגעהער אין דוד'ס פאלאץ און פלעגט פיעל צייט פארברייינגען מיט דעם קעניג, האט נאכדעם ווי דוד האט חתונה געהאט מיט בת שבע'ן, פארשטאנען אז אוריה'ס טויט איז געווען ניט קיין צופאל... ער האט יעצט דייטליך געזעהן אז דוד איז בעגאנגען זעהר א גרויסע זינד, און עס האט דעם נביא זעהר שטארק פארדראסען אויף איהם. ער האט דוד'ן פיעל געאכטעט און ליעב געהאט און אין איהם געזעהן ניט נאר א קעניג און פיהרער פון דעם גאנצען פאלק ישראל, נאר אויך די פאר־קערפערונג פון גערעכטיגקייט און נאבעלקייט... ער האט ארויסגעוויזען די גרויסקייט פון זיין נשמה אין זיין הספד אויף שאול'ן וועלכער איז געוועזן זיין ערגסטער שונא... זיין איידעלקייט האט זיך בולט ארויסגעצייגט אין זיין טיעפען און גרויסען צער פון אבנר'ס טויט... אויך ווען ער האט בעשטראפט די מער־דער פון איש בושת'ן, האט ער אלעמען געצייגט אז ער וועט הערשען מיט גערעכטיגקייט און יושר... און יעצט . . . האט ער אליין בעגאנגען אזא גרויזאמען פארברעכען... ער האט פעראורזאכט דעם טויט פון דעם אונשולדיגען אוריה'ן און נאכהער חתונה געהאט מיט זיין פרוי...

פיעל טעג נייען פאראיבער און נתן דער נביא האט קיין רוה נישט געפונען. זיין ענטטוישונג אין דוד'ן איז געווען זעהר גרויס... אבער דאך האט ער איהם ליעב געהאט... ער איז בעגאנגען זעהר א גרויסע עוולה... דענקט פיעלייכט דוד דאס ער, נתן, ווייסט נישט פון זיין זינד... נעכט האט דער נביא נישט געשלאפען, און די טעג האט ער פארבראכט אין אומעט און אין טרויער... ער האט שוין דוד'ן א היבשע צייט נישט געזעהן... ער וועט איהם יעצט נישט קענען אנקוקען גלייך אין די אויגען... אבער ניין! ער קען מעהר נישט שווייגען! ער טאר מעהר נישט שווייגען! די שטימע פון גאט שרייט אין איהם ער זאל געהן צו דוד'ן און פאנאנדערוויקלען פאר איהם זיין גרויסע זינד וואס ער האט לעצטענס בעגאנגען... זאל ער פיהלען דעם וועהטאג און צער פון זיין שרעקליכען פארברעכען... אפשר וועט ער תשובה טהאן מיט זיין גאנצען הארצען... און זאל איהם נאר גאט מוחל זיין... יא, ער מוז געהן צום

קעניג... ער קען שוין מעהר נישט שווייגען. די אומשולדיגע פארגאסענע בלוט פון אוריה'ן שרייט צו איהם.

אין א פריהמארגען ווען דוד איז געזעסען רוהיג אויף א שטוהל אין זיין פאלאץ און געשפיעלט אויף זיין הארפע, האט ער פלוצים באמערקט נתן דעם נביא שטעהענדיג נעבען איהם. ער איז געווען אזוי פערטהאן אין זיין שפיעלען דאס ער האט נישט געהערט זיין אריינקומען... דוד האט אוועקגעשטעלט די הארפע און האט פריינדליך באגריסט דעם נביא.

נתן האט זיך א נייג געטהאן פאר דוד'ן, אבער די שטייפקייט פון זיין פנים האט זיך נישט געענדערט.

— מיין קעניג! — האט נתן אויסגערופען, — איך בין געקומען דיר דערצעהלען פון א פאסירונג וואס האט געטראפען אין א דערבייאיגע שטאדט.

— זעץ זיך, נתן, נעבען מיר און דערצעהל מיר, — האט דוד איהם געזאגט.

— ניין, איך וועל דאס דיר דערצעהלען שטעהענדיג.

"צוויי מענשען האבען געוואהנט אין א שטאדט, שכנים זיינען זיי געווען, איינער רייך, דער צווייטער ארים... דער רייכער איז זעהר רייך געווען. ער האט געהאט שאף און רינדער, קנעכט און דינסטען, פעלדער און גערטנער, גאלד און זילבער זעהר פיעל. און דער ארימאן איז געווען זעהר ארים, ער האט געוואוינט אין א צובראכענע, האלב איינגעפאלענע חורבה, און זיין גאנצער פארמעגען איז בעשטאנען בלויז פון אן איינציג קליין שעפעלע, וואס ער האט געקויפט און אויפגעהאדעוועט. די שעפעלע איז צוזאמען מיט זיינע קינדער אויסגעוואקסען, פון זיין ברויט האט זי געגעסען, פון זיין בעכער האט זי גע־טרונקען און אין זיין שוים איז זי געלעגען... אלע האבען די שעפעלע גע־צערטעלט, אלע האבען איהר ליעב געהאט. צו דעם ארימאן איז זי פאררעכענט געווען ווי א טאכטער.

"מאכט זיך איינמאל אז א גאסט איז געקומען אויף א באזוך צום רייכען מאן, א וויכטיגער גאסט איז דאס געווען, און דער רייכער מאן האט געוואלט מאכען א גרויסארטיגע סעודה פאר'ן גאסט, איז ער אבער זעהר קארג געווען. ער האט געזשאלעוועט צו נעהמען א שעפעלע פון זיין אייגענע סטאדע, האט ער זיך אריינגעריסען אין דעם ארימאן'ס הויז און האט פון איהם אוועקגערויבט זיין איין־איינציגע שעפעלע, איהר געקוילעט און צוגעגרייט א פיינע סעודה פאר זיין גאסט".

— יעצט פרעג איך דיר, מיין האר קעניג, וואס קומט דעם רייכען מאן פאר זיין טהאט?

— דעם טויט האט אזא מאן פארדיענט! — איז דוד אויפגעשפרונגען דריקענדיג זיין פויסט פון כעס. — ווער איז ער דער גרויזאמער שלעכטער מאן? זאל מען איהם צו מיר ברייננגען און איך וועל איהם בעשטראפען!

— דו ביזט דער מאן! — האט נתן אויסגערופען מיט א דונערנדע שטימע,

— דו האסט דעם שרעקליכען פארברעכען בעגאנגען געגען דיין פריינד אוריה!

דוד איז בלאס געווארען. א קאלטער שוויים איז דורכגעגאנגען זיין קערפער. ער איז צוריקגעפאלען אין זיין שטוהל און האט זיין פנים פארדעקט מיט זיין האנט.

— אזוי האט גאט געזאגט! — האט דער אלטער נביא פארטגעזעצט, —

איך האב דיר געזאלבט פאר קעניג איבער ישראל און איך האב דיר פון שאול'ס הענט געראטעוועט, איך האב דיר זיין גאנצע קעניגרייך איבערגעגעבן. איך האב דיר געגעבן שטארקייט און קראפט, דו האסט אלע דיינע פיינד באזיעגט, כבוד און רייכטהום האט דיר אויך נישט געפעהלט, און יעצט האסטו דיינע הענט איינגעריכטעט אין די אומשולדיגע בלוט פון אוריה'ן דעם חתי... איהם האסטו געלאזען גע'הרג'עט ווערען ביי דעם שווערד פון עמון און זיין פרוי האסטו פאר זיך גענומען... און יעצט פרעג איך דיר אין נאמען פון גאט, גלויבסטו אז דו האסט ריכטיג געהאנדעלט, אז דו האסט קיין זינד נישט בעגאנגען ?!

דוד האט זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט, ווען ער האט געהערט די שארפע שטעכענדע ווערטער פון נביא...

דער נביא איז געשטאנען באוועגלאז און האט זיינע אויגען פון דוד'ן נישט ארונטערגענומען. ער האט געזעהן דוד'ס טרעהרען און האט פארשטאנען ווי טיעף איז זיין חרטה...

— איך ווייס אז איך האב געזינדיגט צו גאט! — האט דוד זיך אפגערופען מיט א וויינענדיגער שטימע, — אבער נישט קיין אומשולדיגע בלוט האב איך פארגאסען!

— וואס מיינסטו? — האט נתן איהם געפרעגט, — איז דען אוריה נישט געפאלען אן אומשולדיגער קרבן צוליעב דעם וואס דו האסט געוואלט צונעהמען זיין פרוי?...

— אוריה האט דעם טויט פארדיענט, אויף דארויף האב איך באוויזע.

— פארוואס גלויבסטו אז ער האט פארדיענט דעם טויט? איז דאס נישט צוליעב דעם ווייל ער האט געהאט זעהר א שעהנע פרוי?!...

— ער האט פארדיענט דעם טויט אזוי ווי די ברידער רכב און בענה, ווייל ער איז געווען דער וועלכער האט זיי צוגערעדט צו ערמארדען איש בושת'ן.

דער אלטער נביא האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— ווי קומט ער צו זיין פארבונדען מיט אזא שרעקליכען מארד? — האט נתן געפרעגט דוד'ן.

— אויב דו פערלאנגסט וועט דיר בת שבע, מיין פרוי, וועגען אלעם דערצעהלען, און אויב דאס איז נישט גענוג, וועט דיר יואב, מיין שר צבא, איבערגעבען אלע איינצעלהייטען, ווייל אוריה האט זיך מודה געווען פאר יואב'ן.

— און פארוואס האסטו איהם גלייך נישט בעשטראפט, ווי דו האסט עס געטהאן צו רכב און בענה? — האט נתן דער נביא איהם געפרעגט.

— ווייל איך האב זיך ערשט נישט לאנג דערוואוסט פון אלעם.

— אבער ווי קומט עס אז גראדע אין דער זעלבער צייט ווי דו האסט בעגאנגען די זינד מיט בת שבע'ן, האסטו אוריה'ן געשיקט צום טויט?

— בת שבע איז צו מיר געקומען און האט מיר אלעם דערצעהלט. זי האט מיר אויך דערצעהלט ווי אומגליקליך זי איז מיט אוריה'ן וועלכער האט איהר די גאנצע צייט גענארט, און וועלכער האט מיר אליין, איינמאל פערראטהען פאר שאול'ן...

דוד האט אריינגערופען בת שבע'ן און איהר געבעטען איבערגעבען דעם נביא אלעם וואס זי ווייס פון אוריה'ן.

בת שבע האט דערצעהלט פאר נתן'ן אלע איינצעלהייטען, וועגען איהר שטארקע ליעבע צו דוד'ן זינט ער האט איהר גערעטעט, וועגען אוריה'ס פאלש־קייט און בעטרוג און ווי אזוי ער האט מורא געהאט דאס די ברידער רכב און בענה זאלען נישט ארויסגעבען זיין סוד, האט ער זיי געזוכט אומצובריינגען, איינרעדענדיג זיי צו טויטען איש בושת'ן.

— אויב דוד, מיין האר, האט געזינדיגט, — האט בת שבע אויסגערופען מיט טרעהרען אין איהרע אויגען, — בין איך אין דעם שולדיג. ווייל איך האב מיין האר קעניג ליעב געהאט, מעהר פון אלעם אין דער וועלט. דאך... — האט זי מיט א ציטערנדע שטימע געזאגט, — איידער איך האב זיך פון אלעם דער־וואוסט בין איך געווען געטריי אוריה'ן, כאטש איך האב איהם קיינמאל נישט ליעב געהאט... אבער ווען איך האב אויסגעפונען ווי אזוי ער האט מיר די גאנצע צייט גענארט און דערצו אז ער איז נאך א מערדער, האב איך שוין מיט איהם מעהר נישט געקענט וואהנען צוזאמען... דעם גט, וואס ער האט מיר געגעבען איידער ער איז אוועק אויף מלחמה, האב איך אנגענומען פאר א ריכטיגען גט... ווייל איך האב בעשלאסען איהם אויף אייביג צו פערלאזען... יעצט, אויב דער נביא גלויבט אז דאס איז א שרעקליכע זינד, בין איך די שולדיגע און מיר קומט די שטראף, אבער זאל גאט נישט בעשטראפען דעם קעניג...

ווען בת שבע איז פון צימער ארויסגעגאנגען, איז נאך דוד געבליבען זיצען אויף זיין שטוהל מיט אן ארונטערגעבויגענעם קאפ.

— דיין זינד איז יעצט נישט אזוי גרויס אין מיינע אויגען ווי איך האב זיך פריהער פארגעשטעלט... אבער עס איז דאך א זינד! דו האסט נישט גע־דארפט אזוי האנדלען. אויב אוריה האט פארדיענט דעם טויט, האסטו עס גענדארפט טהאן אין דער עפענטליכקייט ווי דו האסט געטהאן צו רכב און בענה... אבער אין דיין בעשטראפען אוריה'ן האסטו א גאנץ אנדער כוונה געהאט.

— יא, איך וויים, אז איך האב געזינדיגט צו גאט! — האט דוד זיך אפגערופען, — וועט גאט מיר מוחל זיין פאר מיין זינד?

— יא, גאט וועט דיר מוחל זיין, — האט דער נביא אויסגערופען, — אבער דאס קינד וואס וועט צו דיר געבארען געווארען פון בת שבע'ן וועט זיין פאר־רעכענט אלס א קינד וואס איז געקומען פון זינדה, און ער וועט נישט לעבען.

מיט איינינע טעג שפעטער האט בת שבע געבארען א זוהן צו דוד'ן.

גליקליך איז דוד געווען מיט בת שבע'ס קינד, ווייל ער האט איהר זעהר ליעב געהאט, אבער זיין פרייד האט נישט לאנג אנגעהאלטען. אויפ'ן צווייטען טאג איז דאס קינד קראנק געווארען. דוד האט זיך דערמאהנט אן דעם נביא'ס ווערטער און ער האט פארשטאנען אז גאט זוכט איהם צו בעשטראפען... ער האט מתפלל געווען צו גאט, האט געוויינט און געפאסט און געבעטען רחמים ביי גאט... די גאנצע צייט ווען דאס קינד איז קראנק געווען, איז דוד געלעגען אויף דער ערד. ער האט נישט געגעסען און נישט געטרונקען. זיינע פריינד און די חשוב'ע פון זיין הויז זיינען צו איהם געקומען און פרובירט איהם בעטען ער זאל זיך אויפהויבען פון דער ערד, אבער עס זיי נישט געלונגען... דוד איז געבליבען ליגען אויף דער ערד, און בלויז זיינע ליפען האבען זיך באוועגט. ער האט נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין.

אויף דעם זיבעטען טאָג איז דאָס קינד געשטאָרבען. און קיינער האָט נישט געוואגט צו ברייננען די טרויעריגע בשורה צום קעניג.

דוד האָט אָבער פארשטאַנען פון דער באוועגונג און פון דעם שטיל־שווייגען פון זיינע דיענער, אז עפּעס איז דאָ פּאַרגעקומען. ער האָט צוגערופען צוויי פון זיינע קנעכט און זיי געפרעגט:

— איז דאָס קינד טויט?

די קנעכט האָבען טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

ווי דוד האָט דערהערט אז דאָס קינד איז טויט, האָט ער זיך גלייך אויפ־געהויבען פון דער ערד, האָט אומגעביטען זיינע קליידער, זיך ארומגעוואשען, און איז אריין אין גאָט'ס הויז און מתפלל געווען פאר'ן ארון קודש... דערנאָך איז ער צוריק אין פּאַלאַץ אריין און האָט זיך געהייסען דערלאַנגען עסען.

אַלע זיינע שרים און יועצים האָבען זיך שטארק געוואונדערט אויף דוד'ן.

— מיין האר קעניג, — האָט זיך אן עלטערער שר אָפּגערופען צו איהם, — פארוואָס, ווען דאָס קינד האָט נאָך געלעבט, האָסטו געפאַסט און געוויינט און געלעגען אויף דער ערד, און יעצט ווי דו האָסט דערהערט אז דאָס קינד איז געשטאָרבען, האָסטו אויפגעהערט דיין וויינען און פאַסטען?!...

— כל זמן מיין קינד האָט געלעבט, איז נאָך ביי מיר אַליץ געווען א שטיקעל האָפנונג אז גאָט וועט זיך מרחם זיין און ער וועט געזונט ווערען... יעצט אָבער, אז ער איז שוין טויט, וועל איך איהם דען קענען צוריק לעבעדיג מאכען? ניין, מיין פריינד, איך וועל געהן צו איהם, אָבער ער וועט שוין צו מיר צוריק נישט קומען...

איינטונדרייסיגסטער קאַפּיטעל

שלמה ווערט געבאָרען

פון דער טיעפענים פון זיין הארצען און מיט דעם גאַנצען ברען פון זיין פּאַעטישע נשמה האָט דוד תשובה געטהאָן צו גאָט... לאַנג נאָך דעם ווי דער נביא נתן, האָט איהם אויסגע'מוסרט, האָט זיין געוויסען איהם געפּייניגט... ער איז די גאַנצע צייט ארומגעגאַנגען ווי א שאָטען, פערטרויערט און פערקלעמט. זיין שלאָף איז פון איהם פערוואָגעלט געוואָרען, ער האָט דעם אַפּעטיט פון עסען פערלאָרען א שלייער פון אבלות און אומעט האָט זיין בלאַס געוואָרענעם פנים בעדעקט... שטיל זיינען די קלאַנגען פון זיין האַרפע געוואָרען... גאַנצע טעג פלעגט ער פערבריינגען אין איינזאַמקייט... ער פלעגט זיך אָפּגעבען א חשבון הנפש פון זיין גרעסטען זינד וואָס ער איז בעגאַנגען דורך זיין לעבען... און ווען ער פלעגט זיך דערמאָהנען די ווערטער פון נביא פלעגט א שוידער דורכגעהן זיין לייב...

"דער רייכער האָט זיך אריינגעריסען אין דעם ארימאַנ'ס הויז און האָט פון איהם אוועקגערויבט זיין איין איינציגע שעפעלע".

"דו ביזט דער מאַן! דו האָסט דעם שרעקליכען פערברעכען בעגאַנגען געגען דיין פריינד אוריה"!

דיזע שוידערליכע ווערטער קלינגען נאָך יעצט אין זיינע אויערען... ער

קען זיך גארנישט פארשטעלען ווי אזוי ער זאל האבען בעגאנגען אזא פערברע־כען... ער, וואס האט פערמאגט אזא צארטע פיהלענדע הארץ, ער, ביי וועמען גערעכטיגקייט און יושר זיינען אלע מאל געווען די הויפט זיילען פון זיין לעבען. ער, וועלכער האט קיינמאל נישט געקענט פארטראגען אומרעכט און פאלשקייט צביעות און בעטריגעריי, זאל זיך אזוי פערליערען און אזא זינד בעגעהן!... און ווען דוד פרובירט זיך זעלבסט פערענטפערען אז ער, אוריה, האט דאך דעם טויט פערדיענט... ווען ער פרובירט זיך אליין איינריידען אז ווען בת שבע וואלט איהם אלעם וועגען אוריה'ן נישט דערצעהלט, וואלט ער מיט אוריה פיעלייכט נישט געזינדיגט... ווייס ער דאך גאנץ גוט אז כאטש עס איז אויסערליך יע א תירוץ, פיהלט ער דאך אז אינערליך האט ער בעגאנגען א פערברעכען... ער שטעלט זיך אליין די פראגע: וואלט ער אזוי געהאנדעלט מיט אוריה'ן ווען נישט די פער־מישונג פון בת שבע?... וואלט ער איהם דאן פער'משפט צום טויט, אדער ער וואלט איהם פיעלייכט מוחל געווען אזוי ווי ער האט מוחל געווען יואב'ן פאר זיין ערמארדען אבנר'ן?... אמת, יואב האט עס געטהאן אלס א גואל הדם, ער האט איהם ערמארדעט צוליעב דעם וואס אבנר האט געטויטעט זיין ברודער עשהאל'ן... און אוריה האט זיך בעטהייליגט אין א מארד פון אן אומשולדיגען מענשען... דאך איז דוד ביי זיך אין הארצען נישט זיכער ווי ער וואלט אוריה'ן בעהאנדעלט אונטער אנדערע אומשטענדען... ער פיהלט מיט זיין וועזען אז ער האט פארט א גרויסע זינד בעגאנגען געגען גאט... וועט איהם גאט מוחל זיין?... ער האט שוין גלייך דערפיהלט די האנט פון גאט וואס האט איהם גע־שטראפט, ווען זיין קינד פון בת שבע'ן איז געשטארבען...

דוד האט נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין און תשובה צו טהאן צו גאט.

דעם דרייסיגסטען טאג זינט זיין קינד איז געשטארבען האט דוד געפאסט און פערבראכט דעם גאנצען טאג אין איינזאמקייט...

ער האט דאן אויסגעגאסען זיין הארץ פאר גאט אין דער פאלגענדער תפלה:

„ערבארם זיך איבער מיר, א גאט!
מיינע זינד מעק אוים מיט דיין גנאד.

וואש מיין אומגערעכטיגקייט אוועק,
מיינע זינד רייניג אוים און מעק.

מיין שולד ווייס איך נאר אליין
און מיין זינד טוט פאר מיר תמיד שטעהן.

כ'האב צו דיר אליין געזינדיגט א גאט,
כ'האב עובר געווען אויף דיין געבאט...

גערעכט איז דיין משפט און דיינע רייד,
דו וועסט מיין זינד מוחל זיין — צו מיין פרייד!

דער מענש איז דאָך זינדיג פון זיין געבורט,
זינט דאן איז ער מיט פיעל זינד אנגעגורט...

דו פערלאנגסט דעם אמת פון מיין געוויסען,
פערבאָרגען — דיין חכמה לאזטו מיר וויסען.

לייטער מיר מיט אזוב, און מאך מיר ריין,
וואש מיר — און ווייסער פון שנעע וועל איך זיין!

דיין מחילה וועט מיר ברייגגען פרייד און גליק,
מיין שמחה צו מיר וועט קומען צוריק...

פערבאָרג דיין פנים פון מיינע זינד,
בלאָז זיי אלע אוועק מיט דעם ווינט.

מאך מיין הארץ זויבער און ריין,
און מיין גייסט מאך ניי און שעהן.

פערוואָרף מיר נישט, אָ גאָט פון דיר!
דיין הייליג גייסט נישט נעם פון מיר!

קעהר מיר אום צוריק דיין הילף און פרייד,
מיט א גייסט פון גוטסקייט, מיר בעקלייד!

שולדיגע וועל איך דיינע וועגען ערקלערען,
און זינדיגע וועלען זיך צו דיר אומקערען.

פערגיב מיר, גאָט, פאר די פערגאָסען בלוט
כדי איך זאָל דערצעהלען דיין לויב מיט גלוטה.

עפען אויף מיינע ליפען, אָ גאָט,
און זאָל מיין מויל דערצעהלען דיין גנאָד.

נישט קיין זבח פערלאנגסטו זאָל איך געבען,
נישט דורך א קרבן וועסטו מיינע זינד פערגעבען...

מיין געבראָכען געמיטה וועסטו פאר מיין קרבן נעהמען;
א הארץ פול מיט חרטה, וועסטו זיכער נישט פארשעהמען!...

נאָך דיזער תפלה וואס דוד האָט פערפאסט אויסגיסענדיג זיין הארץ פאר זיין פאטער אין הימעל, איז איהם עטוואס לייכטער געווארען... ער האָט גע־פיהלט אז זיין זינדיגע נשמה איז אויסגעלייטערט געווארען און ער איז געוועזן

זיכערא ז גאט האט זיין תפלה, וואסא יז געקומען פון דער טיעפענים פון זיין הארצן אנגענומען . . .

ביסלעכווייז איז דער אומעט פון איהם פערשוואונדען און זיין טרויער האט איהם פערלאזען... נתן דער נביא האט איהם אויך פערזיכערט אז גאט האט אנגענומען זיין חרטה און תשובה. זיין פרעהליכקייט און מונטערקייט האט זיך צו איהם אומגעקעהרט.

דערווייל איז אנגעקומען א שליח פון יואב'ן, וועלכער האט נאך אלץ בעלאגערט די הויפטשטאדט פון עמון, און אנגעזאגט דוד'ן אין נאמען פון זיין שר צבא, יואב, אז די פארשטאדט פון די פעסטונג רבה, וואס בעזארגט די הויפטשטאדט מיט וואסער איז שוין איינגענומען און אזוי ווי עס איז שוין יעצט א פראגע פון געצעהלטע טעג, בעט יואב דעם קעניג ער זאל צונויפזאמלען די איבעריגע מחנות און קומען איינצונעמען די שטאדט כדי דער גרויסער און פאלקאמער זיעג פון עמון זאל נישט פערדרעכענט ווערען אויף מיין נאמען...

יואב'ס איבערגעבענהייט און געטרייהייט האט דוד'ן זעהר געריהרט... אט האט יואב געקענט יעצט בעזיעגען גאנץ עמון און אליין פערדרעכענט ווערען אלס גרויסער העלד און קריגען אזוי פיעל כבוד און רוהם פון פאלק, דאך וויל ער אז ער, דוד זאל קומען פארענדיגען די מלחמה כדי דער נצחון איבער עמון זאל געהן אויף זיין נאמען...

דוד האט פארזאמעלט די איבעריגע מחנות און מיט זיי אריבער דעם ירדן און זיך באלד פעראייניגט מיט יואבס חיל. דוד האט גענומען שטורמען דיא שטאדט, די עמונים וועלכע זיינען שוין געווען אויסגעמאטערט פון דער בעלאגערונג, האבען ארויסגעצייגט א שוואכען ווידערשטאנד און אין עטליכע טעג איז די שטאדט געפאלען...

דוד האט זיך נוקם געווען אין די עמונים פאר די גרויסע בעליידיגונג וואס זיי האבען בעליידיגט זיינע שלוחים פון שלום. חנון דעם קעניג פון עמון האט מען געבראכט א לעבעדיגען פאר דודן מיט דער קרוין אויף זיין קאפ.

דוד האט פון חנון'ס קאפ ארונטערגענומען די קרוין און בעטראכטענדיג האט ער מיט א שמייכעל צו יואב'ן געזאגט:

— אזא שווערע קרוין איז געווען אויף אזא גרינגען קאפ... די קרוין וועגט באלד א צענטער גאלד און דער קאסטבארער שטיין איז אויך זעהר שווער... יעצט פערשטעה איך פאר וואס דער קעניג פון עמון האט פערלארען זיין גלייכגעוויכט ווען איך האב צו איהם געשיקט מיינע שלוחים פון שלום...

— דאן האט ער בלויז פערלארען זיין גלייכגעוויכט און יעצט וועט ער פערלירען זיין קרוין צוזאמען מיט זיין קאפ... — האט יואב געזאגט ארויסציהענדיג זיין שווערד...

ווען יואב איז פארטיג געווארען מיט חנון, האט ער פלוצלינג באמערקט אן עלטערע פרוי דערנעהענטערענדיג זיך צו איהם. זי איז געפאלען מיט איהר פנים צו דער ערד און גענומען וויינען...

— וואס פערלאנגסטו, דו עמונית, — האט יואב זיך צו איהר אפגערופען— שטעה אויף און זאג מיר שנעלער וואס דו ווילסט ?

— מיין מאן איז געווען א מיניסטער צום קעניג, און ווען מיר האבען זיך

דערוואוסט אז אייער קעניג קלייבט זיך מלחמה צו האלטען מיט אונז, האָט מען גלייך געזעהן אז מיר האָבען קיינע אויסזיכטען ניט צו געווינען די מלחמה. דעריבער האָט ער פארגעשלאָגען אז חנון זאָל מאכען אן אָנבאָט פון שלום צו דעם קעניג פון ישראל.

און ווען אונזער קעניג האָט מיין מאן געפרעגט מיט וואָס וועט ער קענען איבערצייגען דוד׳ן אז ער מיינט עס ערנסט כדי ער זאָל נישט טהאָן צו אונזערע שלוחים ווי מיר האָבען געטהאָן צו זיינע, האָט מיין מאן געענטפערט אז ער זאָל שיקען זיין קרוין אלס א מתנה צו דוד׳ן דעם קעניג פון ישראל... ווען דער קעניג האָט עס דערהערט איז ער זעהר אויפגערעגט געווארען און האָט געהייסען אריינוואַרפען מיין מאן אין געפענגנים זאָגענדיג דאביי אז ווען דוד׳ס ארמעען וועלען פערטריבען ווערען פון עמון, וועט ער איהם, מיין מאן טויטען... איך און מיינע קינדער האָבען די גאנצע צייט געבעטען אונזער גאָט אויף דוד׳ס זיעג, און יעצט האָט גאָט צוגעהערט צו אונזער שטימע און איהם איבערגעגעבען אונזער שטאדט צוזאמען מיט דעם קעניג. מיין מאן שמאכטעט נאָך יעצט אין געפענגנים און זיין לעבען איז אין גרויס געפאהר ווייל אלע מיניסטארען זיינע אויף איהם אין כעס און זיי וועלען זיכער אויסלאזען זייער כעס אויף איהם, דעריבער בעט איך דיר, מיין האר, האָב רחמנות איבער מיין מאן און בעפריי איהם פון געפענגנים...

יואב האָט געטהאָן דעם פערלאנג פון דער אלטער פרוי און האָט בעפרייט איהר מאן...

דוד און יואב האָבען אוועקגענומען די גאנצע געלד פון שטאדט און מיטנעמענדיג די רויב און פיעלע געפאנגענע זיינען מיט א גרויסען טריאומפירענדען נצחון זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים.

א יאהר איז פערלאפען זינט בת שבע׳ס ערשט געבאָרענעם קינד איז געשטאָרבען... זעהר פיעל האָט זי נאָך איהם געטרויערט, מיט איהר האָבען אויך געטרויערט אלע פריינד פון דוד׳ן. בלויז די פרויען פון דוד׳ן אחוץ מיכל און אביגיל האָבען אין בת שבע׳ן געזעהן א נקמה און האָבען זיך זעהר שטארק געפרעהט אויף איהר אומגליק...

מיכל וועלכע האָט קיין קינדער נישט געהאט, איז געוועזן פריי פון קנאה וואס די איבעריגע פרויען האָבען געהאט, ווייל יעדע איינע פון זיי האָט געהאפט און געוואונשען אז נאָר איהר זוהן זאָל ווערען קעניג נאָך דוד׳ס טויט און ווען א זוהן איז געבאָרען געווארען צו בת שבע׳ן, האָט יעדע געציטערט פיעלייכט וועט דוד מאכען דעם זוהן פון זיין בעליעבסטע פרוי פאר קעניג... מיכל אבער האָט שוין מעהר קיין האפענונג נישט געהאט צו האָבען קינדער, איז דעריבער געוועזן גלייכגילטיג צו בת שבע׳ן און נישט נאָר האָט זי איהר ניט פערהאסט, נאָר זי האָט נאָך מיט איהר סימפאטיזירט און אין דער צייט פון איהר בראָך איז מיכל געקומען איהר טרייסטען.

אביגיל וועלכע האָט געבאָרען איין זוהן צו דוד׳ן וועמענס נאמען איז געוועזן כלאָב האָט געווים מיטגעפיהלט בת שבע׳ס טרויער, ווייל זי האָט איהר זוהן כלאָב׳ן מיט איינינע יאָהר פריהער פערלארען... זי איז דעריבער אויך געוועזן זעהר

בעפריינדעט מיט בת שבע'ן און זי האָט נישט אפגעטראָטען פון בת שבע'ן אין דער גאנצער צייט פון איהר טרויער...

דוד האָט בעמערקט די פריינדשאפט וואס מיכל און אביגיל האָבען ארויס־געוויזען בת שבע'ן און ער איז געווען זעהר צופריעדען...

— געבענשט זאָלט איהר זיין צו גאָט, איהר גנעדיגע און גוטהארציגע פרויען — האָט דוד זיי בעגריסט ווען ער האָט זיי איינמאָל געטראָפען אין בת שבע'ס צימער — איך זעה יעצט ווי נאַבעל און צארט זיינען אייערע הערצער, איהר האָט נישט נאך געטהאָן דעם ביישפּיעל פון מיינע איבעריגע פרויען וועלכע האָבען מיט האס און צארן זיך אפגעקערט פון בת שבע'ן און האָבען איהר אומ־זיסט און אומנישט פעראכטעט... זיי האָבען געזוכט איהר בייז צו טהאָן... און ווען בת שבע'ס קינד איז געשטאָרבען האָב איך אין זייערע פּנים'ער בעמערקט אַן אויסגוס פון שמחה... אבער איהר האָט אייער איידעלקייט ארויסגעצייגט פאר מיר און פאר בת שבע'ן זאָל אייך גאָט דערפאר בעלוינען.

איבערהויפּט האָבען בת שבע'ן פיינט געהאט דוד'ס פרויען, אחינעם, די מוטער פון אמנון און מעכה די מוטער פון אבשלום... כאָטש אמנון איז געווען דוד'ס בכור, האָט דאָך מעכה געהאפט אז איהר גרעסטענער זוהן אבשלום וועט פערנעהמען דוד'ס טראָהן... זי איז געווען העכסט גליקליך ווען אביגיל'ס זוהן, כלאב, איז געשטאָרבען און גרעניצלאָז איז איהר שמחה געווען, ווען זי האָט זיך דערוואוסט אז בת שבע'ס קינד איז געשטאָרבען... זי איז גלייך אריינגע־לאָפען צו חגית, אדוניה'ס מוטער, אין צימער און האָט איהר מיט שטראַהלענדע אויגען אנגעזאָגט די בשורה:

— דו האָסט געהערט? ער איז דאָך פארט געשטאָרבען!... כאָטש דוד אונזער מאַן האָט אזוי פיעל געשטורעמט ער האָט די גאנצע צייט פון דער ערד זיך נישט אויפגעהויבען, ער האָט געפאסט און געבעטען גאָט דאָס קינד זאָל געזונט ווערען... ער האָט מסתמא געהאט אין זינען צו מאכען בת שבע'ס זוהנדעל פאר'ן קעניג...

— מען טאָר דאָך אבער אזוי נישט ריידען וועגען א טויטעם קינד — האָט זיך חגית אפגערופען מיט שרעק און צוגעדריקט איהר זוהן, אדוניה צו איהר הארצען...

— ער איז דאָך נישט געווען קיין געזעלשאפטליכער.. האָט מעכה אין דער שטיל געזאָגט — און טאקע דערפאר האָט נתן דער נביא געזאָגט אז ער וועט נישט לעבען.

— און וואס טוט יעצט בת שבע? — האָט חגית איהר א פרעג געטהאָן.

— בת שבע? — האָט מעכה זיך פערקרימט — זי האָט זיך געגוג פארוואס צושלאָגען אין הארצען... זעהר געטריי איז זי איהר מאַן געווען... זי איז ביי איהם די איינציגלנע געווען און כאָטש זי האָט איהם קיין קינדער נישט געבוירען, האָט ער מעהר קיין פרויען צו איהר נישט גענומען... מען זאָגט אז ער האָט איהר אזוי ליעב געהאט, אז ער האָט איהר אויף זיינע הענט געטראָגען און צום סוף נעמט זי און פערראט איהם...

— און איך האָב געהערט אז מען דערצעהלט זעהר נישט קיינע שעהנע

זאכען אויף אוריה'ן — האָט חגית געזאָגט — עס איז א סברא אז ער האָט זיך בעטהייליגט אין איש בושת'ס מאָרד...

— דאָס האָט זי, די אומפערשעהמטע בת שבע, מסתמא אויף איהם אויס־געקלערט, כדי צו רעכטפערטיגען איהרע מעשים — האָט מעכה אויסגערופען — זי האָט שוין לאַנג געשאַרפט איהרע צייהנער אויף דוד'ן... יעצט אבער האָט איהר גאָט געשטראָפט... איהר האָט זיך שוין גע'חלום'ט אז איהר זוהן וועט ירשנ'ען דעם טראָהן... יעצט וועט זי זיך שוין ארויסשלאָגען פון קאָפּ אזעלכע נאַרישע געדאַנקען...

— אבער זי איז נאָך יונג און דוד האָט איהר ליעב — האָט זיך חגית מיט איהר א רייץ געטהאָן, — מעגליך אז זי וועט נאָך האָבען קינדער...

— נישט דערלעבען וועט זי דאָס! — האָט מעכה אויסגערופען מיט כעס — מיין אבשלום איז דוד'ס ליעבלינג... ער איז דער שעהנסטער און געראָטענס־טער פון אלע דוד'ס קינדער איהם וועט דוד זיכער איבערגעבען די מלוכה...

— אבער אמנון אחינעמ'ס זוהן איז דאָך זיין ערשט געבאָרענער — האָט חגית געזאָגט מיט א שמייכעל — און אלע ווייסען אז דער ערשט געבאָרענער ירשנ'ט דעם טראָהן... און ווי אזוי קענסטו גאַר קלערען וועגען דעם אז דיין אבשלום וועט ווערען קעניג.

— איך ווייס אז דוד האַלט נישט שטאַרק פון אמנו'ן... ווען ער איז נאָך יונג געוועזן, האָט ער נאָך געהאָפט אז ער וועט זיך אויסמענשלען... יעצט זעהן דאָך אלע אז וואָס עלטער ער ווערט אלץ נאַרישער און ערגער ווערט ער... ניין, אמנון איז נישט פאַר די מלוכה!...

ווען מעכה איז אוועק, איז חגית אריין צו אחינעם אין צימער און איהר איבערגעגעבען אלעם וואָס מעכה האָט געזאָגט וועגען איהר זוהן...

אחינעם האָט געברענט פון כעס... יעצט האָט זי איהר ביטער הארץ איבער־געטראָגען צו מעכה'ן, און ביי יעדער געלעגענהייט האָט זי איהר געזוכט צו פערמיאוס'ן אין די אויגען פון דוד'ן... און כדי וואָס מעהר נושא חן צו זיין אין דוד'ס אויגען האָט זי זיך גענומען בעפריינדען מיט בת שבע'ן...

אחינעם איז געוועזן די ערשטע צו ברייננגען די נייעס צו מעכה'ן אז בת שבע דאַרף אין גיכען ווידער ווערען א מוטער... ווי שטאַרק האָט איהר געפרעהט ווען זי האָט בעמערקט וואָס פאַר א שלעכטען איינדרוק דיזע בשורה האָט אויף מעכה'ן געמאַכט...

— דער נביא האָט געזאָגט אז בת שבע וועט האָבען א צווייטען זוהן — האָט אחינעם צוגעגעבען...

— א נביא קען אויך נישט אלע מאָל טרעפען — האָט מעכה געזאָגט מיט ביטערנים — אויב איהר ערשטער איז געוועזן א זוהן וועט איהר צווייטער קינד מסתמא זיין א טאָכטער... איך האָב אויך אזוי געבאָרען: אבשלום איז מיין ערשטער און תמר, מיין טאָכטער איז די צווייטע...

— עס וועט שוין לאַנג נישט נעהמען און מיר וועלען זיך איבערצייגען — האָט אחינעם געזאָגט און איז ארויסגעגאַנגען פון מעכה'ס צימער.

מיט איינינע מאָנאַטען שפּעטער האָט בת שבע געבאָרען א צווייטען זוהן צו דוד'ן. גרויס איז געווען דוד'ס פרייד און קיין גליקליכערע מוטער ווי בת שבע איז אין גאַנץ ארץ ישראל נישט געווען... יעצט איז זי זיכער אז גאָט האָט דוד'ן אין גאַנצען פערגעבען... און דעם נביא'ס נבואה איז מקויים געווארען...

מיט א גליקליכען שמייכעל אויף זיין פּנים, איז דוד אריינגעקומען אין בת שבע'ס צימער, ער האָט זיך איבערגעבויגען איבער איהר און האָט איהר געקושט...

— בת שבע, מיין ליעבסטע פון אלע פרויען, איך האָב די גאַנצע צייט גאָט געבעטען ער זאָל דיר א צווייטען זוהן שענקען און דער נביא האָט מיר אויך געגעבען האָפענונג אז דו וועסט געבאָרען א זוהן... און יעצט האָט גאָט מיר מיין וואונש געגעבען... איך האָב זיך אין מיין הארצען א נדר געטהאָן דאָס אויב דו וועסט מיר געבאָרען א זוהן וועט ער זיין מיין טראָהנפאָלגער...

בת שבע'ס אויגען האָבען אויפגעלויכטען:

— ער וועט זיין דער קעניג איבער גאַנץ ישראל נאָך דיר — האָט זי מיט א פרעהליכע אבער שוואכע שטימע געזאָגט — זאָגסטו עס מיר צו מיין ליעבער דוד...

— יע, בת שבע! — האָט דוד געענטפערט — און צו צייגען דיר אז איך וועל האַלטען מיין וואָרט וועל איך אונזער זוהן א נאָמען געבען שלמה, ווייל דער נביא האָט מיר געזאָגט אז שלום וועט הערשען אין די טעג פון מיין נאָכפאָלגער.

— שלמה! שלום! — האָט בת שבע אויסגערופען מיט פרייד — פריעדען וועט הערשען אין זיין צייט און מיין זוהן וועט זיין קעניג — א גאָט איך האָב דיין גרויסען חסד נישט פערדיענט!...

— דערווייל בת שבע זאָלסטו עס האַלטען בסוד, זאָלען מיינע אנדערע פרויען דיר נישט האָבען וואָס מקנא צו זיין — ווען די צייט וועט קומען וועל איך עפענטליך פאַר אַלעמען ערקלערען אז שלמה וועט קעניגען נאָך מיר...

— מעג דער נביא וויסען פון דיין פערשפּרעכען? — האָט איהם בת שבע געפרעגט.

— דער נביא וועט שוין אליין פערשטעהן — האָט דוד געענטפערט מיט א שמייכעל — ווען ער וועט הערען אז איך האָב אונזער זוהן א נאָמען געגעבען שלמה, ווייל ער האָט שוין לאַנג נביאות געזאָגט אז דורך דער הערשאַפט פון מיין זוהן וועט זיין שלום... פונדעסטוועגען אבער וועל איך איהם שיקען רופען און איך וועל שווערען צו דיר אין זיין אנוועזענהייט אז גאָט וועט לאָזען לעבען און שלמה וועט אויסוואַקסען א מאַן וועלכער איז ווירדיג צו זיין קעניג, וועט ער ווערען דער מלך איבער ישראל נאָך מיר.

דוד האָט ארונטערגענומען די דעקע פון דעם קינד וועלכעס איז געלעגען ביי בת שבע'ס זייט און א גליקליכער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען.

— געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט אונז געשענקט אזא ליעבליך שעהנעס קינד — האָט ער געזאָגט — און אויב זיין גייסט וועט זיין אזוי שעהן ווי זיין פּנים — דאַן וועט ער זיין דער גרעסטער און קלוגסטער קעניג פון דער וועלט.

ביי דיזע ווערטער איז אנגעקומען נתן דער נביא און האט גלייך בעמערקט מיט א שמייכעל.

— פאר דיר, מיין האר קעניג, ווייזט אויס איז די מלוכה ווינציג, ווי עס ווייזט אויס ווילסטו פון מיר אוועקנעמען מיין נבואה... איך האב דיר נאך וואס געהערט נביאות זאגען אז דיין זוהן וואס בת שבע האט דיר געבארען "וועט זיין דער גרעסטער און קלוגסטער קעניג פון דער וועלט"... און אט דיזעלבע נבואה בין איך יעצט געקומען דיר און בת שבע'ן זאגען, אבער דו האסט מיין וועג פערכאפט...

— איז דאס דער ווילען פון גאט? — האט בת שבע אויסגערופען און איהר פנים האט גענומען שטראהלען פון גליק...

— יע — האט נתן געזאגט צו דוד'ן — דיזער זוהן וואס בת שבע האט דיר יעצט געבארען איז אויך בעליעבט ביי גאט, און אלע פעלקער פון דער גאנ־צער וועלט וועלען איהם אפגעבען כבוד... און שלום וועט הערשען צווישען איהם און די איבעריגע פעלקער... ער וועט אויך בויען דעם בית המקדש, וואס דו האסט געזאלט אנפאנגען בויען...

— איך דאנק גאט פאר דעם חסד וואס ער טוט מיט זיין קנעכט... יעצט בין איך זיכער אז ער האט מיר מוחל געווען אלע מיינע זינד... און איך האב שוין גערענקט אז איך בין א פערלארענער אויף עוויג... אבער דער גאט אונזער גאט, איז א גאט פון מחילה, ער וויל קיין שלעכטעס נישט טהאן דעם זינדיגען, ערווארט בלויז ער זאל תשובה טהאן מיט זיין גאנצען הארצען און דאן איז ער איהם מוחל...

— דו געטליכער מאן, האט בת שבע זיך אפגערופען צו נתן — דוד האט מיר פערשפראכען צו צושווערען אין דיין אנוועזענהייט צו מאכען מיין זוהן שלמה פאר קעניג ווען די צייט וועט קומען...

— א וועסטו איהם ריפען שלמה — האט נתן זיך געווענדעט צו דוד'ן.

— יע, אזוי האב איך בעשלאסען איהם א נאמען צו געבען — האט דוד געענטפערט.

דער נאמען איז זעהר שעהן און פאסט זיך זעהר פאר דעם קעניג וועלכער וועט זיין נאך דיר — האט נתן געזאגט — אבער איך וועל דיזען קינד רופען ידידיה, ווייל ער איז בעליעבט ביי גאט.

אויף'ן אכטען טאג צום ברית האט דוד געמאכט א גרויסארטיגען מאלצייט און האט איינגעלאדען אלע חשוב'ע פון דער שטאדט ירושלים. נתן דער נביא איז געווען דער מוהל און ער האט אריינגעבראכט שלמה אין דעם ברית פון אברהם אבינו.

אויף דער שמחה זיינען אויך אלע אנדערע ווייבער פון דוד'ן געווען. און אפילו מעכה, וועלכע האט שטילערהייט נישט אויפגעהערט צו שילטען בת שבע'ן און איהר זוהן, האט בת שבע'ן אויך געבראכט א מתנה — א זיידענע געשטריק־טע קישען פאר איהר זוהן...

דוד'ס דריי גרעסערע זיהן, אמנון, אבשלום און אדוניהו האבען זיך אומבע־מערקטערהייט ארויסגערוקט פון פאלאץ און זיינען אריין אין גארטען...

— דו האסט געזעהן, אמנון, וואס פאר א גרויסען פאראד אונזער פאטער

מאכט פאר זיין ניי־געבארענעם זוהן? איך האב מורא אז דיין גאנצע מלוכה מיט וואס דו האסט זיך אזוי פיעל איבערגענומען געגען אונז, גליטשט זיך אוועק פון דיר... ווייל אויב שלמה זאל ווערען דעם קעניג׳ס ליעבלינג, וועסטו שוין בלייבען אויסען... האט אבשלום זיך גענומען מיט איהם רייצען.

— און וואס וועט זיין מיט דיר? — האט אמנון צוריק געענטפערט, — ווי איך פערשטעה שטרעבט דיין מוטער אויך צו קריגען די קרוין פאר דיר, און דו אליין וואלסט זיך אויך נישט אפגעזאגט דערפון... הא, וואס וועסטו טאקע טהאן אז שלמה ווערט אונזער פאטער׳ס ליעבלינג?...

— דערווייילע ווייס איך אז אונזער קעניג האלט מעהר פון דיר ווי פון מיר... אפילו אונזער לעהרער נתן דער נביא, האט מיט מיר מעהר איינזעהעניש ווי מיט דיר... איך געדענק ווען ער האט מיט אונז געלערענט די תורה און דו אנשטאט צו קוקען אין דעם ספר, האסטו דיינע אויגען נישט ארונטערגענומען פון מיין שוועסטער תמר, דו מיינסט געוויס אז איך האב עס נישט בעמערקט... דאן האב איך געהערט ווי דער נביא האט געזאגט אז דו וועסט שוין מסתמא אויסוואקסען א פוסטע כלי... זינט דאן קענסטו שוין מעהר נישט לערנען מיט מיין שוועסטער אין דער זעלבער צייט...

— האב איך דען בעגאנגען א פערברעכען געגען תמר׳ן אז איך האב אויף איהר געקוקט? — האט זיך אמנון געזוכט צו פערענטפערען — זי איז דאך אויך מיין שוועסטער, אמת, נישט פון איין מוטער אבער פון איין פאטער! האב איך דען נישט קיין רעכט צו קוקען אויף איהר?

— ווען דו וואלסט געקוקט ווי א מענש וואלט מיר אויך נישט געארט — האט אבשלום בייז געזאגט — אבער דו קוקסט ווי א ווילדע חיה. ווי דו וואלסט איהר געוואלט אויפעסען מיט דיינע גרויזאמע אויגען... דעריבער זאג איך דיר אז עס וועט זיין א סך בעסער פאר דיר, ווען דו הערסט איהר אויף נאכצופאלגען מיט דיינע אויגען...

— אבער דאס האט דאך גארנישט צו טהאן מיט דעם נייעם זוהן וואס בת שבע האט נאר וואס געבארען — האט אדוניה זיך אפגערופען — ווען פון אונז עס יואלט בעשערט געוועזן צו ווערען קעניג, וועט יעצט האבען נאך א קלענערע געלעגענהייט ווי פריהער...

— זעה נאר, קוק נאר איהם אן! — האט אבשלום אויסגערופען — ער רעכענט זיך אויך אריין אין חשבון — זינט ווען האסטו אנגעהויבען צו טראכטען פון דער מלוכה?

— דער פאטער האט מיר אזוי ליעב ווי דיר! — האט אדוניה איהם גע־ענטפערט — און אפשר נאך מעהר — און ווען עס וועט בעשלאסען ווערען אז דער בכור איז נישט דער איינציגער מעגליכער יורש, האב איך די זעלבע געלעגענהייט ווי דו און ווי אמנון...

— א פיינער קעניג וואלסטו געוועזן מיט דיין פלאטשיגען נאז און ברייטע מויל! — האט אמנון געלאכט — דו וואלסט דאך דאס גאנצע פאלק פערשלונגען מיט דיין מויל...

— און דיין פערדארמער אויסגעוויקטער פנים פאסט זיך מעהר צו זיין א קעניג? — האט איהם אדוניה געענטפערט — א שעהנערען פנים פון דיינעם

וואָלט איך ענטזאגט צו נעמען פאר מיין קנעבט... און דיר חלומט זיך גאר צו ווערען א קעניג...

אמנון האָט אויפגעהויבען זיין האנט און געוואלט שלאגען אדוניה׳ן פאר די בעליידיגונג, אבער אבשלום האָט איהם אפגעהאלטען..

— דו בעסער ווארט מיט דיין שלאגען זיך ביז וואנען דו וועסט טראגען אונזער פאטערס קרוין, דערווייל דארפסטו זיך האלטען רוהיג.. עס וועט זיין זעהר נישט שעהן פאר אונז אלעמען, ווען מיר וועלען דאָ אנמאכען א טומעל און אונזער פאטער וועט אויסגעפינען צוליעב וואס דאס איז פארגעקומען.

אמנון האָט ארונטערגעלאזען זיין האנט און געזאגט: ווארט ווען איך וועל ווערען קעניג וועל איך זיך שוין מיט דיר אפרעכענען...

דערווייל זאלסטו אקארשט זעהן נישט צו באלעסטיגען מיין שוועסטער מיט דיינע נארישע בליקען... זי האָט זיך שוין נישט איינמאל בעקלאגט פאר מיר אז דו בעליידיגסט איהר מיט דיינע בליקען...

— אָ, זי ווייסט גאנץ גוט אז איך מיין קיין שלעכטס נישט — האָט אמנון געזאגט — איך האָב איהר ליעב ווי א שוועסטער און אזוי ווי זי איז אונזער איינציגע שוועסטער און דערצו נאך א זעלטענע שעהנהייט, איז דען אן עולה אז איך קוק אויף איהר אזוי פיעל... זאג מיר, דעם אמת, אבשלום, האָסטו תמר׳ן דיין שוועסטער נישט ליעב?

— נו, געוויס, האָב איך איהר ליעב. זי איז דאך מיין לייבליכע שוועסטער, פון איין פאטער און איין מוטער, אבער צו דיר איז זי דאך בלויז א האלבע שוועסטער.

— אבער דאך איז זי מיר טייער ווי א גאנצע שוועסטער — האָט אמנון געזאגט, און ער איז צוזאמען מיט אבשלום׳ן און אדוניה׳ן אריין צוריק אין פאלאץ.

צוויי און דרייסיגסטער קאפיטעל

אמנון און תמר

אמנון דוד׳ס ערשט געבארענער זוהן, האָט זיין האפענונג אויף דער מלוכה נישט אויפגעגעבען, אפילו נאכדעם ווי שלמה איז געבארען געווארען. יעצט, נאך מעהר ווי פריהער, איז ער געווען זיכער, דאס ער וועט ווערען קעניג נאך דוד׳ן. ווייל מיט שלמה׳ס געבורט איז אבשלום׳ס גדולה ארונטער, און ער וועט שוין יעצט נישט דארפען מוראה באען אז דער פאטער ליעבט אבשלום׳ן מעהר ווי איהם... שלמה איז נאך שעהנער און קליגער פון אבשלום׳ן אבער ער איז דאך נאך גאר א קינד און אפילו ווען היבשע עטליכע יאהר זאל אוועקגעהן ביז וואנען דוד וועט שטארבען, וועט נאך שלמה אלץ זיין צו יונג צו ווערען קעניג און דעריבער איז זעלבסטפערשטענדליך אז דער בכור וועט ירש׳נען די מלוכה...

אין דער לעצטער צייט איז אמנון געווען נישט אזוי בעזארגט וועגען דער קרוין, ווי וועגען עפעס אנדערש... תמר, אבשלום׳ס שוועסטער האָט איהם אזוי בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט, אז ער האָט פון איהר נישט אויפגעהערט

צו טראכטען טאג און נאכט... פריהער האט ער געהאט א געלעגענהייט צו זעהן איהר יעדען טאג, און אפילו מיט איהר ריידען, אבער זינט מען האט אויסגעפונען דאס ער פערפאלגט איהר מיט זיינע בליקען, איז תמר אפגעזונדערט געווארען פון איהם... עס פלעגען אוועקגעהן איינינע טעג נאכאנאנד און ער האט תמר'ן נישט געזעהן... דאס האט נאך פערשטארקט זיין ליעבע צו איהר... ער האט יעצט געהאט בלויז איין שטארקען וואונש צו זעהן תמר'ן אליין, צו ריידען צו איהר אונגעשטערט, אבער אומזיסט האט ער געהאפט אויף אזא געלעגענהייט... א, ווי שטארק ער האט מקנא געווען אבשלום'ן, וועלכער קען זיך זעהן מטי תמר'ן צו יעדער צייט... ווען ער וואלט אויך געווען איהר לייבליכער ברודער, פון איין פאטער און מוטער, ווי זי איז מיט אבשלום'ן, וואלט זי דאך איהם יעצט נישט אזוי איסגעמיטען...

טרויעריג און בעטריעבט איז אמנון לעצטענס ארומגעגאנגען, ער האט אפילו נישט געהאט פאר וועמען זיין הארץ אויסצוגיסען... ער פערשטעהט אז אבשלום טאר זיך נישט דערוויסען פון זיינע געדאנקען, און ווען ער זאל אויסגיסען זיין הארץ פאר איינעם פון זיינע איבעריגע ברידער וועט זיך אבשלום דערפון גלייך דערוויסען, און דאס וועט צו ניכטס מאכען אלע זיינע געדאנקען און פלענער...

איין פריינד האט אמנון געהאט און זיין נאמען איז געווען יונדב, דער זוהן פון שמעה, דוד'ס ברודער. ווען זיי זיינען נאך קליינע קינדער געווען, זיינען זיי שוין געווען צוגעבונדען איינער צום צווייטען, און ווען זיי זיינען עלטער געווארען האט זיך זייער פריינדשאפט נאך מעהר פערשטארקט...

יונדב איז געווען זעהר א קלוגער און דורכגעטריבענער יונג, און נישט איינמאל, האט ער מיט זיינע קלוגע עצות, ארויסגעהאלפען אמנון פון שוועריגקייטען... ער האט געוואוסט אמנון'ס אלע סודות וואס האט איהם נאך מעהר צוגעבונדען צו איהם...

יונדב האט אין אמנון'ס שטארקע פריינדשאפט צו איהם געזעהן די פערווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען: ער איז געווען זיכער אז אמנון, אלס דוד'ס בכור, וועט ירשנ'ען די קרוין, דאן וועט ער ווערען זיין הויפט מיניסטער און בעל־יועץ... ער וועט אויך ביי איהם פערנעמען דעם זעלבען פלאץ וואס יואב פערנעמט ביי דוד'ן... ער וועט זיך ערווערבען א נאמען אלס גבור... און עס קען נאך זיין אז מיט דער צייט זאל ער אין גאנצען ווערען דער הערשער איבער ישראל... ווייל נאכאלעמען איז דאך אמנון א שוועכלינג, ער צייכענט זיך נישט אוים מיט קיינע מעלות וואס א קעניג מוז בעזיצען... און ער וועט בלויז זיין קעניג אין נאמען און די מלוכה וועט ער פיהרען... ער וועט זיין צו אמנון אזוי ווי אבנר איז געווען פאר איש בושת'ן...

אמנון האט זיך געפיהלט שוואך און הילפלאז און ער האט גערארפט האבען אימיצען וועמ עס זאל איהם אונטערהאלטען און דאס האט ער געפונען אין זיין קוזין, יונדב: מיט איהם האט זיך בעראטען איידער ער איז געגאנגען עפעס טאהן. זיינע עצות זיינען איהם אימער געפעלען געווארען... דאך האט ער זיינע געדאנקען און געפיהלען צו תמר'ן נישט דערצעהלט אפילו צו זיין בעסטען און איינציגען חבר...

יונדב אבער האָט בעמערקט א גרויסע ענדערונג אין אמנון און ער האָט פערשטאַנען אז ער פערבאָרגט עפּעס פון איהם... ער האָט געהאַפּט אז אמנון וועט איהם אליין ענטדעקען אלעס וואָס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען, אבער ווען עטליכע טעג זיינען פאַראיבער און אמנון'ס אומעט און טרויער האָט זיך פאַר־שטאַרקט, האָט שוין יונדב בעשלאָסען איהם אליין צו פרעגען...

און איין פריהמאָרגען ווען ער האָט מיט אמנון שפּאַצירט אין דעם קעניג'ס גאָרטען, האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך זעה אויף דיין פּנים, מיין געטרייער חבר אז דו פערבאָרגסט עפּעס פון מיר, דו ווייסט דאָך ווי איבערגעגעבען איך בין צו דיר און נישט איינמאָל האָבען דיר מיינע עצות ארויסגעהאָלפען... פאַרוואָס ווילסטו מיר נישט ענט־דעקען דאָס וואָס דריקט דיר אויף'ן הארצען... האָסטו דען מעהר נישט קיין צוטרוי צו מיר... מיט וואָס האָב איך געגען דיר געזינדיגט אז דו זאָלסט מיר אזוי בעהאַנדלען... דאַרף איך דיר נאָך איבערצייגען ווי געטריי איך בין צו דיר... איך בעט דיר אמנון, דערצעהל מיר די אורזאַכע פון דיין טרויער, פיעלייכט וועל איך דיר מיט עפּעס קענען ארויסהעלפען...

— מיין גוטער חבר יונדב, האָט אמנון זיך אָפּגערופען מיט א טרויעריגע שטימע — איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפעלט אין דיין טריײהייט און אויפ־ריכטיגקייט... דו ביזט מיין איינציגער פריינד פאַר וועמען איך קען מיט זיכער־הייט אלעס דערצעהלען; אבער איך צווייפעל אויב דו וועסט מיר קענען יעצט מיט עטוואָס בעהילפיג זיין... מיר דוכט זיך אז צו מיין יעצטיגער לאַגע איז קיין עצה נישטאָ... און ווען איך זאָל דיר שוין יע דערצעהלען וועסטו דען קענען לינדערן מיינע שמערצען... ניין, יונדב, אפילו דיינע קלוגע עצות וועלען מיינע יסורים נישט גרינגער מאַכען...

— אבער איך פערשטעה דיר נישט, אמנון, — האָט זיך יונדב אָפּגערופען — דיר, דעם קעניג'ס זוהן, זאָל זיין שווער צו קריגען דאָס וואָס דיין הארץ געלוסט... פערגעס נישט אז דו ביזט דאָך אויך דער בכור און דיין פערלאַנג און וואונש דאַרף ערפילט ווערען אזוי ווי דעם קעניג'ס... זאָג מיר וואָס דיר פעהלט און איך שוועהר דיר ביי אונזער פריינדשאַפט אז איך וועל עס האַלטען בסוד און איך וועל טהאָן אלעס אין מיין מעגליכקייט דיר ארויסצוהעלפען אין דיין נויט... איך בין זעהר שטאַרק בעזאָרגט וועגען דיין געזונדסצושטאַנד. יעדען פריהמאָרגען ווען איך דערזעה דיין פּנים קען איך דערקענען אז דו האָסט געהאַט א שלאָפלאָזע נאַכט... דו ווערסט מאָגערער פון טאָג צו טאָג, און אויב דו וועסט אזוי לאָזען ווייטער געהן, וועסטו נאָך ארייננפאַלען אין א געפעהרליכע קראַנק־הייט...

— איך בין זעהר אומגליקליך! — האָט אמנון געענטפערט — דיר דוכט זיך אז ווייל איך בין דעם קעניג'ס זוהן, איז פאַר מיר קיין זאַך נישט צו שווער צו קריגען... דאָ אבער ליגט דיין טעות... הלואי וואָלט איך בעסער געווען אויף דיין פּלאַץ, איך וואָלט דאַן זיכער נישט געהאַט אזוי פיעל הארץ קלעמענים און וועהטאָג, ווי איך האָב יעצט אלס דעם קעניג'ס זוהן...

— איך קען נאָך אבער אלץ נישט פערשטעהן! — האָט יונדב געקוועטשט מיט די פּלייצעס — דיינע ווערטער זיינען צו מיר ווי א רעטענים...

אמנון האט זיך ארומגעקוקט און נאכהער זיך שטילערהייט אפגערופען:

— איך האב ליעב תמר'ן, אבשלום'ס שוועסטער, איך געה אוים פון ליעבע צו איהר... איך וויים אבער אז איך טאר דערפון גארנישט טראכטען... און איך וויים אויך אז קיינער וועט מיר אין דעם נישט קענען ארויסהעלפען... און דאס פערביטערט מיין לעבען און טרייבט מיר צו פערצווייפלונג...

יונדב האט זיך א ווײלע פערטראכט... א לייכטער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען... נאכהער האט ער זיך אפגערופען:

— איך זעה נישט איין פארוואס זאל דיין פערצווייפלונג זיין אזוי גרוים... דיין פערלאנג איז גארנישט אזוי אונערפילבאר ווי דו גלויבסט...

— פערגעס אבער נישט אז תמר איז מיין האלבע שוועסטער, פון איין פאטער און נישט פון איין מוטער, און ווי אזוי וועל איך גאר קענען קלערען פון אזא זאך — האט אמנון געזאגט מיט יאוש.

— האסטו דען נישט געלערענט אין דער תורה די געשיכטע פון אונזער עלטער זיידען אברהם... ווייסטו דען נישט אז זיין פרוי שרה איז געווען זיין שוועסטער פון איין פאטער אבער נישט פון איין מוטער... און ווען אימיצער וועט דיר ווּעלען אויפווארפען פארוואס דו זוכסט צונעמען תמר'ן פאר דיין פרוי, וועסטו דאך זיי גלייך קענען אנצייגען אויף אברהם'ן... קיינער וועט דאן נישט האבען וואס דיר צו ענטפערען...

אמנון'ס פנים האט גענומען שטראהלען מיט פרייד, ער האט גענומען דריקען יונדב'ס האנט און געזאגט:

— יעצט זעה איך אז צו דיין קלוגשאפט איז קיין גרעניץ ניטא... איך בין געווען זיכער אז עס איז ניטא קיין אויסוועג פאר מיר אין מיין יעצטיגער לאגע... געמיינט האב איך אז אפילו דו מיט דיינע קלוגע עצות וועסט מיר יעצט נישט קענען העלפען... יעצט האסטו מיט דיין חכמה געשטארקט אין מיר מיין האפנונג... מיר וואלט עס קיינמאל נישט איינגעפאלען אז אונזער ערשטער מוטער, שרה איז געווען א האלבע שוועסטער פון אברהם...

— יעצט זעהסטו — האט יונדב מיט שטאלץ געזאגט — אז איך וועל אלעמאל געפינען אן אויסוועג צו דיינע שוועריגקייטען און דו האסט נאך געצווייפעלט אויב איך וועל דיר קענען ארויסהעלפען אין דיין יעצטיגער לאגע.

— איך דאנק דיר זעהר, יונדב, איך וועל קיינמאל נישט פערגעסען דיינע טובות און די גוטע קלוגע עצות וואס דו גיעסט מיר, דאך אבער וויים איך נישט ווי אזוי איך וועל קענען אמאל קריגען א געלעגענהייט צו זיין אליין מיט תמר'ן און איהר איבערגעבען מיינע געפיהלען... אבשלום איז שטענדיג מיט איהר און ווען זי איז אליין מיידט זי מיר אויך אוים... פאר די לעצטע עטליכע וואכען האב איך די מעגליכקייט נישט געהאט אויסצורייזען אווארט צו איהר... און עס איז שוין א היבשע צייט פאריבער און איך האב אפילו איהר פנים נישט אנגעזעהען . . .

— מיין עצה איז אז דו זאלסט זיך מאכען קראנק — האט יונדב איהם געזאגט — דו זאלסט ליגען אין בעט און אפילו נישט פערזוכען קיין עסען... געוועהנליך וועט מען באלד אנזאגען ד'עם קעניג, און ווען ער וועט קומען דיר מבקר חולה זיין און וועט דיר פרעגען פארוואס דו עסט נישט, זאלסטו איהם

זאגען אז די עסענס וואס די דינער'ס גרייטען צו פאר דיר שמעקט דיר נישט, און אויב עס וואלט נישט געוועזש ווער פאר דיין שוועסטער תמר'ן וואלסטו איהר געבעטען זי זאל אליין צוגרייטען פאר דיר עפעס צו עסען...

— יע, דאס איז אויך א גוטער פלאן! — האט אמנון אויסגערופען — נישט לאנג צוריק, ווען איך האב געפייערט מיין געבורטסטאג — האט תמר פאר מיר געבאקען קיכלעך און זיי זיינען געווען אזוי געשמאק, אז נאך יעצט ליגט מיר זייער טעם אין מויל...

— דו קענסט טאקע זאגען דעם קעניג אז דו ווילסט דאס תמר זאל פאר דיר מאכען די זעלבע קיכלעך וויל זיי האבען דיר שטארק פערשמעקט...

— איך וועל טהאן ווי דו האסט מיר געראטען! האט אמנון געזאגט און איז צוריקגעגאנגען אין פאלאץ.

תמר איז געווען דוד'ס איינציגע טאכטער, זי איז געווען זעהר שעהן און קלוג... אין איהר איז געווען א פעראייניגונג פון איהר פאטער'ס גייסטליכע און איהר מוטער'ס קערפערליכע שעהנקייט... א בעזונדערען חן און רייץ האבען צוגעגעבען איהר צניעות'דיגקייט און שעהמעוודיגקייט... אין איהרע שעהנע ליכטיגע אויגען האבען זיך אפגעשפיגעלט די זויבערקייט און ריינקייט פון איהר פאעטישע און ראמאנטישע נשמה.

ווען תמר איז נאך גאר יונג געווען פלעגט זי זיך תמיד געפינען אין דער געזעלשאפט פון איהרע ברידער, מיט וועמען זי פלעגט שטיפען לוסטיג און קינדיש... צוזאמען מיט זיי האט זי אויך געלערענט ביי דעם נביא, נתן, די תורה און אלע אידישע מנהגים און זיטען... ווען זי איז אויגטערגעוואקסען און איז געווארען א פול ענטוויקעלטע, האט זי באמערקט אז די בליקען פון איהרע האל־בע ברידער זיינען יעצט אין גאנצען אנדערע... זי האט זיך גענומען פיהלען זעהר נישט בעקוועם... איבערהויפט האט זי זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט פון אמנון'ס בליקען.. און ווען זי האט שוין מעהר נישט געקענט דערליידען, האט זי דאס פערטרויט איהר ברודער אבשלום'ן...

נתן אליין האט שוין אויך לאנג בעמערקט ווי אמנון גיעט נישט זיין אויפ־מערקזאמקייט צו זיינע רייד, אנשטאט זיך איינצוהערען צו איהם, פערטראכט ער זיך, ער האט אויך באמערקט אז אמנון ווארפט דורכדרינגענדע בליקען אויף תמר'ן און האט דעריבער געזעהן אז אמנון זאל מעהר נישט לערנען אין דער־זעלבער צייט מיט תמר'ן...

דער איינציגער צו וועמען תמר איז געבליבען צוגעבונדען איז געווען אבשלום, איהר ברודער פון איין פאטער און מוטער, איהם פלעגט זי פערטרויען אלע איהרע סודות און מיט איהם פלעגט זי זיך בעראטהען...

אבשלום האט זיין שוועסטער זעהר ליעב געהאט און מיט איהר שטארק שטאלצירט... ער האט געוואוסט אז זי איז אויך זעהר טייער ביי דעם קעניג, און ער האט געהאפט צו ווערען מעהר בעליעבט ביי דעם פאטער דורך זיין שוועסטער, דעם קעניג'ס בת יחידה... נישט איינמאל האט ער מיט תמר'ן גערעדט וועגען זיין שטרעבונג צו ווערען קעניג...

— קיינער האט אמנון'ען נישט ליעב, — האט איהר אבשלום געזאגט ווען זיי האבען ביידע אמאל געשפאצירט צוזאמען — אפילו נתן דער נביא האלט

אויך נישט פון איהם... זיין איינציגער יחוס איז וואס ער איז דער בכור. מיט דעם נעהמט ער זיך איבער, און איז זיכער אז ער וועט זיין דעם פאטערס נאכ־פאלגער... ער פארגעסט אבער אז צו זיין דער בכור אליין איז נאך נישט גענוג צו פיהרען א מלוכה און מלחמה האלטען מיט די שונאים... ער וויים נישט אז איהם פעהלט די הויפט מעלות וואס א קעניג מוז בעזיצען; דריי הויפט זאכען פעהלט אמנו'ן: פערזענליכקייט, שכל און העלדענמוט...

— איך וויים, מיין ברודער אז דו ביזט דער איינציגער וועלכער וועט זיין ווערט צו פערנעמען דעם פאטער'ס פלאץ... דאך אבער שרעקט מיר דאס הארץ... מיר דוכט זיך אז דעם פאטער'ס אלע בעאמטע וועלען האלטען מיט אמנון'ען... עס וועט זיך לוינען בעסער פאר זיי ווען דער קעניג וועט זיין נישט אזוי איבערגעשפיצט...

— אבער איך האב אויך א סך פריינד — האט אבשלום געזאגט — און אחיתופל, דוד'ס הויפט מיניסטער און ראטגעבער איז אויך מיין בעסטער פריינד... נישט איינמאהל האט ער מיר אנגעוואונקען אז איך בין מעהר פאסענד פאר דער מלוכה ווי אמנון און איך בין זיכער אז ווען עס וועט האלטען דערביי וועט מיר אחיתופל ארויסהעלפען...

— אבער פערגעס נישט, אבשלום אז אחיתופל איז בת שבע'ס זיידע — האט תמר זיך אפגערופען — און יעצט אז בת שבע האט געבארען א זוהן צו דוד'ן, וועט ער דאך גיכער העלפען בת שבע'ס זוהן צו קריגען די מלוכה...

— ווענען דעם בין איך שוין גאר נישט בעזארגט — האט אבשלום גע־זאגט — אחיתופל איז זעהר אויפגעבראכט אויף דוד'ן און אויף בת שבע'ן צוליעב אוריה'ן, און איך בין זיכער אז נישט נאר וועט ער נישט העלפען בת שבע'ס זוהן צו ווערען קעניג, אבער ער וועט נאך איהם שטערען... מיט מיר אבער איז ער זעהר בעפריינדעט... ער האט מיר זעהר ליעב און לויט ווי מען האט מיר איבערגעגעבען האט אחיתופל נישט איינמאל מיר פערלויבט פאר'ן קעניג...

— איז עס ריכטיג וואס איך האב געהערט — האט תמר געפרעגט אבשלום'ן — אז דער קעניג האט אריינגענומען אליעם, בת שבע'ס פאטער, אין דעם גדוד פון זיינע גבורים?

— עס איז ריכטיג! — האט אבשלום געענטפערט, אבער אחיתופל'ז, אליעמ'ס פאטער, איז עס אויך שטארק נישט געוועזען צום הארצען.. ער האט געוואלט אריינגעמען זיין זוהן צווישען די מיניסטארען אבער דוד האט זיין פער־לאנג נישט ערפילט און אנשטאט דעם בעשטימט אין זיין גדוד... יא, איז איין זאך בין איך זיכער אז אחיתופל וועט נישט געהן געגען מיר, וויל ער האט מיר זעהר ליעב. א סך מעהר ווי דעם זוהן פון זיין אייניקעל, בת שבע'ן...

— ווער קען אזא שעהנעם און העלדישען יונג נישט ליעב האבען! — האט תמר געזאגט מיט א צופריעדענעם שמייכעל.

— עס איז טאקע א שעהנע פערגלייכענים צווישען מיר און אמנון — האט אבשלום מיט שטאלץ געזאגט, און גענומען דורכפיהרען זיינע הענט צווישען זיינע לאנגע לאקען — און אמנון האט נאך די חוצפה גאר צו טראכטען וועגען דער קרוין...

— אבער דו מיין ברודער, דארפסט אויך זעהן נישט צו זיין צו שטאלץ מיט דיין שעהנעם פנים, דו דארפסט פריהער זעהן צו זיין ווערט די קרוין דורך אנדערע מעלות וואס דו דארפסט בעזיצען אחוץ דיין שעהנעם פנים און דיינע לאנגע פראכטפולע האר... דו דארפסט זעהן פריהער בעליעבט צו ווערען ביי דעם פאלק ווי אונזער פאטער, דוד. ערשט דאן וועסטו קענען טראכטען וועגען דער מלוכה...

— איך וועל זיכער פאלגען דיינע קלוגע רייד, מיין ליעבע שוועסטער האט אבשלום געזאגט צו תמר'ן — פון יעצט אן וועל איך זעהן אויסצובעסערען מיינע מדות און זיטען... איך וועל זעהן צו פערבויגען מיין שטאלץ און זיין פריינדליך צו יעדען איינעם ווען איך וועל באגעגענען...

שטיל אין איהר הארצען האט תמר גענעהרט די האפענונג אז איהר ברודער אבשלום וועט ווערען קעניג נאך דוד'ן. זי האט איהם זעהר ליעב געהאט און איהם געוואלט זעהן אלס הערשער איבער אלע שבטים... זי האט גאנץ גוט געוואוסט אז ווען עס וועט זיך האנדלען צווישען אבשלום'ן און אמנון'ען, וועט אבשלום ארויס דער זיעגער... לעצטענס אבער, האט איהר מוטער מעכה אויסגעדריקט איהר מורא טאמער וועט דוד מאכען שלמה פאר זיין יורש... ער האט בת שבע'ן זעהר ליעב, און אלע זאגען אז שלמה איז זעהר געראטען, ער איז קלוג אויש עהן... און וואס עלטער ער ווערט אלץ גרעסער ווערט זיין שאנס צו ווערען קעניג... יע, נישט פאר אמנון דארף אבשלום יעצט מורא האבען אבער פאר בת שבע'ס זוהן, פאר שלמה'ן... ווען זי וואלט געקענט פרעגען דעם נביא וועגען דעם... זי ווייס אבער אז קיינער טאר דערפון יעצט נישט ריידען... איהר פאטער איז נאך נישט אזוי אלט, און זי ווינשט דאס ער זאל נאך לאנג, זעהר לאנג לעבען... איין זאך אבער קען זי נישט פערטראגען, און דאס איז וואס אמנון בערימט זיך פאר יעדען דאס ער וועט ווערען קעניג... ווערט ער אויף אימיצען אין כעס, שרייט ער אויס! "ווארט ווען איך וועל קעניג ווערען וועל איך זיך מיט דיר אפרעכענען"... נישט איין מאל האט ער, זיך וועלענדיג אויספיינען פאר איהר, פערזיכערט אז די מלוכה וועט געהערען צו איהם... זי פלעגט דאן צו איהם א שמייכעל טהאן און זאגען: "איך האף אז דו וועסט זיין נישט קיין ערגערער קעניג פון אונזער פאטער, איך האף אויך אז עס וועט נאך דויערען פיעלע יאהרען, ביז וואנען דו וועסט קענען ארויפשטייגען דעם טראהן"...

גרויס איז געווען תמר'ס ליעבע און גינציגקייט צו איהר פאטער... זי האט ליעב געהאט צו הערען זיין שפיעלען און זינגען... זי האט איהר פאטער בעטראכט אלס מוסטערמאן אין איהרע ראמאנטישע חלומות האט זי געזעהן איינעם וועלכער קען זיך פערגלייכען צו איהר פאטער, ווען זי האט זעהר שטארק פערעהרליכט און פערגעטערט... איהר גרעסטער פערגעניגען איז געווען אריינצוקומען צו איהר פאטער אין צימער ווען ער פלעגט שפיעלען אויף זיין הארפע, זינגענדיג דאבייּ זיינע וואונדערשעהנע פאעטישע מזמורים... תמר האט זיי כמעט אלע געקענט אויסענווענדיג... ווען זי אליין איז געווען פלעגט זי שטילערהייט פאר זיך מורמלען די מזמורים... און ווען זי פלעגט זיך בעגעגענען מיט איהרע פריינדינעס, פלעגט זי פאר זיי איבערזינגען דוד'ס מזמורים... זי האט

זיך אויך אויסגעלערענט שפּיעלען אויף דער האַרפע און נישט איינמאָל האָט זי איבערגעשפּיעלט דוד'ס שירים.

גלייך נאָכדעם ווי אמנון איז אוועקגעגאַנגען פון זיין חבר יונדב, האָט ער זיך אוועקגעלעגט אין זיין בעט... די דינער האָבען זיך גלייך דערשראָקען און איהם געפרעגט די אורזאַכע.

— איך בין קראַנק האָט אמנון זיי געענטפערט מיט א שוואַכע שטימע — איך מוז האָבען רוה, און איך בעט אייך קיינעם וועגען דעם נישט דערצעהלען ווייל איך וויל אז קיינער זאָל מיר נישט קומען שטערען...

ווען אמנון איז נישט געקומען צום מאָלצייט, האָט דוד געפרעגט אמנון'ס דינער די אורזאַכע.

— אמנון איז קראַנק אין בעט! — האָט א דינער געזאָגט צו דוד'ן.

— פאַרוואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט וועגען דעם? — האָט דוד געפרעגט מיט אויפרעגונג — האָסטו דען געדאַרפט וואַרטען ביז וואַנען איך וועל דיר פרעגען!

— אמנון האָט אונז געבעטען קיינעם וועגען דעם נישט דערצעהלען — האָט דער דינער געזאָגט — וואַהרשיינליך האָט ער נישט געוואָלט אז אונזער האַר קעניג זאָל זיך מצער זיין דערפון.

דוד, וועלכער איז געווען א הייסער און איבערגעבענער פאָטער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, ווען ער האָט דערהערט אז זיין בכור איז קראַנק... פאַר זיינע אויגען האָט נאָך געשוועבט דאָס קרענקליכע פנים פון זיין נישט לאַנג פערשטאָרבענעם קינד... זאָל עס זיין אז גאָט זוכט מיר ווייטער צו שטראָפען?

— האָט ער זיך א טראַכט געטהאָן און געאיילט צו אמנון'ס צימער.

— וואָס איז מיט דיר מיין זוהן? — האָט דוד איהם א פרעג געטהאָן — ביזטו דען קראַנק?

— איך פיהל עפּעס נישט אזוי גוט — האָט אמנון געענטפערט.

— איך וועל גלייך שיקען רופען דעם רופא — האָט דוד געזאָגט און זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ.

— א ניין, פאָטער, עס וועט איבערגעהן, איך פיהל זיך בלויז עטוואָס אפּגעשוואַכט.

— דו האָסט דעם גאַנצען טאָג נישט געגעסען, אמנון, איך וועל הייסען עפּעס צוגרייטען פאַר דיר...

— די איינציגע זאַך וואָס איך וואָלט יעצט געגעסען — האָט אמנון געזאָגט איז אפּאָר קיכעלעך ווי תמר מאַכט עס... קיין אנדער זאַך שמעקט מיר יעצט נישט... אויב עס וואָלט נישט געווען צו שווער פאַר תמר'ן וואָלט איך פאַרלאַנגט אז זי זאָל קומען און צוגרייטען די קיכעלעך פאַר מיינע אויגען און אז זי וועט זיי מיר דערלאַנגען וועל איך זיי עסען...

— דיין שוועסטער וועט זיין זעהר צופריעדען דאָס צו טהאָן פאַר דיר — האָט דוד געזאָגט — איך וועל איהר גלייך שיקען צו דיר.

דוד איז אַרויס פון אמנון'ס צימער און ער האָט געשיקט רופען תמר'ן און צו איהר געזאָגט:

— דיין ברודער אמנון איז קראַנק, ער האָט נאָך גאָרנישט געגעסען... ער

האט מיר געזאגט אז די קיכעלעך וואס דו מאכסט האט ער זעהר ליעב און גראדע האט עם איהם יעצט פארשמעקט, געה מיין טאכטער אריין צו אמנון און מאך די קיכעלעך פאר זיינע אויגען, כדי ער זאל צוריקקריגען זיין אפעטיט.

תמר האט געטהאן ווי איהר פאטער האט איהר געהייסען. זי האט געבראכט מעהל און כלים אין אמנון'ס צימער און האט פערקנאטען די מעהל פאר אמנון'ס אויגען.

ווען די קיכלעך זיינען פארטיג געווארען האט תמר צוגערופען דעם משרת און איהם געהייסען זיי צוטראגען צו אמנון.

דער משרת האט אמנון דערלאנגט די קיכלעך אבער ער האט נישט געוואלט עסען.

— מיר עקעלט צו עסען פון דיינע הענד! — האט ער זיך אפגערופען צום משרת מיט כעס — איהר געהט אלע ארויס פון מיין צימער, אייער אנוועזענהייט רעגט מיר בלויז אויף... זאל מיר תמר אליין דערלאנגען דאס עסען...

אלע משרתים זיינען צושראקענע ארויס פון זיין צימער און אמנון האט זיך אפגערופען צו תמר'ן.

— ברייננ מיר, מיין שוועסטער די קיכלעך און איך וועל עסען פון דיינע הענד... איך קען מיינע קנעכט נישט ליידען זייער אנוועזענהייט שטערט מיין רוה...

תמר האט צוגעטראגען די קיכלעך צום בעט און איהם זיי דערלאנגט.

— זעץ זיך דא נעבען מיר, אויף'ן בעט — האט אמנון געזאגט — מיר איז שווער זיך אויפצוהויבען.

ווען תמר האט זיך גאר אוועקגעזעצט נעבען איהם, אזוי האט זיך אמנון אויפגעהויבען פון זיין בעט, איהר ארומגענומען און איהר גענומען קושען און האלדזען...

— אמנון! אמנון! וואס טהוסטו?! — האט תמר א דערשראקענע זיך אפגערופען.

— א תמר, איך ליעב דיר, איך האב דיר ליעב מעהר פון אלעס אין דער וועלט...

— אבער וואס רעדסטו, אמנון, איך בין דאך דיין שוועסטער טו ווי אזוי קענסטו גאר טראכטען וועגען אזא זאך!

— אבער איך ליעב דיר, תמר ביז אונזין — האט איהר אמנון נאך פעסטער געדריקט צו זיך...

— אבער דו האסט קיין רעכט נישט מיט מיר זיך אזוי צו בעגעהן — האט זי זיך גענומען בעטען ביי איהם און זיך פרובירט ארויסרייסען פון זיינע הענד.

אמנון האט איהר אבער געהאלטען שטארק איינגעקלאמערט אין זיינע ארעמס.

— שרה, אונזער מוטער האט אויך חתונה געהאט מיט אברהם'ן כאטש זי איז געווען זיין שוועסטער פון איין פאטער אבער נישט פון איין מוטער, פונקט ווי מירביידע? איך האב אויך א רעכט צו פאדערען דיר פאר מיין פרוי. דו ווייסט דאך אז איך וועל זיין קעניג... דו מוזט צושטימען מיין פרוי צו ווערען...

— א איך בעט דיר אמנון לאז מיר אפ! אזעלכע זאכען ווערען נישט גע־

טהאָן אין ישראל! — האָט זיך תמר געגומען ראנגלען...

אמנון האָט איהר אבער נישט אפגעלאזען: ער האָט איהר נאָך מעהר געגומען בעדעקען מיט לײַדענשאפטליכע קושען.

— אַ אמנון, אז דו וועסט מיר גלייך נישט אפלאזען, וועל איך שרייען הויך און אלע וועלען זיך צונויפלויפען... און דאן וועלען אלע וויסען ווי נידער־טרעכטיג דו ביזט.

אמנון האָט מיט זיין האנט איהר מויל פערשטאפט זי זאָל נישט קענען שרייען... תמר האָט זיך מיט אלע איהרע כוחות געראנגעלט — אבער זי איז געווען מאכטלאָז...

— — — — — — — — — — — — —

ווען תמר איז צו זיך געקומען, האָט אמנון מיט כעס איהר פון זיך א שלײַ־דער געטהאָן... ער האָט פלוצלונג געקראָגען צו איהר אזא גרויסע שנאה, וואס איז געווען נאָך שטארקער און גרעסער פאר דער ליעבע וואס ער האָט נאָר וואס צו איהר געהאַט.

— ארויס פון מיין צימער! — האָט אמנון געשטורעמט — איך קען מעהר אויף דיין פנים נישט קוקען!

— אמנון, — האָט תמר געיאָמערט — וואוהין וועל איך יעצט געהן מיט מיין שאנדע...

— געה אוועק פון מיינע אויגען! — האָט אמנון א טופע געטהאָן מיט די פיס — איך האָס דיר! איך וויל דיר מעהר נישט אנקוקען! געה וואס שנעלער ארויס פון דאנען, אויב נישט וועל איך רופען מיינע דינער און זיי וועלען דיך פון דאנען ארויסשלײַדערען!...

— א איך בעט דיר אמנון — האָט תמר געוויינט — ווי אזוי וועל איך יעצט קענען ארויסגעהן אין אזא צושטאנד... מיינע האר זיינען צעוואָרפען... דיין יעצטיגע גרויזאמע האנדלונג צו מיר איז נאָך ערגער און שרעקליכער פון דיין פריהערדיגע! דו האָסט מיר אומגליקליך געמאכט און יעצט ווילסטו מיר פון זיך פערטרייבען!...

— פאר דעם לעצטען מאָל זאָג איך דיר דו זאָלסט ארויס פון מיין צימער!

— האָט אמנון אויסגעשריען מיט ביטערנים — דיין אנוועזענהייט עקעלט מיר!

— תמר האָט פערדעקט איהר פנים מיט די הענט און געוויינט, אבער זי האָט זיך נישט גערירט פון איהר פלאַץ.

אמנון'ס כעס איז געוואָרען נאָך שטארקער. ער האָט געדריקט מיט זיין פויסט און געקריצט מיט די ציינער, און ווען ער האָט געזעהן אז תמר פאלגט איהם נישט, האָט ער ארייגגערופען זיין דיענער און אנצייגענדיג מיט דעם פינגער אויף תמר'ן, האָט ער באפוילען:

— טרייב איהר ארויס פון מיין צימער און פערשליס די טיהר הינטער איהר!

דער דיענער איז געבליבען שטעהן א צוטומעלטער און נישט געוואוסט וואס צו טהאָן...

תמר'ס יאָמער'ן האָט זיך נאָך מעהר פערשטארקט. דער אומפערשעהמטער

אמנון האט דאך געוואגט ארייגצורופען זיין דינער און אונטערוואַרפען איהר עפענטליך צו אזא שאנדע...

— וואס שטעהסטו, דו גולם! — האט אמנון א דונער געטהאן אויף זיין דינער — ווארף איהר ארויס, און וואס שנעלער!

דער דינער איז צוגעגאנגען צו תמר׳ן, זיינע הענט און פיס האבען געציטערט, ער האט איהר לייכט אנגעריהרט...

מיט ארונטערגעבויגענעם קאפּ איז תמר ארויס פון אמנון׳ס צימער. דער דיענער האט גלייך פערשלאָסען די טיהר הינטער איהר...

ווי תמר איז נאר ארויס אין דרויסען — האט זי גענומען שרייען און וויינען, זי האט זיך געריסען די האר פון איהר קאפּ...

באלד האט זיך דער גאנצער פּאלאץ דערפון דערוואוסט... אבשלום איז צוגעלאפען צו זיין שוועסטער א בלאסער און א דערשראָקענער:

— וואס האט פּאסירט, מיין שוועסטער, האט ער איהר פּרובירט בערוהיגען.

— אמנון האט מיר אומגליקליך געמאכט — האט זי געיאמערט... אבשלום האט איהר גלייך ארייגעפיהרט צו זייער מוטער, מעכה, וועלכע האט אויך אויסגעבראָכען אין א טרויעריגען געוויין איבער דעם אומגליק פון איהר טאכטער.

— נקמה וועל איך פון איהם נעהמען! מיט זיין בלוט וועט ער בעצאהלען פאר דעם כבוד פון מיין שוועסטער! — האט אבשלום אויפגעהויבען זיין רעכטע האנט — איך שווער ביי גאט אז נאר מיט אמנון׳ס בלוט וועל איך אפּוואשען דעם פלעק פון מיין שוועסטער.

— מיין זוהן, זיי זעהר פּארזיכטיג — האט איהם מעכה געדריקט צו זיך, דו שטעלסט איין דיין לעבען אין סכנה!

— דאס וועט איהם אבער נישט פערשוויגען ווערען, מוטער — האט אבשלום אויסגערופען.

זעהר נידערשלאַגען און בעטריעבט האט זיך דוד געפיהלט ווען ער האט דערהערט וואס עס האט פּאסירט צווישען אמנון און תמר...

— דאס איז א שטראָף פון גאט! — האט ער טרויעריג געטראכט — מיינע זינד האט נאך גאט מיר נישט אין גאנצען מוחל געוועזן... — איך אליין בין דער שליח געוועזן... איך האב געזאלט גלייך פערשטעהן דאס וואס אמנון פערלאנגט אז תמר זאָל קומען צו איהם און מאכען עסען, איז ער עפּעס אויסען דאמיט... ער האט זיך געמאכט קראנק, מיין אומווירדיגער זוהן, און מיר ארייגענארט איך זאָל איהם צושיקען תמר׳ן... און יעצט וועט ער איהם דען קענען בעשטראָפען פאר זיין זינד! ער וועט דאך איהם אויפוואַרפען אויף זיין אייגענע זינד...

דוד׳ס כעס האט געברענט אויף אמנון, אבער ער האט איהם גארנישט געטהאן... ער האט בלויז אנגעזאגט דאס אמנון זאָל זיך מעהר נישט בעווייזען פאר זיינע אויגען.

דאס האט אבשלום׳ן נאך מעהר אויפגערעגט... און ער האט בעשלאָסען אויפצוזוכען א גוטע געלעגענהייט און צו טויטען אמנון... דערווייילע אבער, האט ער מיט אמנון גארנישט גערעדט פון דער פּאסירונג. און מיט איינינגע טעג שפּעטער האט ער זאָגאר אָנגעפאנגען מיט איהם צו ריידען, אזוי ווי גארנישט האט

פאסירט... דאס האט אבשלום געטהאן כדי אמנון זאל זיך נישט אויסהיטען פון איהם... אבער ווען ער פלעגט זיין עלטערען ברודער דערזעהן, פלעגט זיין בלוט אין איהם אויפזידען... אבער ער פלעגט זיך בעהערשען און ערשיינען פאר אמנון אזוי ווי ער איז גלייכגילטיג צו דער גאנצער זאך...

דריי און דרייסיגטער קאפיטעל

די נקמה

זינט דער סקאנדאל מיט תמר'ן, האט אמנון פערלארען זיין חן אין אלעמען'ס אויגען. קלאנגען זיינען ארומגעגאנגען אין פאלאץ אז דוד האט יעצט אוועקגענומען די מלוכה רעכט פון אמנו'ן און אבשלומ'ן געמאכט פאר זיין יורש... קיינער אבער האט די קלאנגען נישט געקענט בעשטעטיגען ווייל דער קעניג האט וועגען דעם גארנישט געוואלטריידען.

מעכה די מוטער פון אבשלום'ן און תמר'ן, האט נאך מעהר געזוכט צו פארשפרייטען דיזע קלאנגען... זי האט געזעהן אז דוד איז שטארק אויפגעבראכט געגען זיין בכור, און האט איהם ארויסגעשיקט פון פאלאץ... ער וויל מיט איהם נישט ריידען און אפילו זיין פנים נישט אנקוקען... יעצט אז איהר זוהן, אבשלום זאל וויסען ווי אזוי צו האנדלען, וועט דוד איהם זיכער איבערגעבען די מלוכה... דאס איז געווען איהר איינציגער טרייסט אין דעם גרויסען אומגליק פון איהר טאכטער... איהר כעס און אויפרעגונג וועגען אמנון'ען איז אבער אויף א האר נישט געמינערט געווארען... און ווען זי פלעגט ריידען מיט אבשלום'ן וועגען דעם האבען זיך אין איהרע אויגען אנגעצונדען א פייערל פון האס און נקמה... זי האט געקריצט מיט די ציינער און געפלוכט דעם קעניג'ס בכור, ביז וואנען אבשלום איז נאך מעהר אויפגערייצט געווארען און האט נאך אמאל געשווארען צו טויטען זיין ברודער.

— ניין, מיין זוהן דו דארפסט עס יעצט נישט טהאן — האט איהם מעכה געזאגט — ווען דו זאלסט יעצט טויטען אמנון'ען, וועסטו ווי גערעכט דו זאלסט נישט זיין, פעררעכענט ווערען פאר א מערדער, און דאס קען דיר נאך שאדען צו דער מלוכה... עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אז אמנון האט יעצט פערלארען יעדען שאנס צו ווערען קעניג...

— אבער מוטער, כל זמן איך וועל נישט אויספיהרען מיין נקמה פלאן וועט דער כבוד פון מיין שוועסטער נאך אלץ זיין פערשוועכט — איך האב געשווארען אז אמנון וועט פאר דעם מיט זיין לעבען בעצאהלען און איך וועל מיין שבועה האלטען.

— ווען דו וועסט אבער וויסען, מיין זוהן ווי איינצוהאלטען דיין כעס און זיין פארזיכטיג, וועסטו קענען דיין נקמה פלאן אלץ איינם אויספיהרען... עס איז דאך יעצט ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט אז דו וועסט ווערען קעניג נאך דוד'ן, און אלס קעניג וועסטו זיך דאן קענען אפרעכענען מיט אמנון'ען און איהם טויטען...

— א, מיין ליעבע מוטער! — האט אבשלום אויסגערופען — ביז דאן

װעלען נאָך פיהלע יאהרען פאריבער. און װער װייס צו װעט זיין זינד נישט פערגעבען װערען ביז יענער צייט, און ער אליין װעט נאָך װערען קעניג... װעל איך זיך דאַן קענען מיט איהם אפּרעכענען?... װען איך גיעב בלויז א קוק אויף מיין ליעבע שװעסטער... װען איך זעה איהר טרויעריגען פּנים און די אויסגע־לאָשענע ליכט פון איהר אימער שטראהלענדע אויגען, װען איך הער איהר זיפצען און יאמערען... קען איך דען דאַן בעהערשען מיינע געפיהלען פון נקמה צו אמנון׳ען?... מיין פרעהליכע לוסטיגע שװעסטער דאַרף נישט טרויערען און קלאָ־גען אויף איהר כבוד װאס איז פערשװעכט געװארען אויף אזא ברוטאלישען און נידערטרעכטיגען אופן... נײן, מוטער, איך װעל דאָס נישט פערשװייגען! ער האָט דערפאר פערדיענט דעם טויט און ער װעט עס אין גיכען קריגען־...

— זיי פארזיכטיג מיין זוהן, זיי זעהר פארזיכטיג! זעה ברײנג נישט אויף זיך קיין גרעסערען אומגליק...

אבשלום האָט זיין מוטער׳ס װארנונג נישט געהערט, ער האָט זיין פּלאַן פון נקמה נישט אויפגעגעבען און געזוכט א געלעגענהייט װי אזוי עס אויס־צופיהרען...

אפּגעזונדערט פון אלע ברידער האָט זיך אמנון יעצט אויפגעהאלטען. אין א בעזונדערע הויז. נישט װייט פון פּאלאַץ האָט אמנון געװאהנט צוזאמען מיט זיין מוטער, זיין איינציגער פערבליבענער פריינד...

אחינועם, אמנון׳ס מוטער האָט פערדעכטיג אז אבשלום װעט זוכען נקמה צו נעהמען פאר זיין שװעסטער און האָט דעריבער פערלאַנגט פון דעם קעניג ער זאָל בעשטימען עטליכע גבורים אלס װאך ארום איהר הויז... די ערשטע צייט האָט זיך אמנון זעלטען בעװיזען אין דרויסען, װען אבער איניגע װאָכען זיינען פאריבער איז אמנון שוין דרייסטער געװארען און איז ארויס אין גאס... אבער װייטער פון זיין הויז איז ער נישט אװעק... דאָך האָט ער מיט קיינעם נישט גערעדט... ער האָט געהאסט יעדען איינעם און אפילו מיט זיין בעסטען פריינד, יונדב האָט אמנון נישט גערעדט... ער איז אויף איהם זעהר בייז געװען פאר דער עצה װאס ער האָט איהם געגעבען װעגען תמר׳ן... װען נישט יונדב — האָט ער זיך געטראכט װאלט עס קיינמאָל נישט געקומען צו אזא מיאוס׳ן סקאנדאל...

יונדב׳ס פריינדשאפט צו אמנון׳ען איז אויך אפּגעקיהלט געװארען, ער, דער דורכגעטריבענער יונדב האָט גלייך געזעהן אז אמנון האָט פערלאָרען זיין חן אין אלעמענס אויגען... ער האָט פערשטאנען אז מיט זיין לעצטען שענדליכען טהאט האָט אמנון פערשפּיעלט די מלוכה... ער איז אויך געװען זיכער אז אבשלום װעט זיין דער יורש פון דוד׳ס טראהן... און ער האָט געזוכט בעפריינדעט צו װערען מיט אבשלומ׳ן, און װען ער האָט איהם איינמאָל געטראָפען נעבען פּאלאַץ האָט ער זיך פאר איהם פערנויגט און געזאָגט:

— איך בין אזוי ערשיטערט און אויפגערעגט פון דעם גרויזאמען טהאט פון אמנון אז איך האָב בעשלאָסען זיך מעהר נישט צו חבר׳ן מיט איהם...

אבשלום האָט אויף איהם א קוק געטהאָן, װי ער װאָלט װעלען אויספאָרשען די ריכטיגקייט און ערנסטקייט פון זיינע רייד... דאָך האָט ער באשלאָסען זיך

נישט ארויסצייגען פאר יונדב'ן ווי גרויס און שטארק איז זיין שנאה צו אמנון'ען כדי ער זאָל איהם נישט חושד זיין דאָס ער טראָגט זיך ארום מיט א נקמה פלאן...

— אויב אמנון האָט געזינדיגט זאָל איהם גאָט דערפאר בעשטראָפען — האָט זיך אבשלום נעלאָסען געזאָגט — איך האָף אז די צייט וועט אלעס פערהיילען.

יונדב איז געווען איבערראשט צו הערען אזא ענטפער פון אבשלום... זאָל עס זיין דאָס ער טראָגט נישט מעהר קיין שנאה צו זיין ברודער... עס איז נאָך גאָר מעגליך אז מיט דער צייט וועט אלעס פערגעסען ווערען און דער קעניג וועט אמנון'ען מוחל זיין און איהם צוריק מאכען פאר דעם יורש פון זיין טראָהן... יע, ער וועט מוזען אנהאַלטען זיין פריינדשאַפט צו איהם... ער וועט איהם יעצט איבערגעבען ווי אבשלום פיהלט וועגען איהם און דאָס וועט אמנון'ען זיכער ערפרעהען...

ער איז גלייך אוועק צו אמנון'ען. די וועכטער וועלכע האָבען געוואַכט זיין הויז, האָבען איהם נישט געוואָלט ארייןלאָזען.

— געה זאָג דיין האר אז זיין פריינד, יונדב וויל זיך זעהן מיט איהם — האָט ער זיך אפגערופען צו איינעם פון די וועכטער.

— דער וועכטער איז אריין אין הויז און געמאָלדען אמנון'ען וועגען יונדב'ן.

— איך וויל איהם נישט זעהן! — האָט אמנון זיך אפגערופען צו זיין מוטער — איך האָס איהם, ווייל ער האָט מיר אנגערעדט צו האַנדלען אזוי נאריש מיט תמר'ן... ער האָט מיר נאָך פערזיכערט אז עס איז נישט געגען די געזעצען פון אונזער תורה צו טהאָן אזא זאַך, און אברהם האָט אויך געהייראַט מיט שרה'ן וועלכע איז געווען זיין האַלבע שוועסטער...

— וואָס... — האָט אחינעם אויסגערופען מיט צאָרן — ער, דיין בעסטער פריינד האָט דיר צוגערעדט צו אזא זאַך! איך וועל שוין זעהן אז ער זאָל בעקומען א שטראָף אנשטאָט דיר! איך וועל איהם הייסען אריינקומען און איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען!...

— א מוטער, איך בעט דיר רוף איהם נישט אריין אהער איך קען אויף איהם נישט קוקען.

— דו געה אריין אין צווייטען צימער — האָט אחינעם געזאָגט און איז ארוים אין דרויסען.

— לאָזט איהם אריין! — האָט זי בעפוילען די וועכטער.

ווען יונדב איז אריין געקומען אין הויז, האָט ער איהר גלייך געפרעגט וואו איז אמנון.

— זעץ זיך. — האָט איהם אחינעם אנגעוויזען אויף א שטוהל יונדב האָט זיך געזעצט און האָט א קוק געטהאָן אויף אמנון'ס מוטער מיט פערדאַכט: עפּעס איז איהם נישט געפעלען איהר שטימע...

— איך האָב דיר איבערצו געהאַלטען פאר מיין זוהן'ס בעסטען פריינד — האָט אחינעם זיך אפגערופען און צום סוף האָסטו איהם פערראַטען.

דאָס בלוט האָט יונדב'ן א זעץ געטהאָן אין פנים; ווי אזוי האָט זי זיך אזוי שנעל דערוואוסט אז ער האָט גערעדט מיט אבשלום — האָט ער זיך געוואונדערט, און זיך גלייך אפגערופען:

— מיין הארינטע האָט זיך מסתמא צוגעהערט צו פאַלשע און בייזע צינגער און דעריבער בעשולדיגט זי מיר אין אזא שענדליכע זאַך...

— מיין זוהן׳ס צונג אזוי נישט פאַלש און נישט בייז! — האָט אחינעם געענטפערט מיט כעס — ער האָט מיר וועגען דיין פאַלשקייט דערצעהלט.

— אבער מיין הארינטע, איך שווער אז איך בין אומשולדיג! איך האָב אבשלום׳ען גארנישט געזאָגט, איך בין אהער געקומען איבערגעבען מיין פריינד, אמנון די ווערטער וואס איך האָב געהערט פון אבשלום׳ן.

— און דו וואגסט נאָך צו רופען מיין זוהן, דיין פריינד! — האָט אחינעם געזאָגט -- איך וויל נישט וויסען צוליעב וואס דו ביזט יעצט געקומען, אבער אז דו האָסט געקענט צוריידען אמנון צו בעגעהן אזא נארישקייט מיט תמר׳ן, דען ביזטו נישט זיין פריינד...

— האָב איך איהם דען דערצו אנגערעדט! — האָט יונדב אויסגערופען מיט ערשטוינונג — ער איז געווען אין גרויס פערלעגענהייט און פערצווייפלונג ער איז ארומגעגאנגען טרויעריג און נידערשלאָגען און איך האָב זיך דערשראָקען דאָס ער זאָל נישט קראנק ווערען, האָב איך איהם דאן געפרעגט ער זאָל מיר זאָגען וואס איז די אורזאכע פון זיין צער... ער האָט מיר דערצעהלט אז ער ליעבט תמר׳ן און דאָס ער ווייס נישט פון קיין אויסוועג... ער האָט ביי מיר גע־פרעגט אן עצה... דאן האָב איך איהם דערצעהלט וועגען אברהם און שרה, גלוי־בענדיג אז ער וועט וועלען הייראטען מיט תמר׳ן, האָב איך דען געזאָלט וויסען אז ער וועט תמר׳ן אזוי שנעל פיינט קריגען דאָס ער וועט איהר אפילו נישט וועלען אנקוקען.

— איך האָב דיר אבער פון תמיד אן געהאלטען פאַר א קלוגען, דו האָסט דאָך געקענט פאראויסזעהן צו וואָס דאָס וועט פיהרען, און אויב דו ביזט געווען זיין ריכטיגער פריינד, האָסטו דאָך איהם געדארפט דערפון אפריידען, און אנ־אנשטאט דעם האָסטו איהם נאָך דערצו געהאָלפען מיט דיינע עצות, — האָט אחינעם געזאָגט.

— ווען איך וואָלט איהם דאן פרובירט אפריידען דערפון, וואלט ער מיר זיכער געטויטעט — האָט יונדב זיך ענטשולדיגט — איך האָב געמיינט אז ער וועט מיט תמר׳ן פריהער זיך דורכריידען און וועט אויך קריגען די צושטימונג פון דעם קעניג... אָבער לויט ווי איך האָב געהערט פון אבשלום׳ן וועט די זאַך שנעל פערגעסען ווערען...

— וואָס האָט אבשלום מיט דיר גערעדט? — האָט אחינעם געפערגט.

— איך האָב היינט בעגעגנט אבשלום׳ן און זיך מיט איהם דורכגערעדט... איך האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן אז אמנון האָט קיין שלעכטעס נישט געמיינט, און עס טוט איהם זעהר לייד פאַר אלעס וואס האָט פאסירט...

— און וואס האָט אבשלום דיר געזאגט? — איז אחינעם אומגעדולדיג געווארען.

— דאָס וואָס איך האָב פון אבשלום׳ן געהערט בין איך טאקע געקומען זאָגען מיין חבר — האָט יונדב געענטפערט — איך בין געווען זעהר צופריעדען מיט זיינע רייד און יעצט בין איך איבערצייגט אז עס וועט ווידער הערשען פריעדען צווישען אבשלום און אמנון...

— גוט. ווארט דו א ווײלע און איך װעל ארײנרופען מײן זוהן און זאל ער אויך הערען פון דײן מויל די ווערטער פון זײן ברודער... ווײל, פארשטעהסטו, אמנון איז אין שרעק אבשלום זאל זיך אן איהם נישט נוקם זײן פאר זײן שוועסטער.

אחינעם האט ארויסגערופען איהר זוהן פון צווייטען צימער. אמנון איז ארוים מיט א צארנדען פנים און האט אפילו זײן פרײנד נישט געוואלט בעגריסען...

— מײן זוהן, דײן פרײנד האט נאר וואס גערעדט מיט אבשלום׳ן און ער גלויבט אז אלעם וועט זיך ענדיגען בשלום... הער זיך צו און ער וועט אונז דער־צעהלען וואס אבשלום האט מיט איהם גערעדט וועגען דיר...

— מיר ארט נישט וואס אבשלום האט וועגען מיר גערעדט האט אמנון ארויסגערופען מיט כעס — איך האב פאר איהם קיין מורא נישט...

— דאך, מײן זוהן, וועט זײן בעסער פאר דיר און פאר אונז אלעמען ווען די זאך וועט אויסגעגליכען ווערען מיט שלום... און ווי איך פערשטעה ברײנגט יונדב יעצט צו דיר ווערטער פון שלום, וועסטו זיך דען צו איהם נישט צוהערען?

אמנון האט אויפגעהויבען זײן קאפ און האט געזאגט:

— נו גוט זאג מיר וואס האט אבשלום מיט דיר גערעדט וועגען מיר?

— אבשלום האט מיר געזאגט דאס ער טראגט אויף דיר נישט קײן כעס און דאס ער האפט אז די צײט וועט אלעם פערהײלען.

— אזוי האט אבשלום מיט דיר גערעדט?! — האט אמנון מיט א פער־בארגענע פרייד געזאגט — אויב ער וועט מיט מיר אנפאנגען רײדען וועל איך וויסען אז ער האט עס געמײנט...

— ווי אזוי קען ער מיט דיר רײדען, ווען דו זיצסט טאג און נאכט אין הויז און געהסט נישט ארוים אין דרויסען! — האט אחינעם געזאגט — פרוביר ארויסגעהן היינט, מיט דײן פרײנד, וועסטו זיך דאן קענען איבערצײגען...

אחינעם האט זעהר שטארק געוואלט אז שלום זאל הערשען צווישען איהר זוהן און אבשלום, ערשטענס האט זי פשוט מורא געהאט פאר אבשלום׳ס נקמה, און ווידער האט זי געוואוסט אז דוד איז זעהר אויפגעבראכט אויף אמנון, און צוליעב איהם איז ער אויך אויף איהר אין כעס, און אויב עס וועט באלד נישט ווערען קײן שלום וועט זיך די שנאה און האס מעהר צופלאקערען און פון דעם וועט קײן גוטעס נישט ארויסקומען... אמנון קען נאך דאן פערלירען יעדען אויסזיכט צו ירשנ׳ען די קרוין...

יענעם טאג איז אמנון ארוים פאר א שפאציר מיט יונדב׳ן אין דעם קעניג־ליכען גארטען... פון וויטען האבען זײ דערזעהן אבשלום׳ען.

— לאמיר איהם געהן ענטקעגען — האט זיך יונדב אפגערופען צו אמנון — מיר וועלען איהם בעגריסען און זעהן ווי ער וועט האנדלען געגען אונז...

ווען אבשלום האט בעמערקט אמנון, האט זײן בלוט אין איהם אנגעפאנגען זידען... א ווען ער קען איהם יעצט דא אויף אן ארט צו טויט דערשלאגען... באלד אבער האט ער זיך בערעכענט אז עס וועט זײן פאר איהם א סך גרינגער אויסצופיהרען זײן נקמה־פלאן, ווען אמנון וועט איהם נישט חושד זײן און וועט

זיך פון איהם נישט אויסהיטען... דעריבער איז ער זיי ענטקעגען געקומען און מיט א געצוואונגענעם שמייכעל זיך בעגריסט מיט זיין ברודער...

א ווייל האבען זיי זיך אפגעשטעלט און גערעדט ווי עס וואלט גארנישט געשעהן, זיי האבען גערעדט וועגען זייערע פערד און וועגען אנדערע קלייניגקייטען.

אמנון האט זיך א צופריעדענער צוריקגעקעהרט אהיים, און נאך מעהר צופריעדען איז זיין מוטער געווען ווען זי האט זיך דערוואוסט אז אבשלום האט גערעדט מיט איהר זוהן, און אז זיין כעס האט זיך איינגעשטילט... אין עטליכע וואכען ארום וועט וואהרשיינליך אלעס פערגעסען ווערען — האט זי זיך געטראכט — ווי עס ווייזט אויס וועלען קיין שלעכטע פאלגען נישט זיין צו תמר'ן...

אבשלום אבער איז נאך זיין בעגעגניש מיט אמנון, געווען מעהר אויפגעבראכט און אויפגערעגט... ווי אומפערשעהמט ער האט זיך נאך מיט איהם בעגריסט און גערעדט ווי ער וואלט גארנישט געהאט געטהאן צו זיין שוועסטער... אמנון דענקט אודאי אז ער האט שוין פערגעסען די גרויסע בעליידיגונג פון תמר'ן... זיין כעס האט אין איהם נאך מעהר געברענט און דאס פייער פון נקמה האט זיך אין איהם נאך שטארקער צופלאקערט... יע, ער וועט ווארטען ביז א געלעגענהייט און דאן, ווען ער וועט זיך פון איהם מעהר נישט אויסהיטען, וועט ער איהם טויטען...

צוויי יאהר צייט זיינען פערלאפען זינט דאן און אבשלום האט זיך דיא גאנצע צייט געהאלטען אזוי אז אמנון האט שוין געהאט פולען צוטרויען צו איהם...

עס איז געווען פריהלינג צייט און אבשלום האט בעשטימט א יום טוב וואך פון שערען די וואל פון זיינע שאף. ער איז אוועק צו זיין פאטער און זיך פערנייגענדיג פאר איהם האט ער זיך אפגערופען:

— היינטיגע וואך שערט מען מיינע שאף אין בעל הצור און איך האב בעשטימט די וואך פאר א יום טוב וואך. איך וויל פייערען דיזען יום טוב מיט א גרויסען מאלצייט, דעריבער וואלט איך וועלען אויב עס איז נישט שווער פאר מיין הער קעניג אנוועזענד צו זיין אויף מיין מאלצייט, ווייל דאס וועט מיין שמחה פערגרעסערען.

— זיי געבענשט מיין ליעבער זוהן און זאל גאט געבען אז דו זאלסט פייערען דיינע שמחות יעדען יאהר, אבער צום בעדויערען וועל איך זיך נישט קענען בעטהייליגען אין דיין יעצטיגען יום טוב, ווייל פאר מיר איז שווער צו פערלאזען דעם פאלאץ צו דער יעצטיגער צייט.

— אויב אזוי זאלען אלע מיינע ברידער זיך קומען בעטהייליגען אין מיין שמחה, און אויך אמנון צווישען זיי...

— די ברידער וועלען מיטפאהרען מיט דיר אבער נישט אמנון...

— צווישען אונז הערשט שוין לאנג שלום! — האט אבשלום זיך אפגערופען — יעצט וועט פאר אונז אלעמען זיין א געלעגענהייט צו פערשטארקען אונזער שלום אויף מיין שמחה...

— גוט ! — האָט דוד געענטפערט איך וועל איהם הייסען אויך מיטפּאח־רען מיט דיר.

אבשלום האָט זיך פערנייגט, איהם בעדאַנקט און איז א צופריעדענער ארויס פון פּאַלאַץ... זיין פּלאַן ארבייט אויסגעצייכענט... ער האָט בכיון איינגע־לאַדען אויך זיין פאָטער כדי ער זאָל איהם אין קיין זאך נישט חושד זיין... און דערוויייל איהם צו זאָגען צו שיקען אמנון׳ען מיט איהם אין בעל חצור... פון דאָרטען וועט איהם זיין גרינג צו אַנטלויפען צו זיין זיידען תלמי דער קעניג פון גשור... און ער וועט דאָרטען פערבלייבען ביז וואַנען דער כעס פון זיין פאָטער וועט איינגעשטילט ווערען...

דוד האָט געשיקט רופען אמנון׳ען און צו איהם געזאָגט:

— דיין ברודער אבשלום פייערט זיין יום טוב פון וואָל שערען אין בעל חצור געה בעטהייליג זיך אין זיין שמחה ווייל ער האָט דיר איינגעלאַדען צוזאַ־מען מיט די איבעריגע ברידער.

אמנון איז געווען גליקליך מיט דעם וואָס אבשלום האָט איהם איינגעלאַ־דען... יעצט איז ער זיכער, אז מען האָט שוין פערגעסען וועגען זיין זינד... אבשלום האָט איהם שוין פון לאַנג מוחל געווען און אפילו זיין פאָטער האָט צו איהם יעצט זעהר פריינדליך גערעדט...

— מוטער, — האָט ער זיך אָפּגערופען צו אחינעם — איך האָב א גוטע אורזאַכע צו זיין יעצט זעהר צופריעדען... עס וועט שוין לאַנג נישט נעמען און מיר וועלען שוין ווידער וואָהנען אין פּאַלאַץ ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען... דער פאָטער האָט מיט מיר נאָר וואָס גערעדט און מיר געזאָגט אז אבשלום לאַדעט מיר איין צו בעטהייליגען זיך אין זיין שמחה און צו פייערען מיט איהם צוזאַמען דאָס שערען פון זיינע שאָף אין בעל חצור...

— מיין זוהן ! — האָט אחינעם זיך אָפּגערופען — האָסטו שוין פערשפּראָ־כען דיין פאָטער צו פאָהרען אהין ?

— געוויס, מוטער, דו האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט אז איך דאַרף זעהן צו לעבען בשלום מיט אַלע מיינע ברידער און בפרט מיט אבשלום׳ען...

— אבער מיין האַרץ שרעקט מיר אַזוי, מיין זוהן — האָט אחינעם געזאָגט מיט זאָרג — עס איז אַזוי ווייט... דער קעניג וועט דאָרטען נישט זיין...

— א וועגען דעם דאַרפסטו נישט זאָרגען, מוטער — האָט אמנון געלאַכט — פאָרגעס נישט אז צוויי יאָהר זיינען פאַראיבער זינט יענער געשיכטע און דו האָסט דאָך אַליין געזעהן ווי אבשלום האָט זיך די גאַנצע צייט רוהיג פער־האַלטען צו מיר... מיט זיין יעצטיגען איינלאַדען מיר צו זיין שמחה, צייגט ער אז ער רעכענט זיך מיט מיר ווי מיט די איבריגע ברידער...

— איך האָב אבער מורא, אז תמר וועט זיך דאָרטען אויך געפינען ! — האָט אחינעם זיך אָפּגערופען — און דאַן קען זיכער קומען צו א צוזאַמענשטויס צווישען דיר און אבשלום׳ן ; תמר קען זיך פּלוצלונג נעמען פאַנאַנדערוויינען, ווען זי וועט דיר דערזעהן, און דאָס קען נאָך אויפרייצען און אויפרעגען אבשלום׳ן נעגען דיר, און גאָט ווייס וואָס עס קען דאָרט פּאַסירען...

— איך בין זיכער אז תמר וועט אהין נישט געהן... דורך די צוויי יאָהר

צייט איז זי אין ערגיץ נישט געגאנגען, זי האָט זיך נישט בעטהייליגט אין קיין שמחה, וועט זי זיכער יעצט אויך נישט געהן נאָך בעל חצור...

— דאָך וואָלט איך דיר ראטען דו זאָלסט מיטנעמען מיט דיר דיין פריינד יונדב, ווייל ער איז זעהר קלוג און איהם וועט זיין זעהר גרינג צו פערהיטען א צוזאמענשטויס צווישען דיר און אבשלום'ן...

— איך האָב אויך גערעכענט מיטצונעמען יונדב'ן — האָט אמנון געזאגט — איך וועל איהם טאקע באלד שיקען רופען און מיר וועלען גלייך פאהרען קיין בעל חצור.

— זאָל גאָט זיין מיט דיר, מיין זוהן, און דיר אויסהיטען פון אלע אומגלי־קען — האָט אחינעם געקושט אמנון.

אבשלום האָט מיטגענומען אלע זיינע געטרייע און איבערגעבענע דינער און איז מיט זיי פריהער פון די איבעריגע געסט אוועקגעפאהרען נאָך בעל חצור, זעהן איינארדנען די שמחה ווי געהעריג...

ווען ער איז אנגעקומען דארטען, האָט ער צוגערופען עטליכע פון זיינע טרויענסווערטע דינער און האָט זיך צו זיי אפגערופען:

— איך האָב אייך צו פערטרויען זעהר א וויכטיגע זאך, גיט מיר אייער שבועה אז איהר וועט טהאָן ווי איך וועל אייך הייסען, און אז קיינער פון אייך וועט מיר נישט פערראַטען.

די דינער האָבען אויפגעהויבען זייערע רעכטע הענט און געשווארען.

דאן האָט אבשלום מיט א נידעריגע שטימע געזאגט:

— איהר ווייסט דאָך אלע ווי אזוי אמנון האָט בעהאנדעלט מיין שוועס־טער תמר'ן, ווי ער האָט איהר אומגליקליך געמאכט...

איך האָב געשוואָרען אפצוואשען דעם פלעק פון מיין שוועסטער מיט אמנון'ס בלוט... צוויי יאהר האָב איך געטראָגען א ביטערען האס און א געפיהל פון נקמה אין מיין הארצען... איך האָב אלץ געוואַרט אויף א ריכטיגע געלעגענ־הייט ווי מיין פלאן דורכצופיהרען... די געלעגענהייט איז יעצט געקומען... אמנון, און מיינע איבעריגע ברידער דארפען באלד אנקומען אהער צו בעטהייליגען זיך אין מיין שמחה... ווען אלע וועלען טרינקען דעם וויין, זעהט אז איהר זאָלט נישט פערזוכען קיין וויין, האלט פערבאָרגען אייערע שווערדען אונטער אייערע מאנטלען און ווען איך וועל אויפהויבען מיין בעכער וויין, וועט עס פאר אייך זיין א צייכען ארויפצופאלען אויף אמנון'ען און טויטען איהם מיט אייערע שווערדען...

— וועט זיך דער קעניג מיט אונז נישט זוכען אפצורעכענען פאר דעם טויט פון זיין ערשט־געבארענעם זוהן — האָט איינער פון די דינער געפרעגט.

— איהר האָט דאָך בלויז אויסגעפיהרט מיין בעפעהל — האָט אבשלום געזאגט — די גאנצע שולד וועל איך דאָך טראָגען. דער קעניג וועט אייך גארנישט קענען בעשולדיגען... אחוץ דעם איז מיין פאטער אליין שטארק אויפ־געבראכט געגען אמנון פאר זיין פערברעכען מיט מיין שוועסטער... דאָך אבער

וועל איך זיך די ערשטע צייט מוזען אויסבעהאלטען פון דעם צארן פון דעם קעניג... איך וועל אנטלויפען פאר א קורצע צייט צו מיין זיידען, תלמי, דעם קעניג פון גשור, ער איז מיין מוטער'ס פאטער און וועט זיין העכסט צופריעדען מיר אויפצוהאלטען ביז וואנען מיין פאטער'ס כעס וועט פערשווינדען. און אויב איהר ווילט וועט איהר צוזאמען מיט מיר אנטלויפען אויף דערוויל אין גשור און נאכהער וועלען מיר זיך אלע צוריקקעהרען נאך ירושלים.

— מיר וועלען מיטגעהן מיט דיר, — האט די דיענער געזאגט.

— האלט צוגעגרייט די אייזלען און ווי נאר אמנון וועט זיין טויט וועלען מיר זיך אווייעקזעצען אויף די אייזלען און אנטלויפען נאך גשור. געדענקט מיין צייכען וואס איך וועל אייך געבען, ווי נאר איך וועל אויפהויבען מיין בעכער מיט וויין, זאלט איהר זיך גלייך ארויפווארפען אויף איהם און איהם טויטען...

— מיר וועלען טהאן ווי אונזער האר האט אונז פערזאגט — האבען די דינער אויסגערופען.

יעדער פון זיי האט בעהאלטען זיין שווערד הינטער זיין מאנטעל. זיי האָבען אנגעזאטעלט די אייזלען וועלכע זיינען געשטאנען לייכט צוגעבונדען צו די בוימער...

די טישען אונטערן פרייען הימעל זיינען געווען געגרייט פון כל טוב, ארום די טישען זיינען געזעסען אלע געסט פון אבשלום'ן און האבען געטרונקען און נעגעסען.

אמנון מיט זיין פריינד יונתן זיינען געזעסען ארום דעם זעלבען טיש וואו אבשלום און די איבריגע ברידער האבען זיך געפונען.

יעדער וויילע איז אנגעקומען א וואגען פול מיט געשארענע וואל און איז בעגריסט געווארען מיט הילכיגע געשרייען און שאלען פון די געסט וועלכע האָבען געטרונקען דעם שטארקען וויין אהן אויפהער... אמנון און יונדב האבען אויך פיעל געטרונקען... אמנון האט זיך געפיהלט זעהר געהויבען אויף דיזער שמחה; ערשטענס זעהט ער דאך אז תמר, וועלכע וואלט איהם אלע ווילע דער־מאהנט אן יענער נארישקייט, איז נישט געקומען... און ווידער זעהט ער דאך אז אבשלום זוכט צו שליסען שלום מיט איהם און ער וועט שוין מעהר נישט דארפען ציטערען פאר איהם... און דאס וואס ער האט איהם געזעצט אויבען אן, איז אויך א סימן אז ער רעכענט זיך מיט איהם און גיט איהם אפ כבוד ווי עס פאסט פאר דעם קעניג'ס יורש... אט די אלע זאכען האבען זעהר ערמונטערט אמנון און ער האט אין זיך געגאסען איין בעכער וויין נאך דעם צווייטען...

אבשלום האט קיין וויין נישט געטרונקען, כאטש ער האט זיך געמאכט טרינקענדיג, ער האט אומבעמערקט געווארפען זיינע בליקען אין די ריכטונג וואו אמנון איז געזעסען... און ווען זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, האט אבשלום ארויפגעצוואונגען א שמייכעל אויף זיינע בלאסע ליפען... ער איז געווען עטוואס צורודערט און צושראקען... זיינע בעוואפענטע דינער זיינען געשטאנען נישט ווייט פון אמנון'ען און האבען אנגעפילט די ליידיגע בעכער וויין פאר די געסט... אבשלום האט זיי נאכגעפאלגט מיט זיינע אויגען...

נאך א וואגען מיט געשארענע וואל האט זיך דערנעהנטערט. ווידער א

יובעל געשריי און שאלען פון די געסט... אויסגעליידיגט זיינען נאך אמאל די בעכער געווארען...

פלוצלונג האט זיך אבשלום אויפגעהויבען פון זיין פלאץ, ער האט אנגעפילט זיין גרויסען בעכער מיט וויין ער האט מיט זיין רעכטע האנט אויפגעהויבען דעם בעכער גאנץ הויך און אויסגערופען:

— איך טרינק פאר מיין... פאר מיין... פאר מיין פעראומגליקטע שוועסטער תמר!...

גלייך האבען זיך אבשלום'ס פיער דינער א ווארף געטהאן אויף טויט מיט זייערע שווערדען...

עס איז געווארען א טומעל א געשריי... די איבעריגע זיהן פון דוד'ן האבען גענומען לויפען און שרייען... פרויען זיינען אין חלשות געפאלען..

אבשלום איז צוגעגאנגען צו אמנון וועלכער איז געלעגען אויף דער ערד א טויטער אין א טייך בלוט...

— א ווי זיס איז מיין נקמה אן דיר, מיין אומווירדיגער ברודער, מיט דיין בלוט האב איך רייגגעוואשען דעם כבוד פון מיין שוועסטער.

ער האט גלייך א וואונק געטהאן צו זיינע דינער וועלכע זיינען געשטאנען מיט זייערע פון בלוט בעפלעקטע שווערדען אין די הענט.

די דינער האבען אויפגעבונדען די אייזלען און נאכפאלגענדיג אבשלום'ן זייער האר, זיינען זיי שנעל פערשוואונדען געווארען פון בעל חצור...

אלע געסט וועלכע זיינען געוועזען אויף אבשלום'ס שמחה, זיינען זיך צולאפען געווארען אין גרויס שרעק, נאכדעם ווי זיי האבען צוגעזעהן דעם מארד.

יונדב, אמנון'ס פריינד, וועלכער איז געזעסען נעבען איהם בשעת מען האט איהם ערמארדעט, האט זיך שטארק געשראקען פאר זיין אייגענעם לעבען... ער האט זיך שנעל, אומבעמערקבאר ארונטערגעלאזען אונטער'ן טיש און מיט צושראקענע אויגען נאכגעפאלגט אבישלום'ס יעדע בעוועגונג. ווען ער האט בעמערקט אז אבשלום און זיינע דינער האבען זיך געזעצט אויף זייערע אייזלען און זיך געלאזען לויפען אין דער צפון ריכטונג, איז ער גלייך ארויס פון אונטער'ן טיש און גענומען לויפען נאך ירושלים...

דערווייל זיינען איינינע פון די געסט אנגעקומען אין ירושלים און האבען מיט גרויס שרעק און אויפרעגונג דערצעהלט דוד'ן אז אבשלום האט אויסגעהרג'עט אלע זיהן פון קעניג, וועלכע האבען זיך געפונען אין בעל חצור.

א טויטע בלאסקייט האט בעדעקט דוד'ס פנים, ווען ער האט דערהערט דיזע שרעקליכע נייעס, ער איז געפאלען צו דער ערד און גענומען וויינען און שרייען:

גאט! אלע מיינע זיהן זיינען טויט! א ווי גרויס איז דיין שטראף צו מיר!...

ער האט צוריסען זיינע קליידער און גענומען קלאגען און יאמערען — אויב איך האב צו דיר געזינדיגט און בעגאנגען א פארברעכען געגען דיר, פארוואס, א, גאט, שטראפסטו מיינע אונשולדיגע זיהן... טויט מיר! אבער מיינע אונשולדיגע קינדער, וואס זיינען זיי שולדיג?

דוד איז געלעגען אויף דער ערד, מיט שטויב אויף זיין קאפ און נישט

אויפגעהערט צו קלאָגן און וויינען אויף זיין גרויסן אומגליק...

— אַלע מיינע זיהן זיינען טויט! און איך לעב נאָך! אַ גאָט צו וואָס טויג מיר דאָס לעבן, ווען מיינע ליעבסטע קינדער זיינען טויט!...

די שרעקליכע נייעס האָט דוד'ן אַזוי צוטומעלט און דערשלאָגן אַז ער האָט אפילו נישט געפרעגט פאַרוואָס און ווי אַזוי אבשלום האָט עס געטהאָן... ער האָט נישט אויפגעהערט צו יאָמערן: אַלע מיינע זיהן זיינען טויט.

יונדב איז דערווייל אָנגעקומען אין ירושלים און אַהין אַז אָטעם איז ער געלאָפען צו דוד'ס פּאַלאַץ... ער האָט דערזעהן, ווי דוד ליגט אויף דער ערד און ווי ער רייסט זיינע האָר פון קאָפּ און שרייט: "אַלע מיינע זיהן זיינען טויט!"

יונדב האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג און איז צוגעלאָפען צו דוד'ן און זיך שנעל אָפּגערופען:

— זאָל דער קעניג נישט זאָגען אַז אבשלום האָט אַלע זיהן געטויטעט! ניין, בלויז אמנון האָט ער געטויטעט אויס נקמה פאַר זיין שוועסטער, תמר. אָבער דעם קעניג'ס איבעריגע זיהן לעבען!... איך האָב זיי אַליין געזעהן ווי זיי זיינען אַנטלאָפען און זיי וועלען זיכער באַלד אָנקומען אין ירושלים!

דוד האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון דער ערד און האָט געקוקט אויף יונדב'ן ווי ער וואָלט וועלען דערקענען צו ער זאָגט איהם דעם אמת, אָדער ער קומט איהם בלויז טרייסטען...

— יע, מיין האַר קעניג אַלע דיינע זיהן לעבען און זיינען געזונט אַחוץ דיין בכור אמנון, וועמען אבשלום האָט געטויטעט.

ווי נאָר יונדב האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָט איינער פון המון אויסגערופען: דעם קעניג'ס זיהן קומען אָן! רייטענדיג אויף זייערע מויל־עזלען קומען זיי אָן!...

— מיינע קינדער קומען אָן! — האָט דוד אויסגערופען — און גענומען זוכען מיט זיינע אויגען — וואו זיינען זיי.

— אָט קומען זיי! אָט קומען זיי! — האָבען זיך געהערט שטימען פון פאָלק — יעדער האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און באַלד האָבען זיך באַוויזען די צושראָקענע קינדער פון דוד'ן. זייערע פּנים'ער זיינען געווען בלאַס. די האָר צושויבערט... שרעק און צוטומעלטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגען... מיעדע, מיט דעמש טויב פון וועג אויף זייערע קליידער, זיינען זיי קוים אַרונטער פון זייערע אייזלען... דוד איז זיי אַנטקעגען געקומען...

— מיינע קינדער! — האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און זיי אַלע־מען אַרומגענומען... דעם קעניג'ס זיהן האָבען זיך געטוליעט צו זייער פאָטער ווי זיי וואָלטען נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר זייערע לעבענס און ווי זיי וואָלטען געזוכט שוץ ביי איהם...

— מיינע קינדער, איהר לעבט! געלויבט איז גאָט! אָבער אמנון איז טויט! אמנון, מיין בכור, איז געפאַלען טויט פון די הענט פון זיין ברודער! אַ דו אבשלום, דו מערדער פון דיין אייגענעם ברודער! ווי אַזוי האָסטו געקענט אויפהויבען אַ האַנט נעגען דיין אייגען פלייש און בלוט! אַ ווי אַזוי איז דאָס געשעהן! געמיינט האָב איך אַז שלום הערשט צווישען מיינע קינדער... איך בין שולדיג אין דיין טויט, אמנון! איך האָב איהם צוגערעדט ער זאָל זיך געהן בעטהיילינען אין

אבשלום׳ס שמחה... — וואו איז ער, אבשלום, דער רוצח, וואו געפינט ער זיך יעצט?

— ער איז אנטלאפען מיט זיינע דינער אין דער צפון ריכטונג — האט יונדב זיך אפגערופען — און מיר דוכט זיך אז איך האב געהערט ווי ער האט געזאגט צו זיינע דינער: לאמיר לויפען נאך גשור...

— נאך גשור איז ער אנטלאפען! — האט דוד אויסגערופען מיט כעס, — צו זיין זיידען תלמי איז ער אנטרונען צו זוכען שוץ, דער אומווירדיגער זוהן.

דוד, זיינע זיהן און דאס גאנצע פאלק האבען זיך שטארק פארנאנדערגעוויינט... ווען אלע האבען זיך שוין אנגעפאנגען ביסלעכווייז צו בערוהיגען, האט זיך ערשט אויף דאס ניי פאנאנדערגעפלאקערט דער כומעל און געשריי: אחינעם, אמנון׳ס מוטער האט נאר וואס דערהערט פון דעם שוידערליכען טויט פון איהר איינאיינציגען זוהן... מיט די גרעסטע יללות און מיט א שרעקליכער היסטעריקע האט זי געשריען... ווי א ווילדע צורייצטע טיגערין איז זי געלאפען... זי האט געריסען איהרע האר פון קאפ און אזוי הויך געליארעמט און געשטורעמט אז כאטש זי איז נאך געווען גאנץ ווייט, האבען איהרע קולות דערגרייכט צו די אויערען פון דוד׳ן און פון די אלע וועלכע האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם...

— מיין אמנון! מיין איינציגע טרייסט! — האט אחינעם געשריען מיט אלע איהרע כוחות — דיין אומשולדיגעס בלוט האט ער פערגאסען, דער רוצח, אבשלום!

— אה, מיין האר קעניג! — איז זי געפאלען צו דוד׳ס פיס — נעם נקמה פון דעם מערדער פון מיין אומשולדיגען אמנון! — ער האט איהם פערנארט צו זיך כדי ער זאל קענען פארגיסען דאס בלוט פון מיין איין־איינציגען קינד! א נקמה, מיין קעניג, נעהם נקמה פון דעם מערדער, וועלכער האט אפגעשניטען די יונגע בליהענדע יאהרען פון מיין איין איינציגען קינד!

— אמנון האט פערדיענט דעם טויט! — האט מעכה, אבשלום׳ס מוטער אויסגעשריען — דערנעהנטערענדיג זיך צו דוד׳ן ער האט פעראונגליקט מיין טאכטער, אבשלום׳ס שוועסטער און ער האט זיך מיט איהם דערפאר אפגערעכענט.

דוד איז געשטאנען מיט א געבויגענעם קאפ. זיין הארץ איז געווען אנגעווייטאגט... ער האט אמנונ׳ען ליעב געהאט, אבער אויך אבשלום׳ן האט ער ליעב. וועט ער איהם דען קענען בעשטראפען!... אחינעם׳ס הארצרייסענדע ווערטער שטעכען איהם ווי שפיזען.. איהר איין איינציגען קינד האט אבשלום געטויטעט... ווי גרויס איז זיין צער... אבער שרעקליכער און צוויי מאל גרעסער איז דער צער פון דער אומגליקליכער מוטער... מיט אמנון׳ס טויט האט זי אלעס פערלארען...

די ווערטער פון מעכה׳ן האבען אויך א קלונג געטהאן מיט טרויער אין זיינע אויערען: "אמנון האט פערדיענט דעם טויט!"

ביידע פרויען, אחינעם און מעכה האבען זיך נאך העכער צושריען... ביידע זיינען געווען פערביטערט און פערצווייפעלט זייערע ווערטער האבען ווי מיט שארפע מעסער׳ס געשטאכען דוד׳ן...

ווען אבשלום איז מיט זיינע דינער אנגעקומען אין גשור, האט איהם זיין זיידע, תלמי, דער קעניג פון גשור זעהר פיין אויפגענומען...

גשור איז געווען א קליינע לאנד וואס געפינט זיך צו מזרח־צפון זייט פון ארץ ישראל. אום צו פערשטארקען דעם שלום צווישען איהם און דוד'ן, האט תלמי דער קעניג פון גשור געגעבען דוד'ן זיין טאכטער מעכה'ן פאר א ווייב...

זעהר שטארק האט דר קניג יי,עא ,שלסיזרדאנםגיאתטשזרדאנםעיאתטש

זעהר שטארק האט דער קעניג שטאלצירט מיט דעם וואס דוד האט זיך מיט איהם משדך געווען, ווייל אחוץ דעם וואס דוד איז ביי אלעמען געווען פערעכענט פאר א גרויסען העלד, האט תלמי יעצט געפיהלט אז ער האט געראטעוועט זיין לאנד, וואס איז נישט איינמאל געדראהט געווארען פון ארם און פון די איבעריגע שכנים'שע פעלקער, יעצט, ווען די ארומיגע פעלקער האבען זיך דערוואוסט אז דוד האט זיך פארבונדען מיט דעם קעניג פון גשור, האבען זיי מורא געקראגען זיך אנצופאנגען מיט איהם.

אבשלום האט דערצעהלט תלמי'ן אלעס וואס האט פאסירט, ווי אזוי ער האט געטויטעט זיין ברודער אוים נקמה פאר זיין שוועסטער תמר, און ער איז אהער געקומען מיט זיינע דיענער זיך אויפצוהאלטען ביז וואנען דער כעס פון זיין פאטער וועט איינגעשטילט ווערען...

— מיין לאנד איז פריי פאר דיר, מיין קינד האט אבשלום'ס זיידע זיך צו איהם אפגערופען — נישט נאר ביזטו ווילקאמען ביי מיר, אבער אויך ביי אלע מיינע שרים און ביי מיין גאנצען פאלק.

אבשלום'ס שעהנקייט האט אלעמען זעהר בעצויבערט ער איז געווען הויך און שלאנק, זיינע האר זיינען געווען לאנג, געדיכט און געקרייזעלט. דריי יאהר האט ער פערבראכט אין גשור, ער האט דארטען חתונה געהאט מיט א טאכטער פון תלמי'ס שרים און ער האט מיט איהר געהאט פיער קינדער: דריי זיהן און איין טאכטער, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען תמר, ווי זיין שוועסטער האט זיך גערופען. זיינעביידע זיהן זיינען געשטארבען דורך דער צייט וואס ער איז געווען אין גשור. און ער האט נאך זיי פיעל געטרויערט... דאך האט ער געפונען זיין טרייסט אין זיין טאכטער תמר וועלכע איז געווען זעהר שעהן, עהנליך צו זיין שוועסטער, צוליעב וועמען ער האט געטויטעט אמנון...

זעהר שטארק האט אבשלום געבענקט אהיים, נאך ירושלים, ער האט געבענקט נאך זיין פאטער און מוטער און שוועסטער און נאך אלע זיינע פריינד... אבער ער האט געוואוסט אז כל זמן דער קעניג וועט נאך איהם נישט שיקען, איז די געפאהר זעהר גרויס פאר איהם זיך אומצוקעהרען נאך ירושלים.

איין מאל האט אבשלום זיך אפגערופען צו איינעם פון זיינע דינער:

— געה נאך ירושלים און ווי נאר עס וועט טונקעל ווערען, זאלסטו אומבעמערקטערהייט אריינגעהן אין די הויז פון יואב'ן, מיין פאטער'ס שר צבא, און איהם זאגען אז דו ביזט מיין שליח, און אז דיין האר אבשלום געפינט זיך אין גשור, איינזאם און אפגעזונדערט, און דאס זיין הארץ לעכצט זיך צו זעהן מיט דעם קעניג, מיט זיין מוטער און שוועסטער... און דעריבער בעטסטו איהם אין מיין נאמען ער זאל זעהן ווירקען אויף דעם קעניג ער זאל מיר מוחל זיין און צוריקרופען פון גשור... ווייל מיין לעבען איז מיר דארטען נמאס געווארען.

— אָבער מיין האר — האָט זיך דער דיענער אָפּגערופען צו אבשלום'ן — ווען דער קעניג וועט זיך דערוויסען פון יואב'ן אז איך געפין זיך אין ירושלים וועט ער דען מיר נישט טויטען?

— דו האָסט זיך נישט וואס צו שרעקען! — האָט איהם אבשלום געזאגט — יואב איז געוועזן מיינער א גוטער פריינד, און ער וועט שוין וויסען ווי אזוי צו ריידען צו דעם קעניג, אזוי אז ער וועט גארנישט חושד זיין דאס איך האָב דיר געשיקט צו איהם.

מיט איינִיגע טעג שפּעטער אין אבענד, איז אבשלום'ס דינער געשטאנען ביי דער טיהר פון יואב'ס הויז. ווען מען האָט איהם געפרעגט ווער ער איז און צוליעב וואָס ער דאַרף אזוי נויטיג זעהן יואב'ן, האָט ער געענטפערט אז דאָס איז א סוד און קיינער אחוץ יואב טאָר דערפון נישט וויסען...

איינִיגע פון יואב'ס קנעכט האָבען איהם חושד געווען... זיי האָבען זיך געטראכט פיעליייכט איז ער יואב'ס א שונא און איז געקומען איהם טויטען. און דעריבער האָבען זיי צו איהם געזאגט:

— אויב דו ווילסט זעהן אונזער האר, דאַרפסטו זיך פריהער לאָזען אונטער־זוכען צו דו טראָגסט ביי זיך קיין געוועהר.

— איך קום פון א ווייטע וועג און איך טראָג מיט זיך א שווערד אום זיך צו בעשיצען פון אנפאַלען — האָט אבשלום'ס דינער געזאגט — אבער איך קען מיין שווערד אין אייערע הענט איבערגעבען ביז וואַנען איך וועל זיך צו־ריקקעהרען פון אייער האר.

ער האָט זיי איבערגעגעבען זיין שווערד און די יואב'ס מענשען האָבען איהם נאָך גוט בעזוכט און ווען זיי האָבען געזעהן דאס ער האָט נישט קיין וואַפען מיט זיך, האָבען זיי איהם אריינגעלאָזען צו יואב'ן.

— ווער ביזטו און וואס איז דיין פערלאנג — האָט איהם יואב גלייך א פרעג געטהאָן.

— מיין האר — האָט זיך דער דינער פערנייגט — איך האָב זעהר וויכ־טיגעם מיט דיר צו ריידען.

יואב האָט א וואונק געטהאָן צו זיינע מענשען און זיי זיינען ארויס פון צימער.

ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האָט דער דינער אויסגערופען: — איך בין אבשלום'ס שליח. מיין האר האָט מיר צו דיר געשיקט און געבעטען אז דו זאָלסט איהם ארויסהעלפען פון דיזער שווערער לאגע, אין וואס ער געפינט זיך...

— אבשלום האָט דיר צו מיר געשיקט! — האָט יואב אויסגערופען מיט אי־בערראשונג — זאג דאָך מיר וואס מאכט ער און וואו געפינט ער זיך יעצט?

— פרידען איז צו איהם און צו זיין פרוי און טאכטער תמר. און ער געפינט זיך נאָך אלץ אין גשור ביי זיין זיידען דעם קעניג תלמי...

— ער האָט א פרוי און טאכטער? — האָט יואב זיך אָפּגערופען — איז שוין לאנג ווי ער האָט חתונה געהאט?

— עס וועט ווערען באלד דריי יאהר... זיין פרוי האָט איהם געבארען א צווילינג, צוויי זיהן דעם ערשטען יאהר און נאכהער נאָך א זוהן. און דא נישט לאנג האָט זי איהם געבארען א טאכטער וועמען ער האָט א נאָמען געגעבען תמר.

אבער דער צארן פון גאט האט זיך אויסגעגאסן אויף מיין האר און זיינע דריי זיהן זיינען געשטארבען. תמר איז ביי איהם זעהר טייער און ער וויל זיך אומקעהרען מיט איהר און זיין פרוי נאך ירושלים און האט מיר דעריבער געשיקט צו דיר, מיין האר, אז דו זאלסט זעהן ווירקען אויף דעם קעניג ער זאל איהם מוחל זיין און ער זאל איהם צוריקרופען פון גשור, ווייל זיין הארץ געהט אויס פון בענקשאפט נאך זיין פאטער, מוטער און שוועסטער.

— גוט — האט יואב געזאגט — איך וועל זיך דורכריידען מיט דעם קעניג און זעהן ווירקען אויף איהם ער זאל איהם צוריקרופען פון זיין גלות... די ווארט דא ביי מיר עטליכע טעג ביז וואנען איך וועל וויסען אויף זיכער ווי דער קעניג פיהלט צו זיין זוהן און דאן וועל איך דיר לאזען וויסען.

— אבער מיין האר — האט זיך אבשלום'ס דינער אפגערופען — ווען דער קעניג זאל זיך דערוויסען אז איך געפין זיך אין ירושלים וועט מיין לעבען זיין אין גרויס געפאהר.

— אויב אזוי — האט יואב געענטפערט — געה בעסער צוריק צו דיין האר אין גשור און זאג איהם אז ווען איך וועל פועל'ן ביי דעם קעניג, וועל איך אליין איהם קומען אפנעמען פון דארטען.

דער דינער האט יואב'ן בעדאנקט און איז גלייך ארויס פון זיין הויז, זיך געזעצט אויף זיין אייזעל און אין דער פינסטערניס פון דער נאכט איז ער פערשוואונדען געווארען...

אין יואב'ס הארץ האט זיך ערוועקט א גרויס רחמנות אויף אבשלום'ן. אין זיינע אויגען איז אבשלום נישט געפאלען פאר דעם טויט פון זיין ברודער... ער ווייס ווי שטארק געקריינקט און בעליידיגט אבשלום האט זיך געמוזט פיהלען ווען אמנון האט אזוי ערנידריגט זיין שוועסטער... ווי א העלישער פייער האט די נקמה ביי איהם געברענט ביז וואנען ער האט זי איינגעלאשען מיט אמנון'ס בלוט... און וואלט אזא זאך פאסירט מיט זיין שוועסטער, וואלט ער זיכער אויך אזוי געהאנדעלט... האט ער דען נישט געטויטעט אבנר'ן אלס נקמה פאר די בלוט פון זיין ברודער, עשהאל... יע, אבשלום פערדיענט ער זאל איהם ארויסהעלפען אין דער צייט פון נויט... און נאך אלעמען, — האט זיך יואב ווידער נעטראכט — וועט אבשלום זיין דוד'ס יורש... אמנון איז טויט... און אזוי ווי ער איז יעצט דער צווייטער פון אמנו'ן, וועט ער זיכער ירשנ'ען דוד'ס קרוין... און דאן וועט ער זיכער נישט פערגעסען די טובה וואס ער האט מיט איהם געטהאן...

אויפ'ן צווייטען טאג איז יואב אוועק צו דוד'ן און האט מיט איהם געפרואווט ריידען וועגען אבשלום'ן.

— מיין האר קעניג שיינט צו זיין זעהר אומעטיג די לעצטע צייט — האט יואב זיך צו איהם אפגערופען — זאל עס זיין אז די בענקעניס נאך דיין זוהן אבשלום, וועלכער געפינט זיך אין גלות האט אויף דיר ארויפגעלעגט א חותם פון טרויער?

— איך בעט דיר יואב, דערמאהן מיר נישט זיין נאמען! — האט דוד געזאגט — די בלוט פון מיין זוהן אמנון שרייט צו מיר פאר נקמה... און ווען ער

וואלט יעצט געווען פאר מיינע אויגען וואלט איך איהם דען נישט בעשטראפט פאר זיין מארד ?...

— אבער דריי יאהר זיינען שוין פאריבער, מיין האר, און אבשלום איז שוין גענוג בעשטראפט געווארען... און יעצט איז שוין געקומען די צייט אז דער קעניג זאל איהם מוחל זיין פאר יענעם פערברעכען וואס ער האט געטהאן אויס נקמה פאר זיין שוועסטער...

— ווען מיין זוהן קען פערגיסען די בלוט פון זיין ברודער האט ער ביי מיר נישט פערדיענט איך זאל איהם מוחל זיין...

יואב האט געזעהן אז ער וועט יעצט ביי דעם קעניג גארנישט פועל'ן און האט דעריבער בעשלאסען צו ווירקען אויף דעם קעניג דורך אן אנדער וועג: די איינציגע וועלכע קען ווירקען אויף דעם קעניג איז א קלוגע פרוי, א מוטער פון קינדער, בלויז אזעלכע וואלט געקענט ערוועקען אין קעניג א געפיהל פון רחמנות פאר זיין פערטריבענעם זוהן... ער האט גענומען טראכטען פון אזא פרוי און ער האט זיך דערמאהנט אז אין דער שטאדט תקוע, וואס איז נישט ווייט פון ירושלים, וואהנט א קלוגע עלטערע פרוי, ביי וועמען ער פלעגט איינשטעהען ווען ער פלעגט זיך אפשטעלען אין תקוע און איהר נאמען איז געווען יוכבד. יואב האט גלייך געשיקט רופען די פרוי און ווען זי איז געקומען צו איהם האט ער איהר קלאר געמאכט די גאנצע לאגע און האט איהר געבעטען געהן צו דוד'ן און ווירקען אויף איהם ער זאל מוחל זיין אבשלום'ן און איהם צוריקרופען נאך ירושלים.

— איך ווייס אז דו ביזט זעהר א קלוגע פרוי און דו וועסט וויסען ווי אזוי צו ריידען מיט דעם קעניג און צו ערוועקען אין איהם זיינע פאטערליכע גע־פיהלען פאר זיין פארוואגעלטען זוהן, אבשלום'ן.

— איך בין זעהר צופריעדען דיר צו דינען, מיין האר — האט יוכבד גע־זאגט — און אויב מיר וועט געלינגען דורכצופיהרען דיין וואונש וועל איך זיך זעהר גליקליך שעצען.

יוכבד האט אנגעטהאן שווארצע טרויער קליידער, ווי די אלמנות פלעגען אנטהאן אין יענער צייט, און זי איז אוועקגעגאנגען צום קעניג.

— איך פערלאנג גערעכטיגקייט פון דעם קעניג, ווייל איך בין אן אומ־גליקליכע פרוי און איך בין געקומען אויסגיסען מיין ביטער הארץ פאר דעם קעניג וועלכער טוט משפט'ן מיט צדק זיין פאלק — האט יוכבד געזאגט צו דוד'ס לייבוועכטער — איך בעט אייך, זאגט אייער קעניג אז אן אומגליקליכע פרוי פון דער שטאדט תקוע וויל ריידען מיט דעם קעניג.

ווען די לייבוועכטער האבען דוד'ן איבערגעגעבען דעם פערלאנג פון דער אלטער פרוי, האט ער איהר געהייסען אריינקומען.

יוכבד איז אריינגעקומען צו דוד'ן און איז געפאלען מיט איהר פנים צו דער ערד און זיך פאנאנדערגעוויינט.

— וואס איז מיט דיר, דו אומגליקליכע ? וואס האט פאסירט וואס האט דיר געמאכט אזוי צו טרויערען און קלאגען ? — האט איהר דוד געפרעגט — שטעה אויף און דערצעהל מיר.

— א העלף מיר מיין האר קעניג ! העלף דיין אומגליקליכע דיענסט...

— אבער זאג דאך מיר, ווער זוכט דיר עפעס שלעכטס צו טהאן ! ? — האט

דוד אויסגערופען — זעט זיך און דערצעהלט מיר אלעס, שרעקט זיך נישט, סיין שלעכטס וועט דיר נישט געטהאן ווערען.

— ״ביז נישט לאנג צוריק איז דיין דיענסט זעהר גליקליך געווען — האט יוכבד זיך אפגערופען און געווישט איהרע טרעהרען. מיין מאן האט געלעבט און מפרנס געווען מיר מיט מיינע צוויי זיהן... אבער לעצטען יאהר האט גאט אויסגעגאסען זיין צארן אויף מיר... מיין מאן און דער פאטער פון מיינע צוויי זיהן, איז פלוצלונג קראנק געווארען, און די רופאים האבען איהם גארנישט געקענט העלפען... ער איז געשטארבען... איך בין געבליבען אן אלמנה און מיינע קינדער יתומים. די איינציגע ירושה וואס מיין מאן האט איבערגעלאזען איז דאס פעלד, וועלכע מיינע זיהן האבען גענומען בעארבייטען כדי זיך צו דערנעהרען, און מיר זאלען אלע נישט אויסשטארבען פון הונגר.. מיינע צוויי זיהן זיינען מיר געווען טהייערער ווי מיין לעבען, זיי זיינען געווען די איינציג פערבליבענע טרייסט נאך מיין גרויסען אומגליק... איך האב געדאנקט גאט פאר דעם חסד וואס ער האט מיט מיר געטהאן און מיר געגעבען די צוויי זיהן צו בעלייכטען די פינסטערנים פון מיין לעבען. אבער נישט אויף לאנג האט די פרייד געדויערט... איין פריה מארגען זיינען מיינעביידע זיהן ארוים אין פעלד ווי זייער שטייגער און צווישען זיי האט אויסגעבראכען א שארפער קריעג... זיי האבען זיך גענומען שלאגען ביז איינער האט אויף טויט דערשלאגען זיין ברודער...

״מיין הער קעניג קען זיך פארשטעלען ווי שטארק מיין ערשיטערונג איז געוועזען ווען מען האט מיר די טרויעריגע בשורה אנגעזאגט... עס איז געווען זעהר א שרעקליכער קלאפ פון גאט צו דיין פעראומגליקטע דיענסט... און ווי גרויס מיין שמערץ און פיין איז געווען ווען מען האט פאר מיינע אויגען געבראכט דעם טויטען קערפער פון מיין זוהן האט זיך עס נאך מעהר פערשטארקט, ווען מיין אינגערער זוהן איז אריינגעלאפען צו מיר אין הויז און איז מיט גרויס געוויין און מיט א צובראכענע הארץ געפאלען צו מיינע פיס און גענומען בעטען איך זאל איהם מוחל זיין, און דאס איך זאל איהם ראטעווען, ווייל די גאנצע משפחה זיינען געקומען און ווילען איהם טויטען פאר די בלוט וואס ער האט פערגאסען...
״אה, מוטער איך בעט דיר, בעשיץ מיר פון זייערע הענט... אין דער צייט פון כעס האב איך דעם פערברעכען בעגאנגען... איך האב יעצט שטארק חרטה אויף מיין זינד... זעה, מוטער דערלאז נישט אז אונזערע קרובים זאלען מיר טויטען, מיט דעם אויסרייד אז זיי זיינען די גואלי הדם פון מיין ברודער״.

און אין מיין טיעפען צער האב איך מיין איינאיינציגען איבערגעבליבענעם זוהן געדריקט צו מיין פארוואונדעטע הארץ, איך האב איהם געקושט און געזאגט:

״מיין זוהן, מיט מיינע לעצטע כוחות וועל איך דיר בעשיצען... דו וועסט נישט שטארבען...

באלד איז די גאנצע משפחה צוגעקומען צו מיין הויז און זיי האבען פון מיר געפאדערט איך זאל זיי ארויסגעבען מיין זוהן:

— גיעב אונז ארוים דיין זוהן, דעם רוצח וועלכער האט ערמארדעט זיין ברודער — האבען זיי געשטורעמט — און מיר וועלען איהם טויטען, און נקמה נעהמען פאר די בלוט וואס ער האט פארגאסען...

מיינע טרעהרען און געבעטען האט ווינציג געהאלפען... זיי האבען נישט נאכגעגעבען פון זייער פאדערונג אויף א האר.

— קומט מארגען אין דער פריה! — האב איך זיי געזאגט און איך וועל איהם איבערגעבען אין אייערע הענט.

ווען די קרובים זיינען אוועק פון מיין הויז, האב איך גלייך גענומען מיין זוהן און אנטלאפען פון שטאדט איך האב איהם ערגיץ בעהאלטען, און אליין בין איך יעצט געקומען בעטען דעם קעניג ער זאל מיר העלפען און נישט דערלאזען מיינע קרובים צו טויטען מיין איין איינציגען פערבליבענעם זוהן... ווייל כאטש איך וויים אז גרוים איז דער פערברעכען פון מיין זוהן, איז ער דאך פארט מיין אייגען קינד, פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט... און ווען זיי וועלען איהם אויך טויטען דאן וועט מיין איינציגער פונק האפנונג אויסגעלאשען ווערען... וועל איך דאן קענען בלייבען לעבען ווען מיין לעצטער זוהן וועט אויך געטויטעט ווערען? איך בעט דיך, מיין האר קעניג, טו מיר א חסד און העלף מיר אין מיין טרויעריגער לאגע... דערלאז נישט אז מען זאל פון מיר אוועקרויבען מיין לעצטען קינד... ווארום וואס וועט מיר שוין ארויסקומען אז מען וועט דעם קינד אויך טויטען, וועט דען דער ערשטער דערפון לעבעדיג ווערען?

— זיי רוהיג, דו אומגליקליכע פרוי, — האט דוד איהר געענטפערט, — און געה אהיים, איך וועל די זאך גאנץ גוט אויספארשען, און איך וועל שוין זעהן אז קיין בייזעס זאל דיר און דיין זוהן נישט געשעהן.

— אבער, מיין האר קעניג, — האט יוכבד אויסגערופען, נישט זייענדיג צופרידען מיט דעם קעניג'ס ענטפער, — אויב עס איז נישט ריכטיג ווי איך דערצעהל, דאן זאל מיר דער קעניג בעשטראפען... איך האב מורא אז איידער דער קעניג וועט מאכען די אויספארשונג, וועלען די קרובים טויטען מיין זוהן.

— גוט, איך וועל שיקען רופען דיינע קרובים און זיי פארזאגען נישט אנצוריהרען דיין זוהן! — האט דוד געזאגט.

— אבער ס'איז דאך מעגליך, אז זיי וועלען זוכען איבערצוצייגען דעם קעניג אין מיין זוהן'ס שולד, ווייל — קענען זיי דען פיהלען ווי עס פיהלט א מוטער צו איהר קינד?... די סכנה איז זעהר גרוים, און איידער וואס ווען וועלען זיי איהם טויטען.

— ווי גאט לעבט! — האט דוד אויסגערופען, — אז א האר וועט נישט אנגעריהרט ווערען פון דיין זוהן.

יוכבד האט דעם קעניג בעדאנקט מיט טרעהרען אין די אויגען, זי האט זיך פארנויגט און גענומען אפטרעטען אויף צוריק. באלד אבער האט זי זיך אפגעשטעלט און געזאגט:

— וועט מיין האר קעניג מיר ענטשולדיגען ווען איך וועל ריידען בלויז נאך עטליכע ווערטער.

— רייד! — האט דוד געזאגט — איך וועל הערען.

— מיר וואונדערט זעהר אויף מיין האר קעניג — האט זי אויסגערופען — דאס ער האט געקענט גלויבען אז קינדער פון אונזער געטליכען פאלק, זאלען זיין אזוי גרויזאם און וועלען פערניכטען דעם לעצטען מיטגליעד פון א פאמיליע... יעצט, אז דער קעניג זאגט, דאס ער וועט זעהן אז קיין שלעכטס זאל נישט גע־

טהאָן ווערען צו מיין זוהן, ווי אזוי וועט ער עס קענען דורכפיהרען אין דער צייט ווי ער אליין האָט פון זיך פערטריבען זיין זוהן, און וויל איהם נישט מוחל זיין פאַר דעם מאָרד פון זיין ברודער... אזוי ווי מיט דעם זוכען זיך נוקם צו זיין אַן דעם לעבידעגען ברודער, וואָלט מען געקענט דעם טויטען לעבעדיגען מאכען. יאָ, מיין קעניג מיר ווערען דאָך אַלע שטארבען. און אזוי ווי וואסער וואָס ווערט איינגעזאַפּט אין דער ערד אזוי וועט אונז די ערד פערדעקען. גאָט אליין וויל נישט טויטען דעם רשע פאַר זיינע זינד... ער גיט איהם א געלעגענהייט תשובה צו טהאָן... און מיין האר קעניג דאַרף דעריבער מוחל זיין אבשלום'ן זיין זוהן און נישט פערשטויסען איהם פון זיך אויף עוויג...

— איז די געשיכטע מיט דיינע צוויי זיהן אן אויסגעטראכטע? — האָט איהר דוד געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— יע, מעכטיגער קעניג! — האָט יוכבד זיך פערנויגט — מען האָט מיר איינגעשראָקען אז דער קעניג וועט אין כעס ווערען ווען איך זאָל סתם קומען און זיך אריינמישען אין זיינע פאמיליען אנגעלעגענהייטען. אבער יעצט דאַרפסטו טאהן צו דיין זוהן אבשלום ווי דו האָסט פערשפּראָכען צו טאהן צו מיין זוהן...

— אה, יעצט פערשטעה איך — האָט דוד געזאגט מיט א שמייכעל — זאָג מיר, אָבער, איך בעט דיר, פערלייקען גאָר נישט פון מיר, האָט דען יואב נישט א האנט אין דער גאנצער זאך?

— ווי מיין האר קעניג לעבט! — האָט יוכבד אויסגערופען אז אזוי ווי דו האָסט יעצט געזאגט אזוי האָט עס פּאסירט! יואב האָט מיר געבעטען איך זאָל געהן צו דיר און דאמיט ארויסהעלפען דיין פערוואגעלטען זוהן, אבשלום... און מיין האר איז דאָך אזוי קלוג ווי א מלאך פון הימעל, דאס צו טרעפען און צו וויסען אַלעס וואָס טוט זיך אין דער וועלט. איך האָף, אַז מיין האר וועט יעצט ענדערען זיין מיינונג וועגען זיין זוהן און איך וועל זיך פיהלען גליקליך אז איך האָב אין דעם געהאט א האנד...

— זאָל דיר גאָט בעלוינען פאַר דיין גוט הארץ — האָט איהר דוד געזאגט— איך גלויב אז איך וועל זיך צו הערען צו דיין עצה... געה זאָג יואב'ן אז איך וויל איהם זעהן.

א דאנק דיר, מיין האר קעניג — האָט יוכבד א גליקליכע געזאגט — און זי האָט פערלאזען דעם פּאַלאַץ.

ווען יואב איז געקומען אין פּאַלאַץ האָט צו איהם דוד געזאגט:

— איך זעה אז דו האָסט פערשטאנען ווי אזוי צו ווירקען אויף מיר איך זאָל שיקען נאָך אבשלום'ן, געה נאָך גשור און ברייננג אבשלום'ן צוריק נאָך ירושלים.

— געבענשט זיי צו גאָט, מיין האר — האָט זיך יואב פערנויגט — איך האָב געפונען גנאָדע אין דיינע אויגען, ווען דו טהוסט ווי איך האָב געוואונשען.

יואב איז דעמזעלביגען טאָג אוועקגעריטען מיט איינינע קנעכט נאָך גשור, וואו ער האָט זיך געטראָפען מיט אבשלום'ן.

זעהר גליקליך און צופריעדען איז אבשלום געווען ווען ער האָט יואב'ן דערזעהן.

— וועט דער פאָטער מיר מוחל זיין! — האָט ער גלייך געפרעגט — זאָג

מיר מיין פריינד, ווי אזוי האסטו געפועלט ביי מיין פאטער ער זאל מיר ערלויבען צוריקצוקומען נאך ירושלים?

יואב האט איהם אלעס דערצעהלט און אבשלום האט געדריקט זיין האנט מיט ליעבשאפט:

— איך וועל דיין חסד קיינמאל נישט פערגעסען, יואב, דו ביזט א גוטער און געטרייער פריינד צו מיין פאטער און איך האף אז צו מיר וועסטו אויך זיין דערזעלבער פריינד... זאג מיר, איך בעט דיר, ווי האט זיך דאס פאלק פערהאלטען צו אמנון'ס טויט?

— די ערשטע צייט זיינען אלע געווען פערביטערט געגען דיר, אבער ביסלעכווייז האבען זיך אלע ארומגעזעהן אז דו האסט עס געטהאן אויס נקמה פאר דער פערשוועכונג פון דיין שוועסטער'ס עהרע... און יעדער איינער האט אין זיין הארצען דיר געגעבען רעכט...

— וואס הערט זיך מיט מיין אינגסטען ברודער, שלמה, בת שבע'ס זוהן?

— האט אבשלום זיך פלוצלונג אפגערופען — ער מוז שוין זיין גאנץ גרוים אויסגעוואקסען...

— יע, ער איז זעהר געראטען — האט יואב צוגעגעבען — ער איז שעהן און קלוג.

— און דער פאטער האט איהם וואהרשיינליך יעצט מעהר ליעב ווי די איבעריגע זיהן... יע, גלויבסטו אז ער איז דער איינציגער וועמען דער קעניג וועט אויסדערוועהלען צו פערנעמען זיין טראהן?... — האט אבשלום מיט גרוים זארג געזאגט.

— ניין, איך גלויב נישט אז ער זאל ווערען קעניג! — האט יואב געענטפערט — עס איז נאך נישט געהערט געווארען אז דער אינגסטער זוהן זאל ווערען קעניג אין דער צייט ווען עס זיינען נאך פאראן עלטערע ברידער... א חוץ דעם ווייס איך נישט אויב עס וועט נישט זיין געגען דעם ווילען פון פאלק, ארויפצוזעצען בת שבע'ס זוהן אויף דוד'ס טראהן...

— זאל דיר גאט דערפרעהען, מיין פריינד, יואב, ווי דו האסט מיר דערפרעהט מיט דיינע רייד! — האט אבשלום געזאגט — און ווי איז מיין פאטער, איז ער נאך אליץ בעליעבט און געעהרט ביים פאלק ווי פריהער.

ווער קען דען נישט ליעב האבען און אכטען אזא וואונדערבארען קעניג ווי דיין פאטער איז? האט ער דען ווייניג אויפגעטהאן פאר דעם פאלק און לאנד... אונזער לאנד איז נאך קיין מאל נישט געווען אזוי מעכטיג און זיכער ווי דורך דער הערשאפט פון דוד'ן... פון מיין טיעפסטען הארצען ווינש איך, און איך בין זיכער אז דאס איז אויך דער וואונש פון אונזער גאנצען פאלק, אז אונזער קעניג דוד זאל נאך לעבען פיעלע יאהרען און הערשען איבער אלע שבטים מיט גערעכטיגקייט, ווי ער האט ביז יעצט געטהאן... גליקליך איז דאס פאלק וואס האט זוכה געווען צו האבען אזא קעניג ווי דיין פאטער דוד איז...

יואב'ס לעצטע ווערטער האבען אבשלום'ן נישט איבעריג גליקליך געמאכט... ער האט זיך ארומגעטראגען מיט גאנץ אנדערע פלענער. די גאנצע צייט וואס ער איז געזעסען אין גשור ביי זיין זיידען, האט ער נישט אויפגעהערט צו פלאנעווען ווי אזוי צו ווערען קעניג גלייך און נישט ווארטען אויף דעם טאג פון זיין פא־

טער׳ס טויט... דיזען סוד האָט ער פערטרויט צו זיין זיידען, דעם קעניג פון גשור, און ער האָט איהם פערשפּראָכען ארויסצוהעלפען אין דעם... ווען ער האָט אויסגעדריקט זיין מורא צו תלמי׳ן, אז זיין פאטער דוד וועט, אלס שטראָף מאַכען אן אנדערען פון זיינע ברידער פאַר קעניג אנשטאָט איהם, האָט ער איהם גע־ראָטען שלום צו מאַכען מיט זיין פאטער און דערווייל זעהן געווינען די הערצער פון פאָלק אויף זיין זייט...

—"דער איינציגער זיכערער וועג פאַר דיר צו געווינען די מלוכה, איז אויפ־צושטעהען נעגען דיין פאטער... — האָט איהם תלמי פיעלע מאָל געזאָגט ווען דו וועסט זיין זיכער אז א טייל פון פאָלק האַלט מיט דיר, קענסטו זיך אויך פערלאָזען אויף מיין הילף... איך וועל שיקען מיינע ארמעען דיר ארויסצוהעל־פען... אבער נאר דאן ווען איך וועל וויסען אז דו וועסט זיין ערפאָלגרייך... דו דאַרפסט עס טהאָן מיט אויסגערעכנעטקייט... פריהער דאַרפסטו ווערען זעהר באַפריינדעט מיט דיין פאַטערס הויכע בעאַמטע. זעה צו פערדינען זייער צוטרויען און ווען זיי וועלען זיין מיט דיר, דאַן וועסטו זיגען"...

אבשלום איז דאריבער געווען זעהר צופריעדען וואָס יואב איז נאָך איהם געקומען... יעצט — האָט ער זיך געטראַכט — וועט ער האָבען א גוטע געלעגענ־הייט אויסצוגיסען זיין הארץ פאַר איהם און איהם זיכער געווינען אויף זיין זייט... ער האָט געגלויבט אז דאָס פאָלק האָט נאָך דוד׳ן נישט פערגעבען פאַר די זינד נעגען אוריה... און איהם האָט זיך אויך געדוכט אז יואב אליין איז פער־ביטערט געגען זיין פאטער צוליעב אוריה׳ן... איהם איז גארנישט איינגעפאַלען אז יואב אליין זאָל האָבען געהאַט א האַנט אין דער גאַנצער געשיכטע מיט אוריה׳ן און בת שבע׳ן...

ער האָט דעריבער זיך גלייך גענומען אויסצוגעפינען יואב׳ס בעציהונגען צום קעניג און ווי אזוי ער פיהלט וועגען איהם... אבער צו זיין גרויס ענטוישונג האָט ער געהערט אז יואב איז נאָך דוד׳ן געטריי ווי אימער, און לויט ווי ער זאָגט, האָט דאָס פאָלק נאָך אלץ דוד׳ן זעהר ליעב...

לאַנג אבער האָט אבשלום וועגען דעם נישט געזאָרגט. ער איז געווען זיכער אז נאָכדעם ווי זיין פאַטער וועט מיט איהם מאַכען שלום וועט ער וויסען ווי צו האַנדלען... ער האָט זעהר פיעל גוטע פריינד און זיי וועלען איהם זיכער ארויס־העלפען אין זיינע פּלענער...

ווען אבשלום איז אנגעקומען אין ירושלים, האָט יואב גלייך געמאָלדען דוד׳ן וועגען דעם.

— איך וויל זיין פּנים נישט אנקוקען! — האָט דוד געזאָגט — ער קען זיין אין ירושלים, איך וועל איהם נישט זוכען צו בעשטראָפען, אבער אין גאַנצען מוחל זיין וועל איך איהם נישט. ער טאָר זיך אין מיין פּאַלאַץ נישט בעווייזען...

יואב האָט פערשטאַנען פון דוד׳ס שאַרפע ווערטער, אז ער וועט זיין בע־שלום נישט ענדערען און האָט דעריבער אפילו נישט געפּרואווט בעטען פאַר אבשלום׳ן. ער איז גלייך אוועק צו אבשלום׳ן און איהם איבערגעגעבען דוד׳ס רייד.

אבשלום איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און אין כעס אבער ער האָט גאַרנישט ארויסגעוויזען פאַר יואב׳ן. ער האָט זיך בעזעצט אין ירושלים גאַנץ

ווייט פון דעם פאלאץ. זיין מוטער און שוועסטער פלעגן איהם קומען בעזוכען יעדען טאג.

פון זיין מוטער האט זיך אבשלום דערוואוסט אלעס וואס קומט פאר אין פאלאץ... און צו איהר אליין האט ער דערצעהלט זיין סוד.

— ווי איך זעה, — האט אבשלום געזאגט צו זיין מוטער, — איז דער קעניג נאך אלץ אויף מיר אין כעס, ער האט שוין וואהרשיינליך בעשטימט דיא מלוכה, אדער פאר אדוניה חגית'עס זוהן אדער פאר בת שבע'ס זוהן...

— לויט ווי איך האב געהערט — האט מעכה זיך אפגערופען — וועט דיין פאטער איבערגעבען די מלוכה טאקע צו בת שבע'ס זוהן... אזוי רעדט מען אין פאלאץ... און ווען דו וואלסט נאר א קוק געטהאן אויף בת שבע'ס פנים, וואלסטו אויך גלייך פארשטאנען אז זי איז זיכער דאס איהר זוהן שלמה וועט קעניגען נאך דוד'ן... זי איז אזוי שטאלץ מיט זיך, זי האט שוין פערגעסען, ווי אזוי זי האט דעם קעניג געקראגען... אז זי האט פערראטהען איהר מאן, איהם געשיקט צום טויט.. די אומפערשעהמטע.. זי געהט ארום מיט א גליקליכען שמייכעל אויף איהרע ליפען... איהר זוהן איז שטענדיג נעבען איהר...

— מען דערצעהלט אז שלמה איז זעהר קלוג, איז דאס אמת ? — האט אבשלום איהר געפרעגט.

— איך ווייס ?... אלע לויבען איהם... אבער איז עס דען א וואונדער ? ער געפינט זיך די גאנצע צייט אונטער דעם נביא'ס השגחה... איך קען נישט פער־שטעהן דעם אלטען נביא וואס ער האט אזוינס אין איהם געפונען... ער האט איהם ליעבער מעהר פון דעם קעניג'ס איבעריגע זיהן... און ווי עס ווייזט אוים האט ער דעם קעניג שטארק בעאיינפלוסט אז שלמה איז דער קליגסטער, דער בעסטער און דער שעהנסטער פון אלע זיהן... יע, איך האב מורא אז ער שלמה, וועט טאקע בלייבען דער יורש... ווען דו וואלסט מיר דאן געפאלגט און צוגעווארט מיט דיין נקמה, אויף אמנון'ען, דאן, בין איך זיכער, וואלסטו געווען דער יורש... אמנון האט זיך פערמיאוסט אין די אויגען פון קעניג צוליעב דיין שוועסטער... און דער קעניג האט דיר אלע מאל מעהר ליעב געהאט ווי די איבעריגע זיהן. און ער איז אויך געווען זיכער אז דו ביזט מעהר פאסענד פאר דער מלוכה... אבער דו האסט מיר נישט געפאלגט... דו האסט דיין כעס און נקמה געפיהל נישט בעהערשט... האסטו, האב איך מורא, פערשפיעלט די מלוכה...

— זארג נישט מוטער ! — האט אבשלום אויסגערופען — איך פערזיכער דיר אז דיין זוהן וועט ווערען קעניג...

— ווי אזוי, מיין זוהן ? געהסטו דען נישט אז דער קעניג האט נאך דיר נישט אין גאנצען מוחל געווען ? דו ביזט אין גאנצען אפגעפרעמדט געווארען פון איהם... ער ערלויבט דאך דיר נישט אפילו זיך צו בעווייזען אין פאלאץ...

— מוטער ! — האט אבשלום געזאגט מיט א נידעריגע שטימע — איך וויל דיר עטוואס זאגען, אבער דו דארפסט זעהר פארזיכטיג זיין, און אפילו עס נישט איבעררייידען פאר מיין שוועסטער... איך פלאנעווע צו פערכאפען די מלוכה דורך מיין פאטער'ס לעבען... איך האב ווענגען דעם גערעדט מיט דיין פאטער אין גשור, ער האט מיר פערשפראכען צו העלפען...

— אבער מיין זוהן ! — האט מעכה אויסגערופען מיט שרעק — דו וועסט שטעלען דיין לעבען אין גרויס געפאהר.

— איך וועל זיין זעהר פארזיכטיג, מוטער... איך וועל מאכען דעם שריט נור דאן ווען איך וועל זיכער זיין אז איך האב אלעס ריכטיג צוגעגרייט... די ערש־טע זאך מוז איך צוריקקריעגען מיין צוטריט אין פאלאץ... מיין פאטער וועט מיר מוזען עפענטליך מוחל זיין... איך האב גענוג גוטע פריינד, וועלכע וועלען מיר בעהילפיג זיין...

— אבער דו האסט אויסגעקליבען זעהר נישט קיין גינסטיגע צייט דערצו, מיין זוהן, דאס פאלק איז נאך אלץ ברוגז אויף דיר צוליעב אמנון'ס טויט...

— נאך מעהר ברוגז איז אבער דאס פאלק אויף מיין פאטער, קיינער האט נאך נישט פערגעסען די געשיכטע מיט בת שבע'ן... און איך בין זיכער אז איך וועל קריגען זעהר פיעל אנהענגער...

— ווען דו קריעגסט נור יואב'ן אויף דיין זייט — האט מעכה געזאגט — דאן וואלסטו גאר קיין שוועריגקייטען נישט געהאט, ער איז יעצט זעהר פערעהרט ביים פאלק צוליעב די גרויסע נצחנות וואס ער האט אפגעהאלטען איבער אונזערע שונאים...

— איך ווייס נישט אויב איך וועל איהם קענען אריינקריגען אויף מיין זייט, כאטש ער איז זעהר איבערגעגעבען צו מיר, דאך איז ער אבער צו געטריי צו דעם קעניג... איך האב אבער איינעם וועלכער איז מיין בעסטער פריינד און וואס איז כמעט אזוי גוט ווי יואב...

— ווער איז ער ?

— דאס איז אחיתפל פון גלוני, מיין פאטער'ס ראטהגעבער, ער איז אזוי אויפגערעגט אויף דעם קעניג, אז ער וואלט מיר צו יעדער צייט ארויסגעהאלפען...

— אחיתפל איז דאך בת שבע'ס זיידע ! — האט מעכה געזאגט, — וועט ער דאך זיכער זיין פעראינטערעסירט אין דעם דאס בת שבע'ס זוהן, שלמה, זאל זיין קעניג... טו ווי אזוי קענסטו דען האפען אויף זיין ראט און הילף...

— אחיתפל טראגט שוין פון לאנג א שנאה אויף דעם קעניג — האט אבשלום געענטפערט — ער האט עטליכע אורזאכען צו זיין אויף איהם אין כעס, די הויפט שנאה איז, אבער טאקע צוליעב בת שבע'ן... ער האט מיר נישט לאנג געזאגט: "ווען אפילו דאס גאנצע פאלק וואלט דוד'ן מוחל געווען פאר זיין פערברעכען מיט אוריה'ן, וועל איך איהם און בת שבע'ן מיין אייניקעל נישט מוחל זיין ביז ענדע מיין לעבען"... ער האט מיר אויך געזאגט אז ער האט זיין אור־אייניקעל שלמה'ן אויך נישט איבעריג ליעב און ער זוכט איהם אויסצור־מיידען... יע, אחיתפל טרויערט נאך עד היום איבער אוריה'ס טויט... ער האט איהם זעהר ליעב געהאט.. יעצט זעהסטו, מוטער ווי אזוי אחיתפל וועט מיר קענען בעהילפיג זיין..

— פון מיין טיעפסטען הארצען גיעב איך דיר, מיין ברכה, מיין זוהן — האט מעכה געזאגט — אבער איך בעט דיר נאך אמאל טהו נישט קיין איבער־איילטען שריט... אויב אחיתפל איז טאקע דיינער א ריכטיגער איבערגעבענער פריינד, בעראט זיך מיט איהם... זאג איהם אלע דיינע פלענער און ער וועט דיר

געבען די ריכטיגע עצה... איך ווייס אז ער איז זעהר קלוג.. און דוד האלט זעהר פיעל פון זיינע עצות..

— כל זמן איך האב נישט קיין צוטריט אין פאלאץ קען איך גארנישט טאהן... איך מוז זיך ווידער זעהן מיט יואב'ן איך וועל איהם בעטען ער זאל נאך אמאל פרובירען ריידען מיט מיין פאטער... אפשר וועט ער מיר מוחל זיין און ערלויבען צו וואהנען אין פאלאץ ווי אין די פריהערדיגע יאהרען...

אבשלום האט אריינגערופען איינעם פון זיינע יונגען און האט איהם גע־שיקט רופען יואב'ן.

דער יונג איז אוועק צו יואב'ן און געזאגט: — מיין האר אבשלום פער־לאנגט דו זאלסט נאך היינט קומען צו איהם...

יואב האט פערשטאנען אז אבשלום וויל איהם ווידער שיקען צו דוד'ן צו בעטען ער זאל איהם אין גאנצען מוחל זיין, ער האט אבער געוואוסט, ווי דער קעניג פיהלט וועגען דעם און ער האט מעהר זיך נישט געוואלט מישען.

— זאג אבשלום'ן דיין האר אז איך קען נישט קומען — האט יואב אנגע־זאגט דורך אבשלום'ס יונג.

ווען אבשלום האט דערהערט אז יואב ענטזאגט זיך צו קומען, האט ער געשיקט א צווייטען שליח צו איהם.

יואב אבער האט נאך אלץ נישט געוואלט קומען. דאן האט אבשלום צוזא־מענגערופען זיינע דינער און צו זיי געזאגט:

— געהט אריבער אין יואב'ס פעלד און צינדט אונטער זיינע גאנצע תבואה... ווען זיין גאנצע פעלד תבואה וועט אפברענען וועט ער מיר שוין קומען זעהן.

די דינער האבען געטהאן ווי אבשלום האט זיי געהייסען:

ביינאכט זיינען זיי אוועקגעגאנגען צו יואב'ס פעלד און דאס אונטערגעצונ־דען... דאס פייער האט זיך גלייך פערשפרייט דער רויך און די פלאמען האבען זיך געזעהן פון גאנץ ווייט... יואב האט זיך באלד דערוואוסט אז זיין פעלד ברענט און ער איז גלייך געקומען און גענומען אויספארשען ווער עס האט עס געטהאן.

— מיר האבען געזעהן אבשלום'ס דינער אנטלויפענדיג — האבען אייניגע מענשען געזאגט צו יואב'ן.

יואב האט שוין יעצט פערשטאנען אז אבשלום האט אן איהם נקמה גענומען פארוואס ער איז צו איהם נישט געקומען לויט זיין פארלאנג. ער איז גלייך אוועק צו אבשלום'ן און זיך צו איהם אפגערופען מיט כעס!

— האב איך דען אזוי פערדיענט ביי דיר?... פארוואס האבען דיינע קנעכט אונטערגעצונדען מיין פעלד?...

— און האב איך דען ביי דיר פערדיענט דו זאלסט מיר אזוי באהאנדלען?

— האט אבשלום געזאגט. איך האב דיר צוויי מאל געשיקט רופען, און דו האסט צו מיר נישט געוואלט קומען... ווען איך וואלט געקענט געהן צו דיר וואלט איך עס זיכער געטהאן... דו ווייסט דאך אז דער קעניג האט מיר פערבאטען צו קו־מען נאהענט צום פאלאץ, ביז איך געווען געצוואונגען דאס צו טהאן... און דו זעהסט דאך אליין אז דאס האט יע געהאלפען... יעצט ביזטו שוין געקומען צו מיר... איך וועל דיר דיין שאדען אומקערען, אבער דו מוזט אייגמאל פאר אלע

מאָל אַן אַנדרע מאַכעז צו מיין אונערטרעגליכע לאַגע... פאַרוואָס האָסטו מיר נאָר אָפּגענומען פון גשור... דאָרטען איז מיר שוין אַ סך בעסער געווען... דאָרטען בין איך געווען פריי איך האָב געקענט געהן וואוהין איך האָב נאָר געוואָלט און דאָ, אין ירושלים, בין איך אַזוי ווי אין אַ געפענגנים... שוין צוויי יאָהר זינט איך האָב זיך צוריקגעקעהרט פון גשור און איך האָב נאָך מיין פאָטער'ס פנים נישט געזעהן... מיין האַרץ געהט אויס פון בענקשאַפט... איך וועל עס שוין מעהר נישט קענען אַריבערטראָגען.. אָדער זאָל מיר דער קעניג אין גאַנצען מוחל זיין אָז נישט זאָל ער מיר טויטען.. ווייל פאַר מיר איז שוין בעסער דער טויט איידער אַזוי צו לעבען... יעצט בעט איך דיר, מיין פריינד געה צו דעם קעניג און גיעב איהם איבער מיינע ווערטער... אויב מיין זינד איז נאָך גרויס בין איך וויליג צו שטאַרבען... איך ווייס אַז דו ביזט זעהר קלוג און דו וועסט וויסען ווי אַזוי צו ריידען צום קעניג...

יואב איז אַוועק צו דוד'ן און זיך אָפּגערופען:

— מיין האַר קעניג, איך קום עס יעצט פון דיין זוהן'ס הויז, אבשלום פיהלט זיך זעהר אומגליקליך. ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסען זיין האַרץ און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער מיך געבעטען איך זאָל ריידען מיט דעם קעניג, ווייל זיין האַרץ געהט אויס פון בענקשאַפט נאָך זיין פאָטער. עס איז שוין באַלד פינף יאָהר ווי ער האָט דעם פנים פון זיין פאָטער ניט געזעהן... זיין ערגערנים איז נאָך גרעסער דערפון, וואָס כאָטש עס איז שוין באַלד צוויי יאָהר ווי ער געפינט זיך אין ירושלים, און עס איז איהם נישט ערלויבט צוצוקומען צום פּאַלאַץ און זיך זעהן מיט זיין פאָטער... יע, ער זאָגט אַז עס איז פאַר איהם בעסער געווען, ווען ער איז געווען אין גלות, דאָרטען האָט ער זיך געקענט פריי באַוועגען, און דאָ איז ער פערגלייכט ווי אַ געפאַנגענער...

דוד'ס אויגען זיינען אַנגעפיהלט געוואָרען מיט טרעהרען... איהם אַליין האָט זיך שוין אויך שטאַרק געלוסט צו זעהן זיין זוהן, אָבער ער האָט נאָך נישט געוואָלט אַרויסווייזען פאַר יואב'ן אַז ער גיט זיך אַזוי שנעל אונטער...

— איך קען אָבער נאָך אַלץ ניט באַשליסען ביי זיך איהם מוחל צו זיין פאַר זיין גרויזאַמען פערברעכען געגען זיין ברודער... פאַר מיינע אויגען שטעהט תמיד מיין ערשט געבאָרענער זוהן... זיין בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד... און זיין מוטער, אחינעם, אַה, ווי גרויס איז איהר אומגליק און בראָך! איהר קוואַל טרעהרען איז שוין אויסגעטריקענט געוואָרען... זי האָט שוין מעהר קיין כח נישט צו וויינען... זי וויל זיך אָבער נישט טרייסטען...

— אָבער אבשלום האָט שוין אויך גענוג געליטען דורך די פינף יאָהר... ער האָט מיר געזאָגט, אויב דער קעניג וועט איהם אין גאַנצען נישט מוחל זיין, איז שוין פאַר איהם גלייכער דער טויט...

דוד האָט אַ ווייל געשוויגען... ער האָט זיך פערטראַכט וויא ער וואָלט וועלען בעשליסען וואָס צו טהאָן... נאָכהער האָט ער זיך אָפּגערופען:

— גוט, אויב איך ביזש וין איהם אין גאַנצען מוחל, געה אַריבער צו איהם און ברייננ איהם צו מיר, ווייל איך אַליין בייניק אויך זעהר שטאַרק נאָך איהם.

— איך דאַנק דיר, מיין האַר קעניג — האָט זיך יואב פערגויגט און ווי

פייל אויסען בוינען איז ער געלאפען אנזאגען אבשלום'ן די פערהליכע בשורה...
גרויס איז געווען אבשלום'ס שמחה, ווען ער האט דערהערט אז יואב האט גע'פועל'ט ביי דעם קעניג ער זאל איהם אין גאנצען מוחל זיין... יעצט וועט ער פערווירקליכען אלע זיינע פלענער... ער וועט זיין א גאסט אין פאלאץ און וועט זיך נאך מעהר ווי אימער פיהלען פריי צו טהאן אלעס וואס ער וועט וועלען...
— יואב, קיינמאל וועל איך דיין חסד נישט פערגעסען — האט אבשלום צו איהם געזאגט ווען זיי זיינען ביידע נעגאנגען צו דוד'ס פאלאץ — דאס איז דער גליקליכסטער טאג אין מיין לעבען... און דיר דארף איך פאר אלעס דאנקען...
— און איך בין אויך זעהר גליקליך, דאס מיר האט זיך איינגעגעבען צו פועל'ן ביי דעם קעניג ער זאל דיר אין גאנצען מוחל זיין...

* * *

דוד איז געזעסען אויף זיין טראהן, ווען מען האט איהם געמאלדען דאס אבשלום איז געקומען. זיין הארץ האט גענומען שטארק קלאפען ערווארטענדיג זיך צו זעהן מיט זיין זוהן וועמען ער האט אזוי שטארק ליעב געהאט... דאך אבער האט ער זיך נישט געריהרט פון ארט, ווען אבשלום איז אריין אין זיין צימער... ווען אבער אבשלום איז געפאלען צו דער ערד און אויסגעבראכען אין געוויין, און געבעטען ער זאל איהם מוחל זיין, האט זיך שוין דוד מעהר נישט גע־קענט בעהערשען; ער איז ארונטער פון טראהן און צוגעגאנגען צו זיין זוהן, איהם אויפגעהויבען פון דער ערד... ער האט איהם ארומגענומען, געהאלדזט און געקושט און אויך געוויינט פון גרויס שמחה...
— פאטער, דו ביזט מיר מוחל פאר מיין זינד — איז אבשלום געריהרט גע־ווארען פון זיין פאטערס צערטליכקייט.
— יע, מיין זוהן איך בין דיר מוחל מיט מיין גאנצען הארצען.
א היבשע ווייל זיינען ביידע, פאטער און זוהן געשטאנען איינגעפלאכטען איינער אין דעם צווייטען...

פיער און דרייסיגסטער קאפיטעל

אבשלום'ס אויפשטאנד

זינט אבשלום'ס צוריקקעהר אין פאלאץ, האט מעכה זיין מוטער, ווידער אויפגעהויבען איהר קאפ... די גאנצע פינף יאהר, איז זי ארומגעגאנגען בעזארגט און טרויעריג... דוד האט איהר אין גאנצען פערנאכלעסיגט... זי פלעגט קוקען מיט אייפערזיכטיגע אויגען, ווי דוד קומט בעזוכען זיינע אנדערע פרויען, זי פלעגט מיט גרויס הארצווייטאג זיך צוהערען ווי דער קעניג זוכט צו טרייסטען אחינעם, אמנון'ס מוטער, — ווי ער פארברייננט מיט בת שבע'ן, מיט מיכל'ן אדער מיט אביגיל'ן אבער צו איהר האט ער קיין ווארט נישט אויסגערעדט, אזוי ווי זי וואלט געווען שולדיג אין איהר זוהן'ס פערברעכען!...
איינזאם און אפגעזונדערט פון דוד'ס איבעריגע פרויען, האט מעכה דיא גאנצע צייט ווען אבשלום איז געווען אין גלות, פערבראכט מיט איהר אומגליק־

ליבע טאכטער, תמר... ווען איהר זוהן איז צוריקגערופען געווארען נאך ירושלים, האט זי געפונען א טרייסט צו איהר טרויעריגען געמיטה, אבער אין איהר הארצען האט געברענט א כעס אויף דוד'ן, פאר זיין גרינגשעצען איהר... טיעף בעליידיגט האט זי זיך געפיהלט אווס דוד האט אויפגעהערט איהר צו בעזוכען... זי האט געוואוסט אז דאס איז אלעס צוליעב אבשלום'ן אבער דאך אין איהר הארצען האט זי געפיהלט, אז מעהר פון אלעם איז בת שבע שולדיג אין דוד'ס קאלטקייט צו איהר... זינט זי האט איהם געבארען שלמה האט זיך שוין דוד געענדערט צו איהר.. א ווי זי וואלט זיך וועלען נוקם זיין אן בת שבע מיט איהר זוהן...

ווען אבשלום האט איהר ענטדעקט זיינע פלענער צו פערכאפען די מלוכה ביי דער ערשטער געלעגענהייט, האט זי זיך אפילו בעת מעשה געשראקען פאר דער סכנה וואס עס שטעקט אין דעם... באלד אבער האט זי גענומען טראכטען ווי אזוי זי וועט זיך נוקם זיין אן בת שבע'ן... און ווי גליקליך זי וועט זיך פיה־לען ווען איהר אבשלום וועט זיצען אויף'ן טראהן... יעצט אז דוד האט שלום גע־מאכט מיט איהר זוהן און ער געפינט זיך אין פאלאץ, איז צו איהר גליק קיין גרע־ניץ נישט געווען... זי האט שטארק געשטאלצירט מיט אבשלום'ן און ווען זיא פלעגט זיך בעגעגענען מיט בת שבע'ן און אחינעם, האט זי אויף זיי געקוקט מיט שפאט און פעראכטונג... אין איהר הארצען האט זי זיך געטראכט: "ווארט ביז מיין זוהן וועט ווערען קעניג, דאן וועט איהר אלע פאלען צו מיינע פיס...

יעדען אבענד פלעגט זי קומען בעזוכען איהר זוהן און זיך מיט איהם דורכ־גערעדט, און אויסגעפונען וואו עס האלט מיט זיינע פלענער.

— איך האב שוין גערעדט מיט אחיתפל'ן וועגען מיינע פלענער — האט אבשלום געזאגט צו זיין מוטער ווען זי איז צו איהם אריינגעקומען אין אבענד.

— און דו האסט איהם אלעס ענטדעקט? — האט זי אויסגערופען מיט שרעק, — האסטו גארנישט מורא געהאט פיעלייכט וועט ער נישט איינ־שטימען און דערנאך דיר פערראטהען צו דיין פאטער?

— דו דארפסט נישט פארגעסען מוטער אז דיין זוהן איז נישט קיין נאר און אז ער ווייס ווי אזוי און ווען צו זיין פארזיכטיג... זעהסטו דען נישט אז דער־ווייל געהען מיינע פלענער ווי איך האב געוואונשען... דער פאטער ווייזט צו מיר ארויס מעהר צערטליכקייט און ליעבשאפט ווי ווען עס איז בעפאר און איהם וועט אפילו נישט איינפאלען מיר חושד צו זיין אז איך טראג זיך ארום מיט פלענער צו פערכאפען זיין קרוין... איך האב זיך פריהער איבערציינט אז אחיתפל טראגט נאך אלץ זיין אלטע שנאה אויף מיין פאטער, נאכהער, האב איך ביסלעכווייז פארגעלעגט פאר איהם מיינע פלענער...

— און וואס איז זיין מיינונג? — האט מעכה געפרעגט.

— ער איז געווען זעהר שטארק בעגייסטערט פון מיין פלאן און האט מיר א סך ערמוטיגט... ער האט מיר פערשפראכען ארויסצוהעלפען אין דעם...

— זאג מיר, מיין זוהן, — האט מעכה געקושט אבשלום'ן, פון וואנען ביזטו איבערציינט אז אחיתופל טראגט נאך אין זיין הארץ די אלטע שנאה אויף דוד'ן?

— ווען אחיתופל איז מיר געקומען בעזוכען האט ער גלייך אויסגעדריקט זיין גרויס צופריעדענהייט וואס דער קעניג האט מיר צוריקגעקעהרט אין פא־

לאָז... ער האָט מיר געזאָגט דאָס ער האָט זעהר שטאַרק געבענקט נאָך מיר און דאָס ער איז גליקליך ווידער צו קריעגען די געלעגענהייט מיט מיר צו פערברייננגען, נאכהער האָט ער מיר געגעבען אנצוהערען אז דער קעניג האָט זעהר שטאַרק ליעב בת שבע׳ס זוהן, און נישט איינמאל האבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען אז שלמה וועט ווערען קעניג נאָך דוד׳ן. "אָבער גיין, דאָס טאָר קיינמאל נישט דערלאָזען ווערען"! — האָט ער אויסגערופען מיט כעס. "דו ביזט דער איינציגער וועלכער די ביזט בערעכטיגט צום טראָהן און איך וועל קעמפּפען פאַר דעם מיט אלע מיינע כוחות".

ווען איך האָב דערהערט אזעלכע ווערטער פון דעם קעניג׳ס בעל יועץ, האָב איך געקראָגען מוטה און איהם געפרעגט וואָס גלויבט ער, דאַרף איך טהאָן אום צו פערזיכערען אז די מלוכה וועט איבערגעהן צו מיר.

אחיתופל האָט זיך פערטראַכט אויף א ווייל, נאכהער האָט ער זיך אָפּגערופען צו מיר: "די ערשטע זאַך וואָס דו דאַרפסט טאהן איז צו געווינען דעם פאָלק אויף דיין זייט... דו דאַרפסט זעהן בעליעבט צו ווערען ביי יעדען איינעם... דו זאָלסט זוכען טהאָן טובות צו יעדען וועלכער וועט זיך צו דיר ווענדען... אביערהויפּט צייג ארויס א פריינדשאַפט צום פשוט׳ן המון, בעגרים זיי ווען דו בעגעגענסט זיי, פאַרברייננג מיט זיי, טרייסט זיי און פאַרשפּרעך דיין הילף ווען זיי קומען אויסגיסען דאָס הארץ פאַר דיר"...

— א אחיתופל איז דאָך קלוג ווי א מלאך! — האָט מעכה אויסגערופען מיט שמחה — זיינע קלוגע עצות זיינען גאַר נישט אפּצושאַצען... יעצט בין איך זיכער אז אחיתופל איז דיין פריינד און האָבענדיג אזא וויכטיגען מאַן פאַר א פריינד, איז דיין ערפאָלג געזיכערט...

— דאָס האָב איך אויך גלייך פאַראויסגעזעהן, מוטער און דעריבער האָב איך אויף א רגע נישט געצווייפעלט און איהם גלייך איבערגעגעבען מיינע פּלענער.

— און וואָס האָט ער דערצו געזאָגט? — איז מעכה אומגעדולדיג געוואָרען.

— ער האָט מיר געזאָגט אויב איך וועל טהאָן ווי ער האָט מיר געראַטהען, דאַן וועט דער פּלאַן ארבייטען אויסגעצייכענט און דו מיין ליעבע מוטער, איך בעט דיר רייד זיך פאַר קיינעם נישט ארויס אז אחיתופל איז ביי מיר געווען...

— דו וועסט דאָך מיר ערלויבען צו דערצעהלען דיין אומגליקליכע שוועסטער תמר, וועגען אלעס... זי איז אזוי איינזאַם און פערטרויערט און איך בין זיכער אז זי וועט זיך זעהר פרעהען פון דעם...

— אָבער דעם פאָטער, האָט זי איהם דען נישט ליעב? און פיעלייכט וועט זי נישט איינשטימען מיט מיר, ווען זי וועט וויסען וואָס איך געה טהאָן צום פאָטער.

— תמר האָט אויפגעהערט ליעב צו האָבען דעם פאָטער זינט אמנון האָט איהר בעליידיגט און דער קעניג האָט איהם נישט בעשטראָפט... זי קומט זעלטען אריין צו איהם... זי זיצט שטענדיג אין איהר צימער און טרויערט...

— זי וועט שוין לאַנג נישט דאַרפען טרויערען! — האָט אבשלום געענטפערט, ווי נאָר איך וועל ווערען קעניג, וועל איך טהאָן א שדוך מיט איהר מיט א זוהן פון אונזערע שכנים׳שע מלכים... איך וועל נישט דערלאָזען אז זי זאָל

אפפינסטערען איהר גאנצען לעבען... אויב זי איז געפאלען אין די אויגען פון אונזער פאלק, איז זי נאך זעהר בעצויבערנד שעהן און איך בין זיכער אז פיעלע מלכים און שרים וועלען זוכען איהר האנט... אבער דאך, איידער דו דערצעהלסט איהר שיק איהר צו מיר איך וויל מיט איהר עפעס ריידען.

מעכה האט געשיקט תמר'ן צו אבשלום. און ווען זי איז געקומען האט אבשלום זיך צו איהר אפגערופען:

— מיין שוועסטער, געגנוג האסטו געטרויערט און געוויינט... דיין שאנדע איז אפגעווישט געווארען מיט דיין בעטריגער'ס טויט... עס איז שוין צייט אז דו זאלסט מונטער ווערען...

— ווי אזוי קען איך אויפהערען טרויערן ווען אלע ווייסען אז מיין כבוד איז פערשוועכט געווארען — האט תמר זיך פאנאנדערגעוויינט — ווער וועט זיך וועלען אויף מיר אומקוקען יעצט?...

— מיין שוועסטער, עס איז דאך אבער א גרויסער אונטערשיעד צווישען איינער וועלכע האט פארשוועכט איהר כבוד מיט איהר גוטען ווילען, און צווי־שען איינער וועלכע איז פעראומגליקט געווארען... אבער זארג נישט מיין שוועס־טער איך וועל אין גיכען ווערען קעניג און דאן וועסטו שוין נישט דארפען פער־זעסען ווערען ביז די ענדע פון דיין לעבען...

— תמר האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט... זי האט נישט פערשטאנען וואס ער ציעלט מיט זיינע רייד...

— איך זעה, תמר, אז דיר וואונדערט צו הערען פון מיר אזעלכע רייד, אבער דו, מיין געטרייע שוועסטער, מעגסט אלעס וויסען: איך האב בעשלאסען צו ווערען קעניג נאך איידער דער פאטער וועט שטארבען?...

— אבער דער פאטער? ! — האט תמר אנגעקוקט איהר ברודער מיט צו־שראקענע אויגען...

— יע, מיין שוועסטער, אויב ער וועט זיך שטארק געגענשטעלען וועט ער געהן צו אמנו'ן... — האט אבשלום שטייף געזאגט. איך ווייס תמר אז דיר איז שווער צו פערשטעהן אזא זאך... אבער איך בין געצוואונגען דאס צו טהאן... איך האב אויסגעפונען אז אונזער פאטער האלט זעהר שטארק פון בת שבע'ס זוהן... און קלאנגען האבען זיך פערשפרייט אז דער קעניג קלייבט זיך איהם צו בע־שטימען פאר דעם יורש פון זיין קרוין... אויב איך זאל יעצט שווייגען, וועט נאכהער זיין צו שפעט, שלמה וועט ווערען קעניג, און איך וועל מוזען ווערען זיין קנעכט... דאריבער האב איך בעשלאסען צו פערכאפען די מלוכה איבער־געוואלט...

— אבער אבשלום, בעגרייפסטו דען נישט די גרויסע סכנה וואס שטעקט אין דעם... ווען דער פאטער זאל אויסגעפינען וואס דו ווילסט טהאן, וועט ער דיר זיכער טויטען.

— ווען דער קעניג וועט אויסגעפינען וועט שוין זיין צו שפעט פאר איהם מיר צו טויטען, מיין שוועסטער... איך וועל שוין דאן האבען דעם גאנצען פאלק אויף מיין זייט... דאן וועט ער שוין זיין אין מיינע הענט... דו דארפסט גאר נישט מורא האבען, תמר, איך ווייס ווי צו האנדלען און ווי פארזיכטיג צו זיין. פערגעסט נישט אז אחיתופל איז מיין בעל יועץ, אויף איהם קען איך זיך פערלאזען.

אבשלום האט תמר'ן דערצעהלט אלע זיינע פלענער און איהר אנגעזאגט צו היטען זיך נישט ארויסצורייידען קיין ווארט פאר קיינעם...

תמר איז געווארען שטארק ערשיטערט פון איהר ברודער'ס פלאן... זי האט געזעהן אז אבשלום געהט אויף זעהר א געפעהרליכען וועג אבער זי האט פערשטאנען, אז איהרביידען וועט יעצט גארנישט אויפטהאן... זי איז דאריבער גלייך אוועק צו איהר מוטער און פרובירט ווירקען אויף איהר זי זאל אפהאלטען אבשלום'ן פון אזא געפעהרליכען שריט.

— מוטער — האט זיך תמר צו איהר אפגערופען — האסטו געגעבען דיין ערלויבנים צו אבשלום'ן צו צוגרייטען זאן אויפשטאנד געגען פאטער ?

יע, מיין טאכטער, דאס איז דער איינציגער וועג ווי אזוי דיין ברודער וועט קענען קריעגען די מלוכה און נישט בת שבע'ס זוהן... איך האב די גאנצע צייט זינט אבשלום איז געווען אין גלות, געגוג געליטען... מיין שנאה צו בת שבע'ן האט אין מיר געברענט... און דא האבען זיך פערשפרייט קלאנגען אז שלמה בת שבע'ס זוהן וועט ווערען קעניג... יעצט אבער ווייס אבשלום וואס ער האט צו טאהן, דערצו האט ער געקראגען אויף זיין זייט דעם קעניג'ס ראטגעבער, דעם קלוגען אחיתופל און ער וועט פיהרען און געבען עצות ביז וואנען איהם וועט געלינגען צו געווינען די הערצער פון אלע איינוואהנער פון אונזער לאנד... פער־געם נישט אז דאס פאלק האט נאך דיין פאטער אין גאנצען נישט מוחל געווען פאר זיין פארברעכען געגען אוריה'ן דעם חתי און אין דער זעלבער צייט האט אבשלום געקראגען פיעלע פריינד און אנהענגער... ווארום ווער קען נישט ליעב האבען אזא שעהנעם העלדישען און קלוגען מאן ווי דיין ברודער איז... יעדער איינער האט איהם געגעבען רעכט ווען ער האט געטויטעט זיין ברודער אמנון, און יעצט ווען ער וועט פערכאפען די קרוין, ווער וועט איהם געבען אומגע־רעכט ?...

— אבער מוטער וועט אבשלום דען טהאן א גערעכטע זאך צו גאט און צו זיין אייגענעם פאטער ? דער פאטער האט איהם מוחל געווען און צייגט איהם ארויס אזוי פיעל ליעבע און צוטרוי... וועט ער דען זיין גערעכט אין פערראטען זיין פאטער ?...

— ווען ער זאל דורכפאלען, מיין טאכטער, דאן וואלט ער געווען אומגע־רעכט, אבער מיט זיין ערפאלג וועט ער אויך קריגען דאס רעכט... און אויב דו האסט דיין ברודער ליעב, דארפסטו גאט בעטען פאר זיין ערפאלג...

— איך האב אבער אויך ליעב מיין פאטער — האט תמר געזאגט מיט טרעהרען אין די אויגען...

— דו האסט ליעב דיין פאטער ? האט ער עפעס געטהאן צו פארגרינגערען דיינע שמערצען ?... האט ער דען בעשטראפט אמנון וועלכער האט דיר אזוי אומגליקליך געמאכט ? האט ער דען איינגעשטעלט זיין לעבען אין סכנה ריינצו־וואשען דיין כבוד, ווי דיין ברודער האט עס געטהאן ? נייז, תמר, דיין הארץ דארף זיין בלויז מיט דיין ברודער וועלכער האט דיר ליעב מעהר ווי זיין אייגענע לעבען.. און ווען ער וועט קעניג ווערען וועט ער זעהן אז דו זאלסט נישט דאר־פען זיצען און טרויערען דיין גאנצען לעבען... דו ביזט נאך יונג און שעהן און

אבשלום וועט שוין קריגען א מאן פאר דיר פון די מלכים מיט וועמען ער וועט זיך פערבינדען...

תמר האט זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט, זי האט זעהר ליעב געהאט אבשלום'ן און נישט שוואכער איז איהר ליעבע צו איהר פאטער, און ווער עס זאל נישט ליידען איז אבשלום'ס געפלאנטען אויפשטאנד, וועט איהר וועה טאהן דאס הארץ... זי זעהט אבער אז נישט אבשלום און נישט איהר מוטער פיהלען דאס זעלבע ווי זי... זי זעהט אז זי איז הילפלאז און אלע איהרע טענות זיינען אומזיסטע... זי האט זיך דעריבער צוריקגעצויגען אין איהר צימער נאך מעהר טרויעריג ווי פריהער און שטילערהייט מתפלל געווען צו גאט ער זאל עפענען איהר ברודער'ס אויגען און זאל ער זעהן זיין אומרעכט איידער עס וועט צו שפעט זיין...

ווען אבשלום האט בעמערקט אז זיין פאטער'ס ליעבשאפט האט זיך צו איהם אין גאנצען אומגעקעהרט, האט ער ביסלעכווייז גענומען אויפפיהרען זיך ווי עס פאסט פאר א קעניג'ס זוהן, וועלכער איז בעשטימט צו ווערען דער יורש פון די מלוכה. ער האט זיך פערשאפט א גרויסארטיגע קארעטע און פיעלע רייטער אויף פערד וועלכע רייטען פון הינטען און פופציג גבורים וואס פלעגען לויפען בעפאר איהם. ער פלעגט ארומפאהרען איבער דער גאנצער שטאדט ירושלים און ליעב־ליך בעגריסען יעדען איינעם וועמען ער פלעגט בעגעגענען...

גאנץ פריה פלעגט אבשלום אויפשטעהן זיך שטעלען אין דעם טויער פון שטאדט... דארטען פלעגען קומען אידען פון פערשיעדענע שטעדט און דער־פער צו קריגען גערעכטיגקייט... די שופטים פלעגען זיצען און משפט'ן. די העכערע געריכטען זיינען געווען אין דעם טויער פון קעניג'ס פאלאץ, און אויב איינער האט געהאט עפעס אויסצוזעצען געגען די ריכטער פון טויער פון שטאדט, פלעגט דער בעל דין פארברייגגען זיינע טענות פאר'ן העכערען געריכט, וואו דעם קעניג'ס מיניסטארען זיינען געזעסען און זעהר אפט דער קעניג אליין.

אבשלום פלעגט יעדען פריהמארגען קומען אין טויער פון שטאדט און בעאבאכטען די פערשיעדענע משפטים וואס דארטען קומען פאר און ווען ער פלעגט באמערקען ווי איינער געהט אוועק אומצופריעדען, פלעגט ער יענעם צו־רופען צו זיך און איהם פרעגען:

— פון וואס פאר א שבט און פון וועלכער שטאדט ביזטו, מיין פריינד?

און ווען יענער האט איהם געזאגט דעם שבט און די שטאדט, האט אבשלום מיט א שמייכעל געזאגט, פון אזא שבט ווי דו שטאמסט און פון אזא שטאדט פון וואנען דו קומסט, דארפסטו זיכער נישט ארויסקומען קיין אומגערעכטער אין דיין משפט... דער דערשלאגענער בעל דין האט געקראגען מעהר מוט ווען ער האט דערזעהן אז דעם קעניג'ס זוהן רעדט צו איהם אזעלכע ווערטער.

— וואס וועסטו יעצט טהאן, מיין פריינד? — האט אבשלום איהם ווידער געפרעגט...

— איך וועל מיין משפט פארברייגגען פאר'ן העכערען געריכט. — האט איהם יענער געענטפערט.

— זאג מיר דיינע טענות און לאמיר הערען — האט אבשלום געזאגט.

ווען דער בעל דין האט געענדיגט ריידען האט זיך אבשלום אפגערופען:

— דיינע ווערטער זיינען ריכטיגע און גערעכטע אבער צום בעדויערען וועסטו אויך קיין גערעכטיגקייט נישט קריגען אין דעם טויער פון קעניג'ס פאלאץ... א ווען איך זאל נאר האבען די מאכט פון א שופט וואלסטו זיכער ארויס א גערעכטער...

דער מאן האט איהם בעדאנקט פאר זיינע ווייכע און ערמוטיגענדע ווערטער, ער האט זיך פארנייגט פאר איהם און געזאגט:

— איך בין גליקליך אז דעם קעניג'ס זוהן רעדט צו מיר אזוינע פריינדליכע ווערטער.

— ווען איך וועל האבען די מאכט, מיין פריינד, פערגעס נישט צו קומען מיר זעהן, איך וועל דיר זעהר פיין אויפנעהמען — האט אבשלום געזאגט און אויסגעשטרעקט זיין האנט צו איהם.

דער מאן האט אנגענומען אבשלום'ס האנט און זי א קוש געטהאן.

גליקליך איז יענער אוועק צו זיך אהיים און האט דערצעהלט פאר אלע זיינע גוטע פריינד די גוטסקייט און צערטליכקייט פון דעם קעניג'ס זוהן, אבשלום...

אזוי האט אבשלום גענומען זיך אויפפיהרען די לעצטע צייט, יעדען איינעם פון פאלק וועלכען ער האט בעגעגענט, האט ער איהם צוגעצויגען מיט זיין ווייכקייט און צערטליכקייט, מיט זיין חניפה און איינפאכקייט און דערמיט האט ער געוואונען די הערצער פון פיעלע מענשען.

אחיתופל האט אבשלום'ן אויך אין דעם זעהר פיעל ארויסגעהאלפען, ער האט איהם פערלויבט פאר יעדען איינעם, ער האט אלעמען איבערצייגט, וואס פאר א גוטע הארץ אבשלום בעזיצט און ווי בראוו און פעהיג ער איז. אזוי האט אחיתופל געהאלפען פארזעען די קערענדלעך פון אויפשטאנד צווישען דעם פשוט'ן המון...

נאכדעם ווי דוד האט שלום געמאכט מיט זיין זוהן אבשלום'ן, האט ער זיך ווידער גענומען פיהלען גליקליך. די שטורמישע צייטען פון בת שבע'ן מיט די אומאנגענעמע נאכפאלגונגען זיינען שוין כמעט אין גאנצען פערגעסען געוואָרען: שלום און רוהיגקייט האט געהערשט אין פאלאץ און אפילו די אומטרייסט־בארע אחינעם, אמנון'ס מוטער, האט זיך שוין אויך געהאט בערוהיגט... דוד האט איהר בעוויזען בעזונדערע אויפמערקזאמקייט און דאס איז געווען ווי א באלזאם צו איהרע וואונדען. איהרע בעגעגנישען מיט מעכה'ן אבשלום'ס מוטער האבען אויפגעהערט צו זיין קריגעריש... זי האט זיך צוגעוואוהנט צו דעם געדאנק אז אבשלום געפינט זיך אין פאלאץ און אז דוד האט איהם מוחל געווען... איהר איינציגע טרייסט איז געווען דוד'ס פערזיכערונג אז אבשלום וועט נישט ירשנ'ען די מלוכה... דאס איז געווען א בעפרידיגונג צו איהר נקמה געפיהל... זי האט זעהר שטארק מורא געהאט אז אבשלום וועט ווערען קעניג, און ווען זי האט געהערט אז דוד האלט זיך ביים איבערבעטען מיט אבשלום'ן האט עס איהר שטארק אויפגערעגט... די מעגליכקייט אז אבשלום קען נאך ווערען קעניג האט איהר נאך מעהר פערביטערט איהר לעבען... נישט נאר זיינען איהרע חלומות צו

זעהן איהר זוהן קעניג איבער גאנץ ישראל צורונגען געווארען מיט אמנונ'ס טויט, אבער עס קען נאך מעגליך זיין אז דער מערדער פון איהר זוהן זאל זיצען אויף'ן טראהן...

זי איז דעריבער איינמאל, ווען זי איז געקומען בעזוכען דוד'ן, געפאלען צו זיינע פיס און זיך פאנאנדערגעוויינט...

— אחינעם! — האט זיך דוד צו איהר אפגערופען איך האב שוין געגלויבט אז דו האסט זיך בערוהיגט.. דו ביזט דאך א קלוגע, פערנינפטיגע פרוי... ווייסטו דען נישט אז אמנון וועט שוין צוריק לעבעדיג נישט ווערען... עס איז שוין צייט אז דו זאלסט אויפהערען צו טרויערן און זיך צו פייניגען...

— א ניין, מיין האר — האט זי וויינענדיג געזאגט — ביז דעם לעצטען טאג פון מיין לעבען וועל איך נישט אויפהערען צו טרויערען איבער מיין זוהן... אבער נאך שטארקער און פיינליכער איז מיין וואונד, ווען איך שטעל זיך פאר אז דער מערדער פון מיין זוהן וועט נאך מעגליך ווערען קעניג... ווען דאס זאל געשעהן, וועל איך דאס זיכער נישט אריבערטראגען... איך וועל שוין גלייכער געהן צו מיין זוהן איידער דאס צו צוזעהן...

— ווענען דעם מעגסטו רוהיג זיין, אחינעם — האט דוד געזאגט — אויב אבשלום האט ווען עס איז געהאט אן אויסזיכט אויף דער מלוכה, האט ער דאס פערלארען דורך זיין פערברעכען וואס ער איז בעגאנגען... אבער זאג מיר וואס מאכט דיר צו טראכטען גאר ווענען דעם, און ווער האט דיר געזגאט אז אבשלום וועט ווערען קעניג?

— קיינער האט מיר נישט געזאגט — האט אחינעם געענטפערט, אבער איך בעמערק אין מעכה'ס האלטונג... זי האט ווידער אויפגעהויבען איהר קאפ און פון איהר פנים דערקען איך דאס איהר האפענונג אז אבשלום וועט קעניגען האט זיך פערשטראקט, גלייך ווי מיין האר האט איהם מוחל געווען...

— איך פערזיכער דיר נאך אמאל, אחינעם אז איך האב שוין בעשטימט מיין יורש און טראהנפאלגער און אבשלום איז נישט דער יעניגער וועמען איך האב בעשטימט...

— איך דאנק דיר, מיין האר קעניג! — האט אחינעם לייכטער אפגעאטעמט... איך וויים אז דו טהוסט גערעכטיגקייט און דו וועסט דיין דיענסט נישט וועלען פערשאפען נאך מעהר שמערצען צו איהרע אונהיילבארע וואונדען.

אחינעם איז אוועק פון דוד'ן מיט א גרינגערען געמיטה, און דעם זעלבען טאג האט זי פערטרויט חגית'ן דוד'ס אנדערע פרוי, און די מוטער פון אדוניה'ן ווענען דעם.

— און ווער וועט זיין דעם קעניג'ס יורש? — האט איהר חגית געפרעגט — זאג מיר איך בעט דיר, אחינעם?

— דאס האט דער קעניג מיר נישט געזאגט — ער האט מיר בלויז פערזיכערט אז אבשלום איז עס געוויס נישט...

— האט ער מיט דיר גערעדט ווענען אדוניה'ן, מיין זוהן?

— ער האט מיר קיין נאמען נישט דערמאהנט — האט אחינעם זיך אפגערופען — אבער עס פערשטעהט זיך אז אויב נישט אבשלום, וועט עס זיכער זיין דיין זוהן אדוניה...

— דו גלויבסט אזוי ? — האט חגית'עס פנים אויפגעלויכטעז און זי האט איהר פריינדליך ארומגענומען... איך האב אימערצו געוואוסט אז דו ביזט מיר א גוטע פריינדין... איך קען מעכה'ן נישט אנקוקען איבערהויפט לעצטענס ווען זי האט ווידער גענומען ארויסווייזען איהר חוצפה'דיגען פנים... זי דיינקט אז ווי־באלד דער קעניג האט אבשלום מוחל געווען וועט ער איהם מסתמא אויך בע־שטימען אלס זיין יורש...

— אה, ניין דאס וועט קיינמאל נישט געשעהן ! — האט אחינעם געזאגט מיט בעשלאסענהייט — דער קעניג האט מיר צוויי מאל פערזיכערט אז אבשלום האט קיין שאנס נישט...

— מיר ווילט זיך שטארק אז מעכה זאל דערפון וויסען ! — האט חגית אויסגערופען — דאס וואלט איין גאנצען אפגעהאקט איהרע פליגלען... דו האסט געדארפט הערען מיט וואס פאר א שטאלץ און בעגייסטערונג זי רעדט וועגען אבשלום'ן, אזוי ווי ער וואלט גאר קיינמאל נישט בעגאנגען קיין מארד... "אין גאנץ ארץ ישראל — האב איך איהר געהערט איינמאל זאגענדיג איז ניטא אזא שעהנער העלדישער יונג ווי מיין אבשלום"... האסטו געהערט ? א העלדישער יונג !... אזוי ווי מיט בעפאלען אונגעריכטערהייט א שוצלאזען ברודער און איהם ערמארדען און דערנאך אנטלויפען קיין גשור, איז א גרויסע העלדענ־טהאט ?!...

אחינעם האט גענומען ווישען איהרע אויגען און חגית האט פארטגעזעצט:

— אביגיל און מיכל האבען מיר דערצעהלט אז מעכה האט זיך פאר זיי דא נישט לאנג בעריהמט דאס איהר אבשלום וועט ווערען קעניג און אז דוד האט איהם נאך יעצט מעהר ליעב ווי פריהער.

— יע, ער וועט ווערען קעניג אזוי ווי מיין אמנון וועט ווערען קעניג... — האט אחינעם געזאגט — דוד וועט מיר נישט אפנארען... זאל זי דערווייל האפען און גלויבען דערנאך וועט איהר ענטטוישונג שטארקער זיין...

— אבער דערווייל פיהרט ער זיך אויף טאקע ווי א קרוינפרינץ — האט חגית געזאגט — האסטו געזעהן זיין קארעטע און די פופציג רייטער וואס ער האט. ער פאהרט יעדען טאג דורך די שטאדט און די רייטער לויפען פאר איהם. מיר וואונדערט זעהר וואס דער קעניג דערלאזט איהם טהאן אזא זאך. עס קען נאך פיהרען, גאט וויים וואוהין...

זעהסטו דאס שרעקט מיר גראדע נישט, אזוי לאנג ווי איך האב דוד'ס ווארט אז אבשלום וועט נישט זיין דער יורש פון דער מלוכה.

— פונדעסטוועגען גלויב איך — האט זיך חגית אפגערופען — אז דו האסט געדארפט אויפמערקזאם מאכען דעם קעניג דאס אבשלום פיהרט זיך אויף ווי א קרוינפרינץ... איך בין זיכער אז ווען דו וועסט איהם דאס זאגען, וועט ער פער־באטען אבשלום'ן דאס צו טהאן.

— איך וויל דעם קעניג נישט פאלען צופיעל צו לאסט, — איך האב מיט איהם נאר וואס גערעדט וועגען אבשלום'ן — און איך קען נישט ווידער צו איהם קומען, צו רעדען וועגען דער זעלבער זאך.

— איך מוז זיך מודה זיין, אחינעם אז ווען איך דערזעה אבשלום'ן ארומ־פאהרענדיג אין א קארעטע איבער'ן שטאדט און ווארפען צו יעדען דורכגעהער א

פאלשען שמייכלען און חנפ'ען יעדען איינעם וועלכער קומט צו צו איהם, דאז הויבט מיין הארץ אז צו ציטערען... און איך פרעג זיך זעלבסט, איז דאס נישט דער אנפאנג פון אבשלום'ס הערשען... איך האב מורא דאס ער זאל נישט געווינען די הערצער פון פאלק און דאן וועט שוין זיין צו שפעט, און דער קעניג אליין וועט נישט קענען העלפען...

— קיינמאל נישט וועט אבשלום האבען די מעגליכקייט צוריקצוקריגען די ליעבשאפט פון פאלק. דאס פאלק האט פיינט א מערדער און בפרט דעם מערדער פון אן אייגענעם ברודער.

אחיתופל, דוד'ס ראטגעבער און מיניסטער האט זיך יעדען אבענד בעגעגענט מיט אבשלום'ן אין גארטען, וואו ביידע האבען בעטראכט פערשיעדענע פלענער ווי אזוי צוצוגרייטען דעם אויפשטאנד.

— איך האב בעמערקט די לעצטע עטליכע וואכען — האט ער זיך אפגערופען צו אבשלום'ן — דאס פיעלע מענשען זיינען דיר איבערגעגעבען מיט'ן לייב און לעבען און ווען דו זאלסט נאר א וואונק טהאן, וועלען זיי קומען און טהאן דיין ווילען...

— האסטו פרובירט אויסגעפינען וואו עס האלט מיט יואב'ן?—האט איהם אבשלום געפרעגט.

— מיר טארען קיינע האפענונגען נישט לייגען אויף יואב'ן — האט אחיתופל געענטפערט — יואב וועט זיין קעניג קיינמאל נישט פערראטען — און ער טאר אונז גארנישט חושד זיין אז מיר טראגען זיך ארום מיט אזעלכע פלענער... אבער איך האב ארייגעקראגען איינעם וועלכער וועט אויך זיין זעהר וויכטיג פאר אונזער צוועק...

— ווער איז דאס?

— דיין פאטער'ס פלימעניק, יונדב דער זוהן פון שמעה.

— אבער ער איז דאך געוועזן אמונן'ס בעסטער פריינד! טו ווי אזוי וועלען מיר איהם קענען אונזער סוד אנפערטרויען ווען ער דען מיר נישט פארראטען? — האט אבשלום געזאגט.

— דו קענסט זיך אויף מיר פערלאזען, איך בין זעהר פארזיכטיג, און ווען איך האב אריינגענומען יונדב'ן אין אונזער סוד, בין איך פעסט איבערצייגט אז יונדב וועט אונז בלייבען געטריי...

— איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען פארוואס יונדב האט פארדיענט דו זאלסט איהם ארויסצייגען אזוי פיעל צוטרויען...

— איך ווייס אז ער איז זעהר אויפגעבראכט אויף דוד'ן צוליעב דעם וואס ער האט איהם קיין אמט ניט געגעבען. ער האט אלץ געהאפט אז דוד וועט איהם מאכען פאר א מיניסטער, ווייל דו ווייסט דאך דאס ער האלט זיך פאר זעהר א קלוגען, אבער דוד האט איהם נישט נאר געמאכט פאר א מיניסטער, ער האט איהם נאך אין גאנצען ערוויטערט פון פאלאץ...

— אבער איך האב יונדב'ן אויך נישט איבריג ליעב, — האט אבשלום געזאגט — איך האב אויסגעפונען אז ער האט געגעבען אמנו'ן די עצה ווי אזוי ארייינצונארען מיין שוועסטער אין זיין צימער...

— וועגען דעם דארפסטו יעצט אין גאנצען פערגעסען... דאס האט גארנישט

צו טהאן מיט דעם... איין זאך איז קלאר אז יונדב וועט אונז שטארק צוניץ קומען...

— גלויבסטו אז איך זאל יונדב'ן בעשטימען פאר דעם הויפט איבער אונזער ארמעע? — האט איהם אבשלום געזאגט.

— ניין, דאס נישט, ער איז נישט פעהיג צו פיהרען אן ארמעע, אבער ער קען זיין א הילף אין אנדערע זאכען. איך האב אין זינען אימיצען וועלכער זאל זיך פאסען צו זיין דער הויפט קאמאנדיר איבער אונזערע ארמעען און דאס איז עמשא, דער זוהן פון יתר... איך ווייס אז אויך ער איז שטארק אומצופרידען פאר וואס דוד האטא יהם ניט איבערגעגעבען אוריה דעם חתי'ס מיליטערישען אמט.

— אה, יע ווער פערנעמט יעצט אוריה'ס פלאץ? — האט אבשלום א פרעג געטהאן.

— גלייך נאך דעם ווי ער האט געלאזט טויטען אוריה'ן האט דוד בעשטימט מיין זוהן אליעם אויף זיין פלאץ. און כאטש אוריה איז מיין זוהן, איז ער אבער דער פאטער פון בת שבע'ן וועמען איך האס און וועל קיינמאל נישט מוחל זיין... יעדער איינער ווייס אז אליעב האט נישט א צעהנט חלק פון עמשא'ס פעהיגקייטען...

— און איך האב געגלויבט אז אבישי, יואב'ס ברודער וועט פערנעמען אוריה'ס פלאץ...

— אבישי האט זיך אויך נישט גענארט — ער איז יעצט אויך דער הויפט פון א גרויסער ארמעע... אבער יעצט, אז אליעם איז קראנק געווארען, האט דוד נאך אלץ אויסגעלאזען עמשא דעם זוהן פון יתר און גאר בעשטימט אתי דעם גתי... איך קען זיך פארשטעלען ווי שטארק עמשא פיהלט זיך געקריוודעט און ווען איך זאל זיך מיט איהם דורכריידען וועל איך איהם אהן שוועריגקייטען צוציהען אויף אונזער זייט... און דאן וועסטו זיין בעזארגט מיט א גוטען גענעראל וועלכער קען זיך פארמעסטען אין כוחות אפילו מיט יואב'ן...

עמשא, דער זוהן פון יתר, איז געווען אויך דער זוהן פון אביגיל, דוד'ס צווייטע שוועסטער... ער האט זיך אויסגעצייכענט אין פיעלע מלחמות און איז געווען איינער פון דוד'ס גבורים... צרויה, יואב'ס מוטער, האט געהאט אן אלטע שנאה אויף איהר שוועסטער אביגיל און די שנאה איז אויך איבערגעטראגען געווארען צו די קינדער, אזוי אז יואב האט עמשא'ן זעהר געהאסט, און ער האט געזעהן אז דער קעניג זאל עמשא'ן נישט דערהויבען צו קיין מיליטערישען אמט... יואב האט געהאט זעהר א גרויסען איינפלוס אויף דוד'ן און דעריבער האט ער טאקע אויסגעפיהרט: דוד האט זיך "פערגעסען" אן עמשא'ן, ער האט "פערזעהן" זיינע גרויסע פעהיגקייטען און עמשא איז פערבליבען א איינפאכער סאלדאט פון דוד'ס גדוד פון גבורים.

נאך אוריה'ס טויט... האט זיך עמשא אין גאנצען צוריקגעצויגען פון דעם גדוד און ער איז פערבליבען אין דער היים... אחיתופל האט פון אלעם געוואוסט, און יעצט, ווען ער האט געפלאנעוועט אן אויפשטאנד מיט אבשלום'ן געגען דוד'ן, האט ער בעשלאסען אויסצונוצען עמשא'ס כעס און איהם אריינציהען אין דעם אויפשטאנד.

אחיתופל איז פארנאכט אוועק צו עמשא׳ן און איהם געזאגט אז ער האט זעהר וויכטיגעס מיט איהם צו ריידען.

עמשא האט זיך שטארק דערפרעהט מיט אחיתופל׳ס בעזוך, ער האט גע־מיינט אז ענדליך האט זיך דוד אן איהם דערמאנט און ער וועט איהם דער־הויבען צו דעם אמט צו וועלכען ער האט אזוי פיעל יאהרען געשטרעבט.

— איך ווייס אז דו ברייננסט מיר א פרעהליכע בשורה, אחיתופל, — האט עמשא איהם הארציג בעגריסט — דער קעניג האט זיך ארומגעזעהן אז ער איז בעגאנגען אן עולה געגען מיר און דיר יעצט געשיקט עס צו פעררינכטען...

— יע, מיין פריינד, נישט איינמאל האב איך מיט דעם קעניג גערעדט וועגען דיר, איך האב איהם אנגעוויזען וואס פאר א גרויסע פעהיגקייטען דו בעזיצסט און איהם גערעטען ער זאל זעהן אויסצונוצען דיינע מיליטערישע אייגענשאפ־טען פאר דעם נוץ פון אונזער לאנד... דוד אבער האט זיך צו מיר נישט צו־געהערט... איך האב גענומען אויספארשען די אורזאכע, און איך האב אויסגע־פונען אז יואב דערלאזט נישט... איך האב זיך שטארק געוואונדערט, ווייל איז יואב נישט דיין קוזין? איז ער נישט דיין אייגען פלייש און בלוט... קענסטו מיר, עמשא פיעלייכט ערקלערען די אורזאכע פון יואב׳ס שנאה צו דיר?

— די שנאה איז אן אלטע, אן איינגעווארצעלטע נאך פון צרויה, יואב׳ס מוטער... זי האט מיין מוטער, איהר שוועסטער אימער צו פיינט געהאט... איך אליין ווייס אויך נישט די הויפט אורזאכע, נור איך גלויב אז דאס איז צוליעב אייפערזיכטיגקייט... מיין מוטער איז אלע מאל געווען שעהנער פאר צרויה׳ן און דערצו האט זי זיך געלעבט א סך גליקליכער פאר איהר מיט מיין פאטער, יתר... צרויה׳ס מאן איז געשטארבען זעהר יונג... אבער דאך פערשטעה איך נישט פארוואס יואב זאל אויף מיר נאך אלץ טראגען אזא שנאה... איך האב איהם קיינמאל נישט בעליידיגט, און קיינמאל קיין שלעכטס נישט געטהאן...

— מיין מיינונג איז אז יואב האט פשוט מורא דאס אויב דוד וועט דיר געבען א געלעגענהייט ארויסצוצייגען דיינע פעהיגקייטען אלס א גענעראל, וועסטו איהם אריבערשטייגען און דאן קענסטו נאך פערנעמען זיין פלאץ... אבער, איך מוז דיר זאגען מיין פריינד אז איך האב צו דעם קעניג אויסגעדריקט מיין אומצופריעדענהייט, פאר וואס ער פאלגט נישט מיין עצה און בעשטימט דיר פאר א הויפט פון זיין ארמעע.

— אבער ענדליך האט דער קעניג אנגענומען דיין עצה! — האט עמשא אויסגערופען מיט פרייד — און דו ביזט מיר געקומען אנזאגען די שמחה, פון די טיפענים פון מיין הארצען דאנק איך דיר אחיתופל...

— צום בעדויערען מיין פריינד איז עס נישט אזוי. דוד האט זיך איינגע־עקשנ׳ט און האט מיין עצה נישט אנגענומען... "איך וויל פון עמשא׳ן נישט וויסען" — האט ער צו מיר אויסגערופען מיט כעס — כל זמן איך בין קעניג, וועל איך איהם פאר קיין אמט נישט בעשטימען!

— איך האב דוד׳ן פארלאזען מיט גרויס כעס... ווייל פארשטעהסטו, איך קען נישט ליידען קיין אומגערעכטיגקייט...

עמשא האט ארונטערגעלאזען זיין קאפ מיט טרויער.

אחיתופל האט געזעהן אז יעצט איז געקומען זיין געלעגענהייט צו געווינען

עמשא'ן אויף אבשלום'ס זייט. די שטארקע ענטטוישונג, פערצווייפלונג און כעס וואס עמשא'ס פנים האט אויסגעדריקט, האט אחיתופל'ן איבערצייגט אז ער וועט גארנישט ריזיקירען ווען ער וועט ארויסקומען מיט זיין פארשלאג גלייך אהן קיין צערעמאניעס.

— זיי נישט פערצווייפעלט עמשא און פערגעס נישט אז איך בין דיין בעסטער איבערגעבענער פריינד.

עמשא האט איהם אנגעקוקט מיט דאנקבארע אויגען.

— איך בין נישט ווערט דיין גנעדיגקייט מיין האר, איך האב נישט קיין ווערטער דיר אפצודאנקען פאר דיין גוטסקייט צו מיר.

— נישט קיין ווערטער זיינען יעצט נויטיג, מיין פריינד, נאר טהאטען — האט אחיתופל אויסגערופען.

— טהאטען ? ! וואס מיינסטו, אחיתפל ? — האט עמשא איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— ווען דוד טהוט נישט קיין גערעכטיגקייט, האט ער נישט פארדיענט צו פארבלייבען קעניג ! — האט אחיתפל אויסגערופען. —דוד האט די מלוכה געוואונען דורך גערעכטיגקייט און וועט זי פארלירען דורך אומגערעכטיגקייט !

— איך פארשטעה ניט... וואס באדייטען דיינע ווערטער ? — האט עמשא נאך אלץ נישט באגריפען וואס אחיתפל מיינט.

— עמשא, איך בין צו דיר געקומען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך, — האט אחיתפל געזאגט מיט א שטילער שטימע, — איך ווייס אז איך קען דיר אנפערטרויען זעהר א וויכטיגען סוד... גלויבסטו אז דו וועסט האבען דיין פולען צוטרויען צו מיר און געהן מיט מיר האנד אין האנד ?

— דיין פריינדשאפט וואס דו צייגסט צו מיר ארויס, איז גענוג איך זאל דיר דיענען מיט מיין גאנצען לייב און נשמה, — האט עמשא געזאגט.

— דו האסט מסתמא באמערקט לעצטענס אז אבשלום, דוד'ס זוהן האט שטארק אויסגענומען ביים פאלק... א חוץ זיין שעהנע און ערהאבענע פערזענליכקייט איז ער מיט זיינע גוטע מידות, מיט זיין בעשיידענקייט און מיט זיין גוטהערציגקייט בעליעבט געווארען ביי יעדען איינעם פון פאלק... דוד אבער, ווי דו אליין וועסט צוגעבען, האט שוין פון לאנג פארלארען דעם חן ביים פאלק... זיין העלדענטהאט וואס ער האט ארויסגעצייגט אין קאמפף מיט גלית דעם פלשתי איז שוין לאנג פארגעסען געווארען, אבער זיין זינד נעגען אוריה'ן איז נאך פריש און קיינער האט איהם נישט מוחל געווען... דערצו האבען זיך לעצטענס פארשפרייט קלאנגען אז דוד זוכט צו בעשטימען בת שבע'ס זוהן אלס זיין נאכפאלגער... און דאס אבער וועל איך נישט דערלאזען... כאטש בת שבע איז מיין אייניקעל, דאך קען איך איהר קיינמאל נישט פארגעבען פאר וואס זי האט אזוי פעררראטהען אוריה'ן, וועמען איך האב זעהר ליעב געהאט. יעצט, מיין פריינד, קענסטו זעהן ווי נויטיג עס איז אז אבשלום זאל יעצט ווערען קעניג, איידער דוד וועט שטארבען, ווייל שפעטער וועט שוין צו שפעט זיין... אבשלום גרייט צו אן אויפשטאנד נעגען זיין פאטער... איך העלף איהם דערצו און יעצט איז דער וואונש פון אבשלום'ן און מיר, דאס דו זאלסט זיך אויך אנשליסען מיט אונז... דאס פאלק האט ליעב אבשלום'ן... די ארמעען זיינען געגרייט, און יעצט דארפען מיר האבען א גענעראל, א הויפט קאמאנדיר איבער די ארמייען, און קיין מעהר

פאסיגען מאן ווי דו ביזט האבען מיר נישט געקענט געפינען... דאריבער בעט איך דיר אין נאמען פון אבשלום, דעם צוקונפטיגען קעניג פון ישראל, דו זאלסט אנ־נעהמען די פיהרערשאפט פון זיינע ארמייען, וועלכע דו וועסט פיהרען אין קאמפף געגען די ארמייען פון דוד׳ן און יואב׳ן...

— אבער ווי אזוי וועלען מיר קענען געהן געגען דעם געזאלבטען פון גאט?

— האט עמשא זיך אפגערופען, — גאט האט דוד׳ן געזאלבט פאר א קעניג דורך זיין נביא שמואל, וועלען מיר דען נישט זינדיגען געגען גאט, ווען מיר וועלען מאכען א פארזוך צו שטירצען דוד׳ס מלוכה?

— האט דען דערזעלבער נביא נישט געזאלבט אויך שאול׳ן פאר קעניג... און אין דער צייט ווען שאול האט נאך געלעבט, האט שמואל דאן געזאלבט דוד׳ן פאר קעניג, ווייל שאול האט געזינדיגט געגען גאט... און יעצט אז דוד האט אויך געזינדיגט, האט ער שוין במילא פארשוועכט די זאלבונג פון גאט... און פארגעס נישט, אז אבשלום איז נישט קיין פרעמדער, איז דוד׳ס אייגענער זוהן, וועלכער פארדיענט די מלוכה ביי די רעכט פון זיין געבורט...

— איך בין מיט אבשלום׳ן און מיט דיר! — האט עמשא אויסגערופען, — איך וועל זיין געגרייט צו יעדער צייט ווען דו וועסט מיך רופען.

— איך האב געוואוסט אז איך קען זיך אויף דיר פארלאזען, מיין פריינד, — האט אחיתפל געדריקט זיין האנד.

עמשא האט געבראכט וויין אוןביידע האבען געטרונקען פאר דעם געזונט פון זייער נייעם צוקינפטיגען קעניג אבשלום . . .

* * *

די גאנצע צייט האט אבשלום געזוכט צו קריגען וואס מעהר גוטע פריינד... זיין גוטסקייט און פריינדליכקייט צום פאלק האט יעדען בעצויבערט... זיין נאמען איז געווארען בעליעבט ביי אלעמען.

ווען אחיתפל האט געזעהן אז אבשלום האט צו זיך צוגעצויגען די הערצער פון פאלק, האט ער צו איהם געזאגט:

— יעצט, אבשלום, איז געקומען די צייט אנצופאנגען דעם אויפשטאנד. מארגען ווערט פיער יאהר זינט דו האסט זיך צוריקגעקעהרט פון גשור, געה אריבער צו דיין פאטער און זאג איהם, אז זייענדיג אין גלות אין דעם לאנד גשור ביי דיין זיידען האסטו געטהאן א נדר צו גאט, אז ווען גאט וועט דיר צוריקקעה־רען אין ירושלים, וועסטו מקריב זיין קרבנות פאר גאט... און אזוי ווי עס ווערט פיער יאהר און דו האסט נאך קיין געלעגענהייט געהאט מקיים צו זיין דיין נדר, ווילסטו עס יעצט טהאן מיט גרוים פאראד... און ווען ער וועט איינשטימען, וועסטו פרעגען אויב ער האט נישט דאגעגען ווען דו וועסט דייגע קרבנות פאר גאט מקריב זיין אויף דער בימה אין חברון...

אבשלום האט געפאלגט אחיתפל׳ן און איז אוועק אויף מארגען צו דוד׳ן. ער האט זיך פאר איהם פארנייגט און נאכהער איז ער צוגעגאנגען און געקושט זיין פאטער׳ס הענט.

דוד האט איהם געגלעט איבער׳ן קאפ און נאכהער א קוש געטהאן אין שטערען. ער האט געפיהלט אזוי פיעל ליעבשאפט און צוגעבונדענקייט צו זיין שעהנעם זוהן אבשלום, אז ער האט זיך יעצט געוואונדערט ווי ער האט געקענט

זיין אזוי גרויזאם צו איהם און אנהאלטען אזוי לאנג זיין כעס, נישט וועלענדיג איהם זעהן גלייך ווי ער איז געקומען אין ירושלים.

— נו, מיין זוהן, יעצט האף איך אז דו ביזט גליקליך און צופרידען, — האט דוד צו איהם געזאגט מיט א פאטערליכער צערטליכקייט — איך האב דיר פארגעבען דיין זינד, און דאס פאלק, גלויב איך, האט דיר שוין אויך לאנג מוחל געווען... יעצט לאמיר האפען אז גאט וועט דיר מוחל זיין און וועט דיר מעהר נישט שטראפען... יא, דו ביזט שוין זיכער אפגעקומען דיין שטראף, ווען גאט האט פון דיר אוועקגענומען דיינע דריי זיהן ווען זיי זיינען נאך גאר יונג געווען... זאל דיין איינציגע טאכטער, תמר, וועלכע טראגט דיין שוועסטער׳ס נאמען, און וועלכע איז אויך עהנליך צו איהר אין שעהנקייט, זיין דיין טרייסט און זאל זי וואקסען און בליהען ווי א שעהנע צערטליכע בלום.

— איך דאנק דיר, ליעבער פאטער, — האט אבשלום זיך אויפגעהויבען און נאך אמאל א קוש געטהאן דוד׳ן אין באק — דיין גנאדע צו מיר איז גרויס. איך האף אויך אז גאט וועט מיר אויך פארגעבען מיינע זינד... און טאקע צוליעב דעם בין איך צו דיר געקומען.

— וואס איז דיין פערלאנג, מיין זוהן?

— ווען איך בין פארוואגעלט געווארען אין גשור, אין א פרעמדע לאנד, צווישען פרעמדע מענשען, האב איך נישט אויפגעהערט מתפלל צו זיין צו גאט, ער זאל זיך איבער מיר מרחם זיין און ארויסנעהמען מיר פון גלות. און דאן האב איך זיך א נדר געטהאן דאס אויב גאט וועט מיר העלפען און מיר בשלום צוריקקעהרען קיין ירושלים, איך זאל ווידער האבען די מעגליכקייט אנצוקוקען דיין פנים, און ווען דו וועסט מיר מוחל זיין, דאן וועל איך מאכען א גרויסען יום טוב און זיך פרעהען מיט אלע מיינע גוטע פריינד... איך וועל מקריב זיין קרבנות און דאנקען און לויבען דעם׳ באשעפער פון דער וועלט פאר אל־דאס־גוטס וואס ער האט מיט מיר געטהאן ביז יעצט... איך וויל, אז דו וועסט מיר ערלויבען, פייערען דעם יום טוב אין חברון.

— פאר וואס זאלסטו עס ניט טהאן אין ירושלים? — האט איהם דוד געפרעגט, — דא געפינט זיך דער ארון פון גאט און פיעלע ברייגנען זיינע קרבנות אין ירושלים.

אבשלום האט ארונטערגעלאזען זיין קאפ, ער האט געמאכט אן אומעטיגען פנים און א זיפץ געטהאן.

— אה, איך פארשטעה דיר מיין זוהן, — איז דוד געריהרט געווארען ביז טרעהרען, — דו ווילסט נישט פייערען דיין יום טוב אין ירושלים... צוליעב... יא, דו האסט רעכט, אחינעם וועט זיך דאס שטארק נעהמען צום הארצען... עס וועט טאקע זיין גלייכער דאס צו טהאן אין א צווייטער שטאדט... דו ביזט זעהר קלוג און אויסגערעכענט, מיין זוהן, איך בין צופרידען דיר עס צו ערלויבען.

א גליקליכער שמייכעל האט זיך באוויזען אויף אבשלום׳ס ליפען. זיין פאטער האט איהם נאר וואס געשטעלט אין אזא גרויסע פארלעגענהייט און ער אליין האט איהם דערפון ארויסגענומען... איהם וואלט עס גאר נישט איינגעפאלען אנצוגעבען אזא תירוץ פאר וואס ער וויל נישט מקיים זיין דעם נדר, וואס ער האט געגעבען אין ירושלים, נאר אין חברון.

ווי אבשלום האט געקראגען דוד׳ס ערלויבנים צו געהן נאך חברון איז ער

גלייך אוועק צו אחיתפל׳ן און מיט פרייד איהם איבערגעגעבען אלעם וואס דוד האט צו איהם גערעדט.

— יעצט בין איך איבערצייגט נאך מעהר ווי פריהער, אז דיין פאטער וועט דיר גארנישט חושד זיין, — האט אחיתפל אויסגערופען, — דער וועג איז פאר דיר פריי און אפען. צוויי הונדערט מענשען פון ירושלים וועלען מיט אונז מיטגעהן... זיי דארפען דערוויי גארנישט וויסען פון דיינע פלענער... איך וועל דערוויי ארויסשיקען לייטע וועלכע מען קען אנפערטרויען דעם סוד, צו זיין געגרייט מיט דעם שופר אין האנד. זיי וועלען שטעהן אויף די בערג און ווארטען, און ווען אונזערע שלוחים וועלען זיי געבען דעם סיגנאל, דאן וועלען זיי אנפאנגען בלאזען מיט די שופרות און אויסשרייען אז אבשלום איז געקרוינט אין חברון... דאס פאלק וועט דאן נעהמען שטראמען נאך חברון, און עמשא וועט אויסקלייבען די העלדען פון פאלק און צוזאמענשטעלען אן ארמיי, דאן וועסטו באפעסטיגען דיין מלוכה און דיין ערפאלג וועט זיין געזיכערט...

* * *

אבשלום האט מיטגענומען שאף און רינדער וואס האבען געזאלט זיין פאר די קרבנות. ער האט זיך ארייננעזעצט אין זיין קארעטע, געשפאנט צו אכט פערד, און פופציג פון זיינע געטרייע קנעכט האבען געריטען פאראויס. צוזאמען מיט איהם זיינען געזעסען אחיתפל, און עמשא דער זוהן פון יתר. הינטער זיי זיינען געגאנגען צוויי הונדערט באוואפענטע מענשען וועלכע האבען נאך דערוויי גאר קיין אהנונג נישט געהאט וועגען אבשלום׳ס פלענער.

ווען זיי זיינען געווען אויפ׳ן וועג נאך חברון, האבען די מענשען וועלכע האבען בעגלייט אבשלום׳ן געשפיעלט און געטרומייטערט צוציהענדיג פיעלע מענשען פון פערשידענע שטעדט, און ווען זיי זיינען אנגעקומען אין חברון איז שוין אויף דעם פלאץ וואו די בימה איז געשטאנען געווען פארזאמעלט א גרויסער המון.

אבשלום איז ארויפגעגאנגען אויף דער בימה, נאך איהם זיינען ארויף אחיתפל, עמשא און נאך עטליכע פריינד פון אבשלום.

אחיתפל האט פון אונטער זיין מאנטעל ארויסגענומען א קריגעלע בוימאייל און עם גענומען גיסען אויף אבשלום׳ס קאפ.

— גאט און דאס פאלק זאלבט דיר פאר א קעניג אנשטאט דיין פאטער דוד! — האט אחיתפל אויסגערופען.

— לאנג לעבען זאל אבשלום דער קעניג!

— לאנג לעבען זאל אונזער נייער קעניג אבשלום! — האבען זיך געהערט דונערנדע שטימען פון פאלק.

גלייך האבען זיך אבשלום׳ס שלוחים געזעצט אויף פערד, און פייל אויסען בוינען זיינען זיי געפלויגען אין פערשידענע ריכטונגען אפגעבענדיג דעם אפגעמאכטען סיגנאל.

די מענשען וועלכע זיינען געשטאנען אויף די בערג האבען גענומען בלאזען מיט זייערע שופרות און אויסשרייען אין דער הויך:

— אבשלום איז געקרוינט געווארען פאר קעניג!

— א נייער קעניג איז געזאלבט געווארען אין חברון!

— קומט אין חברון און לאמיר זיך פרעהען מיט אונזער נייעם קעניג! —

האבען די רייטער אויף די פערד אויסגערופען צו יעדען פערזאמעלטען המון.

הונדערטע מענשען פון שטערט און דערפער האבען גענומען שטראמען נאך חברון. ווען א גרויסער און מעכטיגען עולם האט זיך פערזאמעלט ארום דער בימה האט זיך אחיתפל אויפגעשטעלט און האט פאר די פערזאמעלטע געהאלטען א רעדע.

— ווער פון אייך פיהלט נישט קיין צוגעבונדענקייט צו אבשלום'ן, דוד'ס זוהן! — האט ער אויסגערופען, — זיין גוטסקייט און פריינדשאפט צום פאלק איז בעוואוסט איבער'ן גאנצען לאנד. ער איז דער איינציגער יורש פון דער מלוכה וועלכע האט פערדיענט צו קעניגען איבער אונזער מעכטיג פאלק ישראל. אבשלום הייסט ער, און אין זיינע צייטען וועט הערשען שלום אין אונזער לאנד, ווייל אונזערע שונאים וועלען ציטערען פאר זיין מאכט און וועלען נישט וואגען צו בעאומרוהיגען אונזערע שטערט... דוד איז שוין נישט מעהר דאס וואס ער איז געווען פריהער... ער האט געגען גאט געזינדיגט און אזוי ווי אונזער ערשטער קעניג שאול, האט ער צוליעב זיינע זינד פארלארען די מלוכה... גאט האט אויסערוועהלט אן אנדער קעניג אנשטאט דוד'ן און דאס איז זיין זוהן אבשלום!...

— לאנג לעבען זאל דער קעניג אבשלום! — האבען טויזענדער שטימען פון המון געדונערט.

— ווער פון אייך, וועלכער וויל זיך פרייוויליג אנשליסען אין דער ארמיי פון אבשלום, — האט אחיתפל אויסגערופען, — וועט זיך קענען מעלדען אין מחנה. עמשא, דער זוהן פון יתר, איז דער הויפט־קאמאנדיר איבער די ארמייען.

באלד האט זיך דער המון א לאז געטהאן צום מחנה און טויזענדער פון זיי האבען זיך אנגעשלאסען אין אבשלום'ס ארמייען.

פינף און דרייסיגסטער קאפיטעל

דוד אין גלות

דוד איז געזעסען אין זיין פאלאץ אין ירושלים, רוהיג, נישט האבענדיג קיין אהנונג וועגען דער שווארצער כמארע וואס האט זיך אזוי פלוצלינג א רוק געטהאן אויף זיינע לויטערע הימלען. איהם האט גאר קיינמאל נישט געקענט איינפאלען אז זיין אייגענער זוהן, אבשלום, וועמען ער האט אין גאנצען מוחל געווען זיין גרויזאמען פארברעכען און צו וועמען ער האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל צערט־ליכקייט און ליעבשאפט אין דער לעצטער צייט, זאל מאכען אן אויפשטאנד גע־גען איהם און זוכען מיט געוואלד אוועקצונעהמען די מלוכה פון איהם... ער האט אבשלום'ן ווידער ליעב בעקומען און מיט זיינע זיסע ווערטער האט ער נאך מעהר זיין הארץ געוואונען. איהם איז געפעלען געווארען דאס וואס אבשלום האט זיך צוריקגעקעהרט צו גאט און וויל איהם ברייננען קרבנות... און דאס וואס אבשלום וויל נישט פייערען זיין יום טוב אין ירושלים, האט ער אנגענומען פאר א סימן פון אבשלום'ס גוטסקייט און איידעלקייט. ער וויל נישט פארשאפען אומזיסטע עגמת נפש צו דער מוטער וועמענס זוהן ער האט געטויטעט... ער וויל נישט אויפרייצען איהרע וואונדען.

לאנג נאכדעם ווי אבשלום איז אוועק מיט אחיתפל'ן נאך חברון, האט דוד געטראכט פון איהם. ער האט געפיהלט אז מיט יעדען טאג געווינט אבשלום מעהר

ליעבשאפט אין זיין הארץ... טרעהרען האבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען ווען ער האט זיך דערמאהנט פון אבשלום'ס ליידען, וואס ער האט דורכגעמאכט אין די עטליכע יאהר וואס ער איז געווען אין גלות.

פלוצלינג האט צו־דוד'ס אויערען דערגרייכט א טומעל און א גערויש וואס איז געקומען פון גאס. ער האט גלייך געעפענט זיין פענסטער און ער האט פאר־שטאנען אז עפעס איז געשעהן. ער איז גלייך ארויס אין דרויסען. פון ווייטען האט ער געזעהן ווי צוויי מענשען לויפען צום פאלאץ... אלע וועלכע זיינען גע־שטאנען ארום פאלאץ און געטומעלט זיינען פלוצלינג שטיל געווארען.

די צוויי מענשען זיינען צוגעלאפען צום פאלאץ און האבען אויסגעשריען אהן אן אטהעם:

— אן אויפשטאנד! א בונד! אבשלום איז געזאלבט געווארען קעניג אין חברון...

— עס איז אמת וואס מיר האבען געהערט. די קלאנגען ווערען בעשטעטיגט אז אבשלום האט געמאכט אן אויפשטאנד געגען זיין פאטער, אונזער בעליעבטער קעניג! — האבען די פערזאמעלטע ארום פאלאץ געיאמערט.

דוד איז געבליבען שטעהן טויט בלאס... עפעס האט ער בעת מעשה ניט בע־גריפען וואס דא האט פאסירט.

— וואס איז געשעהן? — האט ער געפרעגט גלייך ווי ער איז צו זיך גע־קומען.

— מיר קומען יעצט פון חברון! — האט זיך איינער פון די צוויי מענשען אפגערופען, און זיך פארנייגט פאר דוד'ן, — זעהר א שרעקליכע זאך האט פא־סירט. ווען אבשלום האט אונז מיטגענומען קיין חברון, האבען מיר זיך נישט געקענט פארשטעלען אז אזא'זאך וועט פאסירען.

— אבער זאג מיר שוין וואס איז דארטען פארגעקומען אין חברון? — איז דוד אומגעדולדיג געווארען.

—ווען מיר זיינען אנגעקומען אין חברון, האבען מיר גלייך באמערקט א גרויסען פערזאמעלטע עולם. מיר האבען געמיינט אז דאס זיינען זיי אויך געקומען העלפען פייערען אבשלום'ן זיין יום טוב. אבער ווי איבערראשט זיינען מיר גע־ווארען ווען מיר האבען דערזעהען־ווי אחיתפל האט געזאלבט אבשלום'ן פאר קעניג... ער האט געהייסען אלעמען ווידערשפעניגען אין אונזער האר קעניג דוד. און דאס גאנצע פאלק האט געשטורעמט און געשאלט: "לאנג לעבען זאל דער נייער קעניג אבשלום". מירביידע זיינען אבער אנטלאפען פון חברון און געקומען אנזאגען אונזער האר וועגען דעם גרויסען געפאהר וואס דראהט איבער אונזער קעניג'ס קאפ, וויל אבשלום האט מיט זיך זעהר א מעכטיגע און גרויסע ארמיי און ער וועט זיכער גלייך געהן אויף ירושלים... און אונזער קעניג'ס לעבען איז אין גרויס געפאהר.

— מיין זוהן אבשלום זאל צו מיר אזוי טהאן! — האט דוד אויסגערופען מיט געוויין, — אה, גאט, ווי שטארק איז דיין שטראף צו מיר. מיין זוהן זוכט מיין קרוין און מיין לעבען. דער וועמען איך האב אזוי פיעל געצערטעלט, און וועמען איך האב געטרויט האט מיר בעטראגען און פערראטהען... און אחיתפל מיין בעל יועץ איז מיט איהם! ער האט איהם געהאלפען פלאנעווען דעם גאנ־צען מרד!...

— מיין קעניג! — האט זיך יואב אפגערופען צו דוד'ן, — יעצט איז נישט די צייט פון קלאגען און טרויערען. דיין זוהן האט דיר פערראטהען, און ווען ער וועט נאר קענען וועט ער דיר טויטען ווי ער האט געטויטעט זיין ברודער... לאמיר פארזאמלען אונזערע גבורים און די אלע וועלכע זיינען פארבליבען טריי צום קעניג דוד און מלחמה האלטען געגען דיין זוהן און בעשטראפען אלע בונד־טאוושטשיקעס...

— ניין, יואב! — האט דוד מיט טרעהרען געזאגט, — מיר דארפען זעהן אויסמיידען יעדע בלוט־פארגיסונג. און א חוץ דעם, וועלען אבשלום'ס מחנות זיין פיעל גרעסער פון אונזערע... מיר מוזען גלייך אנטלויפען פון ירושלים, איידער אבשלום וועט אנקומען אהער מיט זיינע מחנות... יא, אויב אחיתפל איז זיין בעל יועץ דאן איז די געפאהר זעהר גרויס און מיר טארען קיין צייט נישט פארלירען.

יואב האט פארשטאנען פון דוד'ס ווערטער אז ער וועט זיין בעשלוס נישט ענדערען. ער האט זיך דאריבער געווענדעט צו די פערזאמעלטע:

— מיר וועלען אונזער בעליעבטען קעניג נישט פארלאזען; מיר וועלען מיט איהם מיטגעהן וואוהין ער וועט געהן! ווער עס איז געטריי דעם קעניג און קען זיך בענוצען מיט געוועהר, זאל מיטנעהמען זיין געוועהר און אונז נאכ־פאלגען.

א טרויער איז געפאלען אויפ'ן פאלק... קיינער האט נישט ארונטערגענומען די אויגען פון דעם אונגליקליכען קעניג.

— מיר שווערען צו בלייבען געטריי אונזער בעליעבטען קעניג דוד! — האט איינער פון המון אויסגעשריען, אויפהויבענדיג זיין שווערד.

— מיר שווערען! מיר שווערען! — האבען אלע אויפגעהויבען זייערע רעכטע הענט.

— יעדער וועלכער האט געוועהר זאל גלייך ברייגנען, ווייל מיר מוזען שנעל פארלאזען די שטאדט! — האט יואב אויסגערופען.

דער טומעל און יללה האט אויך דערגרייכט צו דוד'ס פרויען, און מיכל, אביגיל, אחינעם, חגית און בת שבע זיינען גלייך צוגעקומען צו דוד'ן.

— מיינע טייערע פרויען, — האט דוד צו זיי געזאגט, — גאט האט מיר געשטראפט, מיין אייגענער זוהן, אבשלום, האט זיך געגען מיר געשטעלט, און יעצט בין איך געצוואונגען צו געהן אין גלות... קען איך דען פערלאנגען איהר זאלט מיט מיר מיטגעהן? פארבלייבט אין שטאדט, איך בין זיכער, אז אבשלום וועט אייך קיין בייז נישט טהאן, און אויב עס איז דער ווילען פון גאט אז אבשלום זאל קעניגען אנשטאט מיר, דאן פארוואס זאלט איהר פארוואגלט ווערען אין גלות ווי איך...

— ניין, מיר ווילען מיטגעהן מיט דיר, — האט בת שבע אויסגערופען, — מיר וועלען דיר נישט פארלאזען אין דער צייט פון דיין נויט.

— דו האסט מיט אונז געטיילט דיין גרויסקייט און דיין מלוכה, מיר האבען גענאסען פון דיין גדולה און יעצט וועלען מיר זיך מיט דיר טהיילען דיין פיין און צער, — האט אביגיל געזאגט.

— מיר וועלען דיר נישט פארלאזען! מיר וועלען מיטגעהן מיט דיר, — האבען מיכל, אחינעם און חגית אויסגערופען.

דוד איז זעהר שטארק גערירט געווארען פון דער טרייהייט און איבער־

געבענהייט פון זיינע פרויען. ער האט באלד באמערקט אז מעכה, אבשלום׳ס מוטער, איז צו איהם נישט געקומען.

— וואו איז מעכה? — האט ער א פרעג געטהאן.

— מעכה איז נישט בעסער פאר איהר זוהן! — האט חגית אויסגערופען מיט צארען, זי און איהר טאכטער זיינען צוזאמען אוועק מיט אבשלום׳ן נאך חברון. יא, די מרשעת האט אבשלום׳ן געהאלפען צו פארכאפען די מלוכה.

— אה, גאט, שיק דיין שטראף צו איהר, די פאלשע בעטריגעריז, — האט אחינעם נעזאגט מיט גאל.

דוד האט געשוויגען. די טרעהרען האבען איהם געשטיקט. בת שבע און די איבריגע פרויען האבען מיטגענומען זייערע קינדער און עטוואס שפייז, און גע־ווארט ביז וואנען דער מארש וועט זיך אנפאנגען.

דוד האט איבערגעלאזען אין זיין פאלאץ די צעהן פלגשים וועלכע האבען גע־זאלט אכטונג געבען אויף דעם פאלאץ, און ער האט מיט זיין פאמיליע און זיינע זעקס הונדערט גבורים וועלכע זיינען נאך מיט איהם געווען אין דער צייט ווען ער איז אנטלאפען פון שאול׳ן, און נאך פיעלע פון פאלק וואס האבען זיך אנגע־שלאסען צו יואב׳ן, האבען גענומען פארלאזען די שטאדט ירושלים.

די כהנים צדוק און אביתר מיט די לויים האבען מיטגענומען דעם הייליגען ארון און געגאנגען הינטער דוד׳ן און דעם פאלק.

אין זיין גרויסען טרויער און צוטומעלטקייט, האט דוד בעת מעשה נישט באמערקט אז די כהנים און די לויים נעהען איהם נאך מיט דעם ארון, און ער האט זיך אפגעשטעלט נעבען הר הזיתים און געזעהן די כהנים מיט דעם ארון איז ער צו זיי צוגעגאנגען און געזאגט:

— מיינע טרייע פריינד, איך וויל נישט אוועקנעהמען דעם ארון פון גאט פון זיין הייליגען פלאץ אין ירושלים. אויב איך האב געגען גאט געזינדיגט און דאס איז זיין וואונש אז איך זאל אויף מיינע עלטערע יאהרען פארוואגעלט ווע־רען אין דער פרעמד, און ווערען גע׳רודפ׳ט און פארפאלגט פון מיין אייגען פלייש און בלוט, דאן וועט דאס מיטנעהמען דעם ארון, מיר זיכער נישט העלפען... אבער ווען איך וועל געפינען גנאדע אין גאט׳ס אויגען און ער וועט רחמנות הא־בען אויף מיר און מיר צוריקקעהרען בשלום אין ירושלים, וועל איך דאן דעם ארון זעהן אויף זיין פלאץ, און דארטען וועל איך קענען אויסגיסען מיין הארץ אין תפלה צום אלמעכטיגען... יא, מיינע פריינד, קעהרט זיך אום אין שטאדט און זייט מתפלל צו גאט ער זאל עפענען די אויגען פון מיין זוהן, ער זאל זעהן דעם גרויסען טעות וואס ער מאכט, און ער זאל חרטה האבען אויף זיין טהאט...

— קליינע האפנונגען זיינען פאראן אז אבשלום זאל זיך אומקעהרען פון זיין שלעכטען וועג — האט איהם צדוק געענטפערט — כל זמן אחיתפל איז מיט איהם וועט אבשלום נישט אויפגעבען זיין מרידה געגען מיין האר קעניג... און דאריבער וואלט געווען גלייכער פאר אונז מיטצוגעהן מיט דיר און מיט יואב׳ן.

— ווען דו און אביתר וועלען זיך געפינען אין שטאדט, וועט איהר מיר קע־נען ברייננען מעהר נוצען, — האט דוד געזאגט צו צדוק׳ן, — דיין זוהן אחימעץ וועט מיר קענען איבערגעבען בסוד אלע אויסקינפטע וועגען אחיתפל׳ס פלענער, און אויך אביתר׳ס זוהן יהונתן, וועלכער איז זעהר פלינק און געשיקט וועט א סך

מעהר אויפטהאן פאר מיר ווען ער וועט פארבלייבען אין שטאדט, און מיר לאזען וויסען פון יעדער וויכטיגער פאסירונג.

— מיר וועלען בלייבען געטריי דעם קעניג ביז די ענדע פון אונזערע טעג. — האבען אחימעץ און יהונתן אויסגערופען פארנייגענדיג זיך פאר׳ן קעניג. — מיר וועלען פארבלייבען אין שטאדט און ארויסצייגען געטרייהייט צו אבשלום׳ן און מיר וועלען האבען א בעסערע געלעגענהייט צו צושטערען זיינע פלענער.

צדוק, אביתר און זייערע זיהן אחימעץ און יהונתן, צוזאמען מיט די איבריגע לויים האבען זיך אומגעקעהרט נאך ירושלים און צוריקגעשטעלט דעם ארון אויף זיין פלאץ.

דוד מיט זיינע מענשען איז ארויף אויף דעם בארג זיתים... מיט א געבויגענע קאפ און מיט טרעהרען אין די אויגען איז ער לאנגזאם ארויף דעם בארג. דארטען איז ער געבליבען שטעהען א ווילע. דערנאך האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און בעטראכט די שטאדט ירושלים, זיין הויפט שטאדט, וואס ער האט איינגענומען מיט גבורה... ער האט אויך געזעהן זיין פאלאץ וואס איז געשטאנען אין [illegible] בעציערט די שטאדט...

— זעה איך דו וואונדער־שעהנע און פראכטפולע שטאדט, ירושלים, צום לעצט[illegible]... האט דוד געזאגט מיט טרויער — א, ווי ליעב און זיס ביזטו מיר געוועזען דו הייליגע ירושלים... איז דאס אלעס בלויז א חלום געוועזען?...

א טרויעריגע שטילקייט האט געהערשט. יואב און די איבעריגע מענשען האבען קוים איינגעהאלטען זייער געוויין... דעם קעניג׳ס בלאסע פנים האט אויסגעדריקט אזוי פיעל פיין און ליידען, אזוי פיעל יאוש, מוטהלאזיגקייט און נידערשלאגענהייט, אז קיינער האט אפילו נישט געוואגט איהם א טרייסטווארט צו זאגען...

— א היבשע ווילע איז דוד געשטאנען בעוועגלאז... דעירנאך האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און אויסגעשפרייט זיינע הענט און האט דעם פאלגענדען מזמור פערפאסט:

„אה, גאט, זעהר פיעל זיינען מיינע פיינט;
מיינע געגנער — געוועזענע פריינט!

פיעל שונאים זאגען אויף מיר מיט שפאט:
„ער האט קיין הילף פון דעם אייביגען גאט!

אבער דו, גאט, ביזט מיין בעשיצער,
דו ביזט מיין דערהויבער, מיין אונטערשטיצער!

פון דיין הייליגען בארג, גאט, ענטפער מיר,
הער צו מיין שטימע, וואס רופט צו דיר.

כ׳לעג זיך, כ׳שלאף איין, ס׳דוכט זיך מיר ס׳איז דער סוף...
איך דערוואך, ווייל דו גאט הויבסט מיר ארויף!

טויזענדע פון פאָלק רינגלען מיר ארום,
כ׳שרעק זיך נישט, ווייל דו שטיצסט מיר אומעטום!

מיינע פיינד האָסטו אימער געשלאָגען,
און אלע רשעים טוסטו פּלאָגען...

שטעה אויף, אָ, גאָט, מיט דיין חסד העלף מיר,
ווייל די הילף און די ברכה קומט פון דיר".

דוד האָט געענדיגט זיין תפלה און האָט א וואונק געטהאָן צו יואב׳ן דאָס ער איז געגרייט ווייטער צו געהן...

ווען זיי האָבען אראָפּגענידערט פון בארג, איז צו דוד׳ן ענטקעגען געקומען זיין בעסטער פריינד חושי דער ארכי; זיינע קליידער זיינען געווען צוריסען און שטויב איז געווען אויף זיין קאָפּ...

חושי איז געווען איינער פון דוד׳ס יועצים; ער איז געווען דוד׳ס געטרייעסטער און איבערגעבענסטער פריינד. ער איז שוין גאַנץ אלט געווען, דאָך איז ער געווען אימער מיט דוד׳ן, צו זיינע עצות האָט זיך דוד שטענדיג צוגעהערט.

די לעצטע פּאָר טעג איז חושי נישט געווען אין ירושלים... ער איז אוועקגעפאָהרען אויף א בעזוך אין זיין געבורטסשטאדט, און ווען ער האָט דערהערט פון אבשלום׳ס מרידה, האָט ער זיך געאיילט צוריקצוקומען אין ירושלים, אבער דאָ האָט ער דוד׳ן בעגעגענט. ווען ער האָט אראָפּגענידערט פון דעם הר הזיתים.

חושי איז געפאלען צו דוד׳ס פיס און מיט א וויינענדיגע שטימע האָט ער אויסגערופען:

— מיין האר, קעניג! איך בין ערשיטערט פון דיין גרויסען אומגליק... ביזטו דען נאָך נישט גענוג געשטראָפט געווארען!

— מיין פריינד! — האָט דוד איהם געדריקט די האנט — דו ביזט מיר אלעמאָל געווען זעהר ליעב און טייער און אויך יעצט אין מיין נידערלאגע פערלאָזטו מיר נישט... יע, מיין פריינד, א שרעקליכען קלאָפּ — האָט מיר גאָט יעצט געגעבען... מיין אייגענער זוהן, האָט זיך אויפגעשטעלט געגען מיר, און זוכט מיר צו טויטען און פערנעמען מיין מלוכה, מיין זוהן, צו וועמען איך בין אזוי בארמהערציג געווען... איך האָב איהם אלעס מוחל געווען... און ער איז מיר ווידער געווארען אזוי איינגעבאקען אין מיין הארצען... איך האָב צו איהם אזוי פיעל צוטרויען געהאט, איז ער יעצט געווארען מיין ערגסטער שונא!... און אחיתופל, מיין בעל יועץ, מיט וועמען איך פלעג זיך בעראטען אין אלע מלוכה אנגעלעגענהייטען וועמען איך האָב אנפערטרויט אלע מיינע סודות, האָט מיר אזוי פערראַטען;... ער העלפט אבשלום׳ן אין זיין אויפשטאנד געגען מיר... יע, גרויס איז מיין אומגליק און עס איז ניטא קיין טרייסט צו מיין בראָד...

— אבער מיין קעניג! — האָט חושי זיך אפּגערופען — גאָט האָט דיר ביז יעצט ארויסגעהאָלפען פון דיינע שונאים און ער וועט דיר אויף ווייטער נישט פערלאָזען...

— מיין יעצטיגע לאגע איז פיעל ערגער און שווערער... — ווי עס זאָל איך נישט אויסלאָזען, וועל איך זיין דער ליידענדער! ווייל מיין יעצטיגער שונא

איז מיין אייגענער זוהן, מיין אייגען פלייש און בלוט. און וואו מען זאָל נישט שניידען, וועט מיר וועה טהאָן!...

— דיינע פריינד און דיינע גבורים זיינען מיט דיר, און איך גלויב אז זיי זיינען גענוג שטארק זיך ווידערצושטעלען דיין זוהן׳ס אנגריף אויף ירושלים — האָט חושי געזאָגט — מיין עצה איז מיר זאָלען זיך אומקעהרען אין ירושלים און זיך בעפעסטיגען און ווען אבשלום וועט אנקומען מיט זיינע מחנות וועלען מיר זיי צוריקשטויסען; מיט גרויסע פערלוסטען.

— כל זמן עס וועט פאר מיר מעגליך זיין צו פערמיידען בלוט פערגיסונג וועל איך דאָס טהאָן! — האָט דוד געזאָגט צו חושי׳ן, ניין, איך וועל זיך אין ירושלים נישט אומקעהרען... אבער דו חושי, קעהר זיך אום אין שטאָדט, דו ביזט שוין אלט און שוואך צו וואָס זאָלסטו מיט מיר מיטגעהן?...

— אה ניין, מיין קעניג! — האָט חושי געענטפערט — איך וועל געהן מיט דיר וואוהין דו וועסט געהן... איך וועל דיר אין דער צייט פון דיין אומגליק נישט פערלאָזען...

— מיט דיין מיטגעהן וועסטו מיר ווינציג וואָס העלפען! — האָט דוד געזאָגט — אבער ווען דו וועסט בלייבען אין ירושלים, וועסטו קענען א סך אויפטהאָן פאר מיר... דו וועסט זיך אנגעבען צו אבשלום׳ן אלס זיין פריינד און דערוויל אויסגעפינען אלע זיינע סודות און פלענער, דו וועסט הערען אחיתופל׳ס עצות, און אפשר וועסטו זיי קענען צושטערען... ווייל מעהר פון אלעם קימערט מיר אחיתופל׳ס עצות, דו ווייסט דאָך ווי קלוג ער איז און ווען אבשלום זאָל זיך צו איהם צוהערען און טהאָן אלעס וואָס ער וועט איהם ראטען, דאַן זיינען מיר זיכער פערלאָרענע... אין ירושלים זיינען אויך פערבליבען צדוק און אביתר די כהנים, מיינע געטרייע פריינד, און ווען דו וועסט האָבען עפּעס וויכטיגעס מיר צו מעלדען, זאָלסטו עס זאָגען צו צדוק׳ן און אביתר׳ן און זיי וועלען מיר דאָס לאָזען וויסען דורך זייערע קינדער אחימעץ און יהונתן.

— דו ביזט גערעכט מיין קעניג! — האָט חושי געזאָגט — איך גלויב אויך אז זייענדיג אין ירושלים וועל איך דיר קענען ברייננגען מעהר נוצען... געה בשלום און זאָל גאָט זיין מיט דיר... און דיר צוריקקעהרען בשלום אין ירושלים!

חושי האָט זיך צוקושט מיט דוד׳ן און איז ארויף געגאנגען דעם הר הזיתים און אריין אין שטאָדט.

מיט א גרויסע ארמעע אונטער דער פיהרונג פון זיין שר צבא עמשא, איז אבשלום אנגעקומען אין ירושלים, אויף דעם גאנצען וועג האָט ער נישט בעגעגענט קיין ווידערשטאנד און ער האָט דעריבער אריינגעמארשירט אין ירושלים מיט גרויס פאראד און שמחה.

פיעלע פון די איינוואהנער פון ירושלים זיינען איהם ארויס ענטקעגען און האָבען גענומען שאלען:

— לאנג לעבען זאָל אבשלום, אונזער נייער קעניג... די גאנצע שטאָדט האָט געיובעלט און געשטורעמט פון פרייד יעדער איינער איז געגאנגען אנקוקען דעם יונגען קעניג אבשלום, דעם זוהן פון דוד׳ן.

אבשלום איז געזעסען אין א קארעטע מיט א קרוין אויף זיין קאָפּ, נעבען זיין

רעכטער האנט איז געזעסען זיין פרוי און טאכטער און ביי זיין לינקער האנט — זיין מוטער מעכה, און זיין שוועסטער תמר... מעכה'ס פנים האט געשטראהלט פון גליק... זי האט בעטראכט דעם גרויסען המון און יעדע ווײלע האט זי איהרע בליקען געווארפען אויף איהר זוהן און א זיסע פרייד האט איהר דורכגענומען: זי האט זיך גענומען פארשטעלען ווי דוד'ס איבעריגע ווייבער וועלען איהר אויפ־נעהמען... וואס פאר א נקמה זי וועט זעהן אן בת שבע'ן און אן חגית'ן... זי וועט זיי פערטרייבען פון פאלאץ... ניין, זי וועט זיי פאר איהרע דיענסטען מאכען... זי וועט איבער זיי הערשען און זיי לאזען פיהלען איהר מאכט...

די איינציגע וועלכע איז געווען שטארק בעזארגט און אומעטיג איז געווען תמר, אבשלום'ס שוועסטער... איהר לאגע איז געווען זעהר אן אונאנגענעהמע... זי האט זעהר ליעב געהאט איהר ברודער, אבשלום, וועלכער האט ריזיקירט מיט זיין לעבען פאר איהר עהרע... זי איז געווען שטארק צוגעבונדען צו איהר מוטער און איהר ליעב געהאט... אבער אויך טייער און ליעב איז צו איהר געווען איהר פאטער... און זיינע ליידען האבען איהר שווער געמאכט אויף'ן הארצען... וואס נעהענטער זיי זיינען צוגעקומען צום פאלאץ אלץ טרויעריגער און שווערער איז געווען איהר געמיטה... און אין איהר הארצען האט תמר די גאנצע צייט מתפלל געווען, גאט זאל בעשיצען פון אל דאס בייז און שלעכטס איהר פאטער און איהר ברודער...

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין פאלאץ, האט אבשלום געזעהן אז דוד'ס אלע ווייבער זיינען ניטא... ער האט דארטען בלויז געטראפען די צעהן קעבס־ווייבער וועמען דוד האט איבערגעלאזען צו היטען דעם פאלאץ...

— וואו זיינען די ווייבער פון דעם פריהערדיגען קעניג — האט מעכה גע־פרעגט די קעבסווייבער...

— זיי זיינען מיטגעגאנגען מיט דעם קעניג! — האט איינע פון זיי איהר גענטפערט...

— מיט דעם קעניג!! — האט מעכה אויסגערופען מיט כעס — דוד איז שוין מעהר נישט קעניג, מיין זוהן, ער איז יעצט דער קעניג פון גאנץ ארץ ישראל!...

זעהר שטארק איז געווען מעכה'ס ענטטוישונג ווען זי האט נישט געטראָ־פען דוד'ס ווייבער אין פאלאץ איבערהויפט בת שבע'ן און חגית'ן... יעצט וועט זי נישט האבען אן וועמען זיך נוקם צו זיין... און א ווי שטארק איז געווען איהר פערלאנג דאס זיי זאלען זעהן מיט זייערע אויגען ווי איהר זוהן זיצט אויף'ן טראהן...

מיט גרויס פערגעמען, פראכט און גלאנץ האט זיך אבשלום געזעצט אויף דוד'ס טראהן... אחיתפל האט פון איהם די גאנצע צייט נישט אפגעטראטען... ער האט איהם געראטען ווי ער זאל זיך בעגעהן און וואס ער זאל ווייטער טהאן...

דערווײלע האט מען מודיע געווען אבשלום'ן אז חושי דער ארכי, דוד'ס בעס־טער פריינד איז געקומען איז פאלאץ.

אבשלום האט איהם געהייסען אריינקומען; און ווען חושי איז צוגעקומען צו אבשלום'ן האט ער זיך פערנייגט און אויסגערופען:

— לאנג לעבען זאל אבשלום, דער זוהן פון דוד'ן און זאל דיין קעניגרייך דויערען אויף עוויג!

אבשלום האָט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט, און זיך צו איהם אפגערו־פען מיט א שמייכעל:

— ווי אזוי קומט עס, אז דו, דער בעסטער פריינד פון מיין פאטער, וועל־כער איז געווען אזוי נאָהענט און ענג בעפריינדעט מיט איהם, זאָלסט איהם, יעצט פערראַטען? דו ביזט דאָך אימער געווען געטריי צו איהם, און יעצט האָסטו איהם פערלאָזען און געקומען צו מיר? אָט אזוי בעצאָהלסטו עס דיין פריינד.

— מיין האַר קעניג! — האָט חושי זיך אָפּגערופען — דיר האָט גאָט און דאָס פאָלק אויסגעקליבען פאַר קעניג אנשטאַדט דיין פאָטער... און דער וועלכער האָט געפונען חן און גנאַדע אין די אויגען פון גאָט און זיין פאָלק, דער האָט אויך געפונען גנאַדע אין מיינע אויגען. דו ביזט געזאָלבט געוואָרען קעניג, און יעצט וועל איך דיר דינען און זיין געטריי אזוי ווי איך בין געווען געטריי צו דיין פאטער... און א חוץ דעם, צו ווען דען דאַרף די קעניגרייך אָנקומען אויב נישט צו דיר, דער בערעכטיגטער זוהן... די מלוכה געהט דאָך נישט אַריבער אין פרעמדע הענט; זי בלייבט דאָך אין די זעלבע משפחה, און מיין פריינדשאַפט ווערט דאָך אויך נישט איבערגעטראָגען צו א פרעמדען... דע־ריבער זאָג איך נאָך אמאָל מיט מיין לייב און זעעלע: „לאַנג לעבען זאָל דער נייער קעניג אבשלום!

אבשלום איז געווען זעהר גערירט פון חושי'ס ווערטער ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין האַנט צו איהם, און ווען חושי האָט איהר גענומען, האָט אבשלום צו איהם געזאָגט:

— איך צווייפעל נישט אין דיין עהרליכקייט און איך בין זיכער אז דו וועסט זיין צו מיר נאָך טייערער ווי דו ביזט געווען ביי מיין פאטער... ווייל איך בין נאָך יונג און נאָר וואָס געזאָלבט געוואָרען קעניג, און איך נויטיג זיך אין קלוגע מענשען ווי דו ביזט... דעריבער וועל איך דיר אויך מאַכען פאַר מיין בעל יועץ.

אחיתפל האָט די גאַנצע צייט וואָס חושי האָט גערעדט האָט ער פון איהם די אויגען נישט אַרונטערגענומען... און כאָטש ער האָט אויך נישט געצווייפעלט אין די ערנסטקייט פון חושי'ס ווערטער, איז ער דאָך נישט געווען צופריעדען וואָס אבשלום האָט אויך חושי'ן געמאַכט פאַר זיין ראַטגעבער, ער האָט אבער גאַרנישט געזאָגט צו אבשלום'ן...

ווען חושי איז אוועקגעגאַנגען האָט זיך אחיתפל צו איהם אָפּגערופען:

דיין מלוכה איז בעפעסטיגט, און דאָס פאָלק איז מיט דיר. אבער פיעלע פון פאָלק קענען זיך נישט בעשליסען צו נאָכפאָלגען דיר אדער נישט; זיי גלוי־בען אז דו וועסט נאָך שלום מאַכען מיט דיין פאַטער, און דאַן, ווען דוד וועט זיך דערוויסען אז זיי זיינען צוגעשטאַנען צו דיר, וועט ער זיי מעגליך בעשטראָ־פען, דעריבער האַלטען זיי זיך אָפּ פון אַרויסצוזייגען זייער עפענטליכע פיינט־שאַפט צו דוד'ן און זיי שטעהען נישט צו צו דיר...

— וואָס זאָל איך טהאָן? — האָט איהם אבשלום געפרעגט — ווי אזוי קען איך איבערצייגען דעם גאַנצען פאָלק אז איך וועל מיט מיין פאַטער קיינמאָל נישט שלום מאַכען...

— מיין עצה דעריבער איז, אזוי ווי דיין פאַטער האָט איבערגעלאָזען אין

פאלאץ זיינע צעהן קעבס־ווייבער, זאלסטו פאר די אויגען פון פאלק זיי צונעמען פאר זיך. דאן וועלען זיך אלע איבערציינגען אז עס איז מעהר קיין מעגליכקייט נישטא, דאס די וועסט שלום מאכען מיט דיין פאטער, און זיי וועלען נישט מורא האבען פאר דוד'ס שטראף. דאן וועט דאס גאנצע פאלק ווי איין מענש צושטעהן צו דיר און וועט קעמפפען העלדיש געגען דיין פאטער ביז וואנען מיר וועלען איהם און זיינע געצעהלטע גבורים פערניכטען... און דו וועסט רעגירען מיט זיכערהייט...

אבשלום האט בעפוילען זיינע קנעכט און זיי האבען צוזאמענגעשטעלט א גרויסען געצעלט אויף דעם דאך פון פאלאץ, דארטען, פאר די אויגען פון גאנצען פאלק, האט אבשלום פערבראכט מיט זיין פאטער'ס צעהן פלגשים...

ווען דוד מיט זיינע מענשען האבען זיך עטוואס דערווייטערט פון דעם הר הזיתים, איז זיי ענטקעגען געקומען ציבא, מפיבושת'ס קנעכט, מיט צוויי עזלען אויף וועמען עס זיינען געווען אנגעלאדען צוויי הונדערט לאבען ברויט, הונדערט בינטלעך ראזינקעס, הונדערט בינטלעך פערטריקענטע פייגען און א לאגעל וויין.

ציבא האט זיך דערנעהענטערט צו דוד'ן און זיך פערנייגט ביז דער ערד:

— פרידען צו מיין האר קעניג און פרידען צו זיינע מענשען — האט ער אויסגערופען — איך האב געבראכט עפעס פאר דעם קעניג'ס מענשען צו עסען.

— און וואו איז דיין האר, מפיבושת, דער זוהן פון מיין בעסטען פריינד, יונתן? — האט איהם דוד געפרעגט — ווי אזוי האסטו איהם איבערגעלאזען אליין? ער הינקט דאך אויף ביידע פיס און איהם וועט זיין זעהר שווער אויס־צוקומען אהן דיר.

— איך האב איהם גערופען, ער זאל מיט מיר מיטגעהן — האט ציבא געענטפערט — אבער ער האט פון דעם נישט געוואלט הערען... "יעצט האב איך א גוטע געלעגענהייט צו ווערען קעניג — האט ער געזאגט — יעצט אין דעם גרויסען טומעל און שטרייט צווישען דוד'ן און זיין זוהן, וועט זיך דאס פאלק דערמאהנען אן מיין זיידען שאול און מיין פאטער יונתן, און די פיעלע גוטעס וואס זיי האבען אויפגעטהאן פאר'ן פאלק, און זיי וועלען אומקעהרען די מלוכה צו מיר"...

— אזוי האט גערעדט מפיבושת?! האט דוד אויסגערופען מיט כעס — מפיבושת מיט וועמען איך האב אזוי פיעל טובות געטהאן, איך האב איהם אפ־געגעבען אלעס וואס האט אמאל בעלאנגט צו שאול'ן, איך האב איהם בע־האנדעלט ווי אן אייגען קינד, ער האט ביי מיין טיש געגעסען... און דיר האב איך בעשטימט דו זאלסט מיט דיינע זיהן בעארבייטען זיינע פעלדער און איהם אפ־געבען דאס געלט פון דער תבואה... און יעצט, אין דער צייט פון מיין אומגליק, איז ער אויך געגען מיר!...

— איך האב דאס איהם אלעס געזאגט, מיין האר קעניג — האט ציבא זיך אפגערופען — אבער ער האט מיר נישט געוואלט הערען... "היינט וועט דאס פאלק מיר אומקעהרען די מלוכה. דאס זיינען געווען זיינע ווערטער... און ווען איך האב געזעהן אז ער וויל מיט מיר נישט מיטגעהן האב איך גענומען די צוויי עזלען און זיי אנגעלאדען מיט עסענווארג און איך בין אליין ארוים בעגעגענען דעם קעניג... און איך דאנק גאט אז ער האט מיר די געלעגענהייט געגעבען מיט

עפעס אפצודיענען מיין קעניג פאר זיין גרויס גענאדע וואס ער האט געטהאן מיט זיין קנעכט...

— מיר קען זיך אבער נאך אלץ נישט גלויבען. — האט דוד געקוועטשט מיט די פּלייצעס אז מפיבושת זאל מיר אזוי בעצאהלען פאר אלע טובות וואס איך האב מיט איהם געטהאן.

— אז דיין אייגענער זוהן האט צו דיר געקענט אזוי טהאן, פארוואס זאל נישט מעגליך זיין אז דער זיהן פון דיין פריינד זאל דיר נישט טהאן דאסזעלבע?

— האט זיך יואב אפּגערופען.

— דו ביזט גערעכט, יואב! — האט דוד טרויעריג געזאגט, — אויב מיין אייגען פלייש און בלוט זוכט יעצט מיין לעבען און מיין קרוין, קען מען דאך זיכער גלויבען אויף א פרעמדען...

דוד'ס קנעכט האבען אויסגעלאדען די עזלען און דוד האט זיך אפּגערופען צו ציבא'ן.

— דערפאר, ווייל דו ביזט מיר געבליבען געטריי, גיעב איך דיר אוועק מפיבושת'עס גאנצען פערמעגען, וואס איך האב איהם געהאט געגעבען מיט א צייט צוריק.

— איך דאנק דיר זעהר, מיין האר קעניג — האט זיך ציבא פערנייגט און ער האט זיך אומגעקעהרט מיט די צוויי אויסגעלאדענע עזלען נאך ירושלים.

די נאכט איז אנגעפאלען. און דוד מיט זיין מחנה האבען זיך דערנעהענטערט צו דער שטאדט בחורים.

— מיר ווילען פערבלייבען די נאכט דא הינטערן שטאדט — האט דוד געזאגט — דא גרעניצט זיך דער שבט יהודה מיט דעם שבט בנימין, און איך צווייפעל צו מיר ווילען געפינען א סך פריינד אין דער שטאדט בחורים, וואס געהערט צום שבט בנימין... ווען מיין אייגענער שבט איז געגען מיר, וואס האב איך דען צו ערווארטען פון די מענשען פון דעם שבט בנימין... זיי זיינען קיינמאל נישט געווען צו פריינדליך מיט מיר... און דעריבער קענען מיר נישט ערווארטען צו בעקומען א פריינדליכע אויפנאהמע ביי זיי, און עס וועט זיין א סך גלייכער פאר אונז, ווען מיר ווילען איבערקומען די נאכט, דא אויף די פעלדער, הינטערן שטאדט... און מארגען, גאנץ פריה ווילען מיר דורכגעהן די שטאדט בחורים אויף אונזער וועג צו יריחו...

דוד'ס קנעכט האבען צוזאמענגעשטעלט א געצעלט פאר דוד'ן און זיין פאמיליע און יואב האט איינגעטהיילט זיין ארמעע אין דריי טייל; איין טהייל האט געדארפט זיין וואך די ערשטע דריטעל נאכט און היטען דאס מען זאל אויף זיי נישט מאכען קיין איבערפאל, נאכהער ווילען זיי געהן שלאפען און די אנדערע טיילען ווילען זיין וואך.

די גאנצע צייט וואס דוד'ס פרויען זיינען מיטגעגאנגען האבען זיי געשוויגען... דער טרויער האט יעדען איינעם געדריקט, אבער זיי האבען עס נישט געוואלט ארויסצייגען פאר דוד'ן כדי נישט גרעסער צו מאכען זיין צער. אבער ווען זיי האבען זיך אלע געלעגט אפּרוהען אויף דעם פייכטען גראז האט זיך נישט ווילענדיג ביי איינער פון זיי ארויסגעכאפּט א זיפץ, באלד האט א צווייטע געענטפערט מיט א זיפץ און פּלוצלונג האט זיך איבער'ן גאנצען געצעלט צוטראגען

א כליפּען און געוויין... יעדע פון זיי האָט געזוכט מיט אַלע מעגליכקייט איינ־צוהאַלטען דעם געוויין, אָבער דאָס איז געווען אוממעגליך... די טרערען האָבען נישט ווילענדיג געפאַלען און די ליפּען האָבען זיך געריסען נישט ווילענדיג פון הארצען...

דוד האָט זיך אפילו נישט געפּרוּאווט צו לייגען. ער איז געזעסען און די גאַנצע צייט מתפלל געווען, אויסגיסענדיג זיין ביטער הארץ פאַר גאָט, און ווען דאָס וויינען פון זיינע פרויען האָבען דערגרייכט זיינע אויערען, האָט ער זיך אויך מעהר נישט געקענט בעהערשען און האָט מיטגעוויינט...

א טויטע שטילקייט האָט געהערשט ארום דוד'ס געצעלט, ווען דאָס געוויין האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכען, דאָס האָט אויף אַלעמען ארויפגעיאָגט א טרויעריגע מרה שחורה... די פינסטערנים פון דער נאַכט, דאָס וואַנדערען און די אומ־זיכערקייט ארום, האָט קיינעם נישט געלאָזט רוהען... יענע נאַכט, די ערשטע נאַכט פון דוד'ס גלות, האָט קיינער פון זיינע מענשען נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג...

אויך דער בראַווער יואב האָט זיך געפיהלט נידערשלאַגען. איהם האָט שטאַרק פערדראָסען פאַר וואָס מען האָט זיך אין דעם קעניג'ס געצעלט נישט געקענט בעהערשען... ער האָט געזוכט מיט אַלע מעגליכקייט צו ערמוטהיגען זיין ארמיי און דאָ הערען זיי אַזעלכע פאַרצווייפעלטע געוויינען פון קעניג'ס געצעלט. אויף מאָרגען, ווען דוד איז ארויס פון געצעלט האָט איהם יואב אויסגערעדט:

— איך טהו אַלעם מעגליכעס צו ערמוטהיגען און צו שטאַרקען די הענט פון מיינע מענשען און יעצט ווען זיי הערען די געוויינען פון דעם קעניגליכען גע־צעלט וועלען זיי דען נישט ענטמוטהיגט ווערען...

— איך ווייס אַז דו ביזט גערעכט, יואב — האָט דוד צוגעגעבען אָבער וואָס האָב איך געקענט טהאָן? די ביטערנים און קוועלונג האָט זיך אנגעקליבען אין אונזערע הערצער און מיר האָבען עס געמוזט ארויסברייגנען דורך אונזערע טרערען... די פרויען קענסטו דאָך זיכער נישט בעשולדיגען. זיי האָבען זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען בראַוו, אָבער ווען עס איז געקומען די נאַכט און זיי האָ־בען זיך געלעגט אפּרוהען אויף'ן פייכטען גראָז, דאַן האָבען זיי ערשט דערפיהלט זייער שרעקליכע לאַגע און זיי האָבען אויסגעבראָכען אין א געוויין...

— אָבער דאָך מיין האַר קעניג, דאַרפען מיר קיינער נישט זיין פערצוויי־פעלט... מיר דאַרפען נישט פערגעסען אַז דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר ווערען געיאָגט... דער קעניג שאול האָט דיר אויך גערודפט און דאַן האָבען מיר נישט געהאַט אַזוי פיעל איבערגעגעבענע און געטרייע גבורים ווי יעצט... ווען דו וואָלסט נאָר אונז דערלאָזען וואָלט מיר אין איין טאָג, נישט איבערגעלאָזען פון אבשלום'ן און זיינע מחנות א שריד ופליט... דו האָסט איינזעהעניש מיט דיין זוהן, אָבער רעכענט ער זיך מיט דיר און דיין פאַמיליע?... ווי גאָט לעבט, ווען דו וואָלסט יעצט אריינגעפאַלען אין זיינע הענט, וואָלט ער דיר געטויטעט און וואָלט פון דיין גאַנצע פאַמיליע נישט איבערגעלאָזט איינעם א לעבעדיגען...

— איך ווייס דאָס — האָט דוד געענטפערט מיט טרויער — אָבער ער איז דאָך פאָרט מיין פליש און בלוט, איך האָב דאָך איהם אַזוי ליעב געהאַט, און ווי אַזוי קען איך דאָס גאָר דערלאָזען צו מיין געדאַנק אַז אבשלום זאָל געטויטעט ווערען.

— אין מלחמה טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט אזעלכע געפיהלען, מיין קעניג, אויב דו וועסט נישט טוידטען דיין שונא וועט ער דיר בעפאַלען און טוידטען...

— איך גלויב אבער, אז אין גאַנצען איז אבשלום אין דעם נישט שולדיג... ער איז דאָך אזוי יונג און אחיתפל האָט איהם דערצו איינגערעדט... עס וועט נישט לאַנג נעהמען און ער וועט זיך ארומזעהן אז ער האָט זיך בענאַרישט, דאַן וועט ער קומען און בעטען ביי מיר מחילה...

— און דו וועסט איהם מוחל זיין, ווי דו האָסט געטהאָן פריהער?! — האָט יואב מיט אויפרעגונג געזאָגט.

— יע, יואב, איך וואָלט איהם זיכער מוחל געווען... ער איז מיין קינד און אפילו ווען ער האָט זיך בענאַרישט איז ער דאָך אלץ מיינער...

— אבער ווי אזוי קענסטו מוחל זיין איינעם וועלכער זוכט דיין לעבען; און וועלכער האָט געגען דיר אזוי געזינדיגט?

— מיר זיינען אלע זינדיגע מענשען און דאָך איז אונז גאָט מוחל... אויב מיר קענען זיך נוקם זיין אין אונזערע שונאים, דאַרפען מיר אבער זיי אויך קענען מוחל זיין, ווען זיי האָבען חרטה אויף זייערע שלעכטע מעשים... מחילה איז א געטליכע אייגענשאַפט און מיר דאַרפען ווערט זיין אום צו קענען זיך ערווערבען אזא אייגענשאַפט...

— אבשלום וועט אבער קיין מאָל נישט חרטה האָבען אויף זיינע שרעק־ליכע מעשים, און כל זמן דאָס שווערד וועט נישט ליגען אויף זיין האַלדז, וועט ער זיך נישט אונטערגעבען...

— איך האָף צו גאָט אז ער וועט איהם צוריקקעהרען אויף'ן ריכטיגען וועג... אבער אזוי לאַנג ווי עס איז מעגליך וועל איך זעהן צו פערמיידען בלוטפערגיסונג...

עס איז געוואָרען גרויסער טאָג, די זון האָט זיך פון מזרח א רוק געטהאָן און דוד מיט זיינע מענשען האָבען גענומען ווייטער געהן. זיי זיינען ארונטער פון באַרג און זיך גענומען דערנעהענטער'ן צום שטאָדט בחורים. פּלוצלונג האָט זיך צו דוד'ן דערטראָגען א שטימע פון באַרג: "געה, געה, דו בלוט־דורשטיגער מאַן... דו אומווירדיגער רשע!

דוד האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט א קוק געטהאָן אויף דער ריכטונג פון וואַנען די שטימע האָט זיך דערטראָגען, און גלייך האָט ער איהם דערקענט: דאָס איז געווען שמעי דער זוהן פון גרה, פון שאול'ס משפחה...

— דו דערקענסט מיר שוין, יע? — האָט שמעי אויסגערופען — א ווי שטאַרק מיין האַרץ פרעהט זיך צו זעהן דיין מפּלה! יעצט וועט גאָט אומקעהרען אויף דיר אלעס וואָס דו האָסט געטהאָן צו די הויז פון שאול, דו האָסט זייער בלוט פערגאָסען דו האָסט געטויטעט שאול'ס זוהן, און נאָכהער האָסטו אויך געטויטעט אבנר'ן... דו האָסט געוואָלט אויסראָטען שאול'ס גאַנצע משפחה... יעצט רעכענט זיך גאָט אָפּ מיט דיר... ער האָט אוועקגענומען די מלוכה פון דיר און זי אָפּגעגעבען צו דיין זוהן, וועלכער איז א סך בעסער פון דיר. און אָט איז אויף דיר געקומען שלעכטעס פון א פּלאַץ וואָס דו האָסט זיך נישט געקענט ריכטען... דו האָסט ביי מיר צוגענומען מיכל'ן, וועלכע וואָלט זיכער מיין כלה

געוואָרען ווען דו וואָלסט דאָן נישט אנגעקומען אין פּאַלאַץ... אַ ווי זיס איז מיין נקמה אַן דיר, דו בלוט־זויגער און פאַלשער מאַן! יעצט זאָל זיך מיכל מיט דיר פרעהען זאָל זי וואַנדערען מיט דיר... און פיהלען דעם טעם פון ביטערקייט, ווי איך האָב געפיהלט ווען זי האָט מיט דיר חתונה געהאַט אנשטאָדט מיר... פּער־שאַלטען אַזלסטו זיין, דו זוהן פון ישי, און זאָלען אַלע מיינע קללות אויף דיר מקויים ווערען...

אין דוד'ס לאַגער האָט געהערשט אַן אנגעצווינגענע שטילקייט... שמעי'ס ווערטער האָבען זיך דייטליך געהערט און ווי דערנער האָבען זיי געשטאָכען אַלעמען וועלכע האָבען זי געהערט...

פּלוצלונג איז אבישי, יואָב'ס ברודער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, ער האָט ארויסגעצויגען זיין שווערד און אויסגערופען:

— פאַרוואָס זאָל דאַרטען דער גע'פּגר'טער הונט בילען און שילטען, אונ־זער האַר קעניג! אַט וועל איך צוגעהן און אַרונטערהאַקען זיין קאָפּ מיט מיין שווערד און פערשטומען זיין מויל אויף עוויג...

— ניין! — האָט דוד צוריקגעהאַלטען אבישי'ן — זאָל ער שילטען, עס איז מסתמא אַזוי דער ווילען פון גאָט... זאָל ער שילטען וויפיעל ער וויל...

— אָבער מיר טאָרען נישט דערלאָזען, דאָס דער אומווירדיגער שמעי זאָל אַזוי פאַרשוועכען דעם כבוד פון אונזער קעניג פאַר די אויגען פון אונזער ארמיי, און איהם דערפאַר נישט בעשטראָפען?!

— וואָס האָט איהר צו מיר, איהר זיהן פון צרויה! — האָט דוד זיך אָפּ־גערופען צו יואָב'ן און צו אבישי'ן — גאָט האָט איהם געזאָגט: "שילט דוד'ן", נו, ווער קען געהן געגען דעם ווילען פון גאָט, זאָל ער שילטען וויפיעל זיין האַרץ גלוסט!

— אָבער אויב מיר וועלען איהם נישט בעשטראָפען, וועט שמעי עס אָנ־נעהמען פאַר אַ סימן פון שוואַכקייט פון אונזער זייט, דאָס וועט איהם ערמוטיגען צו טהאָן נאָך ערגערע זאַכען געגען מיין האַר, — האָט אבישי אויסגערופען.

מיכל, דוד'ס ערשטע פרוי, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען קעניג... איהר בלוט האָט אין איהר געקאָכט... פון איהרע אויגען האָבען פונקען פייער געשפּריצט, איהר האַס און ביטערנים געגען שמעי'ן האָט געוואַקסען פון יעדער רגע... און ווען זי האָט געזעהן אַז דוד דערלאָזט נישט אבישי'ן צו געהן בע־שטראָפען שמעי'ן, האָט זי זיך שוין מעהר נישט געקענט באַהערשען און האָט אויסגערופען מיט צאָרן און ענטריסטונג:

— די חוצפּה פון דיזער אומפאַרשעהמטער און נידעריגער באַשעפעניש איז שוין אריבער אַלע גרעניצען. ער האָט פערדיענט דעם טויט! זיין בלוט וועט פאַלען אויף זיין אייגענעם קאָפּ, און ז'ער קעניג און זיינע מענשען וועלען זיין ריין און אומשולדיג אין דעם...

— געוויס, ער טאָר נישט אוועקגעהן אומבעשטראָפט! — האָט בת שבע זיך אויך אריינגעמישט, — אַזוי צו באַליידיגען דעם קעניג!

— ווער איז ער דאָס, דער שמעי! — האָט אביגיל זיך אָפּגערופען. — ער איז דאָך נישט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער די פיס פון מיין האַר'ס קנעכט... ווי אַזוי וואָגט ער גאַר אַזוי צו עפענען זיין אומריינע מויל געגען דעם געזאַלבטען פון גאָט...

— איך בעט דיר מיין האר קעניג, — האט אבישי ווידער געצויגען זיין שווערד, — לאז מיר, און איך וועל טהאן צו איהם ווי ער האט פערדיענט! איך וועל איבערלאזען זיין קערפער פאר די פויגלען פון הימעל און פאר די חיות פון פעלד!...

— אז מיין זוהן, וועלכער קומט ארויס פון מיר, וועלכער איז פלייש פון מיין פלייש, און בלוט פון מיין בלוט, זוכט צו רויבען מיין לעבען, און וועט זיך פאר קיין זאך נישט אפשטעלען מיר צו ערנידריגען און פארשעהמען, טא וואס קען איך ערווארטען פון שמעי'ן, וועלכער איז א זוהן פון שבט בנימין... ער האט דאך געוויס א סיבה מיר פיינט צו האבען... ניין, ריהרט איהם נישט אן, לאזט איהם, זאל ער שילטען... פיעלייכט וועט גאט צוזעהן מיין גרויס פיין און שמערצען, ער וועט זעהן אז איך קום אפ פאר מיינע זינד, וועט ער איבער מיר זיך ערבארעמען און מיר שיקען זיין ברכה אנשטאט שמעי'ס קללה...

שמעי האט די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט צו שילטען און פלוכען. און ווען ער האט דערזעהן אז דוד דערלאזט נישט אז אבישי זאל זיך געהן מיט איהם אפרעכענען, האט ער דאס אנגענומען פאר א סימן אז דוד האט פאר איהם שטארק מורא... ער האט דאריבער נאך העכער געהויבען זיין שטימע און אויסגערופען דוד'ן די נידריגסטע נעמען. ווען אבער ער האט געזעהן אז דוד מיט זיינע מענשען געהן ווייטער און גיבען מעהר נישט קיין אויפמערקזאמקייט, האט דאס איהם נאך מעהר צורייצט... ער האט גענומען ווארפען שטיינער און בלאטע אין דוד'ס לאגער...

— דא האט זיך שוין אבישי מעהר ניט געקענט באהערשען. ער האט ווידער געצויגען זיין שווערד און שנעל גענומען לויפען צו שמעי'ן אויף'ן זייט פון בארג.

ווען שמעי האט דערזעהן אז אבישי יאגט זיך נאך איהם, האט ער זיך שטארק דערשראקען און גענומען לויפען זעהר שנעל. ער האט זיך פארטשע־פעט אין די הויכע גראזען און איז אנידערגעפאלען. זיין שרעק איז נאך גרע־סער געווארען. ער האט מורא געהאט טאמער וועט ער איהם יעצט דעריאגען. ער האט זיך באלד אויפגעשטעלט און גענומען לויפען מיט מעהר האסט... ער האט אפילו נישט געוואגט א קוק צו טהאן אויב אבישי יאגט איהם ווירקליך נאך.

ווען אבישי האט דערזעהן אז שמעי לויפט אוועק, האט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין לאגער מיט א שמייכעל...

— דו האסט מיך נישט געפאלגט און פארט געגאנגען, — האט דוד פאר־געווארפען אבישי'ן.

— ער האט דאך געקענט אימיצען פון אונז פארוואונדען מיט זיין ווארפען די שטיינער, — האט אבישי זיך אפגערופען, — און א חוץ דעם האב איך גע־וואוסט אז איך וועל נישט זיין געצוואונגען צו פארגיסען זיין אומריינע בלוט, וויייל ווי נאר דער פייגלינג, דער שרעקעדיגער האז, וועט באמערקען אז איך מאך א פארזוך איהם צו כאפען, וועט ער אנטלויפען אזוי שנעל ווי ער קען.

— ער לויפט נאך אלץ! — האט יואב אויסגערופען לאכענדיג, — ער לופט אזוי שנעל און איהם דוכט זיך מסתמא אז אבישי יאגט איהם נאך אלץ נאך... אט איז ער אנידערגעפאלען... ער הויבט זיך אויף און לויפט ווייטער.

דוד, זיינע פרויען און די איבריגע האבען נאכגעקוקט ווי שמעי לויפט,

פאלט, הויבט זיך אויף און לויפט ווייטער... און כאטש זייערע הערצער זיינען געווען פארביטערט, האבען זיי זיך דאך נישט געקענט איינהאלטען פון לאכען.
ווען די זון איז שוין געווען אין מיטען הימעל, איז דוד מיט זיין גאנצע מחנה אנגעקומען אין בחורים, און זיי האבען זיך דארט אפגעשטעלט זיך אויס־רוהען.

* * *

א היבשע ווייל איז שמעי בן גרא געלאפען אהן און אטהעם, ביז ער איז אזוי אריינגעלאפען אין בחורים.
— וואוהין לויפסטו אזוי, שמעי? ! — האבען איהם איניגע פון זיינע בעקאנטע געפרעגט מיט פערוואונדערונג.
ערשט דאן האט זיך שמעי אפגעשטעלט, אומגעדרעהט זיין קאפ, און ווען ער האט דערזעהן אז קיינער לויפט איהם נישט נאך, האט ער זיך אפגערופען:
— איך... איך האב יעצט באגעגענט דוד'ן מיט זיין קליינע ארמיי... ער אנטלויפט עס פון זיין זוהן אבשלום'ן. און ווען דוד און זיינע מענשען האבען נור דערהערט מיין שטימע, האבען זיי זיך אזוי דערשראקען, אז זיי האבען גע־נומען לויפען אין גרויס אונארדנונג...
— דערווייל שיינט עס, אז דו ביזט געלאפען אין גרויס אונארדנונג!... — האט זיך איינער, וועלכער האט גוט געקענט שמעי'ן, אפגערופען מיט א שמייכעל, — דו קענסט דאך קוים אפכאפען דיין אטהעם, דו קוקסט אויס אזוי צו־שראקען און ערשיטערט, ווי אזוי האסטו געקענט אנווארפען א מורא אויף דוד'ן און זיינע מענשען? !...
— המ... איין שטיין האב איך אויף זיי געווארפען און א טויט־שרעק איז זיי אלעמען בעפאלען, — האט שמעי זיך אפגערופען, און ווידער א דרעה גע־טהאן זיין קאפ אויף הינטען צו זעהן אויב קיינער יאגט איהם נישט נאך, — יא, זיי האבען זיך גוט דערשראקען, און ווען איך האב געזעהן ווי זיי ציטערען פאר מיר, בין איך האסטיג געלאפען אין שטאדט אנצוזאגען וועגען דעם מיינע פריינדע און בעקאנטע אז יעצט איז געקומען די צייט אומצוקעהרען די מלוכה צו איינעם פון שאול'ס משפחה...
— און ווער איז דער נעהנסטער פון שאול'ס משפחה אויב נישט דו! — האט זיך אימיצער אפגערופען.
— דער איינציגער וועלכער איז נעהענטער פון מיר, איז מפיבושת, יונתן'ס זוהן, אבער ער איז דאך א קאליקע, א בעל מום און איז דאך געווים נישט פעהיג צו דער מלוכה.
— בלייבט טאקע אז דו ביזט דער איינציגער פון שאול'ס משפחה, וועלכער פאסט זיך פאר דער מלוכה אנשטאט דוד'ן... — האט דערזעלבער געזאגט מיט סארקאזם.
— געווים בין איך דער איינציגער! — האט איהם שמעי גענומען ערנסט, — ווען נישט דוד, וואלט איך דאך געווען שאול'ס איידעם און וואלט זיכער גע'ירשנ'ט זיין טראהן.
שמעי איז גלייך אוועק צו זיין הויז און האט זיך אויף פאר זיי באריהמט וואס פאר א פחד ער האט אנגעווארפען אויף דוד'ן און זיין מחנה.
— איך וועל אויפשטעלען אן ארמיי פון אונזער שבט און איך וועל געהן

פארניכטעט דוד׳ן מיט זיין שר צבא יואב׳ן... דאן וועל איך הערשען איבער אלע שבטים.

— אבער, שמעי, דו ווייסט דאך אויך דארפען קעמפפען מיט אבשלום׳ן, ווייל אלע ווייסען אז אבשלום איז געווארען קעניג אין ירושלים, — האט שמעי׳ס פרוי צו איהם געזאגט.

— ווען איך זאל נאר פארטיג ווערען מיט דוד׳ן, דאן האב איך פאר קיינעם נישט וואס מורא צו האבען, דאס פאלק וועט זיך ארומזעהן ווער עס איז דער ריכטיגער העלד... זיי וועלען זיך אלע דערמאהנען וואס שאול האט פאר זיי אויפגעטהאן און וועלען זיך אומקעהרען צו מיר...

שמעי האט פאררופען אלע זיינע פריינד און בעקאנטע און האט זיך צו זיי אפגערופען:

— די צייט איז געקומען דאס אונזער שבט זאל צוריקקריגען די מלוכה! גבעה, און נישט ירושלים דארף זיין די הויפטשטאדט! ווער פון אייך וועט צושטעהן צו מיר, וועל איך איהם נאכהער פיעל באלוינען, און ווען איך וועל האבען באפעסטיגט די מלוכה, וועל איך יעדען פון אייך מאכען פאר א הויפט... איך וועל יעדען פון אייך רייך מאכען און יעדער וועט זיין ביי מיין טיש.

עטליכע פון שמעי׳ס פריינד און קרובים זיינען באלד צוגעשטאנען צו איהם... און אין עטליכע טעג ארום האט ער שוין געהאט ארום זיך טויזענד מענשען.

— לאמיר זיך נאכיאגען נאך דוד׳ן און מאכען פון איהם און פון זיין מחנה א תל, — האט זיך איינער פון שמעי׳ס מענשען אפגערופען, — וויבאלד אז דו איינער האסט אויף זיי אנגעווארפען אזא שרעק, בפרט ווען טויזענד פון אונז וועלען זיי באפאלען, וועלען זיי דאך פאלען טויטע בלויז פון שרעק.

— ניין! — האט שמעי געזאגט, — די צייט איז נאך נישט געקומען מיר זאלען דוד׳ן באפאלען... עס וועט זיין בעסער פאר אונז, ווען אבשלום וועט דארפען קעמפפען געגען זיין פאטער... זאלען זיי ביידע ליידען גרויסע פערלוס-טען... און דאן, אין גרויס טומעל, וועט פאר מיר זיין נישט שווער צו פערכאפען די מלוכה...

אזוי איז שמעי פארבליבען מיט זיינע טויזענד מענשען אין בחורים און געווארט אז א שלאכט זאל אויסברעכען צווישען אבשלום׳ן און דוד׳ן.

אין דער צייט וואס שמעי האט צוזאמענגעשטעלט זיין מחנה פון טויזענד, האבען זיך דוד און זיינע מענשען גוט אויסגערוהט אין בחורים. זיי האבען אנ-געשעפט געגוג וואסער פון די ברונימער פון שטאדט און אנגעקויפט פיעל שפייז פאר דער ארמיי, און זיינען אוועקגעגאנגען נאך יריחו. זייער לאנגער האבען זיי געמאכט אויף דעם לאנד וואס געפינט זיך צווישען דער שטאדט יריחו און דעם טייך ירדן.

זעקס-און-דרייסיגסטער קאפיטעל

אחיתפל באגעהט זעלבסטמאָרד

אין ירושלים איז געווען זעהר לעבעדיג און פרעהליך. אבשלום האט ארויס־געשיקט זיינע סאָלדאטען איבער די גאסען פון שטאָדט, וועלכע האבען געזונגען לידער פאר דעם נייעם קעניג. מוזיקער האבען געשפּיעלט אויף טרומייטען, הארפען און צימבאלען. פיעלע פרויען זיינען זיי נאכגעגאנגען, און האבען גע־טאנצט און מיטגעהאָלפען זינגען. פון די ארומיגע שטעדטלעך און דערפער, האָ־בען די אכרים געבראכט מתנות פאר דעם נייעם קעניג. אלע, יונג און אלט, קליין און גרויס האבען זיך משמח געווען און געיובעלט... און אפילו די, וועלכע האבען דוד'ן זעהר ליעב געהאט און האבען זיך פריהער שטארק געגומען צום הארצען, ווען זיי האבען געזעהן אז זייער קעניג דוד איז געצוואונגען צו אנט־לויפען פון ירושלים, זיינען יעצט אויך מיטגעצויגען געוואָרען מיט דעם פער־שכור'טען המון... זייערע פיס האבען זיך אויך געהויבען צום טאנצען, די לידער און געזאנגען האבען זיך געריסען פון זייערע העלזער.

— זאָלען די כהנים צוקומען צו מיר, — האט אבשלום באפוילען, — ווען ער האט זיך אריינגעזעצט אין זיין קארעטע, מיט זיין משפחה, צו בעטיי־ליגען זיך אין פאראָד.

צדוק און אביתר, די כהנים זיינען גלייך צוגעקומען צו אבשלום'ן און זיך פאר איהם פארנייגט.

— איך וויל דאָס איהר זאָלט נעהמען דעם הייליגען ארון און טראָגען איהם פאָראויס! — האט אבשלום צו זיי געזאָגט.

— אָבער מיין האר, קעניג! — האט צדוק זיך אָפּגערופען און זיין פּנים איז בלאָס געוואָרען.

— איך וויל פון קיין זאך נישט וויסען, אזוי איז מיין באפעהל! — האט אבשלום אויסגערופען.

חושי דער ארכי, וועלכער איז געווען אין א צווייטער קארעטע, האט א וואונק געטהאָן צו צדוק'ן אז ער זאָל טהאָן ווי אבשלום הייסט איהם.

— דיין פערלאנג וועט גלייך געטהאָן ווערען, — האבען זיך צדוק און אביתר אָפּגערופען, — און זיך ווידער פארנייגט פאר'ן קעניג.

דאָס מארשירען האט זיך אָפּגעשטעלט. אלע האבען געוואָרט ביז וואנען די כהנים וועלען צוקומען מיט דעם הייליגען ארון.

די מוזיקער אָבער האבען נישט אויפגעהערט צו שפּיעלען און די פרויען־טענצערינס האבען יעצט ארומגערינגעלט אבשלום'ן און זיי האבען אין א צירקעל געטאנצט און געזונגען.

ווי נאָר די כהנים האבען זיך באוויזען מיט דעם ארון אזוי האט אויסגע־בראָכען א שטורמישער געשריי און שאלען:

— לאנג לעבען זאָל אונזער קעניג אבשלום!...

צדוק, אביתר און די איבעריגע כהנים וועלכע האבען געטראָגען דעם היי־ליגען ארון ביי די שטאנגען, זיינען געגאנגען פאָראויס... גלייך נאך זיי איז לאנגזאם געפאָהרען אבשלום אין זיין קארעטע אין בעגלייטונג פון זיין גאנצע

פאמיליע. נאך אבשלום'ן איז געפאהרען אחיתפל, און נאך אחיתפל'ן חושי דער ארכי.

דער המון איז מיט יעדער רגע גרעסער געווארען. די געשרייען און שאלען האבען זיך געהערט פאר מיילען ווייט...

אבשלום'ס פנים איז געווען בארעקט מיט א רויטקייט, זיינע אויגען האבען געשיינט און געגלאנצט פון שמחה און גליק. דאס פאלק איז מיט איהם! זיין מלוכה איז באפעסטיגט!

פארנאכט האט אבשלום געמאכט א מאלצייט אין פאלאץ, און האט איינגעלאדען אלע זיינע שרים און הויפטען.

צווישען די געהויבענע געסט אויבען־אן זיינען געזעסען אבשלום'ס צוויי מיניסטארען, אחיתפל און חושי.

אחיתפל האט זיך געזעצט נעבען אבשלום'ס רעכטע האנט... ער איז געווען אביסעל בערוישט פון דעם וויין וואס ער האט געטרונקען... ער האט זיך איבערגעצויגען צו אבשלום'ן און איהם שטילערהייט אריינגערוימט אין אויער:

— נו, אבשלום, ווען האסטו צו דאנקען פאר דער מלוכה און פאר דיין גרויסען גליק וואס איז צו דיר געקומען אונערווארטעט?...

— נו, געוויס דיר! — האט אבשלום איהם געענטפערט מיט א שמייכעל, אבער אין הארצען האט איהם שטארק פארדראסען פארוואס אחיתפל דערמאנט איהם דאס יעצט ביי דעם מאלצייט.

— יעצט זעהסטו אז דו דארפסט זיך צוהערען בלויז צו מיינע עצות... קיינער פון דיינע יועצים וועט דיר אזעלכע גוטע עצות, ווי איך, נישט געבען.

אבשלום האט געווארפען זיינע בליקען אויף דער זייט וואו חושי איז געזעסען.

— אפילו נישט ער! — האט אחיתפל שטילערהייט געזאגט, ווען ער האט באמערקט דאס אבשלום האט א קוק געטהאן אויף חושי'ן, — דו טהו אלעס וואס איך וועל דיר הייסען און דו וועסט זיין ערפאלגרייך וואוהין דו וועסט זיך קעהרען.

נאך דעם מאלצייט האט זיך אבשלום צוגעלייגט אפרוהען... זיין גליק האט דערגרייכט די העכסטע שטופע.... אז דאס פאלק זאל איהם ווייזען אזא ליעבשאפט און געטרייהייט, פון דעם האט ער אפילו נישט גע'חלום'ט... דאס איבערצייגט איהם, אז זיין שעהנע ערהאבענע פערזענליכקייט און זיינע קלוגע ווערטער האבען בעצויבערט דאס גאנצע פאלק... ער איז געלעגען אויף זיין בעט מיט זיינע אויגען האלב פערמאכט און אין זיינע געדאנקען זיינען פארביי געגאנגען די פאסירונגען און די ענטוויקלונגען פון די לעצטע עטליכע טעג... אין זיינע אויערען האבען נאך יעצט געקלונגען די געשרייען און שאלען פון פאלק: "לאנג לעבען זאל אבשלום אונזער נייער קעניג!" די שטורמישע און ווארימע אויפנאהמע וואס ער האט געקראגען אין יעדער שטאדט וואו ער איז דורכגעפאהרען... דאס יובלען און די פרעהליכע שטימונג פון פאלק מאכט זיין מלוכה פעסט און זיכער... יא, ער האט געוואונען די הערצער פון אלע אידען, און נישט דורך זיין העלדישקייט אויפ'ן שלאכטפעלד, נאר דורך זיין קלוגשאפט און זיין פערזענליכקייט... דא האט זיך אבשלום דערמאנט וואס אחיתפל האט איהם געזאגט ביים מאלצייט, דאס ער האט איהם, אחיתפל'ן, צו פערדאנקען

פאר זיין גרויסען ערפאלג... דער אלטער אחיתפל גלויבט אז אהן איהם וואלט ער זיך נישט געקענט באגעהן... אמת, ער האט איהם א סך געהאלפען... אבער ווען דאס פאלק וואלט איהם נישט ליעב געהאט, וואלט אחיתפל גארנישט געקענט אויפטהאן.

אין זיין הארצען איז אבשלום אין כעס געווארען אויף אחיתפל'ן פאר וואס ער האט צו איהם אזוי גערעדט ביים מאלצייט. ער פארשטעהט אז דער אלטער ווערט וועלען האבען א גרויסען חלק אין זיין מלוכה... ער וועט הערשען איבער'ן גאנצען פאלק און ער, אבשלום, וועט בלויז זיין קעניג אין נאמען... אבער ניין, דאס וועט ער קיינמאל נישט דערלאזען... זאל אחיתפל נישט דענקען אז אהן איהם קען ער נישט אויסקומען... חושי דער ארכי, וועלכער האט פארלאזען זיין פאטער און געקומען צו איהם, איז אויך קלוג און זיינע עצות זיינען לאגיש... און אפילו זיין פאטער האט זיך פיעל מאל גערעכענט מעהר מיט חושי'ס עצות, ווי מיט אחיתפל'ס... ער מוז איהם צייגען אז איהם קומט נישט אזא גרויסען דאנק פאר זיין ערפאלג, און אז נישט אלע זיינע עצות געפעלען איהם.

אויף מארגען האט אבשלום צו זיך גערופען אחיתפל'ן און זיך צו איהם אפגערופען:

— יעצט וואלט איך וועלען הערען פון דיר וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן. וואס פאר א שריט זאל איך נעהמען געגען מיין פאטער.

— כל זמן דיין פאטער לעבט, — האט אחיתפל געזאגט, — איז דיין קעניגרייך נישט באפעסטיגט... דו מוזט איינמאל פאר אלע מאל מאכען אן ענדע צו דיין פאטער...

— נו, איז וואס איז דיין עצה? — האט אבשלום מיט אומגעדולד איהם געפרעגט.

— מיין עצה איז — האט אחיתפל געענטפערט מיט פעסטקייט — דאס דיין שר צבא עמשא און איך זאלען גלייך אויסקלייבען צוועלף טויזענד מאן און זיך נעהמען נאכיאגען היינט ביינאכט נאך דוד'ן און זיינע מענשען... פון די עטליכע טעג וואס ער האט ארומגעוואנדערט איז דוד זעהר מיעד און מוטלאז, זיינע מענשען זיינען אויך אפגעשוואכט געווארען און ווען זיי וועלען דערזעהן אונזער גרויסע מחנה, וועלען זיי זיך צולויפען און איבערלאזען דוד'ן... דאן וועל איך טויטען דוד'ן אליין.

— פאר וואס נישט טויטען אויך זיינע געטרייע קנעכט? — האט איהם אבשלום געפרעגט.

— ווייל אויב מיר זאלען דאס טהאן וועלען די קרובים פון די געטויטעטע זיין פארביטערט און אין כעס אויף דיר, און וועלען זוכען דיר צו פעראורזאכען פיעל צרות. אבער ווען דוד אליין וועט געטויטעט ווערען, דאן וועלען זיך אויך אלע זיינע מענשען אומקעהרען צו דיר... זיי וועלען זיך דאך איבערצייגען אז דו וועסט שוין פארבלייבען קעניג... דערצו וועסטו ארויסלאזען אן אויסרוף אז יעדער איינער פון דוד'ס מענשען וועלכער וועט זיך אומקעהרען צו דיר, וועסטו מוחל זיין און איהם נאך דערצו געבען צוריק דעם זעלביגען אמט וואס ער האט פארנומען אונטער דוד'ן... און ווען דו וועסט אזוי טהאן, איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז אלע גבורים פון דוד'ן וועלען אויך צושטעהן צו דיר... און דאן איז דיין ערפאלג געזיכערט.

אבשלום׳ן איז בעת מעשה זעהר געפעלען געווארען אחיתפל׳ס עצה, און ווען ער האט עס איבערדערצעהלט פאר זיינע פריינד, די זקנים, איז זיי אויך דאס געפעלען געווארען.

אבער א ווײלע שפעטער ווען אבשלום האט נאך אמאל איבערטראכט אחיתפל׳ס עצה, האט ער אנגעהויבען צו זוכען חסרונות... איהם איז נישט געפעלען געווארען דאס וואס אחיתפל וויל פיהרען די ארמיי צוזאמען מיט עמשא, און ער, דער נייער קעניג, וועט בלייבען זיצען אין ירושלים... דאס ציינט אז אחיתפל טראכט טאקע פון מאכט און הערשאפט... ניין, איידער ער וועט אננעהמען זיין עצה, וועט ער זיך פריהער אויך בעראטהען מיט חושי׳ן... זאל אחיתפל נישט מיינען אז ער איז דער איינציגער און זיינע עצות זיינען די בעסטע...

גלייך ווי אחיתפל איז אוועקגעגאנגען, האט אבשלום געשיקט רופען חושי׳ן דעם ארכי און ער האט איהם דערצעהלט אחיתפל׳ס עצה.

— וואס איז דיין מיינונג, — האט אבשלום איהם געפרעגט, — זאל איך פאלגען אחיתפל׳ן אדער ניט?

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט אז אחיתפל איז קלוג און זיינע עצות זיינען גוטע און לאגישע, אבער דיזען מאל געפעלט מיר גארנישט זיין עצה, — האט חושי זיך אפגערופען, — פארגעס נישט אז דיין פאטער איז גוט געאיבט אין מלחמה. זיינע מענשען זיינען אויך אויסערגעוויינליכע גבורים... בפרט נאך יעצט, ווען זיי זיינען אזוי פארביטערט, אזוי ווי א בער וועמענס קינדער מען האט אויסגע׳הרג׳עט, וואס דאן צוליעב פארביטערטקייט און אויפרעגונג ווערט נאך זיין כח פיעל מאל פארגרעסערט, אזוי איז איצט דיין פאטער מיט זיינע מענשען. זיי וועלען קעמפפען מיט דער גרעסטער פארצווייפלונג... אחיתפל מיינט, אז ער וועט מאכען אן איבערפאל ביינאכט און וועט איבערשרעקען דוד׳ס מענשען און זיי וועלען זיך צולויפען. ער פארגעסט, מסתמא אז דוד און זיין שר צבא יואב האבען דורכגעמאכט פיעלע מלחמות, און זייערע ערפאהרונג וואס זיי האבען געהאט, ווען שאול האט געזוכט צו טויטען דוד׳ן. ער האט צונישט געמאכט אלע זיינע פלענער און כאטש שאול פלעגט קומען מיט גרויסע ארמייען, האט ער איהם גארנישט געקענט טהאן... דוד וועט נישט נעכטיגען מיט׳ן פאלק אין פעלד, ער וועט זיין געווים ערגעץ־וואו בעהאלטען. זיינע מענשען וועלען איהם שטארק היטען און ווען זיי וועלען באמערקען דיין ארמיי וועלען זיי זיין גרייט ארויסצוקומען אין אן אפענעם קאמפף... און ווען דוד׳ס גבורים וועלען, אין אנפאנג פון מלחמה, האבען א קליינעם זיעג און טויטען איניגע פון דיינע מענשען, וועט עס אפשרעקען דיינע מענשען און זיי וועלען נאך פארשפרייטען קלאנגען אז דיין ארמיי איז צושלאגען געווארען פון דוד׳ס גבורים... דאס וועט אלעמען ענטמוטיגען און אנשטאט צו קריגען מעהר מענשען צו פערשטארקען דיין ארמיי וועלען דיינע סאלדאטען גופא ווערען אפגעשוואכט און מוטהלאז... און דאס קען נאך צושטערען אלע דיינע פלענער, און אויף דיר, מיין קעניג, קען עס ברײנגען א גרויס געפאהר.

— און וואס איז דיין עצה? — האט אבשלום געפרעגט צושראקען.

— מיין עצה איז, אז מיין האר קעניג זאל זיך נישט צואיילען אנצופאנגען א שלאכט מיט דוד׳ן, ביז וואנען דו וועסט צוזאמענשטעלען א גרויסע ארמיי

פון אלע שבטים, פון דן ביז באר שבע. די סאָלדאַטען מוזען זיין זעהר פיעל, אזוי ווי די זאַמד ביים ברעג ים... דערצו דאַרפסטו אליין אויך מיטגעהן אין מלחמה, דאָס וועט געבען דיינע מחנות מעהר מוטה און קאַמפף־לוסט... דאַן וועלען מיר קענען אַרויסגעהן אין אַן אָפענעם קאַמפף מיט דוד'ן און זיינע גבורים... און אפילו ווען מיר וועלען צום ערשטען פאַרלירען אביסעל, וועט דער מוטה פון אונזערע מענשען דאָמיט אויך ניט אָפּגעשוואַכט ווערען, ווייל מיר וועלען האָבען די גרעסטע ארמיי... מיר וועלען באַלאַגערען דוד'ן מיט אלע זיינע גבורים און מיר וועלען פון זיי נישט איבערלאָזען קיין געדעכנים.

— אָבער, לויט ווי אחיתפל'ס מיינונג, ווען מיר זאָלען אויס'הרג'ענען דוד'ס מענשען וועט דאָס אַרויסרופען פאַרביטערונג געגען מיר מצד די קרובים פון די טויטע! — האָט אבשלום געזאָגט.

— דער זיעגער האָט גאַרנישט וואָס מורא צו האָבען. די עטליכע קרובים פון דוד'ס טויטע מענשען וועלען מורא האָבען אפילו צו זאָגען אז זיי זיינען קרובים פון יענע בעזיעגטע און אפילו ווען זיי זאָלען יא זיין פאַרביטערט, איז דאָך אלץ בעסער צו טויטען אלע דיינע שונאים... ווארום אויב דו וועסט בלויז טויטען דוד'ן, און זיינע גבורים לאָזען לעבען, וועלען זיי דיר פעראורזאַכען צרות ביי יעדער געלעגענהייט. יאָ, אזוי איז מיין עצה. אלע אידען פון גאַנצען לאַנד מוזען קומען קעמפפען פאַר זייער נייעם קעניג, און דאַן איז אונזער זיעג א געזיכערטער, ווייל אפילו דוד און זיינע גבורים זאָלען זיך באַפעסטיגען אין א שטאָדט מיט א שטאַרקע פעסטונג, וועלען אונזערע סאָלדאַטען אַרויפוואַרפען אויף דער שטאָדט דיקע שטריק מיט קרוקעס און וועלען אוועקשלעפּען די שטאָדט מיט אלעם וואָס דאָרטען געפינט זיך, צום טייך און קיין שפּענדעל נישט איבערלאָזען.

— דיין עצה געפעלט מיר א סך בעסער ווי אחיתפל'ס — האָט אבשלום אויסגערופען מיט שמחה. — איך וועל טהאָן אזוי ווי דו הייסט מיר.

אבשלום האָט נאָך אַמאָל צוזאַמענגערופען זיינע פריינד, די זקנים, און זיי איבערדערצעהלט חושי'ס עצה.

— גלויבט איהר נישט, אז חושי'ס עצה איז א בעסערע פון אחיתפל'ס... ער וויל גאָר אז איך זאָל פאַרבלייבען אין ירושלים און עמשא מיט איהם וועלען געהן קעמפפען געגען מיין פאָטער און געגען יואב'ן.

— געוויס געפעלט אונז דיזען מאָל חושי'ס עצה מעהר ווי אחיתפל'ס, — האָבען די זקנים געענטפערט, — ער זעהט א סך ווייטער פון אחיתפל און איז מעהר פאָרזיכטיג ווי ער.

— איך וועל דאריבער טאַקע מאַכען חושי'ן פאַר מיין הויפּט בעל יועץ, — האָט אבשלום געזאָגט, — אחיתפל מיינט אז איך וועל אלע מאָל זיך מוזען צוהערען צו זיינע עצות... איך זעה אז חושי איז קליגער און געזעצטער פון איהם.

אבשלום האָט זיך אומגעקעהרט צו חושי'ן און איהם געזאָגט.

— דיין עצה געפעלט אויך מיינע פריינד בעסער ווי אחיתפל'ס... איך וועל זיך צוהערען צו דיר און טהאָן ווי דו הייסט מיר... איך האָב אויך בע־שלאָסען צו מאַכען דיר פאַר מיין הויפּט מיניסטער, אנשטאָט אחיתפל'ן...

חושי איז געווען זעהר צופרידען וואָס איהם איז געלונגען צוצושטערען

אחיתפל׳ס פּלאַן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דוד און זיינע מענשען זיינען יעצט צוטומעלט און צושראָקען, אַהן מוטה און אַהן שפּייז, און ווען אבשלום וואָלט געפאָלגט אחיתפל׳ן, וואָלט ער און עמשא מיט זייערע צוועלף טויזענד סאָלדאטען זעהר גרינג געקענט בייקומען דוד׳ן מיט זיינע מיעדע און אָפּגע־שוואַכטע מענשען... יעצט אָבער אַז אבשלום נעהמט אָן זיין עצה, וועט ער ערשטענס דערוויי׳ל געווינען צייט, ער וועט אויך האָבען אַ מעגליכקייט צו זיין אין פאַרבינדונג מיט דוד׳ן און איהם איבערגעבען אַלע אבשלום׳ס פּלענער, כדי ער זאָל זיך קענען אויסהיטען פון די געפאַהרען... יאַ, — האָט ער בע־שלאָסען, — דוד איז געראַטעוועט... אבשלום זאָל נאָר נישט קיין חרטה האָ־בען און צוריקגעהן צו אחיתפל׳ן און אָננעהמען זיין עצה.

חושי האָט זיך גלייך געזעהן מיט צדוק און אביתר׳ן, די כהנים און זיי איבערגעגעבען וואָס אחיתופל האָט געראַטען אבשלום׳ן און זיין אייגענע עצה...

— ווי עס ווייזט אויס געפעלט אבשלום׳ן מיין עצה בעסער ווי אחיתופל׳ס... יאַ, ווען ער זאָל זיך האַלטען מיט מיין עצה, דראָהט דוד׳ן נישט קיין באַלדיגע געפאַהר... אָבער ווער ווייס, דער לייכטזיניגער אבשלום קען נאָך ענדערען זיין מיינונג הונדערט מאָל... און זאָל ער פאָלגען אחיתופל׳ן דאַן איז דוד אַ פערלאָ־רענער... אחיתופל׳ס קאָפּ איז נישט אויסגעדאַרט... ער ווייס אַז דוד מיט זיין קליינע אַרמעע וועט יעצט נישט זיין בכח זיך געגענשטעלען די צוועלף טויזענד מאַן, און ער וועט מוזען אַריינפאַלען אין זייערע הענט. איך זעה אַז גאָט פיהרט מיר אויף דעם ריכטיגען וועג און איך וועל האָבען אַ מעגליכקייט צו ראַטעוען דעם לעבען פון אונזער בעליעבטען קעניג דוד... און פיעלייכט צוריקקעהרען איהם אויף דעם טראָהן... אבשלום האָט דערוויי׳ל פיעל צוטרויען אין מיר, ער האָט מיר געמאַכט פאַר זיין הויפּט בעל־יועץ אַנשטאָט אחיתפל׳ן... אָבער איך ווייס אַז אחיתופל וועט אין דעם נישט שווייגען... און מעגליך עס וועט איהם נאָך געלינגען איבערצורעדען אבשלום׳ן ער זאָל אָננעהמען זיין עצה, דאַריבער מוז מען זעהן וואָרנען דוד׳ן זעהר פאָרזיכטיג צו זיין.

— וואָס זאָלען מיר יעצט טהאָן ? — האָט צדוק דער כהן געפרעגט חושי׳ן.

— אחיתופל האָט אויף אונז אַ שטיקעל חשד — האָט אביתר דער כהן גע־זאָגט — און מיר מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווי צו האַנדלען.

— אייערע קינדער אחימעץ און יהונתן, מוזען דערגרייכען דוד׳ן און איהם איבערגעבען די גאַנצע לאַגע.

— אונזערע זיהן זיינען יעצט בעהאַלטען אַרום עין רוגל, נעבען דעם קוואַל וואָס איז פון דרום צו ירושלים — האָט צדוק געענטפערט — מיין דינסט וועט כלומרש׳ט געהן אָנשעפּען וואַסער ביי יענעם קוואַל און דערוויי׳ל וועט זי זיי איבערגעבען די שליחות.

— קען מען אָנפערטרויען אַזאַ וויכטיגען סוד צו דיין דינסט ? — האָט איהם חושי געפרעגט...

— זיכער! — האָט צדוק געזאָגט — זי וועט אונז נישט פערראַטען אפילו ווען מען זאָל איהר אָנטהאָן די שרעקליכסטע יסורים... זי שטאַמט פון זעהר אַ פיינע משפּחה אין בהורים, און זי איז שוין דאָרטען געווען און אָפּגעמאַכט מיט איהרע עלטערען זיי זאָלען אַרויסהעלפען אחימעץ און יהונתן אויב זיי וועלען זיין געצוואונגען זיך אָפּצושטעלען אין בחורים...

— איך גלויב אז דאס איז דער איינציגער וועג — האט אביתר צוגעגעבן — אונזערע זיהן טארען אין ירושלים נישט זיין, ווייל מען וועט זיי בעמערקען ארויסגעהענדיג און קומענדיג צוריק נאך ירושלים... דאן וואלט מען זיי גלייך פערדעכטיגט אז זיי שפיאנירען פאר דוד'ן — איך ווייס אז צדוק'ס דינסט איז זעהר עהרליך... זי האט פיעל טרעהרען פערגאסען ווען זי האט דערהערט וואס אבשלום וויל טהאן צו דוד'ן — יע, מען קען זיך אויף איהר פערלאזען...

— אויב אזוי — האט חושי געזאגט דארף מען איהר גלייך שיקען אין עין רוגל צו דיינע זיהן, מען טאר קיין רגע נישט פערליערען.

צדוק איז געקומען אהיים און האט צוגערופען זיין דינסט און איהר איבער־געגעבען אלעס וואס חושי האט געזאגט...

— געבענשט זאל זיין חושי! — האט זי אויסגערופען מיט צופריעדענ־הייט. יעצט אז ער איז אבשלום'ס הויפט ראטגעבער, איז דא א האפנונג אז אונ־זער ליעבער קעניג וועט געראטעוועט ווערען פון די הענט פון זיין אונווירדיגען זוהן...

די דינסט האט גלייך גענומען א קרוג אויף איהר שולטער און איז ארויס הינטערן שטאדט צו שעפען וואסער. ווען זי איז צוגעקומען צו דעם קוואל עין רוגל, האט זי בעמערקט אחימעץ און יהונתן, זי האט צו זיי א וואונק געטהאן און זיי האבען זיך פערבארגען צווישען די בוימער. ווען די דינסט האט זיך ארומגע־קוקט און געזעהן אז קיינער איז נישטא, איז זי צו זיי צוגעגאנגען און געזאגט:

איהר מוזט שנעל לויפען צו דוד'ן, ער געפינט זיך נעבען דער שטאדט יריחו נישט ווייט פון ירדן, און גיעט איהם איבער די גאנצע לאגע, און זאגט איהם אז חושי דער ארכי, האט געראטען אז דער קעניג מיט זיינע מענשען זאלען גלייך אריבער דעם ירדן... ווייל אויב ער וועט פאלגען אחיתפל'ס עצה וועט די סכנה זיין גרויס...

די דינסט האט אנגעפילט איהר קרוג מיט וואסער און זי האט זיך צוריקגע־קעהרט אין ירושלים.

אחימעץ און יהונתן האבען זיך געלאזט שנעל לויפען אין דער ריכטונג פון בחורים... גלייך האבען זיי בעמערקט אז איינער פון אבשלום'ס יונגען קוקט זיי נאך... זיי האבען אויך געזעהן אז דער זעלבער יונג האט זיך פערקערעוועט נאך ירושלים...

— דער יונג האט אונז בעמערקט, און דאס לויפט ער אנזאגען אבשלום'ן אויף אונז — האט אחימעץ געזאגט צו יהונתן.

— לאמיר לויפען וואס שנעלער! — האט יהונתן זיך אפגערופען ווייל זיי וועלען נאך אונז דעריאגען — דאן האבען מיר אונזערע לעבענס פערשפיעלט.

— נישט פאר אונזערע לעבענס בין איך בעקימערט! — האט איהם אחי־מעץ געענטפערט — נאר ווען זיי כאפען אונז, דאן וועלען די לעבענס פון דוד'ן און זיינע מענשען זיין אין גרעסטען געפאהר...

— אויב אזוי לאמיר לויפען שנעל מיט אלע אונזערע כוחות צו דעם לאגער פון דוד'ן און איהם אנזאגען וועגען דעם דראהענדען געפאהר — האט יהונתן געזאגט.

— אבשלום'ס קנעכט וועלען אונז זיכער דעריאגען! — האט אחימעץ גע־

זאגט — מיין עצה איז מיר זאָלען זיך אפּשטעלען אין בחורים און זיך אויסבע־האַלטען אין הויז פון די עלטערען פון מיין פאַטער'ס דינסט, ביז וואַנען מיר וועלען זיכער זיין אז די קנעכט פון אבשלום'ן האָבען זיך צוריקגעקעהרט.

אחימעץ און יהונתן זיינען אנגעקומען אין בחורים, און גלייך אוועק צו די הויז פון די עלטערען פון צדוק'ס דינסט.

— שנעלער בעהאַלט אונז! — האָט אחימעץ אויסגערופען — אבשלום'ס קנעכט יאָגען זיך נאָך אונז און ווען מיר זאָלען געכאַפּט ווערען, וועט דאָס ברייינגען א גרויסען אומגליק אויף דוד'ן און זיינע מענשען.

— אין מיין הויף געפינט זיך א ברייטע גרוב, וואו עס טריקענט זיך די גערשטען. דאָרטען וועל איך אייך בעהאַלטען... קיינעם וועט נישט איינפאַלען אייך דאָרטען צו זוכען.

דער מאַן איז מיט זיי אריין אין הויף און אחימעץ און יהונתן זיינען ארונ־טער אין גרוב. די מוטער פון דער דינסט האָט זיי פערדעקט מיט א ליילעך און אויף'ן ליילעך האָט זי פערשפּרייט די גערשטען צו טריקענען.

— איהר מוזט דאָ זעהר רוהיג ליגען — האָט זי זיי אנגעזאָגט — ווייל ווען איהר וועט נור געבען איין קליינע בעוועגונג, וועט דאָס אייך פערראַטען...

אין א ווייל'ע ארום זיינען אין בחורים אָנגעקומען צו רייטען אויף פערד אבשלום'ס קנעכט... און ווען זיי האָבען זיך געוואָנען גוט נאָכפרעגען, אויב אימיצער האָט געזעהן צוויי יונגען, האָט איינער זיי אנגעוויזען אויף דעם הויז פון די עלטערען פון צדוק'ס דינסט.

— איך האָב בעמערקט ווי צוויי יונגען זיינען האסטיג געלאָפען — האָט ער זיך אפּגערופען — איך האָב זיי נאָכגעקוקט און בעמערקט אז זיי זיינען פער־לאָפען אין יענע הויז.

אבשלום'ס קנעכט זיינען באַלד דאָרטען צוגעקומען און געפרעגט:

— וואו זיינען דאָס, אחימעץ און יהונתן? מען האָט אונז איבערגעגעבען אז זיי געפינען זיך אין אייער הויז.

— מיר ווייסען נישט! — האָט דער מאַן געענטפערט.

— איך האָב יע געזעהן צוויי יונגען פערביילויפענדיג אונזער הויז, אבער זיי האָבען זיך נישט אפּגעשטעלט ביי אונז — האָט די פרוי געזאָגט — איך האָב בעמערקט ווי זיי זיינען אריבערגעגאַנגען דעם טייכעל און זיי האָבען זיך פערנו־מען צו צפון זייט.

— ניין, מיר גלויבען דיר נישט! האָט זיך דער עלטסטער פון די קנעכט אפּגערופען — דו האָסט זיי זיכער געמוזט בעהאַלטען אין דיין הויז... זיי ווייסען אז זיי זיינען שפּיאָנען און ווען דו וועסט זיי נישט ארויסגעבען, וועסטו אויך ווערען בעשולדיגט אין פערראַט צו אונזער נייעם קעניג, אבשלום...

— איך ווייס אז מיר זיינען אומשולדיג — האָט די פרוי געזאָגט מיט פעסטקייט — און אויב איהר גלויבט מיר נישט קענט איהר זוכען אין מיין הויז.

אבשלום'ס קנעכט זיינען אריין אין הויז און האָבען געזוכט און גענישטערט אין יעדען ווינקעל און גאָרנישט געפונען. דערנאָך זיינען ארויס אין הויף און האָבען דאָרטען אויך געזוכט.

— וואס איז פאראן אין יענער גרוב — האט איינער פון די קנעכט א פרעג געטהאן די פרוי.

— דארטען טריקענט זיך די גערשטען — האט די פרוי געלאסען געענטפערט.

דער קנעכט איז צוגעגאנגען צום גרוב און האט זיך איינגעבויגען און אנ־געגומען א הויפען גערשטען... א היבשע ווײלע האבען זיי געזוכט אין הויף און ווען זיי האבען דארטען אויך נישט געפונען, האבען זיי ווידער אמאל געבעטען די פרוי זאל זיי אנווייזען אין וועלכער ריכטונג די צוויי יונגען זיינען אוועק.

די פרוי האט זיי אנגעוויזען און אבשלום'ס קנעכט, זיינען אריבער דעם טייכעל מיט זייערע פערד און געזוכט אין דעם גאנצען געגענד און נישט געפונען, דער מאן און זיין פרוי האבען דורך'ן פענסטער געקוקט און געווארט ביז וואנען אבשלום'ס מענשען וועלען זיך אומקעהרען.

פארנאכט האבען זיי בעמערקט ווי זיי קעהרען זיך צוריק מיט ליידיגע. די פרוי האט אפגעווארט א קליינע ווײלע און ווען זיי האבען זיך ערווייטערט פון שטאדט, איז זי צוגעקומען צום גרוב און אוועקגענומען די גערשטען, אויפ־געהויבען דעם לײלעך און זיך צו זיי אפגערופען!

— געלויבט איז גאט, איהר זייט געראטעוועט! די סכנה איז פאריבער, יעצט איז טונקעל קיינער וועט אייך נישט בעמערקען, לויפט שנעל אריבער צו דוד'ן.

זי האט מיטגענומען עטוואס שפייז, און אחימעץ און יהונתן האבען זיך שנעל געלאזט צו דער ריכטונג פון יריחו.

שפעט אין דער נאכט זיינען זיי אנגעקומען אין דעם לאגער פון דוד'ן.

מיט גרויס אומגעדולד האבען דוד און יואב געווארט צו הערען עפעס נייעס פון ירושלים... אייניגע טעג זיינען אריבער, נאכדעם ווי שמעי דער זוהן פון גרה, האט דוד'ן אזוי שטארק בעליידיגט און געזידעלט... דוד האט זיך געפיהלט נאך מעהר דערשלאגען און מוטהלאז, ער ווייס אז וואס א טאג ווייטער, ווערט אבשלום'ס ארמעע שטארקער און זיין מלוכה פעסטער... ער אבער און זיינע מענ־שען ווערען וואס ווייטער אויסגעמאטערט און אפגעשוואכט, פון נישט דערעסען און נישט דערשלאפען... אלעמענס נערווען זיינען אנגעשטרענגט... אלע ווייסען אז אבשלום קלייבט זיך זיי צו אטאקירען און דאס ער האט צונויפגעזאמעלט א גרויסע ארמיי... ביינאכט ווערט נאך די לאגע מעהר פארשארפט... כאטש די וועכטער שטעהען אויפ'ן וואך און קוקען ארום מיט אפענע אויגען פון אלע זיי־טען, קען דאך קיינער ניט רוהיג שלאפען... מען האט מורא צוצומאכען אן אויג.

אין זיין צונויפגעשטעלטען געצעלט זיצט דוד אויף א קלאץ און איז מתפלל צו גאט... אין א צווייטען געצעלט געפינען זיך זיינע פרויען און קינדער... זיי שושקען זיך... שטילע זיפצען דערטראגען זיך צו זיינע אויערען.. עס איז שוין אין מיטען נאכט... אלעס ארום ווערט איינגעשטילט... צייטענווייז דערהערט זיך א הוסט אדער א נאס און באלד ווערט ווייטער שטיל...

פלוצלונג ווערט א טומעל און א גערודער. דער גאנצער לאגער שטעלט זיך אויף... מען כאפט זיך צו די געוועהר...

— צוויי פרעמדע מענשען לויפען אין דער ריכטונג פון אונזער לאגער... — האט איין וועכטער אויסגערופען — אבשלום'ס ארמעע מוז זעהר נאהענט זיין...

דאס האט ער ארויסגעשיקט זיינע שפיאנען אויסצוגעפינען וואו מיר זיינען, כדי נאכהער אונז צו בעפאלען!

זייט געגרייט! — האט יואב אויסגערופען און אלע מענשען האבען זיך שנעל א הויב געטהאן און צושראקענע זיך ארומגעקוקט און געווארט אויף א ווייטערען בעפעהל.

עטליכע בעוואפענטע וועכטער זיינען ענטקעגען געלאפען די צוויי יונגע לייט און זיי געכאפט...

— ברייגגט אונז שנעלער צום קעניג! האבען אחימעץ און יהונתן אויסגערופען.

— מיר וועלען אייך שוין ברענגען! — האט איינער פון די וועכטער געזאגט — איהר וועט זיך שוין פון אונזערע הענט נישט אויסדרעהען.

די וועכטער האבען אחימעץ'ן און יהונתן גלייך געבונדען די הענט און פיס מיט זייערע גארטלען און זיי גענומען שלעפען אין לאגער...

— מיר האבען זיי געכאפט! — האט א וועכטער אויסגערופען צו יואב'ן אבשלום'ס שפיאנען האבען מיר געפאנגען...

— ברייגגט אונז צום קעניג! ברענגט אונז צום קעניג וואס שנעלער! — האבען די צוויי געבונדענע נישט אויפגעהערט צו שרייען...

דוד איז גלייך צוגעקומען צום פלאץ און ער האט אויסגערופען: "וואס האט פאסירט!"

— אבשלום האט געשיקט אהער צוויי שפיאנען! — האט זיך דער וועכטער פערנייגט — און מיר האבען זיי געכאפט און געבראכט פאר'ן קעניג...

דוד איז צוגעגאנגען צו זיי נעהענטער און פאר דער שיין פון דער לבנה האט ער זיי דערקענט:

— מאכט זיי פריי!! — האט דוד בעפוילען — זיי זיינען דאך אחימעץ און יהונתן, די זיהן פון צדוק און אביתר די כהנים!

די וועכטער האבען זיי גלייך אפגעבונדען און פערשעהמטערהייט ארונטערגעלאזען די קעפ...

— אונזער האר קעניג! — האבען זיך אחימעץ און יהונתן אפגערופען — חושי דער ארכי האט אונז צו דיר געשיקט!

— חושי מיין פריינד! — האט דוד א פרעהליכער אויסגערופען — דערצעהלט מיר שנעלער וואס ער מאכט און וואס הערט זיך אין ירושלים.

אחימעץ האט איבערגעגעבען דוד'ן אלעס וואס חושי האט אנגעזאגט...

— געלויבט איז גאט! — האט דוד אויסגערופען מיט פרייד — יעצט אז חושי איז געווארען מיין זוהן'ס הויפט ראטגעבער, איז א סימן אז גאט וועט אונז נישט פערלאזען...

— דאך — האט יהונתן זיך אפגערופען — האט חושי אונז געהייסען ווארענען דעם קעניג דא נישט צו פארבלייבען אן איבריגע רגע, ווייל טאמער וועט אבשלום חרטה האבען און זיך פארט צוהערען צו אחיתופל'ן...

דוד האט גלייך געהייסען זיין געגרייט אריבערצוגעהן דעם ירדן...

— מיר וועלען מוזען מיט אייך מיטגעהן — האט אחימעץ געזאגט צו דוד'ן און צו יואב'ן — ווייל אבשלום האט זיך דערוואוסט אז מיר זיינען גע-

לאָפֿען צו אייך אין לאַגער, און ער האָט געשיקט מענשען אונז נאָכצוזאָגען.

דוד און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבען זיך אוועקגעלאָזען געהן צום ירדן און פֿאַרטאָג, ווי נאָר עס האָט גענומען ליכטיג ווערען זיינען שוין אַלע אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן...

מיט די וויכטיגע נייעס וואָס אחימעץ און יהונתן האָבען זיי געבראַכט, האָט זיך ביי אַלעמען פֿערשטאַרקט די האָפֿענונג אַז גאָט פֿיהרט זיי אויף'ן ריכטיגען וועג...

— אַ, גאָט, צושטער די עצה פֿון אחיתפל'ן! — האָט דוד נאָך אַמאָל מתפלל געווען — און שטאַרק די הענט פֿון מיין פֿריינד חושי!...

אבשלום'ס שלוחים האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים מיט ליידיגע, און ווען זיי זיינען געקומען און דערצעהלט אבשלום'ן אַז אחימעץ און יהונתן זיינען פֿערשוואונדען געוואָרען און זיי האָבען נישט איבערגעלאָזען פֿון זיך קיין שפור, האָט אבשלום גלייך געשיקט רופֿען ביידע כהנים, צדוק און אביתר און זיי גענומען אויספֿרעגען, וואוהין זיינען דאָס זייערע זיהן געלאָפֿען.

— מיין האַר קעניג! — האָט צדוק זיך פֿערנייגט שוין איינינגע טעג ווי מיין זוהן איז אוועק פֿון מיין הויז און איך האָב פֿון איהם נישט געהערט... און יעצט אַז איך האָב זיך דערוואוסט דאָס ער איז געזעהן געוואָרען מיט אביתר'ס זוהן האָב איך זיך בערוהיגט.

— דו האָסט זיך בערוהיגט! — האָט אבשלום אויסגערופֿען אָבער איך בין בעאומרוהיגט געוואָרען... וואָס האָבען זיי געהאָט צו לויפֿען אין דער ריכטונג וואו מיין פֿאָטער איז מיט זיין מחנה... זיי זיינען איהם זיכער געגאַנגען אָנזאָגען וועגען מיין לאַגע... איך וועל אייך ביידע פֿערהאַלטען אין געפֿענגניס ביז וואַנען אייערע זיהן וועלען זיך צוריקקעהרען!...

אבשלום האָט גלייך בעפֿוילען און זיינע לייבוועכטער האָבען אוועקגעפֿיהרט צדוק'ן און אביתר'ן אין געפֿענגניס וואָס איז געווען אין דעם הויף פֿון פּאַלאַץ.

די גאַנצע צייט ווען אבשלום האָט גענומען די צוויי כהנים אויפ'ן פֿאַרהער וועגען זייערע זיהן איז חושי געזעסען ביי דער רעכטער האַנט פֿון קעניג און האָט געשוויגען... ווען זיינע בליקען האָבען זיך בעגעגענט מיט די בליקען פֿון צדוק'ן און אביתר'ן האָט ער צו זיי אַ וואונק געטהאָן אַז זיי האָבען זיך נישט וואָס צו שרעקען.

ווי נאָר מען האָט זיי ביידען אוועקגעפֿיהרט אין געפֿענגניס האָט חושי זיך אָפּגערופֿען צו אבשלום'ן:

— מיין האַר קעניג, דיין מלוכה ווערט שטאַרקער און פֿעסטער פֿון טאָג צו טאָג... דאָס פֿאָלק ליעבט און עהרט דיר... און דו מוזט זעהן ביי יעצטיגער צייט צו געווינען וואָס מעהר ליעבשאַפֿט און צוטרויען פֿון פֿאָלק. דאַריבער גלויב איך אַז דו האָסט געהאַנדעלט צו האַסטיג נעגען די צוויי כהנים... איך, פּערזענליך גלויב נישט דאָס אחימעץ און יהונתן זיינען אוועק צו דוד'ן... זיי זיינען יונגע קינדער, און מסתמא האָט זיך זיי פֿאַרוואָלט צו טרייבען עטוואָס שפּאַס... און אפֿילו מיר זאָלען אננעהמען דאָס זיי זיינען אוועק צו דוד'ן... וואָס קען דאָס אונז שאַדען?... אונזער אַרמעע ווערט גרעסער מיט יעדען טאָג און ווען זיי

זאָלען קומען און איבערגעבען דוד'ן און זיינע מענשען אלעם וואס עס פּאסירט אין ירושלים, וועט דאס זיי נאך מעהר אנשרעקען און אפּשוואכען און ענטמוטיגען זיי... דו האָסט געוואונען דעם צוטרויען פון גאנצען פאָלק דורך דיין גוטהערציגקייט און דורך דיין ליעבע פאר גערעכטיגקייט, און ביז וואנען אלע דיינע שונאים וועלען פערניכטעט ווערען, דארפסטו אנהאלטען דיין גוטען נאָמען... דו דארפסט אויך וויסען זיין אז די צוויי כהנים זיינען שטארק בעליעבט און געאכטעט ביים פאָלק, און אז דו האָסט זיי יעצט פערשפּארט אין געפענגנים איידער דו האָסט געקענט פעסטשטעלען זייער שולד, וועט זיך דאס דען נישט אפּרופען שלעכט אויף דיין נאָמען ?... דעריבער איז מיין עצה דו זאָלסט זיי גלייך בעפרייען פון געפענגנים, איידער די נייעס פון זייער ארעסט וועט זיך פערשפּרייטען צווישען פאָלק... זאלען אלע זעהן אז דו ביזט א קעניג פון גערעכטיגקייט און דו טהוסט חסד מיט יעדען איינעם...

— דו ביזט גערעכט, חושי! — האָט אבשלום איהם געענטפערט, — איך זעה יעצט איין דאס איך האָב געטהאָן אן איבערגעאיילטען שריט — אבער געלויבט איז גאט — אז ער האָט מיר איינגעגעבען א געדאנק צו מאכען דיר פאר מיין הויפּט ראטגעבער... דו ביזט צו מיר ווי א פאטער... דו זוכסט נור מיין טובה... איך וויים אז מיט דיר ביי מיין זייט, וועל איך געהן אויף'ן ריכטיגען וועג... איך האָב בעת מעשה נישט געקלערט וועגען דעם אז עס קען מיר שאדען, אבער דו מיט דיין קלוגשאפט קענסטו זעהן א סך ווייטער פון מיר... אויב די כהנים זיינען שולדיג אין פערראט וועלען זיי זיך שוין פון מיינע הענט נישט ארויסדרעהען... יע, איך וועל דיר פאָלגען און איך וועל זיי הייסען גלייך בעפרייען.

אין א ווייל ארום זיינען צדוק און אביתר בעפרייט געווארען פון געפענגנים און זיי זיינען געגאנגען אהיים מיט פרעהליכע געמיטהער און מיט גרויסע האפענונג אז זייער בעליעבטער קעניג, דוד, וועט נאך צוריק קריגען זיין טראהן און הערשען איבער גאנץ ישראל ווי פריהער...

ווען אחיתפל האָט זיך דערוואוסט אז אבשלום האָט צוריקגעוואָרפען זיין עצה און אנגענומען די עצה פון חושי דעם ארכי, איז ער געווארען אויפגערעגט פון כעס... זיין בלוט האָט אין איהם געקאכט: אט אזוי בעצאָהלט איהם אבשלום פאר אלעם וואס ער האָט פאר איהם געטהאָן... ער איז גלייך אוועק צו אבשלום'ן און קוים איינהאלטענדיג זיין כעס האָט ער זיך צו איהם אפּגערופען:

— אזוי טוסטו צו דעם וועלכער האָט מעגליך געמאכט פאר דיר צו ווערען קעניג אנשטאט דיין פאטער!...

— אָבער איך זעה דאָך אז חושי'ס ראטה איז פּאָרט א בעסערער פון דיינעם — האָט אבשלום אויסגערופען — נישט נאָר געפעלט מיר זיין עצה בעסער ווי דיינע, אָבער אויך אלע מיינע פריינד און די זקנים גלויבען אז איך זאָל אננעהמען חושי'ס עצה אנשטאט דיינע.

— און פארוואס זיינען מיינע עצות געווען גוט פאר דיר, איידער חושי איז צו דיר געקומען ?! — האָט אחיתפל געזאגט צו איהם מיט ביטערקייט — דו ווייסט גאנץ גוט אז נאר מיר האסטו צו פערדאנקען פאר די קרוין וואס דו

טראָגסט יעצט אויף דיין קאָפּ... און יעצט ווען דו וועסט זיך צו מיר נישט צו־הערען וועסטו נישט נאָר פערלירען דיין קרוין, אבער אויך דיין קאָפּ!
אחיתופל'ס לעצטע ווערטער האָבען אבשלום'ן אויפגערעגט.

— דו גלויבסט אז איך האָב געקראָגען די מלוכה נאָר צוליעב דיינע קלוגע עצות — האָט אבשלום אויסגערופען מיט פערביטערונג — ניין, דו מאַכסט א טעות... דאָס פאָלק האָט מיר ליעב... איך ווייס ווי זיך צו בעגעהן מיט זיי... אלע ליעבען און אכטען מיין פערזענליכקייט. און דו דיינקסט אז איך האָב דיר אלעס צו פערדאַנקען!..

— איך ווייס אבער איין זאך! — האָט אחיתופל אויסגערופען ווען דו וועסט נישט אננעמען מיין עצה וועסטו נאָכהער חרטה האָבען...

— אבער איך וועל קיינמאָל נישט חרטה האָבען ווען איך וועל זיך צוהערען צו חושי'ס ראַטה! — האָט איהם אבשלום געענטפערט — דו אליין ווייסט אויך אז חושי'ס עצה איז א בעסערע פאַר דיינע, אבער דו ווילסט עס נישט צוגעבען... דאָס צייגט מיר אז דו ביזט אויסען בלויז דיין אייגענעם כבוד, און דיר קימערט נישט, וואָס איך וועל דערפון ליידען...

— דו זאָלסט אזוי ריידען צו מיר! — האָט אחיתופל אויסגעשריען מיט פערביטערונג — ווער האָט דיר געזאָלבט פאַר א קעניג אויב נישט איך? האָב איך דען מיין לעבען פאַר דיר נישט אין סכנה געשטעלט?... ווען דיין אויפ־שטאַנד וואָלט געווען א דורכפאַל, וואָלט איך דען מיין לעבען נישט פערלאָרען? און יעצט בעצאָהלסטו מיר אזוי פאַר אלע מיינע טובות וואָס איך האָב מיט דיר געטהאָן!

— דו האָסט מיר קיינע טובות נישט געטהאָן! — האָט אבשלום אויסגערו־פען — אהן דיר וואָלט איך אויך אלעס דערגרייכט... איך חיים אז דו האָסט גע־זוכט ארויפצווינגען אויף מיר דיין מאַכט... דו ווילסט ווערען דער הערשער אי־בער אלע שבטים, און איך זאָל זיין קעניג בלויז אין נאָמען... דו ווילסט זיין צו מיר ווי אבנר איז געווען צו איש בושת'ן... אבער ניין, איך בין נישט אזא שוואַכלינג ווי איש בושת...

— אבער מיין האר — איז אחיתפל געוואָרען עטוואס דערשראָקען — ווער האָט עס דיר אזוי אנגערעדט אויף מיר? געוויס איז עס דער אלטער פוקס, חושי!

— ניין נישט ער האָט מיר וועגען דעם געזאָגט — אבער איך האָב עס אליין געדרונגען פון דיין לעצטער עצה וואָס דו האָסט מיר געגעבען... דו ראַטסט מיר, דאָס אז דו און מיין שר צבא עמשא זאָלען אויסקלייבען צוועלף טויזענד מאַן און איהר וועט געהן מלחמה האַלטען מיט דוד'ן... און איך זאָל בלייבען זיצען אין ירושלים... נו, איז דאָס נישט זעלבסטפערשטענדליך וואָס דיינע כונות זיינען... דו וועסט ווערען דער העלד, און איך וועל בלויז טראָגען די קרוין!...

— אה, ווי פאַלש דו האָסט מיר פערשטאַנען! — האָט אחיתפל געזאָגט — איך האָב געמיינט אז עס איז גלייכער פאַר דיר צו פאַרבלייבען אין ירושלים, ווייל דאַן וואָלסטו צוגעצויגען וואָס מעהר סאָלדאַטען פאַר דיינע אַרמעען... ניין, דו קענסט מיר נישט פערלייקענען, ־ער פאַלשער חושי, דער בעטריגער האָט עס דיר איינגערעדט!

— דו טאָרסט אזוי נישט ריידען וועגען חושי'ן! — האָט אבשלום א געשריי

געטהאַן — חושי איז געוואָרען מיין הויפט ראטהגעבער אנשטאט דיר, און דו דארפסט איהם עהרען!...

אחיתפל'ן האָט גלייך אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען ווען ער האָט דערהערט אבשלום'ס לעצטע ווערטער... יעצט זעהט ער איז שוין אַלעס פער־פאַלען... א טרויעריגער יאוש האָט איהם ארומגענומען און איז מיט וואַקלענדע פיס געגאַנגען צו זיך אהיים...

אחיתפל האָט גלייך געשיקט רופען זיין זוהן אליעם, בת שבע'ס פאָטער, וועלכער איז געווען זעהר צוּבראָכען און דערשלאָגען פון דעם דאס זיין אייגענער פאָטער האָט געבראַכט אזא גרויסען אומגליק אויף זיין טאָכטער...

אליעם האָט נישט געוואָלט געהן צו אחיתופל'ן, ווייל כאָטש ער איז געווען זיין פאָטער, האָט ער איהם נישט געקענט מוחל זיין פאַר די צרות וואָס ער האָט איהם פערשאַפט... צוליעב איהם דאַרף יעצט בת שבע און זיין אייניקעל שלמה זיין פערוואָגעלט... און דער טויט דראָהט זיי יעדער רגע...

ווען אחיתפל האָט געזעהן אז זיין זוהן אליעם וויל צו איהם נישט קומען, האָט ער אנגעזאָמעלט זיין אייזעל און מיט זיינע לעצטע כוחות אוועקגעריטען צו איהם אין הויז...

— מיין זוהן — האָט זיך אחיתפל אָפּגערופען צו אליעם'ן — זיי מיר מוחל, איך האָב שטאַרק געזינדיגט געגען דיר און געגען מיין אייניקעל בת שבע... איך האָב א גרויסען טעות געמאַכט... איך האָב יעצט שטאַרק חרטה אויף דעם, אָבער דו דאַרפסט נישט מורא האָבען: קיין שלעכטעס וועט נישט געטהאָן ווערען נישט צו בת שבע'ן און נישט צום קעניג דוד'ן... אבשלום וועט דורכפאַלען, און דוד וועט ווידער רעגירען ווי פריהער... אָבער דאַן וועל איך שוין מעהר נישט זיין צווישען די לעבעדיגע... דו מיין זוהן גיעב איבער מיינע לעצטע ווערטער צו דוד'ן און זאָג איהם ווי שטאַרק מיין חרטה איז געווען... איך לאָז איבער מיין גאַנצען פערמעגען, מיינע פעלדער, גאָלד און זילבער און מיינע קנעכט און דיענסטען דו זאָלסט עס צוטהיילען אויף גלייכע חלקים פאַר דיר און מיינע איבעריגע קינדער.

— פאָטער! וואָס רעדסטו? — איז אליעם אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, — דו פיהלסט נישט גוט... אָט וועל איך גלייך געהן ברייננען א רופא.

— ניין, מיין זוהן, דער קבר וועט זיין מיין איינציגע רפואה...

— אָה, פאָטער, דו ביזט נישט געזונט, איך בעט דיר בערוהיג דיך ביז איך וועל ברייננען דעם רופא.

אליעם איז שנעל ארויס פון הויז און געגאַנגען רופען א רופא פאַר זיין פאָטער.

ווי נאָר אליעם איז אוועק, האָט זיך אחיתפל געזעצט אויף זיין אייזעל און אוועקגעריטען צו זיך אהיים...

אין א קורצער ווייַלע שפּעטער ווען אליעם איז אנגעקומען מיט'ן רופא האָט ער שוין זיין פאָטער נישט געטראָפען אין הויז. ער האָט שנעל אנגע־זאָטעלט זיינע אייזלען און מיט דעם רופא אוועקגעריטען צו די הויז פון אחיתפל'ן.

ווען זיי האָבען געעפענט די טיהר האָבען זיי געפונען אחיתפל'ן הענגענדיג

פון באַלקען פון הויז מיט אַ שטריק אויף זיין האַלז. זיין פּנים איז געווען ווייס און זיין קערפּער קאַלט.

אבשלום׳ס טויט

זיעבען אונדרייסיגסטער קאַפּיטעל

נאָכדעם ווי דוד און זיין אַרמעע זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן, זיינען זיי אָנגעקומען אין מחנים און דאָרטען האָבען זיי געלאַגערט.

באַלד זיינען צו דוד׳ן געקומען פיעלע מענשען פון די אַרומיגע שטעדט, און האָבען מיטגעבראַכט עסענוואַרג און נויטיגע זאַכען פאַר זייער בעליעבטען קעניג און זיינע מענשען. צווישען זיי איז געווען דוד׳ס בעסטער פריינד ברזילי פון גלעד פון אביגיל׳ס משפחה. זעהר רייך איז ברזילי יעצט געווען, ער האָט פערמאָגט פיעלע פעלדער אין גלעד, און אָהן אַ צאָהל זיינען געווען זיינע שאָף און רינדער.

גלייך ווי ער האָט דערהערט אַז דוד איז אַריבער דעם ירדן אַנטלויפענדיג פון זיין זוהן אבשלום, האָט ער בעפוילען זיינע קנעכט אָנצולאָדען זיינע אייזלען און קעמלען מיט תבואה און מיטנעהמען הונדערטע בהמות און אַלעם אָוועקפיהרען צו דוד׳ן אין מחנים...

דוד האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט ברזילי׳ן און האָט איהם הערצליך געדאַנקט פאַר זיין גרויסע מתנה; וואָס וועט איהם יעצט זעהר צונוץ קומען...

— מיין זוהן, כמהם, וועט באַלד אָנקומען מיט עטליכע הונדערט מענשען פון אונזער שטאָדט רוגלים — האָט איהם ברזילי געזאָגט — דאָס פאָלק פון דעם לאַנד גלעד איז געבליבען געטריי צו דיר, מיין האַר קעניג, און איך בין זיכער אַז אין אַ קורצע צייט וועט דיין אַרמעע זיין פערגרעסערט צעהן מאָל...

— ווי אַזוי קען איך דיר דאַנקען פאַר דיין חסד, מיין געטרייער פריינד — איז דוד געריהרט געוואָרען ביז טרעהרען — אמת׳ע פריינדשאַפט צייגט זיך אַממעהרסטען אַרוים אין אַ צייט פון נויט...

— גאָט וועט מיין קעניג בעשיצען פון אַן אומגליק. — האָט ברזילי געזאָגט — דאָס פאָלק וועט זיך בעזינען און אַלע וועלען זיך צוריקקעהרען צו דיר.

— גרויס גענוג איז דער אומגליק, אַז דער אויפשטאַנד געגען מיר קומט פון מיין אייגענעם זוהן — האָט דוד געזאָגט — און אפילו ווען אַלעס זאָל צוריק ווערען ווי פריהער וועט זיך דען מיין וואונד אַזוי שנעל פערהיילען? וועט מיר מיין האַרץ נישט בלוטינגען ווען עפּעס זאָל מיט איהם פּאַסירען?...

— ניין, מיין האַר, אבשלום איז נישט ווערטה אַז דער קעניג זאָל וועגען איהם זאָרגען — האָט ברזילי זיך אָפּגערופען — און ווי גרויס זיין שטראָף זאָל נישט זיין, וועט זי נאָך אַליץ צו קליין זיין פאַר איהם!

— זאָג דאָס נישט מיין פריינד — האָט דוד אַ זיפץ געטהאָן — איך האָב איינינע פון מיינע קינדער פערלאָרען און מיט דעם טויט פון יעדען פון זיי איז אַ שטיק לעבען פון מיר אָפּגעשטאָרבען...

כמהם ברזילי׳ס זוהן איז דערווייל אָנגעקימען און מיט איהם עטליכע הונדערט מאַן פון רוגלים און פון אַנדערע שטעדט פון דעם לאַנד גלעד...

אין איינציגע טעג ארום האט דוד׳ס ארמעע דערגרייכט די צאהל פון צעהן טויזענד מאן.

דוד האט איינגעטיילט זיינע מענשען אין דריי טייל: איין דריטעל האט ער איבערגעגעבען אין יואב׳ס הענט. און איין דריטעל אין די הענט פון אבישי, יואב׳ס ברודער און איין דריטעל — צו אתי דעם גתי.

אבשלום האט פערזאמעלט א גרויסע ארמעע און ער, צוזאמען מיט עמשא דעם זוהן פון יתר, האט אנגעפיהרט די מחנות נעגען דוד׳ן. זיי זיינען אריבער דעם ירדן און האבען געלאגערט אין דעם "וואלד פון אפרים" וואס איז געווען נישט ווייט פון מחנים.

אבשלום האט איבערגעלאזען חושי דעם ארכי אין ירושלים, ער זאל אבטונג געבען אויף דער מלוכה, און זאל זעהן צו שיקען פערשטארקונג צום שלאכטפעלד, ווען עס וועט נויטיג זיין...

אבשלום אליין האט געריטען אויף א מויל־אייזעל, מיט זיין בלויזען שווערד אין האנט צו ערמוטהיגען זיינע סאלדאטען צום קאמף.

— צעהן טויזענד שטיקער זילבער וועל איך געבען צו יענעם וועלכער וועט מיר ברייגנען דעם קאפ פון מיין פאטער!... האט אבשלום אויסגערופען — יענער וועט אויך קריגען מיין שוועסטער תמר פאר א פרוי!...

דער קאמפף האט זיך אנגעפאנגען מיט א הילכיגען געשריי און שאלען: "לאנג לעבען זאל אונזער קעניג אבשלום" — האבען זיך זיינע סאלדאטען גע־ווארפען אין קאמף.

דוד האט אנגעזאגט זיינע מחנות איידער זיי זיינען ארויס אין קאמף צו זיין זעהר פארזיכטיג מיט אבשלום׳ן.

— אויב גאט וועט איהם איבערגעבען אין אייערע הענט, זאלט איהר איהם נישט טויטען, איך בעט אייך נאך אמאל איהר זאלט אויף איהם רחמנות האבען און נישט טויטען. זיין דורכפאל, דאס אליין וועט זיין די גרעסטע שטראף פאר איהם...

יואב און זיין אפטהיילונג, זיינען געווען די ערשטע צו בענעגענען די מחנות פון אבשלום... א שרעקליכער קאמף האט זיך צופלאקערט, דער העלדישער יואב מיט זיינע גבורים האבען געקעמפפט מיט פערביטערונג געגען די מחנות פון אבשלום. און אין דעם ערשטען טאג פון קאמפף האבען זיי פארניכטעט די ערש־טע אפטהיילונג פון עמשא׳ס ארמעע. אויף מארגען האט זיך דער קאמפף בע־נייט, און גלייך אין אנפאנג פון שלאכט, האבען פיעלע סאלדאטען פון אבשלום׳ס לאגער, זעהענדיג דעם גרויסען פערלוסט וואס זיי האבען ערליטען, פערלארען זייער מוטה און גענומען אנטלויפען טיעפער אין וואלד...

אין וואלד זיינען געווען גרויסע זומפען און פיעלע פון זיי זיינען אריינגע־פאלען אין די זומפען, אנדערע זיינען צוריסען געווארען פון די ווילדע חיות פון וואלד, דאס האט נאך די מהומה פערגרעסערט צווישען אבשלום׳ס מענשען, און אויף דעם צווייטען טאג איז זייער מפלה געווען נאך א גרעסערע... די סאל־

דאטען האבען ביסלעכווייז גענומען פארלירען זייער קאמפף-לוסט, און האבען גענומען צוריקטרעטען. יואב, אבישי און אתי האבען זיי גענומען נאכיאגען... מיט אלע זיינע קרעפטען האט אבשלום געזוכט צו בערוהיגען זיינע צושראקענע סאלדאטען, ער האט אויך בעפעהלען די ארמעע וואס איז געווען פון הינטען צו קומען צו זייער הילף, און ער אליין איז געגאנגען פאראוים צו געבען מעהר מוטה זיינע סאלדאטען... אבער אויפ'ן דריטען טאג איז זייער נידערלאגע געווען ענדגילטיג. — די מחנות זיינען צולאפען אין אומארדנונג...

אבשלום אליין דערזעהענדיג ווי זיינע ארמעען צופאלען, האט גענומען שנעל טרייבען זיין מויל אייזעל דורך דעם געדיכטען וואלד... מיט גרוים אימפעט און שרעק האט דער מויל עזעל גענומען לויפען און שפרינגען... און ווען ער איז פארבייגעפלויגען א בוים מיט געדיכטע צווייגען, האבען זיך די לאנגע געקרייזעלטע האר פון אבשלום'ן איינגעפלאכטען צווישען די צווייגען און ער איז געבליבען הענגען אויף זיינע האר אין דער לופטען... און דער מויל אייזעל וואס איז געווען אונטער איהם איז אנטלאפען...

איינער פון יואב'ס גבורים האט פון ווייטען דערזעהן ווי אבשלום הענגט אויף דעם בוים... ער איז שנעל געלאפען אנזאגען יואב'ן וועגען דעם.

— מיין האר! — האט ער אויסגערופען — איך האב געזעהן אבשלום הענגענדיג אויף א בוים, איינגעפלאכטען צווישען די צווייגען מיט זיינע געדיכטע האר...

— איז ער געווען נאך לעבעדיג? — האט איהם יואב געפרעגט.

— יא, מיין האר! איך האב געזעהן ווי ער האט זיך געזוכט צו בעפרייען פון די צווייגען.

— און אז דו האסט איהם געזעהען הענגענדיג א לעבעדיגען פאר וואס האסטו איהם נישט געטויטעט? איך וואלט דאך דיר דערפאר בעלוינט מיט צעהן שטיקער זילבער און א גארטעל פון אויסצייכנונג...

— און ווען דו וואלסט מיר געגעבען טויזענד שטיקער זילבער וואלט איך דאס אויך נישט געטהאן, ווייל איך האב אליין געהערט ווי דער קעניג האט פארזאגט צו זיין זעהר פארזיכטיג מיט אבשלום'ן.

— דער קעניג וועט קיינמאל נישט וויסען ווער עס האט איהם געטויטעט... געה און טויט איהם!

— אפילו ווען איך זאל יעצט פארלייקענען פאר'ן קעניג, וועט ער סוף כל סוף זיך דערוויסען ווער עס האט זיין זוהן געטויטעט... ניין, איך וועל מיין האנט נישט אויפהויבען אויף דעם קעניג'ס זוהן.

— איך וועל זיך ביי דיר לאנג נישט בעטען, — האט יואב אויסגערופען.
— צייג מיר בלויז דעם פלאץ וואו אבשלום געפינט זיך.

דער מאן האט איהם געצייגט דעם פלאץ, און יואב האט מיט זיך מיטגענומען דריי קליינע שפיזען. ער איז צוגעגאנגען נאהענט צום בוים און האט דערזעהן אבשלום'ן הענגענדיג.

יואב האט די שפיזען אריינגעשטאכען אין אבשלום'ס הארץ. באלד זיינען געקומען צולויפען יואב'ס צעהן יונגען, זיינע נושא כלים, און האבען ארונטערגעשלעפט אבשלום'ן פון בוים. ער איז געווען שטערבליך פערוואונדעט, אבער ער האט נאך געלעבט. און די יונגען האבען איהם געטויטעט מיט זייערע

שפּיזען... נאכהער האבען זיי איהם אריינגעוואָרפען אין א גרוב און האבען וועקגעשטעלט איבער איהם א קופּע שטיינער.

יואב האט גלייך גענומען בלאָזען מיט׳ן שופר, און האט געגעבען א צייכען אפּצושטעלען די מלחמה.

אבישי און אתי האבען גלייך אבגעהאלטען דאס פאלק פון נאכצויאגען די אנטלויפענדע ארמעען פון אבשלום׳ן.

דוד׳ס גבורים האבען זיך גענומען פערזאמלען ארום יואב׳ן צו הערען די נייעס וועגען אבשלום׳ס טויט.

— איך וועל לויפען אנזאגען דעם קעניג די פרעהליכע בשורה! — האט זיך אחימעץ, דער זוהן פון צדוק, אפּגערופען צו יואב׳ן — איך וועל איהם זאגען אז גאט האט זיך שוין אפּגערעכענט מיט זיינע שונאים.

— נישט דו, מיין קינד, ביזט דער מענש אנצוזאגען דעם קעניג אזא בשורה, — האט זיך יואב צו איהם אפּגערופען, — א גוטער מענש ווי דו דארף בלויז אנזאגען גוטע און פרעהליכע בשורות... ווען דו וועסט האבען א בעסערע בשורה וועסטו אנזאגען דעם קעניג, אבער נישט די בשורה אז זיין זוהן איז געשטאָרבען.

— דו גערה און זאג אן דעם קעניג וואס דו האסט געזעהן, — האט זיך יואב געווענדעט צום כושי (ניגער) וועלכער איז נעבען איהם געשטאנען.

— איך גערה, מיין הער! — האט זיך דער כושי פארנייגט, און איז געלאָפען אנזאגען דוד׳ן.

— דאך וועל איך אויך לויפען אנזאגען דעם קעניג, — האט אחימעץ זיך אפּגערופען נאך אמאל צו יואב׳ן.

— איך וועל דיר נישט ראטהען דאס צו טהאן, אחימעץ, פאר אזא בשורה קענסטו נישט ערווארטען קיין דאנק פון דעם קעניג.

— זאל זיין וואס עס איז, איך מוז לויפען!

— אויב דו ביזט אזוי איינגעשפּארט, — האט יואב צו איהם געזאגט, — טו לויף.

ווי פייל אויסען בויגען איז אחימעץ געלאָפען, און האט מיט זיין פלינקייט אריבערגעיאגט דעם כושי...

* * *

דוד איז געזעסען אין טויער פון דער שטאָדט מחנים. ער האט דיזען מאל נישט געוואלט נעהמען קיין אנטייל אין דער מלחמה... ער האט נישט געוואלט קעמפּפען געגען זיין אייגענעם זוהן... ער איז דאריבער געבליבען מיט עטליכע פון זיינע דיענער אין טויער פון שטאָדט און געווארט אויף נייעס.

איבער׳ן טויער איז געווען א טורעם, און א וועכטער איז דארטען געשטאנען און נאכגעקוקט אויב אימיצער קומט אן פון וויטען.

דוד האט יעדער רגע ארויפגעקוקט צום וועכטער אויסצוגעפינען אויב אימיצער קומט אן.

— מיין הער קעניג! — האט דער וועכטער ארונטערגעשריען פון טורעם — איך זעה א מאן לויפענדיג אהער!

— אויב ער לויפט אליין איז א סימן אז ער קומט אונז אנזאגן א פרעה־ליכע בשורה, א בשורה פון זיעג... ווען מיינע ארמעען וואלטען געהאט א נידער־לאגע וואלטען מעהרערע געקומען צולויפען אהער...

— נאך זיין לויפען דערקען איך, אז דאס איז אחימעץ, דער זוהן פון צדוק, — האט דער וועכטער אויסגעשריען.

— יעצט בין איך זיכער, אז ער קומט מיט א גוטער בשורה... ווייל אזא גוטער מאן ווי ער וועט אויך ברייננען א גוטע בשורה...

באלד איז אנגעקומען אחימעץ און האט זיך פארנייגט פאר׳ן קעניג.

— געלויבט איז גאט וואס ער האט איבערגעגעבען דיינע שונאים אין דיינע הענט.

— איז פריעדען צו אבשלום׳ן ? ! — האט דוד איהם געפרעגט מיט שרעק אין זיין פנים... — קיין שלעכטס איז צו איהם נישט געטהאן געווארען ? זאג מיר שנעלער, וואס מאכט אבשלום ?

— איך ווייס נישט ! — האט אחימעץ געענטפערט, זעהענדיג ווי צו־שראקען און בעזארגט דער קעניג איז פאר זיין זוהן, — איך האב געזעהן די שמחה אין לאגער, און אלע מענשען האבען געשאלט און געיובעלט... און יואב האט געשיקט מיר און דעם כושי אנזאגען דעם האר קעניג פון דעם גרויסען נצחון.

— אט קומט דער כושי ! — האט דוד אויסגערופען, — אפשר ווייס ער וואס האט פאסירט ?

דער כושי האט זיך פאר דעם קעניג פארנייגט און אויסגערופען :

— זאל דער האר קעניג אננעהמען מיין גוטע בשורה. גאט האט נקמה גענעהמען פון דעם קעניג׳ס שונאים.

— איז פריעדען צו מיין קינד אבשלום ? ! — האט דוד איהם מיט גרויס אומגעדולד געפרעגט.

— אזא סוף זאלען האבען אלע דיינע שונאים, מיין האר קעניג...

— האט עפעס פאסירט מיט מיין זוהן אבשלום ? — האט איהם דוד גע־פרעגט מיט שרעק.

— ער איז טויט ! ! מיין האר יואב האט איהם דערשטאכען ! יא, ער האט זיין שטראף באקומען !

— מיין זוהן אבשלום איז טויט ! ! — האט דוד אויסגעשריען, ער האט געריסען קריעה און גענומען וויינען הויך אויפ׳ן קול.

— אה, מיין ליעבער זוהן, אבשלום ! הלואי וואלט איך בעסער געווען טויט אנשטאט דיר, מיין זוהן אבשלום.

מיכל, בת שבע, חגית און אביגיל, דוד׳ס פרויען, זיינען באלד צו איהם צוגעלאפען און געוואלט איהם טרייסטען. אבער ער האט זיך נישט געוואלט טרייסטען.

— מיין זוהן אבשלום איז טויט ! — האט ער ביטער געיאמערט, — אה, גאט, ווי שטארק דו שטראפסט מיר ! מיין זוהן אבשלום איז מעהר ניטא...

יואב, אבישי און אתי, און זייערע מחנות האבען זיך אומגעקעהרט מיט שאלען און מיט געשרייען פון פרייד... אבער באלד איז זייער שמחה פערוואנ־דעלט געווארען אין טרויער, ווען זיי האבען געהערט דעם יאמערליכען געוויין פון זייער קעניג, קלאגענדיג אויף דעם טויט פון אבשלום׳ן... אלע זיינען שטיל

געבליבען און געשטאנען מיט געבויגענע קעפּ, פאַרשעהמטע און טרויעריגע אריינגעמארשירט אין שטאָדט.

דוד האָט פאַרדעקט זיין פּנים און נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָ־גען איבער זיין זוהן אבשלום.

יואב איז יעצט געבליבען אליין מיט דוד'ן... ער איז צו איהם צוגעגאנגען נאָהענט און מיט אן איינגעהאלטענעם כעס זיך אָפּגערופען:

— דו האָסט יעצט פאַרשעהמט און בעליידיגט דיינע מענשען וועלכע זיי־נען געגאנגען אָפּגעבען זייערע לעבענס פאַר דיר... די, וועלכע האָבען געראטע־וועט דיין לעבען און דעם לעבען פון דיינע פרויען און קינדער, ווילסטו פון זיך פאַרשטויסען... וואו וואָלטען מיר יעצט אלע געווען ווען אבשלום וואָלט גע־לעבט און ער וואָלט זיין דער זיעגער?... ער וואָלט דאָך אונז אלעמען געטויטעט. ווי עס ווייזט אויס, מיין קעניג, וואָלט דאָס דיר מעהר צופרידענגעשטעלט, אז דו האָסט ליעב דיינע שונאים און צו דיינע גוטע פריינד ווייזטו ארויס דיין פיינדשאפט... יעצט מיין האַר, געה ארויס און רייד צום פאָלק, אויב נישט, שווער איך ביי גאָט, אז קיינער פון פאָלק וועט מיט דיר נישט איבערבלייבען דיזע נאכט... און דאָס וועט נאָך זיין א גרעסערער אומגליק ווי אלעם וואָס האָט פּאסירט מיט דיר זינט דיין יוגענד ביז היינטיגען טאָג. געה, מיין קעניג, און דאנק דעם פאָלק פאַר זייער גלענצענדען זיעג איבער דיינע שונאים און מאַך זיי נישט פיהלען ווי מענשען וועלכע האָבען בעגאנגען א פאַרברעכען.

דוד האָט זיך ארומגעזעהן אז יואב האָט רעכט. דאָס פאָלק איז דאָך געוויס נישט שולדיג.

— גוט, איך קום באַלד ארויס צום פאָלק — האָט ער זיך אָפּגערופען צו יואב'ן. און ער איז אריין אין הויז זיך ארומוואשען.

יואב האָט צוזאמענגערופען זיינע מענשען און דוד איז ארויסגעקומען און ארויפצווינגענדיג א שמייכעל אויף זיין טרויעריגען פּנים, האָט ער אויסגערופען:

— איך וויל אייך בעדאנקען מיינע בראַווע גבורים פאַר אייער געטרייהייט און העלדישקייט וואָס איהר האָט ארויסגעוויזען אלע מאָל און איבערהויפּט יעצט, אין דער צייט פון מיין גרעסטען אומגליק. זאָל גאָט שטארקען אייערע הענט!

א הילכיגער געשריי און שאלען האָט אויסגעבראָכען אין לאַגער:

— לאַנג לעבען זאָל אונזער בעליעבטער קעניג דוד!

מיט יעדער רגע האָט זיך די פרייד ביים פאָלק פאַרגרעסערט... די סאָל־דאטען האָבען גענומען טאנצען און זינגען פון פרייד.

ווען דאָס פאָלק האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט און יעדער איז נעגאַנ־גען צו זיין לאַגער, האָט דוד געשיקט רופען אחימעץ'ן און יהונתן, און צו זיי געזאָגט:

— געהט נאָך ירושלים און זאָגט צו צדוק'ן און אביתר'ן, אייערע פאטער'ס, און צו די איבריגע זקנים, אז דער קעניג דוד איז אלעמען מוחל... ער טראָגט אויף קיינעם נישט קיין שנאה... און אויך צו עמשא, דעם זוהן פון יתר זאָלט איהר איבערגעבען אין מיין נאָמען: "ער איז דאָך פון מיין משפּחה, אויב איך האָב איהם געהאַט פאַרזעהן פריהער, איז דאָס ווייל איך האָב נישט געוואוסט אז ער בעזיצט מיליטערישע פעהיגקייטען צו פיהרען אן ארמעע, נישט נאָר ביז

איך איהם מוחל, נאר עס וועט נאך קומען א צייט אז איך וועל איהם מאכען פאר דעם הויפט פון מיינע ארמעען. זאל גאט אזוי טהאן צו מיר גוטעס"..

אחימעץ און יהונתן זיינען אנגעקומען אין ירושלים און האבען איבערגעגע־בען די ווערטער פון דוד'ן צו צדוק'ן און אביתר די כהנים.

באלד האבען זיי געלאזט וויסען חושי'ן דעם ארכי און ער האט צוזאמענגע־רופען אלע זקנים און עמשא'ן און איבערגעגעבען אלעס וואס דער קעניג האט געזאגט.

ווען די זקנים האבען דאס דערהערט, האבען זיי אלע געוויינט פאר שמחה. זיי האבען זיך אלע געשראקען, אז יעצט נאכדעם ווי דוד'ס ארמעען האבען בעזיעגט אבשלום'ן, וועט דער קעניג זיך יעצט קומען אפרעכענען מיט זיי פאר זייער צושטעהען צו אבשלום'ן.

עמשא איז צוגעגאנגען צו די כהנים און האט זיי איבערגעגעבען זיין שווערד און ער האט אויסגערופען: איך וויים, אז איך בין בעגאנגען א זינד געגען מיין מוטער'ס ברודער, אבער דאס איז געווען אחיתפל'ס שולד; ער האט פאר מיר זעהר פיעל אנגערעדט אויף'ן קעניג און מיר געמאכט צו פיהלען אז דער קעניג האסט מיר, יעצט וועל איך דיענען מיין קעניג דוד'ן מיט מיין גאנצען הארצען.

— יעצט לאמיר שיקען רופען דעם קעניג ער זאל זיך אומקעהרען אין ירושלים — האט חושי געזאגט, — ער איז דאך אונזער בעליעבטער קעניג פון אלע יאהרען, ער איז גוטהערציג און וועט אונז פארגעבען ווי א פאטער פער־צייהעט זיינע קינדער.

צדוק און אביתר די כהנים מיט די זקנים פון ירושלים זיינען אוועק צו דוד'ן איהם בעטען ער זאל זיך אומקעהרען אין ירושלים.

* * *

ווען שמעי, דער זוהן פון גרא, פון דער שטאדט בחורים, האט דערהערט פון דוד'ס זיעג, איז איהם איינגעפאלען דאס הארץ פון שרעק.

ער האט געהאט ארום זיך טויזענד מענשען, זיינע נאכפאלגער, וועמען ער האט איינגערעדט, אז ער וועט מאכען יעדען פאר היכל בעאמטע, זאל די מלוכה זיך אומקעהרען צוריק צו די משפחה פון שאול.

— מיר זיינען פארלארען! מיר זיינען פארלארען! — האט שמעי גע־נומען יאמערען פאר זיינע מענשען. — יעצט וועט זיך דוד מיט אונז אלעמען אפרעכענען!

— דו האסט אונז פארפיהרט! דו אומווירדיגער שמעי, מיין דיין גלא־טען צונג האסטו אונז איינגערעדט אז דוד וועט קיינמאל נישט צוריקקריגען די מלוכה, און יעצט זיינען מיר אלע פארלארען מיט אונזערע פרויען און קינ־דער — האבען זיינע מענשען געשטורעמט.

— וואס וועט העלפען יעצט דאס שרייען און ליארמען, — האט שמעי זיך צו זיי אפגערופען, — פאר אונז איז יעצט געבליבען איין וועג, און דאס איז צו געהן צו דוד'ן און פאלען צו זיינע פיס און בעטען איהם ער זאל אונז מוחל זיין.

— ווי אזוי וועט דיר דער קעניג מוחל זיין, נאכדעם ווי דו האסט איהם אזוי בעליידיגט און געשאלטען, ווען ער האט זיך דערנעהנטערט צו אונזער שטאדט. — האבען איינינע מענשען געזאגט צו שמעי'ן.

— מיר האָבען גאָרנישט צו פארלירען! — האָט שמעי זיך אָפּגערופען, און האָט זיך געטרייסעלט און געציטערט פאר שרעק... — אויב מיר וועלען יעצט געהן און וויינען פאר איהם, וועט ער פיעלייכט רחמנות האָבען אויף אונז און וועט אונז לאָזען לעבען... אָבער, אויב מיר וועלען נישט געהן יעצט, זיינען מיר אלע פארלאָרען...

— ווען מיר וואָלטען דעם קעניג געבראַכט דיין פּוסטען און נארישען קאָפּ, וואָלט ער אונז אפשר דאן מוחל געווען, — האָט זיך איינער פון המון גע־וואָרפען אויף שמעי'ן מיט זיינע פויסטען.

שמעי איז געשטאַנען טויט בלאַס און האָט געציטערט ווי א בלאַט...

— לאָמיר מיטנעהמען אונזערע קליינע קינדער! — האָט שמעי קוים ארויסגערעדט, — פיעלייכט ווען דער קעניג וועט דערזעהען אונזערע אומ־שולדיגע קינדער, וועט ער צוליעב זיי אויך אויף אונז רחמנות האָבען.

מיט געבויגענע קעפּ, פול מיט חרטה און שרעק איז שמעי מיט זיינע טויזענט מענשען נעגאַנגען בעגעגנען דעם קעניג דוד. פיעלע פון זיי האָבען מיט זיך גענומען זייערע קליינע קינדער, כדי צו ערוועקען רחמנות ביי דעם קעניג. זיי זיינען אריבער דעם ירדן און שמעי איז שנעל צוגעגאַנגען צום קעניג און איז געפאַלען צו זיינע פיס...

— מיין האר קעניג! — האָט ער אויסגערופען מיט א געוויין — פערגיב מיר, איך האָב געגען דיר געזינדיגט, איך ווייס אז איך בין נישט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער דיינע פיס... פערעכען דאָס מיר נישט פאר א זינד... איך האָב דאן נישט געוואוסט וואָס איך רייד...

— שטעה אויף שמעי! — האָט דוד צו איהם געזאָגט. איך וועל דיר קיין שלעכטעס נישט טהאָן!

— זאָל שמעי צוליעב זיינע פאַלשע רייד נישט בעשטראָפט ווערען מיט'ן טויט?! — האָט אבישי, דער זוהן פון צרויה יואב'ס ברודער, אויסגערופען — ער האָט געשאָלטען דעם געזאַלבטען פון גאָט און ער האָט דערפאר פערדיענט דעם טויט!

— מיין האר קעניג האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיין משפחה! — האָט שמעי גענומען יאָמערען, ווען ער האָט דערהערט וואָס אבישי האָט געזאָגט.

— וואָס ווילט איהר האָבען פון מיר, איהר קינדער פון צרויה! — האָט דוד זיך אָפּגערופען צו אבישי'ן — גאָט האָט מיר דיזען טאָג געהאָלפען און איך בין צוריק קעניג איבער ישראל, זאָל איך דעם טאָג פון מיין שמחה פערשוועכען מיט בלוט פערגיסונג! ניין, שמעי, דו וועסט נישט שטאַרבען!

— אָבער, גנעדיגער קעניג!... — האָט שמעי געזאָגט און האָט א קוק געטהאָן אויף אבישי'ן.

— דו האָסט פאר קיינעם נישט מורא צו האָבען, איך שווער דיר אז כל זמן איך לעב וועט דיר קיינער קיין שלעכטעס נישט טהאָן...

— געבענשט זיי צו גאָט, דו גוטער קעניג! — האָט שמעי אויסגערופען מיט א לייכטען געמיטה... איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר.

שמעי מיט זיינע מענשען האָבען אָפּגעטראָטען אויף צוריק און מיט יעדען טריט וואָס זיי האָבען געטהאָן, האָבען זיי זיך פערנייגט...

אכט-און-דרייסיגסטער קאפיטעל

שבע בן בכרי

ווען דוד האט זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים, זיינען איהם ארויס מקבל פנים זיין די פארשטעהער פון שבט יהודה. זיי האבען איהם מיט גרוים פאראד בעגלייט צום פאלאץ. די כהנים, די זקנים און דוד'ס פרויען און קינדער האבען געוויינט פון גרוים שמחה.

עמשא, דער זוהן פון יתר, דוד'ס פלימעניק, איז געווען דער ערשטער צו קומען אין קעניג'ס פאלאץ און בעטען דוד זאל איהם מוחל זיין.

— איך וויים — האט דוד איהם געזאגט — אז דו ביזט נישט שולדיג אין דעם אויפשטאנד, אבער דאס האט מיר איבערגעצייגט אז דו ביזט א פעהיגער ארמעע פיהרער... און ביי די ערשטע געלעגענהייט וועל איך דיר פאר א שר צבא מאכען.

מיט טרעהרען אין די אויגען האט עמשא בעדאנקט דוד'ן, און האט זיך צוריקגעצויגען פון פאלאץ.

דערווייל זיינען אנגעקומען אין ירושלים פיעלע מענשען פון די איבעריגע שבטים און האבען זיך גענומען קריגען מיט די פארשטעהער פון שבט יהודה.

— פארוואס האט איהר אונז נישט געלאזט וויסען אז איהר געהט מקבל פנים זיין אונזער קעניג. מיר וואלטען זיך דאך אויך בעטהייליגט אין דער גרויסער שמחה. נאך אלעמען זיינען מיר דאך פארט די מעהרהייט...

— אבער דער קעניג איז דאך פון אונזער שבט! — האבען די פארשטעהער פון יהודה געענטפערט — מיר זיינען געווען די ערשטע צו קרוינען איהם פאר קעניג אין חברון איבער אונזער שבט, און יעצט זיינען מיר די ערשטע איהם צוריקצוקעהרען אין ירושלים...

— אויב אזוי — האט אויסגערופען שבע דער זוהן פון בכרי פון שבט בנימין — האבען מיר קיין חלק נישט אין דוד'ן, און מיר דארפען גארנישט האבען צו טהאן מיט דעם זוהן פון ישי'ן, יעדער זאל געהן צו זיין געצעלט...

פיעלע וועלכע זיינען געווען אויפגערעגט פון דעם ענטפער וואס די פארשטעהער פון יהודה האבען זיי געגעבען — האבען גענומען נאכפאלגען שבע דעם זוהן בכרי.

באלד איז עמשא געקומען אנזאגען דוד'ן דאס שבע בן בכרי האט פארורזאכט א נייעם אויפשטאנד... און אז דאס פאלק וואס פאלגט איהם נאך, פערמעהרט זיך.

— נא דיר מיין שפיעז! — האט דער קעניג געזאגט צו עמשא'ן, דאס וועט אלעמען איבערצייגען אז איך האב דיך בעפאלמעכטיגט צו פערזאמלען אן ארמעע. איך וויל זיך צו יואב'ן יעצט נישט ווענדען, ווייל זינט ער האט מיין זוהן אבשלום'ען געטויטעט, האט ער ביי מיר פערלארען זיין חן... איך וויים דאס ער האט געהאט די מעגליכקייט, צו ברייננען אבשלום'ן א לעבעדיגען... ער האט אבער נישט אויסגעפאלגט מיין פערזאג און איהם געטויטעט.

— איך דאנק דיר, מיין קעניג! — האט זיך עמשא פערנייגט און גענומען דעם שפיעז — איך וועל טהאן דיין בעפעהל.

— אויב דיר וועט זיך איינגעבען צו בעשטראפען בלויז שבע בן בכרי, און קיין איבעריג בלוט וועסטו נישט פערגיסען, איז מעגליך אז איך וועל דיר מאכען פאר א שר צבא אנשטאדט יואב'ן — האט איהם דוד געזאגט — אין דריי טעג אבער מוזטו האבען צוגעגרייט די ארמעע.

א גליקליכער און צופריעדענער איז עמשא געגאנגען צוגרייטען די ארמעע, אבער ער האט בעגעגענט פיעלע שוועריגקייטען אויף זיין וועג, פיעלע סאלדאטען האבען צו איהם קיין צוטרויען נישט געהאט... זיי האבען געוואוסט אז נישט לאנג צוריק איז ער געווען דער שונא פון זייער בעליעבטען קעניג. עס האט איהם דעריבער געדויערט א סך לענגער ווי די בעשטימטע צייט וואס דער קעניג האט איהם געגעבען...

דערוויל האט דוד דערהאלטען ידיעות אז דער מרד פערשפרייט זיך. ער האט זיך דעריבער גלייך געווענדעט צו אבישי'ן דעם ברודער פון יואב:

— דו נעהם, דיין ברודער'ס גבורים און יאג זיך נאך שבע'ן בן בכרי, ווייל ער קען נאך אונז מעהר שלעכטס טאהן ווי אבשלום.

אבישי האט גלייך דערצעהלט יואב'ן וואס דער קעניג האט בעפוילען און יואב האט גלייך גענומען פערזאמלען זיינע גבורים, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז דער קעניג האט עמשא'ן איבערגעגעבען זיין שפיעז, איז ער זעהר אויפגע־בראכט געווארען געגען עמשא'ן.

עמשא האט פערדיענט דעם טויט!... איך וועל זיך מיט איהם אפרעכענען.

ארויסגעהענדיג פון ירושלים מיט זיינע גבורים, האט יואב בעגעגענט עמשא'ן...

— שלום צו דיר מיין פריינר! — האט יואב איהם דערלאנגט די האנט — איך האב א וויכטיגע זאך דיר איבערצוגעבען פון קעניג.

עמשא איז געווען גערירט פון יואב'ס ווארימע בעגריסונג, אז ער האט איהם גארנישט געקענט חושד זיין דאס ער האט א שלעכטע כונה.

— איך האב א בריעף פון דעם קעניג צו דיר — האט יואב זיך געמאכט זוכענדיג... דערוויל איז יוי ביי א צופאל ארויסגעפאלען יואב'ס שווערדעל פון דער שייד.

יואב האט זיך איינגעבויגען און אויפגעהויבען זיין שווערדעל פון דער ערד, און איידער עמשא האט זיך צייט געהאט ארומצוקוקען, האט יואב איהם ארייגעשטאכען מיט זיין שווערד אין בויך. און עמשא איז גלייך געפאלען אין א טייך בלוט...

איבערלאזענדיג עמשא'ן וועלכער האט נאך א ווייל געלעבט... איז יואב און אבישי מיט זייערע גבורים געלאפען נאכיאגען שבע'ן, וועלכער איז דורכ־געגאנגען פיעלע שטעדט צו ערוועקען די מענשען צו א נייעם אויפשטאנד געגען דוד'ן.

יואב האט זיך דערוואוסט אז שבע געפינט זיך אין דער שטאדט אבל, וואס איז נישט ווייט פון ים כנרת, ער איז גלייך אהין צוגעקומען און ארומגערינגעלט די שטאדט.

אן עלטערע קלוגע פרוי פון שטאדט איז ארויסגעקומען צו יואב'ן און זיך צו איהם אפגערופען:

— איידער דו געהסט שלעכטס מאהן צו די איינוואוהנער פון דער שטאדט אבל, טו הער זיך צו צו די ווערטער פון דיין דיענסט. די איינוואוהנער פון אונזער שטאדט זיינען פרידליכע בירגער און מיר האבען נישט בדעה ווידערצושפעניגען אין קעניג... שבע בן בכרי איז אהער געקומען ביי א צופאל אבער קיינער הערט זיך צו איהם ניט צו... פארוואס זאלען מיר אלע ליידען צוליעב איהם.

— חלילה! — האט יואב געענטפערט — מיר וועלען קיינעם קיין שלעכטס נישט טהאן — מיר זיינען נאר געקומען צו קריגען שבע'ן און ווי נאר מיר וועלען איהם קריגען אין אונזערע הענט אזוי וועלען מיר אפטרעטען פון דער שטאדט...

די אלטע פרוי האט זיך אומגעקעהרט אין שטאדט און איבערגעגעבען צו די בעאמטע וואס זי האט גערעדט מיט יואב'ן. און אוויילע שפעטער האט מען ארונטערגעווארפען שבע בן בכרי'ס קאפ פון דעם מויער...

דער אויפשטאנד איז גלייך איינגעשטילט געווארען. שבע'ס נאכפאלגער זיינען זיך צולאפען אין גרויס שרעק.

יואב האט זיך צוריקגעקעהרט אין ירושלים מיט שבע'ס קאפ, און כאטש דוד איז נאך אויף יואב'ן געווען נאך מעהר אין כעס, און זיין שנאה צו איהם האט זיך פארגרעסערט פאר דעם מארד פון עמשא'ן, האט ער איהם אבער גאר נישט געזאגט... יואב איז געבליבען שר צבא איבער דוד'ס מחנה.

רוהיג און שטיל איז געווארען אין לאנד. דוד האט זיך שוין בערוהיגט... זיין מלוכה איז געווען בעפעסטיגט.

אין זיין פאלאץ פלעגען זיך ווידער פערזאמלען אלע זיינע גוטע פריינט: נתן דער נביא, חושי דער ארכי און די כהנים. זיי האבען געזוכט צו פערטרייבען דעם קעניג'ס אומעטיגע געדאנקען וועגען דער פערגאנגענהייט... אבער נישט אלע מאל האט זיי דאס געלונגען.

דעם איינציגען טרייסט צו זיין טרויעריגען געמיטה, האט דוד געפונען אין זיין הארפע, וואס איז אזוי לאנג געשטאנען שטום...

ביינאכט, ווען אלע אין פאלאץ זיינען געווען פערזונקען אין טיפען שלאף, פלעגט דוד נעמען זיין הארפע און אויסניסענדיג זיין הארץ פאר גאט, פלעגען זיינע פינגער אנריהרען די סטרונעס... אין וואונדער־שעהנע קלאנגען פון דער הארפע, האבען זיך צוטראגען אין דער שטילקייט פון דער נאכט...

ענדע.